STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00113

# GESHIKHTE FUN YIDN IN KANADE

Benjamin G. Sack

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Allen Greenberger*
*in memory of*
*Lester Greenberger*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בנימין ג. זאק

# געשיכטע פון יידן אין קאנאדע

## פון די פריסטע אָנהייבן ביז דער לעצטער צייט

## ערשטער באנד:

### פון פראנצויזישן רעזשים ביז סוף נייצנטן יאָרהונדערט

תש״ח מאָנטרעאל, קאנאדע 1948

COPYRIGHT 1948
BY BENJAMIN G. SACK

ארויסגעגעבן דורך א קאָמיטעט פון פריינט.

PRINTED IN CANADA

דרוקעריי:
NORTHERN PRINTING & STATIONERY
MONTREAL, CANADA.

27

**אידעץ,**
**מיין געטרייער חברטע אין**
**לעבן — א מתנה.**

# פאָרוואָרט.

די פאָרליגנדיקע ארבעט איז צום ערשטן פארטראכט געוואָרן מיט אסך יאָרן צוריק, בעת דער ענין יידישע געשיכטע אין קאנאדע אין דעם ליכט פון גרינטלעכע אָביעקטיווע אויספאָרשונגען איז נאָך געווען אן אומבאקאנטע זאַך.

די ביבליאָגראפיע פון די מער באוואוסטע מקורים, דער עיקר אזעלכע װאָס זיינען געווען לייכט צוגאנגלעך, איז דאן געווען א זייער באגרענעצטע. מען האָט אזעלכע מקורים געקאָנט איבערציילן ממש אויף די פינגער. זיי האָבן נים נאָר ניט אויסגעשעפט אלץ וואָס וואָלט וועגן קאנאדער יידישער געשיכטע געקאָנט איינעם אינטערעסירן, נאָר דער מיט א מער פאָרשערישן צוגאנג האָט אויך לייכט געקאָנט זען וואָס אין זיי האָט געפעלט. עס האָט געפעלט דאָס עיקרדיקע און דאָס סאמע וויכטיקע, הן בנוגע געוויסע יחידים, הן אויך בנוגע דער צייט אין וועלכער יענע האָבן געלעבט.

דער גאנצער מאַטעריאל איז מערסטנס באשטאנען פון איבערחזרונגען אין אזא אָדער אן אנדער פאָרם פון אלץ וואָס קלארענס י. דע סאָלא, וועלכער קאָן באטראכט ווערן פאר דעם פיאָנער אויף דעם געביט, האָט וועגן דעם געשריבן. חוץ זיינע פארעפנטלעכטע ארבעטן, אין באָרטהוויקס היסטאָריש־ביאָגראפישן ווערק וועגן מאָנטרעאָל (1892) און אין דער „דזשואיש ענ־סייקלאָפּידיע”, און זיין בראָשור וועגן דער שפאניש־פאָרטוגעזער קהילה (1918), האָט מען דאָ און דאָרט געקאָנט געפינען א צופעליקן צייטונגס־אר־טיקל מיט א ביאָגראפישן אָדער האלב־היסטאָרישן אינהאלט. דערמאָנען מעג מען דאָ אָליוואר אסעלענס „דזשוז אין מאָנטרעאָל”, וואָס איז געשריבן אנטי־סעמיטיש און איז דערשינען אין „קאנאדיען סענטשורי” פון 16טן סעפטעמ־בער 1911; דאָס ארטיקל „דהי דזשו אין קאנאדע”, פון פרעדעריק ראיט, גע־דרוקט אין מאָנטרעאָל „העראָלד” פון 31טן אויגוסט 1913, און די עטלעכע צעוואָרפענע יידישע ביאָגראפיעס אין ביידע אויסגאבעס פון מאָרגאנס „מען ענד ווימען אָוו דהי טיים”. דאָס אלץ האָט אָבער צום אלגעמיינעם בילד וואָס האָט זיך דורך דעם באקומען קיין סך ניט צוגעגעבן.

אויף ווי ווייט מען האָט וועגן קאַנאַדער יידישער געשיכטע ווינציק וואָס געוואוסט, קאָן אונדז דינען אַ טשיקאַווער פאַקט. אין איינעם פון די פריע פּרואוון וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן צו דערציילן עפּעס וועגן דער האַרט משפּחה אין קאַנאַדע, פאַדרייט אַרטהור וועלינגטאָן האַרט, שרייבנדיק אין 1873, אַפילו די דאַטע ווען אהרן האַרט איז אַריבערגעקומען פון ענגלאַנד. אַן אייניקל פון דעם לעצטן און וועלכער האָט עס זיכער געדאַרפט וויסן, איז ביי אים אויסגעקומען אַז דאָס איז געווען אין 1779, ד״ה מיט גאַנצע 27 יאָר שפּעטער ווי דאָס איז פאָרגעקומען.

אַרכיוו־פאָרשונג ווי אַ קוואַל וואָס האָט געוויסע פּאַזעס פון דער יידי־שער פאַרגאַנגענהייט אין לאַנד אונדז געוויזן אין אַ ניי ליכט, איז אוודאי גע־ווען אומבאַקאַנט. מען האָט וועגן דעם ניט געהאַט דעם קלענסטן באַגריף. אַפילו קלאַרענס י. דע סאָלאַ האָט מיט קיין אַרכיווישן מאַטעריאַל זיך ניט באַנוצט, אָדער זיך באַנוצט זייער ווייניק. עס איז צוליב דעם ביי אים ניטאָ אַפילו דער קלענסטער אָנוואונק אויפן פראַנצויזישן רעזשים. פאַרזען אָט אַזאַ וויכטיקע תקופה אויף ווי ווייט זי האָט זיך געהאַט אָנגעקערט מיט יידן, האָט געמיינט פאַרזען זייער אַסך. דאָס באַווייזט אויף וואָס פאַר אַ פּרימיטיווער מדרגה יידישע געשיכטספאָרשונג אין קאַנאַדע האָט דאַן זיך געפונען און ווי ניט באַאַרבעט דאָס גאַנצע פעלד איז נאָך געווען.

פון דעם אַלעמען קאָן מען פאַרשטיין, מיט וואָס פאַר אַ שוועריקייטן עס איז פאַרבונדן געווען די אויפגאַבע וואָס איז געלעגן פאַר דעם שרייבער פון די שורות. די עצם אַרבעט האָט קודם כל געמוזט געטאָן ווערן מיט אַ גע־וויסן סדר און אַ פּלאַן. עס איז געווען נויטיק אַז מען זאָל די געשיכטע פון קאַנאַדער יידן נאָך אַפּריער אַנטדעקן, טאַקע אין דעם אמתן זינען פון וואָרט, און ערשט דאַן זיך נעמען זי אויספאָרשן. מען האָט צוליב דעם געדאַרפט אָנ־הייבן ניט פון דער בריטישער אָקופּאַציע, ווי אַנדערע זיינען זיך דאָס נוהג געווען, נאָר פון דער סאַמע ערשטער תקופה — פון ניי־פראַנקרייך.

שוין איינע פון די עלטסטע געשיכטעס פון לאַנד, מאַרק לעסקאַרבאָס „געשיכטע פון ניי־פראַנקרייך״, וואָס איז צום ערשטן דערשינען אין 1609, האָט געוויזן אַז דאָס וועט זיך לוינען טאָן. שפּעטער איז אויך געוואָרן קלאָר, אַז די מקורים וועגן קאַנאַדער יידן דאַרף מען זוכן אין דער געשיכטע פון פראַנקרייך, אין דער געשיכטע פון ענגלאַנד און אַמעריקע, און געוויס אין דער געשיכטע פון קאַנאַדע גופא. ביז צו אַ גרויסן טייל זיינען די דאָזיקע אַלע קוואַלן באַנוצט אָדער נאָכגעזוכט געוואָרן. גאַנץ באַזונדער אָבער זיינען נאָכ־געזוכט געוואָרן די פאַרשיידנסטע קאַנאַדער קוואַלן און עס איז נאָכגעזוכט געוואָרן יענער גאַנצער אַרכיוו־מאַטעריאַל וואָס מען האָט צו אים געקאָנט האָבן אַ צוטריט. אַלץ וואָס מען האָט אין דעם דאָזיקן מאַטעריאַל געקאָנט געפינען וואָס האָט אויף אַ וועלכן ניט איז אופן זיך אָנגעקערט מיט יידן,

האָט געדינט ווי אַ שליסל צו זוכן ווייטער. יעדער נײַ אַנטדעקטער פֿאַקט האָט דערמוטיקט אַז מען זאָל די אַרבעט ממשיך זײַן. אין מער ווי איין פֿאַל האָט דאָס געוויזן דעם וועג פֿאַר ווייטערדיקער פֿאָרשונג און געפֿירט צו אינטערעסאַנטע געשיכטלעכע אויפֿדעקונגען.

עס איז צוליב דעם געווען נייטיק צו גריבלען זיך אין צענדליקער פֿאַרשטויבטע בענד, אין די טאָמען פֿון די באַוואוסטסטע קאַנאַדער און אַנדערע געשיכטשרײַבערס, אין אַרכיוו־קאַטאַלאָגן, אין די מעמואַרן פֿון היסטאָרישע געזעלשאַפֿטן, אין קאָפּיעס פֿון געוויסע מאַנוסקריפּטן, אין באַריכטן, אין דאָקומענטן, אין אַלטע צײַטונגען און זשורנאַלן, און גאָר צום סוף — אין מקורים מיט אַ ריין ייִדישן אינהאַלט, וואָס צווישן זיי האָבן זיך געפֿונען די פּנקסים און אַרכיוון פֿון די עלטסטע ייִדישע געמיינדעס און אינסטיטוציעס אין לאַנד.

אויף אַזאַן אופֿן האָט זיך אײַנגעגעבן צונויפֿזאַמלען אַ מאַסע אומשעצבאַרע היסטאָרישע פֿאַקטן וועגן קאַנאַדער ייִדן, וואָס מען האָט וועגן דעם פֿריִער ניט געהאַט קיין שום השגה. אין ליכט דערפֿון מאָלט זיך פֿאַר אונדז אויס זייער געשיכטע אַזוי, אַז זי האָט אין געוויסע פּאַזעס אירע זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן ממש אַן אַנטפּלעקונג. אין דעם פֿאָרליגנדיקן ווערק ווערן די דאָזיקע פֿאַקטן צום ערשטן אַרויסגעבראַכט. דאָס איז אויך די ערשטע סיסטעמאַטישע אַרבעט וואָס פֿאַרנעמט זיך געבן אַ פֿולשטענדיק געשיכטלעך בילד פֿון די קאַנאַדער ייִדן — אַן אַרבעט וואָס האָט געקאָסט אַסך צײַט און מי, אָבער וואָס איז פֿאַר דעם מחבר פּערזענלעך אַ גרויסע באַפֿרידיקונג.

דאָס איז געווען לאָרד דורהעם, וואָס האָט אין זײַן באַרימטן באַריכט וועגן די קאַנאַדער באַדינגונגען מיט איבער אַ יאָרהונדערט צוריק געמאַכט אַ פּאָר אומגערעכטע באַמערקונגען וועגן די קאַנאַדער פֿראַנצויזן. זײַן אינסינואַירן אַז זיי האָבן הינטער זיך ניט קיין געשיכטע, האָבן זיי אויפֿגענומען ווי אַ באַליידיקונג וואָס זיי קאָנען אים עד היום ניט מוחל זײַן. אָבער ניט אויף דעם דאָזיקן אופֿן אַליין האָט דאָס נאַציאָנאַלע געפֿיל זייערס רעאַגירט קעגן דעם. זייער ענטפֿער איז זינט דעמאָלט געווען אַ פֿיל בעסערער. ער האָט געפֿונען אויסדרוק אין די אַרבעטן פֿון אַ ריי ערנסטע היסטאָריקערס, אַנהייבנדיק מיט פֿראַנסואַ־גזאַוויע גאַרנאָ, וואָס זיי האָבן פֿון זיך אַרויסגעגעבן. קיינער האָט אויך ניט אַזוי געגומען זאַמלען און אויפֿהיטן די מאַטעריאַלן צו זייער נאַציאָנאַלער געשיכטע, ווי זיי האָבן דאָס געטאָן.

מיר וואָלטן אין דעם פּרט געקאָנט אַסך לערנען פֿון אונדזערע פֿראַנצויזיש־קאַנאַדער שכנים. דער רײַכער און ווערטפֿולער מאַטעריאַל וועגן ייִדן, וואָס איז אין קאַנאַדע פֿאַראַן, וואָלט אונדז געדאַרפֿט מאַכן היסטאָרישבאַוואוסטזיניק. עס איז צײַט אַז מיר זאָלן דערמיט לפּחות זיך אַליין באַקענען.

מיר מעגן וויסן וועד מיר זיינען, און אין וואָס עס האָט אין דעם דאָזיקן נייעם, יונגען לאַנד זיך אויסגעדריקט אונדזער ראָל זינט דער צייט וואָס אונדזערע ערשטע פּיאָנערן זיינען אהער געקומען. מיר מעגן און דאַרפן עס וויסן — און זאָלן דאָס אויך אַנדערע וויסן.

„איך דערמאָן מיך קיין זאַך ניט וועגן די יידן אין קאַנאַדע אין צייט פון פראַנצויזישן רעזשים". אָט אזוי האָט דער פראַנצויזיש־קאַנאַדער היס־טאָריקער באַנזשאַמען סילט זיך אַמאָל אויסגעדריקט אין א בריוו צום שרייבער. באַמערקנדיק דערביי אז ער האָט וועגן דעם זיך נאָכגעפרעגט ביי אַנדערע, אָבער אז אויך זיי איז דאָס געווען ניט באַקאַנט. אָבער אפילו אַזא ערנסטער פאָרשער ווי סילט איז געווען, האָט דאָך דאָ געקאָנט מאַכן א טעות. ער האָט געקאָנט פאַרזען, און ניט מחמת ביזוויליקייט, די גאַנץ באַ־זונדערע שייכות וואָס יידן האָבן דערמיט געהאַט, און וואָס איז באַוואוסט געווען צו אַזעלכע ווי קאַמיל זשוליאַן און אַנדערע היסטאָריקערס אין פראַנקרייך. די ערשטע אָנהייבן פון יידישער געשיכטע אין קאַנאַדע פאַלן זיך פאַקטיש צוזאַמען מיט אָט יענער תקופה. זיי פירן אונדז צו צו דער צייט, ווען עס האָט פאַמעלעך זיך גענומען אַרויסרוקן א באַשטימטע און מער איינהייטלעכע יידישע פּאַנאָראַמע, אַן אומאונטערבראָכענע ביז אויף היינ־טיקן טאָג.

פון דעמאָלט אָן גייט דער פּראָצעס אָן כסדר. ער מאַניפעסטירט זיך דורך א קייט גרעסערע און קלענערע געשעענישן, און דורך די פאַקטן און מעשים וואָס האָבן באַגלייט די לעבנס פון די פּאָר אונדז, אויף די פאַר־שיידנסטע אופנים. און דער פּועל יוצא דערפון איז דער ישוב וואָס מיר זעען פאַר זיך — א ישוב אַן אינטערעסאַנטער, א פּולבלוטיקער, וואָס הייבט אָן דערוועקן צו זיך מיט זיינע בליענדיקע קהילות וואָס זיינען צעוואָרפן איבער דער לייַנג און ברייט פון דער דאָזיקער מדינה, אלץ א גרעסערן אינ־טערעס. עס איז שוין צייט אונטערצייען א היסטאָרישן סך הכל דערפון. קאַ־נאַדער יידן פאַרנעמען היינט אין צאָל אליין דעם ניינטן אָרט אין לאַנד — לויט דעם צענזוס פון 1941. זייער ראָל איז אָבער ניט אין ערך גרעסער פון זייער צאָל. און דאָס אייגענע קאָן מען אויך זאָגן וועגן זייער ביישטייער צום קאַנאַדער לעבן בכלל.

דער דאָזיקער ערשטער באַנד פון דער „געשיכטע פון יידן אין קאַנאַ־דע" נעמט אַרום דעם משך פון פראַנצויזישן רעזשים ביז סוף ניינצנטן יאָר־הונדערט. דער ציל פון דעם גאַנצן ווערק דאַרף פאַר אַלעמען זיין קלאָר. דער אופן ווי אזוי די קריטיק אויף יידיש, ענגליש און פראַנצויזיש האָט אויפגענומען דאָס דערשיינען פון דעם זעלביקן ערשטן באַנד אויף ענגליש און עס מיט אזוי פיל וואַרעמקייט באַגריסט, האָט געוויזן ווי גרויס עס איז דער אינטערעס צו אַן אַרבעט פון אָט דעם סאָרט. צוליב דעם דאָזיקן אינ־

טערעס, און אויף דעם פאַרלאַנג וואָס איז וועגן דעם געקומען פון פאַרשיי־דענע זייטן, ווערט דאָס דאָזיקע ווערק איצט אויך פאַרעפנטלעכט אין זיין יידישן אָריגינאַל.

דעם מחבר איז ניט שווער צו גלויבן, אַז דאָ און דאָרט האָט מען געקאָנט געמאַכט ווערן אַ טעות אָדער איז ניט עטוואָס פאַרזען געוואָרן. ווערק פון דעם מין און לויט דעם פאַרנעם וואָס ער האָט געהאַט אין אויג, זיינען בכלל ניט פריי פון טעותים. מען דאַרף נעמען אין באַטראַכט אַז דאָס פעלד אויף וועלכן אים איז אויסגעקומען צו אַרבעטן איז געווען אינגאַנצן ניי און רוי. ער האָט אויך באַגעגנט אַ שוועריקייט וואָס איז געווען אוממעגלעך בייצוקומען — דאָס וואָס געוויסע מאַטעריאַלן מיט וועלכע ער האָט גע־וואָלט זיך באַנוצן זיינען אָדער פאַרלוירן געגאַנגען, אָדער זיינען עד היום פאַרבליבן ניט צוטרעטלעך. עס פעלט למשל דער פנקס פון דער ספּרדי־שער קהילה אין מאָנטרעאָל פאַר כמעט אַ גאַנצן יאָרהונדערט, שוין איינ־שליסנדיק דעם פּעריאָד ווען אַזאַ פּערזענלעכקייט ווי דר. אברהם דע סאָלאַ איז געווען איר גייסטיקער פירער. עס פעלן דאָס גלייכן נאָך אַנדערע ווערט־פולע דאָקומענטן וואָס זיינען פאַרשוואונדן, אָבער וואָס וואָלטן געהאָלפן וואַרפן אַ ליכט אויף דעם אַמאָליקן לעבן פון קאַנאַדער יידן.

טייל דאָקומענטן וואָס איך האָב געהאַט פאַר זיך און וואָס האָבן זיך אָנגעקערט מיטן פראַנצויזישן רעזשים, זיינען געקומען פונם גראַדיס־אַרכיוו אין באָרדאָ, פראַנקרייך. דאָס איז דער באַרימטער פראַנצויזיש־יידישער אַר־כיוו מיט וועלכן ניט איין היסטאָריקער אין פראַנקרייך האָט זיך באַנוצט, און וואָס צו אים האָט אויך גרעץ געהאַט אַ צוטרעט. פאָטאָסטאַטישע קאָ־פּיעס פון אַזעלכע דאָקומענטן זיינען צוגעשיקט געוואָרן דורך ראַאול גראַ־דיס, מיט וועמען איך האָב דורך דער פריינטלעכער פאַרמיטלונג פון זשאַן דע מאָופּאַסאַן, אַרכיוויסט און ביבליאָטעקער פון באָרדאָ, זיך געהאַט גע־שטעלט אין פאַרבינדונג.ביידן דריק איך דאָ פאַר דעם אויס אַ דאַנק.

אַ דאַנק בין איך אויך שולדיק אַלע די יעניקע וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַן אינטערעס צו דער פון מיר אונטערגענומענער אַרבעט, און זיינען געווען באַהילפיק מיט אָנגעוויזענעם אָדער מיטגעטיילטן מאַטעריאַל. צווישן די דאָזיקע דאַרף איך דאָ דערמאָנען נאָך אַמאָל זשאַן דע מאָופּאַסאַן, פון באָר־דאָ, וועלכער איז געווען אַזוי פריינטלעך מיר פאַרצולייגן זיינע פאָרשונגען וועגן פראַנצויזישן רעזשים; דר. גוסטאַוו לאַנקטאָ, דעם הויפּט פון די נאַ־ציאָנאַלע אַרכיוון אין אָטאַווע, און פּיער־זשאָרזש רוא, געוועזענעם פּראָווינ־ציעלן אַרכיוויסט פון קוויבעק. אַסך הילף האָב איך געקראָגן פון דעם אַמאָ־ליקן „שעף פון אינפאָרמאַציע״ פון די נאַציאָנאַלע אַרכיוון, דעם פאַרשטאָר־בענעם פראַנסיס זש. אָודע, וועלכער איז תמיד געווען גרייט מיט אָנווייזן אָדער צוצושטעלן דאָקומענטן וואָס איך האָב געבעטן, מיט באַזונדערער אָנער־

קענונג וויל איך דאָ פאַרנאָטירן דעם פאַקט, אז דער באנוץ פון טייל מאטע־ריאל מיט א ריין יידישן אינהאלט איז מעגלעך געוואָרן דורך דעם וואָס דער באוואוסטער יידישער כלל־טוער לייאָן קאָהען ע״ה האָט, פאַר דעם צוועק פון דער דאָזיקער ארבעט, פאַר א צייט געהאט איבערגעגעבן אין מיין רשות זיין ביבליאָטעק און דעם גאנצן ייק״א־ארכיוו, צוזאמען מיט דעם ארכיוו פון דער „שער השמים״ געמיינדע.

דערמאָנען דארף איך אויך מ. מ. שאפיר פאַר לייענען א טייל פון דער קאָרעקטור. גאָר צום סוף וויל איך אויסדריקן א יישר כוח דעם קאנאדער יידישן קאָנגרעס און א גרופּע פּערזענלעכע פריינט, וואָס האָבן זיך פאַר־אינטערעסירט מיט ארויסגעבן דאָס פאָרליגנדיקע ווערק אין זיין יידישן אָריגינאל און האָבן געמאכט מעגלעך דאָס דערשיינען פון דעם איצטיקן ערשטן באנד. איך וויל דאָ זאָגן, אז די ווארעמע באציאונג וואָס אסך פון זיי האָבן פון אָנהייב אָן ארויסגעוויזן צום ציל וואָס איך האָב זיך געהאט געשטעלט ביים נעמען שרייבן די „געשיכטע פון יידן אין קאנאדע״, איז פאַר מיר געוועזן די גרעסטע דערמוטיקונג. איך דערמאָן עס דאָ איצט מיט טיפער דאנקבארקייט. א באזונדער דאנק קומט אָבער מיין פרוי, וועלכע האָט, חוץ דעם זוכצעטל וואָס זי האָט צוזאמענגעשטעלט, א גרויסן פּערזענלעכן חלק אין דער גאנצער ארבעט. איר העלפן טיילן די זאָרגן און שוועריקייטן מיט וועלכע דאָס איז פאַרבונדן געוועזן, האָט מיין אויפגאבע אויף אסך פאַר־גרינגערט.

מחמת דוחק אין פּלאַץ, און צוליב דעם וואָס די וויכטיקערע מקורים ווערן אָנגעוויזן אויפן אָרט, ווערט אויסגעלאָזט די ביבליאָגראפיע וואָס האָט געזאָלט צוגעגעבן ווערן סוף בוך.

ב. ג. זאַק.

דעם 14טן אפּריל 1948.

# א י נ ה א ל ט :

פ אָ ר ו ו אָ ר ט

---

## אונטערן פראנצויזישן רעזשים

### קאפיטל איינס

### דער ערשטער באריר מיטן לאנד

לעגענדע און פאקט. — ווער איז געווען ניי־פראנקרייכס ערשטער היסטאָרי־קער? — א העברעאיש און תלמוד־קענער און פילאָסעמיט. — זיין שטארקע שנאה צו די שפאניער. — די לעגענדע וועגן הערצאָג פון וואנטאדור (אנרי דע לעווי). — אייניקלעך פון די אנוסים. — די וואָס האָבן ארונטערגעוואָרפן די אלטע ירושה. — „יידן אויף פראנצויזישע קריגשיפן." — א מעשה מיט א פארשטעלטער „אימיגראנטקע". — קעניג באצאָלט אירע רייזע־הוצאות אויף צוריק. — א האָלענדישער ייד „פארבלאָנדזשעט". —זיין מאָדנע דערפארונג. — פארמיטלערס אין פראנקרייכס פריען האנדל — — — — — — זייט 19

### קאפיטל צוויי

### דער יידישער בייטראָג צו ניי־פראנקרייך

די משפחה גראדיס. — גראדיסעס ערשטע שיף קיין קוויבעק. — גרינדונג פון „געזעלשאפט פון קאנאדע". — די הונגער־לאגע אין ניי־פראנקרייך. — א יידיש שיף וואָס ברייננגט הילף. — א נאָמען וואָס איז געוואָרן באקענט אין הויכע קרייזן. — אויסבראָך פון „זיבן־יאָריקן קריג". — קאנאדעס ניט־צוגעגרייטקייט זיך צו פארטיידיקן. — גראדיס אָרגאניזירט מיליטערישע עקספעדיציעס פאר שוצלאָזער קאָלאָניע. — העלפט קריגן רעקרוטן צו שיקן פארשטארקונגען. — זיין בארימטע „ראָביסט". — — — — — — זייט 32

# אינהאלט

## קאפיטל דריי

### אברהם גראדיס און גענעראל מאָנקאַלם

גראדיס שיקט נאָך דרינגענדיקע הילף פאר נײ־פראנקרייך. — ניט געלונגענע צוריק־רייזע פון זיינע שיפן. — מאָנקאַלמס גרויסער צוטרוי צו אים. — די אָפטע דערמאָנונגען וועגן גראדיסן אין זיין „טאָגבוך" און אין בריוו צו זיין פאמיליע. — איז שטארק צופרידן מיט דער הילף וואָס ער קריגט דורך אים. — גראדיס און די פראנצויזישע מלחמה־געפאנגענע אין ענגלאנד. — א נאָמען וואָס וועט ארויסשיינען זייט ביי זייט מיט מאָנקאַלמס נאָמען. — א פּאָר אינטערעסאנטע אנעקדאָטן. — די ראָל פון נאָך א יידן: קאפּיטאַן שאָמבערג. — — — — — — — — — — — — — — — זייט 44

## אין דעם ענגליש־קאָלאָניאַלן פּעריאָד

### קאפיטל פיר

### דער אָנהייב פון יידישן ישוב

אמעריקע א תרופה צו יידישע צרות. — יידן ווי פאַרמיטלערס פון איידאָ־פּיאישן אימפּעריאליזם. — יוסף דע לא פענהא און דער לאַבראַדאָר האַלב־אינדזל. — יידן און די פּראָווינץ נאָוואַ סקאָשיא. — דער אינטערעס צום נייעם לאנד. — אהרן הארט און זיין יידישער באַטאַליאָן. — די וואָס זיינען געקומען מיט סיר דזשעפרי אַמהערסט. — די ערשטע בויערס פון יידישן ישוב. — אַן עלעמענט וואָס האָט זיך גיך צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען. — ערשטע יידישע לאנד־באַזיצערס אין מאָנטרעאָל. — — — — — זייט 57

### קאפיטל פינף

### די גרינדונג פון דער ערשטער קהילה

די פּיאָנערן און אינטעליגענטער קלאַס. — גרויסע היסטאָרישע ראָל פון אהרן הארט. — געמישטע חתונות א געוויינלעכע דערשיינונג. — די ערשטע דייטשע יידן. — דאָס אינערלעכע לעבן פון די יידן אין מאָנטרעאל. — גרינדונג פון ערשטער קהילה. — די ערשטע שול און בית עלמין. — די שול־תקנות ווי א קאָדעקס פאר דער געמיינדע. — דער ערשטער רב. — א ייד געריכט־פאַרוואַלטער פון מאָנטרעאָל. — יידן און דער שקלאַפן־מסחר. — א מחלוקת אין דער יונגער קהילה. — רב מאָנט שכירות און קלאָגט פּרנס אין געריכט. — — — — — — — — — — — — — — — זייט 70

# אינהאלט

## קאפיטל זעקס
## בעת דעם אמעריקאנער אומאָפּהיינגיקייטס-קריג

די פּאָליטישע באדינגונגען אין קאנאדע. — אָנהייב פון באוועגונג פאר קאָנ־סטיטוציאָנעלע רעפאָרמען. —יידישע פּעטיציאָנערן פאר א פּאָלקס־הויז. — מערקווערדיקע ראָל פון פריע פּיאָנערן. — אויסבראָך פון אמעריקאנער אומ־אָפּהיינגיקייטס־קריג. — יידן און די „פּאראייניקטע לאָיאַליסטן". — די משפחה פראנקס אין קאנאדע. — ארעסט פון דוד ס. פראנקס אין מאָנטרעאָל. — זיין שפּעטערדיקע פּאָליטישע קאריערע. — לוי סאָלאָמאָנס און די רעוואָלוציאָנערע ארמיי. — אהרן הארט און די אמעריקאנער. — א מעשה מיט אן אגענט־פּראָוואָקאטאָר. — — — — — — — — — — — — — — זייט 81

---

# דער פּאָרמאטיווער אָדער ספרדישער פּעריאָד

## קאפּיטל זיבן
## די „יידן פראגע" ארויפגעבראכט צום ערשטן מאָל

דער יידישער חלק אין א דערפּאָלג. — דער קאָנסטיטוציאָנעלער אקט פון 1791. — א שטילשטאנד אין דעם קהילה־לעבן. — העגרי דזשאָזעף, יעקב פראנקס און דוד דוד. — ערשטער יידישער געריכט־געשוואוירענער אין מאָנטרעאָל. — פריע אפּליקאנטן אויף לאנד. — די „יידן־פראגע" שווימט ארויף. — יחזקאל הארט דערוויילט צו געזעצגעבנדיקער פארזאמלונג. — דער קאמף צוליב זיין שבועה. — זיין פּעטיציע און די היציקע פארהאנדלונגען אין „הויז". — דער געפּליגטער יורידישער ויכוח אים אויסצושליסן. — פיינט־לעכע מאָיאָריטעט באשליסט קעגן אים. — — — — — — — — זייט 95

## קאפּיטל אכט
## דער קאמף צוליב יחזקאל הארט

היציקער שטרייט אין דער אסעמבלי. — בעדארס איבערגעשפּיצטע סברות און אטאקע אויף יידן. — ענגלישע דעפּוטאטן פארטיידיקן זייער יידישן קאָלעגע. — מיינונגען פון אָנערקענטע יורידישע אויטאָריטעטן. — פּרעסע נעמט אויף קאמף. — שארפער אָנגריף פון „דהי מערקיורי" אויף קאטאָ־ליקן. — יחזקאל הארט ווידער דערוויילט און אויסגעשלאָסן צום צווייטן מאָל. — א אומאָנגענעמער פונקט. — סיר דזשיימס קרעיג לייזט אויף פּאר־זאמלונג. —אויסצוג פון אָפּיציעלער קאָרעספּאָנדענץ. — א אינטערעסאנטער פּאקט. — — — — — — — — — — — — — — זייט 108

# א י נ ה א ל ט

## ק א פ י ט ל נ י י ן

## יידן קריגן גלייכן סטאטוס

א אידילישער שטריך. — דער לעבנס־שטייגער פון א צעוואָרפענעם ישוב. — די מלחמה פון 1812־1814. — דער יידישער אָפּרוף אויף די געשעענישן. — בנימין הארט ניט צוגעלאָזט אין דער מיליץ. — באַקלאָגט זיך פאר סיר דזשאָרדזש פּרעוואָ. — זיין בקשה דערפילט מיט אכט יאָר שפּעטער. — יידישע פּעטיציע מכוח אייגענעם קהלשן רעגיסטער. — געזעץ וועגן דעם ווערט אָנגענומען. — נאָך יידישע פּעטיציעס. — ביל אין פּארלאמענט צו געבן יידן גלייכע רעכט. — ביל דורכגעפירט און ווערט געזעץ. — גרויסע דערגריי־כונג אויפן וועג פון ליבעראליזם. — — — — — — — — — — — — זייט 121

## ק א פ י ט ל צ ע ן

## אין דער תקופה פון איבערגאנג

אַביסל פריע יידישע סטאטיסטיק. — קריזיס טרעט אריין אין געמיינדע. — מען בויט אויס נייעם מקום קדוש. — אויסבראָך פון כאָלעריע, וואָס רויבט אָסך קרבנות. — פּארהער וועגן רעכט פון יידישע בירגער. — ווידער די יידי־שע שבועה. — לאָרד איילמער שרייבט וועגן דעם קיין ענגלאנד. — א אינ־טערעסאַנטע קאָרעספּאָנדענץ. — בנימין האַרט און משה י. העיס דערהייבן צו מאַגיסטראטור. — יידן אין אויבער־קאַנאַדע און ערשטע יידן אין טאָ־ראָנטאָ. — א קיבוץ וואָס פארמערט זיך ניט. — א אינטערעסאַנטע פּערזענ־לעכקייט. — — — — — — — — — — — — — — — — — זייט 137

## ק אָ פ י ט ל ע ל ף

## יידן און דער אויפשטאנד פון 1837

נייע שטימונגען אין דער קאנאדער לופט. — מאסן נעמען אויף רעוואָלו־ציאָנערע אידייען. — שטעלונג פון יידן און די ספּעציפישע באדינגונגען וואָס האָבן עס באאיינפלוסט. — יחזקאל הארט אונטערהאַלט רעוואָלוציאָ־נערע פירערס. — משה הארט, הענרי יודא און די פראנצויזישע פּאטריאָטן. — גרויסער יידישער אָנטייל אויף לאָיאַליסטישער זייט. — קאַפּיטאַן אליעזר דוד, לייטענאַנט משה־שמואל דוד, יעקב־הענרי דזשאָזעף און אַנדערע. — בנימין הארט לייענט „ראיאָט אַקט". — זיין ראָל ביים איינשטעלן אָרדענונג. — א פינאַנציעלער עקספּערימענט. — ענגלישע יידן עמיגרירן קיין קאַ־נאדע. — — — — — — — — — — — — — — זייט 150

# אינהאלט

## קאַפּיטל צוועלף

## אָנהייב פון דייטש־פּוילישער אײַנוואַנדערונג

ערשטע יידישע פּראָפעסיאָנאַלן. — דר. אהרן־הארט דוד. — טויט פון יחזקאל הארט. — מערקווערדיקע קאַריערע פון משה־יהודה העיס. — שעף פון מאָנטרעאָלער פּאָליציי פאר אַ משך פון זעכצן יאָר. — פּאַרלאַמענט אין שכנות אין העיס טעאַטער. — רעזו. אברהם דע סאָלא קומט קיין מאָנט־רעאָל. — זיין איינפלוס ווי רב און געלערנטער. — ווערט פּראָפעסאָר אין מעקגיל. — מיינונגען פון דער פּרעסע. — ערשטע יידישע זונטיק־שול. — די „חברה עזרת אביוני ישראל" און אַ באַריכט פון איר טעטיקייט. — יידי־שע אימיגראַציע „אויסערגעוויינלעך גרויס". — — — — — — — — — — זייט 164

## קאַפּיטל דרייצן

## ליבעראַליזם אין שטעלונג צו יידן

א באַציאונג אָן פאַראורטייל. — באַזוך פון יידישן פאָרשטייער פון נאָענטן מזרח. — קומט בעטן הילף ביי קאַנאַדער יידן. — מיסיע דערוועקט סימפּאַ־טיע אין קריסטלעכע קרייזן. — לעקציע פון רבי דע סאָלא, וואָס מאַכט רושם. — מערקווערדיקע רעדע אין אַ קירך. — שמואל בענדזשאַמין דער־ווײַלט אָלדערמאַן. — בנימין הארט פארלירט ראַנג. — נאָך בייטראָגן צו קאַנאַדעס אנטוויקלונג. — יידן אין אויסלענדישן קאָנסולאַט־דינסט. — וואָס אימיגראַנטן ברייגען מיט זיך. — נאָך אביסל סטאַטיסטיק. — ערשטער ייד מעיאָר אין קאַנאַדע. — — — — — — — — — — — — — — — — זייט 178

## קאַפּיטל פערצן

## גרינדונג פון נייע יידישע קהילות

אהרן הארטס שול אין טהרי ריווערס. — דייטש־פּוילישע געמיינדע און איר ערשטע שול. — אינצידענט ביים לייגן ווינקלשטיין. — די מאָס משפּחה. — סכסוך מיט פּאָרטוגעזער יידן. — יידן אין קוויבעק און זייער ערשטע קהילה. — קהילה געגרינדעט אין טאָראָנטאָ. — די נאָרדהיימערס און די ראָסין ברידער. — לואיס סעמועל. — לאַנקאַסטער, האַמילטאָן, אָטאַווא. — יידן אין מאַריטימע פּראָווינצן. — א תענית ציבור צוליב אומרוען אין אינ־דיע. — — — — — — — — — — — — — — זייט 191

# אינהאלט

## קאַפּיטל פופצן
## דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן און דער ישוב אויפן פּאַציפישן ברעג

קאַנאַדער יידן באַגריסן יידישן זיג אין ענגלאַנד. — באַגייסטערטע מאַסנ־פאַרזאַמלונג אין מאָנטרעאָל. — פאַרזאַמלונג הערט אויס רעדעס און נעמט אָן רעזאָלוציעס. — רבי דע סאָלאַס מאָראַלישער בייטראַג. — גרינדונג פון „יאָנג מענס היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי״. — א. ג. אַשער און י. ג. אַשער. — שוועריקייטן די ערשטע יאָרן. — אין וויטן קאַנאַדער מערב. — קהילה געגרינדעט אין וויקטאָריע. — איר „שול־פּראַגע״. — די פראַנקלינס און הענרי נאַטאַן. — פאַראַד ביים לייגן שול־ווינקלשטיין. — יידן אין קאַנאַדע פון „ברעג ביז ברעג״. — — — — — — — — — — — — — — — — — זייט 205

## קאַפּיטל זעכצן
## פאַר דער אַנקומענדיקער איינוואַנדערונג

אין די פּיאָנערן־טעג אין בריטיש קאָלאָמביע. — יידישער אַנטייל אין עפנטלעכן לעבן. — דעלעגאַטן אויף נאַציאָנאַלן צוזאַמענפאָר. — דוד אַבּרהם אַנשל. — נאָך אָרגאַניזאַציעס געגרינדעט. — פּראָבלעם מיט אַנקומענדיקע אימיגראַנטן. — מאָנטרעאָלער יידן פּראָטעסטירן קיין לאָנדאָן. — ערשטע סימנים פון שול־פּראַגע. — פּלאַן צו גרינדן יידישן לערן־אַנשטאַלט. — מחלוקת ברעכט אויס און פּלאַן ווערט צעשטערט. — דייטש־פּוילישע געמיינדע עפנט לאַנד־שול. — ניימאַן ל. שטיינער. — טויט פון רבי דר. דע סאָלאַ און דר. א. ה. דוד. — — — — — — — — — — — — — — זייט 220

---

# דער רוסישער אימיגראַציע־פּעריאָד

## קאַפּיטל זיבעצן
## נאָך די פּאָגראָמען פון די אכציקער יאָרן

דער כוח פון אַנטיסעמיטיזם. — אויסבראָך פון פּאָגראָמען אין רוסלאַנד. — די קליינע יידישע קאָלאָניע אין וויניפּעג. — פּראָטעסטן קעגן צאַרישער רעגירונג און קאָמיטעטן צו העלפן פליטים. — קאַרדינאַל מענינגס הארציקע ווערטער. — דער קאַנאַדער הויי־קאָמישאָנער און די רוסישע יידן. — זיין אויסערגעוויינלעכער אינטערעס צו זיי. — מערקווערדיקער בריוו צום מאַרקיז פון לאָרן. — מעקדאָנאַלדס ניט שטאַטסמאַנישע שטעלונג. — וואָס זיינע בריוו דערציילן וועגן דעם. — אַנקום פון ערשטער פּאַרטיע רוסיש־יידישע אימיגראַנטן. — זייערע ביטערע, פיינלעכע דערפאַרונגען. — לאַגע פון פליטים איז שרעקלעך. — — — — — — — — — — — — — זייט 237

# א י נ ה א ל ט

## ק א פ י ט ל  א כ צ ן

## א אינטערעסאנטער קאָלאָניסטישער פּלאַן

בריוו צום „המליץ״. — מצב פון פליטים פארבעסערט זיך. — אן אומגעע־
הויער פראָבלעם פאר מאָנטרעאָלער יידן. — א מוסטער פון פילאַנטראָפּיע.—
אָנהייב פון יידישער קאָלאָניזאציע. — א ניט־געלונגענער פרואוו. — ווינ־
פעג ווערט יידישער צענטער. — ערשטע אימיגראנטן פון רומעניע. — פלאן
צו באזעצן יידן אויף לאנד. — דער „מאָנטעפיאָרע אגריקולטור הילף־פאר־
איין״ און זיינע צילן. — אידייע וואס האָט אינספּירירט באוועגונג. — זייט 251

## ק אָ פ י ט ל  נ יי נ צ ן

## נייע געביטן פון טעטיקייט

אָנהאלטנדיקע אימיגראציע און פארגרעסערטע דאגות. — „אפּטאון״ און
„דאונטאון״ יידן. — נייע געמיינדעס און דאָס צוקומען פון נאָך שולן. —
א בריוו פון סיר דזשאָן א. מעקדאָנאלד. — שול־פראגע ווערט פּראָבלעמא־
טיש. — פּאָרטוגעזער געמיינדע שליסט אָפּמאַך מיט קאטאָליקן. — אלכסנדר
הארקאווי אין מאָנטרעאָל. — זיין איינפלוס אויפן לאָקאלן יידישן לעבן. —
א יידישע צייטונג און א פרואוו מיט לאטיינישע אותיות. — זיין ליטערא־
רישע און אנדערע טעטיקייטן אין קאנאדע. — גרינדונג פון „חובבי ציון״
פאראיין. — די ערשטע ביבליאָטעק. — דער לעבנס־סטאנדארד פון דער
יידישער מאָסע. — — — — — — — — — — — — — — — — — זייט 267

## ק א פ י ט ל  צ וו א נ צ י ק

## אָנבאָט פון פריי לאנד פאר יידן

באראָן דע הירשעס אָפּרוף אויף וואנדערונג פון יידישע פּירערס. — פרייע
טאָג־שול פאר אימיגראנטן־קינדער. — אָנבאָט פון לאנד אין צפון מערב
טעריטאָריעס. — א קאָנפידענציעלער בריוו פון אָפּיס פון קאנאדער היי־קאָ־
מישאָנער. — ווען קאנאדע האָט געזאָלט פארנעמען דעם אָרט פון ארגענ־
טינע. — אינטערוויו מיט פּרעמיער אבאָט. — אָטאווא סימפּאטיש צו יידישן
קאָלאָניזאציע־פּלאַן. — פון א גרויסן פּראָיעקט ווערט גאָרנישט — פאָרשלאָג
פון ייק״א אין פּאַריז. — הירש, אָקסבאָו, וואפּעלא. — באראָן דע הירש
אינסטיטוט און יידישע דערציאונג. — שארפע מחלוקת מיט פּאָרטוגעזער גע־
מיינדע צוליב יידישע שול־שטייערן. — סכסוך ווערט אויסגעגליכן דורך
רעגירונג. — — — — — — — — — — — — — — — — — — זייט 282

# אינהאלט


## קאפיטל איין און צוואנציק
### דער ברייטערער געזעלשאפטלעכער פעלד

די אלטע זאָרג פון יידישע פירערס. — צעשפרייטונג פון יידישער באפעל־קערונג איבערן לאנד. — אָרטאָדאָקסישע שולן, רעפאָרם־טעמפלען און אָרגאַניזאַציעס און פאַראיינען. — „סעגרעגאַציע" על פי יידישן נוסח. — השפעה פון מזרח־אייראָפּעאישן אימיגראַנט אויף יידישן לעבן. — גרינדונג פון „דזשואיש טיימס". — דרייפוס־פּראָצעס האָט אַנטיסעמיטישע אָפּקלאַנגען. — קאַנאַדער יידן נעמען אויף ציוניסטישן רוף. — צוזאַמענפאָר פון רעפאָרם־ראַבייס אין מאָנטרעאָל. — טרעט ארויס קעגן הערצלס „יודנשטאַט". — טויט פון דוד אָפּנהיימער. — יידן אין קאַנאַדער אוניווערזיטעטן. — מעדיצין, קונסט און טעאַטער. — — — — — — — — — זייט 299

## קאפיטל צוויי און צוואנציק
### דאָס יידישע לעבן שפּעט די ניינציקער יאָרן

קלאַרענס י. דע סאָלאָס פריע ליטעראַרישע טעטיקייט. — דזשעראַלד ע. האַרט און זשול העלבראָנער. — סאָציאַל־עקאָנאָמישער מצב פון יידן. — די ערשטע שניידער־יוניאָן. — שטוינענדיקע „סוועט־שאָפּ" באַדינגונגען אין קליידער־אינדוסטריע. — לאַגע פון יידישע אַרבעטער איז שרעקלעך. — בייסיקע ווערטער פון „דזשואיש טיימס". — שולן, בתי מדרשים און דער טראַדיציאָנעלער חדר. — גרינדונג פון תלמוד תורה אין מאָנטרעאָל. — סט. דזשאָן, נ. ב. — קולטור־געזעלשאַפטלעכע פאַרוויילונגען. — יידן אין יוקאָן. — באַנייטער סכסוך איבער שול־פראַגע. — אַנטיסעמיטיזם האָט ניט קיין ווירקונג. — — — — — — — — — — — — — — — זייט 315

## קאפיטל דריי און צוואנציק
### ביים סוף פון יאָרהונדערט

טויט פון באַראָנעסע דע הירש. — נייע מעגלעכקייטן פאַר יידן אין קאַנאַדע. — סיר ווילפריד לאָריעס ליבעראַלער אָנבאָט. — א דעקלאַראַציע פון ערשטער וויכטיקייט. — פּלענער פּראַקטישע און פאַנטאַסטישע. — מיסיאָנערן לויערן אויף אָרימע יידן. — דער „יידישער ענטפער". — א בריוו פון „משכיל אל דל". — וואוקס פון ציוניסטישער פעדעראַציע. — אויסבראָך פון דרום־אַפריקאַנער מלחמה. — גרויסע יידישע אימיגראַציע פון רומעניע. — אומפריינטלעכע מיינונגען פון פרעסע. — יידישע קעגנזייטיקע הילף. — קוקנדיק מיט צוטרוי פאָראויס. — — — — — — — — — — — — — — זייט 330

# אונטערן פראנצויזישן רעזשים

## קאפיטל איינס

## דער ערשטער באריר מיטן לאנד

די געשיכטע פון יידן אין קאנאדע האָט א ווייטן הינטערגרונט. אירע ערשטע אָנהייבן וואָס פאלן זיך צוזאמען מיט א פריען פעריאָד אין דער אלגעמיינער געשיכטע פון לאנד, לאָזן זיך ניט גענוי באצייכענען. דאָס איז א סטאדיע ביי וועלכער זי איז שטארק מטושטש און אפילו באשפונען מיט א געוויסער לעגענדארישקייט.

די דאָזיקע געשיכטע איז דערפאר ניט נאָר עלטער פון דער צייט פון בריטישער אָקופאציע, נאָר זי גרייכט ביז ווייט אין פראנצויזישן רעזשים. א קליין רינגעלע אין א קייט וואָס איז אויסגעשמידט געוואָרן דורך די ווילנס און די צופאלן וואָס האָבן באגלייט אַנדערע, לאָזט זיך דעריבער וועגן איר שייכות צו די דעמאָלטיקע געשעענישן אין דעם לעבן פון ניי־פראנקרייך וויניק וואָס ריידן. אירע פארוואָרצלונגען, דורכאויס דינינקע, אָפּגעריסענע, זיינען ניט געווען דירעקט יידיש און האָבן מיט יידן דירעקט זיך אויך ניט שטארק אָנגעקערט. זיי האָבן בלויז געהאט געוויסע ווייטלעכע יידישע פארבינד־פעדים, אַ מקור פון וועלכן זיי האָבן זיך געצויגן. ביי איין פונקט, געפינען מיר אויס, שפילט אפילו דער „מיסטישער עלעמענט״ א ראָל און ער וואַרפט זיך בולט אין די אויגן. מיר זעען אים אָבער ניט ווי א פאקטאָר פון געשיכטע, נאָר ווי א פאקטאָר וואָס דארף דער געשיכטע צוגעבן אַ געוויסן קאָליר.

עס איז שווער דאָ, פארשטייט זיך, צו ציען א באשטימטע ליניע און אָפּטיילן פאקט פון לעגענדע. מען קאָן דאָ ניט אָפּטיילן דאָס וואָס איז היסטאָריש ריכטיק און וואו עס האנדלט זיך וועגן דאָקומענטירטע און דייטלעכע באגרינ־דונגען, — פון דעם וואו עס זיינען אָט אזעלכע באגרינדונגען ניטאָ און וואָס מוז ביי אונדז דערוועקן ערנסטע ספקות.

אָבער דאָס אַלץ איז דאָך פאַרט פול מיט דעם שטארקסטן אינטערעס. מען ווערט פון געוויסע מאָמענטן וואָס ווערן דאָ פאר אונדז אנטפלעקט ממש מיטגעריסן. די דאָזיקע געשיכטע וואָס איז אין תוך בלויז א המשך פון דער

היסטאריע פון אונדזער פאלק וואס ווערט פארגעזעצט אין א געוויסן ווינקל פון צפון־אמעריקע, דערציילט אונדז גלייך ביים אנהייב וועגן דער גרויסער ראל וואס יידן האבן געשפילט אין קאנאדע, און וואס זיי האבן ניט אויפגעהערט צו שפילן זינט דא האבן זיך גענומען מערקן סימנים פון א יידיש לעבן.

זיי האבן מיט דעם דאזיקן לאנד פון די פריע צייטן אן געהאט א שייכות און זיינען ביי פארשיידענע געלעגנהייטן אדער אונטער פארשיידענע אומשטאנדן געקומען מיט אים אין באריר. יידישער איינפלוס איז אין א געוויסער צייט געשטאנען אין דינסט פון פראנקרייכס אינטערעסן אין קאנאדע, און האט געזוכט צו באפעסטיקן איר פאזיציע און קאלאניאלע ראל אויפן צפון־אמעריקאנער קאנטינענט בכלל. מכוח די פארדינסטן, אין דער עפאכע פון פראנצויזישן רעזשים, פון א בארימטן יידן פון יענער צייט, ווען גרעץ אגב גיט אפ אסך פלאץ, דריקט זיך אויס א גרויסער פראנצויזישער היסטאריקער אין קיין אנדערע ווערטער, ווי אז ער האט מער אויפגעטאן „צו באשיצן און פארטרעטן פראנקרייך, איידער דאס קעניגטום אליין". 1)

פונדעסטוועגן אבער איז לויט דעם דעקרעט וואס קאלבער, דער הויפט־מיניסטער פון לואי דעם 14טן, האט אין 1685 געהאט דורכגעפירט, געווען יידן פארווערט צו וואוינען אין די פראנצויזישע קאלאניעס, די צפון־אמעריקאנער קאלאניע אריינגערעכנט. מיט יענעם דעקרעט, ווי באוואוסט, האט מען געוואלט פארשפארן פאר אלע ניט־קאטאליקן, ד"ה פאר יידן און הוגענאטן, יענע אלע ווייטע ערטער איבער וועלכע פראנקרייך האט דעמאלט געהערשט און וואו מען האט ניט־קאטאליקן ניט געוואלט צולאזן.

דאס איז אויך געווען איינע פון די הויפט סיבות, פארוואס יידן האבן ווי אזעלכע זיך ניט געפונען אין ניי־פראנקרייך, ניט געקוקט אויף דעם וואס זיי זיינען דירעקט אדער אומדירעקט מיט איר אפט געקומען אין קאנטאקט. אין געוויסע דאקומענטן וואס באציען זיך אויף יענער צייט טרעפן מיר דער־פאר איינציקע פון זיי אונטער פארענגלישטע אדער פארגאליזירטע נעמען, אדער נעמען וואס קלינגען בלויז האלב־יידיש. מיר האבן פאר זיך אויך דעם אינ־טערעסאנטן פאקט וואס א שיף מיט דעם ביבלישן נאמען „בנימין", וואס האט באלאנגט צו א יידן און איז פון אים געווען אויסגעריכט און פראוויזירט, האט אין א קריטישער צייט פאר דער פראנצויזישער קאלאניע געבראכט פאר אירע איינוואוינער די סאמע דרינגענדיקסטע הילף אין וועלכער זיי האבן זיך געניי־טיקט. דאס איז געווען דאן ווען די לעצטע האבן זיך געהאט געפונען אין א צושטאנד פון הונגער און האבן, על פי דעם באריכט וואס דער אינטענדאנט

1) "protéger et représenter la France plus que la royauté elle-même."CAMILLE JULLIAN, Histoire de Bordeaux, 1895, in-4°, p. 542.

פון ניי־פראנקרייך האָט דעם 9טן סעפטעמבער 1752 צוגעשיקט דעם פראנ־צויזישן מיניסטער, „זעקס וואָכן צייט געלעבט אויף פּאַרציעס פון א פערטל פונט ברויט א טאָג״.

א גאנץ באזונדער אינטערעס רופט ביי אונדז ארויס דער ערשטער היסטאָריקער פון ניי־פראנקרייך. דאָס איז מארק לעסקארבאָ, וואָס פון אים איז לייכט צו באקומען דעם איינדרוק, אז צווישן די וואָס האָבן געשפּילט די ראָל פון די גייסטיקע וואָרטפירערס אין דער קאנאדער קאָלאָניע, האָט זיך געמוזט געפינען ניט איינער וואָס האָט געהאט א געוויסע שייכות מיט יידן. מיר קאָנען זיך עס מאכן א באגריף פון זיינע אינטערעסאנטע, מיט לעבעדיקע, פּאָעטישע פארבן דורכגעדרונגענע היסטאָרישע באשרייבונגען פון ניי־פראנקרייך. 2) אין דער דאָזיקער געשיכטע זיינער זיינען אויף א עכט יידישן שטייגער, מיט דרוש און פלפול, כסדר אריינגעפלאָכטן פסוקים און ווערטער פון תנ״ך. עס ווארפן זיך דאָרט אויך דורך ווערטער אין העברעאישן כתב, ווי סגן, בספרד (?), תבה, איש, אשה, שלום, און אנדערע. עס איז צו זען, אז ער האָט ניט נאָר געקענט העברעאיש, נאָר איז אפילו געווען באהאוונט אין תלמוד, פונוואנען ער ציטירט א פּאָר שטעלן. עס ווארפן ביי אים זיך אויך דורך ציטאטן פון יאָזעפוס פלאַוויוס, און דאָס אלץ טוט ער מיט א באזונדער ליבע צום אלטן ביבל־פאָלק. מיט דעם אלעמען האָט ער געוואָלט הויפּטזאכלעך דורכפירן דעם געדאנק וועלכן אסך רייזנדיקע און געשיכטס־פאָרשער אין יענער צייט האָבן זיך געפּרואווט ארויסזאָגן, — אז די אינדיאנער האָבן געשטאמט פון די עשרת השבטים. די דאָזיקע השערה וויל ער ארויסברייננגען, פארגלייכנדיק די העברעאישע שפּראך מיט דעם לשון פון די אינדיאנער, אויך געוויסע מנהגים און זיטן וואָס ער האָט אָנגעטראָפן ביי די לעצטע, מיט אמאָליקע יידישע מנהגים אָדער מיט אזעלכע וואָס האָבן געהאט א ביבלישן מקור.

מארק לעסקארבאָ האָט געהאט א ווארעמען געפיל צו יידן, און דאָס דער־קלערט, ווייניקסטנס אין א געוויסער מאָס, פארוואָס ער האָט ארויסגעוויזן אזוי פיל האס צו די שפּאניער. ער דערציילט אז די לעצטע האָבן זיך באנומען צו די אינדיאנער, די ערשטע מענטשן וועמען זיי האָבן געטראָפן אויפן אמעריקאנער קאָנטינענט און די אמתע באלעבאטים פון דעם דאָזיקן קאָנטי־נענט, אוממענטשלעך און מיט ווילדער אכזריות. דאָס איז געווען עטוואָס מער ווי א יאָרהונדערט נאָך גירוש שפּאניע, און זיין כאראקטעריסטיק פון שפּאנישן

2) MARC LESCARBOT, Histoire de la Nouvelle-France, suivie des Muses de la Nouvelle-France. Paris (Tross). 1886, 3 vols. די ערשטע אויסגאבע איז דערשינען אין 1609.

פאָלק וועלכן ער שטעלט אויס פאר רוי און אָן א פונק מענטשלעכקייט, האָט זיך ארייננעפאסט אין די יידישע געפילן פון יענער צייט. אין איין פלאַץ זאָגט ער:

„זיי (די שפאניער) האָבן אינגאנצן אויסגעהרגעט די איינגעבוירענע, מיט די אוממענטשלעכסטע מאטערנישן נאָר וואָס דער טייוול האָט גע־קאָנט אויסטראכטן. און מיט זייערע גרויזאמקייטן האָבן זיי דעם נאָמען פון גאָט פאר די דאָזיקע אומגליקלעכע מענטשן געמאכט א נאָמען פון שאנד . . . די רוימער . . . האָבן געגנוג מלחמות געפירט קעגן די פעלקער פון דער ערד כדי אוועקצורויבן זייערע רייכקייטן, אָבער די שפאנישע גרויזאמקייטן האָבן ניט קיין פארגלייך אין דער געשיכטע. יענע לכל הפחות האָבן זיך צופרידנגעשטעלט מיט בארויבן די פעלקער וועלכע זיי האָבן באזיגט, ניט אויסמאָרדנדיק זיי . . . ” 3)

וועגן דעם דאָזיקן היסטאָריקער אליין איז ווינציק באקאנט, אפילו ניט וועגן זיין געבוירן־פלאַץ, אָדער געבוירן־יאָר, אָדער וועגן דעם יאָר פון זיין טויט. עס איז נאָר באוואוסט אז ער איז ביי פראָפעסיע געווען אן אדוואָקאט. דאָס מיינט, פארשטייט זיך, ניט, אז מען דארף דרינגען אז ער איז געווען א ייד. עס קאָן דאָך אָבער קיין ספק ניט זיין, אז ער האָט א טייל פון זיין דער־ציאונג געהאט צו פארדאנקען יידן, מיט וועמען קאָנטיק ער איז געווען באַ־פריינדט גייסטיק ווי געזעלשאפטלעך. צי האָבן זיי געהאט א אינטערעס אין זיין אונטערגענומענער נסיעה צו דעם ווייטן, אומבאקאנטן לאנד? דאָס איז שווער צו זאָגן, אָבער עס לאָזט זיך גלויבן אז זיינע יידישע פריינט האָבן געוואוסט פון זיין געפלאנטער אוואנטיורע.

צו דער אייגענער עפּאָכע קאָן אויך צוגערעכנט ווערן די מערקווערדיקע לעגענדע מיט וועלכער די ערשטע אָנהייבן פון יידישער געשיכטע אין קאנאדע זיינען ארומגעשפונען. די לעגענדע באציט זיך אויף אנרי דע לעווי, הערצאָג פון וואנטאדור, וועלכער איז געווען וויצע־קעניג פון ניי־פראנקרייך (1625־27) און זאָל האָבן געשטאמט פון יידן.

דער נאָמען „דע לעווי” אָדער „דע לעוויס” איז ענג פארבונדן מיט פארשיידענע פעריאָדן אין דער קאנאדער געשיכטע, און איז עד היום פארבליבן אין דער געאָגראפישער נאָמענקלאטור פון דער פראָ־ווינץ קוויבעק. שאמפלען נאָך דערמאָנט א פלאָץ מיט אזא נאָמען, ווען ער באשרייבט אין 1629 זיין רייזע קיין קאנאדע. ער רופט עס „קאפּ דע לעווי”, שפּעטער באוואוסט ווי „פּונקט דע לעווי”. 4) דאָס האָט זיך דעמאָלט באַ־

3) דאָרטן, באנד 2, ז. 431 און 432.

4) אויף פראנצויזיש “de Lévy” און אפילו “de Lévi”

צויגן אויפן וויצע־קעניג און עס איז א טעות צו פארבייטן עס מיטן שפעטער־דיקן גענעראל דע לעווים, זיין אפשטאמער. נאך גענעראל דע לעווים, וואס האט פאר פראנקרייך אויסגעקעמפט איר לעצטן נצחון אין קאנאדע, הייסט היינט די שטאט לעווים. 5)

אויף דעם גרונט דערפון האט זיך געשאפן די לעגענדע, אז דער פאר־טרעטער פון לואי דעם 13טן אין קאנאדע דעמאלט, כאטש ער האט געשטאמט פון העכסטן פראנצויזישן אדל, איז געווען פארוואנדט מיט יידן, הגם די דאזיקע קרובעשאפט איז געווען א גאנץ ווייטע. די וואס האבן זיך געפרואווט עס נאכפארשן האבן זיך בלויז אנגעשטויסן אויף די באזונדערע נוסחאות אין וועלכע דאס ווערט איבערגעגעבן, און וואס פירן אונדז צום אייגענעם לעגענדארישן הינטערגרונט פון דע לעווים יידישן אפשטאם. עס ווערט למשל דערציילט אז אין דער פאמיליען־קאפליצע פון די דע לעווים אין פראנקרייך זאל זיך האבן געפונען א בילד פון מרימען און איינעם פון די דע לעווים, וואס איז געשטאנען פאר איר, דאס היטל אין האנט, מיט א בלויזן קאפ. „דעקט אייך צו, קוזין", האט מרים צו אים זיך אפגערופן, לויט דער אויפשריפט אונ־טערן בילד. און יענער האט דערויף געענטפערט: „דאס איז, קוזינע, צוליב מיין באקוועמלעכקייט". און דאס ווערט אויך איבערגעגעבן אין אן אנדער נוסח. מרים זאל צו אים האבן געזאגט: „זעצט אייך אנידער, קוזין". און דער ענטפער איז געווען: „ניין, קוזינע, איך שטיי פון מיין באקוועמלעכקייט וועגן". 6)

אינטערעסאנט איז, וואס אויף דעם משפחה־הערב פון דעם הערצאג פון וואנטאדור האבן צווישן אנדערע עמבלעמישע צייכנס זיך אויך געפונען דריי שטערנדלעך ווי „מגן דודס". דאס דארף געוומען ווערן אין צוזאמענהאנג מיט נאך זאכן וואס ווערן וועגן אים דערציילט און וואס רינגלען ארום זיין פערזאן מיט א מאדנער מיסטישקייט. אסך וויכטיקע פרטים פון זיין לעבן זיינען פאר־בליבן אומבאקאנט, וואס האט בכלל געגעבן פלאץ פאר דאס לעגענדארע ארום אים. אזוי למשל באהויפטן אייניקע אז ער איז געשטארבן בעת ער איז נאך געווען א יונגערמאן פון א יאר 35, און אן אנדער מיינונג איז פאראן אז ער האט דערגרייכט דעם היכן עלטער פון 84 יאר. פסיכאלאגיש קאן מען אפשר אויך געפינען א שייכות צווישן זיין ווייטן יידישן אפשטאם און זיין ארבעט צו באפעסטיקן דעם קאטאליציזם אין דער נייער קאלאניע. ער האט אין דער דאזיקער ארבעט זיך געהאט אריינגעווארפן מיט א כמעט איבער־

---

5) זע וועגן דעם J.-EDMOND ROY, Histoire de la Seigneurie de Lauzon, Vol. I, p. 20 et seq. פארגלייך אויך מאקס דזש. קאהלער, פובליקא־ציעס, אמ. ייד. היסט. געז., באנד פיר, ז. 87.

6) Le Moniteur Universel (Paris), 19 décembre 1881.

נאטירלעכן ענטוזיאזם — פיל מער איידער זיין פארגייער און די וואס האבן זיין פלאץ פארנומען נאך אים.

צו מער דירעקטע אויספירן וועגן דעם פריען פארבינד פון יידן מיט קאנאדע קומען מיר, ווען מיר שטויסן זיך אן אויף נאך נעמען פון יידישן אפשטאם אדער וואס קלינגען יידיש. אויף דעם אופן זעען מיר אז איינער פון די ערשטע קאטאלישע מיסיאנערן וואס איז אהער אריבערגעקומען, דער יעזואיט ביאר (אנגעקומען אין פארט־ראיאל, 1611), איז געווען אן אייניקל פון די מאראנען. זיין נאמען דערמאנט מיט זיך אן ארט אין שפאניע וואו עס האט פאר דעם גירוש פון 1492 זיך געפונען א יידישע קהילה. אין פראנק־רייך איז דער נאמען אריבערגעבראכט געווארן דורך די אנוסים, וואס האבן אומעטום וואו זיי זיינען געקומען זיך גערופן לויט די ערטער פון וועלכע מען האט זיי ארויסגעטריבן, ווי „טאלעדאנא", „וואלענצי", „אלמערײדא", אאז"וו. די יידן פון בעיאר, א פלאץ דרום־צו פון דער שפאנישער פראווינץ סאלא־מאנקע, זיינען אהין אריבערגעקומען דורך נאווארע. זייער נאמען איז מיט דער צייט דורכגעגאנגען אזעלכע גלגולים ווי בעראר, בראר (מיט א „ד" ביים סוף), בערארדי, בערארדא, באר, ביאר (מיט א „ד" אדער „ט"), און אנדערע. 7)

וויסנדיק אז מען האט די יידן אין פראנקרייך דעמאלט ניט טאלערירט און אז אסך פון די אנטלאפענע אנוסים, וואס זיינען מיד געווארן צו קעמפן אנטקעגן דעם שווערן גורל וואס האט זיי אומעטום פארפאלגט, האבן זיך געלאזט פאר־שווינקען פונט שטראם און זיך איינזאפן פון דער סביבה — קאן פאר אונדז ניט זיין קשה, וואס איינער פון די ערשטע קריסטנטום־פרעדיקערס צווישן די אינדיאנער פון אקאדיע זאל האבן געשטאמט פון יענע מאראנען.

אבער יידן האבן אונטערן פראנצויזישן רעזשים נאך שוין אויף אזוי ווייט געהאט באטראטן קאנאדע, הגם עס איז שווער צו זאגן דורך וואס פאר א צופאל, אז מיר געפינען א פאר יידישע נעמען אפילו אין דער דעמאלטיקער מיליץ פון לאנד. א יוסף דא סילווא, קאנטיק א פארטוגעזער ייד, איז געווען א קרעדיטאר פון דער רעגירונג פון ניי־פראנקרייך. ער האט געוואוינט אין מאנטרעאל און ער ווערט באצייכנט אין א געוויסן דאקומענט פון יענער צייט ווי „דער אזוי גערופענער פארטוגעזער". זיין נאמען און דאס ווארט „פארטוגעזער" לאזן ניט איבער קיין ספק אז ער איז געווען א ייד, הגם עס איז זיכער אז אין דער עפנטלעכקייט האט ער עס ניט געקאנט זיין.

א „מאראנדא", וואס זעט אויס צו זיין פארגרייזט פון מיראנדא, טרעפט מען אן אין א רעגיסטער פון 1711. דעם דאזיקן נאמען האט אהער אריבערגע־בראכט א יידישע משפחה פון בעיאן. א יעקב קאסטע (קאסטא?) ווערט דער־

7) Le Mercure de France, 1 mars 1922.

מאָנט אין א דעקלאראציע פון 1744, און דאָס זעלביקע מיט נאָך נעמען. דאָס אלץ זיינען פאראייניצלטע פאקטן. אָבער עס איז פון דעם קלאָר אז קינדער פון די אמאָליקע מאראנען וואָס האָבן געהאט ארונטערגעוואָרפן פון זיך די אלטע יידישע ירושה, האָבן זיך געפונען אין קאנאדע אין פארשיידענע פעריאָדן פון פראנקרייכס הערשאפט. דאָס ברייגנט אונדז אויך צום פאָזיטיוון אויס־פיר, אז מען האָט אין דער קאָלאָניע גערן אויפגענומען אפילו די פון יידישן אָפשטאַם, אויב נאָר זיי האָבן געקאָנט אָדער געוואָלט איבערגיין צום קאטאָ־ליציזם. די צאָל פון אזעלכע האָט אָבער מסתמא געמוזט זיין גאנץ קליין. עס פארשטייט זיך, אז אין אלע פאלן האָבן די דאָזיקע זיך גוט איינגעלעבט מיט די קאָלאָניסטן און מיט זיי זיך אויסגעמישט.

אהער געהערט אפשר אויך די מאָדנע דערציילונג וואָס ווערט איבערגע־געבן אין א דאָקומענט צווישן די ענגלישע ארכיוון. דאָס איז א באריכט פון קוירנעל דייוויד דאָנבאר, פון 25טן אויגוסט 1732, אין וועלכן ער איז מודיע אז ביי לואיזבורג זאָלן זיך האָבן געפונען „זעקס פראנצויזישע קריגשיפן פול מיט יידן, צו באזעצן זיי אויפן סט. דזשאָן אינדזל (היינט פרינץ עדווארד אינדזל ביי דער גרינער בוכט", און אז די פראנצויזן וועלכע געפינען זיך דאָרט וועלן „באזאָרגן און אויסהאלטן דעם דאָזיקן ניי־געפלאנטן ישוב אין סט. דזשאָן מיט ברויט, תבואה און בהמות, אויב מען וועט זיי לאָזן". 8)

די מעשה קלינגט היפש פאנטאסטיש און עס איז איבעריק צו זאָגן אז זי איז געווען ווייט פון אמת. עס איז אָבער מעגלעך אז דאָס איז געווען געבויט אויף דעם וואָס האנדלשיפן פון פראנצויזישע יידן, בפרט נאָך מיט ביבלישע נעמען, האָבן דעמאָלט פארקערט צווישן פראנקרייך און אירע אמע־ריקאנער קאָלאָניעס. אָבער קיין שיף אזא האָט זיך ניט געהאט געפונען ביי לואיזבורג פריער, ווי ערשט מיט אָנדערטהאלבן צענדליק יאָר שפעטער.

צום ערשטן מאָל ווערט וועגן יידן ווי אזעלכע דערציילט אין קאנאדע אין שייכות מיט צוויי מאָדנע פאסירונגען. איינע פון זיי קלינגט ווי עפּעס א קוריאָז, בעת אין דער אנדערער פילט זיך א ווידערקול פון יענע צייטן ווען יידן האָבן נאָך געלעבט אונטער דעם שאָטן פון דער אינקוויזיציע.

א יידישע מיידל, פארשטעלט פאר א בחור אונטער דעם נאָמען „זשאק לא פארג", איז אין סעפּטעמבער 1738 אָנגעקומען קיין קוויבעק אויף דעם שיף „סען מישעל". דער פאסאזשיר האָט געצויגן מיט זיך באזונדערע אויפ־מערקזאמקייט, ביז מען האָט געמאכט די מערקווערדיקע אנטדעקונג אז דער שיינער, לוסטיקער יונגערמאן מיט די ראפינירטע מאנערן איז גאָר ניט געווען

8) Public Record Office, Board of Trade, Nova Scotia, Vol. VII. E29.

קיין „זשאק", נאָר א „אסתר" — אסתר בראַנדאַ, אזוי האָט זי געהייסן. דער אינטענדאנט האָט די יידישע מיידל געלאָזט ארעסטירן און ניט האָבנדיק קיין פאסיקן פלאץ פאר איר, האָט מען זי אָפּגעפירט אין קוויבעקער שפּיטאָל וואו מען האָט זי געהאלטן אונטער אויפזיכט. צווישן דעם מיניסטער פון די קאָלאָ־ניעס מיט דעם אינטענדאנט האָט זיך דאן פארבונדן א פראגע וואָס צו טאָן מיט איר, ביז דער פראנצויזישער קעניג אליין האָט זיך געמוזט ארייננמישן און פסקנען די שאלה מכוח די קאָסטן אויף אומצוקערן זי צוריק קיין פראנקרייך.

דער דאָזיקער פאל ווערט באטראכט פאר טשיקאווע און עס ווערט וועגן אים מיט גענויקייט איבערגעגעבן אין די ארכיוון. אין זיין ערשטן באריכט אין וועלכן ער איז דעם מיניסטער מודיע וועגן אסתר בראַנדאַ, שרייבט האָקאר, דער אינטענדאנט: „זינט איר אָנקומען קיין קוויבעק, האלט זי זיך זייער צוריקגעצויגן. זי זעט אויס צו האָבן א חשק אָנצונעמען קאטאָליציזם, אָבער האָט מורא אז אימיצער פון אירע קרובים זאָל ניט קומען צופאָרן און זי דאָ געפינען". 9)

דער אינטענדאנט האָט מיט איר ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. מען האָט זי אין שפּיטאָל לאנג ניט געקאָנט האלטן און מען האָט געמוזט פאר איר געפינען אן אנדער פאסיקן פלאץ. חוץ דעם איז די געשיכטע וואָס די מיידל האָט דער־ציילט געווען א גאנץ אויסטערלישע, לויט דער פאָלגנדיקער דעקלאראציע אירער פאר דעם מארין־קאָמיסאר פון קוויבעק, פון וועלכער מיר גיבן דאָ איבער א טייל. די דעקלאראציע טראָגט די דאטע 15טער סעפטעמבער 1738:

„אסתר בראַנדאַ, ארום צוואנציק יאָר אלט, איז אין בחורשע קליידער און אונטער דעם נאָמען זשאק לאפארג אויפגעשטיגן אין לא ראָשעל אויף דעם שיף „סען מישעל", קאָמאנדירט פון סיער דע סאלאבערי. זי האָט דערקלערט אז זי איז די טאָכטער פון דוד בראַנדאַ, א יידישער סוחר פון סט. עספרי, לעבן בעיאָן, און אז זי איז פון יידישן גלויבן; אז מיט פינף יאָר צוריק האָבן איר פאָטער און מוטער זי ארויפגעזעצט אויף א האָלענדישן שיף „קאפּיטאן געאָפּראָי", כדי זי צו שיקן קיין אמסטערדאם צו אירער א מומע און א ברודער; אז דאָס שיף איז פארלאָרן געגאנגען ביים זאמדבערג פון בעיאָן אין אפּריל אָדער מאי 1733, נאָר זי האָט זיך געראטעוועט מיט איינעם פון דער מאנשאפט און מען האָט זי אויפגענומען אין דעם הויז פון קאטערין שוריאָ, אן אלמנה וואָס וואוינט אין ביאריס; אז זי האָט שפּעטער, פארשטעלט פאר א מאן, זיך אוועקגעלאָזט קיין באָרדאָ, פונוואנען זי איז אָפּגעפאָרן מיט א שיף,

9) JOSEPH MARMETTE, Report on Canadian Archives, 1886. Introduction, p. xxxiii.

קאָמאנדירט פון קאפיטאן בערנאר, וואס איז געגאנגען קיין נאנט; אז זי איז מיט דעם זעלביקן שיף צוריקגעקומען אין באָרדאָ, וואו זי האָט פונדאָסניי און אויף דעם אייגענעם אופן זיך אויפגעזעצט אויף א שפּאנישן שיף, „קאפיטאן אנטאָניאָ", צו פאָרן ווידער קיין נאנט; אז קומענ־דיק אין נאנט, האָט זי דעזערטירט און איז אוועק קיין רען, וואו זי האָט זיך געשטעלט ארבעטן ווי א בחור־געזעל", אאז"וו, אאז"וו.

אויף דער פראגע, פארוואס זי האָט פינף יאָר צייט פארבאָרגן איר גע־שלעכט, האָט זי געענטפערט אז נאָכדעם ווי זי האָט זיך געראטעוועט פון שיפבראָך און איז אין בעיאָן אנגעקומען אין הויז פון קאטערין שוריאָ, ווי אויבן דערציילט, האָט די לעצטע זי „געצוואונגען צו עסן חזיר און אנדערע פליישן וואס זיינען פארבאָטן פאר יידן. זי האָט דאן באשלאָסן מער קיינמאָל ניט אומצוקערן זיך צוריק צו איר פאָטער און מוטער כדי צו קאָנען געניסן פון דער זעלביקער פרייהייט וואס די קריסטן". 10)

מען האָט וועגן דעם ענין צוזאמענגעשטעלט א פּראָטאָקאָל צום מיניס־טער אין פראנקרייך, און דער לעצטער האָט דערויף געענטפערט דעם אינ־טענדאנט, באמערקנדיק אז ער צווייפלט שטארק אין דעם וואס די מיידל דערציילט. „איך ווייס ניט", שרייבט ער, „אויב מען זאָל אינגאנצן גלויבן אין דער דערקלערונג פון אסתר בראנדאָ וועלכע איז לעצטן יאָר, פארשטעלט פאר א בחור, אָפּגעפאָרן קיין קאנאדע מיט דעם שיף „סען מישעל" און זאָגט אז זי איז א יידישקע. ווי אָבער דאָס זאָל ניט זיין, בין איך מסכים דערמיט וואס איר האָט זי אריינגעלאָזן אין קוויבעקער שפּיטאָל און איך וועל זיין צופרידן צו הערן אז זי האָט זיך געשמדט. איר דאַרפט, חוץ דעם, צו איר זיך באציען לויט ווי זי וועט אין דער קאָלאָניע זיך אויפפירן און לויט די אויס־קונפטן וואס סיער פּעליסיע, אָרדינאטער פון בעיאָן, וועט וועגן איר אייך געבן". 11)

עס איז קאָנטיק אז מען האָט אויף דער מיידל זיך שטארק געפּרואווט ווירקן אז זי זאָל זיך שמדן. מען האָט געהאלטן זי אין איין צוריידן צו דעם, אָבער זי האָט דערפון ניט געוואָלט הערן. גאָר די רייד וואס אירע „אונטער־ריכטערס" האָבן דערויף באנוצט איז געווען ארויסגעוואָרפן און מען האָט דעריבער לסוף באשלאָסן זי אָפּצושיקן צוריק קיין פראנקרייך. אין א בריוו צום מיניסטער, באקלאָגט זיך דער אינטענדאנט אז מען קאָן מיט דער יידישער

10) Public Archives of Canada: Archives Nationales, Archives des Colonies (דופליקאטן פון פראנצויזישע נאציאָנאלע ארכיוון), סעריע, באנד 70, זייטן 66־69.

11) דאָרטן (די זעלביקע דופליקאטן), סעריע B, באנד 1־68, זייט 140.

מיידל גאַרנישט מאכן. „איר אויפפירונג", שרייבט ער, „איז ניט געווען אינ־גאנצן שלעכט, אָבער זי איז אזוי לייכטזיניק, אז זי איז אין פארשיידענע צייטן געווען אי געהאַרכזאם אי איינגעשפּארט בנוגע די אינסטרוקציעס וואָס די גלחים האָבן איר געוואָלט געבן. איך קאָן אנדערש ניט טאָן, ווי זי צוריקשיקן. סיער לאפערג, קאפּיטאן פונם שיף „לע קאָנט דע מאטינאָן", פון לא ראָשעל, וועט עס נעמען אויף זיך". 12)

די פראגע איז שפּעטער אויפגעשוואומען ווער עס זאָל ליידן די קאָסטן דערפון. דאָס איז געווען א הארבע זאַך צום אנטשיידן, ביז לואי דער 15טער האָט די שווערע קשיה פארענטפערט. ער האָט זיך געמוזט אריינמישן, נאָכדעם ווי מען האָט אים באקענט מיט דעם פּראָבלעם וועגן דער יידישער מיידל, און דערקלערן אז ער אליין, דאָס הייסט דער שטאַט, וועט אינדעמניזירן דעם אייגנטימער פון שיף וואָס האָט די יידישע מיידל דאן שוין געהאט געבראכט צוריק קיין פראנקרייך. דאָס איז געווען דער איינציקער אויסוועג. אויב ניט שמדן זיך, אויב ניט אָננעמען דעם קאטאָלישן גלויבן, ווי מען האָט עס געוואָלט אז זי זאָל טאָן, דאן האָט מען עס באטראכט פאר באזונדערס וויכטיק צו נעמען קעגן איר ענערגישע מיטלען. וועגן איר אויפהאלטן זיך אין ניי־פראנקרייך האָט מער קיין רייד ניט געקאָנט זיין. מען האָט זי געמוזט ארויסשיקן.

דאָס ארויסשיקן די איינגעשפּארטע, איינגעעקשנטע מיידל וועגן וועלכער עס האָבן צווישן פראנקרייך און איר קאָלאָניע אין צפון־אמעריקע געהאלטן אין גיין שטאפעטן הין און צוריק, איז דורכגעפירט געוואָרן אויסשליסלעך אויף דער פאַראָרדענונג פון דעם קעניג אליין, וועלכער האָט אונטער דער צייט „גענומען א האנט" אין דער זאַך. דאָס איז געווען דאן, ווען דער ענין פון איבערשיקן זי איז געוואָרן שוין אַן „אָפיציעלע אפערע", און עס זיינען צווישן אים און דעם מיניסטער פאר די קאָלאָניעס פארגעקומען קאָנפערענצן מיט אוידיענצן.

אין א בריוו וואָס ער האָט געשריבן צום פראנצויזישן פלאָטן־אדמיראל, וואָס טראָגט די דאטע 25טער יאנואר 1740, איז דער קעניג צווישן אנדערן אים מודיע, אז נאָכדעם ווי „מיין קוזין, סיער האָקאר, אינטענדאנט פון קאנאדע, האָט מיט דעם שיף „לע קאָנט דע מאטינאָן", פון לא ראָשעל, אויף מיינע באפעלן אָפּגעשיקט די יידישע מיידל אסתר בראנדאָ צוריק קיין פראנק־רייך, האָט סיער לא פּוענט, אייגנטימער פון דעם דאָזיקן שיף, צו מיר זיך

12) דאָרטן (די זעלביקע דופּליקאטן), סעריע F, באנד 71, זייט 132. זע וועגן דעם אויך "La Petite Histoire" אין La Presse (מאָנטרעאל) פון 16טן פעברואר 1924.

געזוענדט וועגן באלוינען אים פאר פאסאזשיר־געלט . . . 13) און ווי מען קאָן זען פון א וויכטעררדיקער שטעל אין דעם אייגענעם בריוו, האָט דער קעניג באוויליקט דעם פארלאנג.

דערמיט האָט זיך געענדיקט די מערקווערדיקע אוואנטיורע פון יענער יידישער מיידל, וואס האָט א פארשטעלטע פאר א מאטראָז אָדער קאבין־יינגל אזוי לאנג ארומגעוואנדערט. זי איז געווען די ערשטע יידישע „אימי־גראנטקע" אזוי צו זאָגן וועלכע האָט זיך דערזען ביי די ברעגעס פון קאנאדע, וואוהין דער צופאל האָט זי דאן געבראכט. פון די אָנגעגעבענע דאטעס איז צו זען אז זי האָט אין לאנד זיך געמוזט אויפהאלטן א יאָר צייט. פון די אומ־שטאנדן פון וועלכע איר אויפהאלטן זיך דאָ איז געווען באגלייט, קאָן מען גאנץ באשטימט דרינגען אז קיין יידן האָבן אין קאנאדע דעמאָלט זיך זיכער ניט געפונען.

אז אנדער מאָדנע מעשה האָט פאסירט מיט א האָלענדישן יידן, דאָס גלייכן א פאסאזשיר אויף א שיף. אָבער דאָ איז די זאך צוגעגאנגען אויף א גאנץ אנדער אופן. עס לאָזט זיך שטארק גלויבן אז דאָ האָט מען אויך באנוצט א היפש ביסל צוואנג. אין דעם פאל מכוח וועלכן עס האנדלט זיך, האָט עס שטארק דערמאָנט אין די צייטן אין וועלכע יידן האָבן דאן נאָך געלעבט אין געוויסע טיילן אייראָפּע. עס האָט זיך געפילט א הויך פון דער סביבה וואס האָט דערמאָנט אין דעם אינקוויזיטאָרישן דרוק פון שפאניע, דער דרוק וואס האָט זיי פארפאָלגט אפילו לאנג נאָך גירוש שפאניע — אז זיי זאָלן אָננעמען

---

13) ווי א טשיקאוון דאָקומענט, גיבן מיר דאָ איבער דעם גאנצן בריוו אין אָריגינאל:

"Lettre du Roy à M. l'Amiral.

A Versailles, le 25 Janvier 1740.

"Mon Cousin le Sr. Hocquart intendant en Canada ayant fait embarquer A Québec sur le Navire Le Comte de Matignon de La Rochelle la noée Esther Brandeau Juive qu'il avoit a renvoyer en france en exécution de mes ordres, et le Sr. La Pointe, propriétaire et armateur de ce navire m'ayant fait représenter que pour l'indemniser des fraix de ce passage il demandoit a estre dispensé d'embarquer sur le premier navire qu'il armera pour le Canada deux Engagez sur le nombre qu'il serait tenu d'y embarquer aux termes de mon Reglement du 15 Novembre 1728, j'ay accordé cette dispense a cet armateur, et je vous fais cette Lettre pour vous dire que mon intention est que nonobstant ce qui est porté par ce Reglement, il soit exempt d'embarquer ces deux engagez de moins, sans estre tenu de rien payer pour raison de ce, et que les expéditions necessaires pour la Navigation de Son Navire Luy soient delivrées au Siege de l'amirauté de La Rochelle. Et La pointe n'estant a autre fin &c. Ecrit a Versailles le 25 janvier 1740." (Public Archives of Canada: Archives Nationales. Archives des Colonies .13 .ז ,71 באנד ,B סעריע ,(די דערמאָנטע דופליקאטן)

קריסטנטום. דער ייד איז אין דעם יאָר 1752 געפאָרן מיט דעם שיף „לא פריפאָן”, וואָס איז געגאַנגען קיין קאנאדע, און ווען ער האָט זיך געפונען אויפן מיטן ים האָט מען אים געטויפט, „נאָך דעם ווי מען האָט אים אויפגע־קלערט וועגן דעם רוימיש־קאטאָלישן און אפּאָסטאָלישן גלויבן און ווי ער האָט אָנדערקענט די פאלשקייט און דעם גרויל פון דער יידישער רעליגיע”, ווי דאָס ווערט דערציילט. מען קאָן זיך אָבער פאָרשטעלן ווי די „אויפקלערונג” האָט געמוזט צוגיין, מחמת עס איז קלאָר אז דער דורכגעפירטער אקט האָט ניט געקאָנט זיין קיין פריוויליקע זאך. עפּעס גלויבט זיך שווער אז א ייד פון האָלאַנד זאָל דעמאָלט זיך האָבן געלאָזט פאָרן קיין ניי־פראנקרייך כדי אָנצונעמען קריסטנטום.

ווען דאָס שיף איז אָנגעקומען קיין לואיזבורג, האָט מען דעם יידן ארונ־טערגענומען און מען האָט אין דער אָרטיקער קאפּליצע מיט פייערלעכקייט דורכגעפירט די שמד־צערעמאָניע פונדאָסניי, אין דער אַנוועזנקייט פון קאָנט דע רעמאָן, גאָווערנאָר פון אקאדיע, און אנדערע פערזאָנען. אפּנים אז מען האָט אין ניי־פראנקרייך דאן עס באטראכט פאר א נויטיקער זאך צו באקערן צו קריסטנטום א יידן, ווייל אניט וואָלט ער זיך דאָ ניט געקענט אויפ־האַלטן, — און פאר וויכטיק טאקע צוליב דער „מצוה” דערפון אליין. די געשיכטע ווערט באשריבן אין א געוויסן דאָקומענט אונטער פיר אונטער־שריפטן וואָס באשטעטיקן דעם דורכגעפירטן אקט. 14)

אָט די דאָזיקע צוויי דערמאָנטע פאלן, טיפּיש ווי זיי זיינען געווען פאר דער צייט צו וועלכער זיי געהערן, זיינען די ערשטע וואו עס ווערט אין די קאנאדער ארכיוון דייטלעך דערמאָנט וועגן יידן. עס איז אָבער לייכט אָנצו־נעמען אז אין די יאָרן וואָס זיינען פאָרלאָפן פון איין עפּיזאָד ביז צום אַנדערן, האָבן מסתמא נאָך א פּאָר פון זיי באזוכט די צפון־אמעריקאנער קאָלאָניע. מען האָט בלויז ניט געוואוסט אז דאָס זיינען געווען אחינו בני ישראל, אז זיי האָבן געהערט צו די וואָס האָבן איבער זייער רעליגיע דאָ ניט געטאָרט פאָרבלייבן.

באזונדערס האָבן יידן אין די לעצטע יאָרן פון פראנצויזישן רעזשים געגומען קומען מיט ניי־פראנקרייך אין באריר, צוליב אזעלכע אָדער אנדערע סיבות. די הויפּט סיבה, ווי מען קאָן זיך עס משער זיין, האָט נאטירלעך געמוזט זיין מסחר, וואָס האָט אהער פון צייט צו צייט געהאט געבראכט פארשיידענע רייזנדיקע. אָבער מצד יידן האָט דער דאָזיקער מגע־ומשא מיט דער קאָלאָניע געמוזט זיין א גאנץ אומבאדייטנדיקער, ניט געקוקט דערויף וואָס זיי האָבן אין דער מסחר־וועלט ארום יענער צייט געשפּילט אזא גרויסע ראָל.

---

14) דאָרט (די זעלביקע דופליקאטן), Etat Civil-Louisburg. 1752-1754. סעריע F, באנד 179, זייט 16.

דאָס איז דערפֿאַר ווייל דער פּאַרקער מיט ניי־פֿראַנקרייך איז ערשטנס געווען א שווערער, און צווייטנס — מחמת עס איז פֿאַר יידן דאָ, ווי אין די אַנדערע פֿראַנצויזישע קאָלאָניעס, ניט געווען מעגלעך צו קאָנען לאַנג פֿאַר־בלייבן און זייער ייִדישקייט זאָל ניט ציִען קיין אויפֿמערקזאַמקייט. אונטער אַזעלכע אומשטאַנדן האָט א צייטווייליקער באַזוך פֿון אימיצן פֿון זיי, אפילו צוליב צוועקן פֿון האַנדל אָדער כדי אויסצוגעפֿינען די מעגלעכקייטן וואָס זיינען דאָ געווען פֿאַר האַנדל, געמוזט זיין א ניט גאָר אָפּטע געשעעניש.

פֿונדעסטוועגן זעען מיר אַז פֿון די פֿריִע צייטן אָן האָבן זיי געשפּילט ניט קיין קליינע ראָל ביים אַנטוויקלען און אויסברייטערן פֿראַנקרייכס אינטערעסן, און אַז זיי האָבן גענומען א גרויסן אָנטייל אין דעם האַנדל פֿון די פֿראַנ־צויזישע אינדזלען אין אַמעריקע. דאָס זיינען דאָס רוב געווען פּאָרטוגעזער יידן, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן גרויסע פֿעיִקייטן צו מסחר און וואָס האָבן דערמיט זיך אָפּגעגעבן. אָט די דאָזיקע ראָל זייערע איז מיט דער צייט געוואָרן אַלץ גרעסער. זיי האָבן זייערע קאָמערציעלע עסקים אָנגעפֿירט אויף א היפּשן מאַסשטאַב, און דורך דעם געהאָלפֿן שאַפֿן א נאָענטע פֿאַרבינדונג צווישן דעם מוטערלאַנד מיט דער וויטער אימפּעריע. אויף אַזאַן אופֿן האָבן זיי געוואונען דעם צוטרוי פֿון די איינפֿלוסרייכע קרייזן און די מענטשן וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צום קעניג. דער לעצטער האָט זיי פֿאַר דעם צוועק אפילו געהאָט באַוויליקט ספּעציעלע פּריווילעגיעס. אין דעם זכות פֿון אַזעלכע פּריווילעגיעס האָבן זיי אויך געקאָנט קומען קיין קאַנאַדע ווען זיי וואָלטן דאָס געוועלט.

אַזוי פֿרי ווי אין 1724 הערן מיר פֿון דער פֿראַנצויזיש־יידישער האַנדל־פֿירמע „דוד און מענדעס", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין סאַן דאָמינגאָ, און מיט דריי יאָר שפּעטער אויך אין איינער פֿון די קלענערע פֿראַנצויזישע אַנטילן. אָבער פֿיל פֿריִער נאָך ווי דאָס, האָבן יידישע האַנדלשיפֿן און אונטער אַזעלכע נעמען ווי „דוד" (גערופֿן אויך „מלך דוד") און „מלאך מיכאל", אָנגעפֿירט דעם פּאַרקער צווישן פֿראַנקרייך מיט אירע אַמעריקאַנער אינדזלען. דער פֿראַנצויזישער קאָלאָניאַלער מסחר האָט אויפֿגעבליט אין דער מאָס וואָס דער יידישער אָנטייל אין אים איז געוואָרן גרעסער. דאָס איז אָבער געוואָרן מעגלעך ערשט נאָך די ספּעציעלע תקנות פֿון יאַנואַר 1716 און די קעניגלעכע פּאַטענט־בריוו פֿון אַפּריל 1717, וואָס האָבן דעם דאָזיקן מסחר רעגולירט.

פֿאַרשטייט זיך, אַז די אייגענע תקנות האָבן אויך רעגולירט דעם קאָמערציעלן פּאַרקער וואָס פֿראַנצויזישע יידן האָבן געקאָנט האָבן מיט דער וויטער קאַנאַדער קאָלאָניע. דאָס האָט אַזאַ פּאַרקער אויך מעגלעך געמאַכט, און איינער פֿון זיי האָט דאָס אויפֿגענומען לויט א גאָר ברייטן פּלאַן.

### קאפיטל צוויי

## דער יידישער בייטראַג צו ניי־פראַנקרייך

אויף א גאַנץ באַזונדער אופן האָט אין דעם פריען האַנדל פון דער פראַנצויזישער אימפעריע זיך אויסגעצייכנט די משפחה גראַדיס. די דאָזיקע משפּחה האָט זיך געציילט צווישן די סאַמע אָנגעזעענסטע פּאָרטוגעזער יידן, וואָס האָבן נאָך פאַרשיידענע אומוואַנדערונגען זיך געהאַט באַזעצט אין פראַנק־רייך און דאָרט ענדלעך געפונען א מקום מנוחה.

אין די הענט פון אָט דער משפחה וואָס האָט פראַנקרייך געגעבן גרויסע פירערס פון קאָמערץ, די באַשאַפערס כמעט פון איר האַנדלס־מארין און דורך דער דאָזיקער האַנדלס־מאַרין — די פאַרטיידיקערס פון אירע ווייטע קאָלאָניאַלע באַזיצונגען, זיינען געלעגן אירע וויכטיקסטע אינטערעסן. מען קאָן זאָגן, אַז אויף ווי ווייט די אַלטע און די נייע וועלט האָבן דעמאָלט קאָנ־קורירט צווישן זיך און פראַנקרייך האָט אין דער דאָזיקער קאָנקורענץ געשפּילט אַזא ראָל, איז אין אירע הענט אין א גרויסער מאָס אויך געלעגן פראַנקרייכס גאַנצער גורל.

זינט דעם יאָר 1744 איז דער נאָמען גראַדיס אויך ענג פאַרבונדן מיט קאַנאַדע. און ער איז עס געבליבן פאַרבונדן ביז צום טאָג ווען עס איז אָפּגע־פּייערט געוואָרן דער לעצטער שאָס צו פאַרטיידיקן פראַנקרייכס אָנהאַלט אויף איר. שפּעטער, בעת מען האָט דעם קאַנאַדער אינטענדאַנט, פראַנסואַ ביגאָ, אַרעסטירט אין פּאַריז אויף דעם באַפעל פון לואי דעם 15טן „צו משפּטן די וואָס זיינען אין קאַנאַדע באַגאַנגען פאַרשיידענע אומערלעכקייטן" און וואָס האָבן דערמיט געבראַכט מאָנקאַלמס מפּלה, איז אברהם גראַדיס (1780־?1699) אויף דעם פאַרלאַנג פון דער רעגירונג פון ווערסאַיל אויפ־געטרעטן צו זאָגן עדות קעגן אים. ער איז געווען שטאַרק פּאָפּולער אין אָפיציעלע קרייזן וואו מען האָט צו אים געהאַט אסך צוטרוי. מיט זיין אָנ־שטריינגען זיך מיט אַלע כוחות צו העלפן אויפהאַלטן פראַנקרייכס פּרעסטיזש אין דער נייער וועלט, האָט ער זיך דערוואָרבן א באַזונדער אָרט אין דער געשיכטע פון פראַנצויזישן רעזשים אין קאַנאַדע בעת דער סוף פון דעם דאָזיקן רעזשים האָט זיך גענומען דערנעענטערן.

דער גרינדער פון יידישן באנק־ און געשעפטהויז פון באָרדאָ וואָס האָט אזוי פיל געטאָן פאר פראנקרייך, אנטוויקלענדיק אירע קאָמערציעלע אינטע־רעסן אָדער העלפנדיק באזאָרגן די מיטלען פון איר פארטיידיקונג בעת אירע מלחמות אין אמעריקע, איז געווען דוד גראַדיס, וועמען די שטאָט באָרדאָ האָט שפּעטער געערט, א נאָמען געבנדיק נאָך אים א גאַס. ער איז געווען באקאנט ווי דער „פּאָרטוגעזער סוחר״ און ער האָט געהאט געשעפטלעכע פארבינדונגען מיט ענגלאנד, האָלאנד, דרום־פראנקרייך און מיט די פראנצויזישע קאָלאָניעס. בלויז א פּאָר יידן האָבן ביז 1760 געהאט דעם כבוד וואָס מען האָט זיי אויפגענומען פאר בירגער פון דער שטאָט באָרדאָ, און דוד גראַדיס איז געווען איינער פון זיי. די דאָזיקע פּריווילעגיע איז אים געוואָרן צוגעטיילט דעם 29טן יאנואר 1731.

זיין פּלאַץ ווי פּארוואלטער־אייגנטימער פונם „גראַדיס הויז״ האָט שפּעטער איבערגענומען זיין עלטסטער זון, אברהם גראַדיס, וואָס איז גע־גאנגען אין דעם פאָטערס פוסטריט און האָט זיך נאָך מער אויסגעצייכנט ווי ער. דאָס איז געווען א מענטש מיט אויסערגעוויינלעכע פעיאיקייטן, איינער וואָס האָט באזעסן אסך יידישן שארפזין, א זעלטן קלוגן קאָפּ, ענערגיע, וויזיע, כאראקטער־פעסטקייט, און דער עיקר א פארשטענדעניש פאר די פּראָבלעמען אויף וועלכע ער האָט זיך אָנגעשטויסן. די דאָזיקע פּערזענלעכע מעלות האָבן אים פּרי געבראַכט אין באריר מיט די איינפלוסרייכע פראנ־צויזישע קרייזן פון זיין צייט און אויך מיט מאָסיע מאָורעפּאַ, דעם פּאר־טרויטסטן מיניסטער פון לואי דעם 15טן. מיט זיין חוש אָפּצומעסטן געוויסע זאכן, האָט ער זיך באזונדערס פאראינטערעסירט מיט דעם זיכערקייט־צושטאנד פון דער פראנצויזישער אימפּעריע אָדער בעסער געזאָגט, מיט דעם מצב פון פראנצויזישן אימפּעריאליזם בכלל.

ארום יענער צייט זיינען די פראנצויזישע קאָלאָניעס אין אמעריקע, און דער עיקר ניי־פראנקרייך, געווען זייער שוואך באשיצט. די רעגירונג האָט דערמיט זיך ניט פיל געקימערט. זי האָט דאָס מערסטנס איבערגעלאָזט צו פּריוואטע יחידים וואָס האָבן אויף איר אויפטראָג פון צייט צו צייט איבער־געשיקט אהין שפּיז פאר דער באפעלקערונג, אויך סאָלדאטן ווען מען האָט געדארפט. אברהם גראַדיס איז געווען איינער פון זיי. ער האָט אָבער צו זיין אויפגאבע זיך באצויגן מיט מער ערנסט און מיט א גרעסערער פלאנמעסיקייט ווי די אנדערע. ער האָט ניט געקאָנט פארשטיין, פארוואָס די פארבינדונג צווישן פראנקרייך מיט קאנאדע איז געווען אזא שוואכע, און ער האָט זיך עס גענומען פאררריכטן, שיקנדיק צו דער ווייטער קאָלאָניע האנדלשיפן מיט פארשיידענע זאכן, לויט ווי די רעגירונג האָט עס ביי אים באשטעלט. אויף

אזאן אופן האָט זיך ביסלעכווייז אנטוויקלט אַ אָפּטערער פארקער צווישן דער קאָלאָניע מיט דעם מוטערלאנד.

סוף חודש דעצעמבער 1744 האָט גראַדיס אויסגעריכט דאָס ערשטע שיף וואָס ער האָט אָפּגעשיקט קיין קוויבעק. דאָס איז געווען די „פּאָר־לואַי", וואָס איז געוואָרן קאָמאַנדירט פון קאַפּיטאַן פראַנסואַ דרואיע. מיט אַ יאָר שפּעטער האָט דאָס שיף זיך ווידער אַרויסגעלאָזט קיין ניי־פראַנקרייך, ווי אַ טייל פון דעם מיליטערישן קאָנוואַי וואָס האָט געהאַט באַגלייט די עקספּעדיציע פונם הערצאָג פון אַנוויל. די ענגלענדער האָבן דאַן געהאַט נאָר וואָס פאַר־נומען לואיזבורג, און דער פראַנצויזישער קעניג האָט דעם הערצאָג אינסטרו־אירט זיי פון דאָרט צו פאַרטרייבן. די עקספּעדיציע אָבער האָט זיך דאַן ניט איינגעגעבן. די גאַנצע עסקאַדרע איז צוטריבן געוואָרן פון גרויסע שטורעמ־ווינטן, נאָך דעם ווי זי האָט שוין געהאַט דערגרייכט שיבוקטו (היינט האַליפאַקס). טייל שיפן האָבן זיך אומגעקערט צוריק קיין פראַנקרייך, און טייל זיינען פאַרלאָרן געגאַנגען אויפן וועג. ניט ווייט פון סאַן דאָמינגאָ איז די „פּאָר־לואַי" געוואָרן איבערגעפאַלן פון דריי ענגלישע קריגשיפן. די „פּאָר־לואַי" האָט שטאַרק געקעמפט, און צום סוף האָט איר קאַפּיטאַן באַשלאָסן אַז אַנשטאָט דאָס שיף זאָל אַריינפאַלן צום שונא, וועט ער עס בעסער אַליין זינקען.

אין דעם קריג מיט די ענגלענדער פאַר דעם באַזיץ פון דעם „קעניגס אינדזל" (דער אינדזל פון קייפּ־ברעטאָן), מיט לואיזבורג ווי דעם הויפּט־ציל, וואָס האָט שפּעטער אויסגעבראָכן, איז גראַדיס געוואָרן זייער טעטיק. ער האָט באַזאָרגט פראַנקרייך מיט מערערע שיפן און אַליין אַכטונג געגעבן ווי אַזוי די שיפן זיינען געוואָרן באַוואָפנט און אויסגעריכט פאַר דער מיסיע. באַזונדער זיך אויסגעצייכנט אין יענעם קריג האָבן זיינע שיפן „דוד" און „סיפּערב". דאָס שיף „דוד" האָט אין 1748 געמאַכט עטלעכע רייזעס הין און צוריק, אויפהאַלטנדיק מיט ניי־פראַנקרייך דעם פאַרקער און פירנדיק פאַר איר אַמוניציע און עסנוואַרג.

יענער קריג מיט די ענגלענדער האָט די פראַנצויזישע קאָלאָניעס פון אַמעריקע געפונען אין אַ צושטאַנד, ביי וועלכן עס האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד. קאַנאַדע למשל איז געווען ווייניק באַשיצט, האָט ניט געהאַט קיין סאָלדאַטן, קיין אַמוניציע און קיין שפּייז, און עס איז אַפילו ניט געווען קיין געהעריקע פאַרבינדונג צווישן איר מיט פראַנקרייך. מען האָט אין ווערסאַיל בכלל געשאָנקען דער ווייטער קאָלאָניע קנאַפּע אויפמערקזאַמקייט. ווען דער גאַנג פון געשעענישן האָט אָבער אָנגע־הייבן אָננעמען זאַן אַנדער ווענדונג, האָט מען באַגריפן דעם טעות דערפון.

מען האָט דערזען ווי נויטיק עס איז דאָס אלץ צו פאַרריכטן און מיט ניי־פראַנקרייך צו שאַפן קודם כל א מער איינגעשטעלטן פאַרקער.

און די דאַזיקע אויפגאַבע דורכצופירן האָט געגומען אויף זיך גראַדיס. ער האָט אויסגעאַרבעט א פּלאַן, וואָס איז פאַר יענער צייט געווען ניי און געוואַגט. דאָס איז געווען איינצופירן א שטענדיקן שיף־פאַרקער מיט דער צפון־אַמעריקאַנער קאָלאָניע, און אויף אַזאַ אופן מעגלעך מאַכן מיט איר יענעם קאָנטאַקט וואָס האָט געפעלט. דער דאַזיקער פאַרקער האָט געזאָלט זיין אויף א קאָמערציעלן באַזיס. ער האָט זיין פּלאַן פאַרגעלייגט פאַר די אָפּי־ציעלע פירערס פון פראַנקרייך, מיט וועמען ער האָט זיך געזען. ער האָט וועגן דעם אויך געשריבן צו פראַנסואַ ביגאָ, דעם אינטענדאַנט פון קאַנאַדע, און צו זשאַק־מישעל בּרעאַר, דעם פראַנצויזישן מאַרין־קאָנטראָלער אין קוויבעק. פון די דאַזיקע אונטערהאַנדלונגען זיינע איז אַרויסגעקומען די „געז־זעלשאַפט פון קאַנאַדע״, וואָס ער האָט געגרינדעט (10טער יולי 1748). דאָס איז געווען א געזעלשאַפט וואָס האָט דער עיקר זיך געדאַרפט אָפּגעבן מיט אַנטוויקלען דעם האַנדל מיט דער קאָלאָניע אויף א פּלאַנמעסיקן אופן. ער האָט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אויסגעבויט אין קוויבעק גרויסע לאַגער־הייזער, וואָס האָבן געדינט פאַר סקלאַדן אָפּצולייגן פּראָוויאַנט, אַמוניציע און אַנדערע זאַכן וואָס ער האָט פון פראַנקרייך געשיקט. 1) די פראַנצויזישע רעגירונג איז שפּעטער אויסגעשטאַנען די קאָסטן דערפון, אָבער דער אויפטו פאַר זיך אַליין צי דאָס האָט געבראַכט די געווינטשטע רעזולטאַטן צי ניט, איז געווען א זאַך, פאַר וועלכער מען האָט דעם קרעדיט צוגעשריבן בלויז אים.

מכוח די אויפגאַבן וואָס די „געזעלשאַפט פון קאַנאַדע״ האָט געזאָלט דערפילן, רעדט זיך אין די אַכט פּונקטן פון וועלכע עס באַשטייען אירע סטאַטוטן. זי וואָלט געוויס דערגרייכט אירע צילן און געקאָנט ברענגען פראַנקרייך די גרעסטע נוצן, ווען די לעצטע זאָל אין דער קאָלאָניע דאַן געווען זיין פאַרטראַטן דורך אימיצן אַנדערש ווי ביגאָ און בּרעאַר. עס לאָזט זיך אפילו גלויבן, אַז דאָס וואָלט געקאָנט איבערבייטן דעם גאַנג פון געשעענישן אין צפון־אַמעריקע. ווען גראַדיס זאָל דעמאָלט געווען האָבן א פרייע האַנט און מען וואָלט מיט אים קאָאָפּערירט, וואָלט ניי־פראַנקרייך זיך געקאָנט האַלטן פיל לייגער און ניט אַזוי גרינג אַריינפאַלן צו די ענגלענדער.

לויט די סטאַטוטן פון דער „געזעלשאַפט״, האָט גראַדיס זיך אונטער־גענומען פאַר א משך פון זעקס יאָר אויפצוהאַלטן א שיף־פאַרקער צווישן באָרדאָ און קוויבעק, און ברענגען קיין קאַנאַדע פאַרשיידענע אַרטיקלען, יעטווידער מאָל לויט א מעמאָראַנדום וואָס מען האָט אים וועגן דעם געדאַרפט

1) TH. MALVEZIN, Histoire des Juifs à Bordeaux. 1875, p. 241.

צושיקן פון קוויבעק. דער קאפּיטאן האָט געהאט דאָס רעכט די גאנצע לאָדונג צו פארקויפן אָדער איבערגעבן צום אינטענדאנט און קאָנטראָלער, וואָס האָבן פון זייער זייט געדארפט שיקן א קרעדיט־אָנווייז אויף דער באטרעפנדיקער סומע, אָדער פארשיידענע פּראָדוקטן אין אויסטויש פאר דער צוגעשיקטער לאָדונג. נאָך א פונקט איז געווען אז די קאָמערציעלע טעטיקייט פון דער „געזעלשאפט" האָט געקאָנט אויסגעברייטערט ווערן, כדי צו שאפן א פארקער אויך צווישן קוויבעק מיט די אנטילן. אָבער וועגן דעם האָבן דער אינטענדאנט און קאָנטראָלער זיך געדארפט שריפטלעך איינפארשטענדיקן מיט גראַדיסן. 2)

דאָס שיף „רענאָמע" וואָס ער האָט געשטעלט אין דינסט פון דער „געזעלשאפט", איז באשטימט געוואָרן ספּעציעל פאר דעם דאָזיקן צוועק. די „רענאָמע" האָט פון פראנקרייך זיך ארויסגעלאָזט אויף איר ערשטער נסיעה צום סט. לאָרענס טייך אין חודש אפּריל 1749, מיט א טראנספּאָרט וואָס איז באשטאנען פון פארשיידענע באשטעלטע ארטיקלען פאר די איינוואוינער פון דער קאָלאָניע. דער טראנספּאָרט איז אָפּגעלייגט געוואָרן אין די סקלאדן פון דער „געזעלשאפט", לויט די אָנווייזן פון ביגאָ. דער לעצטער האָט געהאט דאָס רעכט צו טאָן דערמיט וואָס ער האָט געוועלט — א רעכט וואָס, ווי דאָס האָט זיך שפּעטער ארויסגעוויזן, ער האָט אויסגענוצט אויף א זייער סקאנ־דאליעזן אופן.

דאָס האָט אזוי אָנגעהאלטן ביז צום אויסבראָך פון דעם „זיבן־יאָריקן קריג". די „רענאָמע" האָט ביז דאן רעגולער געמאכט אירע נסיעות קיין ניי־פראנקרייך, אויפהאלטנדיק מיט איר א אומאונטערבראָכענע פארבינדונג. שפּעטער האָט גראַדיס אויסגעריכט נאָך שיפן, וואָס ער האָט אויף דעם אויפטראָג פון דער רעגירונג געשיקט קיין אמעריקע. יעדן מאָל אָבער וואָס די שיפן זיינען אָנגעקומען, איז די לאָדונג געוואָרן איבערגענומען פונם אינ־טענדאנט, און ניט גראַדיס, ניט זיינע אָנגעשטעלטע שיף־קאפּיטאנען האָבן געקאָנט האָבן א קאָנטראָל איבער דעם, וואָס דער לעצטער האָט דערמיט געטאָן.

אונטער אזעלכע באדינגונגען האָט די אונטערנעמונג ניט געקאָנט ברענגען די געווינטשטע רעזולטאטן און די לאגע אין דער קאָלאָניע האָט ביסלעכוויז זיך אלץ מער פארערגערט. אויב עס האָבן אין ניי־פראנקרייך זיך געפונען אזעלכע וואָס האָבן דערוואָרט, אז די איינגעשטעלטע פאר־בינדונג מיט דעם מוטערלאנד זאָל פארבעסערן דעם אָרטיקן מצב, זיינען זייערע דערוואַרטונגען ניט מקוים געוואָרן. די באדינגונגען אונטער וועלכע

---

2) א דופּליקאט פון די סטאטוטן פון דער „געזעלשאפט פון קאנאדע", מיט די אונטערשריפטן פון ביגאָ און ברעאר, האָט זיך געפונען צווישן די ארכיוון פון דער גראַדיס־משפחה אין פראנקרייך (35, 5).

עס איז דער באפעלקערונג דאָ אויסגעקומען צו לעבן, זיינען געווען העכסט טרויעריקע. די איינוואוינער האָבן שרעקלעך געליטן פון פארשיידענעם מאנגל און זיינען געוואָרן פארצווייפלט. עסנווארג איז געוואָרן אלץ ווייניקער בנמצא און זיי האָבן דערזען פאר זיך דעם הונגער לויערן פון אלע זייטן. א רוף איז געשיקט געוואָרן צו פראנקרייך נאָך הילף, און דער מארין־מיניסטער האָט דעמאָלט זיך געווענדט צו גראדיסן אז ער זאָל גלייך קומען, — ער האָט זיך געוועלט מיט אים בעראָטן וואָס צו טאָן.

פון דעצעמבער 1751 ביז סוף חודש יאנואר האָט ער פארבראכט אין פאריז, וואו רעגירונגס־פארשטייער האָבן מיט אים קאָנפערירט. עס איז צווישן זיי געוואָרן באשלאָסן, אז ער זאָל עקספעדירן א שיף מיט מעל פאר די הונגעריקע אין דער ווייטער קאנאדער קאָלאָניע און דאָס טאָן ווי צום גיכסטן. ער האָט פאר דעם צוועק געקויפט דאָס שיף „בנימין״, אויך א גרויסן טראנספּאָרט מעל, און עס איבערגעשיקט. ער האָט דאָס געשעפט דורכגעפירט פאקטיש אָן קאָמיסיע, ווי ער האָט דעמאָלט געשריבן אין א בריוו צו א פריינט. דעם 17טן אפריל 1752 איז דאָס שיף אָפּגעפאָרן קיין קאנאדע, אָנקומענ־דיק אין א זייער נויטיקער צייט. די איינוואוינער זיינען כמעט ווי געראטעוועט געוואָרן פון הונגער. דאָס איז געווען נאָך דעם אָנקומען פון דעם דאזיקן שיף, וואָס דער אינטענדאנט האָט געשריבן קיין פראנקרייך, אז די קאָלאָניסטן האָבן זעקס וואָכן נאָכאנאנד געהאט געלעבט אויף בלויז קליינע שטיקלעך ברויט א טאָג. 3)

גראדיס איז געוואָרן זייער שטארק באשעפטיקט. זינט וואָס די עצהגעבערס פון לואי דעם 15טן האָבן אים באקענט מיט דער אמתער לאגע וואָס האָט געהערשט אין קאנאדע, האָט ער געגומען זוכן וועגן ווי אזוי די דאזיקע לאגע צו פארבעסערן. ער האָט אויסגעריכט אזוי פיל שיפן פיל ער האָט געקאָנט באקומען, און זיי עקספּעדירט צו דער אמעריקאנער קאָלאָניע. דאָס האָט אים אזש געבראכט אין גרויסע פינאנציעלע שוועריקייטן, ווי ער האָט עס דערציילט אין בריוו צו באקענטע. מערסטנס האָט ער זיינע מסחרים געפירט אויף באָרג, ניט זעלטן מיט גאנץ ווייניק נוצן פאר זיך אליין. אין איין בריוו אזא שרייבט ער:

„איך האָב זיי (די שיפן) איבערגעגעבן פאר דעם זעלביקן פּרייז, אָפּט נאָך פאר ביליקער ווי איך וואָלט זיי געקאָנט פארדינגען צו אנדערע וואָס באצאָלן גלייך . . . עס קומט מיר היינט, ניט רעכנענדיק די הינטער־שטעליקע וועקסלען פון מיינע געשעפטלעכע אונטערנעמונגען, א סומע

3) Archives Nationales: Archives des Colonies.
Canada — Correspondence Générale. Vol. 98, Folio 141.
(דופליקאַטן פון די פראנצויזישע נאציאָנאלע ארכיון.)

פון מער ווי 800 טויזנט פונט וואס איך האב אויסגעלייגט פאר די און יענע, אין פראנקרייך און אין אמעריקע. איך האב פאר דעם ביז היינט נאך ניט געקראגן צוריק אפילו קיין איין סענט. דאס האט מיך געבראכט אין גרויס פארלעגנהייט און געצוואונגען צו פירן געשעפטן מיט באַ־גרענעצטע מיטלען, וואס איך בין לחלוטין ניט געוואוינט.״ 4)

דאס האט אזוי אנגעהאלטן דאס גאנצע יאר 1753, ניט געקוקט אויף די פינאנציעלע שוועריקייטן וואס ער האט דערביי געהאט. במשך פון אט דער צייט האט ער געזוכט אלץ מער צו פארשטארקן די קאמערציעלע פארבינדונג מיט ניי־פראנקרייך. דעם 26טן מערץ דעם אייגענעם יאר האט ער אין א בריוו צו מ. מארען, פון גוואדעלופ (איינע פון די פראנצויזישע אנטילן), וועגן דעם געשריבן:

„איך בין געווען פארלייגט מיט ארבעט, כדי צוצוגרייטן דאס אפּ־פארן פון פארשיידענע שיפן קיין קוויבעק. פיר שיפן זיינען אפגעגאנגען אין א חודש צייט. איך האב נאך די „סיפערב״, וואס פארט אפּ אהין אין א וואך ארום, און דאס שיף „דוד״, וואס גייט אפּ קיין לואיזבורג, ווייל דער מיניסטער האט מיך באאויפטראגט דארט צוצושטעלן פאר אים א טראנספארט מעל. ער האט ביי מיר אויך באשטעלט צו עקספעדירן 140 טאן מעל מיט דער „סיפערב״. דאס איבעריקע איז פון מיינטוועגן אליין.״ 5)

ניט געקוקט אויף דער ניט אין אן ערך שווערער אויפגאבע וואס ער האט דערמיט אויף זיך גענומען, דער עיקר אין באצוג צום אויפהאלטן א כסדרדיקן קאמערציעלן פארקער מיט דער קאנאדער קאלאניע, האט ער דאך זיך באצויגן צו דעם מיט א באזונדער געפיל. חוץ דעם וואס ער האט דא ארויסגעוויזן א שטארקן פאטריאטישן אינטערעס, איז דערין פאר אים אויך געווען א געוויסע פערזענלעכע באפרידיקונג, פון וואס ער האט ווי א געניטער געשעפטמענטש זיך ניט געקאנט אפזאגן. דאס איז געווען — די פיל קלענערע ריזיקע מיט וואס אזא אונטערנעמונג איז געווען פארבונדן. איז די באלוינונג, דער ריוח אפּט אפילו געווען קליין, איז דאך דאס אבער געווען געזיכערט, כאטש אים איז כסדר אויסגעקומען די אלע באשטעלונגען וואס ער האט פון דער רעגירונג באקומען, דורכצופירן אויף בארג. קיין זאך איז ער ניט געווען אזוי גערן צו טאן, ווי אין א נויטיקער צייט צו קומען זיין לאנד צו הילף מיט אלץ וואס ער האט געקאנט. און ער האט דערמיט פאר זיך געוואונען דעם רעספעקט און צוטרוי פון די פירנדיקע קרייזן פון פראנקרייך.

---

4) JEAN DE MAUPASSANT, Un grand armateur de Bordeaux, Abraham Gradis. Bordeaux, 1917, p. 40.

5) דארטן, זייט 41־40.

עס איז קאָנטיק, אז גראַדיס האָט געהאַט אין אויג פיל ברייטערע פּלענער. ער האָט זיך ניט געוואָלט באַנוגענען מיט דעם בלויז וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן איינצושטעלן א רעגולערע פאַרבינדונג צווישן פראַנקרייך מיט איר קאַנאַדער קאָלאָניע. ער האָט געוואָלט אזא פאַרבינדונג אויך שאַפן צווישן פראַנקרייך מיט לואיזיאַנע. ער האָט געזען א מעגלעכקייט פאַר דעם און זיך עס פאָרגעשטעלט ווי א זייער פּראַקטישע זאַך. דאָס קאָן מען דרינגען פון דעם בריוו־וועקסל וואָס ער האָט געפירט פאַרבינדן מיט דעם גאָווערנאָר פון לואיזיאַנע. ער האָט אים פאָרגעלייגט אזא פּלאַן און דערציילט, אז ער האָט געהאַט די אויפגאַבע צוצושטעלן אַלץ וואָס דער פאַרשטאָרבענער גאָווערנאָר פון קאַנאַדע (לא זשאָנקיער) פלעגט דאַרפן. ער טוט דאָס איצט אויך פאַר דעם אינטענדאַנט, ביגאָ, און פּונקט אזא באַשטעלונג האָט ער באַקומען פון מאַרקיז די קען פאַר דעם קומענדיקן יאָר. „זיי זיינען געווייינלעך זיך נוהג מודיע צו זיין וועגן דעם דעם מאַרין־מיניסטער”, שרייבט ער אין א בריוו, „און דער לעצטער מאַכט די באַשטעלונג ביי מאָסיע דע ראַסטאַן, אז אזוי פיל און אזוי פיל טאָן פּראַכט זאָל איבערגעשיקט ווערן פאַר די גאָווערנאָרס און אינטענדאַנטן”. וואָס ער איז דאָ געווען אויסן, איז געווען צו גרינדן א „געזעלשאַפט פון לואיזיאַנע”, לויט דעם מוסטער פון דער „געזעלשאַפט”, וואָס האָט אָנגעפירט דעם האַנדל און פאַרקער מיט ניי־פראַנקרייך. אָבער דערפון איז גאָרנישט געוואָרן.

אונטער דער צייט האָבן זיך אָנגעהייבן וויזן סימנים, אז א ברוך מיט ענגלאַנד איז געוואָרן אומפאַרמיידלעך. די באַציאונגען מיט דער לעצטער זיינען געוואָרן שטאַרק אָנגעצויגן און מען האָט אין דער לופט געקאָנט שפּירן א אָנקומענדיקע מלחמה. פונדעסטוועגן האָבן די שיפן וואָס גראַדיס האָט געשיקט צו די פראַנצויזישע קאָלאָניעס, נאָך געקאָנט מיט א געוויסער זיכער־קייט זיך באַוועגן איבער די וויטע וואַסערן. אין חודש מערץ 1755 איז דאָס שיף „רענאָמע” אָפּגעגאַנגען קיין ניי־פראַנקרייך, אין די אינטערעסן פון דער „געזעלשאַפט פון קאַנאַדע”. דאָס איז געווען די לעצטע נסיעה וואָס א שיף פון אברהם גראַדיס האָט געמאַכט קיין קאַנאַדע אין צייט פון פרידן. דאָס שיף, געפירט פון קאַפּיטאַן זשאַן־זשאָזעף ראָזיע, איינעם פון די בראַווסטע פראַנ־צויזישע מאַטראָזן, וועמען עס איז שפּעטער אויסגעקומען צו פירן גראַדיסעס שיפן דורך וואַסערן וואָס זיינען געווען באַדעקט מיט ענגלישע קרייצערס, האָט אָן שוועריקייטן דערגרייכט קוויבעק, צוזאַמען מיט דעם קאָסטבאַרן פּראַכט וואָס זי האָט געפירט. דאָס פּראַכט איז באַשטאַנען פון וויין, געטראַנקען מעל, אאַז״וו, און איז אָפּגעלייגט געוואָרן אין די לאַגער־הייזער פון דער „געזעלשאַפט”. די דאָזיקע קאָמערציעלע קערפּערשאַפט האָט זיך שפּעטער

16טן פעברואר 1756) ליקווידירט, נאָך דעם ווי מען האָט אויף דעם פארלאַנג פונם אינטענדאַנט געהאַט פארלייגערט איר טערמין אויף נאָך א יאָר.

ארום יענער צייט איז דער נאָמען גראַדיס שוין געווען גוט באַקענט אין קאַנאַדע. אַסך האָבן געוואוסט אַז דאָס איז דער עיקר געווען ער, וואָס האָט אויפגעהאַלטן די פאַרבינדונג מיט ניי־פראַנקרייך. אין דעם זייער קריטישן פעריאָד וואָס די פראַנצויזישע קאָלאָניע האָט דעמאָלט איבערגעלעבט, האָט מען דאָס פון זיין זייט באַטראַכט ניט בלויז פאַר אַן אַקט פון מוט און געוואַגט־קייט, צו וועלכן ער איז געטריבן געוואָרן פון א שטאַרקן פאַטריאָטישן סענ־טימענט, נאָר אויך ווי א באַזונדערער בייטראָג צום דאָזיקן לאַנד בכלל.

מען דאַרף ניט פאַרגעסן, אַז די פאַרבינדונג וואָס האָט געהאַט פריער עקזיסטירט מיט קאַנאַדע איז געווען זייער א שלעכטע און א ניט רעגולערע. ערשט אָבער מיט דעם אויסבראָך פון דעם „זיבן־יאָריקן קריג" האָט גראַדיס באַוויזן וואָס ער קאָן אויפטאָן. ער האָט באַוויזן אַז ער האָט אונטער די שווערע, כמעט אוממעגלעכע באַדינגונגען וואָס זיינען אים געשטאַנען אין וועג, געקאָנט העלפן באַזאָרגן און מעגלעך מאַכן פראַנקרייכס פאַרטיידיקונג פון איר קאָלאָ־ניע, אנטקעגן דעם דרוק פון די אָנקומענדיקע ענגלענדער. דאָס האָט זיין נאָמען געמאַכט אומפאַרגעסלעך אין יענע שווערע, אָנגעשטריינגטע יאָרן וואָס פראַנקרייך האָט דאַן דורכגעלעבט, און מיט איר אויך, איר צפון־אַמעריקאַנער קאָלאָניע. די אָנגעזעענסטע פראַנצויזישע פערזענלעכקייטן פון יענער צייט ריידן מיט לויב און וואַרעמקייט וועגן זיין אָפּערווילֿיקייט און גרויסע פאַטריאָ־טישע אויפטוען. ער האָט דערמיט זיך אויך דערוואָרבן א באַזונדער אָרט אין דער פריער יידישער געשיכטע אין קאַנאַדע.

דער אויסבראָך פון דעם „זיבן־יאָריקן קריג" איז געקומען אין א צייט, ווען פראַנקרייך האָט זיך געפילט אומבאַהאָלפן און איז פאַר דעם געווען ווינציק צוגעגרייט. צו לאַנג און צו פיל זיינען די מיניסטאָרן פון לואי דעם 15טן געווען פאַרנומען מיט די הויף־אינטריגעס וואָס זיינען אָנגעגאַנגען אין ווערסאַיל, כדי אַז זיי זאָלן וועגן דעם קאָנען טראַכטן. עס האָט דערפאַר אויסגעזען, ווי די געשעענישן אויף דער אַנדער זייט ים האָבן זיי איבערגע־לאָזט גלייכגילטיקע. דאָס איז אייגנטלעך געווען דער ערשטער אייראָפּייאישער קאַמף פאַר דעם באַזיץ פון די צפון־אַמעריקאַנער קאָלאָניעס, וואָס די געשיכטע האָט דאַן נאָך געהאַט צו פאַרצייכענען, און פראַנקרייך האָט דעם קאַמף ניט געוואָלט. זי האָט אים אויפגענומען אָן חשק, ווי על פי נויט און דעריבער אויך אָן מיטלען. די הויף־האַרן און פּאָליטישע ראַטגעבערס האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, נאָכדעם ווי קריג איז דערקלערט געוואָרן (18טער מאַי 1756), אַז זיי זיינען געווען אַנטשלאָסן צו לאָזן די קאַנאַדער דאָס אַליין אויסקעמפן

און מיט גאנץ ווייניק הילף פון זייער זייט. קאנאדע איז אָבער פאר דעם געווען נאָך ווינציקער צוגעגרייט ווי פראנקרייך. די וואָס האָבן עס פאר איר גערדארפט אָדער געזאָלט באזארגן, זיינען געווען אומפּיאיקע מענטשן, קאָרופּטע באאמטע וואָס זיינען, פונם אינטענדאנט אָן, געווען פארנומען מיט בארעבעווען אי די רעגירונג אי דאָס לאנד, און מיט אויסנוצן די לאגע פון די איינ־וואוינער פאר זייערע אייגענע אינטערעסן, עקספּלואטירנדיק זיי אויף דעם שענדלעכסטן אופן.

אונטער די דאָזיקע אומשטאנדן, איז דאָס ווידער געווען אברהם גראדיס וואָס איז געקומען פראנקרייך צו הילף אין דער פאר איר קריטישער צייט. און ער האָט זיך ארויסגעוויזן באזונדערס צוגעפּאסט פאר אָט דער אויפגאבע. דאָס איז דעמאָלט אנערקענט געוואָרן פון פארשיידענע זייטן, א זאך וואָס ווערט אויך באטאָנט פון פראנצויזישע געשיכטס־שרייבער. קאמיל זשוליאן, איינער פון די פערציק „פראנצויזישע אומשטערבלעכע״, דריקט זיך אויס וועגן אים אין יענער עפּאָכע מיט אסך לויבווערטער. ער באמערקט, אז ער האָט ארויסגעוויזן מער פאטריאָטישע איבערגעגעבנקייט צו פראנקרייך, זוכנדיק צו העלפן צוריקשלאָגן די אַטאקע אויף איר קאָלאָניע, איידער דאָס האָבן געטאָן די הויף־פּאָליטיקער פון פראנצויזישן קעניג.

די גאנצע פארטיידיקונג פון קאנאדע איז פאר דער פראנצויזישער רע־גירונג באזאָרגט געוואָרן דער עיקר דורך פּריוואטע מענטשן, שיפבויערס אָדער מארין־הענדלערס, און אברהם גראדיס איז געווען איינער פון זיי. ער האָט אָבער אין דעם פּרט זיך פיל מער אויסגעצייכנט ווי אלע אַנדערע. אין דעם משך פון א בערך קורצער צייט, ווי דאָס האָט דעמאָלט געקאָנט הייסן, האָט ער אויסגעריכט און אָהגעשיקט קיין קאנאדע זעקס און צוואַנציק שיפן, וואָס האָבן געפירט סאָלדאטן, אמוניציע און שפּייז פאר דער באפעלקערונג.

מען האָט דאָ באשיינפּערלעך געקאָנט זען וואָס גראדיס האָט געהאט אויפגעטאָן מיט דעם וואָס ער האָט איינגעשטעלט א שיף־פּאַרקער מיט קאנאדע. ער האָט דאָ דורכגעפירט א זאך וואָס איז פאר פראנקרייך שפּעטער געווען פון אומגעהויערער וויכטיקייט. ווען דער דאָזיקער פּארקער האָט מער ניט געקאָנט ברייגגען קיין קאָמערציעלע נוצן, האָט מען דאָס אָנגעווענדט פאר מיליטערישע צוועקן.

דורך די יאָרן גלייך נאָך דעם אויסבראָך פון דעם פארצויגענעם קריג, האָט גראדיס געמאכט די איבערנאטירלעכסטע אָנשטרייגגונגען, כדי צו העלפן פראנקרייך פארטיידיקן איר פּאָזיציע אין צפון־אמעריקע. ער האָט פאר דעם אוועקגעגעבן זיין גאנצע צייט, אלע זיינע כוחות, אלע זיינע מיטלען. ער איז כסדר געשטאנען אין פארבינדונג מיט די נאָענטסטע פון לואי דעם 15טן,

מיט די מיניסטאָרן, אָפיצערן, באאמטע, זוכנדיק צו אָרגאניזירן נייע עסקאַדרעס, צו פארגרעסערן די צאָל שיפן, און בכלל צו העלפן פארשטארקן די פראנצויזישע מאכט אויפן ים.

ער האָט א לאנגע צייט פארבראכט אין פאריז וואו די רעגירונג האָט אים איבערגעגעבן אסך וויכטיקע אויפטראָגן. גראדיס פון זיין זייט האָט מיט אויסערגעוויינלעכן אימפעט און פלייס זיך ארייננגעוואָרפן אין אלע ארבעטן וואָס מען האָט אים אָנגעפארטרויט. ער איז פאקטיש געוואָרן כמעט ווי דער פלאָטן־אגענט פון דעם קעניג, איינער וואָס איז געווען באקליידעט מיט דער אויטאָריטעט און די פריווילעגיעס פון א וויכטיקן אָפיציעלן מענטשן. ער האָט נאָך מאָסיע דע ראָסטאָן, דעם אָרדינאַטאָר פון באָרדאָ, זיך גערעכנט פאר דעם גענײַסטן קענער אין מארין־אָנגעלעגנהייטן. מאָסיע דע ראָסטאָן האָט געדארפט טאָן אלץ וואָס נויטיק כדי צו פארלייכטערן די אָפעראציעס וואָס גראדיס האָט געזאָלט דורכפירן. 6)

די ערשטע עסקאדרע וואָס ער האָט אויסגעריכט אָפצוגיין קיין נײַ־פראנקרייך איז באשטאנען פון א צאָל שיפן, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען די בארימטע „ראָביסט", וואָס האָט זיך אזוי פיל אויסגעצייכנט אין שלאכטן מיט די ענגלענדער, און דאָס שיף „שווארצער פרינץ", וואָס האָט געהערט צו אַן אנדער יידן, דוד אלכסנדר, פון בעיאָן, א נאָענטער קרוב פון אברהם גראדיס. אין פארלויף פון דעם קריג האָט דער לעצטער אין פאַרשיידענע צייטן אָפט צוגעצויגן די מיטהילף פון נאָך פראנצויזישע יידן, וועמעס האנדלשיפן זיינען באנוצט געוואָרן אין די מלחמה־עקספעדיציעס קיין קאנאדע.

די ערשטע עקספעדיציע איז געלונגען, און דאָס האָט פארגרעסערט דעם צוטרוי צום יידישן שיף־אייגנטימער, וואָס האָט באקומען דעם אויפטראָג אויסצוריכטן א נאָך גרעסערן טראנספאָרט און עס שיקן קיין קאנאדע. עס האָט פיל ניט גענומען ביז ער האָט עס באוויזן אויפצוטאָן. אָבער זיין אויפגאבע איז דאָס מאָל געווען ניט אין ערך א שווערערע, אזוי שווער, אז ווען ניט זיין פארשטיין ווי צו באהאנדלען א קריטישע סיטואציע, וואָלט די גאנצע אונטערנעמונג געווען א דורכפאל. און דאָס וואָלט געוויס דערנענטערט די פראנצויזישע מפלה.

עס איז פאר דער רעגירונג איצט געווען נויטיק איבערצושיקן ניט בלויז אמוניציע און דער עיקר שפייז, כדי צו העלפן די הונגער־ליידנדיקע באָפעלקערונג פון נײַ־פראנקרייך, נאָר אויך פארשטארקונגען פאר מאָנקאלמס קליינער אָבער העלדיש־קעמפנדיקער ארמיי. עס איז אָבער פון איין זייט געווען שווער צו באקומען סאָלדאטן, בעת פון דער אנדער זייט האָבן די וואָס מען וואָלט

6) דאָרטן, ז. 56.

יאָ געקאָנט קריגן, זיך אָפּגעזאָגט פון צו פאָרן קיין קאנאדע. דער גורל איז דערפאר געפאלן אויף גראדיסן צו העלפן רעקרוטירן אן ארמיי, זי אויסצו־ריכטן מיט אלץ וואָס נויטיק און איבערצושיקן אויף זיינע שיפן, און דאָס איז נאָך אסך אָנשטרייגונגען אים געלונגען דורכצופירן. ער איז פּאַקטיש געווען דער וואָס האָט געהאָלפן באקומען די סאָלדאטן, דאָ וואו אנדערע וואָלטן דאָס ניט געקאָנט. און אין חודש אפריל 1757 האָט ער אונטער דער קאָמאנדע פון אייניקע אָפיצערן איבערגעשיקט קיין קאנאדע אן ארמיי פון 400 רעקרוטן. 7)

די גאנצע עסקאדרע האָט אָבער איצט ניט געקאָנט דערגרייכן קוויבעק. צוויי פון די שיפן זיינען אריינגעפאלן צום שונא. דאָס שיף „דוד״, וואָס האָט געהאט דערגרייכט קוויבעק, איז אויפן וועג צוריק דאָס גלייכן פארכאפּט געוואָרן פון די ענגלענדער. די איבעריקע האָבן געהאט דאָס גליק צו קאָנען פון קאנאדע זיך אומקערן אהיים, אָבער ניט אָן א פּאָר שלאכטן וואָס די „ראָביסט״ האָט געדארפט דורכמאכן כדי צו קאָנען זיך דורכשלאָגן א וועג דורך די וואסערן וואָס זיינען געווען באדעקט מיט דעם שונאס שיפן. די „ראָביסט״ האָט ארויסגעוויזן א שטארקן ווידערשטאנד און בראוו זיך פארטיידיקט, צושלאָגנדיק א ענגלישן שיף. א שטארק באשעדיקטע, איז איר אויפן וועג ווידער אויסגעקומען צו האָבן א צוזאמענשטויס מיט א ענגלישן קריגשיף און פונדאָסניי דורכצומאכן א שלאכט, ביז זי האָט ענדלעך דערגרייכט פראנקרייך. דער אייגנטימער פון דעם שיף, אברהם גראדיס, איז נאטירלעך געווען צופרידן מיט דעם מוטיקן קאמף פון דער „ראָביסט״ און נאָך מער מיט איר קאפּיטאן, ראָזיע, וואָס האָט זיך דעמאָלט אזוי אויסגעצייכנט.

---

7) דאָרטן, ז. 61.

## קאפיטל דריי

# אברהם גראדיס און גענעראל מאַנקאלם

אין די אָפיציעלע קרייזן פון פראנקרייך האָט מען ארום יענער צייט ערשט אָנגעהייבן אויף אן אמת באגרייפן ווי ערנסט די זאך איז. קאנאדע איז געווען א לאנד מיט א גאנץ קליינער באפעלקערונג — גאנץ ניי־פראנקרייך האָט דעמאָלט געציילט ארום 58 טויזנט נפשות — א לאנד וואָס איז געווען שווער צו באשיצן, בפרט פונדערווייטנס. פראנקרייך האָט צוליב דעם זיך דערזען אין א שווערער און זייער קריטישער לאגע. זי האָט קאנאדע ניט געוואָלט פארלירן. עס האָבן זיך אָבער געפאָדערט די גרעסטע אָנשטרענגונגען צו קאָנען שיקן פארשטארקונגען פאר דער קאָלאָניע, וואו די באדינגונגען פאר די איינוואוינער זיינען געוואָרן אַלץ ערגער און מער אומדערטרעגלעך, סיי צוליב דעם ארייַנדרינגען פונם שונא, סיי אויך צוליב דעם גרויסן דוחק אין שפייז און אנדערע נויטיקע זאכן.

מיט דער סיסטעמאטישער פלאנמעסיקייט מיט וועלכער מען נעמט זיך פאר א גרויסן פּראָבלעם, האָט גראדיס דעמאָלט זיך גענומען צוגרייטן א נייע גרויסע עקספּעדיציע, וואָס זאָל די פראנצויזן אין קאנאדע ברענגען גיכע און ממשותדיקע הילף. אסך פון זיינע שיפן זיינען ביז איצט שוין געווען געזונקען אָדער פארכאפּט פון די ענגלענדער. דאָס האָט דעריבער פון זיין זייט דאָס מאָל געפאָדערט איבערנאטירלעכע, ממש מסירת נפשדיקע ארבעט, אפילו זייער שווערע קרבנות, מחמת די געליטענע היזקות האָבן אים אוועקגעשטעלט אין א כמעט אוממעגלעכער לאגע. דאָס איז געווען דערפאר ווייל פראנקרייך איז דורך אירע מלחמות אין אמעריקע געוואָרן שטארק פאראָרעמט און זי האָט אירע חובות א לאנגע צייט ניט געקאָנט ליקווידירן. ער האָט צוליב דעם מיט א מערקווערדיקער ענערגיע זיך געמיט אויפצוהאלטן דאָס גלייכגעוויכט און ווייטער בייצוטראָגן זיין טייל צו די מיטלען פון פארטיידיקונג וואָס האָבן דער קאנאדער קאָלאָניע אזוי שטארק געפעלט.

ער האָט אין פארשיידענע פּאָרטן אויפגעקויפט שיפן. ער האָט ביי אנדערע שיף־אייגנטימערס, צווישן זיי אויך רפאל מענדעס און בנימין גראדיס, אָפּגע־דונגען זייערע שיפן, און אויף אזא אופן צונויפגעשטעלט א גרויסע עקספּע־

ריציע וואָס ער האָט אָפּגעשיקט (1758) קיין קוויבעק מיט שפּייז, סאָלדאַטן, אַמוניציע און אַנדערע זאַכן. די עקספּעדיציע איז באַשטאַנען פון פערצן שיפן פון וועלכע אַכט זיינען געווען זיינע אייגענע. מיט דעם אויסנעם פון איין שיף וואָס איז ביים „קעניגס אינדזל" געוואָרן איבערגעפאַלן פון א ענגלישן קרייצער, האָבן זיי אַלע דערגרייכט קאַנאַדע און איר געבראַכט די הילף אין וועלכער די קעמפער אויף דער פראַנצויזישער זייט האָבן זיך אַזוי שטאַרק גענויטיקט.

אויף זייער וועג צוריק אָבער האָבן די שיפן ניט געהאַט דעם זעלביקן מזל. זיי האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט ענגלישע קרייצערס, וואָס זיינען געווען אי מער אין צאָל אי אויך בעסער באַוואָפנט פון זיי. זיי האָבן דעריבער קעגן זיי קיין סך זיך ניט געקאָנט ווערן. די קליינע פלאָטילע האָט שטאַרק געקעמפט און מיט אַלע כוחות פאַרטיידיקט דעם פראַנצויזישן פלאַג, ביז זי איז פאַקטיש פאַרניכט געוואָרן. פון די פערצן שיפן האָט בלויז איינע זיך אומגעקערט צוריק קיין באָרדאָ. פון די איבעריקע זיינען טייל געוואָרן געזונקען און טייל געפאַנגען. צווישן די פאַרלוירענע שיפן זיינען געווען די פאָלגנדיקע, וואָס האָבן געהערט צו גראַדיסן: „ל'עגל", „שעוואַל־מאַרען", „פּודרואיאַן", „שאַרמאַנט־נאַנסי", „יאַזאָן", „פרידאַן", „מאַרגעריט" און „מאַרס". דאָס הייסט, אַז אַלע אַכט שיפן, זיינע אייגענע, וואָס גראַדיס האָט געהאַט אויסגעריכט און געשיקט צו פאַרטיידיקן קאַנאַדע, זיינען געגאַנגען פאַרלוירן. די מערסטע פון די שיפן זיינען געווען ניט פאַרזיכערט אָדער בלויז טיילווייז פאַרזיכערט. מען קאָן דעריבער זיך לייכט מאַכן א באַגריף וואָס פאַר א גוואַלטיקער היזק דאָס איז פאַר אים געווען און אין וואָס פאַר א שוועריקייטן דאָס האָט אים אוועקגעשטעלט. ער האָט אָבער ווי תמיד זיך ניט פאַרלוירן און מיט גרויס געפיל און פאַרשטענדעניש פאַרגעזעצט זיין אַרבעט, שטייענדיק ביי פראַנקרייכס זייט.

גענעראַל מאָנקאַלם דערמאָנט אים אָפט אין זיין „זשורנאַל" (טאָגבוך), ווי אויך אין זיין פערזענלעכער קאָרעספּאָנדענץ מיט זיין פאַמיליע אין פראַנקרייך. עס זעט אויס אַז דער דאָזיקער בראַווער, מוטיקער גענעראַל, וואָס האָט אין דער געשיכטע פון פראַנצויזישן רעזשים אַריינגעשריבן אַזעלכע העראָאישע בלעטער, האָט צו אים געהאַט באַזונדערן צוטרוי. אין איין בריוו, וואָס טראָגט די דאַטע סעפּטעמבער 1757, שרייבט ער צו זיין מוטער, די מאַרקיזין פון סען־וועראַן, אין מאָנפּעליע:

„מאָסיע דע לא פּאָרט, הויפּט־סעקרעטאַר פונם מאַרין־דעפּאַרטמענט, איז אַזוי נאַכלעסיק, אַז איך מוז דיך בעטן אַז דו זאָלסט דורך אים מיר מער ניט שרייבן, נאָר דורך מאָסיע גראַדיס, פון באָרדאָ . . ." 1)

1) Report of the Public Archives for 1929, Ottawa, p. 61.

מאָנקאלם דערמאָנט אויך אסך פון גראדיסעס שיפן וואָס זיינען אָנגעקומען אין קוויבעק. ער האָט דורך זיי באקומען פארשטארקונגען. ער דערמאָנט שיפן ווי „דוד", „סיפערב", „רענאָמע", „ראָביסט" און אנדערע, וואָס האָבן אין דער מלחמה דעמאָלט זיך אזוי אויסגעצייכנט. פראנקרייך איז ארום יענער צייט שוין געווען מאכטלאָז צו פירן דעם קאמף ווייטער, און זי וואָלט קאנאדע געוויס געווען פארלוירן אסך פריער, ווען ניט די הילף וואָס זי האָט דאן געקראָגן דורך גראדיסן.

מאָנקאלם איז אין איין צייט געווען זייער פארצווייפלט. די ענגלענדער זיינען געווען בעסער באזאָרגט און אויסגעריכט ווי די קליינע קאנאדער ארמיי, מיט וועלכער ער האָט קעגן זיי זיך געדארפט באשיצן. ער האָט קיין פארשטארקונגען פון ערגעץ ניט געקאָנט קריגן, און נאָך שווערער וואָלט געווען זיי איבערצושיקן צו אים. א שטיק צייט איז די קאָלאָניע וואָס ער האָט געדארפט פארטיידיקן געווען אינגאנצן ווי אָפּגעריסן פון פראנקרייך — זי האָט פון איר נישט געהערט. און אין אָט יענער צייט איז דאָס געווען גראדיס וואָס איז געקומען צו הילף. ווי שוין פריער דערמאָנט, האָט ער דאן געהאָלפן רעקרוטירן די סאָלדאטן אין וועלכע מען האָט זיך גענויטיקט. ער האָט זיי פאקטיש אליין אויפגעזוכט, ווי א געשיכטס-שרייבער גיט איבער 2), אליין געהאָלפן זיי קריגן, און צוזאמענגעשטעלט א קליינע ארמיי פון 400 מאן, וואָס ער האָט איבערגעשיקט קיין קאנאדע. דאָס איז געווען א טייל פון דער ארמיי מיט וועלכער מאָנקאלם האָט זיך באנוצט, בעת ער האָט אין טיקאָנדעראגא באזיגט די ענגלענדער אונטער גענעראל אבערקראָמבי.

וועגן דעם אָנקום פון אָט יענעם טראנספּאָרט מיט א טייל פון די סאָלדאטן וואָס דער יידישער שיפבויער פון באָרדאָ האָט איבערגעשיקט, געפינען מיר פארצייכנט אין מאָנקאלמס „טאָגבוך". אונטער דער דאטע פון 9טן יוני 1757 דערציילט ער, אז ער האָט זיך נאָר וואָס דערוואוסט אז גראדיסעס צוויי שיפן, „דוד" און „יאזאָן", זיינען אָנגעקומען מיט שפּייז, וואפן און סאָלדאטן. די שיפן האָבן אויך געבראכט נייעס וועגן אן אטענטאט וואָס מען האָט געהאט געמאכט אויפן קעניג און וועגן אינעווייניקסטע אומרוען אין לאנד. „די וויכטיקסטע נייעס אָבער פאר אונדז", באמערקט ער, „איז דאָס וואָס מיר האָבן באקומען גענוג שפּייז, פולווער, סאָלדאטן, און בכלל אלצדינג וואָס מיר האָבן לעצטנס געהאט געבעטן. עס בלייבט בלויז צו האָפן אז די דאָזיקע הילף זאָל ווייטער אויך אָנקומען פּינקטלעך". 3)

אונטער דער דאטע פון 13טן יוני שרייבט ער אין זיין „טאָגבוך" וועגן

2) JEAN DE MAUPASSANT, Un grand armateur etc. p. 59 et seq.
3) Journal du Marquis de Montcalm, Québec, 1895, p. 212.

דעם פונדאַסניי, און דערמאָנט ווידער גראַדיסן. דאָס זעלביקע טוט ער אונטער דער דאַטע פון 16טן יוני, איבערגעבנדיק, אז ער האָט נאָר וואָס דערהאַלטן א ידיעה אז נאָך א שיף וואָס גראַדיס האָט געשיקט איז אָנגעקומען. ער דערמאָנט אים אויך אין נאָך פּלעצער, און אומעטום אין א טאָן פון צופרידנקייט און פון אָפּטימיזם, וואָס די דורך גראַדיסן איבערגעשיקטע הילף האָט ביי אים ארויסגערופן.

פיל אינטערעסאַנטער נאָך איז ווי ער דריקט וועגן אים זיך אויס אין די בריוו צו זיין פאַמיליע אין פראַנקרייך. אָט איז א כאַראַקטעריסטישער בריוו, וואָס איז דאַטירט 6טער יולי 1757. דעם בריוו האָט מאָנקאַלם געשריבן צו זיין פרוי, מאַרקיזין דע מאָנקאַלם, אין מאָנפּעליע:

„איך האָב באַקומען, טייערע, דיין בריוו נומער 13, דאַטירט נאָוועמבער 28, דורך דער פאַרמיטלונג פון ה' גראַדיס, אאז"וו. איך דערוויס מיך אַז עס זיינען פאַראַן עלף פריערדיקע פּאַקעטן וואָס זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן אָדער פאַרלוירן געגאַנגען, אָדער וואָס וועלן אפשר נאָך אָנקומען. די נייעס וואָס דו האָסט מיר געשריבן האָט מיר פאַרשאַפט אומגעהויער גליק. מיינע זאַפּאַסן פון מאָנפּעליע און פון באָרדאָ זיינען געוואָרן איבערגעשיקט אויף עטלעכע שיפן פון וועלכע דריי זיינען אָנגעקומען. די „ראָביסט" האָט דורכגעמאַכט א שווערן קאַמף. פון דער „סיפּערב" און „רענאָמע" האָב איך נאָך ניט געהערט..." (4

אין א בריוו פון 28טן יולי 1757 בעט ער אז מען זאָל פאַר אים אויפזוכן א אינטעליגענטן און פיאיקן יונגענמאַן פאַר א סעקרעטאַר ווייל זיין סעקרעטאַר האָט חתונה געהאַט, און אז גראַדיס זאָל אים אריבערשיקן צו אים קיין קאַנאַדע. דאָס מיינט, אז אפילו אָט אזא זאַך, האָט ער געוועלט, זאָל פאַר אים אויך דערליידיקט ווערן דורך דער פאַרמיטלונג פון דעם לעצטן.

פון אן אנדער בריוו, געשריבן צו זיין מוטער (דאַטירט סעפּטעמבער 13טער 1757) איז צו דרינגען, אז גראַדיסעס שיף „סיפּערב" איז געוואָרן איבערגעפאַלן פון די ענגלענדער, וועלכע האָבן זי פאַרכאַפּט. די „סיפּערב" דערמאָנט ער עטלעכע מאָל. ביי א צווייטער געלעגנהייט גיט ער איבער זיין מוטער (אין א בריוו וואָס איז דאַטירט 2טער יוני 1758), אז מערערע שיפן וואָס גראַדיס האָט געשיקט מיט נויטיקע זאַפּאַסן, זיינען בשלום אָנגעקומען און האָבן געבראַכט הילף אין צייט. די לאַגע אין דער קאָלאָניע איז דאַן געווען שרעקלעך. די באַפעלקערונג האָט געהונגערט, „זי האָט שוין געהאַט אָנגעהייבן עסן גראָז און קרייטעכער..." (5

4) Report of the Public Archives for 1929, Ottawa, p. 57.

5) דאָרטן, זייט 68.

עס איז דעריבער צו זען פון דעם וואָס מארקיז דע מאָנקאלם, דער וואָס האָט פאר פראנקרייך געפירט איר לעצטן קאמף אויפן צפון־אמעריקאנער קאָנטינענט, דערציילט און שרייבט, אז גראדיס איז דאן געווען כמעט זיין „רעכ־טע האנט״. אויף ווי ווייט ער האָט פון פראנקרייך געקראָגן שטיצע, איז דאָס געווען דורך דעם לעצטנס פארמיטלונג. אויף ווי ווייט ער איז מיט פראנקרייך געשטאנען אין פארבינדונג, אפילו מיט זיין פאמיליע, וועגן וועלכער ער רעדט מיט אזוי פיל ליבשאפט און בייגקשאפט, איז דאָס אויך געווען דורך אים.

עס איז געווען ניט מער ווי נאטירלעך אז וואָס לייגנער די מלחמה האָט געדויערט, זאָל דאָס אלץ מער האָבן פארצערט די מיטלען פון דעם יידישן שיפבויער. אָבער די אומבאהאָלפענע לאגע אין וועלכער פראנקרייך האָט זיך געפונען צוליב דעם וואָס זי האָט זיך ניט געקאָנט געהעריק פארטיידיקן, שוין אָפגערעדט פון דעקן זיינע פערזענלעכע שווערע פארלוסטן, האָט אים אזוי ניט ארונטערגעשלאָגן פון מוט, ווי דאָס וואָס די מיניסטאָרן פון לואי דעם 15טן זיינען געווען אזעלכע אומפייאיקע פאָליטיקער. דאָס האָט אים פיל געערגערט, ווי ער ווייזט עס ארויס אין א בריוו פון 25טן נאָוועמבער 1758 צו מאָסיע מארען, פון גוואדעלופּ, וואו ער שרייבט צווישן אנדערן מיט פאר־צוויפלונג און פארביטערטקייט:

„צוואנציק חדשים צייט האָט מען גאָרנישט געטאָן, נאָר בלויז גע־לאָזט פארניכטן אונדזער מארין. מיר האָבן נאָר וואָס פארלאָרן דעם „קעניגס אינדזל״, און איצט איז קאנאדע אין געפאר. מיר האָבן מער קיין איין קריגשיף ניט; זיי זיינען אלע געפאנגען. אויף שפּייז הערשט א אויסערגעוויינלעכער דוחק, א יקרות, און מען קאָן קיין איין שיף ניט שיקן צו די קאָלאָניעס . . .״ 6)

פונדעסטוועגן אָבער האָט דאָס אים בשום אופן ניט געקאָנט אָפּווענדן פון דער קריטישער אויפגאבע וואָס איז פאר פראנקרייך געשטאנען. ער האָט גענומען דעם גרעסטן אינטערעס אין אלץ וואָס דער פראנצויזישער מארין־מיניסטער האָט געטאָן אָדער געקאָנט טאָן, כדי אויפצוהאלטן א וואָסערע ניט איז פארבינדונג מיט דער קעמפנדיקער ארמיי אין קאנאדע. ער האָט פון ערגעץ באקומען אייניקע שיפן פאר דער רעגירונג, האָט געהאָלפן באזאָרגן איר ווייטערדיקן קרעדיט, האָט זיך געאינטערעסירט מיט דעם גורל פון די פראנצויזישע געפאנגענע, האָט זיך באמיט צו דערליידיקן פארשיידענע שלי־חותן פאר מארקיז דע מאָנקאלם, ווען ער האָט געהאלטן אינפאָרמירט וועגן די וויכטיקסטע געשעענישן אינדערהיים, און האָט אין פאריז און ווערסאיל געהאט כסדר אוידיענצן. צווישן דער זייער רייכער פערזענלעכער קאָרעס־

6) JEAN DE MAUPASSANT, Un grand armateur etc.. p. 76.

פאַנדענץ וואָס איז פון אים פאַרבליבן, און וואָס איז אויפגעהיט געוואָרן אין דעם ארכיוו פון דער גראַדיס־משפחה אין פראַנקרייך, געפינט זיך אַ קוריעזער בריוו וועגן איין אַזאַ אַוודיענץ. דער בריוו איז געשריבן צו זיין פלימעניק, משה גראַדיס, וועמען ער דערציילט אַז ער איז געווען ביי מאַסיע בעריע, דעם מאַרין־מיניסטער, וואָס איז געווען באַקאַנט פאַר אַ בייזן, שטרייַנגען מענטש. דאָס איז געווען אין אַ צייט וואָס די רעגירונג איז צו אים געווען פאַרחובעט אויף אַ סומע פון אַסך מיליאָנען, און גראַדיס האָט זיך דערפילט אויסגעשעפּט אין מיטלען. דער מיניסטער אָבער האָט אים דערקלערט אַז „מען מוז זיך צופּאַסן צו דער צייט", בעת די אָנוועזנדיקע וואָס האָבן זיך בשעת מעשה געפונען — קאַפּיטאַנען און הויכע מאַרין־באַאַמטע, מערסטנס אַזעלכע וועמען ער האָט ניט געקענט — האָבן אים, גראַדיסן, באַשאָטן מיט קאָמפּלימענטן.7)

וועגן דער זעלביקער אַוודיענץ ווערט דערציילט אַ מערקווערדיקער אַנעקדאָט, וואָס ווערט איבערגעגעבן אין די „געהיימע מעמוארן" פון לואי פּעטי דע באַשאָמאָן, אַז בעריע זאָל אים דעמאָלט האָבן באַפאַלן מיט זלזולים. אויף וואָס גראַדיס, אַ טיף־באַליידיקטער און דערצאָרנטער, איז אויפגעשפּרונגען, און האָט קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן שטאָלץ אַ זאָג געטאָן: „דער נאָמען גראַדיס, וואָס איז מער באַוואוסט אין אַלע פיר עקן וועלט ווי דער פון פראַנקרייכס מיניסטער, איז ריין. קיין שום פלעק באַדעקט ניט זיין משפחה־הערבו!" 8)

אַרום יענער צייט איז דער „זיבן־יאָריקער קריג" שוין געווען דערגאַנגען צו אַ סטאַדיע, וואו עס האָט וועגן דעם אויסגאַנג שוין ביי קיינעם ניט געקאָנט זיין קיין ספק. כאָטש דער קאַמף פאַר קאַנאַדע האָט זיך געצויגן נאָך אַ פּאָר יאָר, איז אָבער איר גורל שוין געווען פאַרזיגלט. עס איז פאַר אַלעמען געווען קלאָר אַז די פראַנצויזן וועלן זי לאַנג ניט קאָנען באַשיצן, אַז די מאַכט פון דער גרעסערער צאָל, אַ מאַכט וואָס איז אויך געווען בעסער אויסגעריכט, וועט סוף כל סוף זיגן. אין פראַנקרייך האָט מען זיך נאָך געפּרוווט אָנטאָן אַ כוח, מען האָט זיך געפּרוווט אָנשטרייַנגען צו שיקן נאָך שטיצע פאַר דער אַרמיי און דער באַפעלקערונג פון דער פאַרהונגערטער קאָלאָניע. דאָס איז

---

7) פאַר אַ פאָטאָגראַפישער קאָפּיע פון דעם בריוו בין איך שולדיק אַ דאַנק ראַאול גראַדיסן פון באָרדאָ, וועלכער איז געווען פריינטלעך צו לאָזן דערפון מאַכן אַ פאָטאָסטאַט און מיר עס צושיקן. — ב. ג. ז.

8) די דערמאָנטע „געהיימע מעמוארן", באַנד 15, 1784, ז. 260־261. פאַרגלייך אויך SIMON WOLF, The American Jew as Soldier, Patriot and Citizen, p. 480, וואו דאָס זעלביקע ווערט איבערגעגעבן לויט גרעצן.

געווען פראַנקרייכס לעצטער אַקט פאַר קאַנאַדע, איידער דער בונד מיט איר וואָס האָט געהאַט אָנגעהאַלטן איבער צוויי הונדערט יאָר, איז געוואָרן איבער־געריסן און זי האָט קאַנאַדע פאַרלאָרן אויף אַלעמאָל. און אַט די דאָזיקע לעצטע הילף האָט מען ניט איבערגעשיקט אָן דער פאַרמיטלונג פון דעם יידישן שיף־אייגנטימער פון באָרדאָ. זיינע פאַרבליבענע שיפן זיינען נאָך אַלץ אומגעפאָרן הין און צוריק און געפּרואווט ברענגען הילף פאַר די קאַנאַ־דער. די שיפן האָבן זיך אָבער כסדר צונויפגעשטויסן מיטן שונא, וואָס האָט זיך אָנגעהייבן אַלץ מער צו באַווייזן אין די וואַסערן אַרום ניי־פראַנקרייך. איין צוזאַמענשטויס אַט אַזאַ פיגורירט אין דער געשיכטע פון יענער צייט צווישן די באַגלייטנדיקע סיבות וואָס האָבן דערנענטערט דאָס פאַלן פון ניי־פראַנקרייך.

דאָס איז געווען אַ קורצע צייט פאַר דער באַלאַגערונג פון קוויבעק, און פאַר דער אַנטשיידנדיקער היסטאָרישער שלאַכט אויף די „אַבּרהם־פעלדער" וואו עס האָט זיך אָראָפּגעלאָזט דער פאָרהאַנג איבער פראַנקרייכס הערשאַפט איבער קאַנאַדע. דאָס איז געווען די שלאַכט אין וועלכער וואָלף און מאָנקאַלם זיינען ביידע געפאַלן. אַ ענגלישער פלאָט פון צוואַנציק שיפן, מיט אַן אַרמיי פון 11 טויזנט מאַן, האָט זיך דעמאָלט געהאַט באַוויזן ביים אַריינ־גאַנג צום סט. לאָרענס טייך. דאָס איז געווען די אַרמיי פון גענעראַל וואָלף, וואָס האָט נאָכדעם באַלאַגערט און געשטורעמט קוויבעק.

די ענגלענדער האָבן געהאַט גרויס שוועריקייט צו לאָזן זיך אַרויף מיטן סט. לאָרענס, ווייל דאָס וואַסער איז זיי געווען ניט גוט באַקענט. צוזאַמענ־שטויסנדיק זיך מיט גראַדיסעס אַ קליינעם פרעגאַט־שיף, האָבן זיי דעם קאַפּיטאַן, דעני דע וויטרע, אַ קוויבעקער וואָס איז געווען באַוואוסט פאַר אַ געניטן לאָצמאַן, געפאַנגען און סטראַשנדיק אים אויפצוהיינגען, אים גע־צוואונגען צו זיין דער וועגווייזער פאַר דעם ענגלישן פלאָט דורכן סט. לאָרענס. דע וויטרע איז שוין איינמאָל פריער געוואָרן געפאַנגען מיט גראַדיסעס אַ שיף. ער האָט אָבער ניט אַרויסגעוויזן קיין סך מוט און די פראַנצויזן האָבן זיין פאַראַט, וואָס האָט געבראַכט די ענגלישע אַרמיי נאָענט צו קוויבעק, אים קיינמאָל ניט מוחל געווען.

די ענגלענדער האָבן דאַן זיך גלייך באַפעסטיקט און אָנגעהייבן די באַ־לאַגערונג. דאָס איז געווען דעם 26טן יולי 1759. דעם 13טן סעפּטעמבער איז פאָרגעקומען די גרויסע שלאַכט וואָס האָט אַנטשיידן דעם גורל פון לאַנד. אַ קויל האָט גלייך אין אָנהייב געטראָפן וואָלפן און ער איז געפאַלן. דעם אייגענעם טאָג האָבן די ענגלענדער געהאַט זייער נקמה. אַ קויל האָט

איך געטראָפן מאַנקאַלמען און אים איבערגעלאָזט א טויטלעך פאַרוואונדעטן, און דעם 18טן סעפּטעמבער האָט די שטאָט זיך אונטערגעגעבן.

איינער פון די פיינסטע יידישע שטריכן וואָס ער האָט ארויסגעוויזן און פאַר וועלכע מען האָט אין פראנקרייך אים פיל געדאַנקט, איז געווען זיין פאַר־ווענדן זיך פאַר די פראנצויזישע געפאַנגענע, וואָס האָבן זיך געפונען אין ענגלאנד. ער האָט זיך פאַר זיי איינגעשטעלט און איז זיי געקומען צו הילף מיט אלץ וואָס ער האָט געקאָנט. ער האָט דאָס געטאָן דורך זיין איינפלוס־רייכן פריינט אין לאָנדאָן, בנימין מענדעס דא קאָסטא, דורך וועמעס פאַר־מיטלונג ער האָט די פראנצויזישע געפאַנגענע אויסגעלייזט אָדער אויף אלערליי אנדערע וועגן געהאָלפן. ביי איין געלעגנהייט אזא שרייבט ער צו אים, אז ער האָט זיך נאָר וואָס דערוואוסט אז די פראנצויזישע שיפן זיינען געוואָרן באזיגט אין א קאַמף מיט די ענגלענדער. אזוי ווי עס איז מעגלעך אז די ענגלענדער האָבן גענומען אסך געפאַנגענע, בעט ער פאַר די געפאַנגענע פראנצויזישע קאַפּיטאַנען, קאָמאַנדירן און די איבריקע צו טאָן אלץ, אויף זיין חשבון, כדי זייער לאַגע צו פאַרגרינגערן. „איך רעכן אויף אייער פריינד־שאַפט״, האָט ער געשריבן, „אז איר וועט זיין אזוי גוט און טאָן מיר די טובה. איר וועט קיינמאָל פאַר מיר ניט קאָנען טאָן מער אויסערגעוויינלעכס ווי דאָס, מחמת איך פיל מיך זייער שטאַרק פאַרפליכט צו אָט די מענטשן...״ 9) וועגן דעם דאָזיקן זייער כאַראַקטעריסטישן פאַקט דערציילט ביי א פּאָר געלעגנהייטן אויך גרעץ. 10)

מיט דעם פאַלן פון ניי־פראנקרייך און דעם אָנהייב פון בריטישער אָקופּאַציע, האָט זיך אויך געענדיקט די פאַרבינדונג וואָס אברהם גראַדיס האָט א צייט געהאַט מיט קאַנאַדע. פאַרבליבן בלויז איז דער אָנדיינק פון זיינע פאַר־דינסטן, א זאַך וואָס מען האָט אין קאַנאַדע גראָד פאַרגעסן. אָבער אין פראנק־רייך האָט מען דאָס ניט פאַרגעסן. מען האָט דאָס אים דאָרטן דערמאָנט. מען האָט דאָרטן פאַר דעם אים אויסגעדריקט דעם וואַרעמסטן עפנטלעכן דאנק. עס

9) JEAN DE MAUPASSANT, Un grand armateur, etc. pp. 90-91.

10) עס איז מאָדנע, וואָס ניט אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון זיין „געשיכטע דער יודן״, ניט אין דער העברעאישער, פון „שפר״, ווערט גע־בראַכט דער דערמאָנטער פאַקט וועלכן גרעץ האלט פאַר וויכטיק איבערצוגעבן אין דער אָריגינעלער דייטשער אויסגאַבע פון זיין מאָנומענטאַל ווערק. (זע באַנד 11, ז. 190). פאַרגלייך אויך גרעץ, אין „מאָנאַטשריפט פיר געשיכטע אונד וויסענשאַפט דעס יודענטומס״, וואו ער שרייבט:
“. . . Abraham Gradis gab einem Geschaeftsfreunde in London den Auftrag, den gefangenen franzoesischen Kapitaenen und Kommandanten auf seine Rechnung Alles zu verabreichen, was sie noethig haben sollten, um ihre Lage zu erleichtern” (דאָרטן, באַנד 24, ז. 452).

אין דער געשיכטע פון דעם דאָזיקן לאַנד. די יידן פון קאַנאַדע וועלן דערויף פּאַטענט־בריוו פון מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, וואָס זיינען דאַטירט דעם 21טן אויגוסט 1779 און אונטערגעשריבן פון לואי דעם 16טן.

דאָס איז אַ דאָקומענט, אין וועלכן עס ווערט סומירט די גאַנצע טעטיקייט פון דער גראַדיס־משפחה, אַ טעטיקייט, ווי דאָרטן זאָגט זיך, וואָס פאַר איר פילט זיך פראַנקרייך שטאַרק פאַרפליכט. דאָרט ווערט איבערגעגעבן אַז „דוד גראַדיס און זון" זיינען געווען באַאויפטראָגט „מיט אַלע פּראָוויזירונגען פון קאַנאַדע און פון קעניגס אינדזל, זינט דעם יאָר 1748 ביז צו דער צייט וואָס די דאָזיקע ריזיקע געגנטן האָבן געהאַט דאָס אומגליק אַריינצופאַלן צו די ענגלענדער"; אַז זיי האָבן מיט זייער איבערגעגעבנקייט אַרויסגערופן דעם לויב ניט בלויז פון אַלע מיניסטאָרן, וועמעס צוטרוי זיי האָבן געהאַט, נאָר אויך פון אַלע אַדמיניסטראַטערס פון דער פראַנצויזישער קאָלאָניע; אַז זיי האָבן סיי אין צייט פון פרידן סיי אין צייט פון קריג באַזאָרגט מיט גרויסע סומעס געלט און מיט פּראָוויזיע די קאָמאַנדירן פון עסקאַדרעס און פון שיפן, ווי אויך אַנדערע פראַנצויזישע מאַרין־באַאַמטע, ווער נאָר עס האָט זיך צו זיי געווענדט נאָך הילף כדי צו קאָנען דורכפירן די מיסיעס וואָס די רעגירונג האָט זיי אָנגעטרויט, אאַז״וו, אאַז״וו. 11)

אין די זעלביקע פּאַטענט־בריוו ווערט דער גראַדיס־משפּחה באַוויליקט די פולסטע גלייכע רעכט, איינשליסנדיק אפילו דאָס רעכט צו באַזיצן אומבאַוועגלעך אייגנטום אין די קאָלאָניעס, און צו געניסן דאָרטן די זעלביקע פּריווילעגיעס און די פרייהייטן וואָס עס האָבן געהאַט אַנדערע פראַנצויזישע בירגער. דאָס איז אַ פּונקט וואָס ווערט אויסגענומען „להיפוך צו אַלע באַפעלן, פאַראָרדע־נונגען, דעקרעטן און תקנות קעגן דעם". דאָס איז געווען מיט אַ צייט איידער די פראַנצויזישע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט באַשלאָסן צו געבן די יידן פולע ציווילע רעכט.

אָבער קאַנאַדע האָט דאַן שוין מער ניט געהערט צו די פראַנצויזן. זי איז געוואָרן ענגליש, דערפאַר האָט אברהם גראַדיס ניט געקאָנט געניסן אויך דאָ, דאָס לאַנד פאַר וועלכן ער האָט געהאַט אַזעלכע פאַרדינסטן, פון דער אָנער־קענונג וואָס ער האָט באַקומען. דערפאַר האָט ער גאָרנישט איבערגעלאָזט וואָס זאָל דאָ אין אים דערמאָנען — אחוץ בלויז דעם אומפאַרגעסלעכן אָרט, וואָס ער האָט אין די לעצטע יאָרן פון פראַנצויזישן רעזשים זיך דערוואָרבן

---

11) "... les dits sieurs David Gradis et fils auraient été également chargés de tous les approvisionnements du Canada et de l'Ile Royale depuis mil sept cent quarante-huit jusqu'au temps où ces vastes contrées ont eu le malheur de tomber sous la domination des Anglais, etc., etc., (Arch. Gradis, 11, 128).

אין דער געשיכטע פון דעם דאָזיקן לאנד. די יידן פון קאנאדע וועלן דערויף אלעמאָל קאָנען מיט שטאָלץ אָנווייזן.

אָט די אלע מערקווערדיקע פאקטן, כאראקטעריסטיש ווי זיי זיינען, ריידן געוויס פאר זיך אליין. זיי האָבן בלויז איין איינציקן באדייט, איין פירוש. דאָס איז, אז פון דעם לעצטן קאפיטל פון פראנצויזישער הערשאפט אין קאנאדע, פון וועלכן מאָנקאלמס נאָמען שיינט ארויס, שיינט אויך ארויס א יידישער נאָמען — גראַדיס. דאָס איז געווען די פערזאָן וואָס איז פונדערווייטנס גע־שטאנען ביי מאָנקאלמס זייט. דאָס איז געווען דער ייד, וואָס האָט מאָנקאלמען דאן געוועלט העלפן, און ער האָט עס געטאָן מיט א אויפריכטיקייט וואָס אסך האָבן באוואונדערט.

צום באדויערן אָבער איז דאָס וואָס גראַדיס האָט דעמאָלט געטאָן, פאר־בליבן אין קאנאדע כמעט אומבאקאנט. אפילו די וואָס האָבן ביז איצט געשריבן וועגן דעם פראנצויזישן רעזשים, האָבן ניט געפונען פאר נויטיק דערויף זיך אָפּצושטעלן. זיי האָבן צוליב דעם פארפעלט צו פארנאָטירן איינעם פון די אינטערעסאנטסטע און מערקווערדיקסטע פאקטן פון דער פריער קאנאדער געשיכטע. דאָס איז — וועגן דער ראָל וואָס א ייד האָט געשפּילט דאן, ווען פראנקרייך האָט דערזען אז זי האלט ביים פארלירן איר אָנהאלט אויף קאנאדע.

אָבער די פראנצויזן האָבן דאָס דאָזיקע לאנד דעמאָלט געדארפט פארלירן, צי פריער צי שפּעטער. עס איז פאר מאָנקאלמען געווען אוממעגלעך צו קאָנען די קאָלאָניע לייגער באשיצן. מען דארף ניט פארגעסן, אז אים איז דאן אויך אויסגעקומען צו קעמפן קעגן א שרעקלעכן הונגער, קעגן קראנקייטן, און קעגן צופוילטע, אומטיכטיקע, קאָרופּטע באאמטע, וואָס האָבן מיט זייערע שענדלעכע מעשים געבראכט די באפעלקערונג פון ניי־פראנקרייך צו פאר־צווייפלונג. אָבער אין אָט יענער פאר אים זייער קריטישער צייט, איז דאָס געווען א ייד פון באָרדאָ, וואָס איז אים געקומען צו הילף.

ער אליין דערמאָנט די דאָזיקע הילף. ער באטאָנט אויסדריקלעך אז ער וואָלט געוואונטשן, ווען זי זאָל אים געווען אָנקומען כסדר. הגם זיין „טאָגבוך" איז אין קאנאדע באוואוסט זינט 1895, ווען דאָס איז דערשינען אין דער שטאָט קוויבעק אין קאסגריינס „קאָלעקציע פון מאנוסקריפּטן", איז אָבער זיין פארבינדונג מיט גראַדיסן דאָ אין לאנד כמעט פולשטענדיק איגנאָרירט געוואָרן.

וועגן דעם פערזענלעכן לעבן פון אברהם גראַדיס איז וויכטיק דאָ צו פארצייכענען, אז ער האָט געפילט א וואַרעמע צוגעבונדנקייט צו יידן. ער האָט זיך געפילט פאַרוואָרצלט אין יידישע טראדיציעס, פון וועלכע ער האָט ניט געקאָנט אוועקגיין. גרעץ דערציילט אין פארבינדונג דערמיט א אינטערעסאנטן

אנעקדאָט. דער אנעקדאָט באציט זיך אויף אים און דעם הערצאָג פון רישעליע. 12) דער לעצטער איז אמאָל געפאָרן שפאצירן און דערזעענדיק גראדיסן, האָט ער אָפגעשטעלט דעם עקיפאזש און אים איינגעלאדן מיטצו־פאָרן. גראדיס אָבער האָט זיך אָפגעזאָגט — דאָס איז געווען א שבת. „אויב אזוי", האָט דער הערצאָג פון רישעליע זיך אָפגערופן, ארויסשטייגנדיק פון עקיפאזש און אים נעמענדיק פריינטלעך אונטערן אָרעם, „טאָ וועלן מיר ביידע גיין צופוס".

ארום זיין פערזאָן האָבן זיך בכלל געשאפן אסך לעגענדעס. באזונדערס אינטערעסאנט איז אן אנעקדאָט וואָס ווערט וועגן אים דערציילט, און ווערט איבערגעגעבן אין פארשיידענע נוסחאות. דאָס איז, אז ווען ער האָט געהאלטןביים שטארבן און זיינע נאָענטע זיינען געשטאנען ארום אים, האָט ער פון א פארשלאָסענעם שופלאָד פון זיין שרייבטיש ארויסגענומען א קליין פאר־מאכט קעסטעלע. אָט דאָ, אין קעסטעלע, האָט ער געזאָגט, געפינען זיך וועקסלען אויף גרויסע געלט־סומעס, מיט וועלכע ער האָט געטאָן גמילות חסדים מיט מענטשן וואָס זיינען געווען יורדים און האָבן זיך געפונען אין גרויס נויט. ער האָט ביי זיי קיינמאָל ניט געמאָנט דאָס געלט, און איצט, בעת ער האלט ביים שטארבן, פילט ער אז זיין רו אין קבר וואָלט געשטערט ווערן, אויב זיינע יורשים זאָלן טאָן אנדערש. ביי די דאָזיקע ווערטער האָט ער ארויסגענומען די וועקסלען, זיי אָנגעצונדן און פארברענט פאר אלעמען אין די אויגן. 13)

אברהם גראדיס איז געשטאָרבן דעם 17טן יולי 1780. דאָס פאטריאָטישע געפיל מיט וועלכן ער האָט אָנגעשטעקט אנדערע, איז אָבער לאנג פארבליבן צווישן די יידן פון באָרדאָ. דאָס דאָזיקע געפיל איז ביי זיי געווען אזוי שטארק, אז זיי זיינען געווען צופרידן מיט דער ערשטער געלעגנהייט וואָס האָט זיך זיי געמאכט צו קאָנען דאָס עפנטלעך ארויסווייזן. אזא געלעגנהייט איז פאר זיי געווען דער אמעריקאנער אומאָפהיינגיקייטס־קריג.

ווי דאָס איז פארצייכנט אין דעם פנקס פון דער דאָרטיקער פּאָרטוגעזער קהילה, האָבן די יידן פון באָרדאָ דאן צווישן זיך צונויפגעזאמלט א פאָנד פאר א קריגשיף, מיט וועלכן פראנקרייך זאָל העלפן אמעריקע אין קאמף קעגן די ענגלענדער. די רשימה פון ביישטייערערס צום פאָנד טראָגט די דאטע פון 9טן יוני 1782. 14) דאָס איז אָן ספק געווען א מין אָפּקלאנג פון דעם, וואָס דער פון אלעמען הויך געשעצטער אברהם גראדיס, מיט וועמען די יידישע קהילה

12) אין זיין „מאָנאטשריפט" אאז"ו, באנד 24 (1875).
13) ELIACIN CARMOLY, Archives Israélites, 15 mars 1875.
14) Revue des études juives, vol. XXV, p. 104.

פון באָרדאָ האָט אזוי שטאָלצירט, האָט געהאט געטאָן פאר פראנקרייך אויף א פיל ברייטערן מאסשטאב.

דער היסטאָרישער צופאל האָט אָבער געוואָלט אז ניט בלויז מאָנקאלם אליין זאָל האָבן געווען געשטאנען אין ענגען קאָנטאקט מיט א יידן וואָס האָט אים געהאָלפן זיך ווערן קעגן דעם שונא פון דרויסן און פון אינעווייניק. עס איז ווינציק וואָס באוואוסט, אז אויך גענעראל וואולף האָט באקומען אסך וויכטיקע שטיצע פון א יידן. דאָס איז געווען סיר אלעקסאנדער שאָמבערג, וועלכער האָט זיך געפונען אין זיין גענעראל־שטאב.

קאפיטאן שאָמבערג, א פלאָט־אָפיצער און קאָמאנדיר פון דעם פרעגאט־שיף „דיאנא״, איז געווען וואולפס „רעכטע האנט״. ער האָט מיט אים זיך בעראטן וועגן אסך זאכן. נאָך אדמיראל סאָונדערס אליין, וועלכער האָט קאָמאנדירט מיט דעם בריטישן פלאָט אין די קאנאדער וואסערן, איז ער געווען דער וואָס האָט דורכגעפירט אסך וויכטיקע אָפעראציעס, אזעלכע וואָס האָבן געפאָדערט אומדערשראָקנקייט און גרויס קוראזש. ער האָט זיך באזונדערס אויסגעצייכנט ביים אויספאָרשן געוויסע פלעצער וואו די ענגלענדער האָבן געוואָלט צוקומען. אדמיראל סאָונדערס האָט אים צוליב דעם אָנגעפארטרויט מיט אסך געוואגטע אויפטראָגן.

קאפיטאן שאָמבערג האָט פערזענלעך אָנגעפירט שלאכטן קעגן די פראנ־צויזן. ער האָט פארנומען אזא וויכטיקן סטראטעטישן פונקט ווי מאָנטמאָרענסי פאָלס. ער האָט דעם דאָזיקן פונקט באטראַכטן דער ערשטער, און נאָכדעם געגעבן א סיגנאל פאר די טרופן צו לאנדן. מיט פארנעמען די דאָזיקע וויכ־טיקע פאָזיציע האָט ער געמאכט מעגלעך, אז גענעראל וואולף זאָל מיט זיין ארמיי שפעטער קאָנען דערגרייכן קוויבעק און די שטאָט נעמען באלאגערן.

סיר אלעקסאנדער שאָמבערג דערציילט אין זיין „טאָגבוך״, וואָס איז געשריבן דורכגעמישט מיט פראנצויזישע ווערטער, טיילווייז אויך אין ראשי־תיבותן און מיט טעכנישע טערמינען, וועגן די אלערליי אָפעראציעס וואָס ער האָט דורכגעפירט. ער האָט אנטייל גענומען ניט בלויז אין דער באלאגערונג פון קוויבעק, נאָר אויך פון לואיזבורג, און אין די פארשידענע צוזאמענשטויסן וואָס זיינען אין 1759 און 1760 פאָרגעקומען אינם סט. לאָרענס דורכגאנג.

שאָמבערג איז געווען א זון פון דר. מאיר לוי שאָמבערג, א באקאנטער מעדיקער אין לאָנדאָן ביים אָנהייב 18טן יאָרהונדערט, און א מיטגליד פון א בארימטער משפחה, אין וועלכער עס האָבן זיך געפונען דאָקטוירים און ידישע געלערנטע. יצחק שאָמבערג און רפאל אָדער ראלף שאָמבערג זיינען געווען זיינע ברידער. די דאָזיקע משפחה האָט זיך אויך אויסגעצייכנט אין דעם ענגלישן פלאָטדינסט און האָט ענגלאנד געגעבן עטלעכע וויצע־

אדמיראלן און פלאָט־קאפּיטאנען. קאפּיטאן שאָמבערג איז געבוירן געוואָרן אין 1716, און איז צו 27 יאָר ארייגעטראָטן אין דעם ענגלישן מארין־דינסט, וואו ער איז כסדר געשטיגן אין ראנג. פון דער „ריטשמאָנד", פון וועלכער ער איז אין 1757 באשטימט געוואָרן קאפּיטאן, איז ער טראנספערירט געוואָרן צו דער „דיאנא" מיט וועלכער ער האָט אָנטייל גענומען ביים איינעמען קוויבעק. ער איז שפּעטער באשטימט געוואָרן קאָמאנדיר פון דער שלאכטשיף „עסעקס", א שיף פון 64 קאנאָנען מיט וועלכן ער האָט אין 1761 געהאָלפן פארנעמען דעם ים־פּאס פונם „שיינעם אינדזל", וואס פירט פון דעם אויבערשטן טייל נייפאונדלאנד צום ארייגאנג אינם סט. לאָרענס.

קאפּיטאן שאָמבערג איז געשטאָרבן אין דאָבלין דעם 19טן מערץ 1804. צום „טאָגבוך" וואס ער האָט איבערגעלאָזט, אין וועלכן ער באשרייבט זיין אָנטייל אין דער באלאגערונג פון דער געגנט ארום קוויבעק זינט דעם 11טן יולי ביז צום 10טן סעפּטעמבער 1759, זיינען צוגעגעבן אסך וויכטיקע נאָטיצן, געשריבן מיט בלייפעדער פון וואולפן אליין, אויך א מאפּע וואס ער האָט דאָרטן אָנגעצייכנט. 15)

15) JOURNAL OF SCHOMBERG, 1759-1776, the Archives, Ottawa; Army and Navy, London, April, 1898; Jew. Enc., Vol. XI, p. 106; Report of the Public Archives of Canada for 1923, Miscellaneous, p. 18.

# אין דעם ענגליש-קאָלאָניאַלן פּעריאָד

## קאַפּיטל פיר

## דער אָנהייב פון יידישן ישוב

אין אַלע צייטן פון דער געשיכטע זיינען די גרויסע אַרומיקע געשעענישן געווען דער דינאַמישער כוח וואָס האָט דאָס יידישע לעבן ניט אויפגעהערט צו טרייבן פאָראויס. דאָס איז געווען דער כוח וואָס איז מיט אים געווען ענג און אוממיטלבאַר פאַרבונדן, וואָס האָט אויף אים איבערגעלאָזט דעם שטאַרקסטן רושם און אים אָפט אָפּגעווענדט אויף נייע וועגן.

אויף אָט אַזעלכע נייע וועגן איז דאָס יידישע לעבן דורך דעם שפּיל פון היסטאָרישע צופאַלן געוואָרן אָפּגעווענדט סוף פופצנטן יאָרהונדערט. דאָס איז געווען דורך דעם גירוש שפּאַניע פון איין זייט, און דורך דער אַנטדעקונג פון אַמעריקע פון דער אַנדער זייט. אין דער אייגענער צייט וואָס מען האָט פון שפּאַניע באַשלאָסן אַרויסצוטרייבן די יידן, וואָס האָבן ניט געוואוסט וואוהין זיך צו ווענדן און וואָס זיי דערוואַרט, האָט קאָלומבוס זיך אַרויס־געלאָזט אין זיין ווייטער נסיעה צו זוכן דאָס לאַנד אָדער דעם קאָנטינענט, וואָס איז שפּעטער געוואָרן די היים פון מיליאָנען פון יידישן פאָלק.

אויף דעם אייגענעם אופן דערפאַר האָט די קאָנקורענץ פון דעם אייראָ־פּיאישן אימפּעריאַליזם, וואָס האָט גענומען זוכן פאַר זיך נייע פעלדער און נייע געביטן פון דעראָבערונג, זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ רפואה צו די יידישע צרות. די יידן וואָס האָבן אַזוי געשמט מיט זייערע סוחרישע פעיאיקייטן, זיינען ביז אַ געוויסן גראַד אַפילו געוואָרן פאַרמיטלערס פון דעם דאָזיקן אימפּע־ריאַליזם, און דאָס האָט אין פאַרשיידענע טיילן פון דער נייער וועלט צוגעגרייט אַ מקום מקלט פאַר זיי.

אַרום אָט יענער צייט האָט מען די יידן אין ענגלאַנד נאָך געהאַט קוים טאָלערירט. ביי אַסך האָט נאָך אַפילו געקאָנט דערוועקט ווערן די פראַגע פון אַ צווייטן יידישן גירוש פון דאָרטן. אָבער אין די ענגליש־אַמעריקאַנער קאָלאָניעס איז מען געווען צופרידן זיי אויפצונעמען. מען האָט זיי געגעבן

געוויסע פּריווילעגיעס כדי אַז זיי זאָלן אַהין קאָנען קומען און דאָרטן זיך אויפהאַלטן. און דאָס איז ניט געווען אומזיסט — די יידן האָבן אומעטום בייגעטראָגן זייער חלק. אַ דאַנק זיי האָט דער מסחר דאָרטן זיך צעבליט און האָבן די באַטרעפנדיקע ערטער עקאָנאָמיש אויפגעלעבט. אויף דעם דאָזיקן וועג דעריבער זיינען זיי דורך די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס פּרי געקומען אין באַריר אויך מיט דעם ענגלישן טייל קאַנאַדע. דאָס איז געווען דער טייל, וואָס האָט לויט דעם „טראַקטאַט פון אוטרעכט" וואָס איז געוואָרן אונטערגעשריבן אין 1713, איינגעשלאָסן די היינטיקע פּראָווינץ נאָוואַ סקאָשיאַ און אַ טייל ניו־בראַנזוויק. די ערשטע יידן וואָס זיינען אונטער די ענגלענדער אריינגעקומען אין קאַנאַדע אָדער וואָס האָבן מיט איר געהאַט אַ געוויסן פאַרקער, דערמאָנען דערפאַר מיט זייערע נעמען אין באַקאַנטע יידישע משפחות, וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט אין אַמעריקע.

יידישע סוחרים און יידישע רייזנדיקע זיינען אָבער נאָך מיט אַ צייט פריער אומגעפאָרן איבער אַלע די ימים, וואָס האָבן געפירט צו דעם ניי־אַנטדעקטן קאָנטינענט. דער דאָזיקער קאָנטינענט וואָס איז נאָך ניט געווען אינגאַנצן אויסגעפאָרשט, האָט מיט זיינע באַהאַלטענע מעגלעכקייטן אַלעמען געלאָקט און געמאַניעט. עפּעס סודותדיקעס איז געווען אין אים, עפּעס וואָס מען האָט געוואָלט דערגיין, אויסגעפינען.

אַסך אינדזלען און האַלב־אינדזלען אין דער נייער וועלט זיינען געלעגן און געוואַרט. זיי האָבן געוואַרט אַז מענטשן זאָלן אַהין קומען, אַז מענטשן זאָלן זיי אַנטדעקן און זאָלן זיך באַנוצן מיט זייערע נאַטירלעכע אוצרות, אויב אַזעלכע האָבן זיך דאָרט געפונען. איינער פון אַזעלכע ווינציק באַוואוסטע פּלעצער איז אויך געווען דער האַלב־אינדזל לאַבראַדאָר. הגם לאַבראַדאָר איז נאָך פריער שוין געוואָרן אַנטדעקט דורך קאַבאָט, האַדסאָן און אַנדערע, איז אָבער דערמיט אויך פאַרבונדן אַ יידישער נאָמען. דאָס איז פון יוסף דע לאַ פּענהאַ, דעם הויפּט פון אַן אַלטער שפּאַניש־יידישע משפּחה וואָס האָט געלעבט אין האָלאַנד.

פון אַ דאָקומענט וואָס איז פאַרבליבן אויפגעהיט ביז היינט דערוויסט מען זיך, אַז אין 1677 זאָלן די שיפן פון יוסף דע לאַ פּענהאַ האָבן געוואַנדערט אין די וואַסערן אַרום קאַנאַדע. זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף דעם האַלב־אינדזל לאַבראַדאָר און דע לאַ פּענהאַ האָט די ניי־אַנטדעקטע געגנט דערקלערט פאַר טעריטאָריע וואָס געהערט צו ענגלאַנד, וואָס איבער איר האָט וויליאַם דער דריטער, וועלכער איז אויך געווען האָלענדישער הערשער, דאַן רעגירט.

מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער איז דעם זעלביקן יוסף דע לאַ פּענהאַ אויסגעקומען צו ראַטעווען דעם קעניגס לעבן, ווען דאָס שיף אויף וועלכן דער קעניג

איז געפאָרן קיין האָלאַנד, איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון אַ שטאַרק צעברויזטן שטורעם אויפן ים און האָט געגומען זינקען. ווי אַ באַלוינונג, האָט וויליאַם דער דריטער באַשלאָסן אים אָוועקצושיינקען דעם זעלביקן אינדזל וואָס ער, דע לאַ פּענהאַ, האָט מיט צוואַנציק יאָר פריער געהאַט אַנטדעקט. און דעם 1טן נאָוועמבער 1697 האָט ער אים אַרויסגעגעבן אַן אָפיציעלן דאָקומענט צו דעם דאָזיקן צוועק. דער דאָקומענט אין וועלכן דאָס ווערט באַשטעטיקט, איז אָריגינעל געשריבן אויף האָלענדיש. אין אַ האַלב פרייער יידישער איבער־זעצונג לייענט ער זיך אָט ווי:

„מיט גאָטס גענאָד וויליאַם, קעניג פון ענגלאַנד, שאָטלאַנד, פראַנק־רייך און אירלאַנד, פּרינץ פון אָראַנדזש, יורש פון געלדערלאַנד, האָלאַנד, זעלאַנד, מערב־פריזלאַנד, אוטרעכט און די פאַראייניקטע פּראָווינצן, איז דורך דעם מודיע, אַז:

„ היות ווי אין יאָר 1677 זיינען אַנטדעקט געוואָרן און געוואָרן דער־קלערט פאַר אונדזער אייגנטום געוויסע טעריטאָריעס וואָס ליגן אין צפון־טייל פון אַמעריקע, און די דאָזיקע טעריטאָריעס, וואָס האָבן צו קיינעם ניט באַלאַנגט, זיינען אונטער די נעמען לאַבראַדאָר און עסטאָ־טילאַנד געוואָרן אונדזער אייגנטום אין טאָג פון דעם 23טן סעפּטעמבער 1677, וואָס גיט אונדז דאָס רעכט זיי אָוועקצושיינקען צו פּערזאָנען וואָס וועלן האָבן אַ פאַרלאַנג צו אַנטוויקלען דאָרט אַ האַנדל אונטער אונדזער אויטאָריטעט און שוץ.

„און היות ווי יוסף דע לאַ פּענהאַ, דער בירגער און איינוואוינער פון ראָטערדאַם, וועלכער האָט די געגנט אַנטדעקט, איז צופרידן די דאָזיקע טעריטאָריעס איבערצונעמען, שיינק איך דעריבער אַוועק צו יוסף דע לאַ פּענהאַ די נאָמינאַלע און טעריטאָריעלע רעכט, מיט אַלע הויכע, מיטעלע און נידעריקע יוריסדיקציעס איבער די דאָזיקע טעריטאָריעס און זייערע ברעגעס אַזוי ווייט ווי צווישן דעם 54טן און 60טן פּונקט פון דער צפונדיקער ברייט, צוזאַמען מיט אַלע וועלדער, טייכן, פּרוכט און פיש־טייכלעך וואָס געפינען זיך דאָרט. די דאָזיקע רעכט וועלן קיינמאָל ניט צוריקגענומען ווערן, ניט פון אים און ניט פון זיינע געזעצלעכע יורשים און נאָכפאָלגערס.

„איך זאָג צו יוסף דע לאַ פּענהאַ און זיינע יורשים אונדזער שוץ און פאַרטיידיקונג איבער דער אָנגעוויזענער טעריטאָריע קעגן פאַר־שיידענע אָנפאַלן און שטערונגען.״ 1)

1) Montreal Star, November 6, 1926; The Gazette, Montreal, April 17, 1935.

דער דאזיקער דאקומענט איז געוואָרן אונטערגעחתמעט פונם קעניג אליין, וועלכער האָט עס צוזאמען מיט א פערזענלעכן בריוו, וואָס טראָגט די זעלביקע דאטע ווי דער דאקומענט, איבערגעשיקט צו יוסף דע לא פענהא.

יוסף דע לא פענהא אליין האָט זיך קיינמאָל ניט באנוצט מיט דעם רעכט וואָס דער קעניג האָט אים דאָ געגעבן. זיינע יורשים האָבן דאָס אויך קיינמאָל ניט געמאָנט, הגם זיי האָבן געוואוסט, אז ערגעץ האָט זיך געדארפט געפינען א דאקומענט וואָס באשטעטיקט זייער רעכט דערויף. ערשט מיט איבער 225 יאָר שפּעטער איז זיי איינגעפאלן צו פּרואוון ווידער מאכן קלאָר זייערע פּריווי־לעגיעס, ווענדנדיק זיך מיט א תביעה וועגן דעם צו ענגלאנדס העכסטער געריכטלעכער אינסטאנץ, דעם „פּריווי קאונסיל״. איינער פון די דאזיקע יורשים־מאָנערס איז געווען יצחק דע לא פענהא, אן אפּשטאמער פון יוסף דע לא פענהא, און חזן פון דער שפּאניש־פּאָרטוגעזער קהילה אין מאָנטרעאָל.

פּרובירט מען נאָכפאָלגן די ערשטע אלגעמיינע קאָלאָניסטישע פּרואוון, וואָס זיינען אין ענגלאנד געמאכט געוואָרן בנוגע געוויסע טיילן קאנאדע, שטויסט מען זיך אָן אויף א כאראקטעריסטישער דערשיינונג. מען זעט, אז דאָס האָט אין אסך פאלן אָנגערעגט א ענלעכן געדאנק אויך אין דאָרטיקע יידישן קרייזן. מען האָט אין די דאָזיקע קרייזן אין 1749 זיך געהאט שטארק פאראינ־טערעסירט מיט נאָווא סקאָשיא, וואו מען האָט געוואָלט באזעצן אייניקע יידן. ארום יענער צייט איז אין ענגלאנד דערוועקט געוואָרן דער פּלאן צו קאָלאָ־ניזירן געוויסע פּלעצער פון אקאדיע, וואָס מען האָט געוואָלט באזעצן מיט ענגלענדער, שאָטלענדער און אירלענדער. דערהויפּט וואָלט מען דאָרטן געהאט גערן פּראָטעסטאנטן פאר קאָלאָניסטן, און מען האָט אזעלכע באזונדערס דערמו־טיקט אהין צו פאָרן. יידן האָבן דערין פאר זיך אויך דערזען די מעגלעכקייט פון א נייעם יידישן פּונקט צו באזעצן זיך. מען האָט זיך געפּרואווט שטארק משתדל זיין,אז אָרעמע יידישע משפחות זאָלן זיך לאָזן אָנריידן אהין צו פאָרן. מען האָט זיך אפילו געהאט אונטערגענומען אזעלכע אויסוואנדערער צו שטיצן דריי יאָר כסדר. 2) עס איז אָבער ניט באוואוסט אויב אפילו איין איינציקער ייד זאָל זיך האָבן געפונען צווישן די, וועמען מען האָט דאן אריבערגעבראכט. דער רוב זיינען דאָס געווען בלויז פּראָטעסטאנטישע ענגלענדער, וואָס זיינען געקומען.

מיר דערוויסן זיך אָבער אז די קאנאדער פּראָווינץ נאָווא סקאָשיא איז פון אָנהייב אָן געווען א פּונקט, וואָס האָט ארויסגערופן א געוויסן אינטערעס ביי יידן. מיט נאָווא סקאָשיא זיינען זיי געקומען אין באריר נאָך איידער גאנץ

2) A. M. HYAMSON, A History of the Jews in England, London, 1908, p. 267.

קאנאדע איז אָקופּירט געוואָרן פון די ענגלענדער. זיי פלעגן גאנץ אָפט קומען אהין פון די דערבייאיקע אמעריקאניש־ענגלישע קאָלאָניעס. דאָס איז אָבער געווען בלויז צוליב צווּעקן פון מסחר, אויך צוליב דער פּראָוויזירונג פון דער ענגלישער ארמיי, מיט וואָס יידן האָבן זיך אָפּגעגעבן. אייניקע בריוו וועגן דעם, וואָס געפינען זיך אין די קאנאדער ארכיוון, באווייזן מיט וואָס פאר א געוויסנ־האפטיקייט און פּינקטלעכקייט זיי האָבן דורכגעפירט די דאָזיקע עסקים זייערע מיט דער ארמיי.

אונטער דער אויפשריפט: „האליפאקס, 18טער אָקטאָבער 1752״, איז אין די ארכיוון אויך דערמאָנט אז א איזראָעל אייבראהאמס האָט געשריבן צו דער לאָנדאָנער האנדל־קאמער, מאכנדיק א אינטערעסאנטן פאָרשלאָג. דאָס איז געווען, אז ער נעמט זיך אונטער צו פּראָדוצירן פּאָטאש אויף דעם פלעמישן אופן. ער האָט בייגעלייגט עטלעכע מוסטערן דערפון און אָנגעוויזן, אז דאָס וואָלט דער קאנאדער פּראָווינץ געבראכט אסך נוצן. 3) א אייבראמס אין האלי־פאקס, א לאנד־באזיצער דאָרטן, ווערט אויך דערמאָנט אין די אמהערסט פאפּירן״, וואו ער ווערט אויסדריקלעך באצייכנט ווי א ייד, אז עס זיינען פאראן נאָך אנדערע פאקטן וואָס זאָגן עדות אויף דעם פריען אויפהאלטן זיך פון יידן אין נאָווא סקאָשיא. דאָס מיינט, אז יידן האָבן דאָרטן זיך גאנץ באַ־שטימט באזעצט פריער נאָך ווי אין מאָנטרעאָל, און איידער דאָס גאנצע לאנד איז אריבער צו די ענגלענדער.

מען איז זיך משער, הגם דאָס קאָן שוואך באוויזן ווערן, אז די ערשטע יידן וואָס האָבן אין קאנאדע זיך באזעצט, זיינען אהער אריבערגעקומען צוזאמען מיט די קאָלאָניאלע טרופּן פון גענעראל בראדאָק אין 1775. לויט דער זעל־ביקער השערה האָבן זיי שפּעטער זיך אויך געזאָלט האָבן באטייליקט אין א פּאָר צוזאמענשטויסן מיט די אינדיאנער. איינער אָדער צוויי יידן האָבן זיך אויך געפונען אין וואשינגטאָנס ארמיי, בעת ער האָט מיט א יאָר פריער געהאט אונטערגענומען זיין עקספּעדיציע איבער די אלעגהאניער בערג, מאר־שירנדיק קעגן די פראנצויזן. 5) אָבער עס איז שווער צו געפינען עטוואָס וואָס זאָל אונדז ווייזן, אז דאָס זיינען געווען די אמתע אָנהייבן פון יידישן ישוב אין קאנאדע.

עס איז אָבער א פאקט, אז איידער נאָך מען האָט געקאָנט באמערקן וועלכע ניט איז סימנים פון יידישער באזעצונג אין דער היינטיקער קאנאדע, האָבן יידן שוין ארויסגעוויזן א געוויסן אינטערעס פאר די האנדלס־מעגלעכקייטן פון

3) Report on Canadian Archives for 1894, p. 85.
4) Publications, Am. Jew. Hist. Soc., no. 35, p. 5.
5) Dr. C. Adler, in Jew. Encycl., Vol. I, p. 503.

דעם דאָזיקן לאנד. דאָס איז צו זען פון דעם וואָס מייקל גראַץ דערציילט, אז ער האָט צווישן די יאָרן 1763-1759 „אויף זיין אייגענעם חשבון און ריזיקע געמאכט זיינע ערשטע עקספּערימענטן מיט דעם ברעג־לאנד האנדל צווישן האליפאקס און דזשאָרדזשיע". 6)

דאָס אלץ זיינען איינצלנע, צווישן זיך אָפּגעזונדערטע פאלן. עס איז אָבער דערפון לייכט צו מאכן זיך א באגריף, ווי אזוי עס האָט אין דעם פּעריאָד פון ענגליש־קאָלאָניאלער הערשאפט אין אמעריקע אָנגעהייבן צווישן יידן ביסלעכוויז דערוועקט צו ווערן דער אינטערעס צו קאנאדע. עס איז מיט דעם צוגעגרייט געוואָרן דער באָדן, אויף וועלכן עס איז מעגלעך געוואָרן דער אָנהייב פון א פּערמאנענטער יידישער באזעצונג אין לאנד. פאר קאנאדע אליין איז אָט יענע צייט געווען א צייט פון שווערע איבערלעבונגען. זי האָט דאַן געדארפט דורכמאכן אלע ווייען פון איבערגאנג פון איין רעזשים צו א צווייטן. זי איז איבערגעגאנגען פון די פראנצויזן צו די ענגלענדער, און דאָס זיינען געווען די לעצטע צו וועמען יידן האָבן געפילט א גרעסערע נאָענטקייט. זיי זיינען אויך געווען דאנקבאר דעם צופאל וואָס האָט מעגלעך געמאכט, אז זיי זאָלן מיט זייי קאָנען פארקניפּן דעם אייגענעם גורל. אָבער די יידן זיינען אהער ניט געקומען מיט ליידיקע, נאָר ווי מענטשן וואָס האָבן אליין אויך גענומען א גאנץ גרויסן אָנטייל אין די פּאסירונגען פון דער צייט. זיי זיינען געווען צופרידן בייצוטראָגן צו אלץ אויך זייער חלק.

דאָס אָנקומען פון די ענגלענדער אין קאנאדע האָט ווי א מין ביי־זאך פון דער דאָזיקער געשעעניש פארן לאנד דעריבער אויך געבראכט אהער יענע ערשטע יידן, וואָס האָבן געמאכט קאנאדע פאר זייער היים. אינמיטן פון דער היסטאָרישער דראמע וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דעם אמעריקאנער קאָנטינענט, בעת פראנקרייכס ראָל אין דעם צפון־טייל פון דער נייער וועלט האָט זיך געענדיקט און ענגלאנדס האָט זיך אָנגעהייבן, האָבן אויף דער סצענע אויך יידן זיך באוויזן. דאָס איז געווען א קליינע ספרדישע גרופּע פון זיי, וואָס זיינען אָנגעקומען אהער צוזאמען מיט דעם לייטענאנט־גענעראל סיר דזשעפרי אמהערסט. דאָס זיינען פאקטיש געווען די ערשטע יידן וואָס האָבן באטראַכטן דעם קאנאדער באָדן מיט דער כוונה צו מאכן דאָ זייער היים.

פאר יידן איז דאָס לאנד ארום יענער צייט מער ניט געווען אומבאקאנט. דוד פראנקס, א קרוב פון דוד סאלעסבי פראנקס, מיט זיין געשעפט־שותף יצחק ליווי און זיין פאָטער און ברודער, יעקב און משה פראנקס, זיינען געווען די הויפּט־פּראָוויאנטירער פון דער בריטישער ארמיי אין קאנאדע און

6) The Gratz Papers, in Publications, Am. Jew. Hist. Soc., no. 23, p. 4.

אין די אמעריקאַנער קאָלאָניעס איידער נאָך דאָס דאָזיקע לאנד איז געוואָרן פאַרנומען פון די ענגלענדער. זיי האָבן די דאָזיקע אויפגאַבע דורכגעפירט בעת די מלחמות מיט די פראַנצויזן און מיט די אינדיאַנער, און עטלעכע יאָר כסדר נאָך די דאָזיקע מלחמות. אין די אָפיציעלע מעלדונגען און אין דער גאַנצער קאָרעספּאָנדענץ פון גענעראַל מאַנקטאָן, גענעראַל אמהערסט, גענעראַל גיידזש און קאָלאָנעל בוקע, ווערן די דאָזיקע מיטגלידער פון דער משפחה פראַנקס גאַנץ אָפט דערמאָנט. מען לויבט זיי דאָרט אפילו, און זייער וואַרעס, פאַר דעם פּייאיקן אופן אויף וועלכן זיי האָבן אָנגעפירט דעם דאָזיקן אָפּטייל פון דער ארמיי. דוד פראַנקס איז כמעט געשטאַנען אין א שטענדיקן בריוו־וועקסל מיט זיי. ער האָט זיי איבערגעשיקט פאַרשיידענע וויכטיקע ידיעות, און ער האָט אָפט אפילו געהאָט די עובדה צו באַזאָרגן די טראַנספּאָרט־מיטלען אויף איבערצושיקן סאָלדאַטן.

די פראַנקס, דאַרף מען באַמערקן, האָבן געוואוינט אין ניו יאָרק און אין פילאדעלפיע. זיי פלעגן אָבער אָפט קומען קיין קאַנאַדע, אין פאַרבינדונג מיט זייערע פונקציעס פאַר די בריטישע טרופּן וואָס האָבן זיך דאָ געפונען. אויף דעם דאָזיקן אופן האָבן זיי פרי זיך דערוואָרבן א געוויסע באַקאַנטשאַפט מיט דעם לאַנד. צווישן די ערשטע אַפּליקאַנטן אויף פריי־פּאַרטיילטן באָדן אין קייפּ־ברעטאָן, געפינען מיר דערפאַר אויך די נעמען משה פראַנקס, יעקב פראַנקס, יצחק ליוויי און מאטיעס בוש (פון פילאדעלפיע), און נפתלי פראַנקס. 7)

דעם ערשטן אָרט צווישן די יידן וואָס זיינען אריינגעקומען קיין קאַנאַדע אין צייט פון דער בריטישער אָקופּאַציע, פאַרנעמט אהרן (גערופן אויך אהרן פייבוש) האַרט. אהרן האַרט איז געבוירן געוואָרן אין לאָנדאָן, ענגלאַנד, אין 1724, און איז געווען א לייטענאַנט אין דער ענגלישער ארמיי. ער האָט געדינט אין דעם „דייטשן לעגיאָן״, ווי מען האָט עס גערופן, און איז צוזאַמען מיט סיר פרעדעריק האַלדימאַנד און קאָלאָנעל בוקע אריבערגעקומען פון ענגלאַנד אין 1752, 8) בעת ער האָט באַזוכט די אמעריקאַנער קאָלאָניעס. ער האָט זיך דאַן באַזעצט אין ניו יאָרק. שפּעטער האָט ער זיך ווידער אָנגעשלאָסן אין די בריטישע טרופּן, און איז באַשטימט געוואָרן פאַר פּראָוויאַנט־קאָמיסאַר אין

---

7) Report on Canadian Archives for 1894. p. 296.

8) דאָס יאָר ווען האַרט איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, ווערט פאַרשיידן אָנגעגעבן. פון דעם אָבער וואָס מען האָט געפונען פאַרצייכנט, קאָנטיק פון אים אליין, אין א מחזור וואָס ער האָט איבערגעלאָזט, קאָן מען באַשטימט זען אַז דאָס איז געווען אין 1752; אַז ער איז צום ערשטן געקומען קיין דזשאַמאַיקע און פון דאָרטן ערשט קיין ניו יאָרק.

דער ארמיי פון סיר דזשעפרי אמהערסט. אהרן הארט האָט אפילו געהאַט אָרגאַניזירט אַן אייגענעם באַטאַליאָן, מיט וועלכן צו העלפן די ענגלענדער דעראָבערן קאַנאַדע. אינם באַטאַליאָן, א טייל פונם 60טן קעניגלעכן אַמעריקאַנער רעגימענט פון ניו־יאָרק, האָבן זיך אויך געפונען נאָך אַנדערע יידן, וואָס זיינען אָנגעקומען צוזאַמען מיט אמהערסטן.

מען גלויבט אז ער האָט אפילו געזאָלט ווערן דער קאָמאַנדיר פון א גאַנצן רעגימענט, אָבער ער האָט זיך שפּעטער באַנוגנט מיט פיל קלענערע מיליטערישע פליכטן. בעת אמהערסט האָט מיט זיין ארמיי זיך געלאָזט גיין אויף מאָנטרעאַל, איז אהרן הארט געווען איינער פון זיינע שטאַב־מיטגלידער. און ווען די שטאָט האָט קאַפּיטולירט (סעפּטעמבער דעם 8טן 1760), און אמהערסט איז אהין אריינגעריטן דורך די אַלטע טויערן, איז קאָמיסאַר הארט געווען צווישן די וואָס האָבן זיך געפונען ביי זיין זייט.

צוזאַמען מיט אמהערסטן, זיינען אויך אָנגעקומען חננאל גאַרציאַ, עמנואל דע קאָרדאָווא, יצחק דע מיראַנדאַ, לאַזאַרוס דוד, אוריאל מאָרעסקאָ, יעקב דע מאורערא, אברהם פראַנקס און נאָך אייניקע. זיי אַלע זיינען אויף אזא אָדער אַנדער אופן, טייל ווי אָפיצערן, געווען פארבונדן מיט דער ארמיי און האָבן זיך באַטייליקט אין פארשיידענע מיליטערישע אָפּעראַציעס וואָס די קאָלאָניאַלע טרופּן האָבן דורכגעפירט. יעקב דע מאורערא ווערט דערמאָנט אין א געוויסן דאָקומענט פון מיט עטלעכע יאָר שפּעטער ווי א געוועזענער סאַרדזשענט־מאַיאָר פון דער ארמיי. לויט זייערע מיליטערישע אמטן האָבן די דאָזיקע אָנגעקומענע יידן גענומען א גאַנץ נאָענטן אָנטייל אין אַלע די געשעענישן, וואָס האָבן באַצייכנט דעם איבערגאַנג פון צפון־אַמעריקע פון פראַנקרייכס באַזיץ צו ענגלאַנד.

צוגלייך מיט אהרן הארט, איז אהער אויך אָנגעקומען שמואל יהודה, זיינער א נאָענטער קרוב. זיי האָבן צוזאַמען פריער אויך געהאַט געמאַכט די נסיעה פון ענגלאַנד צו די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס. ביידע האָבן זיך באַזעצט אין טהרי ריווערס, וואו הארט האָט אָנגעהאַלטן זיין מיליטערישן פּאָסטן. שפּעטער, בעת האַלדימאַנד האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע איבער די קאַנאַדער טרופּן, האָט דער לעצטער באַשטימט הארטן פאַר זיין גענעראַל קאָמיסאַר.

די שטאָט טהרי ריווערס איז דאַן געווען א וויכטיקער מיטלפּונקט. זי איז געווען א צענטער פונם פוטערוואַרג־האַנדל, וואָס האָט דער עיקר זיך גענומען שטאַרק צעבליען מיט דעם אָנקומען פון די ענגלענדער. ביידע, אהרן הארט און שמואל יהודה, וועלכע האָבן באַזעסן גרויסע קאָמערציעלע פּיאַי־קייטן, האָבן דעם דאָזיקן מסחר אויפגענומען. זיי האָבן אים גענומען אָנפירן אויף א גרויסן מאַסשטאַב, פארבינדנדיק א היפּשן עקספּאָרט מיט ענגלאַנד. פון זיי

ביידע האָט אָבער באַזונדערס אהרן הארט אסך בייגעטראָגן פאר טהרי ריווערס. זיינע פּילזייטיקע קאָמערציעלע טעטיקייטן האָבן צוגעגעבן גרויס וויכטיקייט יענער שטאָט, וואו ער איז גיך געוואָרן איינער פון די חשובסטע בירגער.

שמואל יהודה ווערמען עס האָט געצויגן צו א לעבן אין אן אטמאָספער וואָס זאָל זיין אביסל מער יידיש, האָט זיך שפּעטער אריבערגעצויגן קיין מאָנטרעאָל. אים איז פיל בעסער געפעלן די סביבה פון דער יונגער ספרדיש־יידישער קהילה, וואָס פאר איר איז אין דער צווישנצייט, מיט דעם אָנקומען פון נאָך א פּאָר יידן, געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין. ער איז אָבער אין עטלעכע יאָר ארום ארויסגעפאָרן פון לאנד און זיך באַזעצט אין ניו־יאָרק.

די וואָס זיינען אָנגעקומען די ערשטע יאָרן נאָך דעם קאפּיטולירן פון מאָנטרעאל, קאָנען מיט רעכט באטראכט ווערן פאר די פּיאָנערן פון יידישן ישוב אין לאנד. אחוץ די דערמאָנטע, זיינען דאָס געווען אוריה יהודה, לוי סאָלאָמאָנס, יחזקאל סאָלאָמאָנס, מאנועל גאָמעץ, סיימאָן ליוויי און פערנאנ־דעץ דא פּאָנעסקא, און צו זיי זיינען באלד צוגעקומען נאָך אייניקע. זייערע נעמען דערציילן פונוואנען זיי זיינען געקומען. כמעט אין דער אייגענער צייט האָבן א פּאָר יידן זיך אויך באַזעצט אין דער שטאָט קוויבעק און אין א פּאָר אנדערע פּונקטן. דער רוב פון זיי זיינען געווען סוחרים מיט גרויס דערפאַרונג און וויסן אין די אלערליי צווייגן פון מסחר, וואָס זיינען אין די אמעריקאנער קאָלאָניעס דאן אָנגעגאנגען. מערסטנס זיינען זיי אהער אריבערגעקומען אויף דער איינלאַדונג פון גענעראל אמהערסט. טייל פון זיי זיינען געווען גאנץ פארמעגלעכע מענטשן, און דער ענגלישער גאָווערנאָר האָט אין זיי געזען אן עלעמענט וואָס איז פאר דעם לאנד געווען ניצלעך און וויכטיק.

צווישן די ערשטע יידן וואָס זיינען אין לאנד אריינגעקומען, ווייל סיר דזשעפרי אמהערסט איז געווען פאראינטערעסירט זיי אהער צוצוציען, האָט זיך אויך געפונען שמואל דזשייקאָבס. ער איז געווען פון די וואָס האָבן זיך באַזעצט אויסער מאָנטרעאל, גלייך נאָך דעם ווי די שטאָט האָט אין 1760 זיך אונטערגעגעבן. שמואל דזשייקאָבס האָט זיך באַזעצט אין סט. דעני, ביים רישעליע, וואו ער איז געוואָרן פּאָפּולער און באקאנט אין דער געגנט ארום. אחוץ מסחר, האָט ער זיך אויך אָפּגעגעבן מיט צושטעלן פּראָוויאנט פאר דער ארמיי און האָט געהאט זייער פארצווייגטע פארבינדונגען. ער האָט געשמט פאר א רייכן מענטש און האָט פארמאָגט אומבאוועגלעך אייגנטום אין מאָנטרעאָל, סאָרעל, קוויבעק, סט. דעני, אָלבאני, ניו־יאָרק און פילאדעלפיע. דעם נאָמען „שמואל דזשייקאָבס" געפינט מען אויף א פּעטיציע וואָס איז אין 1764 אונטערגעשריבן געוואָרן אין פארבינדונג מיט דעם וואָקער אינצידענט פון יענער צייט. אויף דער פּעטיציע געפינען זיך אויך די חתימות פון א פּאָר

צענדליק אנדערע מענטשן, און דזשייקאָבס ווערט דאָרט באצייכנט ווי אַ „הויפּט סוחר”. 9)

ער האָט זייער אָפּט, ניט זעלטן אפילו גאנץ אומזיסט, פאַרליען געלט צו די איינוואוינער ארום, בעת זיי האָבן אין דעם זיך געגויטיקט. איינער פון די מאָדנע מיטלען מיט וועלכע ער האָט זיך באנוצט כדי די בעלי־חובות צו דערמאָנען אז עס איז שוין צייט צו באצאָלן, איז געווען צו לאָזן וועגן דעם אויסרופן אין קירך. ער איז בכלל געווען א מענטש וואָס איז פון אלעמען פיל געאכט געוואָרן. אין א בריוו פון קאָלאָנעל מאָזעס הייזן, קאָמאנדיר פונם מאָנטרעאלער דיסטריקט, לויבט מען אים שטארק פאר דעם פּיאיקן אופן ווי אזוי ער האָט די ארמיי געהאט באזאָרגט מיט אלע הצטרכותן.

שמואל דזשייקאָבס, וועלכער איז געשטאָרבן אין 1787, האָט אָבער ניט געהערט צום טיפּ ייד וואָס די אנדערע יידישע פּיאָנערן פון אָט יענער צייט. יענע פּיאָנערן, טייל פון זיי אָפּשטאמיקע פון די אמאָליקע שפּאנישע אנוסים, האָבן צוזאמען מיט זייערע נעמען אויך געהאט דעם מוט אומעטום מיט זיך מיט־צוטראָגן זייער יידישקייט, פאר וועלכער זייערע עלטערן האָבן אמאָל אזוי פיל געליטן. ער האָט חתונה געהאט מיט א פראנצויזיש־קאנאדער מיידל, און זיינע קינדער זיינען געוואָרן דערצויגן אין דעם אורסולינער מאָנאסטיר אין קוויבעק. אויף זיין צוואה, וואָס טראָגט די דאטע 7טער אָקטאָבער 1775, איז אויך אונטער־געשריבן איינער א „טאָמאס דזשייקאָבס”, זיין ברודער. דער לעצטער האָט אויך חתונה געהאט מיט א קריסטלעכער מיידל. לויט אן אלטן קירך־רעגיסטער, איז די חתונה פאָרגעקומען דעם 26טן פעברואר 1781, אין דעם רוימיש־קאטוילישן קאטעדראל פון קוויבעק. איינער א קאפּיטאן דזשייקאָבס, האָט געהערט צו דער זעלביקער משפחה. ער איז געווען קאָמאנדיר פונם שיף „דעפּייענס” און איז געשטאנען אין פארבינדונג מיט גענעראל האלדימאנד, פאר וועמען ער האָט אָפּט איבערגעפירט וויכטיקע ידיעות פון ביק און האליפאקס קיין ניו־יאָרק.

צווישן די וואָס האָבן אין דעם ערשטן פעריאָד פון יידישער באזעצונג אין קאנאדע דאָ געמאכט זייער היים, דארף מען אויך דערמאָנען נאָך עטלעכע אנדערע: אנדריו העיס, דוד סאלעסבי פראנקס (זון פון אברהם פראנקס), מאיר סאָלאָמאָנס, יעקב און דוד פראנקס, אליה סעאיקסאס, משה הארט (ברודער פון אהרן הארט) און יוסף בינדאָנא. אברהם פראנקס האָט זיך פרי אריבערגע־צויגן קיין קוויבעק. איינער א פראנקס, געפינען מיר, איז אפילו געווען הויפּט פון דער פייערלעשער־בריגאדע אין יענער שטאָט. אָבער פיל פריער נאָך ווי אברהם פראנקס איז אהין געקומען, טרעפן מיר דעם נאָמען אליעזר ליווי אויף

9) Report, etc. for 1888, p. 7.

א פּעטיציע וואָס מען האָט פון קוויבעק געשיקט צום ענגלישן קעניג וועגן דעם, אז מען זאָל צוריקרופן גענעראל מאַריי. 10)

דער אלגעמיינער מצב פון לאנד ארום יענער צייט איז געווען אזא, וואָס האָט ניט געקאָנט דערוועקן צו פיל חשק ביי מענטשן צו וועלן זיך דאָ באַזעצן אויף שטענדיק. דאָס האָט גענאָלטן פאר ידן אזוי גוט ווי פאר ניט־יידן. צוליב דער זעלביקער סיבה האָבן ניט אלע וואָס האָבן זיך באַזעצט, זיך דאָ געמאַכט זייער היים. טייל פון די וואָס זיינען אהער געקומען פון די דערבייאיקע אמעריקאנער קאָלאָניעס האָבן נאָכן אָפּזיין א פּאָר יאָר זיך אריבערגעקליבן קיין ניו־יאָרק, פילאדעלפיע אָדער אנדערשוואו. דאָס איז געווען דער פאל מיט אליעזר ליווי און מיט עטלעכע אנדערע וואָס האָבן א צייט געוואוינט אין מאָנטרעאָל אָדער קוויבעק, און וועלכע קאָנען באטראכט ווערן פאר די פּיאָנערן פון דעם פריען יידישן ישוב אין לאנד. מיר טרעפן זיי מיט עטלעכע יאָר שפּעטער צווישן די וואָס האָבן געהערט צו דער שפּאניש־יידישער קהילה „שארית ישראל” אין ניו־יאָרק. 11) עס איז אָבער כאראקטעריסטיש, וואָס זיי האָבן ניט איבערגעריסן דעם פריינטלעכן קאָנטאקט מיט די וועמען זיי האָבן איבערגעלאָזט אין קאנאדע. די פריינטשאפט למשל צווישן אהרן הארט און אליעזר ליווי האָט אָנגעהאלטן דורך דעם לויף פון אסך יאָרן. 12)

מיר האָבן שוין אויבן אָנגעמערקט, אז די ערשטע יידן וואָס זיינען אונטער די ענגלענדער אריבערגעקומען קיין קאנאדע, אָדער וואָס האָבן מיט איר אויף אזא אָדער אנדער אופן געהאט א געוויסן פארקער, האָבן מיט זייערע נעמען דערמאָנט אין באקאנטע יידישע משפחות, וואָס האָבן ארום יענער צייט געלעבט אין געוויסע טיילן פון אמעריקע. צי דאָס איז געווען צוליב קוריאָז אָדער אוואנטיורע, אָדער צוועקן פון מסחר, אָבער מען האָט אָנגעהייבן קומען אהער. עס האָט זיך געשאפן א אינטערעס צו דער ניי־דעראָבערטער קאָלאָניע, כאָטש ניט אלע וואָס זיינען געקומען זיינען פארבליבן. אָט דער אינטערעס איז געוואָרן א פאקטאָר, וואָס האָט לאנג משפיע געווען אויף דעם יידישן לעבן אין דעם יונגען און ווינציק אנטוויקלטן לאנד.

קאנאדע און די דערבייאיקע אמעריקאנער קאָלאָניעס זיינען דאן געווען ווי איין לאנד. די געמיינשאפטלעכקייט איז אָבער דערהויפּט געווען זייער גרויס צווישן די יידן — פיל מער אפשר ווי צווישן ניט־יידן. פאר דעם קליינעם יידישן קיבוץ וואָס האָט ארום דער צייט זיך שוין געהאט פארזאמלט אין

10) The Archives, Series "B", Vol. 8, p. 6.
11) The Lyons Collection, Publications, Am. Jew Hist. Soc., no. 27, p. 40.
12) RAYMOND DOUVILLE, Aaron Hart, récit historique, Trois-Rivières, 1939, pp. 102, 109, 110.

מאָנטרעאל, איז דאָס געווען א געווינס. דאָס האָט אים געהאָלפן צוגעבן א געוויסע פאָרם, אפילו די ערשטע סימנים פון א געמיינדע־לעבן. די וואָס האָבן באוויזן אָנצוקניפּן מיט דעם נייעם לאנד געוויסע וואָרצלען, האָבן אזעלכע וואָרצלען שוין ניט אזוי לייכט געקאָנט איבערייסן.

דער רוב פון די ערשטע יידן וואָס זיינען אהער אריבערגעקומען זיינען, ווי זייערע נעמען זאָגן עס עדות, געווען פון שפּאניש־פּאָרטוגעזישן אָפּשטאַם. זיי זיינען געקומען פון ענגלאנד אָדער פון די אמעריקאנער קאָלאָניעס, וואוהין זיי אָדער זייערע עלטערן האָבן אין פארשיידענע צייטן פריער געהאט אויס־געוואנדערט פון געוויסע טיילן אין דער אלטער וועלט. עס איז אין שייכות דערמיט כדאי דאָ צו אָנווייזן, אז אין פארגלייך מיט דער אלגעמיינער ענגלי־שער קאָלאָניזאציע אין די מערב־אינדישע אינדזלען, האָבן זייער ווינציק יידן פון ענגלאנד אין יענער צייט זיך געהאט באזעצט אין די אמעריקאנער קאָלאָניעס. דאָס דערקלערט זיך געוויס מיט דעם וואָס די ערשטע צייטן ווען אמעריקע האָט אָנגעהייבן באזעצט צו ווערן, איז די צאָל יידן אין ענגלאנד געווען ניט גרויס. שפּעטער, בעת דאָרט האָבן זיך שוין געפונען מער יידן, זיינען זיי געווען צופרידן בעסער צו פארבלייבן אויף אן אָרט אידער זיך צו לאָזן וואנדערן אין דער נייער וועלט און דאָרט זוכן א היים. א קליינע צאָל פון זיי האָט אָבער יאָ זיך געלאָזט אָנריידן צו פאָרן קיין קאנאדע כדי דאָרט צו פּרואוון זוכן גליק. אויף קאנאדע, דאָס לאנד מיט די ניט אויסגע־פאָרשטע מעגלעכקייטן, האָט מען גענומען קוקן ווי אויף ענגלאנדס א וויכטיקן קאָלאָניאלן צענטער. איר אומבאקאנטקייט, וואָס האָט געגומען וועקן א אינ־טערעס ביי אסך מענטשן, האָט אויך געהאט א געוויסן אָנצי פאר יידן. אייניקע פון זיי האָבן צוליב דעם באשלאָסן צו אויסוואנדערן און זיך דאָ צו באזעצן.

די יידן וואָס זיינען אויף דעם אופן אריבערגעקומען, צי פון ענגלאנד אָדער פון די דערבייאיקע אמעריקאנער קאָלאָניעס, האָבן ניט פארפעלט גיך צו באווייזן ווי ניצלעך זיי האָבן געקאָנט זיך מאכן. זייער ענערגיע און זייער אונטערנעמונגס־גייסט זיינען פאר דער יונגער קאָלאָניע געווען וויכטיק. אריינפאלנדיק אהער אין רעכטן מיטן פון די געשעענישן, וואָס האָבן געהאט באצייכנט אלע די ענדערונגען און נאָכווייענישן וואָס זיינען געקומען נאָך דער מלחמה, פילנדיק זיך ווי גרים אין אן אומבאקאנטן, פרעמדן פּלאץ, האָבן זיי אָן שוועריקייט זיך צוגעפּאסט צו די נייע אומשטאנדן. זיי זיינען אויך געווען מער ווי צופרידן צו געניסן די רו און די פרייהייט פון דעם לאנד, וואו די מענטשן און די סביבה ארום זיינען צו זיי געווען אזוי גאסטפריינטלעך.

דער גרעסטער טייל פון זיי האָט זיך גענומען צו מסחר, וואָס זיי האָבן אָנגע־

פּירט מיט זייער גרויס פּיאַיקייט. לויט ווי דאָס איז צו דרינגען פון אַלטע בריוו און דאָקומענטן וואָס באַציען זיך אויף זייער געשעפט־פירונג דעמאָלט, האָבן זיי געהאַט אָנגעקניפּט זייער פּאַרצווייגטע קאָמערציעלע פאַרבינדונגען מיט פאַרשיידענע פּונקטן אין אַמעריקע און ענגלאַנד. פון אַן אַלטן געשעפט־בריוו 13) איז צו זען, אַז דער פוטערוואַרג־האַנדל וואָס שמואל יהודה האָט געהאַט געפירט מיט לאָנדאָן, האָט איינמאָל באַטראָפן אַזוי פיל ווי 30 טויזנט פונט. דאָס איז געווען אַ זייער היפּשע סומע פאַר יענער צייט. אין אַ בערך גאַנץ קורצן משך דעריבער האָבן אייניקע פון זיי דערגרייכט אַ מדרגה פון באַדייטנדיקן עקאָנאָמישן און געזעלשאַפטלעכן דערפאָלג. מען האָט זיי באַטראַכט פאַר חשובע, זייער געוואונטשענע בירגער, פאַר מענטשן וואָס האָבן געשפּילט אַ וויכטיקע ראָל אין דעם אָרטיקן לעבן און וואָס האָבן צו דעם דאָזיקן לעבן זייער אַסך בייגעטראָגן.

די ערשטע יידישע לאַנד־באַזיצערס אין מאָנטרעאַל אין יענעם פּעריאָד זיינען געווען לאַזאַרוס דוד (געבוירן אין ענגלאַנד, 1734; געשטאָרבן אין מאָנטרעאָל, אָקטאָבער 22טן 1776) און איינער וואָס איז אָנגעגעבן ווי לוי סיימאָן, אָבער איז קיין אַנדערער ווי דער אויבנדערמאָנטער סיימאָן ליווי. ביידע זיינען פאַרשריבן אין דעם רעגיסטער פון לאַנד־אייגנטימערס אין מאָנטרעאָל פאַר דעם יאָר 1767. נאָך זיי קומען יחזקאל סאָלאָמאָנס (1780) און סאָלאָמאָן ליווי (1782). דער לעצטער איז געווען דער גרעסטער יידישער אייגנטום־באַזיצער — ווי דאָס איז צו זען דערפון וואָס אין דעם אַלטן רעגיס־טער געפינט זיך זיין נאָמען אונטער דריי פאַרשיידענע נומערן. נאָך זיי קומען שמואל דוד, שמואל יהודה, שמואל דזשייקאָבס און נאָך אַנדערע. 14)

---

13) דער בריוו מיט אַסך אַנדערע פּאַפּירן און דאָקומענטן פון יענעם פּעריאָד, האָט אַ לאַנגע צייט זיך געפונען אין באַזיץ פון לואיס אַ. האַרט.

14) Livre-Terrier de la Seigneurie de Montréal. Mémoirs et Documents de la société historique de Montréal, vol. II.

## קאפיטל פינף

# די גרינדונג פון דער ערשטער קהילה

די באדינגונגען זיינען ביסלעכוויז געוואָרן גינסטיק פאר דעם, אז די יידן זאָלן צו זיי זיך קאָנען אלץ בעסער צופאסן און מיט זיי זיך מער איינ־לעבן. די קליינע גרופע פיאָנערן האָט פאמעלעך אָנגעהייבן שפירן די ווארעמ־קייט פון א סביבה אין וועלכער זי האָט זיך גענומען פילן היימיש. און געפילט דאָס האָט יעדער ניי־צוגעקומענער מיטגליד פון דעם קליינעם קיבוץ, — געפילט אז ער איז אָנגעלייגט צווישן די צווישן וועמען ער האָט זיך באזעצט. דערפאר האָבן די וואָס האָבן אין די ערשטע יאָרן פון דער דעמאָלטיקער עפּאָכע געמאכט קאנאדע פאר זייער היים, דערגרייכט ניט בלויז א מדרגה פון דערפאָלג, נאָר אויך פון באזונדערער פראָמינענץ.

געהערנדיק צו א קלאס ·וואָס אלע האָבן בכלל פיל געשעצט, איז די באציאונג צו זיי געווען גאנץ נאטירלעך. איבערהויפּט האָט מען זיי אויפ־גענומען גאָר פריינטלעך אין די העכערע קרייזן מיט וועלכע זיי זיינען אָפט געקומען אין נאָענטן באריר. אין די דאָזיקע קרייזן האָט מען געלייגט אויף זיי אסך געוויכט. מען האָט אויף זיי געקוקט ווי אויף אן עלעמענט וואָס וועט מיט זיין ענערגיע און מיט זיינע פיאיקייטן קאָנען דעם לאנד אסך דינען. דאָס איז געווען אן עלעמענט, אין וועלכן די יונגע קאָלאָניע האָט זיך שטארק גענוי־טיקט. און זיי האָבן אין דעם פרט אין א פולער מאָס דערפילט אלעמעס דער־ווארטונגען.

דאָס וואָס עס האָבן דורכגעמאכט יענע ערשטע יידישע פיאָנערן וואָס האָבן אין דעם נייעם לאנד זיך געדארפט דורכשלאָגן א וועג, וואָלט אין זיך אליין געווען א אינטערעסאנטער קאפיטל. דאָס איז א קאפיטל וואָס וואָלט אונדז דערציילט אי פון מענטשלעכער צופאסונג, אי פון אסך אויסדויער — אויסדויער אָפט אונטער די סאמע שווערסטע באדינגונגען. זיי האָבן אונדז אָבער ניט איבערגעלאָזט קיין שפור פון זיך, אחוץ בלויז זייערע יידישע נעמען וואָס זיינען דאָ און דאָרט געבליבן פארצייכנט. צווישן די דאָזיקע ערשטע יידישע תושבים, ווייסן מיר, האָבן זיך געפונען מענטשן מיט פיינער דערציאונג, וועמעס קולטורעלע מאנערן, פערזענלעכקייט און ענערגישער יידישער גייסט

האָבן פאַר זיי געעפנט אַלע טירן. טייל פון זיי זיינען געווען שטאַרק צוגע־בונדן צו די טראַדיציעס און דעם גלויבן פון זייער פאָלק, טראַדיציעס און אַ גלויבן מיט וועלכע זיי זיינען געווען שטאָלץ, און אין וואָס זיי האָבן ניט געזען קיין שום שטער פאַר זיך. זיי האָבן ניט געהאַלטן, אַז כדי צו ווערן רעספּעק־טירט אין די קריסטלעכע קרייזן אָדער צו קאָנען זיך באַטייליקן אין דעם לעבן אַרום, האָבן זיי געמוזט דערמיט איבערייסן און זייער יידישקייט פאַרוואַרפן.

ווי שוין פריער באַמערקט, האָט אהרן האַרט זיך באַזעצט אין טהרי ריווערס. ער האָט אין דער דאָזיקער שטאָט און אין דער געגנט אַרום גיך זיך געמאַכט אַ נאָמען. זיין פריינטשאַפט מיט האַלדימאַנדן און מיט די מיליטערישע קרייזן בכלל, אַ פריינטשאַפט וואָס האָט זיך געצויגן נאָך פון פאַר דער בריטישער אָקופּאַציע, האָט צו זיין פּרעסטיזש אַסך צוגעגעבן. ווי דער רוב ענגלענדער וואָס האָבן נאָך דער מלחמה זיך באַזעצט אין לאַנד, האָט אויך ער זיך גענומען צו מסחר, צו וואָס ער האָט געהאַט אַ באַזונדערס שטאַרקע נייגונג. זיינע קאָמערציעלע אָפּעראַציעס, סיי מיט פוטערוואַרג סיי אין אַנדערע ריכטונגען, זיינען ביסלעכוויז געוואַקסן אין פאַרנעם, און מיט זיי אויך איז געוואַקסן טהרי ריווערס. זיי זיינען געוואָרן פאַקטיש דער עקאָנאָמישער לעבנס־נערוו פון יענער שטאָט.

קיינער האָט אַזוי פיל ניט בייגעטראָגן צו דעם וואָס טהרי ריווערס איז גע־וואָרן אַ וויכטיקער צענטער, ווי ער. די שטאָט וואו די משפחה האַרט האָט איבער־געלאָזט שפּורן ביז אויף היינטיקן טאָג, איז דורך דעם משך פון מער ווי אַ יאָרהונדערט געווען ענג פאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן נאָמען. זי האָט די האַרטס אַסך צו פאַרדאַנקען. קיין איין וויכטיקע פּאַסירונג דורך אָט דער צייט איז דאָרט זיך ניט פאַרלאָפן אָן זייער סאַמע נאָענטסטער באַטייליקונג — ווי דאָס דערציילן אונדז די גראָבע טאָמען פון די מוניציפּאַלע און פּריוואַטע אַרכיוון דאָרטן, וואו דער נאָמען „האַרט" וואַרפט זיך אַזוי אָפט דורך.

דאָס איז דערפאַר אויך געווען אין טהרי ריווערס, וואו עס האָט זיך אָפּגע־שפּילט אַ שטיק קאַנאַדער יידישע געשיכטע פון דעם סאַמע אָנהייב פון ברי־טישער אָקופּאַציע. אין אָט דער געשיכטע האָט די זעלביקע משפּחה אַריינגע־שריבן אַסך וויכטיקע קאַפּיטלען. די דאָזיקע משפּחה איז דורך אַ לאַנגען משך יאָרן געווען אוממיטלבאַר פאַרבונדן מיט דעם יידישן לעבן אין לאַנד.

די צווייטע פּאָסט־קאָנטאָר וואָס איז אין קאַנאַדע געעפנט געוואָרן כדי איינצופירן אַ פאַרבינדונג מיט ענגלאַנד און מיט געוויסע פּונקטן אין אַמעריקע, האָט זיך געפונען אין טהרי ריווערס, אינם הויז פון סעניאָר האַרט. 1)

1) "Mémoirs et Documents", Montreal Historical Society, vol. V, p. 268.

אזוי פּאָפּולער איז דער לעצטער געווען, אַז זיין הויז איז בכלל געווען דער מיטלפּונקט וואו די אַריסטאָקראַטיע פון לאַנד פלעגט זיך אָפּט באַגעגענען. בעת עדוואַרד, הערצאָג פון קענט (דער פאָטער פון קעניגין וויקטאָריע), איז אין 1791 אַריבערגעקומען קיין קאַנאַדע איבערצונעמען די קאָמאַנדע פונם 60טן רעגימענט — דעם אייגענעם רעגימענט, אין וועלכן אהרן האַרט האָט מיט יאָרן פריער געהאַט אָרגאַניזירט אַ באַטאַליאָן — האָט ער געפונען פאַר נויטיק האַרטן אָפּצושטאַטן אַ באַזוך. דער דאָזיקער באַזוך איז געווען מער ווי אַ פּער־זענלעכער קאָמפּלימענט פאַר דעם לעצטן. דאָס האָט בכלל אָפּגעשפּיגלט די אַכטונג מיט וועלכער מען האָט צו יידן דעמאָלט זיך באַצויגן.

פון דאָקומענטן און אַסך פּערזענלעכע בריוו זיינע וואָס זיינען איבערגע־בליבן, און וואָס אַ טייל פון זיי געפינט זיך היינט צווישן די מאַנוסקריפּטן אין בריטישן מוזיי, איז צו זען אַז ער איז געווען שטאַרק באַפריינדעט מיט די אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן אין דעם פּאָליטישן, סאָציאַלן אָדער עקאָנאָ־מישן לעבן פון לאַנד. לויט ווי דער „דזשענטלמענס מאַגאַזין" און אַנדערע ענגלישע פּובליקאַציעס פון יענער צייט האָבן וועגן אים געשריבן נאָך זיין טויט, איז ער געווען פאַררעכנט פאַר דעם רייכסטן מענטשן אין דער ענגלישער אימפּעריע אויסער די בריטישע אינדזלען. ער איז געווען באַזונדערס שטאַרק באַליבט ביי דער באַפעלקערונג פון טהרי ריווערס, צווישן וועלכער ער פלעגט פאַרטיילן אַסך צדקה. פאַר אָט דעם דאָזיקן אינטערעס זיינעם צו אָרעמע און נויטבאַדערפטיקע, אַפילו צום קאַטוילישן מאָנאַסטיר, פלעגן די קאַנאַדער פראַנצויזן אָפּט אים באַצייכענען פאַר דעם „פּויפּסט פון קאַנאַדע".

דאָך איז דאָס יידישע געפיל ביי אים אין דער אייגענער צייט פאַרבליבן גאַנץ וואַך. דאָס דאָזיקע געפיל זיינס האָט זיך ניט געלאָזט פאַרטומלען פון דער סביבה אין וועלכער ער האָט געלעבט. צווישן די יידן פון קאַנאַדע זיינען געמישטע חתונות דאַן געווען אַן אָפּטע דערשיינונג, ווי מען קאָן עס זען פון די אַלטע חתונה־רעגיסטערס אין די מוניציפּאַלע אַרכיוון פון מאָנטרעאַל. אָבער האַרט האָט דאָס פּראָבלעם פאַר זיך געלייזט אויף אַן אַנדער אופן. ער איז אַוועקגעפאָרן קיין לאָנדאָן און דאָרט חתונה געהאַט מיט זיין קוזינע, דאָראָטעע יהודה, אַ שוועסטער פון שמואל און אוריה יהודה. דער לעצטער איז געווען פּראָטאָנאָטאַר פון טהרי ריווערס.

עס איז אינטערעסאַנט דאָ צו באַמערקן אַז אהרן האַרט איז געווען איינער פון די ערשטע פריימויערערס אין אַמעריקע. זיין סערטיפיקאַט פון מיטגליד־שאַפט איז דאַטירט ניו־יאָרק, דעם 10טן יוני 1760. דאָס איז אַ מערקווירדיקער דאָקומענט געשריבן אויף אַ שטיק פּאַרמעט וואָס איז שוין צעריבן פון אַלטקייט אָבער וואָס מען קאָן נאָך לייענען. עס איז אָבער ניט באַוואוסט, צי

דאָס איז דער אָריגענעלער סערטיפיקאַט אָדער בלויז א רעקאָמענדאַציע־בריוו פון זיין לאָדזש בעת ער האָט זיך אַנגעשלאָסן אין אַמהערסטס אַרמיי, איידער זי האָט זיך געלאָזט גיין אויף קאַנאַדע. אהרן האַרט איז געשטאָרבן אין טהרי ריווערס דעם 28טן דעצעמבער 1800, איבערלאָזנדיק עלף קינדער. פון זיי ווערן בלויז אכט דערמאָנט אין זיין צוואה.

כאָטש מאָנטרעאַל איז ניט געווען דאָס איינציקע פּלאַץ וואָס האָט די ערשטע צייטן צוגעצויגן יידן, האָבן זיי אָבער אין אַנדערע ערטער וואו זיי האָבן זיך געהאַט באַזעצט, איבערגעלאָזט ווינציק שפּורן נאָך זיך. דאָס איז געווען דערפאַר וואָס זיי האָבן דאָרטן זיך אויסגעמישט מיט דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. אויף ווי ווייט געמישטע חתונות זיינען צווישן יידן געווען פאַרשפּרייט, באַקומען מיר א באַגריף פון די אַלטע מאָנטרעאַלער רעגיסטערס. עס איז ניט באַוואוסט, וואו עס זיינען אַהינגעקומען די גאָר ערשטע רעגיסטערס (ד״ה פון 1760 ביז 1765) וואָס זיינען געפירט געוואָרן פון די מיליטערישע גייסטלעכע. אָבער פון די שפּעטערדיקע רעגיסטערס זעען מיר, אַז אין מאָנטרעאַל וואו עס האָט דעמאָלט זיך שוין געפונען א יידישער קיבוץ, זיינען געמישטע חתונות פון יידן מיט קריסטן געווען א געוויינלעכע זאַך. אפשיטא האָט דאָס געמוזט זיין דער פאַל אין ערטער וואו אחוץ איינעם אָדער צוויי יידן, זיינען מער דאָרט ניט געווען.

א נעענטערע באַקאַנטשאַפט מיט דעם דאָזיקן פאַקט ברענגט אונדז צום אויספיר, אַז די ערשטע יידן וואָס האָבן זיך געהאַט באַזעצט אין דער געגנט פון קוויבעק זיינען ניט געווען אַמעריקאַנער אָדער ענגלישע יידן. געווען זיינען דאָס מערסטנס דייטשע יידן וואָס זיינען, ווי דאָס זעט אויס, אַהין אַריבערגעקומען צוזאַמען מיט אַנדערע דייטשע אימיגראַנטן. זיי זיינען אָבער געוואָרן אינגאַנצן פאַרשלונגען פון דער סביבה מיט וועלכער זיי האָבן זיך אויסגעמישט, און עס איז פון זיי ניט געבליבן קיין זכר. די איינציקע שפּורן וואָס מיר געפינען יאָ, זיינען זייערע נעמען אויף אַלטע קאַטוילישע רעגיסטערס ווי למשל א יוסף שערער, הענעך קרעמער און נאָך אַנדערע. איינעם אָדער צוויי יידישע נעמען געפינען מיר אויך צווישן א גרופּע דייטשע קאָלאָניסטן, וואָס האָבן דעם 14טן אָקטאָבער 1783 באַקומען א לאַנד־קאָנצעסיע אין א דיסטריקט פון זעלביקן געגנט.

וועגן אינערלעכן לעבן פון די יידן אין מאָנטרעאַל אַרום יענער צייט לאָזט זיך קיין סך ניט ריידן. כאָטש זיי זיינען געשטאַנען, ווי מען קאָן זיך עס לייכט משער זיין, אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט זייערע שכנים אַרום, האָבן דאָך די מערסטע פון זיי ווי יידן זיך געהאַלטן פון די לעצטע גאַנץ אָפּגעזונדערט. דאָס איז געוועדט, פאַרשטייט זיך, וועגן די וואָס האָבן ניט געקאָנט פועלן ביי זיך

איבערצורייסן דעם צובונד מיט זייער אייגן פאלק. די דאזיקע האבן דעריבער געזוכט צו לעבן אין אלץ אן ענגערן קרייז צווישן זיך אליין, און צווישן זיך אנצוהאלטן די נאענטסטע געמיינשאפטלעכקייט. דאס איז געווען א פאקטאר וואס האט אין ניט קיין קליינער מאס באווירקט דעם גאנצן גאנג פון יידישן לעבן דא. דאס האט גורם געווען, אז די יידן זאלן א לאנגע צייט האבן געהאט מער חשק צו באזעצן זיך אין מאנטרעאל איידער אין אנדערע ערטער אין לאנד. זייערע קריסטלעכע שכנים האבן אבער אין ערגעץ ניט געקוקט אויף זיי ווי אויף פרעמדע, ווי אויף אויסלענדער נאר ווי אויף בריטישע בירגער. זיי האבן זיך דעריבער אומעטום געפילט פריי און זיכער — זיכער ווי מענטשן, און אויך ווי יידן.

אט דאס דאזיקע געפיל האט ביסלעכווייז ביי זיי ארויסגערופן א פארלאנג צו קאנען יוצא זיין אויך פאר דעם יידן אין זיך. זיי האבן דערפילט א באדערפעניש אין א פלאץ וואו זיי זאלן אין שבתים אדער ימים טובים זיך קאנען צונויפקומען און אפהאלטן גאטדינסטן. און מיט אט אזא פלאץ האבן זיי אויך באשלאסן זיך צו באזארגן. דאס איז געווען אין 1768, ווען זיי האבן אין מאנטרעאל אפגעהאלטן צווישן זיך א קליינע אסיפה און געגרינדעט די ערשטע יידישע קהילה אין לאנד, אונטער דעם נאמען „שארית ישראל" — א נאמען וואס איז געווען באזונדערס באליבט ביי די פון שפאניש־פארטוגעזישן אפשטאם, וואס זיינען אהער געקומען פון ענגלאנד, אדער פון די האלענדישע אדער ענגלישע קאלאניעס, פון בארבאדאס, דזשאמאיקע, קוראצאא און אנדערע ערטער. דאס איז געווען דער ערשטער פארזוך צו באפעסטיקן דעם קליינעם יידישן ישוב און אים צוגעבן די נויטיקע יידישע פיזיאנאמיע. און דער פארזוך האט זיך איינגעגעבן. די געגרינדעטע יידישע קהילה אין דעם צפון־טייל פונם קאנטינענט איז ניט געווען קיין צייטווייליקע זאך, ווי דאס איז אין אנהייב אזוי אפט געווען דער פאל אין פארשיידענע טיילן אמעריקע און אין די מערב־אינדיעס, און מיט יארן שפעטער — אפילו אין אייניקע ערטער אין קאנאדע גופא. דאס קאן געוויס דערקלערט ווערן מיט דער סביבה אין וועלכער די יידן האבן זיך געפונען. די באציאונג צו זיי אין לאנד איז געווען א העכסט ליבעראלע, הגם ארום יענער צייט האבן זיי אין קאנאדע נאך אפילו ניט געהאט דאס רעכט אויף קהלשער פארוואלטונג.

די ערשטע עטלעכע יאר פלעגן די יידן זיך צונויפקומען אין א פלאץ אויף סט. דזשיימס גאס, וואו זיי האבן מתפלל געווען בציבור, לויט דעם נוסח און די מנהגים פון די ספרדים. זיי האבן זיך געשטעלט אין פארבינדונג מיט דער פארטוגעזער קהילה אין לאנדאן, וועלכע האט זיי געשאנקען צוויי ספרי־תורה וואס געפינען זיך נאך עד היום אין דער שפאניש־פארטוגעזער שול אין

מאָנטרעאַל. וואָס איז שייך רעליגיעזע ענינים בכלל, פלעגן זיי וועגן דעם זיך ווענדן צו רבי דר. רפאל מעלדאָלא, דעם דעמאָלטיקן רב הכולל פון לאָנדאָן. דער פלאַץ האָט זיי אָבער לאַנג ניט באַפרידיקט און זיי האָבן גענומען טראַכטן וועגן אויסבויען א שטענדיקן מקום קדוש. א פאָנד איז געשאַפן געוואָרן פון פרייוויליקעביישטייערונגען פון צווישן מיטגלידער פון דער יונגער קהילה, בעת אימיצער האָט פאַר דעם מנדב געווען דעם באָדן. דער נדבן איז געווען דוד דוד (געבוירן אין מאָנטרעאַל, 1764; געשטאָרבן 1824) וועלכער האָט דאָס לאַנד געקראָגן בירושה פון זיין פאָטער, לאַזאַרוס דוד. און אין 1777 האָט מען אויפגעשטעלט א בנין פאַר דעם ערשטן, און פאַר אַ משך פון אכציק יאָר כסדר, איינציקן יידישן מקום קדוש אין קאַנאַדע.

די שול האָט זיך געהאַט געפונען אויף נאָטער דאַם גאַס, לעבן דעם אָרט וואו עס געפינט זיך די היינטיקע געריכט־געביידע אין מאָנטרעאַל. דאָס איז געווען א נידעריקער שטיינערנער בנין מיט א הויכן, רויטן דאַך און מיט א ווייס־געפאַרבענעם הויכן פאַרקאַן ארום. א טאָוול וואָס די מאָנטרעאַלער „נומיזמאַטישע און אַנטיקוואַרישע געזעלשאַפט" האָט אויפגעשטעלט, באַצייכנט נאָך היינט דאָס אָרט. די קליינע יידישע געמיינדע האָט מיט א פאָר יאָר פריער זיך אויך איינגעשאַפט א שטיקל קרקע פאַר א בית עולם, וואָס האָט זיך געפונען אויף סט. זשאַנוויע גאַס (היינט די געגנט פון דאָמיניאָן סקווער). דער ערשטער וועמען מען האָט דאָרט מקבר געווען, איז געווען לאַזאַרוס דוד (געשטאָרבן אין 1776). זיין קבר און מצבה האָט מען שפּעטער איבערגעפירט אויף דעם היינטיקן פאָרטוגעזער בית עולם וואו עס געפינט זיך נאָך דער שטיין פון דעם ערשטן בית עולם. דאָס איז די עלטסטע יידישע מצבה אין לאַנד.

דער אַלטער פנקס פון דער ספרדישער קהילה אין מאָנטרעאַל וואַרפט פאַר אונדז א ליכט אויף יענער צייט, וואָס איז שוין באַדעקט מיט דעם שטויב פון אזוי פיל יאָרן. פאַר דער קליינער און גאַנץ יונגער קהילה איז אַלצדינג געווען ענג פאַרבונדן מיט דער שול וועלכע איז געווען דער יידישער מיטל־פונקט. דאָס יידישע לעבן איז אָבער דעמאָלט געווען אָרעם אין פּאַסירונגען וואָס האָבן זיך געזאָלט אָפּשפּילן אפילו אין און אַרום דער שול. דער „נוסח ספרד" האָט געגעבן דעם טאָן פאַר אַלץ, פאַר יעדער יידישער געשעעניש וואָס האָט אפילו געטראָגן א סאָציאַלן כאַראַקטער. און דער דאָזיקער „נוסח" איז געווען א שטרענג אַריסטאָקראַטיש־קאָנסערוואַטיוו־אָרטאָדאָקסישער.

דאָס איינערלעכע לעבן פון דער קליינער יידישער גרופּע, לויט ווי מען קאָן עס זען פון די זעלביקע שול־פּראָטאָקאָלן, איז געפירט געוואָרן פון די ראשי־הקהל, וואָס זיינען באַשטאַנען פונם פרנס, דעם גבאי און דריי חברים צו זיי. זיי אַלע צוזאַמען האָבן זיך גערופן „יונטא". אין שול זיינען זיי געזעסן

גאַנץ באַזונדער פון אַלעמען, אויף א בימה וואָס מען האָט געהאַט באַשטימט ספּעציעל פאַר זיי. די וואָס האָבן געהאַט די זכיה אַז מען זאָל זיי אויסקלייבן אין דער „יונטא״, האָט מען געהאַט פאַררעכנט פאַר די „הערן פון מאַהאַמאַד״, ווי מען האָט זיי גערופן, אָדער די ראשי־הקהל. און דאָס איז געווען א באַזונ־דערער כבוד וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט ספּעציעלע פּריווילעגיעס. די ראשי־הקהל האָבן געהאַט די אויסערגעוויינלעכסטע פולמאַכטן איבער די איבעריקע פון דער געמיינדע. אָט די דאָזיקע קהילה־פירערס האָבן ניט געקאָנט פאַרגעסן אַז זיי זיינען געווען די אָפּשטאַמערס פון משפחות פון אַלטן יחוס — אַז זייערע אורעלטערן פלעגן אַמאָל זיין איינגייערס אין קעניגלעכע הויפן, אָדער זיינען געווען גרייט צו לאָזן זיך וואַרפן אויף די אויטאָ־דאַ־פעס און צו ברענגען זיך א קרבן פאַר זייער טרייקייט צום יידישן פאָלק און צו זיינע טראַדיציעס.

די דאָזיקע ספרדים האָבן זיך זייער פיל געגרויסט מיט זייער יחוס. די פאַרגאַנגענהייט איז געווען זייער שענסטער אידעאַל — א מוסטער פאַר דער קעגנוואַרט. דאָס איז אָבער געווען אַן אידעאַל פון וועלכן עס האָט אין דער זעלביקער צייט זיך אויך געגנערט יענער אַריסטאָקראַטיזם, וואָס איז געשטאַנען ווי א וואַנט צווישן זיי און אַנדערע. די דאָזיקע אַריסטאָקראַטישע האַלטונג זייערע האָט פאַר א סך יאָרן געמוזט משפיע זיין אויף דעם גאַנצן גאַנג פון יידישן לעבן אין לאַנד. איינגעשלאָסענע אין זיך און אין זייערע טראַדיציעס, זיינען די דאָזיקע יידן געווען הייסע אָנהייננגערס פון אָרטאָדאָקסיע און פון אַלע קאָנסערוואַטיווע פירן בכלל. זיי האָבן עס געזוכט אויפצוהאַלטן מיט א מין עקשנות, ניט וועלנדיק זיך אָפּזאָגן אפילו פון זייערע באַפּודערטע פּאַרוקעס, הויכע קאָלנערס און גרויסע קרויזן.

די ערשטע גרינדערס פון דער ספרדישער קהילה אין מאָנטרעאַל האָבן געהאַט פאַרשיידענע געמיינדע־פּריווילעגיעס, אַריינגערעכנט אויך די פּריווילעגיע פון א דאָפּלטער שטים ביי יעדער געמיינשאַפטלעכער אסיפה. די דאָזיקע פּריווילעגיע איז שפּעטער אויך איבערגעגאַנגען צו זייערע עלטסטע זין בעת זיי האָבן דערגרייכט דעם עלטער פון איין און צוואַנציק יאָר.

אָט דאָס אַלץ דערציילט אונדז פיל־וויניק וועגן די סאָציאַלע באַדינגונגען וועלכע די יידן האָבן געזוכט אויפצוהאַלטן צווישן זיך אַליין. מיר זעען דאָ באַזונדערס, אַז די אין וועמעס הענט עס איז געלעגן די קהילה־אויטאָריטעט, האָבן געהאַט די דעה איבער די אַנדערע. זיי האָבן געהאַט איינגעפירט אַן אייגנ־אַרטיקע אָרדענונג וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט איר אינעווייניקסטער אחדות, מיט איר פריינטלעכער דיסציפּלין. אַזוי למשל דערוויסן מיר זיך פון די אַלטע תקנות פון דער „שארית ישראל״ שול, אַז די ראשי־הקהל זיינען געווען א

מין „בית דין" וואָס האָט געהאַט דאָס רעכט אויפצופאָדערן יעדן קהילה־מיטגליד אַז ער זאָל פאַר אים דערשיינען. ווען דער דאָזיקער „בית דין" האָט עס געפונען פאַר נויטיק, די זעלביקע קהילה־אויטאָריטעט האָט אים אויך געקאָנט באַשטראָפן, אויב ער האָט מיט עפּעס וואָס נאָר זיך פאַרזינדיקט. די אָריגינעלע תקנות פון דער „שארית ישראל" געמיינדע זיינען אונטערגעשריבן פון לוי סאָלאָמאָנס, פרנס, אוריה יהודה, גבאי, און פון דוד דוד, אברהם פראַנקס, אַנדריו העיס און עטלעכע אַנדערע. זיי טראָגן די דאַטע „יום ג' לחודש טבת, ה'תקל"ט, אָדער דעצעמבער 1778.

אין דעם פּנקס פון כ"ה אלול, ה'תקל"ח, אָדער סעפּטעמבער 1778, ווערט דערציילט, אַז יענעם טאָג זיינען יחזקאל סאָלאָמאָנס און לוי מייקלס אויסגעקליבן געוואָרן, איינער פאַר „חתן תורה" און דער אַנדערער פאַר „חתן בראשית" פאַרן יאָר. עטלעכע אַנדערע — יצחק יהודה, מאיר מייקלס און אַנדריו העיס — האָבן זיך דערפון אָפּגעזאָגט, און איטלעכער פון זיי איז פאַר דעם געוואָרן באַשטראָפט צו באַצאָלן צו צוויי פונט און צען שילינג קנס־געלט. שמואל יהודה, ווערט אין די זעלביקע פּראָטאָקאָלן דערציילט, איז באַשטראָפט געוואָרן מיט דריי פונט, ווייל ער האָט ניט געוואָלט זיין פרנס. בכלל האָבן די תקנות פון דער שול פאַרגעשטעלט מיט זיך אַ מין קאָדעקס פאַר דער גאַנצער קהילה, וואָס האָט געהאַט דעם צוועק אויפצוהאַלטן איר איינגעשטעלטע אחדות אַזוי גוט ווי איר שטריינג אָרטאָדאָקסישן גייסט. אין פּונקט למשל האָט אַרויפגעלייגט אַ שטראָף אויף די וואָס זיינען ניט געקומען אין שול צוליב גלאַט עפּעס אַ תירוץ. אַנדערע פון די דאָזיקע רעגולאַציעס זיינען געווען פּונקט אַזוי מערקווערדיק. פאַר עובר זיין אויף עפּעס אָדער בכלל פאַר טאָן דאָס וואָס איז געווען להיפוך צו די אָנגענומענע קהילה־איינפירן, איז מען געווען אויסגעזעצט צו ווערן אפילו שווער באַשטראָפט. פונדעסטוועגן געפינען מיר, אַז ווען אַ מחלוקת האָט מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אויסגעבראָכן אין דער קהילה גופא, האָבן דאָס די קהילה־פירערס צווישן זיך ניט געקאָנט אויסגלייכן און מען האָט דערמיט זיך געמוזט ווענדן צום גויאישן געריכט.

ווי שוין דערמאָנט, איז די יונגע יידישע קהילה די ערשטע יאָרן געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט די פּאָרטוגעזער יידן אין לאָנדאָן און זי האָט צום דאָרטיקן רב הכולל זיך געווענדט מיט פאַרשיידענע פראַגעס וועגן יידישקייט. ביסלעכווייז איז אָבער די באַדערפעניש אין אַן אייגענעם גייסטיקן פירער געוואָרן אַלץ גרעסער. מען האָט דעריבער געשריבן קיין לאָנדאָן און געבעטן שיקן אימיצן, וואָס זאָל די דאָזיקע שטעל קאָנען אויספילן. די בקשה איז אויך דערפילט געוואָרן, און דעם 13טן פעברואר 1778 האָט איינער אַ חיים מאירס דאָרטן אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך וועגן דעם מיט רבי יעקב רפאל

כהן, וועמען מען האָט אויפגענומען פאר „שוחט, חזן, מלמד און בעל קריאה" פאר די יידן פון מאָנטרעאל. ער איז דעם אייגענעם יאָר אויך אריבערגעקומען אהער און איבערגענומען די שטעל, און דערמיט איז די קליינע ספרדישע קהילה אין קאנאדע אוועקגעשטעלט געוואָרן אויף א מדרגה, וואו זי האָט זיך געקאָנט פארגלייכן מיט אירע שוועסטער־קהילות אין אמעריקע.

ארום יענער צייט האָט דער מצב פון דעם ידישן געמיינדע־לעבן אין דער קאנאדער קאָלאָניע בכלל געקאָנט באטראכט ווערן פאר צופרידנשטעליק. אין דעם פרט האָבן די יידן זיך אפילו געפונען אין א פיל בעסערער לאגע ווי אנדערע. מיר קאָנען דאָס דרינגען פון א באריכט וואָס איז ארום דער זעלביקער צייט צוגעשטעלט געוואָרן קיין לאָנדאָן, אין וועלכן מען האָט זיך באקלאָגט אויף דער זייער שלעכטער מערכה דאָ פון דער אָפיציעלער ענגלישער קירך, דער „טשוירטש אָוו ענגלאנד". „אין קוויבעק", דערציילט זיך אין יענעם באריכט, „איז דער איינציקער גייסטלעכער אן אלטער שוועד, וואָס קאָן ניט ריידן קיין וואָרט פארשטענדלעכן ענגליש. אין מאָנטרעאל איז דאָס אייגענע דער פאל. אין טהרי ריווערס איז די לאגע נאָך ערגער; די אויפפירונג פון דעם גייסטלעכן דאָרטן וואָלט זיין א שאנד פאר א וויניקער בכבודיקער פּראָפעסיע. ער רעדט א נאָך מער צרהדיקן ענגליש ווי די אנדערע, און איז ניט לאנג געוואָרן אויסגעשלאָסן פון א רעליגיעזער געמיינשאפט פאר ניט קיין שיינע מעשים." 2)

כאָטש די יידן האָבן אין קאנאדע דעמאָלט נאָך ניט געהאט די פונדא־מענטאלע רעכט פון ענגלישע בירגער, האָט דאָך דאָס פונדעסטוועגן זיי ניט געשטערט צו קאָנען פארנעמען א גאנץ אָנגעזעענעם אָרט אין דער געזעלשאפט, אפילו צו פארטרעטן געוויסע עפנטלעכע אמטן. יעקב קוהן, געפינען מיר, איז אין 1777 געווען געריכט־פארוואלטער פון מאָנטרעאָל, אן אמט וואָס ער האָט פארנומען פאר א משך פון צען יאָר אָדער מער, ווי מען קאָן עס דרינגען פון זיין דערקלערונג ביים פארהער אין 1787, צו רעפאָרמירן דעם געריכט־סיסטעם פון לאנד. 3) שפּעטער איז ער געוואָרן דאָס וואָס מען וואָלט היינט קאָנען אָנרופן הויפט פּאָליציי־קאָמיסאר. ער האָט די דאָזיקע שטעל, זעט אויס, פארנומען א לאנגע צייט. 4) יעקב קוהן איז געווען אן איינגעוואנדערטער דייטשער ייד, וואָס האָט פריער געדינט אין דער ענגלישער ארמיי. דעם איי־גענעם נאָמען באגעגענען מיר אויך צווישן די וואָס האָבן געקעמפט אין די לאָיאַליסטישע רייען. אין דעם ליסט פון 2טן באטאליאָן, קעניגלעכער רעגימענט,

2) Report on Canadian Archives, 1890, p. 168.
3) Public Archives of Canada, Series "Q", vol. 30-2, p. 536.
4) REV. J. D. BORTHWICK, Montreal History and Biographical Gazetteer, 1892, pp. 47, 477.

פאר דעם יאָר 1784, געפינען מיר נאָך צוויי ענלעכע נעמען. 5)

עס איז פאַרשטענדלעך, אז די ארומיקע סאָציאַלע באַדינגונגען האָבן ניט פאַרפעלט צו האָבן א ווירקונג אויך אויף דעם יידישן לעבן. אין דעם פּרט האָט געגאָלטן דער כלל, אז ווי עס האָט זיך געקריסטלט, האָט זיך אויך געיידלט. עס איז דערפאַר אינטערעסאַנט צו זען די שייכות פון יידן צום גרעסטן סאָציאַלן איבל פון יענער צייט — שקלאַפעריי, וואָס האָט אויף דעם קאָנטינענט דאַן געבליט. אזוי למשל ווערט שמואל יהודה א פּאָר מאָל דער־מאָנט אין פאַרבינדונג מיט דעם שקלאַפן־מסחר וואָס איז אין לאַנד אָנגע־גאַנגען. 6) כאַראַקטעריסטיש איז אויך דער פאַל וועגן וועלכן באַרטהוויק דערציילט, 7) אז אין חודש אפּריל 1781 האָט שמואל יהודה אריינגעבראַכט א קלאַגע אין געריכט אז מען האָט צו אים פאַרקויפט א נעגער מיט דעם נאָמען דזשייקאָב, אז דער לעצטער האָט ביי אים געדינט פאַר א שקלאַף פאַר א פינף חדשים צייט, אז דער דאָזיקער שקלאַף האָט אויף אים זיך געוואָרפן שלאָגן, אָנכאַפּנדיק אים ביים קאָלנער או"וו. דאָס געריכט האָט צוגעמשפּט דעם נעגער וואָס האָט געוואַגט אזוי צו באַפאַלן זיין בעל הבית, צו זיצן אין תפיסה און צוצושטעלן ערבות פאַר זיין ווייטערדיקן אויפפירן זיך. 8)

די פיינע איינגעשטעלטע אָרדנונג וואָס האָט געהערשט אין דער מאָנ־טרעאָלער געמיינדע האָט אפנים לאַנג ניט געקאָנט אָנהאַלטן. א שטיקל סכסוך איז מיט א פּאָר יאָר שפּעטער ארויסגעקומען צוליב דער שכירות־פראַגע פונם רב, און אפילו די פעסטע דיסציפּלין וואָס די שול־תקנות האָבן אויף אַלעמען ארויפגעצוואונגען, האָט ניט געהאָלפן כדי צו פאַרמיידן א מחלוקת. די קהילה איז צעשפּאָלטן געוואָרן אויף צוויי צדדים פון וועלכע אין צד, דער קלענערער, האָט געהאַלטן מיטן רב. דער לעצטער האָט צום סוף געמוזט אָנגעבן אין געריכט אויף לוי סאָלאָמאָנס, וועלכער איז דאַן געווען פּרנס פון דער שול, מאָנענדיק דאָס געהאַלט וואָס מען איז אים געווען שולדיק.

וועגן אָט דעם מאָדנעם פאַל דערוויסן מיר זיך פון א דאָקומענט וואָס שטעלט מיט זיך פאָר א גענויען פּראָטאָקאָל פון יענעם פּראָצעס. לויט דער קלאַגע, האָט רבי יעקב רפאל כהן געמאָנט פון זיין געמיינדע אָדער פונם פּרנס, „די סומע פון ניין און פערציק פונט, זעקס שילינג און זיבן פּענס, וואָס

5) DR. WM. CANNIFF, History of the Settlement of Upper Canada (Appendix).

6) Report on Canadian Archives, 1888.

7) Montreal History and Biographical Gazetteer, p. 27.

8) אין די געריכט־ארכיוון פון מאָנטרעאַל איז וועגן דעם גאָרנישט פאַראַן, און פּראַנסיס זש. אָודע, וועלכער איז געווען פריינטלעך עס נאָכצוזוכן, האָט אין דער „קוויבעק גאַזעט" פאַר מערץ, אפּריל און מאי 1781 וועגן דעם אויך קיין זאַך ניט געפונען.

האָט אים געקומט אין שכירות פאר פארנעמען די שטעל פון שוחט, חזן, מלמד און בעל קריאה ביי דער יידישער געמיינדע פאר א משך פון דריי יאָר. לויט דעם שריפטלעכן אָפמאך וואָס איז דעם 13טן פעברואר 1778 געחתמעט געוואָרן אין לאָנדאָן דורך חיים מאירס, אין נאָמען פון די יידן פון דער פראָווינץ; אז פון דער דערמאָנטער סומע קומט אים דרייסיק פונט, זעכצן שילינג און דריי פענס וואָס מען איז אים געבליבן שולדיק נאָך פאר דעם פריערדיקן דריי־יאָריקן טערמין, און אכצן פונט, צען שילינג און פיר און א האלב פענס פאר פיר חדשים, וואָס ער איז געווען אָנגעשטעלט פאר חזן און בעל קריאה אויף דעם פארלאנג פונם אָנגעקלאָגטן און מיט א געהאלט פון פופציק פונט א יאָר, — צוזאמען דעריבער די סומע פון ניין און פערציק פונט, זעקס שילינג און זיבן פענס . . .״ 9)

דער סכסוך האָט זיך געצויגן א פּאָר יאָר, און דעם 6טן מאי 1784 האָט דאָס געריכט „איבערגעביטן דעם אורטייל (וואָס איז געווען גינסטיק פארן קלעגער) און די קלאגע צוריקגעוויזן מיט קאָסטן״. סיימאָן ליווי און שמואל און אוריה יהודה ווערן אָנגעגעבן פאר עדות וואָס זיינען אויפגעטראָטן פארן רב.

נאָך אָט דעם אינצידענט, האָט רבי יעקב רפאל כהן פארלאָזן מאָנטרעאל און איז אוועקגעפאָרן קיין פילאדעלפיע. מען האָט אים דאָרט אויפגענומען אין דער ספרדישער שול „מקוה ישראל״, מיט וועלכער ער איז פארבליבן פאר־בונדן זעקס און צוואנציק יאָר כסדר — ביז צו זיין טויט אין 1810. די מאָנטרעאלער קהילה האָט פאר א סך יאָרן קיין שטענדיקן רב מער ניט אויפגענומען. דורך דער דאָזיקער צייט זיינען די יידן פון מאָנטרעאל געשטאַנען אין פארבינדונג מיט דער ספרדישער קהילה פון ניו־יאָרק, וועמעס גייסטיקער פירער פלעגט זיי אָפט באזוכן און ביי פארשיידענע געלעגנהייטן, ווי בריתן, חתונות אא״וו, זיי באהילפיק זיין.

9) Public Archives of Canada, Series “Q”, vol. 33-1, pp. 17-30.

## קאפיטל זעקס

## בעת דעם אמעריקאנער אומאָפּהענגיקייטס-קריג

די יידן אין קאנאדע האָבן גענומען א אינטערעס ניט בלויז אין זייערע פּערזענלעכע עסקים, אָדער אין זאכן וואָס האָבן אָנגערירט זייער געמיינשאפטלעכן לעבן. זיי האָבן אויך מיט א גאנץ באזונדערער נאָענטקייט זיך באַצויגן צו די פּאָליטישע און סאָציאַלע געשעענישן ארום זיי, און האָבן פון די דאָזיקע געשעענישן אפילו זיך געלאָזט באאיינפלוסן און אוועקרייסן.

אין פארשיידענע קרייזן אין דער קאָלאָניע האָט מען דעמאָלט ארויסגעוויזן גרויס אומצופרידנקייט מיט דעם הערשנדיקן רעזשים און מיט די באדינגונגען, וואָס יענער רעזשים האָט געשאפן פאר דער באפעלקערונג. דער פארלאנג נאָך רעפאָרמען און דער עיקר נאָך א געוויילטער פאָלקס-פארזאמלונג, האָט אָנגעהייבן ווערן אלץ גרעסער, האָט אָנגעהייבן ארויסוואקסן פון די ברייטע מאסן, און די יידן זיינען גיך ארייננעצויגן געוואָרן אין דעם. אָט דער דאָזיקער פארלאנג האָט צווישן זיי געפונען א לעבעדיקן אָפּקלאנג.

שוין אויף דער ערשטער פּעטיציע וואָס מען האָט וועגן דעם אָפּגעשיקט צום ענגלישן קעניג קיין לאָנדאָן, פאָדערנדיק פאר דער קאָלאָניע א פּארלאמענט, געפינט זיך צווישן די אונטערצייכענער אויף דער נאָמען אליעזר ליוויי. די פּעטיציע געהערט צו די יאָרן 1763־64. „אונדזער ישוב דאָ אין לאנד, לפּחות וואָס איז שייך די מערסטע פון אונדז”, זאָגט זיך אין יענעם מעמאָראנדום, „הייבט זיך אָן פון דער צייט וואָס די קאָלאָניע האָט זיך אונטערגעגעבן די וואָפן פון אייער מאַיעסטעט . . .” 1) און דעריבער בעטן די אונטערצייכענער אויפן סמך דערפון, אז מען זאָל דער קאָלאָניע געבן א פּארלאמענט.

אויף א צווייטער פּעטיציע, וואָס געהערט צום יאָר 1770 (די גענויע דאטע איז ניט באוואוסט), און אין וועלכער די אייגענע בקשה ווערט אויסגעדריקט, געפינט זיך דער נאָמען אהרן הארט. 2) אויף אן ענלעכער פּעטיציע וואָס טראָגט די דאטע פון 29טן נאָוועמבער 1773, און איז צוזאמענגעשטעלט פון איינוואוינער פון מאָנטרעאָל און קוויבעק, געפינען מיר שוין מערערע יידישע נעמען — שמואל דזשייקאָבס, יוסף בינדאָנא, לוי סאָלאָמאָנס, יחזקאל

1) Public Archives of Canada. Series "B", Vol. 8, p. 6.
2) Ibid., Series "Q", Vol. 10, p. 359.

סאלאמאנס און יעקב מאורערא. 3) די זעלביקע יידישע נעמען, אויסער פון יעקב מאורערא, באגעגענען מיר אויף נאך אזא פעטיציע, וואס מען האט אפגעשיקט צום ענגלישן קעניג מיט דריי חדשים שפעטער. 4)

דער רעזולטאט פון דער דאזיקער באוועגונג איז געווען, וואס מען האט אין ענגלישן פארלאמענט דורכגעפירט דעם „קוויבעק אקט" פון 1774. יענער „אקט" האט צווישן אנדערע זאכן אויך באוויליקט קאנאדע א געזעצגעבערישן ראט. דאס האט אבער די קאנאדער אזוי ווינציק צופרידנגעשטעלט, אז זיי האבן דעם 12טן נאוועמבער 1774 ווידער געשיקט א פעטיציע צום קעניג, פארלאנגענדיק אז מען זאל אפשאפן דעם „קוויבעק אקט" און דעם לאנד געבן א געוויילטע פאלקס־פארזאמלונג. ארום א פופצן יידן האבן יענע פעטיציע אונטערגעשריבן. צווישן די אונטערצייכענער געפינען מיר אהרן הארט, שמואל דזשייקאבס, לאזארוס דוד, יוסף בינדאנא, סיימאן ליווי, אנדריו העיס, דוד סאלעסבי פראנקס, יצחק יהודה, יחזקאל סאלאמאנס און אנדערע. 5)

דער פארלאנג נאך פאליטישע רעפארמען איז אין דער קאלאניע אונטער דער צייט געווארן אלץ שטארקער און האט געוואונען מער אנהייגערס. פון איינצלנע בירגער, יידן אזוי גוט ווי ניט־יידן, האט דאס גענומען דערגרייכן די ברייטע מאסן. אט דער פארלאנג האט אבער פלוצים באקומען א שטויס אויף צוריק, בעת עס האט אויסגעבראכן די אמעריקאנער רעוואלוציע. די דאזיקע אויפטרייסלענדיקע געשעענישן אין די דערבייאיקע אמעריקאנער קאלאניעס האט די קאלאניע צפון־צו ניט מיטגעריסן מיט זיך, נאר האט אויף איר געהאט פונקט א להיפוכדיקע ווירקונג.

די קאנאדער האבן שטארק זיך גענומען פליסן ארויסצעווייזן זייער לאיאלקייט צו ענגלאנד. זיי האבן גענומען די דאזיקע לאיאלקייט דעמאנסטרירן אויף אלע אופנים און האבן פארגעסן אפילו אין דעם, וואס עס האט זיי אליין געקוועטשט. זיי האבן מער ניט גערעדט וועגן מער פאליטישער פרייהייט פאר זיך. זיי האבן דאס אויפגעהערט פאדערן.

אבער די באוועגונג וואס האט זיך צוליב דעם אויף א פאר יאר צייט אפגעשטעלט, האט שפעטער ווידער אויפגעלעבט. זי האט זיך ניט געלאזט אינגאנצן אונטערדריקן. אין 1784 קומט דער פארלאנג נאך קאנסטיטוציאנעלע רעפארמען פונדאסניי צום פאדערגרונט. ער איז אונטער דער צייט געווארן נאך אלגעמיין, אויך נאך שארפער אין אויסדרוק. און פונקט ווי פריער, האבן די יידן אויך איצט זיך אנגעשלאסן אין דעם, ניט אפשטייענדיק פון יענעם קרייז אנגעזעענע בירגער וואס האבן די באוועגונג אנגעפירט.

---

3) דארטן, זייט 26.
4) דארטן, זייט 10.

5) Ibid., Series "Q", Vol. 11, p. 98.

דעם 24טן נאָוועמבער יענעם יאָר הערן מיר ווידער פון א פּעטיציע וואָס מען האָט געשיקט צום קעניג קיין ענגלאַנד, אויסדריקנדיק דעם וואונטש פון די ענגלישע „גוטבאַזיצערס און סוחרים אין דער פּראָווינץ קוויבעק, אין זייער אייגענעם נאָמען און אין דעם נאָמען פון אַנדערע״, וועגן רעפּאַר־מען, אין דעם דאָזיקן מעמאָראַנדום, אין וועלכן עס ווערט אָנגעוויזן אַז דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער מצב אין דער פּראָווינץ איז א שרעק־לעכער, ווערט שוין פיל שטרייגער געפאָדערט א קאָנסטיטוציע און א רעגירונג „אויף באַשטימטע ליבעראַלע פּרינציפּן״. צווישן די פיל חתימות וואָס באַגלייטן די פּעטיציע זיינען אויך פאַראַן ארום א פינף און צוואַנציק יידישע נעמען, צווישן וועלכע מיר באַגעגענען אליה סאָלאָמאָנס, חיים מאירס, דוד דזשייקאָבס, אהרן האַרט, אברהם האַרט (מאָנטרעאַל), יעקב קוהן, משה האַרט, יחזקאל האַרט, דזשאָן פראַנקס, דוד דוד, יצחק אייבראַמס, לוי סאָלאָמאָנס, אוריה יהודה און אַנדערע. 6)

פון אָט דעם אַלעמען באַקומען מיר א באַגריף, ווי אַזוי די יידן אין קאַנאַדע האָבן פון אָנהייב אָן זיך באַצויגן צום פאַרלאַנג נאָך פּאָליטישע און קאָנסטיטוציאָנעלע פרייהייטן, בעת אַזא פאַרלאַנג האָט אין דער קאָלאָניע זיך גענומען מערקן. זיי זיינען פאַקטיש געווען צווישן די סאַמע ערשטע וואָס האָבן דאָס געפאָדערט. מען קאָן אָבער דאָ באַזונדערס זען, אַז די יידן האָבן אין דער נייער קאָלאָניע זיך שוין געפילט גענוג איינגעבירגערט, כדי צו נעמען דעם לעבעדיקסטן אינטערעס אין יעדער וויכטיקער פּאָליטישער אָדער סאָציאַלער באַוועגונג ארום זיי.

„עס איז צום שטוינען״, באַמערקט א פראַנצויזיש־קאַנאַדער געשיכטס־פאָרשער, „ווען מיר קאָנסטאַטירן אַז די יידן פון יענער צייט נאָך, הגם אַזוי ווינציק אין צאָל, זאָלן זיך שוין האָבן אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דעם עפנטלעכן לעבן פון דער מעטראָפּאָליע און פונם לאַנד בכלל, און אין וועלכן אַסך פון זיי זאָלן שוין דאַן האָבן גענומען אַזא אַקטיוון אָנטייל. מיר טרעפן כסדר זייערע נעמען אויף די פּעטיציעס פון סוחרים און גוטבאַזיצערס פון קוויבעק, פון מאָנטרעאַל און פון טהרי ריווערס, וואָס האָבן געפאָדערט פּאָליטי־שע רעפאָרמען. דערמוטיקטע, און אפשר אויך פּאַוואָריזירטע דורך דער פּאָליטיק פון ענגלישער פּראָטעקציע, וואָס האָט די באַזיגער און זייערע פריינט געגעבן הנחות אין וועלכע מען האָט די אַלטע פראַנצויזישע קאָלאָניסטן כסדר אָפּגעזאָגט, האָבן זיי געוואָוסט ווי אַזוי צו קריגן געוויסע אָפיציעלע אָדער רעמונעראַטיווע שטעלעס. אהרן האַרט איז געווען פּאָסט־מייסטער פון טהרי

6) Ibid., Series "Q'," Vol. 24-1, p. 1, אויך Series "Q", Vol. 27-1, p. 431.

ריווערס (1770־1763). אוריה יהודה איז געווען פראַטאָקאָטאר, אויך אין טהרי ריווערס, אין 1768. יעקב קוהן האָט אין מאָנטרעאָל פארנומען עטלעכע אמטן — ער איז געווען פּאָטשטאליאָן, געריכט־אויפזעער, געפענגעניש־אויפזעער און פּאָליציי־באאמטער. זיין זון אויגוסט פערדינאנד, איז געווען הויפּט־סעקרעטאר אין דער ביוראָ ביים אלגעמיינעם לאגער־הויז פון קוויבעק. דזשאָן פראנקס איז געווען דער ערשטער שעף פון דער בריגאדע פון פייערלעשער אין קוויבעק (1799־1790), און אזוי אנדערע".

און דער זעלביקער געשיכטס־פאָרשער, וועלכער וויל ניט אז מען זאָל עס צושרייבן בלויז פאוואָריטיזם אָדער פּראָטעקציע, געפינט פאר נויטיק צו דעם נאָך מוסיף צו זיין:

„איך וויל דאָ גלייך צוגעבן אז אויב די הארטס, די העיסעס, די דודס, די קוהנס, די יהודהס, די סאָלאָמאָנס, די דזשאָזעפס, האָבן פארנומען אזעלכע וויכטיקע פּאָזיציעס, האָבן זיי דאָס אָן ספק געהאט צו פארדאנקען זייערע פער־זענלעכע אייגנשאפטן. זיי האָבן אויך פארשאפט כבוד זייערע ארומיקע". 7)

ניט קיין קליינער אינטערעס איז ביי די יידן דערפאר אויפגעוועקט געוואָרן, בעת דער אומאָפּהייגיקייטס־קריג האָט זיך גענומען צעוואקסן און די רעבעלירנדיקע אמעריקאנער אונטער מאָנטגאָמערי און ארנאָלד האָבן אריינגעדרונגען אין לאנד. זיי האָבן, פארשטייט זיך, ניט געקאָנט בלייבן קיין גלייכגילטיקע צוקוקערס צום קאמף וואָס איז לעבן זיי אָנגעגאנגען. זיי האָבן געהאט גענוג גרונט צו פילן א טיפע דאנקבארקייט צו ענגלאנד, פילן אז זייער לאָיאַלקייט צו איר טאָר ניט און דארף ניט געמינערט ווערן. זיי האָבן אין די ארומיקע פּאסירונגען דעריבער גענומען א נאָענטן אָנטייל, באציענדיק זיך מיט א באזונדערער סימפּאטיע צו די בריטישע אינטערעסן.

פאר דעם קליינעם יידישן ישוב בכלל איז דאָס געווען א צייט וואָס האָט אים אינערלעך שטארק אויפגערודערט. אָבער דעם ישוב גופא האָט דאָך דאָס ווינציק געשאדט און האָט אין דער מאָנטרעאָלער קהילה אריינגעבראכט קנאפּע ענדערונגען, הגם א פּאָר אינצידענטן וואָס האָבן געהאט דירעקט באריִרט יידן, האָבן אויף איר געמאכט א היפשן איינדרוק.

בלויז א פּאָר הונדערט מענטשן האָבן געהאט געענטפערט דעם רוף פון סיר גאי קארלטאָן, אז מען זאָל אים העלפן פארטרייבן די אמעריקאנער. און צווישן די וואָס האָבן עס געטאָן און זיך אָנגעשלאָסן אין די לאָיאַליסטישע רייען, האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע יידן. די דאָזיקע האָבן צוגלייך מיט אנדערע זיך באטייליקט אין די מיליטערישע אָפּעראציעס וואָס זיינען געווען

---

7) GERARD MALCHELOSSE. Les Juifs dans l'histoire canadienne. Les Cahiers des Dix, no. 4. Montréal, 1939, pp. 179-180.

נויטיק צו באַקעמפן דעם שונא. די פּראָוויזירונג פון די לאָיאַליסטישע טרופּן, סיי אין קאַנאַדע סיי אויך אין אַמעריקע, איז כמעט דורכאויס אָדער ביז צום גרויסן טייל באַזאָרגט געוואָרן דורך יידישע פּאַרמיטלערס.

א מער גענויען באַגריף אָבער וועגן דער איבערגעגעבנקייט וואָס די יידן האָבן אַרויסגעוויזן דעם מוטערלאַנד, און וועגן זייער בייטראָג צו דער לאָיאַליסטישער זאַך בכלל, באַקומען מיר, ווען מיר קוקן דורך די נעמען פון די „פאַראייניקטע לאָיאַליסטן", ווי זיי האָבן זיך גערופן. דאָס זיינען די וואָס האָבן בעת דעם רעוואָלוציאָנערן קריג אין אַמעריקע געקעמפט אויף דער זייט פון די ענגלענדער, אָדער האָבן אויף פאַרשיידענע אופנים זיי געשטיצט, ניט וועלנדיק דערלאָזן אַז די קאָלאָניעס זאָלן זיך אָפּרייסן פון דער אימפּעריע. די דאָזיקע האָבן שפּעטער זיך דערזען געצוואונגען פון דאָרטן זיך אַרויסצוקלייבן און זיך צו באַזעצן אין קאַנאַדע. מיר געפינען צווישן זיי מערערע יידן, ווי זייערע נעמען לאָזן עס ניט איבער קיין ספק. פון די אָפיציעלע ליסטן פון לייטענאַנט־קאָלאָנעל דע פּייסטער, צוזאַמען מיט דער רשימה פון אַפּליקאַנטן אויף לאַנד, פון די פּיל טויזנטער אַקער וואָס די רעגירונג האָט דאַן פאַרטיילט צו לאָיאַליסטן און צו אַנדערע וואָס האָבן אין דעם קריג פאַרלאָרן זייערע היימען, קאָן מען זיי אויך נאָכפאָלגן אין די פאַרשיידענע ערטער וואו זיי האָבן זיך באַזעצט, אָפּט איבערוואַנדערנדיק פון איין פּלאַץ צו א צווייטן.

משה הארט (ניט פאַרוואַנדט מיט דער הארט־משפחה אין קאַנאַדע), פון ראָוד איילאַנד שטאַט, וועלכער ווערט דערמאָנט ווי א יידישער לאָיאַליסט, 8) געפינען מיר עטלעכע יאָר נאָך דעם אַמעריקאַנער קריג צווישן די אַפּליקאַנטן אויף לאַנד אין נידער־קאַנאַדע. זיין נאָמען באַגעגנט מען אונטער צוויי באַזונדערע נומערן. 9) מיט עטלעכע יאָר שפּעטער קלייבט ער זיך אַריבער קיין אויבער־קאַנאַדע, וואו א שטעטל אין דער פּראָווינץ אָנטאַריאָ, אין דער געגנט וואו ער האָט באַקומען פרייען באָדן, טראָגט ביז היינט זיין נאָמען.

צווישן די לאָיאַליסטן וואָס זיינען נאָך דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע אַריבערגעקומען אהער און האָבן זיך באַזעצט אין די מזרח־געגנטן פון דער פּראָווינץ קוויבעק, געפינען מיר די דאָזיקע, וואָס זעען אויס צו זיין יידן: יצחק פרידנבערג, הערמאַן וואַלענטיין, אהרן באָנער, דוד האָפמאַן, אברהם שניידער, דזשאָן דזשייקאָבס. מיר געפינען אויך אַרום א צענדליק נאָך נעמען וואָס קלינגען מער־ווייניק יידיש, אָבער וועלכע מיר לאָזן דאָ אויס, ניט זיינענדיק זיכער צי דאָס זיינען נעמען פון יידן.

---

8) Publications, Am. Jew. Hist. Soc., no. 23, p. 97.

9) The Archives, Series "Q", Vol. 72-73-1, p. 86, אויך Vol. 72-73-2, p. 370.

א באזונדערן אַנטייל אין די פּאסירונגען פון יענער צייט האָט גענומען די משפחה פראנקס, וועלכע מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט. די פראנקס זיינען געווען ספרדישע יידן וואָס האָבן געהאט געוואוינט אין ענגלאנד. זיי זיינען דאָרטן מגולגל געוואָרן א לאנגע צייט נאָכן שפּאנישן גירוש, און דאָרטן איז אויך זייער נאָמען גופא, „פראנקאָ" און „פראנקאָ־דאקאָסטאָ", געוואָרן פארענגלישט. שפּעטער זיינען די פראנקס אריבערגעקומען קיין אַמעריקע, וואו זיי זיינען דורך דעם משך פון אסך יאָרן געווען זייער אקטיוו אויף פאר־שיידענע געביטן. אויף דעם אופן זיינען מיטגלידער פון דער דאָזיקער משפחה פרי געקומען אין באריר אויך מיט קאנאדע, וואו זיי האָבן זיך באזעצט. און בעת די אמעריקאנער רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן, איז עס געווען ניט מער ווי נאטירלעך אז די פראנקס, מענטשן מיט ברייטע פארבינדונגען און מיט גרויסן פערזענלעכן איינפלוס, זאָלן אויף דעם איבערגעגעבנסטן אופן זיך באטייליקן אין די געשעענישן ארום זיי.

מערקווערדיק איז אין דעם פּרט געווען דער פאל מיט דוד פראנקס, וועמען עס איז פאר זיין לאָיאלקייט צו ענגלאנד אויסגעקומען אסך צו ליידן. ער איז געווען איינער פון די וואָס האָבן באזונדערס שארף זיך ארויסגעזאָגט קעגן איבערייסן דעם צובונד פון די אמעריקאנער קאָלאָניעס מיטן מוטערלאנד. דוד פראנקס האָט געוואוינט אין פילאדעלפיע. פון צייט צו צייט פלעגט ער אויך קומען קיין מאָנטרעאל, וואו ער האָט אָפּט זיך אויפגעהאלטן א לייגגערע צייט און זיך אפילו נאָענט איינגעלעבט מיט דער אָרטיקער יידישער געמיינדע. אזוי פרי נאָך ווי אין 1748 איז ער געווען א מיטגליד פון דער פענסילווייניע אסעמבלי. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, נאָך דער מפּלה פון גענעראל בראדאָק אין 1755, געפינען מיר אים צווישן די ביישטייערערס צום פאָנד וואָס מען האָט געזאמלט צו העלפן די בריטישע אינטערעסן. 10) אין 1775 איז ער פאר אויפהאלטן דאָס קאָלאָניאלע געלט אין לאנד און זיין נאָמען געפינט זיך אויף א פּעטיציע פון די וואָס האָבן עס געפאָדערט. 11) זיין „טאָריאיזם" אָבער ווארפט זיך דעם אייגענעם יאָר נאָך מער אין די אויגן — ער ווערט דער פארמיטלער פון די ענגלישע קריגס־געפאנגענע, וועמען ער באזאָרגט מיט אלע נויטיקייטן. מיט א יאָר שפּעטער, אין מאי 1776, ווערט ער דערמאָנט ווי אן „אגענט פון די אונטערנעמערס צו באזאָרגן מיט לעבנס־מיטלען די טרופּן פון ענגלישן קעניג", און אז ער האָט אויף זיך די עובדה אויסצוהאלטן די בריטישע געפאנגענע מיט שפּייז און אלע הצטרכותן. 12) זיינע געפילן אויף דער זייט פון ענגלאנד, וואָס ער האָט לחלוטין ניט געזוכט צו באהאלטן, האָבן

---

10) T. WESTCOTT, History of Philadelphia, Vol. II, p. 1002.

11) דאָרטן, באַנד 1, ז. 366.

12) Publications, Am. Jew. Hist. Soc., no. 1, p. 70.

אים אָבער שפּעטער געקאָסט זיין געזעלשאַפטלעכן נאָמען און זיין גאַנץ פאַרמעגן, וואָס ער האָט פאַרלוירן. דעם 2טן אָקטאָבער 1780 האָט מען אים אַרעסטירט אויף דער קלאַגע, אַז ער זאָל אין געהיים האָבן געהאָלפן די ענגלענדער. זיין שטראָף איז געווען — אַ באַפעל גלייך צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, און ווי ערבות אַז ער זאָל פאַר דער צייט פונם קריג זיך ניט אומקערן צוריק, האָט מען ביי אים קאָנפיסקירט דאָס גאַנצע פאַרמעגן וואָס האָט באַטראָפן די היפּשע סומע פון צוויי הונדערט טויזנט פונט.

דער שטאַרקסטער באַווייז קעגן אים, איז געווען אַ בריוו וועלכן ער האָט געוואָלט איבערשיקן קיין ענגלאַנד אין געהיים און וואָס מען האָט איבער־גענומען אויפן וועג. די באַשולדיקונג קעגן אים איז פאָרמולירט געוואָרן אין האַרבע ווערטער. „באַשלאָסן״, לייענט זי זיך, „אַז דער אינהאַלט פון דעם דאָזיקן בריוו ווייזט אַרויס אַ פיינטלעכע נייגונג און כוונה קעגן דער זיכער־קייט און דער פרייהייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן; אַז מר. פראַנקס, וועלכער האָט געזוכט בגנבה איבערצושיקן דעם דאָזיקן בריוו דורך דער בריטישער ליניע, האָט שלעכט אויסגענוצט דעם צוטרוי פון קאָנגרעס צו קאָנען אין די שטאַטן זיין דער קאָמיסאַר פאַר די בריטישע געפאַנגענע. באַשלאָסן אויך, אַז מאַיאָר גענעראַל אַרנאָלד זאָל דעם דערמאָנטן דוד פראַנקס גלייך אַרעסטירן און אים איבערפירן אין נייעם געפענגעניש פון שטאָט (פילאַדעלפיע), וואו ער זאָל פאַרבלייבן איינגעשפּאַרט ביז ווייטערדיקע באַפעלן פון קאָנגרעס״. 13)

ווען מען האָט דוד פראַנקסן אַרויסגעשיקט פון לאַנד, איז ער געקומען קיין מאָנטרעאָל וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אַ שטיקל צייט. שפּעטער איז ער אוועקגעפאָרן קיין ענגלאַנד. נאָכן קריג האָט ער אָבער באַקומען די דערלוי־בעניש זיך אומצוקערן אַהיים און ער האָט זיך צוריק באַזעצט אין די שטאַטן. ער איז געשטאָרבן אין פילאַדעלפיע אין 1793.

טייל זיינען אונטער דעם איינדרוק, אַז דוד פראַנקס האָט אין זיינע יונגע יאָרן געהאַט פאַרלאָזט דעם יידישן גלויבן, בעת ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ קריסטלעכער מיידל. 14) מיר געפינען אים אָבער אַ צייט נאָך דעם צווישן די ביישטייערערס צום פאָנד אויסצובויען די יידישע שול אין מאָנטרעאָל. אין אַ געוויסן דאָקומענט וואָס באַציט זיך אויף אים און וואָס איז דאַטירט אַ יאָר פאַר זיין טויט, זאָגט זיך אויסדריקלעך, אַז ער איז אַ ייד און אַז ער ווערט איינגעשוואוירן אויפן חומש. 15)

אַנדערע מיטגלידער פון דער פראַנקס משפּחה זיינען פאַרבליבן פונקט

---

13) דאָרטן, ז. 71.

14) MARKENS, The Hebrews in America, p. 7.

15) Publications, Am. Jew. Hist. Soc., no. 1, p. 103.

אזוי צוגעבונדן צו ענגלאנד. משה פראנקס איז אין 1774 און 1775 געווען איינער פון די הויפט־פראוויאנטירערס פון די בריטישע טרופן אין קוויבעק, מאנטרעאל, מאסעטשוזעטס, אילינאי, ניו יארק או״ז. 16) אויף א פאר־שיידענעם אופן האבן אברהם און יעקב פראנקס ארויסגעוויזן זייער סימפאטיע מיט דעם לאיאליסטישן צד און זייער איבערגעגעבנקייט צו די בריטישע אינטערעסן. דער ערשטער האט א צייט געהאט געוואוינט אין קוויבעק, און בעת דער אמעריקאנער קריג האט אויסגעבראכן, האט ער זיך אריבערגע־צויגן קיין מאנטרעאל.

אנדערש איז געווען מיט דוד סאלעסבי פראנקס. עס זעט אבער אויס אז דאס איז לכתחילה געווען א צופאל וואס האט גורם געווען, אז דער יונגער דוד סאלעסבי פראנקס, א זון פון אברהם פראנקס, זאל צושטיין צו די רעבעלירנ־דיקע אמעריקאנער. צוליב אט דעם צופאל איז ער אריינגעטראטן אין דער רעוואלוציע און ער האט מיט זיין אנטייל אין די פאסירונגען פון יענער צייט זיך געמאכט א נאמען. געבוירן אין ענגלאנד, איז ער גאנץ יונג אריבערגע־קומען קיין קאנאדע וואו ער איז געווארן דערצויגן, און וואו ער האט זיך אויך אויסגעלערנט פראנצויזיש, וואס איז אים שפעטער, אין זיין דיפלאמאטישער קאריערע, אזוי שטארק צוניץ געקומען. אין די יארן 1774, 1775 און אין דער ערשטער העלפט פון 1776, געפינען מיר אים אין מאנטרעאל. ער נעמט דא אן אנטייל אין דעם לעבן פון דער יידישער געמיינדע און איז א שטיקל צייט אויך פרנס פון דער שפאניש־פארטוגעזער שול. א מענטש מיט אסך טעמפע־ראמענט, מיט א אימפולסיווער, אימפעטיקער נאטור און מיט א פארלאנג צו באטייליקן זיך אין די געשעענישן ארום, איז ער פון די דאזיקע געשעענישן לייכט געווארן מיטגעריסן. ארויסגעקומען איז דאס צוליב א אינצידענט וואס איז זיך פארלאפן אין מאנטרעאל.

אויף פלאס ד׳ארם סקווער האט זיך געהאט געפונען א ביוסט־מאנומענט פון דעם ענגלישן קעניג, דזשארדזש דעם דריטן. איינמאל אין א פרימארגן האט מען דעם מאנומענט געפונען אינגאנצן פארשמירט, מיט א קראנץ קארטאפל פון אויבן און מיט דער אויפשריפט: „אט דאס איז דער פויפסט פון קאנאדע און דער ענגלישער נאר״. 17) דאס איז געווען דעם 2טן מאי 1775, און הגם די אויפשריפט איז געווען אין פראנצויזיש, האט מען אין דער זאך חושד געווען איינעם פון די אמעריקאנער וואס האבן דאן זיך געפונען אין מאנטרעאל. אין א פעריאדישער אויסגאבע וואס איז דעמאלט דערשינען אין ענגלאנד,

---

16) דארטן, נומער 10, ז. 165.

17) J. D. BORTHWICK, History and Biographical Gazetteer of Montreal, p. 21.

ווערט וועגן יענער פּאַסירונג און ווי אַזוי פראַנקס איז אין דעם געוואָרן אַריינגעצויגן, דערציילט אָט וואָס:

„. . . מען האָט צוגעזאָגט א באלוינונג פון 100 גינעס פאר דעם יעניקן וואָס וועט אָנווייזן אויף דעם שולדיקן. גרויס פארביטערטקייט איז געווען צו מערקן צווישן די פראַנצויזן, וואָס האָבן ניט געוואָלט אַז מען זאָל זיי צושרייבן אַזאַ אַקט פון ׳אומלאָיאַלקייט צו ענגלאַנד. פאר אַזאַ זאַך, האָט אין פראַנצויז עפּנטלעך זיך אויסגעדריקט, דאַרף מען באַשטראָפן מיט הייַנגען. ווען דער יונגער ענגלישער סוחר פראַנקס, וועלכער האָט דעמאָלט זיך געפונען דערביי, האָט דאָס דערהערט, האָט ער צו אים א זאָג געטאָן אַז אין ענגלאַנד גופא הייַנגט מען אויך ניט פאר אַזעלכע קליינע פארברעכנס, איבערחזרנדיק עס א צוויי אָדער דריי מאָל. דער ערשטער,מאַסיע דע בעלעטר, האָט מיט זלזולים זיך אויף אים געוואָרפן שלאָגן, אויף וואָס פראַנקס האָט געענטפערט מיט קלעפּ און נאָך בעסערע. אויף מאָרגן האָט ער אים אָנגעקלאָגט, ניט ווייל ער האָט אים געשלאָגן, נאָר ווייל ער האָט געזאָגט אַז „אין ענגלאַנד הייַנגט מען ניט פאר אַזעלכע קליינע פארברעכנס״. מען האָט דעם יונגען פראַנקס אַרעסטירט, און סאָלדאַטן מיט בלויזע באַיאָנעטן האָבן אים אָפּגעפירט אין געפענגעניש וואו מען האָט אים איינגעשפּאַרט. מען האָט אָנגעבאָטן די סומע פון 10 טויזנט פונט ווי ערבות אַז מען זאָל אים אַרויסלאָזן ביז א פאַרהער, אָבער מען האָט דאָס צוריקגעוויזן. אין א וואָך אַרום אָבער האָט מען אים (אויף די אינסטרוקציעס פון גאָווערנאָר קאַרלטאָן, ווי מען גלויבט) אינגאַנצן באַפרייט.״ 18)

אין דעם געריכטלעכן באַפעל אַז מען זאָל אים באַפרייען, ווערט אָנגעגעבן זיין פולער נאָמען „דוד סאָליסבורי פראַנקס״, 19) וואָס לאָזט ניט איבער קיין ספק אַז ער איז עס געווען דער שפּעטערדיקער פּאָליטיקער, דיפּלאָמאַט און וואַרעמער אַמעריקאַנער פּאַטריאָט, וועלכער האָט זיך געמאַכט א נאָמען אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע.

די דאָזיקע פּאַסירונג, ווי דאָס האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט אויף אים געמאַכט א שטאַרקן רושם. דער אַרעסט פאר „רעוואָלוציאָנערע ווערטער״ האָט אין אים דערוועקט א וואַרעמען געפיל פאר ציווילער פרייהייט און אים געבראַכט נאָענט צום קאַמף פון די אַמעריקאַנער. ווען מאָנטגאָמערי האָט אין נאָוועמבער 1775 פאַרנומען מאָנטרעאַל, איז ער צוגעשטאַנען צו די

18) The Remembrancer, or Imperial Repository of Public Events. London, 1776, pp. 100-6.

19) דאָרטן.

קאלאניסטן און אפילו אוואנסירט געלט צו שטיצן די רעוואלוציאנערע ארמיי. אין 1776 האט גענעראל וואוסטער אים באשטימט פאר צאלמייסטער פונם גארניזאן אין מאנטרעאל, און ווען די אמעריקאנער ארמיי איז געווארן צוריקגעשטויסן פון קאנאדע, האט ער זיך פארשריבן פאר א וואלונטיר, אריינטרעטנדיק אין א מאסעטשוזעטסער רעגימענט.

דעם אייגענעם יאר (דעם 29טן יוני 1776) האבן די אמעריקאנער אים געגעבן א דערלויבעניש אריינצוקומען אין לאנד, 20) און פון יענער צייט אן פארבינדן די מערסטע היסטאריקער זיין טעטיקייט מיט דער אמעריקאנער רעוואלוציע. אבער מיט א יאר שפעטער געפינען מיר אים נאך אלץ אין מאנטרעאל. דאס איז צו זען פון א בריוו וואס קארלטאן האט אונטער דער דאטע פון 9טן מאי 1777 געשריבן צו לארד דזשארדזש זשערמען, קיין ענגלאנד. אין יענעם בריוו דערמאנט ער דוד סאליסבורי פראנקס ווי אן „אמעריקאנער'' צווישן די וואס געפינען זיך אין לאנד, און וואס זיינען אין סימפאטיע מיט די אמעריקאנער רעבעלן. צום בריוו ווערן צוגעגעבן די נעמען פון די לעצטע, מיט די ווערטער: „בייגעלייגט וועט איר, מיין לארד, געפינען א ליסט פון די הויפט־אנפירערס פון רעוואלוציע דא; מיר האבן נאך אלץ אסך פון זיי, וואס זיינען צווישן אונדז פארבליבן, און וואס האבן די זעלביקע נייגונגען, כאטש זיי האנדלען איצט מער פארזיכטיק און מיט אזא פיינקייט, וועלנדיק אויסמיידן די שטראף וואס זיי קומט.'' 21)

פראנקס איז נאך דעם ווידער אריבער קיין אמעריקע, וואו ער האט זיך פונדאסניי, דאס מאל אקטיוו, אנגעשלאסן אין דער ארמיי און איז געווארן גענעראל ארנאלדס אדיוטאנט און סעקרעטאר. פון דעמאלט אן ווערט ער א קאנטיקע פיגור אין די אנגעזעענע אמעריקאנער קרייזן און מען טרויט אים אן מיט די וויכטיקסטע שליחותן. בעת דעם פראצעס וועגן ארנאלדס פאראט, ווערט ער ערנהאפט באפרייט פון יעדן חשד און מען דערהייבט אים נאכדעם צום ראנג פון קאלאנעל. אין 1781 שיקט אים דער קאנגרעס מיט א וויכטיקער דיפלאמאטישער שליחות קיין פאריז. מיט א פאר יאר שפעטער לייגט ער די פאראייניקטע שטאטן ווידער פאר דיין דינסט אין דעם פרט. ער טוט עס אויפן סמך פון דעם וואס זיין באקאנטשאפט מיט דער פראנצויזישער שפראך און מיט די זיטן און מאנערן פון פראנצויזישן פאלק, וואס ער האט געקראגן וואוינענדיק אין קאנאדע, מאכט אים, ווי ער דערקלערט, באזונדערס פאסיק צו פארנעמען אזא פאסטן. 22) זיין אנבאט ווערט אויך אקצעפטירט, און דער קאנגרעס דעלעגירט אים שפעטער צו פארן קיין פראנקרייך מיט די

20) Publications, Am. Jew. Hist. Soc., no. 11, pp. 190-191.
21) The Archives, Series "Q", Vol. 13, p. 98.
22) Papers of the Continental Congress, no. 79, Vol. III, p. 276.

טריפּליקאַטן פון דעם ראַטיפיצירטן אָפּמאַך, וואָס האָט אָנערקענט די אומ־אָפּהייגיקייט פון אמעריקע. סוף פון זעלביקן יאָר, אין סעפּטעמבער 1784, ווערט ער באַשטימט פאַר אמעריקאַנער וויצע־קאָנסול אין מאַרסעל. א פערזענלעכער פריינט פון דעם ערשטן פּרעזידענט פון דער אמעריקאַנער רעפּובליק, באַטייליקט ער זיך אין א פּאָר יאָר אַרום אויך אין דער איינשוועור־צערעמאָניע פון דעם לעצטן.

נאָך איינער פון דער זעלביקער משפּחה, קאָל. יצחק פראַנקס, האָט מיט זיין טעטיקייט אין די אמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערע רייען זיך דאָס גלייכן געמאַכט פּאָפּולער. יצחק פראַנקס איז געשטאַנען אין שטענדיקער פאַרביג־דונג מיט זיינע פריינט אין קאַנאַדע, וועמען ער פלעגט גאַנץ אָפט באַזוכן. ביי איין געלעגנהייט האָט ער אין מאָנטרעאָל זיך אפילו אויפגעהאַלטן א לייגערע צייט און זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט דער אָרטיקער יידישער קהילה.

גאַנץ באַזונדער איז דאָ כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף דער ראָל וואָס לוי סאָלאָמאָנס האָט געשפּילט אין יענע געשעענישן. ער איז געווען דער איינצי־קער צווישן די יידן אין קאַנאַדע, וואָס איז איבערגעגאַנגען אויף דער זייט פון די וואָס האָבן רעוואָלטירט קעגן ענגלאַנד, און דאָס אויך ניט מיט דעם אייגע־נעם ווילן. מיר האָבן לוי סאָלאָמאָנס שוין א פּאָר מאָל פריער דערמאָנט. ער איז געווען פאַרוואַנדט דורך א צווייטער הייראַט מיט דער משפּחה פראַנקס, און איידער ער האָט זיך באַזעצט אין מאָנטרעאָל, האָט ער געוואוינט אין אָלבאַני. צוליב זיינע קאָמערציעלע עסקים פלעגט ער שפּעטער נאָך אויך קומען אהין פון צייט צו צייט.

עס איז גאַנץ פאַרשטענדלעך אז זיינע געפילן, ווי די געפילן פון דעם רוב קאַנאַדער, זיינען געווען אין אָנהייב אויף דער זייט פון די ענגלענדער. אָבער ווען מאָנטגאָמערי איז אריינגעדרונגען אין לאַנד און האָט פאַרנומען מאָנטרעאָל, האָט ער סאָלאָמאָנסן באַטראַכט ווי א געוויזענעם אמעריקאַנער. ווי אַזעלכן האָט ער אים באַפוילן צוצושטעלן פּראָוויאַנט פאַר דער אַרמיי און צו באַזאָרגן שפּיטאָל־מעגלעכקייטן פאַר די פאַרוואונדעטע אמעריקאַנער סאָל־דאַטן. לוי סאָלאָמאָנס האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי דעם באַפעל צו פאָלגן. ער האָט פאַר דעם צוועק אויסגעריכט א גרויס הויז, און שפּעטער נאָך צוויי הייזער פאַר קלענערע שפּיטאָלן, באַזאָרגנדיק אפילו די פּאַציענטן מיט אַלע הצטרכותן. דאָס אַלץ האָט ער געטאָן אויף זיינע אייגענע קאָסטן, ווי ער האָט זיך עס שפּעטער באַקלאָגט אין א מעמאָראַנדום וואָס ער האָט וועגן דעם צוגעשטעלט דער אמעריקאַנער רעגירונג. 23)

---

23) Ibid., no. 35, pp. 149, a. b. c.

בעת די רעוואָלוציאָנערע ארמיי האָט געליטן א מפלה און האָט געמוזט זיך צוריקציען, איז ער געוואָרן שטארק פארהאסט ביי די ענגלענדער, וואָס האָבן געקוקט אויף אים ווי אויף איינעם וואָס האָט אָפן סימפאטיזירט מיטן שונא. ווי א צוגאָב צו דעם, האָבן די אמעריקאנער געמאכט ביי אים א רעקוויזיציע און בעת זייער צוריקמארש פארנומען כמעט אלץ וואָס ער האָט פארמאָגט. „נאָך דעם ווי די אמעריקאנער האָבן זיך צוריקגעצויגן פון מאָנטרעאָל", באקלאָגט ער זיך אין דעם אייגענעם מעמאָראנדום, „האָט גענעראל ארנאָלד געשיקט פון לאפרערי א צאָל סאָלדאטן, וואָס האָבן אָן דער הסכמה אָדער דעם וויסן פון אייער פעטיציאָנער פארכאפט און מיט זיך אוועקגענומען פון לאשין א לאָדונג בראזילישן טאבאק, צוזאמען מיט אנדערע אינדיאנישע סחורות, דאָס אייגנטום פון אייער פעטיציאָנער וועלכער האָט עס געהאט צוגעגרייט צום שיקן נאָך מישילימאקינאק, און פאר וואָס ער האָט קיינמאָל ניט באקומען קיין קוויטונג אָדער וועלכן ניט איז סימן פון קבלה".

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, דערציילט ער דאָרט ווייטער, האָט ער פון גענעראל בורגאָין, דעם בריטישן קאָמאנדיר, געקראָגן א באפעל, אויף דעם סמך פון וועלכן סאָלדאטן האָבן אים מיט זיין פאמיליע ארויסגעוואָרפן אויפן גאס, ארויסגעשטויסן פון זיין אייגן הויז, א פאראכטן פון אלעמען, אריינגערעכנט אפילו די אייגענע גופא („פון מענטשן פון יעדן גלויבן אין דער פּראָווינץ"). 24) מען האָט אים פאקטיש ארויסגעטריבן פון מאָנטרעאָל. נאָך אסך פלאָגענישן, איז אים ענדלעך געלונגען צו קריגן א דערלויבעניש אז ער זאָל מעגן קומען צוריק. מיט געבן אים אָט אזא דערלויבעניש, האָבן די ענגלענדער געוויס געוויזן אז זיי האָבן געהאנדלט אסך ליבעראלער און מיט פיל מער איינזעעניש, ווי מען האָט עס אין אמעריקע געהאט געהאנדלט מיט די „פאראייניקטע לאָיאליסטן". די לעצטע, ווי באוואוסט, זיינען געוועזן אונטערגעוואָרפן צו זייער שטרייגגע געזעצן.

די אמעריקאנער רעגירונג האָט סאָלאָמאָנסן קיינמאָל מיט קיין זאך ניט פארגיטיקט פאר זיינע חיזקות אָדער פאר דער הילף וואָס ער האָט די אמעריקאנער געהאט געגעבן. מען האָט זיין בקשה וועגן דעם איגנאָרירט. ער איז געשטאָרבן אין מאָנטרעאל דעם 18טן מאי 1792.

פונקט אזוי האָט די אמעריקאנער רעגירונג איגנאָרירט די תביעות פון אהרן הארט כאָטש ער האָט וועגן דעם זיך פיל משתדל געווען. דער פאל מיט אהרן הארט צו וועמען די רעוואָלוציאָנערע ארמיי, וואָס האָט זיך געהאט אויפגעהאלטן אין טהרי ריווערס, איז געבליבן פארשולדיקט אויף א דייער גרויסער סומע, איז אָבער געווען פארשיידן פון דעם פאל מיט לוי סאָלאָמאָנס. פאר א משך

---

24) דאָרטן.

פון איבער זעקס חדשים האָט די געגנט אין און אַרום טהרי ריווערס זיך פּאַק־טיש געהאַט געפונען אין די הענט פון די אַמעריקאַנער. ווי אַלע אַנדערע, האָט מסתמא אויך ער דעריבער ניט געקאָנט האַנדלען אַנדערש, און ער האָט פאַר זיי ניט פאַרשפּאַרט זיין גרויסן געשעפטהויז, וואוהין זיי פלעגן אַריינקומען. אין דער אייגענער צייט איז ער פונדעסטוועגן געווען דער צאַלמייסטער פון די בריטישע טרופּן, און איז געשטאַנען אין נאָענטסטן קאָנטאַקט מיט די וואָס האָבן זיך געהאַט אַנגעשטריינגט די אַמעריקאַנער צו פאַרטרייבן. ער האָט אויך געהאַט די שריפטלעכע דערלויבעניש פון גענעראַל קאַרלטאָן, אַז ער מעג „פאָרן הין און צוריק צווישן דער אַרמיי אין טהרי ריווערס און אין קוויבעק" — אַ זאַך וואָס מען האָט דאַן ניט געגעבן יעדן איינעם.

אהרן האַרט איז פאַרבליבן אַ הייסער בריטישער פּאַטריאָט, הגם ער האָט ניט געקאָנט אויסמיידן ניט צו האָבן קיין משא ומתן מיט די אַמעריקאַנער. ווען מען האָט נאָך זיין טויט געמאַכט אַן אינווענטאַר פון זיין פאַרמעגן, האָט מען ביי אים געפונען פּאַפּירענע וועקסלען וואָס האָבן געוויזן, אַז די אַמעריקאַנער זיינען צו אים געבליבן פאַרשולדיקט אויף אַ זייער גרויסער סומע. ניט ער, ניט זיינע יורשים, האָבן ווען עס איז געקאָנט אויפמאָנען אפילו אַ קליינעם טייל פון אָט דעם חוב.

אָט די פּאָר עפּיזאָדן ווייזן קלאָר, אַז די יידן אין קאַנאַדע זיינען ווייט ניט געווען אייניק אין זייער שטעלונג צו דעם וואָס אַרום זיי איז פאָרגעקומען. אָבער דער רוב פון צווישן זיי, מוז מען זאָגן, האָט זיך געפילט צוגעבונדן צו די ענגלענדער און איז זיי פאַרבליבן טריי פאַר דער גאַסטפריינטלעכקייט וואָס זיי האָבן זיי אַרויסגעוויזן.

עס וועט אפשר זיין אינטערעסאַנט צו דערמאָנען דאָ אַ אינצידענט, וואָס איז גוט באַקאַנט אין דער קאַנאַדער געשיכטע, אָבער איז ווייניק וואָס באַ־וואוסט אַז ער האָט געהאַט אַ שייכות מיט אַ נאָמען, אַ זייער יידיש־קלינגעדיקן נאָמען, אויף וועלכן דאָס האָט זיך באַצויגן.

ביים אָנהייב חודש מאַי 1797, האָט אין דער פּראָווינץ קוויבעק מיטאַמאָל זיך באַוויזן אַ פרעמדער מאַן פון שיינעם, נעטן אויסזען, און זיך אָנגעגעבן פאַר אַ „יעקב פעלט". קיינער האָט ניט געוואוסט, ווער דער דאָזיקער פרעמדער איז געווען. עס איז אָבער געווען קאָנטיק, אַז ער האָט געוואָלט מאַכן דעם איינדרוק אַז ער איז געווען אַ ייד. זיין מאָדנע אויפפירונג, זיין געהיימניספול זיך באַווייזן און באַלד ווידער נעלם ווערן, האָבן געצויגן אויפמערקזאַמקייט. פאַר אַ פּאָר מענטשן בלויז האָט ער זיך פאַרטרויט. ער האָט זיי דערציילט, אַז ער איז אַ פראַנצויזישער גענעראַל, אַ געשיקטער פון מאָסיע אַדע, דעם פראַנ־צויזישן אַמבאַסאַדאָר אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און אַז ער איז געקומען

אהער אויפרייצן צו אן אויפשטאנד און צו העלפן ברייגנען קאנאדע צוריק אונטער פראנצויזישער הערשאפט.

מען האט דעם פרעמדן באלד ארויסגעגעבן. מען האט אים ארעסטירט און מען האט אויסגעפונען, אז „יעקב פעלט" איז גאר אין דער אמתן א דייוויד מעקליין, אן אמעריקאנער וואס האט זיך געהאט פארשטעלט פאר א יידן, און איז געקומען אהער אויפהעצן די באפעלקערונג קעגן די ענגלענדער. מען האט אים פאראורטיילט צום טויט, און ער האט מיט א פאר טעג שפעטער זיין שטראף אויך באקומען — אויף אן אופן ווי דאס איז אין יענער צייט פראקטיצירט געווארן. (25

25) J.-EDMOND ROY, Histoire de la seigneurie de Lauzon, vol. III, p. 279 et seq.

# דער פּאַרמאַטיווער אָדער ספרדישער פּעריאָד

## קאַפּיטל זיבן

### די „יידן פראגע" ארויפגעבראכט צום ערשטן מאָל

מיר האָבן שוין דערמאָנט די ראָל וואָס יידן האָבן געשפּילט אין דער באַוועגונג פאַר פּאָליטישע רעפאָרמען. די פּעטיציעס וועלכע מען האָט געשיקט קיין ענגלאַנד, פאַרלאַנגענדיק אַזעלכע רעפאָרמען, האָבן ענדלעך געבראַכט געווינטשטע רעזולטאַטן. מען האָט געמאַכט אַן אָנהייב מיט דעם וואָס מען האָט דורכגעפירט אַן אַלגעמיינע אונטערזוכונג פונעם געריכט־סיסטעם פון לאַנד, אויסהערנדיק דערביי די מיינונגען פון פאַרשיידענע פּראָמינענטע בירגער. ביי איינעם פון די דאָזיקע פאַרהערן, געפינען מיר, איז אויך אויפגעטראָטן אוריה יהודה. עס ווערט אין פאַרבינדונג דערמיט וועגן אים דערציילט אַז מען האָט אים איינגעשוואוירן אויפן חומש, ווייל ער איז געווען אַ ייד, און אַז ער האָט אין מאָנטרעאָל זיך פאַרנומען מיט מסחר פאַר אַ משך פון 17 יאָר. 1)

עס וועט אודאי ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז יידן האָבן געהאַט ניט קיין קליינעם חלק אין דעם דערפאָלג מיט וועלכן די באַוועגונג איז געקרוינט געוואָרן. דער קאָנקרעטער פּועל יוצא איז געווען — די באַווילִיקונג פון דעם קאָנסטיטוציאָנעלן אַקט פון 1791. קאַנאַדע האָט דאַן באַקומען אַ קאָנסטי־טוציאָנעלע פאָרם פון רעגירונג מיט אַ געזעצגעבנדיקער פאַרזאַמלונג, און זי האָט דערמיט פּאָליטיש אין יענער צייט געמאַכט אַ גרויסן טראָט פאָראויס.

דאָס יידישע לעבן גופא אָבער האָט דאָס קיין סך ניט באַרירט און ניט געקאָנט באַרירן. די יידן ווי אַזעלכע האָבן ביז דאַן נאָך ניט געהאַט געפילט אַז זייערע פּאָליטישע רעכט זיינען געווען באַגרענעצט. „פּאָליטישע רעכט" איז אין יענער צייט בכלל נאָך געווען אַ גאַנץ אומקלאָרער באַגריף, און די יידישע בירגער האָבן דאָס וואָס מען האָט אונטער דעם געקאָנט פאַרשטיין, ניט געהאַט גענאָסן אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס ווי די ניט־יידישע.

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון דעם קליינעם יידישן ישוב האָט דערפאַר אויף קיין פאַל ניט געקאָנט זיין אָפּהייגיק פון יענע סאָציאַל־פּאָליטישע

1) Public Archives of Canada, Series "Q", Vol. 24-1, p. 1.

באדינגונגען, וואָס האָבן געהאט באגלייט די אלגעמיינע אנטוויקלונג פון לאנד. דאָס איז געווען אָפּהייגיק פון עפּעס אנדערש — אָפּהייגיק מערסטנס פון די דרויסנדיקע כוחות וועלכע דער דאָזיקער קליינער קיבוץ האָט פון צייט צו צייט צוגעקראָגן, און וואָס האָבן סטימולירט יעדע פון זיינע אינעווייניקסטע טעטיקייטן.

אין דעם פּרט איז כדאי אָנצואווייזן אויף א כאראקטעריסטישן שטריך וואָס האָט דאן, און א לאנגע צייט שפּעטער, זיך אזוי שארף געלאָזט מערקן צווישן די יידן אין דער יונגער קאָלאָניע. אלץ וואָס איז זיך פארלאָפן צווישן זיי אליין, איז א לאנגע צייט געווען ניט מער ווי א קאָפּיע — אין א פיל קלענערן פאָרמאט — פון דעם וואָס איז זיך פארלאָפן צווישן די יידן אין די דערבייאיקע אמעריקאנער קאָלאָניעס. דאָס איז געווען דער פאל אפילו נאָך דעם, ווי די דאָזיקע קאָלאָניעס האָבן זיך אָפּגעריסן פון ענגלאנד און זיך דערקלערט פאר א רעפּובליק. די מאָנטרעאָלער יידישע קהילה האָט ניט אויפגעהערט אויך אפילו דאן אָנצוהאלטן די סאמע נאָענטסטע פארבינדונג מיט די יידן דאָרטן. זי איז מיט אסך זאכן געווען אָנגעוויזן אויף דעם פיל גרעסערן יידישן צענטער אין דער דערבייאיקער רעפּובליק.

לויט די מעגלעכקייטן דערפאר האָבן די יידן פון מאָנטרעאָל זיך אָנגע־שטריינגט אויף יעדן אופן אויפצוהאלטן די אייגענע געמיינדע און יענע אלע געביטן, אין וועלכע איר הויפּט טעטיקייט האָט פאר זיי זיך אויסגעדריקט. דאָס איז באטראכט געווען פאר געגנוג, מחמת אויף אזוי ווייט האָט דאָס זייערע באדערפעניש דעמאָלט באפרידיקט. אונטער אזעלכע אומשטאנדן האָט אָבער קיין רייד ניט געקאָנט זיין פון א וועלכער ניט איז איניציאַטיווע אָדער פון וועלכע ניט איז אויפטוען אויף דעם געביט פון גייסטיקער יידישקייט. און דאָס איז געווען א לאגע וואָס האָט צווישן זיי געגאָלטן ביז זייער יונגע קהילה איז ענדלעך אוועקגעשטעלט געוואָרן אויף א זיכערן יסוד.

די יידישקייט פון דעם דעמאָלטיקן יידן אין קאנאדע איז געווען און פאר־בליבן א שטריינג אָרטאָדאָקסישע. זי איז, אמת, ניט געשטערט געוואָרן פון דער וועלטלעכער בילדונג וואָס ער האָט געגנאָסן, אָבער זי האָט פון איר אויך ניט פּראָפּיטירט. דאָס יידישע לעבן האָט זיך קוים באוועגט און דער דאָזיקער פאמעלעכדיקער, מאָנאָטאָנער גאנג זיינער האָט אָנגעהאלטן ביז ווייט אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט, ווען עס האָט אין אים אָנגעהייבן ארייַנטרעטן א ענדערונג.

דורך אָט דער צייט מערקן מיר א שטילשטאנד אין אסך הינזיכטן, און דער שטילשטאנד האָט געפונען אן אויסדרוק קודם כל אין דעם ריין פיזישן וואוקס פון דער יידישער באפעלקערונג. דער צוואוקס איז געווען א אומבא־

דייטנדיקער און דער יונגער ישוב האָט זיך קנאַפּ וואָס פאַרמערט. דער שטילשטאַנד האָט צוליב דעם זיך אויך געמערקט אין זיין אינערלעכן לעבנס־שטייגער. דער מאַנגל אין כוחות וואָס זאָלן פאַרזעצן די אַרבעט פון די ערשטע פּיאָנערן און אויף דער יונגער קהילה משפּיע זיין, איז געווען גרויס. עס זיינען אין לאַנד דאַן ווייניק יידן אַריינגעקומען פון די דערבייאיקע שטאַטן אָדער פון ענגלאַנד, מחמת די אימיגראַציע אהער איז בכלל געווען אַ קליינע. דערצו איז דער ישוב גופא כסדר אָפּגעשוואַכט געוואָרן דורך געמישטע חתונות — אַ דערשיינונג, קעגן וועלכער מען האָט אפנים זיך ניט געקאָנט העלפן.

דערפאַר אָבער האָט די יידישע ענערגיע גיך געפונען פאַר זיך אַן אויס־גאַנג אין אַן אַנדער ריכטונג. די יידן זיינען לחלוטין ניט געבליבן הינטער־שטעליק אין זייער ביישטייער צו דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון קאַנאַדע. אייניקע פון זיי האָבן אין דעם פּרט זיך באַזונדערס אויסגעצייכנט און פאַר־בונדן זייערע נעמען מיט אַסך וויכטיקע אויפטוען און דערגרייכונגען אויף דעם געביט פון אינדוסטריע און קאָמערץ, ווי אויך אין אַנדערע צווייגן. גאָר אַסך פּראָמינענץ האָבן געהאַט דערגרייכט די דוד, האַרט און דזשאָזעף משפּחות, וועמעס גרויסע פאַרדינסטן פאַרן לאַנד, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן דורך אַסך יאָרן, אַלע האָבן זייער שטאַרק אָפּגעשעצט.

הענרי דזשאָזעף, וועלכער איז געבוירן אין ענגלאַנד אין 1775, איז אויף דעם פאַרשלאָג פון זיין אָנקל, אהרן האַרט, זייער יונג אַריבערגעקומען קיין קאַנאַדע. ער האָט אין אַ קורצער צייט אַרום געקראָגן אַ שטעל ביים קאָמי־סאַריאַט פון די ענגלישע טרופּן וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין פאָרט וויליאַם הענרי, ביים רישעליע טייך. מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט ער אויפגעגעבן דעם דאָזיקן פּאָסטן און זיך אַריבערגעצויגן קיין בערטיע, וואו ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט מסחר. זיינע קאָמערציעלע אָפּעראַציעס זיינען ביסלעכווייז געוואַקסן און ער האָט גענומען פירן אַלץ גרעסערע און מער דערפאָלגרייכע געשעפטן. ער האָט אַנטוויקלט אַ האַנדל־פּאַרקער מיט פאַרשיידענע פּונקטן, און זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר אונטערנעמונגען, פאַר וועלכע עס האָט זיך געפאָדערט אי גרויס פייאיקייט אי פאַר יענער צייט אַסך געוואַגטקייט.

הענרי דזשאָזעף איז פאַקטיש געווען דער גרינדער פון אַ קאַנאַדער האַנדלס־מאַרין. ער איז געווען דער ערשטער און, ביז אים, דער איינציקער וואָס האָט ניט נאָר אָנגעפירט אַ גרויסן פראַכט־פּאַרקער אין די אינלענדישע וואַסערן, נאָר וועלכער האָט אויך געשאַפן אַ דירעקטע שיף־פאַרבינדונג מיטן מוטערלאַנד פאַר צוועקן פון מסחר. 2) צווישן די שיפן וועלכע ער האָט קאָנטראָלירט האָט

2) J. D. BORTHWICK, Montreal History and Biographical Gazetteer, p. 470.

זיך אויך געפונען די „יורעטא״, וואָס ווערט דערמאָנט אזוי פרי ווי אין מערץ 1801. 3) דאָס הייסט, אז נאָך מיט יאָרן איידער דאָס ערשטע קאנאדער דאמפשיף איז אָפּגעפאָרן פון מאָנטרעאָל קיין קוויבעק (אין 1809), האָט העברי דזשאָזעף שוין געהאט איינגעפירט א דירעקטע שיף־ליניע צווישן קאנאדע און ענגלאנד. אנדערע מיטגלידער פון דער זעלביקער משפחה האָבן זיך פונקט אזוי אויסגע־צייכנט ווי פּיאָנערן פונם אייזנבאַן־בוי אין לאנד, ווי פּיאָנערן פון די ערשטע איינגעפירטע טעלעגראפן און פון אנדערע וויכטיקע פאָלקס־ניצלעכקייטן. אָבער וועגן זיי וועט אונדז נאָך אויסקומען צו ריידן שפּעטער.

ניט קיין קליינעם חלק אין די אונטערנעמונגען פון העברי דזשאָזעף האָט געהאט יעקב פראנקס, דער אינגערער, וועלכער איז א היפּשע צייט געווען מיט אים פארבונדן געשעפטלעך. אזוי פרי ווי אין 1792 ווערט ער דערמאָנט אין גרין בעי, אין דעם שטאט וויסקאָנסין, וואוהין ער איז געקומען צוליב מסחר. מיט צוויי יאָר שפּעטער געפינט ער זיך אין קאנאדע, וואו די אינדיאנער האָבן אים אוועקגעשאָנקען א גרויס שטיק לאנד. 4) פון דעמאָלט אָן זוכט ער אלץ נייע אויסוועגן פאר זיין ענערגיע אין דעם יונגען, ארום יענער צייט אזוי אומבאוואוסטן און נאָך ווייניק אנטוויקלטן לאנד. ער דרינגט אריין ביז אין די ווייטע ווילדערנישן פון די צפון־מערב געגנטן, וואו דער פוס פון א ווייסן מענטשן האָט ביז אים נאָך ניט געהאט געטראָטן. אין 1805 ווערט ער א אינדוסטריע־אונטערנעמער. ער האָט אין קאנאדע דאן אויסגעבויט די ערשטע זעג און מעל־מילן. ער האָט אויך געהאט גרויס דערפאָלג מיט נאָך אנדערע אויפטוען, וואָס קאָנען באצייכנט ווערן ווי א בייטראָג צו דעם אָנהייב פון קאנאדעס אינדוסטריעלער אנטוויקלונג בכלל. אין 1817 איז ער אן ארמיי־פּראָוויאנטירער, ווי מען קאָן עס זען פון א פּאָר דאָקומענטן פון יענעם יאָר. 5) אינטערעסאנט איז דאָס וואָס דער גרינדער פון דעם שפּעטערדיקן רייכן אסטאָר־הויז אין אמעריקע איז געווען איינער פון זיינע פריע אָנגעשטעלטע. יעקב פראנקס האָט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געוואוינט אין מאָנטרעאָל.

ניט ווייניק פּראָמינענץ האָט אויך געהאט דערגרייכט דוד דוד, וועמען מיר האָבן שוין דערמאָנט ביי א פריערדיקער געלעגנהייט. ער האָט זיך געציילט צווישן די סאמע אָנגעזעענסטע און געאכטעטסטע בירגער פון מאָנטרעאָל. זיין נאָמען איז געווען ענג פארבונדן מיט יעדער וויכטיקער עקאָנאָמישער אונטערנעמונג, מיט יעדער פילאנטראָפּישער אָדער געזעלשאפטלעכער גע־שעעניש פון באדייט. ווייניק מענטשן האָבן געשפּילט אזא ראָל אין דעם

3) Diary of Samuel David (in MSS).
4) Publications, Am. Jew. Hist. Soc., no. 9, pp. 151-152.
5) Public Archives, Series "Q", Vol. 143, pp. 215, 217.

עפּנטלעכן לעבן פון זיין שטאָט אין יענער צייט, ווי ער. ער איז געווען איינער פון די ערשטע גרינדערס פון דער „באַנק אָוו מאָנטרעאָל", און איז ביי דער ערשטער אסיפה פון פאַרוואַלטערס, דעם 27טן פעברואַר 1818, דערוויילט געוואָרן א דירעקטאָר פון דעם דאָזיקן גרויסן באַנק־הויז, וואָס ער איז פאַר־בליבן ביז זיין טויט אין 1824. מיר געפינען אים אויך צווישן די גרינדונגס־מיטגלידער פון דער מאָנטרעאָלער „באָרד אָוו טרייד", בעת די דאָזיקע קער־פערשאַפט האָט זיך לכתחילה אָרגאַניזירט ווי די „קאָמיטע אָוו טרייד" דעם 11טן אפריל 1822. ער איז אויך געווען א ערשטער „לייף גאָווערנאָר" פון מאָנ־טרעאָלער „דזשענעראַל האָספּיטאַל", און האָט זיך בכלל אויף דעם וואַרעמסטן אופן געאינטערעסירט מיט יעדער גרויסער וואוילטעטיקער זאַך אין דער קאַנאַדער מעטראָפּאָליע.

צווישן די מאָנטרעאָלער סוחרים וואָס האָבן אונטערגעשריבן א בקשה צו דער ענגלישער רעגירונג, וועגנדנדיק זיך צו איר מכוח א צווייטן אָפּצאָל־הויז, האָבן זיך אויך געפונען דוד דוד און זיין ברודער שמואל דוד. אין דער פּעטיציע וואָס איז וועגן דעם איבערגעשיקט געוואָרן קיין לאָנדאָן, ווערט אָנגעוויזן, אז די קאָמערציעלע אינטערעסן פון לאַנד ליידן מחמת דעם וואָס עס איז ניטאָ קיין אנדער אָפּצאָל־הויז ווי בלויז אין קוויבעק, הגם מאָנטרעאָל איז געווען א פיל גרעסערער צענטער פון האנדל. מען האָט דאָס דער שטאָט שפּעטער אויך באַוויליקט.

עס איז פאַרשטענדלעך, אז די עפנטלעכע פאַרדינסטן פון אסך יידן זאָלן ביז א געוויסן גראַד האָבן באאיינפלוסט די געזעלשאַפטלעכע באַציאונג צו זיי. זייער פרי, ווען די פראַגע מכוח זייער בירגערלעכן אָדער פּאָליטישן סטאַטוס איז נאָך ניט געווען אַרויפגעשוואומען, געפינען מיר דעריבער אייניקע פון זיי שוין פאַרנעמען געוויסע מער־ווייניק אָפיציעלע פּאָסטנס. צו די שוין אויסגערעכנטע אין דעם פריערדיקן קאַפּיטל, דאַרף מען אויך דער־מאָנען מאיר מייקלס, א געריכט־געשוואוירענעם אין מאָנטרעאָל. מיר געפינען אים צווישן די וועמען מען האָט ביי דער דערעפענונג פונם געריכט דעם 10טן יאַנואַר 1800 אויסגעקליבן פאַר געשוואוירענע פאַר דער סעסיע יענעם יאָר, און עס זעט אויס, אז קעגן זיין יידישקייט האָט דאַן קיינער ניט אויסגעזעצט.

הגם ווייניק אין צאָל, האָבן די יידן פונדעסטוועגן פרי זיך אָנגעהייבן פאַר־שפּרייטן איבער געוויסע טיילן נידער־קאַנאַדע און אויך אַריינדרינגען אין אויבער־קאַנאַדע. דאָס איז אָבער געווען פון א צייטווייליקן כאַראַקטער און האָט ניט געקאָנט פירן צו א פאַרוואָרצלונג פון יידישן ישוב איבערן לאַנד. אזוי געפינען מיר אסך יידישע נעמען צווישן דער גרויסער צאָל אַפּליקאַנטן

אויף לאנד סוף 18טן און אנהייב 19טן יארהונדערט, פון וואס מיר דערזויסן זיך ווען יידן האבן צום ערשטן זיך אנגעהייבן באזעצן אין אויבער־קאנאדע, אדער ווינציקסטנס קומען אהין. צווישן די דאזיקע נעמען געפינען מיר אזעלכע ווי משה דוד, 6) דוד דזשייקאבס, שמואל פיליפס, דוד וואלענטיין, ב. נאטאן, דר. סאלאמאן, 7) אברהם הערש, יעקב פינקל, טאמאס גאהען (קאהען?), יעקב לעוויטץ, אברהם קאטלער, בנימין הערש (אדער הערץ), און אסך אנדערע, וועלכע זיינען אנגעגעבן ווי לאנד־אפליקאנטן צווישן די יארן 1796 און 1803.

דער מיטלפונקט פון דעם פאמעלעך זיך אויסשפרייטנדיקן יידישן ישוב איז אבער געווען און פארבליבן נידער־קאנאדע. עס איז דער דאזיקער אלטער פראווינץ פון אנהייב אן באשערט געווען צו שפילן א גאנץ באזונדערע ראל צווישן די יידן אין דער בריטישער צפון־אמעריקע. דאס איז געווען א ראל ביי וועלכער דער יידישער עלעמענט האט זיך אי אנגעזען, אי ער האט דעם לאנד פון זיך אויך געגעבן דעם גרעסטן צושטייער פון זיינע בעסטע כוחות. דאס איז דערפאר געווען אויך דא, וואו די „יידן־פראגע״ איז אין א געוויסער פארם ארויפגעשוואומען אין קאנאדע צום ערשטן מאל.

מיר שטויסן זיך דא אויך אן אויף א מערווערדיקער דערשיינונג. פאר אונדז ווערט דא ארויסגעבראכט א אינטערעסאנטער פאראלעל צווישן דער אלטער און דער נייער וועלט — א פאראלעל ניט בלויז אין שייכות צו יענע ליבעראלע אידייען פון וועלכע זיי זיינען געווען באהערשט, נאר אין שייכות דער עיקר צו זייער שטעלונג צו יידן. הגם די נייע וועלט האט אנגעהויבן שרייבן איר געשיכטע אסך שפעטער, איז זי אבער דער אלטעטשקער אייראפע אין דעם פרט פארלאפן דעם וועג מיט גיכע שפרייזן.

בנוגע דער עמאנציפירונג פון יידן האט אפילו ענגלאנד זיך דערזען ווייט הינטערשטעליק לגבי איר קאלאניע אין צפון־אמעריקע. זי האט מיט איר בשום אופן ניט געקאנט האלטן טריט. די לעצטע האט אין דעם זי איבערגעיאגט אויף אזוי פיל ווי מיט איבער א פערטל יארהונדערט. דאט איז א פאקט וועלכן מען שטעלט אויס ווי א מוסטער פון ליבעראליזם וואס די יונגע קאלאניע האט דעמאלט ארויסגעוויזן.

פונקט אבער ווי אין ענגלאנד, אזוי האט אויך אין קאנאדע די גאנצע פראגע מכוח יידן זיך הויפטזאכלעך באצויגן אויף די פאליטישע און געוויסע בירגערלעכע רעכט זייערע, דהיינו דאס רעכט אויף אייגענער קהלשער פאר־

---

6) ווערט אויך דערמאנט אין טאגבוך פון שמואל דוד ווי אן איינוואוינער אין סענדוויטש, אנט., אין 1813. ווי דאס זעט אבער אויס, האט ער זיך געפונען אין אויבער־קאנאדע ווינציקסטנס נאך מיט א יארצענדליק פריער.

7) The Archives, Series "Q", Vol. 282-2, p. 415.

וואַלטונג. עס האָט ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן אַנדערע באַגרענעצונגען פֿאַר זיי אין דעם אָנגענומענעם זינען פֿון וואָרט, מחמת זיי האָבן דאָ גלייך פֿון אָנהייב געמעגט אומעטום וואוינען און פֿריי און אומגעשטערט זיך פֿאַרנעמען מיט מלאכה און האַנדל.

די עצם פּראַגע, אויף ווי וויט דאָס האָט זיי באַרירט, איז אין קאַנאַדע אַרויפֿגעבראַכט געוואָרן בעת יענער פּאָליטישער תקופה, ווען אין פּאַרלאַמענט פֿון נידער־קאַנאַדע האָבן זיך געגומען הערן דעבאַטעס וואָס זיינען ביסלעכווייז געוואָרן אָנגעפֿילט מיט אַלץ מער פֿאַרביטערטקייט. די אומשטאַנדן גופֿא וואָס האָבן דעם ענין אַרויפֿגעבראַכט, האָבן צוגעגעבן צו דער דאָזיקער פֿאַרביטערטקייט. עס האָט אַרום דעם ענין דעריבער זיך פֿאַרבונדן דער פֿאַרשאַרפֿטסטער פּאָליטישער ויכוח פֿון טאָג. עס איז געקומען צו אַ שטאַרקן צוזאַמענשטויס צווישן ביידע פּראַקציעס פֿון דער געזעצגעבנדיקער פֿאַרזאַמלונג, צווישן דער פֿראַנצויזישער און דער ענגלישער, וועלכע האָבן צוליב דעם פֿאַרפֿירט אַ קאַמף. זיי האָבן עס געפֿירט איינע קעגן דער אַנדערער מיט היץ, מיט פּיינטשאַפֿט, מיט דער עקשנותדיקסטער פֿאַרביסנקייט. און דער צענטער פֿון אָט דעם קאַמף איז געווען אַ ייד — יחזקאל האַרט. ווען עס איז דאַן אויסגעקומען צו שפּילן אַזאַ אינטערעסאַנטע און מערקווערדיקע ראָל.

יחזקאל האַרט (געבוירן אין טהרי ריווערס 1770; געשטאָרבן 1843), איז געווען דער צווייטער זון פֿון פּראָוויאַנט־קאָמיסאַר אהרן האַרט. ער האָט זיך געציילט צווישן די חשובסטע איינוואוינער פֿון טהרי ריווערס וואו ער איז ביי אַסך מענטשן געווען שטאַרק פּאָפּולער און באַליבט. ער איז געווען אַ מענטש מיט פֿייאיקייטן, מיט אַמביציע, אָבער ניט פֿון דעם אַגרעסיוון סאָרט. ער האָט זיין פֿאָטער צוגעהאָלפֿן אין די געשעפֿטן, און אין די שפּעטערדיקע יאָרן פֿאַר אים אויך געפֿירט די ביכער. אין זייער הויז אין טהרי ריווערס האָבן אָפֿט פֿאַרקערט די פּאָליטישע „פּני׳׳ פֿון יענער צייט. דאָס זיינען געווען די מענטשן וועלכע ער האָט פֿון קינדווייז אָן געזען, און די סביבה מיט וועלכער ער איז געווען אַרומגערינגלט.

ווען ער איז ערשט פֿערצן יאָר אַלט, געפֿינען מיר שוין זיין נאָמען, צוזאַמען מיט די חתימות פֿון אַנדערע, אויף אַ פּעטיציע וואָס מען האָט געשיקט קיין ענגלאַנד, פֿאַרלאַנגענדיק קאָנסטיטוציאָנעלע רעפֿאָרמען פֿאַרן לאַנד. דאָס איז קאָנטיק געווען דער אָנהייב, וואָס האָט אין שפּעטערדיקע יאָרן ביי אים דערוועקט אַ פֿיל גרעסערן אינטערעס צום אַרומיקן לעבן. וועגן זיין פּאָליטישער קאַריערע הערן מיר צום ערשטן מאָל אין 1807, ווען די שטאָט טהרי ריווערס האָט אים אויסגעקליבן פֿאַר איר פֿאַרשטייער אין דער געזעצגעבנדיקער פֿאַרזאַמלונג פֿון קוויבעק, אויף דעם פּלאַץ פֿון האָנ. מ. ליס. פֿון די

דריי ארויסגעשטעלטע קאנדידאטן, האָט ער זיך ארויסגעוויזן צו זיין דער מער פאָרגעצויגענער. ער האָט געקראָגן 50 שטימען אנטקעגן 41 פון טאָמאס קאָפּען און 10 פון מעטהיו בעל, זיינע צוויי קעגנער. 8) ער האָט זיי ביידע באזיגט, ניט געקוקט אויף דעם וואָס דער ערשטער פון זיי, קאָפּען, האָט זיך געפּרואווט פאַרנאַנדערבלאָזן א ראסן־העצע און צו רייצן די געפילן פונם המון קעגן דעם וואָס הארט איז געווען א ייד. 9)

מיט זיין גרויסן פּאָליטישן דערפאָלג וועלכער איז אפשר געווען א איבערא־שונג פאר אים אליין, איז אים אָבער ניט באשערט געווען לאנג זיך צו פרייען, מחמת דאָס האָט פּאסירט מיט א פערטל יאָרהונדערט איידער נאָך יידן האָבן אין לאנד געהאט די פּריווילעגיעס פון פולבארעכטיקטע בירגער. די אנטוישונג איז דערפאר געקומען פאר אים גלייך פון אָנהייב אָן. דעם אייגענעם טאָג ווען הארט איז געקומען קיין קוויבעק פארנעמען זיין פּלאץ אין פּארלאמענט, האָט דער פּארלאמענט גראָד זיך געשלאָסן — כדי צו עפענען זיך פונדאָסניי ערשט אין א יאָר ארום.

די געזעצגעבנדיקע פארזאמלונג האָט זיך ווידער געעפנט דעם 29טן יאנואר 1808. הארט האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט אָנצונעמען די שבועה אין דער פאָרם אין וועלכער מען האָט עס אים פאָרגעלייגט — אויפן „ברית חדשה" און שווערנדיק אויפן גלויבן פון א קריסט. ער האָט געשוואוירן לויט דעם יידישן מנהג, ד"ה אויף א חומש און מיט א צוגעדעקטן קאָפּ. קיינער פון די אָנוועזנדיקע האָט קעגן דעם ניט אויסגעזעצט, און דעם 30טן יאנואר, אויף מאָרגן נאָך דער דערעפענונג פון פּארלאמענט, איז ער געקומען און פארנומען זיין פּלאץ. דאָס האָט אָבער גלייך ארויסגערופן א שטיקל גערודער. עס האָבן זיך גענומען הערן איינווענדונגען פון פארשיידענע זייטן, און יחזקאל הארט האָט דערפילט אז די אטמאָספערע ארום אים איז ניט געווען קיין צו פריינטלעכע.

הגם א ייד, איז ער דאָך ניט געקומען אהער ווי א פאָרשטייער פון יידן, נאָר ווי א פארטרעטער פון דער שטאָט טהרי ריווערס, פאר וועמען די פראנ־צויזישע בירגער האָבן געשטימט. די באציאונגען אָבער צווישן דער ענגלישער און דער פראנצויזישער פראקציע פון פּארלאמענט זיינען געווען שטארק אָנגעצויגענע. ביידע צדדים האָבן ביטער געקעמפט איינער קעגן אנדערן. עס איז דעריבער געווען נאטירלעך, אז די פראנצויזישע מיטגלידער פונם געזעצ־געבנדיקן הויז זאָלן זיך אָנכאפּן אין דער געלעגנהייט זיך נוקם צו זיין

8) R. CHRISTIE, A History of the Late Province of Lower Canada, Parliamentary and Political, p. 256.

9) T.-P. BEDARD, Histoire de Cinquante Ans (1791-1841), Québec, 1869, p. 71.

אין א מענטשן וועלכער איז פּאָליטיש געווען זייערער א קעגנער — נוקם זיין זיך אויף א ברוטאַלן, ווייט ניט העפלעכן אופן, פּאַקטיש ארויסטרייבנדיק אים פון פּאַרלאַמענט.

מען קאָן אָבער לחלוטין ניט זאָגן, אז די איינווענדונגען קעגן הארטס רעכט צו זיצן אין דער געזעצגעבנדיקער פּאַרזאַמלונג האָבן געהאַט א דירעקט־רעליגיעזן אָדער נאַציאָנאַלן גרונט. די איינווענדונגען זיינען אין פלוג געווען קאָנסטיטוציאָנעלע, געפּליגלט־יורידישע. זיינע קעגנער האָבן ניט געקאָנט זיך ניט וועלן באַנוצן מיט דעם וואָס הארט איז געווען א ייד, כדי די ענגלישע פּראַקציע, וועלכע איז געווען אין דער מינדערהייט, צו בארויבן פון נאָך א מיטגליד. זיי האָבן פּאַראייניגט זיך אויך געוואָלט אָפּרעכענען מיט סיר דזשיימס קרעיג, דעם גאָווערנאָר דזשענעראַל, מיט וועמען די פראַנצויזן זיינען געווען ניט שוה בשוה, אָבער וועלכער איז מיט הארטן פּערזענלעך געווען זייער שטאַרק באַפריינדט.

א באַשטעטיקונג דערויף האָבן מיר געזען אין אן ענלעכן פאַל וואָס האָט פּאַסירט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער מיט ראָבערט קריסטי, דעם קאַנאַדער היסטאָריקער און פּאָליטיקער. קריסטי איז עטלעכע מאָל דערוויילט געוואָרן צו דער געזעצגעבנדיקער פּאַרזאַמלונג. ער איז אָבער דער פראַנצויזישער מער־הייט ניט געווען סימפּאַטיש גענוג און זי האָט אים צוליב דעם ניט געקאָנט פאַרטראָגן. זי האָט אים יעטווידער מאָל דערפאַר פונדאַסניי ארויסגעשלאָסן.

אָבער אויף וואָס פאַר אן אופן מען זאָל עס ניט זוכן צו טייטשן, בלייבן דאָך די הויפּט פאַקטן בנוגע הארטן ניט געענדערט. דער גאַנצער קאַמף וואָס איז קעגן אים און ארום אים געפירט געוואָרן, איז ארויסגעקומען בלויז צוליב דעם וואָס ער איז געווען א ייד. די אַלע רייסערייען און קריגערייען וועלכע ער האָט אין פּאַרלאַמענט מיט זיך ארויסגערופן, האָבן זיך געדרייט ארום דעם פּונקט בלויז פון זיין יידישן אָפּשטאַם און פון דעם גלויבן, צו וועלכן ער האָט געהערט — צי האָט ער ווי אזעלכער, ווי א ייד הייסט דאָס, יאָ אָדער ניט געהאַט די זעלביקע רעכט וואָס א קריסט צו זיצן אין פּאַרלאַמענט און צו נעמען אָנטייל אין די אָנגייענדיקע פאַרהאַנדלונגען.

די פראַנצויזישע מיטגלידער האָבן געטענהט, אז זיין שבועה איז ניט געווען אין הסכם מיט די פּאָרשריפטן פון דער קאָנסטיטוציע. א דעפּוטאַט וועמען זיינע רעליגיעזע איבערצייגונגען דערלויבן ניט צו שווערן מיט די ווערטער „אויף דעם אמתן גלויבן פון א קריסט", האַלטנדיק די האַנט אויפן נייעם טעסטאַמענט, האָבן זיי אָנגעוויזן, קאָן על פּי געזעץ ניט זיין קיין פּאַרלאַמענטאַרישער רעפּרעזענטאַנט. נאָך לאַנגע און היציקע דעבאַטעס וואָס זיינען פּאָרגעקומען אין „הויז", איז דעם 12טן פעברואַר מיט 25 שטימען

קעגן 5 באשלאָסן געוואָרן, אז מען זאָל אויפנעמען די פּעטיציע וואָס יחזקאל הארט האָט אריינגעגעבן און וועגן איר פאַרהאנדלען. אין דער דאָזיקער פּעטיציע, וואָס פארנעמט פינף קורצע פּאראגראפן, באשטייט ער אויף זיין רעכט אָנצוהאלטן זיין מאנדאט, און דריקט אויס באדויערן וואָס די געזעצ־געבנדיקע פארזאמלונג איז מיט דער מיינונג, אז זיין שבועה איז ניט גילטיק. ער איז איבערצייגט אז די שבועה וואָס ער האָט דעם 29טן יאנואר אָפּגעגעבן, איז דוקא אין הסכם מיט דעם ענגלישן געזעץ, וואָס האָט דערלויבט יידן צו שווערן אָן די ווערטער „אויף דעם אמתן גלויבן פון א קריסט". דעריבער איז די דאָזיקע שבועה געזעצלעך און גילטיק. פונדעסטוועגן, הגם ער האָט געשוואוירן אזוי ווי דאָס געזעץ פּאָדערט, איז ער גרייט די זעלביקע שבועה אָפּצוגעבן פונדאָסניי. ער פארלאנגט צוליב דעם, אז מען זאָל אים דערלויבן זיך באנוצן מיט זיין קאָנסטיטוציאָנעלן רעכט און פארנעמען זיין פּלאץ ווי איינער וואָס איז אויסגעוויילט געוואָרן פון פאָלק. 10)

אין משך פון צוויי טעג, דעם 15טן און 16טן פעברואר, איז אין דער געזעצ־געבנדיקער פארזאמלונג פאָרגעקומען א זייער שטורעמדיקע און היציקע דיסקוסיע. די דיסקוסיע האָט זיך באצויגן אויף די רעכט פון יידן, ווי דאָס ווערט אויסגעטייטשט אָדער קאָן ווערן אויסגעטייטשט פון די ענגלישע געזעצן. דער גאנצער קאמף האָט זיך הויפּטזאכלעך געדרייט ארום דער בעטשריפט, וואָס יחזקאל הארט האָט צוגעשטעלט און וואָס איז געוואָרן פארהאנדלט פונם גאנצן „הויז". אין אָנהייב האָט אויסגעזען, אז די באמיאונגען פון הארטס פריינט וועלכע האָבן אים אזוי ענערגיש פארטיידיקט, וועלן געקרוינט ווערן מיט דערפאָלג, מחמת אויף דער זיצונג פון 17טן פעברואר איז זיי געלונגען דורכצופירן א רעזאָלוציע וואָס איז געווען גינסטיק פאר אים. אין דער רעזאָ־לוציע איז געוואָרן אויסגעדריקט די מיינונג פון פּארלאמענט, אז הארט האָט געשוואוירן „אויף דעם זעלביקן אופן ווי דאָס גייט צו אין די געריכט־היזער, בעת יידן קומט אויס אָפּצוגעבן א שבועה". 11) דאָס האָט געדארפט הייסן, אז זיין שווערן האָט מען פון שטאנדפּונקט פון געזעץ ניט געקאָנט באטראכטן אנדערש ווי גילטיק, און דעריבער האָט מען אויף דעם סמך פון א וועלכער ניט איז אומגעזעצלעכקייט ניט געקאָנט פארלייקענען זיין רעכט צו זיצן אין פּארלאמענט. זיינע קעגנער האָבן אָבער גיך באקומען די אויבערהאנט. הגם זיי האָבן איינגעשטימט צוצולאָזן הארטן פאר א מין „בוררים געריכט" פון „הויז", כדי אים צו געבן די מעגלעכקייט פאָרצולייגן זיינע טענות, זיינען זיי

---

10) Journaux de la Chambre d'Assemblée du Bas-Canada, année 1808, p. 77.

11) דאָרטן.

אָבער באַשטאַנען אויף דאָס זייעריקע, און דעם 20טן פעברואַר האָבן זיי אין דער געזעצגעבנדיקער פאַרזאַמלונג אַריינגעבראַכט פאָלגנדיקע רעזאָלוציע:

„באַשלאָסן, אַז עס איז די מיינונג פון דעם „הויז", אַז יחזקאל האַרט, וועלכער איז פון יידישן גלויבן, טאָר ניט זיצן אָדער באַטייליקן זיך אין די אָפּשטימונגען פון פאַרלאַמענט." 12)

די ענגלישע מינדערהייט האָט קעגן דעם אויפגעהייבן אַ זייער שטאַרקן פּראָטעסט. אָבער איר פּראָטעסט האָט זיך פאַרלוירן צווישן דער פיינטלעכער פראַנצויזישער מערהייט. די רעזאָלוציע איז פון דער לעצטער דורכגעפירט געוואָרן מיט 21 שטימען קעגן 5. איר ווילן האָט געגאָלטן און האַרט האָט געמוזט זיך אים אונטערוואַרפן. דערמיט האָט דער פאַרלאַמענט פון נידער־קאַנאַדע באַשלאָסן, אַז יידן האָבן אין לאַנד ניט די זעלביקע רעכט און פּריווי־לעגיעס וואָס קריסטן, — דעריבער האָט אַ ייד דאָרטן ניט געקאָנט זיצן ווי אַ געוויילטער פאַרטרעטער פון פאָלק.

ניט אָן שטורעמדיקע פּאָליטישע סצענעס וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער געזעצגעבנדיקער פאַרזאַמלונג, ניט אָן אַ קאַמף וואָס איז פון ביידע פּאָליטישע פּאַרטייען דאָרטן געפירט געוואָרן, און מיט דער גרעסטער פאַר־ביטערטקייט, האָט דער דאָזיקער באַשלוס געקאָנט אָנגענומען ווערן. די דעבאַטעס זיינען געווען לאַנגע, היציקע, זייער טומלדיקע. זיי האָבן גאַנץ קלאָר אָפּגעשפּיגלט די באַציאונג צו יידן מצד זייערע פריינט, ווי מצד די וואָס האָבן צוליב ריין פּאָליטישע מאָטיוון געקאָנט ווערן זייערע אומפריינט. עס האָט אין זיי זיך אויך געפילט דער גייסט פון יענער צייט בכלל.

מיר האָבן דאָ פאַר זיך געזען אַ זייער מאָדנעם ספּעקטאַקל. דאָס איז געווען דער ערשטער ביישפּיל, וואו צוליב פּאַרטיי־צאַנקערייען אין דער געזעצגעבנ־דיקער פאַרזאַמלונג פון נידער־קאַנאַדע האָט מען געקאָנט אָנצינדן דעם פייער פון שנאה צו אַ פאָלק, פאַרנאַנדערבלאָזן אַ פאַרביסענע אַנטיסעמיטישע העצע און די דאָזיקע העצע פאַר זיך אַליין אויסשטעלן ווי דעם סאַמע וואָגיקסטן אַרגומענט. צום גליק אָבער, איז ניט אַלץ וואָס איז דאַן געפאַלן פון דעם מויל פון די יידישע קעגנער, געגאַנגען ווייט אָדער האָט געהאַט אַ וועלכע ניט איז דויערדיקע ווירקונג.

אָבער די טענות פון האַרטס פּאָליטישע קעגנער זיינען געווען כאַראַק־טעריסטיש. עס פילט זיך אין זיי כמעט אַ ווידערקול פונם מיטלאַלטער מיט אַלע זיינע פאָראורטיילן צו יידן. עס איז פאַראַן אין זיי גאַנץ ווינציק לאָגיק און אַ האָר ניט פון דעם ליבעראַליזם, מיט וועלכן קאַנאַדע איז שפּעטער געוואָרן דורכגעדרונגען. אַזוי למשל האָט דער גענעראַל־פּראָקוראָר פון דער פּראָ־

12) דאָרטן, ז. 121.

ווינץ זיך געפּרואווט באקעמפן דאָס רעכט פון דעם יידישן דעפּוטאַט צו זיצן אין דער געזעצגעבנדיקער פאַרזאַמלונג, נוצנדיק דערביי א גאַנץ מאָדנעם ארגומענט. ער האָט אָנגעוויזן, אז הגם עס איז איינגעפירט, אז אין די געריכט־הייזער זאָלן יידן שווערן לויט דעם יידישן מנהג און זייער שבועה ווערט דאָרטן באטראכט פאַר גילטיק, טוט מען דאָס על פּי נויט. אָבער אז א ייד זאָל זיצן אין פּאַרלאַמענט איז כלל ניט נויטיק.

די קעגנערישקייט צו יחזקאל הארט מצד די פראַנצויזישע דעפּוטאַטן האָט אונטער פייער בעדארס אָנפירערשאַפט גיך אָנגענומען א דורכאויס אַנטי־סעמיטישן כאַראַקטער. זי האָט זיך געשטיצט מער אויף טעכנישע הינטער־דריידלעך בנוגע דעם פּונקט פון דער „פּסולדיקייט" פון א יידישער שבועה, ווי אויף עפּעס אנדערש. מיט דעם בוכשטאַב ווי מיט דעם גייסט פונם געזעץ האָט זי זיך גערעכנט בלויז אויף אַזוי פיל, אויף פיל דאָס האָט געשטימט מיט דעם פּשט וועלכן זי האָט אין דעם געוואָלט אריינטאָן. פאַר איר איז געווען וויכטיק בלויז איר אויספיר: דער ייד הארט האָט ניט געשוואוירן ווי אַלע שווערן. אין די אויגן פון קריסטן איז זיין שבועה דעריבער פּסול. און אויב זיין שבועה איז פּסול, טאָר ער ניט זיצן אין פּאַרלאַמענט.

כדי צו אונטערשטיצן דעם דאָזיקן טעזיס, האָט דער גענעראַל־פּראָקוראָר אַפילו זיך בארופן אויפן קאַנאַדישן געזעץ, פון וועלכן ער האָט ציטירט א געוויסע שטעל וואָס זאָגט אז שווערן דאַרף מען נאָר אויף דער עוואַנגעליע און אַזוי ווי די קאַנאַדישע געזעצגעבונג האָט געהאַט די סאַנקציע פון די ענגלישע געזעצן, האָט ער דערמיט געוואָלט אויפווייזן, אז אַפילו על פּי דעם ענגלישן געזעץ קומט אויס, אז די שבועה וואָס דער יידישער דעפּוטאַט האָט אָפּגעגעבן איז ניט קיין ריכטיקע. צוליב דעם קאָן ער זיין מאַנדאַט פון א פּאָלקס־געוויילטן ניט אָנהאַלטן.

די פריינט פון יחזקאל הארט מיט דעפּוטאַט ריטשאַרדסאָן בראש, האָבן דעם קאַמף אָנגעפירט פון אַן אנדער זייט. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם איין פּונקט, אז מען קאָן א יידן ניט אויסשליסן פון פּאַרלאַמענט מחמת דעם וואָס ער איז א ייד. לויט דעם ענגלישן געזעץ מיט וועלכן מען מוז זיך רעכענען, מעג א ייד אין קאַנאַדע יאָ דערוויילט ווערן פאַר א פּאָלקס־פאַרטרעטער, פאָלגליך האָט יחזקאל הארט דאָס זעלביקע רעכט צו זיצן אין דער געזעצגעבנדיקער פאַרזאַמלונג וואָס א קריסט. ציטירנדיק פון א סטאַטוט וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אונטער קעניג דזשאָרדזש דעם צווייטן (סטאַטוט 12, דזשאָרדזש 2טער, קאַפּ. 7), האָט מר. ריטשאַרדסאָן אָנגעוויזן, אז דאָס דאָזיקע געזעץ גיט יידן אַלע פּריווילעגיעס פון געבוירענע ענגלישע בירגער, מיט געוויסע באַגרענעצונגען. די באַגרענעצונגען האָבן אויסגעשלאָסן דאָס רעכט צו

זיצן אין „פּריווי קאָונסיל" און אין ענגלישן פּאַרלאַמענט, צו פאַרטרעטן ציווילע אָדער מיליטערישע אמטן, און צו באַקומען לאַנד־קאָנצעסיעס אין דעם פאַראייניקטן רייך. עס איז לכן קלאָר, האָט ער אויסגעבראַכט, אַז אין דער געזעצגעבנדיקער פאַרזאַמלונג פון נידער־קאַנאַדע מעג א ייד יאָ זיצן.

צוויי אַנדערע ענגלישע דעפּוטאַטן, מר. מיור און ראָס קאַטהבערט, האָבן זייער יידישן קאָלעגע פונקט אַזוי וואַרעם פאַרטיידיקט. זיי האָבן אַפּעלירט צום גאַנצן „הויז" ניט צו לאָזן זיך דיקטירן פון פּאַראורטיילן און פּיינטשאַפט־געפילן צו יידן, נאָר צו זוכן ליזן די שטרייטיקע פראַגע וואָס איז אַרויפגע־בראַכט געוואָרן אויף א ערלעכן און יושרדיקן וועג.

דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפן, און געזיגט האָט גראָד די שטים פון פּאַראורטייל. הגם דער דאָזיקער פּאַראורטייל איז לכתחילה געקומען צום פאָדערגרונט צוליב א זאַך, וואָס האָט מיט יחזקאל האַרט געהאַט ווייניק צו טאָן — די צאַנקערייען פון די פראַנצויזישע מיטגלידער פונם „הויז" מיט די ענגלישע, און מיטן גאָווערנאָר־דזשענעראַל, — האָט דאָך דאָס אָבער גובר געווען. און דערמיט האָט די טיר פון פּאַרלאַמענט זיך פאַרמאַכט הינטער האַרטן.

דאָס איז געווען דער ערשטער אַקט אין דעם קאַמף פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג אין לאַנד. און דער קאַמף איז געווען א גאַנץ לאַנגער. ער האָט זיך געצויגן מער ווי א פערטל יאָרהונדערט, ביז די לעצטע יידישע רעכט־לאָזיקייטן זיינען ענדלעך אָפּגעשאַפט געוואָרן. צום דערפּאָלג מיט וועלכן דאָס איז שפּעטער געקרוינט געוואָרן, האָט יחזקאל האַרט געוויס בייגעטראָגן זייער אסך.

## קאפיטל אכט

# דער קאמף צוליב יחזקאל הארט

מען קאָן זיך לייכט משער זיין וואָס עס האָט זיך געהאט אָפּגעשפּילט אין און ארום דער געזעצגעבנדיקער פארזאמלונג, וואו מען האָט צוליב יחזקאל הארט מיט אזוי פיל היץ דעבאטירט און זיך ארומגעקריגט. דער ביטערער קאמף וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן ארום דער פראגע, צי יידן האָבן יאָ אָדער ניט געהאט די רעכט מכוח וועלכע עס האָט זיך געהאנדלט, און דער אָפּקלאנג וועלכן דאָס האָט געהאט אין לאנד, — דאָס איז באלד אויך דערגאנגען צו א שטארקן פּאָליטישן קלימאקס. דער קלימאקס איז געווען דאָס ענדלעכע אויפ־לייזן פונם „הויז".

אויף די דעבאטעס גופא וואָס האָבן צו דעם געפירט, לוינט זיך דאָ אביסל אָפּצושטעלן. זיי מישן פאר אונדז אויף א בלאט געשיכטע אין דער אלטער פּראָנצויזיש־קאנאדער פּראָווינץ, וואָס מען האָט צום גליק שוין פארגעסן. זיי גיבן אונדז אויך בעסער ווי אלץ א באגריף וועגן יענער אויפגערודערטער, שטורעמדיקער צייט, וואָס האָט צוזאמען מיט די אלע פארנאנדערגעבלאָזענע ראסן־געפילן און צעשפּילטע פּאָליטישעליידנשאפטן, ביסלעכווייז אויך ארויס־גערוקט דעם געדאנק וועגן דער עמאנציפּירונג פון יידן אין לאנד.

פייערדיק און דורכגעדרונגען מיט א באזונדער גאליקייט איז געווען די שפּראך פון פּיער בעדאר, דעם פירער פון דער פראנצויזישער פראקציע. בעדאר האָט מיט אלע כוחות און מיט דער אוממעגלעכסטער לאָגיק געזוכט צו באקעמפן דעם פּרינציפּ פון גלייכע פּאָליטישע רעכט פאר יידן. זיין רעדע איז געווען א געפלעכט פון טעכנישע דריידלעך, פון אָראטאָרישע קונצשטיק און אדוואָקאטישע איבער־סברות, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט א טיפן האס צו יידן, הגם ער האָט זיי אזוי ווינציק געקענט, אָדער געקענט פון הערן מער ווי פון זען. די צאָל יידן אין נידער־קאנאדע איז דעמאָלט געווען זייער קליין, און לויט די מעלות און פּייאיקייטן וואָס זיי האָבן באזעסן, ווי לויט דער אכטונג וואָס מען האָט זיי ארויסגעוויזן, האָט בעדאר זיי זיכער ניט געקאָנט נעמען פאר א מוסטער פון „שלעכטסקייט".

די דאָזיקע רעדע זיינע ווערט איבערגעגעבן אין „לע קאנאדיען", 1) די

1) Le Canadien, 2 mars 1808.

ערשטע צייטונג אין דער פראַנצויזישער שפּראַך וואָס האָט אין קאַנאַדע אָנגע־הייבן צו דערשיינען, און פונוואַנען בעדארס ווערטער ווערן ציטירט דורך דעם היסטאָריקער באַנזשאַמען סילט. פיער בעדאר איז געווען איינער פון די גרינדערס פון אָט דעם בלאַט, דעם אָרגאַן פון די קעמפנדיקע פראַנצויזישע מיטגלידער אין דער אַסעמבלי, וואָס האָט דעריבער אָנגעפירט אַזאַ אַגיטאַציע קעגן דעם ייִדישן דעפּוטאַט און זיינע ענגלישע פריינט. שפּעטער, ווען די אַטאַקעס פון „לע קאַנאַדיען" זיינען געוואָרן זייער שטאַרק פאַרשאַרפט, ווען זיי האָבן גענומען אָננעמען אַ פּראָוואָצירנדיקן, אויפרייצנדיקן טאָן און אַפילו ווערן סקאַנדאַליעז, האָט סיר דזשיימס קרעיג, דער גאָווערנאָר דזשענעראַל, זיך דערפילט געצוואונגען די צייטונג צו אונטערדריקן. ער האָט געלאָזט פאַרכאַפּן דעם גאַנצן זאַץ און פּאַפּיר און האָט אויך אַרעסטירט אירע אַרויסגעבערס.

דער עיקר האָט בעדאר זיך געסטאַרעט אויסצופּשטלען פון דעם אייגענעם ענגלישן געזעץ, אויף וועלכן האַרטס פריינט האָבן זיך באַרופן, אַז ייִדן האָבן ניט געטאָרט האַלטן קיין פּאַרלאַמענטאַרישן מאַנדאַט. עס שיקט זיך דאָך ניט, האָט ער געטענהט, אַז נאַטוראַליזירטע ענגלישע בירגער זאָלן האָבן מער רעכט ווי געבוירענע בירגער. האַרט איז אַפילו ניט קיין נאַטוראַליזירטער בירגער נאָר אַ בירגער פון געבורט, אָבער דאָס מאַכט ניט אויס. דאָס געזעץ זאָגט דאָך בפירוש, אַז אַ נאַטוראַליזירטער ייִד זאָל האָבן אַלע רעכט און פּריווילעגיעס, ווי ער וואָלט אַפילו געווען אַ געבוירענער אין ענגלאַנד. הייַנט ווי קאָן מען אַ ייִדן וואָס וואוינט אין אַ ענגלישער קאָלאָניע, צי ער איז אַ נאַטוראַליזירטער אָדער נאַטירלעכער בריטישער בירגער, דערלויבן צו באַנוצן זיך מיט פּריווי־לעגיעס ווי למשל זיצן אין פּאַרלאַמענט, וועלכע די ייִדן אין ענגלאַנד גופא האָבן ניט? עס איז אמת, האָט ער צוגעגעבן — דאָס געזעץ (סטאַטוט 13, דזשאָרדזש 2טער, קאַפּ. 7) דערלויבט ייִדן בלויז ניט צו זיצן אין ענגלישן פּאַרלאַמענט, און וועגן די קאָלאָניעס רעדט זיך דאָרטן כלל ניט. עס קאָן דאָך אָבער ניט געמאָלט זיין, אַז אין קאַנאַדע זאָל אַ ייִד מעגן זיצן אין פּאַרלאַ־מענט, בעת אין ענגלאַנד זאָל דער זעלביקער ייִד דאָס ניט טאָרן. אויב יאָ, וואָלט מען דערמיט באַגיין אַן עולה קעגן די ייִדן וואָס וואוינען דאָרטן. פון ענגלאַנד גופא, פאַרקערט, האָט מען זיי אַמאָל אַרויסגעטריבן, און איידער דאָס האָט פּאַסירט, האָבן זיי דאָרט קיינמאָל ניט געהאַט די רעכט פון בירגער. מען האָט זיי געהאַט פאַררעכנט פאַר דעם קעניגס אייגנטום — דער קעניג האָט געמעגט זיי איינשפּאַרן אין געפענגעניש, קויפן און פאַרקויפן. אַפילו נאָך דעם ווי אָליווער קראָמוועל האָט זיי דערלויבט צוריק אַריינקומען אין לאַנד, האָט מען זיי נאָך אַלץ געהאַלטן אין אַ צושטאַנד פון רעכטלאָזיקייט. אין די איבעריקע קריסטלעכע לענדער איז זייער לאַגע ניט בעסער. אין ערגעץ האָט מען זיי ניט

געוואָלט צוטיילן די רעכט פון בירגער, — ניט חלילה אויס שלעכטסקייט אָדער אומגערעכטקייט צו זיי, נאָר מחמת די יידן אליין ווילן ניט ווערן קיין בירגער פון קיין לאנד.

בעדאר, ווי דאָס זעט אויס, האָט אסך פון זיינע טענות אויסגעבאָרגט ביים „פאָטער פון אנטיסעמיטיזם" אין מגילת אסתר, מחמת ער ארגומענטירט כמעט אין זיין נוסח. די יידן, האָט ער געזאָגט, זיינען צעשפּרייט איבער דער וועלט. זיי באטראכטן קיין שום לאנד ניט פאר זייערס, און פארבלייבן בלויז דאָ וואו זיי לוינט זיך, וואו זיי קאָנען מאכן גוטע געשעפטן. עס איז פאר זיי ניט קיין פאָטערלאנד דאָ וואו זיי האלטן זיך אויף, נאָר בלויז א צייטווייליק וואוינ־אָרט. זייערע רעליגיעזע איבערצייגונגען צווינגען זיי אזוי צו קוקן אויפן לעבן, ווייל זיי וואַרטן אויף משיחן, זייער אייגענעם קעניג, און איידער זייער משיח וועט צו זיי קומען, ווילן זיי מיט זייער געטריישאפט און מיט זייערע געפילן זיך ניט צובינדן צו קיין שום אנדער קעניג אָדער מלוכה. 2)

מיט אָט די אלע טשיקאווע „פאקטן" וואָס ער האָט ארויסגעבראכט, האָט ער געוואָלט אויפווייזן, אז קיין שום ייד וואָס איז געבוירן ערגעצוואו אין דער אימפעריע, קאָן ניט האָבן דאָס רעכט צו זיצן אין א פּארלאמענט פון דעם קעניגס דאָמיניאָנס. קיין שום ייד אויך, וואָס איז נאטוראליזירט דורך אן אקט פון פּארלאמענט, קאָן דאָס ניט האָבן. יחזקאל הארט, מכוח וועמען עס האנדלט זיך, איז געבוירן אין א קאָלאָניע און ער קאָן אודאי ניט זיין קיין אויסנעם. עס איז דערפאר גאָר איבריק זיך צו באציען אפילו אויף דעם באטרעפנדיקן געזעץ, מחמת דער פונקט דארף פאר אלעמען זיין קלאָר.

אינטערעסאנט איז, וואָס די טענות און איינווענדונגען וועלכע בעדאר האָט דאָ אָנגעוואָרפן, זיינען מיט עטלעכע און צוואנציק יאָר שפּעטער איבער־געחזרט געוואָרן אין ענגלישן פּארלאמענט, בעת מען האָט דאָרטן דיסקוטירט וועגן דער אייגענער פראגע — וועגן פּאָליטישע רעכט פאר יידן. די יידישע קעגנער האָבן דערמיט געוואָלט אויפווייזן, אז יידן קאָנען ניט זיצן אין „הויז אָוו קאָמאָנס". די יידן, האָבן זיי געטענהט, געהערן ניט צו קיין שום לאנד, זיי זיינען פרעמדע אויף דער וועלט און סימפּאטיזירן ניט מיט קיינעם. זיי גלויבן באמונה שלימה, אז גאָט וועט זיי צוריקברענגען קיין ארץ ישראל, ווי מען האָט זיי דאָס צוגעזאָגט. דעריבער באטראכטן זיי זיך אין אנדערע לענדער ניט ווי תושבים, ווי בירגער, נאָר ווי דורכוואנדערער. טאָ מיט וועלכן רעכט קאָנען זיי פארלאנגען אז מען זאָל זיי דערלויבן א פּלאץ אין פּארלאמענט? 3)

---

2) La Revue canadienne, 1870, p. 415.

3) Sir Erskine May, Constitutional History of England, vol. II, pp. 474-75.

די ענגלישע פּראַקטיק פון „הויז" האָט די פּאַרטיידיקונג פון דעם יידישן מיטגליד וועלכער איז מיטאַמאָל געוואָרן דער צענטער פון אַזוי פיל רייסעריין דאָרטן, באַטראַכט ווי אַ זאַך וואָס איז איר אַליין געווען שטאַרק נוגע. ניט בלויז אירע פּאָליטישע אינטערעסן, האָט זי געפילט, זיינען דאָ געשטאַנען אין קאָן, נאָר אויך איר פּרעסטיזש, איר כבוד. אין אירע אויגן האָט מען דאָ פאַר־לייקנט אַן עלעמענטאַרן רעכט, פאַרדרייט דעם אמת, בכדי איר, דער דאָזיקער מינאָריטעט פון „הויז", צו שעדיקן, און זי האָט דאָס ניט געקאָנט פאַר־שווייגן. די ה"ה ריטשאַרדסאָן, מיור און קאָטהבערט האָבן דעריבער פּראָ־טעסטירט קעגן דעם אויף דעם ענערגישסטן אופן.

מר. ריטשאַרדסאָן האָט די אָנגעגעבענע טענות פון בעדאַר באַצייכנט ווי פּוסטע און נאַרישע פּלוידעריי, מיט וועלכער מען זוכט צו באַגרענעצן די רעכט פון געבוירענע בריטישע בירגער ביז אויף נול. מיט פּאַקטן און ראיות וואָס ער האָט ציטירט האָט ער אויפגעוויזן, אַז אַזוי אינטערפּרעטירן דאָס געזעץ איז פּונקט דער היפּוך פון דעם, ווי דאָס אייגענע געזעץ איז געוואָרן אויסגעטייטשט פון ענגלישע יוריסטן און רעגירונגס־באַאַמטע. אַ ייד וואָס איז געבוירן אין אַ ענגלישער קאָלאָניע, האָט ער דערקלערט, ווערט ווי אַלע אַנדערע באַטראַכט פאַר אַ געבוירענעם בירגער („נאַטשוראַל באָרן סאָב־דזשעקט"), און ער האָט דאָס רעכט צו פאַרטרעטן אַ מאַנדאַט אין דער געזעצ־געבנדיקער פאַרזאַמלונג. על פּי דעם געזעץ, האָבן ריטשאַרדסאָן, קאָטהבערט און מיור דעריבער געפּראָוואוט אויסברייטערן, האָבן יידן אומעטום אין דער אימפּעריע, אחוץ בלויז אין ענגלאַנד, דאָס רעכט צו פאַרנעמען ציווילע און מיליטערישע אמטן. דערפון קאָן מען דרינגען, אַז אַ ייד מעג יאָ זיצן אין דער געזעצגעבנדיקער פאַרזאַמלונג.

די קעגנער פון יחזקאל האַרט האָבן זיך דערזען אין אַן אומגעלומפּערטער לאַגע און אַז אַלע זייערע טענות און סברות זיינען מיטאַמאָל געוואָרן צעקלאַפּט, ווען די פריינט פון דעם יידישן דעפּוטאַט זיינען אַרויסגעקומען מיט באַווייזן אויף וועלכע זיי זיינען זיך סומך געווען, און וואָס מען האָט ניט געקאָנט אָפּפרעגן. דאָס זיינען געווען עטלעכע מעמאָראַנדומס פון ענגלישע געזעץ־קענערס, צווישן זיי אויך אַ צושריפט פון דעם ענגלישן גענעראַל־פּראָקוראָר. דער לעצטער האָט אינדירעקט באַשטעטיקט אַז מען קאָן ביי דעם יידישן מיטגליד פון „הויז" ניט אָוועקנעמען דאָס, צו וואָס ער איז פּריווי־לעגירט. זיין מיינונג האָט ער אויסגעדריקט אין די פאָלגנדיקע ווערטער:

„איך זע ניט קיין שום געזעצלעכע מניעה קעגן דער דערוויילבאַר־קייט פון אַ יידן וואָס איז געוואָרן אויסגעקליבן און ער זיצט אין דער

געזעצגעבנדיקער פארזאמלונג, נאָך דעם ווי ער האָט אָפּגעגעבן די געהעריקע שבועה.

„(אונטערגעשריבן) וו. גיבס, גענעראַל־פּראָקוראָר.

„לאָנדאָן, 24טער סעפּטעמבער 1807.״ 4)

די פראנצויזישע מערהייט וועלכע האָט געדאַרשט נאָך נקמה אין אירע קעגנער, האָט דערפילט אז דער קאמף איז פארלאָרן, ווייל עס איז פאר איר געווען ניט לייכט אין פראגן פון געזעץ צו גיין קעגן דער מיינונג פון אזא אויטאָריטעט ווי דער גענעראַל־פּראָקוראָר פון דער בריטישער רעגירונג. זי האָט דערפאר אויף גיך איבערגעביטן די טאַקטיק און אָנגעווענדט א נייע סטראַטעגיע. אירע וואָרטפירערס זיינען געווען גרייט צוצוגעבן, אז אין די קאָלאָניעס מעגן יידן יאָ פארטרעטן ציווילע און מיליטערישע אמטן. אָבער פונוואנען איז די ראיה, האָבן זיי געפּשטלט, אז אונטער אזעלכע אמטן מיינט מען אויך פארטרעטן דאָס פאָלק אין דער געזעצגעבנדיקער פארזאמלונג? דעם פארלאמענט פון גרויס בריטאַניע האָט דאָך געוויס ניט געקאָנט איינפאלן צו געבן די יידן אין קאנאדע דאָס רעכט צו מאכן געזעצן פאר קריסטן. דערפון דאַרף מען דרינגען, אז יידן טאָרן ניט זיצן אין דעם פארלאמענט פון א קאָלאָניע, און בתוכם אויך ניט דער פארטרעטער פון טהרי ריווערס. אזוי האָבן די פּאָליטישע שונאים פון יחזקאל הארט ארגומענטירט מיט גרויס פארביסנקייט, ביז זיי איז געלונגען דורך זייער איבערוועגנדיקער מערהייט אים אויסצושליסן.

דער קאמף אָבער וואָס איז אויפגעהייבן געוואָרן, האָט זיך ניט געלאָזט באשריינקען אויפן „הויז״ אליין. ער האָט געפונען אן אָפּקלאנג אויך אין דער פּרעסע. דאָ האָבן די וואָס האָבן אזוי מוטיק פארטיידיקט די יידן, זיך ניט געפילט געבונדן פון קיין פארלאמענטארישער דיסציפּלין. זיי האָבן געקאָנט פרייער אויסדריקן זייערע מיינונגען און האָבן אין די שאַרפסטע ווערטער פארדאמט די האנדלונג פון דער מערהייט אין דער אסעמבלי. די ראָל פון דער ענגלישער וואָכנשריפט „דהי מוירקיורי״ איז אין דעם פּרט געווען פונקט אזוי כאראקטעריסטיש, ווי, פון דער אנדער זייט, די ראָל פון „לע קאנאדיען״. דער ענגלישער אָרגאַן האָט זיך אריינגעוואָרפן אין קאמף און פארטיידיקט יחזקאל הארטן מיט מערקווערדיקן ברען, ניט איבערקלייבנדיק קיין ווערטער וועגן זיינע קעגנער, און באצייכענענדיק זיין אויסשליסונג דורך זיי „אן אַקט פון טיראַניי פון אומוויסנדיקע פאנאטיקער״. איינער וועלכער שרייבט זיך אונטער „א ווילער פון טהרי ריווערס״ טרעט ארויס אין דער צייטונג 5) און

4) La Revue canadienne, 1870, p. 419.
5) The Mercury, February 22, 1808.

רעדט דאָרט מיט אַסך ביטערקייט און גאַל, ווען ער רופט אָן קאַנאַדע „אַ קאַלטע וויסטעניש״, וואו מען וויל ביי יידן אַוועקרויבן זייערע רעכט. די שטעלונג צו יחזקאל האַרט שרייבט ער צו דעם אימפּולס פון אַ אומוויסנדיקן און פאַנאַ־טישן פּעבל, און ער באַצייכנט עס ווי די גרעסטע באַליידיקונג פאַר די ווײלער פון טהרי ריווערס, וועמעס רעפּרעזענטאַנט האָט פּונקט אַזאַ רעכט צו זיצן אין דעפּוטירטן קאַמער, ווי אַ קאַטאָליק אָדער פּראָטעסטאַנט.

דער זעלביקער שרייבער נעמט די פראַגע ווידער אויף, דאָס מאָל מיט נאָך מער ביטערקייט און פייער, אין דער אויסגאַבע פון 29טן פעברואַר, וואו ער גרייפט זייער שאַרף אָן די קאַטאָליקן. ער ווייזט אויף, אַז די ענגלישע קאָנסטיטוציע און געזעצן גיבן די יידן מער רעכט ווי די קאַטאָליקן, און אַז בלויז דער „קוויבעק אַקט״ האָט די לעצטע געשטעלט אויף אַ שטופע פון גלייכקייט מיט יידן. אין דעם זעלביקן אַקט געפינט זיך אַ פּונקט וואָס זאָגט, אַז די אַסעמבלי קאָן ניט פּסלען אירע מיטגלידער, וואו אַ ביל וועגן דעם זאָל אַפּריער ניט ווערן גוטגעהייסן פון ענגלישן פּאַרלאַמענט. די רעזאָלוציע קעגן דעם יידישן דעפּוטאַט, שרייבט ער, איז דעריבער אין סתירה מיט די געזעצן וואָס זיינען אין דער פּראָווינץ אין קראַפט, איז ניט באַגרינדעט אויף קיין שום פּרעצעדענט און האָט ניט קיין פּאַראַלעל אין דער געשיכטע פון פּאַרלאַמענטאַרישער פּראָצעדור. וואָס, פרעגט ער, גיט דען די קאַטאָליקן די מאַכט, אַז זיי זאָלן בלויז דורך אַ אָפּשטימונג קאָנען אַוועקנעמען די רעכט ביי אַ פאָלק, וואָס איז דער ענגלישער נאַציע אַסך סימפּאַטישער ווי זיי?

„וועט דער גאָווערנאָר־דזשענעראַל דערלאָזן״, פרעגט ער ווייטער, „אַז די געזעצגעבנדיקע פאַרזאַמלונג זאָל אין אַזעלכע פראַגן פון געזעץ גיין קעגן געזעצגעבנדיקן ראַט, קעגן קעניג, קעגן לאָרדן־הויז און קעגן ענגלישן פּאַר־לאַמענט? יחזקאל האַרט איז געוואָרן געזעצלעך דערוויילט. ער האָט געהעריק אָפּגעגעבן אַ שבועה, און מען האָט אים ניט געטאָרט באַרויבן פון זיין רעכט ווי אַ פּאַרלאַמענט־מיטגליד. אויב די אַסעמבלי באַטראַכט עס פאַר אומווערדיק צו זיצן צוזאַמען מיט אַ קאַנאַדער יידן; אויב די קאַטאָליקן ווילן ביי יידן בכלל אַוועקרויבן זייערע נאַטירלעכע רעכט, — טאָ זאָלן זיי דאָס דערקלערן אָפן דורך אַ ביל, און ניט דורך אַ רעזאָלוציע פון פייגלינגס. זאָלן די קאַטאָליקן געדיינקען: זיי גרייטן אליין צו שטעקנס, מיט וועלכע מען וועט זיי שפּעטער שלאָגן.

„מען האָט מיר איבערגעגעבן, זעצט ער פאָר ווייטער, אַז אין דער געזעצ־געבנדיקער פאַרזאַמלונג האָט מען גערעדט וועגן די רעליגיעזע איבער־גלויבנס פון יחזקאל האַרט. די דאָזיקע איבערגלויבנס קאָנען זיך אָבער ניט פאַרגלייכן צום געצנדינסט פון די קאַטאָליקן וועלכע שטעלן אויס הילצערנע

געצקעס אויף עפנטלעכע וועגן. זאָלן די דאָזיקע הערן ניט פארגעסן, אז זיי זיינען אסך מער איבערגלויבעריש ווי ער. וויפל יידן זיינען אין דרום־אמעריקע ניט אומגעקומען — קרבנות פון דעם פאנאטיזם און די ווילדע, משוגענע איבערגלויבנס פון קאטאָלישע מאָנאכן! דער איצטיקער טיראנישער דיקטאטאָר פון פראנקרייך (ער מיינט דאָ נאפּאָלעאָנען), בעת ער האָט מיט אלע מיטלען געוואָלט ראטעווען זיינע רואינירטע פינאנצן, האָט ביי די יידן וועלכע געפינען זיך אונטער אים, אָפּגענומען אסך פון די רעכט וואָס זיי האָבן געניאָסן נאָך פון פריער. אנדערע יידן אָבער האָט ער דערהויבן צום ערן־לעגיאָן. וואָלט יחזקאל הארט געווען עפּעס א אומוויסנדיקער קאטאָליק, איינער וואָס שטייט אויפן מארק און פארקויפט שפּייז, דאן וואָלט מען אים אויפגענומען אין דער אסעמבלי מיט גרויס פייערלעכקייט און מיט דעם העכסטן רעספּעקט. ,

„דער יידישער דעפּוטאט האָט א רעכט צו זיצן אין פּארלאמענט, ביז עס וועט ניט דורכגעפירט ווערן א ביל קעגן דעם. אויב ניט, איז אונדזער שטאָט באראַויבט פון איר קאָנסטיטוציאָנעלער פארטרעטונג און אלע פארהאנדלונגען אין דער אסעמבלי זיינען אומגעזעצלעך. די געפּאסטע רעזאָלוציע האָט אפילו אוועקגענומען ביי די יידן דאָס רעכט צו קאָנען פּאָרלייגן זייערע טענות, צו קאָנען דערקלערן וואָס זיי האָבן וועגן דעם צו זאָגן. און דאָס איז א רעכט, וואָס די פּארלאמענטארישע פּראקטיק האָט איבערגעלאָזט אפילו פאר די נידע־ריקסטע שקלאפן, בעת עס האנדלט זיך וועגן דורכפירן א געזעץ וואָס איז זיי נוגע.״ 6)

אויף דעם אופן האָט זיך געהאט געענדיקט דער ערשטער אקט אין דעם קאמף, וואָס די פּלוצים ארויפגעבראכטע פראגע וועגן פּאָליטישע רעכט פאר יידן האָט אין לאנד ארויסגערופן. עס האָט אָבער לאנג ניט געדויערט, ביז עס האָט זיך אָנגעהייבן דער צווייטער אקט — ווידער מיט דער אייגענער פיגור אויף דער סצענע. אין חודש מאי 1808 זיינען אין טהרי ריווערס פונ־דאָסניי פּאָרגעקומען וואלן, און יחזקאל הארט האָט ווידער ארויסגעשטעלט זיין קאנדידאטור. ניט געקוקט אויף דעם וואָס דער פּארלאמענט האָט אים געהאט געפּסלט, האָבן די בירגער פון זיין שטאָט, דער גרויסער רוב פון זיי קאנאדער פראנצויזן, ניט פארלוירן דעם צוטרוי און די אכטונג וואָס זיי האָבן צו אים געפילט פריער. זיי האָבן צום צווייטן מאָל געשטימט פאר אים, און מיט א באדייטנדיקער מערהייט אים אויסגעקליבן איבער פּיער וועזינא און ל. פושע, זיינע צוויי קעגנער. זיין נצחון אין געווען דער גרעסטער פּאטש אין פּנים פאר זיינע פּאָליטישע שונאים וועלכע האָבן אין דעם געקאָנט זען, אז דאָס

---

6) ציטירט לויט זשאָזעף טאַסע.

פּאָלק איז ווייט ניט געווען פאַרבלענדט פון יענע פּאַראורטיילן צו יידן, וואָס זיי האָבן געהאַט געפּרעדיקט.

די דערפּענונג פון דער געזעצגעבנדיקער פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען דעם 10טן אפּריל 1809 און יחזקאל האַרט האָט ווידער פאַרנומען זיין פּלאַץ צווישן די ענגלישע מיטגלידער. דאָס האָט אַזוי צומישט און איבעראַשט זיינע קעגנער, אַז זיי האָבן אַ שטיקל צייט אים געלאָזט צורו. זיי האָבן אָפּגעים זיך געשלאָגן מיט דער דעה, וואָס פאַר אַ שטעלונג זיי זאָלן אָננעמען קעגן אים. מען באַגעגנט אפילו זיין נאָמען ביי עטלעכע פּאַרלאַמענטאַרישע אָפּשטימונגען פון יענער צייט. אָבער אויך דאָס מאָל האָט מען אים לאַנג ניט געלאָזט זיך פרייען מיט זיין דערפּאָלג, מחמת פאַר זיינע קעגנער איז דאָס געווען אַ צו האַרבער נסיון.

מיט ניין טעג שפּעטער, דעם 19טן אַפּריל, האָט מאַנדעלע, איינער פון די פאַרטרעטער פון „איסט" מאָנטרעאַל, געצויגן די אויפמערזאַמקייט פונם „הויז" אויף יחזקאל האַרטס אָנוועזנקייט, און מען האָט איבעראַנייס אַרויפגעבראַכט די פראַגע מכוח זיין רעכט צו זיצן אין פּאַרלאַמענט. רעזאָלוציע נאָך רעזאָלוציע האָט מען פאָרגעשלאָגן, כדי אים צו באַרויבן פון זיין מאַנדאַט. דער אָנפירער פונם קאַמף קעגן אים איצט איז געוואָרן מאַנדעלע אַליין, וועלכער האָט פאַר דעם צוועק געשיקט זיך באַנוצט מיט די איבערוועגנדיקע שטימען פון דער פראַנצויזישער מערהייט וואָס ער האָט געהאַט הינטער זיך. די ערשטע רעזאָלוציע וואָס ער האָט פאָרגעלייגט, האָט זיך געלייענט ווי פאָלגט:

„באַשלאָסן אַז יחזקאל האַרט, וועלכער איז געוואָרן דערוויילט צו פאַרטרעטן די שטאָט טהרי ריווערס אין דעם איצטיקן פּראָווינציעלן פּאַרלאַמענט, און וועלכער זיצט דאָ, איז דער זעלביקער יחזקאל האַרט, וואָס איז געוואָרן אויסגעקליבן בעת דער פערטער סעסיע פון דעם פּראָווינציעלן פּאַרלאַמענט, אויף דעם פּלאַץ פון האָנ. דזשאָן ליס, אין דעם דערמאָנטן באַצירק."

די דאָזיקע רעזאָלוציע, וואָס איז געווען אַ באַנייטע אַרויספאָדערונג צו יחזקאל האַרטס פריינט, האָט מען דורכגעפירט מיט 24 שטימען קעגן 12. אָבער מאַנדעלע האָט מיט דעם זיך ניט באַנוגנט און ער האָט באַלד פאָרגעשלאָגן אַ צווייטע, אַז —

„יחזקאל האַרט, וועלכער זיצט אין דעם איצטיקן פּאַרלאַמענט ווי איינער פון די פאַרטרעטער פון טהרי ריווערס, איז דער זעלביקער יחזקאל האַרט, וואָס איז געוואָרן אויסגעקליבן צום לעצטן פּאַרלאַמענט ווי דער רעפּרעזענטאַנט פון דעם זעלביקן באַצירק, און מען האָט אים דערקלערט פאַר ניט ראוי צו זיצן און צו שטימען בעת דער לעצטער

סעסיע, מחמת ער איז פון יידישן גלויבן.״

די דאזיקע צווייטע רעזאלוציע איז דורך מיט 35 שטימען קעגן 5, און דאס איז געווען דער פארשפיל צו א באנייטער אטאקע אויף יחזקאל הארט און זיין רעכט צו זיצן אין פארלאמענט. אין משך פון עטלעכע זיצונגען כסדר האט מען ניט אויפגעהערט צו דיסקוטירן וועגן זיין שבועה און ווידער צו חקירהנען מכוח דעם, צי האט ער, דער ייד, א רעכט צו זיצן דא אין „הויז״ וואו מען פירט דורך געזעצן פאר קריסטן. די שטימונג פון דער מערהייט איז ניט געווען גענייגט אויף זיין זייט און ער האט דערשפירט אז די מינוט איז נאענט, ווען דער געמיינער סקאנדאל פון מיט א יאר צוריק וועט זיך פונדאסנייע איבערחזרן. ניט לאנג איז אים אויך אויסגעקומען צו ווארטן, — בלויז אזוי לאנג, ביז פיער בעדאר איז געקומען צו הילף זיין פארטיי און די פאר־האנדלונגען אין דער אסעמבלי האבן אנגענומען א אנטשיידנדיקע ווענדונג. דעם 5טן מאי האט בעדאר אריינגעבראכט א רעזאלוציע אים פון פארלאמענט אויסצושליסן, פונקט ווי מיט א יאר צוריק. די איצטיקע רעזאלוציע האט זיך אונטערשיידט פון יענער מיט דעם וואס אין איר איז ניט געווארן אויס־געדריקט קיין מיינונג, נאר א באשטימטער באשלוס, אז — „יחזקאל הארט, וועלכער איז פון יידישן גלויבן, האט ניט קיין רעכט צו זיצן אדער צו שטימען אין דעם דאזיקן הויז.״

מיט 18 שטימען קעגן 8 האט מען די דאזיקע רעזאלוציע דורכגעפירט, און צום צווייטן מאל האט יחזקאל הארט זיך דערזען געצוואונגען צו דארפן די אסעמבלי פארלאזן. 7)

עס איז וויכטיק אנצואוייזן דא, אז איין פונקט אין די פארהאנדלונגען וואס האבן געפירט צום אויסשליסן יחזקאל הארטן צום צווייטן מאל פון דער געזעצגעבנדיקער פארזאמלונג, איז ניט גאר קלאר. דאס איז דער פונקט וואס באציט זיך אויף זיין שבועה. לויט געוויסע באווייזן, וואס קאנען גיכער בא־צייכנט ווערן פאר אינדירעקטע איידער דירעקטע, זאל הארט ביי זיין צווייטער דערוויילונג האבן געשווארן אויף דער עוואנגעליע און מיט אן אפגעדעקטן קאפ. בלויז צוויי פראנצויזישע מיטגלידער, פון די וואס האבן תמיד געשטימט קעגן אים, האבן באשטעטיקט אז זיי האבן געזען, אז הארט האט אזוי גע־שווארן. ער האט געהאלטן די האנט אויף א בוך, האבן זיי געזאגט. בעת מען האט דאס זעלביקע בוך דערלאנגט מר. בלעקוואוד, דעם גענעראל־פראקוראר, האט דער לעצטער געפרעגט: „וואס פאר א בוך איז דאס?״ דערויף האבן די באפולמעכטיקטע ביים איינשווערן געענטפערט: „דאס נייע טעסטאמענט״. בלעקוואוד האט דאן אויף דעם געשווארן, א קוש געבנדיק דאס בוך און דאס

7) Bulletin des recherches historiques, Levis (Que.), mars 1905.

דערלאַנגט האַרטן, וועלכער האָט געטאָן דאָס אייגענע. 8)

די פאַקטן ווי זיי זיינען דאָ איבערגעגעבן און ווי זיי זיינען אויך פאַרצייכנט אין די „זשורנאַל-באַריכטן" פון דער אסעמבלי, זיינען דאָ אביסל קשה. צוערשט זאָל האַרט האָבן געשוואוירן אויף עפּעס א בוך. דאָס בוך האָט מען נאָכדעם דערלאַנגט דעם גענעראַל-פּראָקוראָר צום שווערן, און נאָך אים זאָל האַרט ווידער האָבן גענומען דאָס זעלביקע בוך.

אַזוי איז מיט ניין טעג שפּעטער ווי דאָס איז פאָרגעקומען, פאַרצייכנט געוואָרן אין די דערמאָנטע „זשורנאַל-באַריכטן" אויף דעם גרונט פון דעם וואָס די קעגנער פון יחזקאל האַרט האָבן דערציילט. עס איז אָבער שווער צו גלויבן, אַז איינער וועלכער האָט מיט זיין יידישקייט זיך ניט געשעמט און האָט אין אָנהייב געקאָנט אַזוי מוטיק באַשטיין אויף זיינע רעכט, זאָל נאָכדעם האָבן געקאָנט פאַרבייטן זיין נאַציאָנאַלן שטאָלץ אויף פּערזענלעכער אַמביציע און שווערן אַנדערש ווי א ייד. די „זשורנאַל-באַריכטן" דערציילן אויך ניט, פאַרוואָס מען האָט דוקא גענומען דאָס עדות-זאָגן פון זיינע צוויי קעגנער, און ניט אויסגעהערט אויך מר. בלעקוואוד אָדער די באַאַמטע, פאַר וועמען מר. האַרט האָט אָפּגעגעבן זיין שבועה, כדי צו האָבן קעגן אים מער אומפּאַרטייאישע באַווייזן.

פון דער אַנדער זייט, פאַרקערט, דערמאָנט מען זיך דאָס וואָס ריכטער פּושע האָט געהאַט איבערגעגעבן בעת די פאַרהאַנדלונגען וועגן יחזקאל האַרט מיט א יאָר פריער. דער ריכטער האָט דעמאָלט דערקלערט, אַז „זינט דעם יאָר 1803 קאָן ער האַרטן ווי א יידן, וואָס האָט קיינמאָל ניט געשוואוירן אַנדערש ווי לויט דעם יידישן מנהג; אַז ער האָט אפילו פון אים, ריכטער פּושע, פאַרלאַנגט געוויסע פּריווילעגיעס ווי א ייד — ער זאָל אים ניט אויפפאָדערן צו קומען אין געריכט-הויז שבת, זיין רו-טאָג און דער רו-טאָג פון אַלע יידן". 9)

די אויסשליסונג פון יחזקאל האַרט צום צווייטן מאָל, וואָס די פּראָבּצויזישע מערהייט פונם „הויז" האָט ווידער דורכגעפירט קעגן די פּראָטעסטן פון דער ענגלישער פראַקציע, איז פאַר איר געווען א טריאומף, געמישט מיט געזעטיקטער פּאָליטישער נקמה. דאָס האָט אָבער ניט געקאָנט זי אינגאַנצן באַפרידיקן. זי האָט איצט געוואָלט עפּעס מער — זי האָט געזוכט א באַוואָרערניש קעגן דעם, אַז די בירגער פון טהרי ריווערס זאָלן יחזקאל האַרטן ווידער ניט אויסקלייבן צו פאַרטרעטן זיי אין דער געזעצגעבנדיקער פאַרזאַמלונג. זי האָט דערפאַר אויף גיך אריינגעבראַכט א ביל צו דיסקוואַליפיצירן יידן בכלל פון צו זיצן אין פּאַרלאַמענט. פאַראיינס האָט זי זיך אויך געוועלט

8) La Revue canadienne, 1870, p. 422.

9) Journaux de la Chambre d'Assemblée du Bas-Canada, 1808, p. 121.

אָפּרעכענען מיט ריכטער דע באָן וועלכער איז אין דער לעצטער מינוט איבערגעגאנגען אויף דער זייט פון יחזקאל הארט. דאָס האָט דעם גאָווערנאָר־דזשענעראל, סיר דזשיימס קרעיג, אויפגעבראכט ביז גאָר. ער האָט מער ניט געקאָנט פארבלייבן גלייכגילטיק צו דעם סקאנדאליעזן ספעקטאקל וואָס מען האָט אויפגעפירט אין „הויז”, און צו דעם, אז די פראנצויזישע מערהייט זאָל זוכן צו נעמען פאר זיך צו פיל מאכט.

פאר סיר דזשיימס קרעיג איז דער גאנצער פארביטערטער קריג געוואָרן א זאך וואָס האָט אים פערזענלעך שטארק אָנגערירט, און אָנגערירט אויך דעם פרעסטיזש און אויטאָריטעט פון זיין רעגירונג. מען האָט וועגן דעם ענין דיסקוטירט ביי א פּאָר זיצונגען פון דעם עקזעקוטיוון ראט, אין סיר דזשיימס קרעיגס אָנוועזנקייט. עס זיינען דעם גאָווערנאָר־דזשענעראל צוגע־שטעלט געוואָרן פארשיידענע עקספּערטע יורידישע מיינונגען פון וועלכע עס איז געווען קלאָר, אז די אסעמבלי האָט בנוגע יידן געהאנדלט אומגעזעצלעך און אָן א שום אויטאָריטעט. מען האָט אויך אָנגעוויזן, אז דער גאָווערנאָר־דזשענעראל וועט זיך דארפן באנוצן מיט א עקסטרעמען מיטל און אויפלייזן די אסעמבלי. 10)

און דאָס איז מיט א פּאָר טעג שפּעטער אויך געשען. דאָס דריטע פאר־לייענען פונם ביל צו פסלען יידן איז געווען באשטימט אויפן 15טן מאי. כדי ניט צו דערלאָזן אז דער סקאנדאל זאָל זיך צעוואקסן נאָך מער, האָט דער גאָווערנאָר־דזשענעראל דעם זעלביקן טאָג און גאנץ אָן צערעמאָניעס אויפ־געלייזט די געזעצגעבנדיקע פארזאמלונג, באנוצנדיק זיך דערביי מיט שארפע, שטריינגע ווערטער. „איר האָט פארשווענדט אייער צייט”, האָט ער געזאָגט, „דורכצופירן געזעצן וואָס זיינען אומקאָנסטיטוציאָנעלע פארלעצונגען פון די רעכט פון בירגער, און להיפוך צום בוכשטאב פונם סטאטוט פון בריטישן פארלאמענט, לויט וועלכן איר זיצט דאָ איצט. איר האָט זיך אָפּגעגעבן מיט פארהאנדלונגען, וואָס זיינען א פארלייקענונג פון די עלעמענטארע פּרינציפּן פון נאטירלעכער גערעכטיקייט”. אין דער אייגענער צייט האָט דער גאָווערנאָר־דזשענעראל דערקלערט, אז ער אָנדערקענט מיט דאנק די באמיאונגען פון א באדייטנדיקן טייל דעפּוטאטן, וועלכע האָבן געזוכט צו באקעמפן די אומ־גערעכטע האנדלונג פון דער אסעמבלי. 11)

עס איז איבעריק צו באמערקן, אז די האנדלונג פונם „הויז” קעגן יחזקאל הארט האָט אין פארשיידענע קרייזן ארויסגערופן גרויס אומצופרידנקייט און אסך בייזע געפילן. דעם 5טן מאי 1809 האָט מען אין מאָנטרעאָל אויס־

10) Publications, Am. Jew. Hist. Soc., no. 23, p. 49 et seq.

11) T.-P. BEDARD, Histoire de Cinquante Ans (1791-1841), זז. 84-87.

געארבעט א פּלאן פאר אן עפנטלעכער שריפט וואָס מען זאָל אונטערטראָגן דעם גאָווערנאָר־דזשענעראל, באַדאַנקענדיק אים פאר דער מוטיקער שטעלונג וואָס ער האָט אָנגענומען, בעת ער האָט באַשלאָסן אויפצולייזן די געזעצ־געבנדיקע פאַרזאַמלונג. אונטערגעשריבן האָט דאָס כמעט יעדער בירגער פון מאָנטרעאָל. 12)

אָט ווי אין דער אָפיציעלער קאָרעספּאָנדענץ צווישן קוויבעק און לאָנדאָן ווערט מיטגעטיילט וועגן די מעשים פון דער פראַנצויזישער מערהייט אין „הויז", מיט ספּעציעלער אָנדייטונג אויף איר האַנדלונג בנוגע יחזקאל הארט:

„מיט דער כוונה צו פּרואוון זען, ווי ווייט מען וועט זיי (די פראַנצויזישע דעפּוטאַטן) לאָזן גיין, האָבן זיי אין פּאַרלאַמענט אָפּט אַריינ־געבראַכט פאָרשלאָגן מיט וועלכע זיי האָבן געוואָלט זיך נעמען די גאַנצע דעה און קאָנטראָל איבער דער עקזעקוטיווער מאַכט. זיי האָבן דורך זייערע אייגענע באַשלוסן געוואָלט באַשטימען, וואָס פאַר א פּריווילעגיעס עס זאָלן זיי געהערן. אין די סעסיעס פון 1808 און 1809 האָבן זיי זיך געוואָלט נעמען דאָס רעכט צו פאַרבאָטן ניט בלויז יחידים, נאָר געוויסע קלאַסן פון דעם קעניגס אונטערטאַנען, פון צו ווערן דערוויילט צום פּאַרלאַמענט, — און געוואָלט דאָס דורכפירן בלויז דורך אן איינפאַכן באַשלוס פון „הויז". די דאָזיקע פּראָצעדור איז געווען פון אַזאַ כאַראַקטער, אַז דער גאָווערנאָר־דזשענעראל האָט געפונען פאַר נויטיק מיט דעם הסכם און עצה פון עקזעקוטיוון ראַט גלייך אויפצולייזן דעם פּאַרלאַמענט און צו באַשטימען נייע וואַלן." 13)

אויך דאָס מאָל האָט יחזקאל הארט ארויסגעוויזן גרויס מוט און פעסטקייט און ער האָט זיך ניט געוואָלט אונטערגעבן זיינע קעגנער. ער האָט דאָס פּאָליטישע קאַמף־פּלאַץ אויף וועלכן ער האָט זיך געפונען, ניט געוואָלט אַזוי לייכט פאַרלאָזן. אין אָקטאָבער 1809 זיינען אין נידער־קאַנאַדע פאָרגע־קומען וואַלן פאַר א נייער אַסעמבלי, און ער האָט אין טהרי ריווערס צום דריטן מאָל ארויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור. צום דריטן מאָל וואָלט ער איצט אויך דערוויילט געוואָרן. אָבער פילנדיק אין פאָראויס אַז ער וועט איבעראַנייס דאַרפן דורכמאַכן די זעלביקע ביטערע דערפאַרונג וואָס מיט א יאָר און מיט צוויי צוריק, און ניט וועלנדיק אויך ברענגען צו דעם, אַז דער קריג צווישן דעם ענגלישן און דעם פראַנצויזישן טייל באַפעלקערונג זאָל זיך נאָך מער צעפלאַקערן, ווי דאָס האָט לייכט געקאָנט פּאַסירן, — האָט ער זיין קאַנ־

12) טאָגבוך פון שמואל דוד (אין מאַנוסקריפּט).

13) ROBERT CHRISTIE, History of the Late Province of Lower Canada, Quebec, 1854, vol. II, pp. 193, 328.

דידאטור אין א טאָג ארום צוריקגעצויגן. דערמיט אויך האָט זיך געענדיקט זיין פּאָליטישע קאריערע.

דאָס איז אָבער ניט געווען דער פינאַל פון דער באוועגונג וואָס ער האָט אינדירעקט מיט זיך געהאט ארויסגערוקט — די באוועגונג פאר דער עמאנ־ציפּירונג פון יידן. די קערנער וואָס זיינען פארזייט געוואָרן האָבן געמוזט טראָגן פרוכט. דער געדאנק וואָס איז מיטאמאָל אזוי שארף געקומען צום עפנטלעכן פאָדערגרונט, האָט זיך מער ניט געלאָזט צוריק אוועקשטופּן. ער איז מיט א פּאָר יאָר שפּעטער ווידער ארויפגעשוואומען, אָבער שוין אונטער גאנץ אנדערע אומשטאנדן און מיט אנדערע רעזולטאטן ווי דאָס ערשטע מאָל.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם גאנצן שטורעמדיקן פּאָליטישן עפּיזאָד, וואָס האָט אין די יאָרן 1808 און 1809 זיך געהאט אָפּגעשפּילט ארום דער פּערזאָן פון יחזקאל הארט, איז אפשר כדאי צו פארצייכענען א אינטערעסאנטן פאקט. דאָס איז אז יחזקאל הארט איז ניט געווען דער ערשטער פון דער הארט משפּחה, וואָס האָט געהאט די אמביציע צו זיצן אין פּארלאמענט. זיין עלטערער ברודער, משה הארט (געבוירן 1768; געשטאָרבן 1847), האָט נאָך אין די ערשטע יאָרן פון דער געזעצגעבנדיקער פארזאמלונג געוואָלט ארויסשטעלן זיין קאנדידאטור. זייער פאָטער, אהרן הארט, וועלכער האָט דעמאָלט נאָך געלעבט, האָט אים אָבער דערפון שטארק אָפּגעראטן. אין א בריוו וואָס ער האָט אים געשריבן, בעט ער זיך ביי אים אז ער זאָל דאָס ניט טאָן. ער זאָגט אים פּאָראויס, אז ער וועט באגעגענען שטערונגען מחמת דעם וואָס ער איז א ייד, און „אז די שאנד וואָס דאָס וועט ברענגען וועט זיין גרעסער איידער דער כבוד וואָס דאָס קאָן פארשאפן יידן". 14)

---

14) RAYMOND DOUVILLE. Aaron Hart, récit historique, 1939, pp. 124-125.

## קאפיטל ניין

# יידן קריגן גלייכן סטאטוס

ווי באגרענעצט אין פארנעם און אָרעם אין געשעענישן דאָס יידישע לעבן אין קאנאדע איז א צייט ניט געווען, האָט עס אָבער פארמאָגט אין זיך אינטע־רעסאנטע, כאראקטעריסטישע זייטן. געוויסע שטריכן אין אים האָבן אפילו דערציילט פון א מין אידילישקייט. דאָס איז געווען די אידילישקייט מיט וועלכער דאָס לעבן פון אמתע פּיאָנערן איז אָפט ארומגערינגלט.

ניט געקוקט אויף דעם וואָס יידן זיינען א לאנגע צייט געווען קליין אין צאָל, האָבן זיי פונדעסטוועגן ניט געקאָנט אויספירן צו האלטן זיך צוזאמען און נאָענט איינער לעבן אנדערן, נאָר האָבן געלעבט צעוואָרפן. דאָ און דאָרט האָט מען געקאָנט געפינען ערגעץ א יידישע משפחה וואָס האָט זיך געהאַט באזעצט אין א וויטן, איינזאמען פלאץ. איר קאָנטאקט מיט אנדערע יידן האָט אָבער געמוזט זיין א זעלטענע געשעעניש. אזא משפחה האָט דעריבער לויט די מעגלעכקייטן, אויך אויף ווי פיל די אומשטאנדן האָבן דאָס איר דערלויבט, זיך געסטארעט ארומצורינגלען זיך אין דעם וויטן, פרעמדן אָרט וואו זי האָט זיך געפונען, מיט די טראדיציעס פון יידישקייט. זי האָט אָפּגעהיט די יידישע מנהגים, די יידישע אמונה כדי דערמיט צו שאפן ארום זיך א יידישע אטמאָספערע.

א מערקווערדיקן ביישפיל האָט אין דעם פּרט מיט זיך געוויזן העגרי דזשאָזעף. ער האָט געוואוינט אין בערטיע, א פלאץ וואו מען האָט אין יענער צייט דורך יאָרן קוים געקאָנט זען א יידן. ער, ווי זיין פרוי רחל (טאָכטער פון לוי סאָלאָמאָנס), זיינען אָבער געווען אויסערגעוויינלעך פרום און ער האָט צוליב דעם זיך אויסגעלערנט די דינים פון שחיטה. 1) ער האָט אויך אויסגע־

1) א. הארקאַווי אין „הצפירה", 1888, נומער 29. קלארענס י. דע סאָלאָ באמערקט אין איין פלאץ ("History of the Corporation of Spanish and Portuguese Jews 'Shearith Israel' of Montreal," 1918, p. 28) אז הענרי דזשאָזעף האָט געעפנט גרויסע האנדלס־פּונקטן „צוזאמען מיט זיין שווער, לוי סאָלאָמאָנס". אסך האָבן דאָס נאָך אים איבערגעחזרט, אָבער דאָס זעט אויס צו זיין לעכערלעך ווען מען ווייסט, אז עס איז מעגלעך אז איינער האָט דעם אנדערן אפילו ניט געקענט, בעת לוי סאָלאָמאָנס האָט נאָך געלעבט. דער לעצטער איז געשטאָרבן אין 1792, ארום דער צייט אומגעפער וואָס הענרי

ארבעט א יידישן לוח, צו וויסן ווען עס געפאלן שבתים און יידישע ימים טובים וואס די בני־בית זאלן אפהיטן, כדי ניט צו פארגעסן זיך אין יידיש־קייט. די געפאר צו ווערן פארשלונגען פון דער סביבה איז אבער אלץ געווען גרויס. בלויז נאך איין יידישע משפחה האט געוואוינט אין יענער געגנט, אבער אזוי ווייט אוועק, אז מען האט זעלטן געקאנט פארקערן איינע מיט די אנדערע. פלעגט רחל דזשאזעף הייסן די קינדער הארכן בעת דער פאטער פלעגט שטיין און דאווענען. זי האט זיי אנגעוויזן אויף אים און אויף זיך ווי אויף יידן און האט זיך שטארק געמיט לויט אט דעם מוסטער זיי צו דערציען. זי פלעגט זיי דערציילן וועגן א יידיש פאלק, לערנען זיי יידישע מידות, הייסן זיי פארקערן מיט די שכנים ארום, צווישן וועלכע זיי האבן געלעבט, אבער מיט זיי זיך ניט אויסמישן (וואס איז ניט אינגאנצן מקויים געווארן . . .). 2)

בכלל איז דער רעליגיעזער גייסט צווישן די יידן געווען שטארק פאר־שפרייט, און אויף אן אופן וואס האט זיך אסך געלאזט מערקן. אבער דאס וואס עס האט אפילו אין דעם צענטער פון דעם קליינעם און צעשפרייטן יידישן ישוב, אין מאנטרעאל, געפעלט א גייסטיקער פירער, האט זיך ניט ווייניק געפילט. מען פלעגט צוליב דעם דארפן אנקומען מערסטנס קיין ניו יארק, וואו דער פירער פון דער שפאניש־פארטוגעזער געמיינדע פלעגט פון צייט צו צייט אויך באפרידיקן די רעליגיעזע הצטרכותן פון די יידן אין קאנאדע. אבער פון ניו יארק ביז מאנטרעאל איז דעמאלט געווען א ניט גאר נאענטער מהלך. די נסיעה פלעגט געדויערן ארום א וואך צייט, אפילו מער אויך, און דער רב פלעגט קאנען קומען אהער בלויז זייער זעלטן.

אין דעם פנקס פון רבי לייאנס, פון דער „שארית ישראל" אין ניו יארק, געפינען מיר דערפאר אזעלכע קוריעזע פארצייכענישן וועגן די יידן פון קאנאדע:

„יום ד' לחדש אייר תק"ע. מל געווען א זון פון יחזקאל און פראנסעס הארט פון קאנאדע, וואס איז אלט אכט חדשים און צוויי וואכן, און געגעבן אים א נאמען אירא דזשיימס קרעיג . . . דעם 19טן אקטאבער אפגעפארן פון ניו־יארק קיין קאנאדע. אנגעקומען קיין מאנטרעאל דעם 27טן, און דעם 28טן מל געווען א זון פון שמואל דוד און אים א נאמען געגעבן אליעזר דוד. דעם 4טן נאוועמבער אין טהרי ריווערס מל געווען א זון

---

דזשאזעף, דעמאלט נאך א בחורל פון א יאר 17, איז אריבערגעקומען קיין קאנאדע. לויט דעם „טאגבוך" פון שמואל דוד, האט הענרי דזשאזעף חתונה געהאט מיט רחל סאלאמאנס דעם 28טן סעפטעמבער 1803, וואס מיינט 11 יאר שוין נאך דעם טויט פון לוי סאלאמאנס.

2) The Occident, January, 1856, p. 469 et seq.

פון בנימין הארט, אים א נאָמען געגעבן אהרן אוריה. דעם 8טן נאָוועמבער מל געווען א זון פון הענרי דזשאָזעף אין בערטיע, און א נאָמען געגעבן אים בנימין שלמה. דעם 14טן נאָוועמבער בין איך אַפּגעפאָרן פון מאָנטרעאָל און בין דעם 21טן נאָוועמבער 1811 בשלום אָנגעקומען צוריק אהיים." 3)

פאַר אונדז וויקלט זיך דאָ פאַרנאַנדער אַ אינטערעסאַנט בילד פון דעם גאנצן יידישן לעבנסשטייגער אין קאַנאַדע אין אָט יענער צייט. ווי צעוואָרפן די קליינע יידישע גרופּע וואָס האָט אין לאַנד זיך געפונען איז ניט געווען, האָט דער רוב יידן דאָך געזוכט מיט אַלע כוחות אָנצוהאַלטן דאָס, וואָס זיי האָבן געפילט, האָט זיי צוגעבונדן צו אַנדערע יידן. אין אַ גרויסער מאָס איז זיי אין דעם בייגעשטאַנען ניו יאָרק, דער צענטער פון אַמעריקאַנער יידישקייט.

צוליב דעם אָבער וואָס מען האָט פון ניו יאָרק דעמאָלט ניט גע־קאָנט אַזוי לייכט קומען, פלעגט מען מוזן וואַרטן ביז עס האָבן זיך אָנגע־קליבן עטלעכע רעליגיעזע אָנגעלעגנהייטן, ווי בריתן אאז"וו, ביי וועלכע מען פלעגט אָן אַ רב זיך ניט קאָנען באַגיין. ניו־יאָרק האָט דעריבער צוגע־שטעלט די יידן פון קאַנאַדע דאָס וואָס זיי האָבן אַליין ניט פאַרמאָגט. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ מין בריק וואָס האָט זיי צונויפגעבראַכט מיט יידישע זאַכן, מיט די מער גייסטיקע ענינים פון יידישן לעבן. אייניקע פון זיי, אַקטיווע מיט־גלידער פון דער מאָנטרעאָלער קהילה, זיינען אין דער אייגענער צייט אַפילו געווען פאַרבונדן מיט דער „שארית ישראל" שול אין ניו יאָרק וואו זיי האָבן געהאַט אַ „שטאָט", הגם קומען אַהין פלעגן זיי בלויז איינמאָל אָדער צוויי מאָל אין יאָר.

אַרום יענער צייט האָבן די נאַפּאָלעאָנישע מלחמות שוין געבושעוועט אין אייראָפּע. אויך ווי ווייט ענגלאַנד האָט זיך געפונען באַריירט פון זיי, האָט מען די פאָלגן דערפון אין אַ געוויסער מאָס אויך אָנגעהייבן פילן אין קאַנאַדע. דער עולם דאָ, פאַרשטייט זיך, איז געוואָרן אַרומגעכאַפּט פון אַ שטאַרקן פּאַטריאָטישן סענטימענט. אין חודש יאַנואַר 1806 האָט אַהער דערגרייכט די ידיעה פון נעלסאָנס גרויסן זיג ביי טראַפאַלגאַר, וואו דער פראַנצויזישער און שפּאַנישער פלאָט, מיט וועלכע נאַפּאָלעאָן האָט געוועלט זיך אַריינרייסן קיין ענגלאַנד, זיינען כמעט ווי פאַרניכטעט געוואָרן. אין אַלע בריטישע לענדער האָט דאָס דעמאָלט אַרויסגערופן גרויס פרייד און אין מאָנטרעאָל האָט מען צוליב דעם אויך דורכגעפירט אַ ספּעציעלע פייערונג. בלויז אַ קליינע צאָל מענטשן האָט מען דאַן איינגעלאַדן צו באַטייליקן זיך אין דער געשעעניש

3) The Lyons Collection, Publications, Am. Jew. Hist. Soc., no. 27. pp. 76-77.

און צווישן זיי האָבן זיך אויך געפונען דוד דוד און שמואל דוד, וועלכע האָבן פארטראָטן די יידן פון מאָנטרעאָל.

דאָס אָבער וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין אייראָפּע, האָט שפּעטער גע־האט א פיל שטארקערן אָפּקלאנג אין דער נייער וועלט, וואו די באַציאונגען צווישן ענגלאנד און די פאראייניקטע שטאטן זיינען דורך א ריי אינצידענטן ביסלעכווייז געוואָרן אלץ מער פארשארפט. א ברוך איז געוואָרן אומפאר־מיידלעך, און דעם 18טן יוני 1812 האָבן די פאראייניקטע שטאטן דערקלערט מלחמה קעגן ענגלאנד. דריי ארמייען זיינען דאָרטן אויף דער גיך געוואָרן צוגעגרייט צו גיין אויף קאנאדע, וועלכע די אמעריקאנער האָבן באקומען חשק צו פארנעמען.

אין פארגלייך מיט די פאראייניקטע שטאטן, איז די באפעלקערונג פון קאנאדע דאן געווען אומבאדייטנדיק קליין כדי צו קאָנען פירן א מלחמה. און וואָס איז שייך ענגלאנד, איז זי געווען צו פארנומען מיט דעם קאמף אויף לעבן און טויט, וואָס זי האָט געפירט קעגן נאפּאָלעאָנען, כדי צו קאָנען אירע קאָלאָניעס אין אָנהייב אסך העלפן. דאָס האָט די אמעריקאנער דעריבער לכתחילה געהאט געגעבן די אויבערהאנט. זיי האָבן אָבער אויך געהאט דער־ווארט אז גרויסע מאסן אומצופרידענע אין קאנאדע, פון צווישן די וואָס האָבן געפאָדערט מער פּאָליטישע פרייהייט פארן לאנד, זאָלן צו זיי צושטיין, און דאָס איז ניט מקויים געוואָרן. פון איין זייט איז דער יתרון וועלכן זיי האָבן געהאט אין אָנהייב, געווען ניט זייער גרויס, און פון דער אנדער זייט האָבן אלע איבעריקע חשבונות זייערע זיך ארויסגעוויזן פאר פאלש. די קאנאדער האָבן דוקא אוועקגעלייגט אלע שטרייטיקייטן צווישן זיך אין א זייט און זיך פאראייניקט אנטקעגן דעם אריינדרינגענדיקן שונא. דאָ און דאָרט האָבן זיך געמאָלדן וואָלונטירן און האָט מען צוזאמענגעשטעלט רעגימענטן, מיט וועלכע צו קעמפן קעגן די אמעריקאנער. דאָס איז געווען הויפּטזאכלעך א דאנק דער דאָזיקער ספּאָנטאנער און ענערגישער פּאטריאָטישער אקציע מצד דעם עולם, וואָס מען האָט פארהיט אז די בריטישע אימפּעריע זאָל דאן ניט פארלירן קאנאדע.

די יידן האָבן צו די פּאסירונגען נאטירלעך ניט געקאָנט בלייבן גלייכגילטיק. זיי זיינען גלייך אין אָנהייב געוואָרן פון זיי מיטגעריסן צוזאמען מיט אלעמען. אסך פון זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער ארמיי און האָבן זיך אקטיוו באטייליקט אין פארשיידענע אָפּעראציעס. אייניקע זיינען ביים דורכפירן זייערע מיליטערישע פליכטן אפילו געוואָרן פארוואונדעט. צווישן די אָפיצערן וואָס האָבן דעם 9טן יולי 1812 זיך געמאָלדן אויף דעם רוף פונם גאָווערנאָר, האָבן זיך געפונען שמואל דוד, דוד דוד, הענרי דזשאָזעף,

בנימין האַרט, אַלעקסאַנדער האַרט, יעקב פראַנקס, בנימין פראַנקס, בנימין סאָלאָמאָנס און מאיר מייקלס.

העברי דזשאָזעף איז אַריינגעטראָטן אין אַ באַטאַליאָן ביי רישעליע און האָט אָנטייל גענומען אין אַ שלאַכט אין יענער געגנט. יעקב פראַנקס האָט דאָס גלייכן געקעמפּט אויף דער זייט פון די ענגלענדער. די אַמעריקאַנער האָבן פאַר דעם זיך אָפּגערעכנט מיט אים דערמיט וואָס זיי האָבן זיין הויז אין מאַקינאַק אינגאַנצן אויסגעפּלינדערט. יחזקאל האַרט האָט זיך אויסגעצייכנט ווי אַן אָפיצער אין דער מיליץ, אין וועלכער ער האָט זיך געהאַט אָנגעשלאָסן נאָך אין 1803. פון זיין אָפיצערן־ראַנג האָט מען אים דערהויבן ביז צו לייטענאַנט פון דעם אַכטן באַטאַליאָן פון טהרי ריווערס, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין דער מלחמה פון 1812־1814. שפּעטער האָט מען אים טראַנספּערירט צו אַן אַנדער רעגימענט, און ער איז נאָכדעם געוואָרן קאַפּיטאַן פון דעם ערשטן באַטאַליאָן פון סען־מאַריס. צוזאַמען מיט אים אין דער מיליץ האָבן אין אָנהייב זיך אויך געהאַט געפונען זיין ברודער, אַלעקסאַנדער האַרט, און יצחק פינעס, פון טהרי ריווערס.

שמואל דוד איז געווען קאַפּיטאַן אין צווייטן באַטאַליאָן פון מאָנטרעאָלער וואָלונטירן־קאָרפּוס, און איז שפּעטער געוואָרן באַשטימט פאַר מאַיאָר וואָס האָט קאָמאַנדירט מיט דעם זעלביקן רעגימענט. דער רעגימענט איז געווען צוזאַמענגעשטעלט מערסטנס פון קאַנאַדער פראַנצויזן. דוד דוד איז געווען קאַפּיטאַן אין דער ערשטער דיוויזיע און האָט קאָמאַנדירט מיט אַ רעגימענט פון ענגליש־קאַנאַדער ביי די גרענעצן פון נידער־קאַנאַדע. 4) אין דעם זעלביקן רעגימענט איז מאיר מייקלס געווען לייטענאַנט. יוסף הערש איז געווען אַן אָפיצער אין דער דריטער דיוויזיע, בעת נאָך אַ פּאָר ייִדן געפינען מיר אין אַנדערע רעגימענטן. זיי אַלע האָבן זיך באַטייליקט אין דער דעמאָלט גרויסער שלאַכט ביי שאַטאָגעי, ביי וועלכער דע סאַלאַבערי, קאָמאַנדיר פון דעם לייכטן קאַנאַדער שיסער־קאָרפּוס, האָט זיך אַזוי אויסגעצייכנט. יענע שלאַכט האָט זיך געענדיקט מיט דער מפּלה פון די אַמעריקאַנער אונטער גענעראַל העמפּטאָן. 5)

די ייִדן האָבן אויך געהאַט די געלעגנהייט אַרויסצואַווייזן זייער אינטערעס צום אַלגעמיינעם וואוילזיין פון לאַנד, העלפנדיק זאַמלען שטיצע פאַר די מלחמה־געליטענע. די מלחמה האָט באַזונדערס אָנגערירט די אָרעמערע שיכטן פון דער באַפעלקערונג, און בכדי זיי צו העלפן, האָט מען פון זייערטוועגן געעפנט אַ אונטערשטיצונגס־פאָנד. די מערסטע ייִדן פון מאָנטרעאָל האָבן

4) Archives Israélites, 1842, Tome III, mai, p. 295.

5) J. D. BORTHWICK, History and Biographical Gazetteer of Montreal, p. 43.

בייגעשטייערט צו דעם דאַזיקן פאָנד, פאר וועלכן מען האָט אין חודש אפריל 1813 דורכגעפירט א זאמלונג. יידישע נעמען האָבן זיך אויך געפונען צווישן די ביישטייערערס צו דער „פאַטריאָטישער געזעלשאפט״, וואָס מען האָט געהאט געגרינדעט צו העלפן מלחמה־געליטענע אין אויבער־קאנאדע.

ניט געקוקט אויף דעם וואָס יידן האָבן גענומען אזא אָנטייל אין אלע ארומיקע פאסירונגען, און וואָס מען האָט צו זיי געווײנלעך זיך באצויגן אָן פאָראורטייל, זיינען דאָך פאָרגעקומען איינצלנע פאלן וואָס האָבן געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן אנדערש. עס איז מאָדנע, וואָס אזא פאל האָט אפילו געקאָנט זיך פארלויפן אין דער מיליץ, וואו מען האָט דאָס געדארפט באטראכטן ווי א זעלטענעם אויסנעם.

פאסירט האָט דאָס גראָד מיט בנימין הארט, פון טהרי ריווערס — איינער מיט דעם זעלביקן נאָמען, וואָס האָט ארום זיך שוין מיט א פּאָר יאָר פריער געהאט פאראורזאכט א שטיקל שטורעם. אָבער די אומשטאנדן זיינען דאָס מאָל געווען אסך אנדערש. דאָ האָט געשפּילט א ראָל בלויז פּערזענלעכער נקמה־געפיל, — וואָס איז אגב אויך געווען אָן אָפּקלאנג פון דעם וואָס עס איז געווען פאָרגעקומען אין דער געזעצגעבנדיקער פארזאמלונג.

דעם 12טן פעברואר 1811 האָט בנימין הארט זיך געווענדט צו סיר דזשאָרדזש פּרעוואָ, דעם בריטישן קאָמאנדיר און גאָווערנאָר־דזשענעראַל, מיט דער בקשה אז ער זאָל אים דערלויבן זיך אָנשליסן אין דער מיליץ. דער פונקט, צי יידן האָבן יאָ אָדער ניט געמעגט פארנעמען ציווילע און מיליטערישע פּאָסטנס אין די קאָלאָניעס איז דעמאָלט שוין געווען גענוג קלאָר, און דאָס האָט ביי קיינעם מער ניט דערוועקט קיין ספקות. די בקשה פון בנימין הארט האָט מען דערפאר איבערגעגעבן צו קאָל. קאָפּען, קאָמאנדיר פון זיין דיסטריקט, וועלכער האָט געדארפט רעקאָמענדירן אז מען זאָל דאָס דורכפירן. אָבער ווי דאָס שיינט, האָט דער לעצטער וועגן דעם גאנצן ענין זיך געמאכט ניט וויסנדיק און דאָס פולשטענדיק איגנאָרירט. ערשט מיט א יאָר שפּעטער האָט ער געענטפערט דעם גאָווערנאָר, ארויסזאָגנדיק זיך קעגן אזא זאך אויף דעם סמך פון דעם, וואָס די קריסטלעכע סאָלדאטן, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, וועלן ניט וועלן האָבן צווישן זיך א יידן. דעם דאָזיקן ענטפער האָט מען איבערגעשיקט צו בנימין הארט, פאר וועמען עס איז תיכף געוואָרן קלאָר, פונוואַנעט עס נעמט זיך די קעגנערשאפט צו אים. זיין תשובה דערויף איז געווען דער פאָלגנדיקער מעמאָראנדום מיט וועלכן ער האָט זיך געווענדט צום גאָווערנאָר:

„צו זיין עקסעלענץ סיר דזשאָרדזש פּרעוואָ, הויפּט־גאָווערנאָר אין און איבער די פּראָווינצן פון נידער־ און אויבער־קאנאדע, נאָוואַ סקאָשיא,

ניו בראַנזוויק און די אנדערע טעריטאָריעס; לייטענאַנט־גענעראַל און קאָמאַנדיר פון אַלע טרופּן פון זיין מאַיעסטעט אין די פּראָווינצן פון נידער־ און אויבער־קאַנאַדע, נאָווא סקאָשיא און ניו בראַנזוויק, אאז״וו, אאז״וו.

„מעג עס געפעלן אייער עקסעלענץ:

„הגם אייער פּעטיציאַנער ווייסט גאַנץ גוט, אַז די איצטיקע דרינגענדיקע צייט לאָזט פאַר אייך איבער וויניק מינוטן אין וועלכע זיך אָפּצוגעבן מיט פּריוואַטע ענינים, וואַגט ער פונדעסטוועגן צו דערמאָנען אייער עקסעלענץ, אַז ער האָט ניט לאַנג צוריק זיך געהאַט געווענדט צו אייך, אָנווייזנדיק אויף דעם וואָס מען האָט אים אויסגעלאָזט פון צווישן די וואָס האָבן באַקומען אָפיצער־אַמטן אין דער מיליץ פון טהרי ריווערס. אייער פּעטיציאַנער האָט זיך דערוואוסט פון אַ אינדירעקטן אָבער באַגלויבטן קוואַל, אַז קאָלאָנעל קאַפּענס קעגנערשאַפט צו דעם איז כלומרשט מאָטיווירט דערמיט, וואָס דאָס וואָלט אַרויסרופן אומצופרידנקייט ביי אַנדערע, דער עיקר צווישן קאַטאָליקן, מחמת אייער פּעטיציאַנער איז אַ ייד. אייער פּעטיציאַנער האַלט עס דעריבער פאַר זיין פליכט צו אויפווייזן אייער עקסעלענץ, אַז אַזאַ איינווענדונג — אויב דאָס איז טאַקע געמאַכט געוואָרן — איז אָן אַ שום גרונט און איז אַ מיסרעפּרעזענטאַציע.

„אייער פּעטיציאַנער בעט דערלויבניש צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אייער עקסעלענץ אויף דעם בייגעלייגטן סערטיפיקאַט פון האָנ. ל. ס. פושע, ריכטער פון דעם דיסטריקט און לייטענאַנט־קאָלאָנעל פון דער זעלביקער דיוויזיע; פון רעוו. פּראַנסואַ נואַזע, גרויס־וויקאַר פון זעלביקן דיסטריקט; פון רעוו. דר. שאַרט, ווי אויך אויף דעם סערטיפיקאַט, וואָס איז אונטערגעשריבן פון מאַיאָר קורוואַל און פון די אָפיצערן און סאָלדאַטן פון שטאָט.

„כדי צו באַווייזן ווי ניט אויפריכטיק קאָלאָנעל קאַפּען איז אין דער אויסזעצונג וואָס ער מאַכט, וועט אייער פּעטיציאַנער דערמאָנען אייער עקסעלענץ אַ באַקאַנטן פאַקט. דאָס איז אַז אייער פּעטיציאַנערס ברודער, יחזקאל האַרט, איז צוויי מאָל געוואָרן אויסגעקליבן מיטגליד פון דער געזעצגעבנדיקער פאַרזאַמלונג, און אַז איינמאָל האָט ער באַזיגט קאָלאָנעל קאַפּען אַליין. עס איז גענוג צו באַרופן זיך אויף דעם וואָס מר. יצחק פּינעס, וועלכער איז פון זעלביקן גלויבן ווי אייער פּעטיציאַנער, האָט ניט לאַנג באַקומען אַן אָפיצער־אַמט אין דער דיוויזיע וואָס איז אונטער קאָלאָנעל קאַפּען, כדי צו זען, ווי ווייט דער לעצטער איז ניט אויסגעהאַלטן אין זיין שטעלונג. אויב קאָלאָנעל קאַפּען מאַכט אַזעלכע אויס־

זעצונגען, טוט ער דאָס בלויז צוליב זיין פערזענלעכן כעס אויף אייער פעטיציאָנער.

„דער פארלאנג פון אייער פעטיציאָנער צו קריגן אן אָפיצער־אמט אין דער מיליץ, איז מאָטיווירט פון זיין געטריישאפט און פון זיין אויפ־ריכטיקן וואונטש צו דינען זיין קעניג און לאנד. וואָס עס זאָל אייער עקסעלענץ ניט געפעלן צו טאָן, וועט אייער פעטיציאָנער זיין צופרידן דערמיט וואָס ער האָט פאר אייער עקסעלענץ פאָרגעלייגט די אמתע פאקטן.

„און אייער פעטיציאָנער וועט ווי פארפליכט אלעמאָל בעטן.

(אונטערגעשריבן) בנימין הארט.

טהרי ריווערס, דעם 26טן אויגוסט 1812.״

די סערטיפיקאטן וואָס ווערן דערמאָנט אין דער פעטיציע זיינען זייער כאראקטעריסטיש. זיי גיבן אונדז א באגריף וועגן די באציאונגען צו יידן פון פארשיידענע קלאסן פון דער געזעלשאפט. דער דורכשניטלעכער קאנאדער האָט צו זיי זיך פארהאלטן פריינטלעך און אָן א שום פאָראורטייל. אזא פאָראור־טייל איז אים געווען ווייט און פרעמד אפילו ווען עס האָט געקאָנט פאסירן אז מען זאָל א יידן ניט וועלן אריינגעמען אין דער מיליץ, אויב מען האָט אויף אים געהאט א פערזענלעכן כעס.

דער סערטיפיקאט פון ריכטער פושע, וואָס בנימין הארט דערמאָנט, האָט זיך געלייענט ווי פאָלגט:

„אזוי ווי בנימין הארט האָט מיך געפרעגט, אויב איך ווייס ניט צי עס עקזיסטירן ניט צווישן די קאנאדער פראנצויזן קיין פאָראורטיילן קעגן אים מחמת זיין יידישקייט אָדער אנדערע טעמים, וואָס זאָלן זיין די סיבה — ווי מען האָט אים געזאָגט — צוליב וועלכער ער האָט ניט באקומען קיין אמט אין דער מיליץ, און היות ווי ער וויל האָבן וועגן דעם מיין מיינונג, באשטעטיק איך, אז ווי ווייט איך ווייס, עקזיסטירן ניט אזעלכע פאָראורטיילן. פארקערט — שוין זינט יאָרן, ווי איך וואוין אין דער זעלביקער שטאָט וואָס מר. הארט, און עס האָט מיר אויסגעזען אז ער איז ביי אלעמען באליבט. איך באשטעטיק אויך, אז זיין אויפפירונג, לויט ווי איך קען אים, איז תמיד געווען פון א געטרייען און איבער־געגעבענעם אונטערטאן פון זיין מאיעסטעט.

„טהרי ריווערס, דעם 25טן אויגוסט 1812. ל. ס. פושע.״

אונטער דער זעלביקער דאטע שרייבט פ. נואזע, גענעראל־וויקאר פון טהרי ריווערס:

„איך, דער אונטערצייכענער, באשטעטיק אז שוין זינט זעכצן יאָר

ווי איך וואוין אין טהרי ריווערס און האָב געקענט מר. בנימין הארט, מיט וועמען איך האָב געהאט אָפט געשעפטלעכע פארבינדונגען, פאר אן ערלעכן געשעפטמענטש, א גוטן בירגער און געטרייען דינער פון קעניג."

אין דעם זעלביקן זין שרייבט וועגן אים אויך רעוו. פ. שאַרט, רעקטאָר פון דער פראָטעסטאנטיש־עפּיסקאָפּאַלישער קירך פון טהרי ריווערס און ארמיי־גייסטלעכער ביים גארניזאָן אין דער זעלביקער שטאָט. ער דער־קלערט אז ער ווייסט פון קיין זאך ניט „וואָס זאָל בארעכטיקן וועלכע ניט איז פארלוימדונג קעגן בנימין הארט אָדער זיין לאָיאַלקייט ווי א בירגער".

וואָס עס האָט אָבער די אָנגעגעבענע איינווענדונגען פון קאָלאָנעל קאַפּען קעגן דעם אויפנעמען פון בנימין הארט אין דער מיליץ באזונדערס אויס־געשטעלט פאר אומגעלומפּערט, פאר פאלש און אפילו לעכערלעך, איז געווען פאָלגנדיקע דערקלערונג פון מיטגלידער פון דער מיליץ גופא:

„מיר, די אונטערגעצייכנטע, באשטעטיקן אז מיר האָבן ניט קיין שום אויסזעצונג אָדער פילן ניט קיין שום ווידערווילן, צו דינען אין דער מיליץ צוזאמען מיט בנימין הארט ווי אן אָפיצער אָדער אנדערש. טהרי ריווערס, דעם 26טן אויגוסט 1812."

(אונטן זיינען פאראן זיבן און פערציק אונטערשריפטן). 6)

אויף דעם איבערגעשיקטן מעמאָראנדום האָט בנימין הארט געקראָגן א ענטפער פונם גאָווערנאָר, וואָס טראָגט די דאטע 23טער סעפּטעמבער 1812. אין דעם ענטפער ווערט דערקלערט, אז זיין בקשה וועט מען נעמען געהעריק אין באטראכט און אז וועגן דעם באשלוס וועט מען אים מודיע זיין. דערויף האָט מר. הארט געענטפערט מיט א בריוו פון 29טן דעם זעלביקן חודש, אויסדריקנדיק די האָפענונג אז דער גאָווערנאָר וועט זיין גערעכט צו אים און וועט זיך ניט לאָזן באאיינפלוסן קעגן אים מחמת דעם וואָס ער איז א ייד. ער האָט באזונדערס באטאָנט אז ער איז זיכער, אז דער גאָווערנאָר וועט שיינקען ווינציק אויפמערקזאמקייט די מיינונגען פון קאָלאָנעל קאַפּען. „אייער עקסעלענץ ווייסט גוט", האָט ער געשריבן, „אז אויב איך וואָלט ניט געהאט קיין פארדינסטן וואָס זאָלן מיך בארעכטיקן צו דעם, וואָלט איך גערן געוואָרן א פשוטער וואָלונטיר, אנשטאָט צו בעטן אן אָפיצער־אמט. אזוי אָבער ווי איך בין א געטרייער אונטערטאן, וואָלט איך בעסער געוואָלט אזאן אמט . . . מען האָט ניט לאנג מיר אויך מיטגעטיילט אז איך בין ניט געוואונטשן דערפאר וואָס איך בין א ייד. איך האָב אָבער אייך שוין איבערגעגעבן די נעמען פון אסך

---

6) די דאָקומענטן וועגן בנימין הארט, וועלכע מיר ציטירן דאָ, געפינען זיך אין די ארכיוון, אינערלעכע קאָרעספּאָנדענץ, סעריע "S".

מיטגלידער פון דער מיליץ וועלכע זיינען זייער צופרידן צו דינען מיט מיר צוזאמען".

עס איז אָבער מאָדנע וואָס מען האָט אין דעם גאנצן ענין שפעטער ווי פאר־געסן, און הארטס בקשה איז פארבליבן ניט דערפילט. די סיבה דערפון איז ניט באוואוסט, הגם עס לאָזט זיך גלויבן אז פרעוואָ האָט צוגעשריבן צו פיל וויכטיקייט דער מיינונג פון קאָלאָנעל קאָפען, און ער האָט ניט געוואָלט העלפן באשאפן א אומאָנגענעמען אינצידענט. אָבער בנימין הארט האָט שפעטער פאָרט טריאומפירט איבער זיין פערזענלעכן קעגנער, כאָטש דאָס איז געשען ערשט אין אכט יאָר ארום. דעם 15טן אָקטאָבער 1820, האָט ער באקומען אן אָפיצער־אמט אין אן אנדער דיסטריקט. מען האָט אים באשטימט פאר ליי־טענאנט אין דעם ערשטן באטאליאָן פון דער מיליץ אין מאָנטרעאָל, וואוהין ער האָט ביז יענער צייט זיך שוין געהאט אריבערגעצויגן.

ניט געקוקט אויף דער אומאָנגענעמענער דערפארונג וואָס ער האָט געהאט דורכגעמאכט, האָט דאָס דאָך פונדעסטוועגן אים ניט געשטערט, בעת דער מלחמה פון 1812־1814, ארויסצואווייזן זיין לאָיאַלקייט צו ענגלאנד. ער האָט דאָס געטאָן ווען סיר דזשאָרדזש פרעוואָ האָט געדארפט אויסריכטן א גארניזאָן פון 100 סאָלדאטן צו באוואכן פאָרט וויליאם העענרי (היינט סאָרעל). קאָל. באטערסבי האָט דעם הויפט־קאָמאנדיר געלאָזט וויסן, אז אזא זאך איז ניט מעגלעך דורכצופירן. מען האָט געדארפט האָבן געלט צו באצאָלן די רעקרוטן — ווינציקסטנס א טויזנט פונט, לויט ווי דער צאָלמייסטער פון דער ארמיי האָט געהאט גערעכנט. אָבער קיין געלט פאר אָט דעם צוועק האָט מען ניט געקאָנט קריגן, ניט אין טהרי ריווערס און ניט אין קוויבעק. דערפון האָט זיך דערוואוסט בנימין הארט, און ער האָט זיך גלייך אָנגעבאָטן צו קומען דער רעגירונג צו הילף. זיין אָנבאָט האָט מען אויך אָנגענומען, און א דאנק אים האָט מען געקאָנט אָרגאניזירן און אויסריכטן דעם קליינעם גארניזאָן.

אין חודש נאָוועמבער 1813 האָט בנימין הארט, וועלכער האָט דאן זיך געפונען אין מאָנטרעאָל, זיך אָנגעשלאָסן פאר א פראָסטן סאָלדאט אין א וואָלונטירן־רעגימענט. דעם רעגימענט האָט מען געהאט צונויפגעשטעלט כדי צו העלפן צוריקשטויסן גענעראל דירבאָרנס ארמיי וואָס האָט דעמאָלט מארשירט אויף מאָנטרעאָל. שפעטער האָט מען אים אינסטרואירט צו גיין קיין טהרי ריווערס, וואו די מיליץ האָט געדארפט זיין גרייט צו באגעגענען די אמעריקאנער. 7)

ווי שוין באמערקט, האָט די יידישע געמיינדע אין קאנאדע א לאנגע צייט זיך געהאט ווינציק וואָס פארמערט. אין 1825 האָבן אין נידער־קאנאדע

---

7) The Archives, Series "Q", 1840, p. 382.

זיך געפונען בלויז 90 יידן, און ביז 1831 האָט די צאָל זיך פאַרמערט ביז 107 נפשות. פונדעסטוועגן האָבן זיי ביסלעכווייז גענומען אַלץ מער פילן די אומבאַקוועמלעכקייט פון זייער לאַגע, צוליב דעם וואָס זיי האָבן ניט געהאַט דאָס רעכט אויף אייגענער קהלשער פאַרוואַלטונג. א באַוועגונג איז דערפאַר צווישן זיי אויפגעהייבן געוואָרן צו זוכן א מיטל ווי דאָס צו פאַרבעסערן. עס האָט אָבער געדויערט עטלעכע יאָר ביז דער דאָזיקער געדאַנק האָט אָנגענומען א פּראַקטישע פאָרם.

דעם 4טן דעצעמבער 1828 האָבן אייניקע יידן פון מאָנטרעאָל זיך גע־ווענדט צום פּאַרלאַמענט מיט א פּעטיציע, פאַרלאַנגענדיק פאַר דער יידישער געמיינדע די דערלויבעניש צו האַלטן אַליין אַן אָפיציעלן פּנקס פון חתונות, געבורטן און טויטפאַלן. מיט עטלעכע טעג שפּעטער, דעם 13טן דעצעמבער דעם זעלביקן יאָר, האָט מען אין פּאַרלאַמענט אויך אַריינגעבראַכט א ביל וועגן דעם, אונטער דעם גאַנץ לאַנגען נאָמען „א געזעץ צו געבן פּערזאָנען פון יידישן גלויבן געוויסע פּריווילעגיעס וואָס זיינען דערין דערמאָנט, און צו באַזייטיקן געוויסע אומאָנגענעמלעכקייטן, צו וועלכע אַנדערע פון די אונטער־טאַנען פון זיין מאַיעסטעט קאָנען זיין אויסגעזעצט״. 8)

די פראַגע וועגן דעם ציווילן סטאַטוס פון יידן אין נידער־קאַנאַדע איז דערפאַר ווידער אַרויפגעשוואומען, אָבער שוין אָן יענעם היציקן, זייער פאַר־ביטערטן ויכוח וואָס דאָס האָט מיט יאָרן פריער געהאַט אַרויסגערופן. מען האָט דעם ביל אויך זייער גיך אָנגענומען. קוקט מען היינט אַריין אין די „זשורנאַל־באַריכטן״ פאַר דער סעסיע פון 1829־1828, וואָס דערציילן אונדז ווי מען האָט פאַרהאַנדלט וועגן אָט יענעם ביל, 9) זעט מען ווי פאַרשיידן עס איז געווען דער גייסט פון וועלכן מען איז אין דער אַסעמבלי איצט געווען באַהערשט, אין פאַרגלייך מיט דעם וואָס דאָרט איז געווען פאָרגעקומען מיט צוויי יאָרצענדליק פריער.

די עצם זאַך וואָס מען האָט מיט דעם דאָזיקן ביל געוואָלט אַרויס־ברענגען איז אָבער געווען אַזוי ניט קלאָר, און די פאָרם דערפון אַזוי ניט דייט־לעך, אַז נאָך דעם ווי דער באַטרעפנדיקער געזעץ־פאָרשלאָג איז געווען דורכגע־

---

8) מען קאָן היינט ניט געפינען ניט דעם אָריגינאַל, ניט קיין קאָפּיע פון דער יידישער פּעטיציע. עס שיינט, אַז דאָס איז פאַרברענט געוואָרן בעת דעם פייער אין 1916, וואָס האָט אין אָטאַוואַ פאַרניכטעט די פּאַרלאַמענט־געביידע צוזאַמען מיט א טייל אַרכיוון און דאָקומענטן וואָס האָבן זיך דאָרטן געפונען. עס איז אויך ניט באַוואוסט, ווער עס האָט די פּעטיציע דאָן פאָרגעלייגט, אָדער אין וועמעס נאָמען דאָס איז געטאָן געוואָרן.

9) Journals of the House of Assembly, Lower Canada, 1828-1829, vol. 38.

גאנגעןביידע הייזער פון פארלאמענט, האט ער נאך אלץ דערוועקט ספקות. עס איז ניט נאר אויסגעוואקסן א יורידישע חלוקי דעות בנוגע דער פארמאליטעט וואס מען האט געדארפט נאכקומען, כדי צו באקומען די נויטיקע סאנקציע, נאר דער גענעראל־פראקוראר האט אויך דערקלערט, אז דער אינהאלט פונם ביל איז ווייט ניט צוגעפאסט און ניט גענוג פאר דעם צוועק, פאר וועלכן אזא געזעץ וואלט געווען באשטימט. 10) אין הסכם מיט אט דער מיינונג, האט מען בעת דער סעסיע פון 1830 דעם זעלביקן ביל ווידער פארגעשלאגן, אבער אין א געענדערטער פארם, און ער איז תיכף אויך דורכגעגאנגען.

אינטערעסאנט איז די איינלייטונג צום דאזיקן רעווידירטן ביל. אין דער איינלייטונג זאגט זיך, אז יידן האבן אויסצושטיין ערנסטע שוועריקייטן, צוליב דעם וואס זיי האבן ניט די מעגלעכקייט אונטער די עקזיסטירנדיקע געזעצן צו האלטן ריכטיקע רייסטערס פון געבורטן, חתונות און טויטפאלן. דאס קאן זיך שעדלעך אפרופן אויף די אינטערעסן אויך פון אנדערע אונטערטאנען פונם קעניג, באזונדערס פון די, צו וועמען עס גייט איבער דאס רעכט אויף אומ־באוועגלעך אייגנטום וואס האט פריער באלאנגט צו יידן. דעריבער, זאגט זיך אין ביל, איז נויטיק דורכצופירן א געזעץ וואס זאל זיי דערלויבן צו האלטן רייסטערס, פונקט ווי זיי וואלטן געווען באלאנגט צו די הערשנדיקע רעליגיעס. דער ביל איז מיט א ספעציעלער ווענדונג פון דעם געזעצגעבנדיקן ראט געווארן איבערגעשיקט צו סיר דזשיימס קעמפט, דעם גאווערנאר פון לאנד, ווען מען האט דערקלערט אז דאס איז א ענין „פון העכסטער וויכטיקייט פאר א גרויסן טייל אונטערטאנען פון זיין מאיעסטעט אין דער קאלאניע". מען האט דעריבער אים געבעטן אנצונעמען שריט, אז דאס זאל גלייך באקומען די נויטיקע סאנקציע. דעם 13טן יאנואר 1831 איז דער ביל אויך דורכגעגאנגען די דאזיקע פארמאליטעט און איז זינט דאן געווארן א געזעץ, וואס איז נאך היינט אויך אין קראפט.

די יידן פון קאנאדע האבן צו יענער צייט באטראכט דאס דאזיקע געזעץ פאר א גרויסן שריט פאראויס צו זייער פולער גלייכבארעכטונג. זיי האבן אין דעם געזען א סימן, אז די צייט איז געווען אי נאענט אי גינסטיק, אז זיי זאלן קריגן אלע פריווילעגיעס פון ענגלישע בירגער. דערמוטיקטע פון דעם וואס זייערע באמיאונגען וועגן אייגענער קהלשער פארוואלטונג זיינען געקרוינט געווארן מיט דערפאלג, און זעענדיק אויך אז גאנץ אנדערע ווינטן האבן גע־בלאזן אין קוויבעק, האבן זיי באשלאסן פארצוזעצן דאס וואס זיי האבן אנגעהייבן, כדי צו באקומען פולע אנערקענונג ווי בירגער. זיי האבן פארפאסט א צווייטע פעטיציע, וואס מען האט דעם 31טן יאנואר 1831 פארגעלייגט פון

10) The Archives, Series "Q", vol. 188-2, p. 294.

זייערטוועגן אין פּאַרלאַמענט. דער פאַרשלאָגער פון דער פּעטיציע איז געווען מ.ר. נילסאָן, איינער פון די ענגלישע אסעמבלי־מיטגלידער, וועלכער איז אויך געווען דער רעדאַקטאָר פון דער „קוויבעק גאַזעט״. די פּאַרפּאַסערס פון דער פּעטיציע האָבן אָנגעוויזן דערויף וואָס די רעגירונג פון גרויס בריטאַניע איז פריינטלעך אויפגעלייגט צו יידן, דעריבער האָבן זיי געבעטן אַז מען זאָל אין דער פּראָווינץ זיי געבן דאָס רעכט אָנצונעמען און פאַרטרעטן אַלערליי עפנטלעכע פּאָסטנס. זייער ידישע רעליגיע, האָבן זיי אויסגעפירט, דאַרף ניט זיין קיין מניעה, וואָס צוליב איר זאָל מען זיי דאָס אָפּזאָגן. (11

מיט עטלעכע טעג שפּעטער, דעם 7טן פעברואר דעם זעלביקן יאָר, האָט מען אין דער געזעצגעבנדיקער פאַרזאַמלונג אין זייער נאָמען פאָרגעלייגט נאָך א פּעטיציע וועגן דעם, א פיל לייגגערע ווי די פריערדיקע. דער פאַרפאַסער דער־פון איז געווען שמואל בעקאַנקור האַרט, אַן אייניקל פון פּראָוויאַנט־קאָמיסאַר אהרן האַרט. אין זיין פּעטיציע האָט שמואל האַרט זיך באַקלאָגט אויף דעם וואָס ער האָט ניט די מעגלעכקייט צו ווערן א פרידנס־ריכטער, דערפאַר וואָס ווי א ייד קאָן ער ניט, לפי דעם באשלוס פון דעם עקזעקוטיוון ראַט, אָפּגעבן קיין געהעריקע שבועה. אָנגעבאָטן דעם דאָזיקן אמט האָט אים לייטענאַנט־קאָלאָנעל יאָרק, סעקרעטאַר פון סיר דזשיימס קעמפּט, וועלכער איז דאַן געווען אַדמיניסטראַטער פון נידער־קאַנאַדע. האָט ער געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון פּאַרלאַמענט אויף דעם דאָזיקן פּאַקט, באַצייכענענדיק דאָס ווי אַן אַנאָ־מאַליע „אין א צייט פון ליבעראַליזם און אוניווערסאַלער טאָלעראַנץ״. די ענגלישע געזעצן וואָס גיבן יידן פּריווילעגיעס, האָט ער אָנגעוויזן, ווערן דאָ קיינמאָל ניט אָנגעווענדט, הגם על פּי די געזעצן קאָן יעדער אויסלענדישער ייד, נאָך דעם ווי ער איז דאָ אָפּגעוועזן זיבן יאָר, זיך נאַטוראַליזירן און ער מעג דאַן יאָ פאַרנעמען פאַרשיידענע אמטן. לכן ״בעט ער הכנעהדיק דעם „הויז״ צו נעמען ערנסט אין באַטראַכט זיין לאַגע, ווי אויך די פון אַנדערע יידן, און צו באַפרייען זיי פון יעדער רעכטלאָזיקייט צו וועלכער זיי זיינען איצט אויס־געזעצט דורך די אומגעזעצלעכע אַקטן פון דער קאָלאָניאַלער עקזעקו־טיווע״. (12

עס איז קיין ספק ניט אַז ארום יענער צייט האָט שוין געהערשט א גאַנץ אַנדער גייסט. אין דער פּאָליטישער לופט האָט זיך שוין געשפּירט די נאָענט־קייט פון דעם פרייהייט־קאַמף פון 1837־1838, און אין פּאַרלאַמענט איז אויך געבוירן געוואָרן א מער ליבעראַלע טענדענץ בנוגע יידן. דערפאַר זעען מיר ווי

11) Journals of the House of Assembly, Lower Canada, 1831, pp. 37-38.

12) דאַרטן, זז. 103־102.

די קאנאדער געזעצמאכערס האָבן זייערע וואונטשן באגעגנט מיט אסך סימ־פאטיע, און אז דאָס האָט ביי זיי געקראָגן א ווארעמען אָפקלאנג. עס איז געווען קאָנטיק, אז די מיינונגען אין יעדע קאמערן פון דער געזעצגעבנדיקער קער־פערשאפט זיינען זיך צונויפגעגאנגען אין דעם, אז מען זאָל אָננעמען די נויטיקע שריט צו געבן די יידן מער פרייהייט און זיי שטעלן אויף א גלייכער שטופע מיט אנדערע בירגער. דאָס איז געווען א פסיכאָלאָגישער מאָמענט, און מען האָט אים ניט דורכגעלאָזט ניט אויסגענוצטערהייט.

עס איז אינטערעסאנט דאָ צו באמערקן, אז דאָס איז געווען לואי זשאָזעף פאפינאָו, דער אָנפירער פון דעם שפעטערדיקן קאנאדער אויפשטאנד, וועמעס נאָמען איז אזוי ענג פארבונדן מיט דער געבורט פון דעמאָקראטיע אין לאנד, וואָס האָט זיך באמיט אז מען זאָל דעם דאָזיקן מאָמענט אויסנוצן. מר. פאפינאָו, וועלכער איז געוואָרן „ספיקער" פון דער אסעמבלי נאָך אין 1814, איז געווען א מענטש מיט פראָגרעסיווע אידייען. ער איז דעריבער געווען צופרידן וואָס דער איצטיקער פארלאמענט האָט געקאָנט אָפווישן דעם איינדרוק פון יענער אומגערעכטער האנדלונג קעגן יידן, וואָס א פארלאמענט פון מיט איבער צוויי צענדליק יאָר פריער האָט געהאט איבערגעלאָזט.

דעם 16טן מערץ 1831 האָט מר. נילסאָן, וועלכער האָט געהאט פאָר־געלייגט די יידישע פעטיציע און אויך די פון שמואל בעקאנקור הארט, אריינ־געטראָגן אין פארלאמענט א ביל דאָס דורכצופירן אין לעבן. דאָס איז געווען א פאָרשלאָג צו געבן די יידן די זעלביקע רעכט און פריווילעגיעס, וואָס עס האָבן די איבריקע בירגער פון דער פראָווינץ. אָט דער דאָזיקער ביל, וועלכן די יידן פון קאנאדע האָבן באטראכט ווי זייער „מאגנא קארטא", איז דורך די אונטער־קאמער און אויבער־קאמער כמעט אָן דיסקוסיעס. דעם 18טן מערץ איז פאָרגעקומען די צווייטע פאָרלייענונג און תיכף אויף מאָרגן, דעם 19טן האָט ער דורכגעמאכט די דאָזיקע פאָרמאליטעט צום דריטן מאָל. דאָס מיינט, אז עס האָט פאקטיש געדויערט בלויז דריי טעג, ביז די אסעמבלי האָט דעם ביל דורכגעפירט. די לעצטע האָט דערמיט געוויס געוואָלט גוטמאכן איר פריערדיקן פעלער. אויף קיין אנדער אופן קאָן מען ניט דערקלערן, למאי דער פאָרשלאָג צו עמאנציפירן די יידן האָט ניט נאָר ניט באגעגנט קיין אָפּאָזיציע, נאָר מען האָט געוואָלט אז דאָס זאָל וואָס גיכער קאָנען ווערן א געזעץ.

דער אָנגענומענער ביל האָט דעם 5טן יוני 1832 באקומען די געהעריקע קעניגלעכע סאנקציע און איז אריין אין קראפט. נאָך אָט דעם דאָזיקן אקט זיינען די יידן פון קאנאדע פאקטיש און אָפיציעל געוואָרן פולבארעכטיקטע בירגער, וואָס האָבן סיי ציוויל סיי פאָליטיש גענאָסן די זעלביקע רעכט און פריווילעגיעס וואָס אלע אנדערע.

דער דאָזיקער סטאַטוס, וועלכן מען האָט זינט דאַן א פּאָר מאָל אמענדירט בכדי אים צוצוגעבן א ברייטערן אויסטייטש, באַגרינדעט די פונדאַמענטאַלע רעכט פון די יידן אין לאַנד, דערקלערנדיק, אַז יעדער ייד, צי א געבוירענער בריטישער בירגער אָדער אויב ער וואוינט דאָ בלויז, זאָל האָבן די זעלביקע רעכט און פּריווילעגיעס וואָס עס האָבן די אנדערע אונטערטאַנען פון קעניג, זיינע יורשים און נאָכפאָלגערס, ביי יעטווידער געלעגנהייט און פאר אלע צילן און צוועקן; אַז זיי זאָלן מעגן אָננעמען און פאַרטרעטן יעדן עפנטלעכן אמט אָדער אָנגעפאַרטרויטע שטעל אין דער פּראָווינץ. ווי וויכטיק דאָס זאָל ניט זיין, באַקאַנט איז דאָס געזעץ ווי „1, ווילליאַם דער פערטער, קאַפּ. 57“, און הייסט „א געזעץ צו דערקלערן פּערזאָנען פון יידישן גלויבן באַרעכטיקט צו אלע רעכט און פּריווילעגיעס פון די איבריקע אונטערטאַנען פון זיין מאַיעסטעט אין דער פּראָווינץ“. 13)

זינט 1832 געפינען זיך דערפאַר די יידן פון קאַנאַדע אויף א מדרגה פון גלייכקייט מיט אַלעמען. מיט באַוויליקן זיי די פולסטע פרייהייט און אלע בירגערלעכע פּריווילעגיעס, האָט דאָס לאַנד דאַן געוויס געמאַכט א גאָר גרויסן טראָט פאַראויס אויף דעם וועג פון ליבעראַליזם און פּראָגרעס.

זשאָזעף טאַסע, דער באַוואוסטער פראַנצויזיש־קאַנאַדער שריפטשטעלער, האָט, ריידנדיק וועגן דעם אמאָל, זיך אויסגעדריקט אויף אָט דעם כאַראַקטעריס־טישן אופן מכוח דעם וואָס דאָ איז דערגרייכט געוואָרן:

„דער ייד יחזקאל הארט האָט געלעבט לאַנג גענוג צו זען, אַז מען האָט אַזאַ געזעץ דורכגעפירט, און דעם גאַנצן דורכגעמאַכטן פּראָגרעס פון אידייען זינט דער צייט, ווען מען האָט אים אויסגעוויזן פון פּאַרלאַמענט און אים געצוואונגען זיך צוריקצוציען פון פּאָליטישן לעבן. מיט עמאַנ־ציפּירן די יידן פּאָליטיש, האָט קאַנאַדע היפּש אריבערגעיאָגט ענגלאַנד אויף דעם וועג פון ליבעראַליזם און גערעכטיקייט. אין וועסטמינסטער האָט מען נאָך אין 1847, 1850, 1851 און 1857 געהאַלטן אין דיסקוטירן וועגן דער פראַגע, צי מען זאָל די יידן יאָ אָדער ניט געבן פולע רעכט, בעת אונדזער פּראָווינציעלע לעגיסלאַטור האָט זיי דאָס געגעבן אין א פולער מאָס נאָך אין 1832. אויף דעם אופן האָט אַן ענגלישע קאָלאָניע, וועלכער מען האָט אַזוי אָפט פאַרגעוואָרפן למאי זי מאָדעלירט אירע געזעצן על פּי דעם מוסטער פון דער בריטישער געזעצגעבונג, דאָס מאָל געוויזן דעם מוטערלאַנד א ביישפּיל, וועלכן די לעצטע האָט געפונען פאַר נויטיק שפּעטער נאָכצוטאָן. דאָס איז ניט געווען די ערשטע פּאָליטישע

13) Provincial Statutes of Lower Canada, 1832, p. 83, William IV, Chap. LVIII.

לעקציע וואָס מיר האָבן די ענגלענדער געגעבן און, מיר זיינען זיכער, אז דאָס וועט אויך ניט זיין די לעצטע.״ 14)

אָבער דער עצם פאקט, וואָס יידן האָבן דאָ געקראָגן גלייכע רעכט פריער ווי אין ענגלאנד, איז פאר זיך אליין ניט געווען אזא אויסערגעוויינלעכע זאך. מען דארף פארשטיין די גאנץ באזונדערע סיבות — אין דעם פאל, זייער נאטירלעכע — פון וועלכע דאָס איז געוואָרן באגלייט. די אומשטאנדן אין קאנאדע זיינען דעמאָלט געווען אסך אנדערש ווי אין ענגלאנד.

די ענגלישע פארטרעטער פון דער אסעמבלי אין קוויבעק זיינען געווען מער ווי צופרידן, ווען מען האָט פאָרגעשלאָגן צו געבן יידן גלייכע רעכט. זיי האָבן ניט געקאָנט האנדלען אנדערש ווי אין דעם גייסט פון זייער טראדי־ציאָנעלער שטעלונג צו זיי. וואָס איז שייך די קאנאדער פראנצויזן, האָבן זיי דאן אליין געקעמפט פאר מער פרייהייט און פאר א פולערער מאָס פאָליטישע גערעכטיקייט. זיכער זיינען זיי געווען גערן מיט דער געלעגנהייט צו קאָנען פארטייטשן זייערע פרינציפן אין לעבן.

די פראגע, וואָס פאר א רעכט די יידן האָבן אונטער דעם דורכגעפירטן געזעץ געקאָנט געניסן, איז אָבער נאָך אלץ ניט געווען גענוג קלאָר. ספקות זיינען וועגן דעם נאָך דערוועקט געוואָרן, און דאָס האָט שפּעטער געפירט צו א היפשער אָפיציעלער קאָרעספּאָנדענץ. ענדלעך אָבער האָט קעניגין וויקטאָריע זיך ארייגעמישט און געזען אז די אומגערעכטיקייטן מכוח וועלכע עס האָט זיך געהאנדלט, זאָלן פאררעכט ווערן. דערמיט זיינען אלע צווייפלען וועגן דעם מיטאמאָל באזייטיקט געוואָרן.

---

14) La Revue canadienne, 1870, p. 425.

## קאפיטל צען

# אין דער תקופה פון איבערגאנג

די יידישע געמיינדע פון לאנד האָט זיך ווייניק פארגרעסערט אין צאָל. דורך דעם משך פון באַלד דריי פערטל יאָרהונדערט איז איר צואוואקס ווייט ניט געווען לפי דער פּראָפּאָרציע ווי בעת דער ישוב איז נאָך געווען יונג. אין די ערשטע פּאָר צענדליק יאָר נאָך דעם ווי קאנאדע איז געוואָרן א בריטיש לאַנד, שטויסן מיר זיך כסדר אָן אויף פרישע נעמען. אָבער דאָס איז ניט געווען דער פאַל אויך אין די ווייטערדיקע יאָרן.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, פיל יידן עס האָבן זיך געפונען אין נידער־קאנאדע אין 1825 און אין 1831. דער ערשטער ציפער, וואָס גיט אָן זייער צאָל אין 1825 פאר 90, איז לויט זשאָזעף בושעטס דעמאָלטיקער השערה. דער ציפער פאר 1831, ווען זייער צאָל האָט זיך פאַרגרעסערט ביז 107 נפשות, איז לויט דעם רעליגיעזן צענזוס פון יענעם יאָר. דער אונטערשייד אין די יאָרן ווייזט, אז בושעטס השערה איז געווען ניט ווייט פון אמת.

די ביידע ציפער גיבן אונדז א באגריף ווי אַזוי דער יידישער ישוב האָט ביז דאן זיך פארמערט. זיין צואוואקס, ווי מען קאָן זען, איז געווען א שוואַכער. ערשט אין די ווייטערדיקע צען יאָר הייבט ער זיך אָן אביסל מער פארגרעסערן. דער צענזוס פון 1844 באווייזט שוין אין נידער־קאַנאַדע א יידישע באַפעלקערונג פון 154 נפשות, דער רוב פון וועלכע עס האָבן זיך געפונען אין מאָנטרעאָל, בעת די איבריקע האָבן געוואוינט אין קוויבעק, טהרי ריווערס און אין אַנדערע ערטער. די פארמערונג פון דער יידישער באַפעלקערונג, הגם דאָס האָט ניט אויף קיין סך זיך אָנגעזען, האָט ביסלעכ־וויז געמאַכט מעגלעך, אַז יידן זאָלן אויך אָנהייבן אריינדרינגען אין אויבער־קאנאדע און דאָרט זיך באַזעצן.

אין דעם אינערלעכן לעבן פון דער יידישער קהילה אין מאָנטרעאָל איז ארום דער זעלביקער צייט אריינגעטראָטן א שטיקל קריזיס פון וועלכן זי האָט זיך דערפילט שווער באריהרט. עס האָט געהאַלטן דערביי, אז די געמיינדע זאָל דאַרפן איינגאַנצן זיך צעפאַלן, און נאָר א דאַנק די אומדערמידלעכע באַמיאונ־גען פון אַ פּאָר פון די טיכטיקערע טוערס אירע איז דאָס פארמידן געוואָרן. דער באָדן אויף וועלכן די שול האָט זיך געהאַט געפונען, איז איבערגעגאַנגען

צו די יורשים פון די אַמאָליקע אייגנטימערס דערפון און מען האָט דאָס פּלאַץ געמוזט אָפּליידיקן. מען האָט די געבײדע, וועלכע איז באַלד א האלבן יאָר־הונדערט געווען דער שטענדיקער יידישער מקום קדוש, צענומען, און די יידן האָבן זיך ווידער געדאַרפט פאַרזאַמלען ערגעץ אין א פּריוואַטן הויז כדי צו קאָנען דאַוונען בציבור. דאָס האָט אזוי אָנגעהאַלטן עטלעכע יאָר. דורך אָט דער צייט זיינען אסך פון די געמיינדע־טעטיקייטן געוואָרן שטאַרק פאַרנאַכלעסיקט, ביז מען האָט ענדלעך אויפגעהייבן א באַוועגונג צו שאַפן א פאָנד אויף צו בויען א נייע שול, און די געמיינדע בכלל צו רעאָרגאַניזירן.

די באַוועגונג האָט באַלד אויך געטראָגן פרוכט. מען האָט אַזאַ פאָנד געשאַפן, מערסטנס פון לאָקאַלע ביישטייערערס. דער גרעסטער ביישטראָג איז געווען פון מרס. פראַנסיס מייקלס, וועלכע האָט פאַר דעם צוועק מנדב געווען 575 פונטן. צווישן די מנדבים האָט זיך אויך געפונען משה מאָנטעפיאָרע, וועלכער האָט די יידן פון מאָנטרעאָל צוגעשיקט פאַר דעם א ביישטראָג.

אין 1835 האָט מען געקויפט א פּלאַץ אויף שענעוויל גאַס, ביי לאַגאָשעטיער, וואו מען האָט אויפגעשטעלט א נייע שול, דעם „חנוכת הבית" פון וועלכער מען האָט געפּראַוועט אין 1838. דאָס איז געווען א קליינע אָבער שיינע שטיינערנע געבײדע, אינעווייניק אויסגעשטאַט אין באַזונדערן יידישן סטיל און מיט אסך געשמאַק. דאָס איז דעמאָלט געווען די איינציקע שול אין בריטישער צפון־אַמעריקע. 1) ביים בויען די דאָזיקע נייע ספרדישע שול, האָט צוזאַמען מיט אנדערע זיך באַזונדערס שטאַרק מתעסק געווען משה י. העיס, א זון פון איינעם פון די ערשטע יידן, וואָס האָבן אין לאַנד זיך באַזעצט. משה י. העיס איז געווען א מענטש מיט זעלטענער ענערגיע און מיט אַסך פּיאָנערקייטן, און די דאָזיקע מעלות זיינע זיינען דער יידישער געמיינדע אין פאַרשיידענע צייטן פיל בייגעשטאַנען. זיי האָבן אים אויך געבראַכט צום פאָדערגרונט פון מאָנטרעאָלס אַקטיוויסטע און חשובסטע בירגער. אָבער וועגן אים וועט אונדז נאָך אויסקומען צו ריידן.

דער אויסבראָך פון דער כאָלעריע אין 1832, וואָס האָט אין אייראָפּע און אָמעריקע געבושעוועט מיט אַזאַ שרעקלעכקייט און האָט אָוועקגערויבט אומצייליקע לעבנס, האָט אויך געבראַכט טרויער אין דער יידישער געמיינדע אין קאַנאַדע. אסך יידן זיינען געפאַלן קרבנות פון דער מגפה, און איינער פון זיי איז געווען הענרי דזשאָזעף, וועלכער איז געשטאָרבן דעם 21טן יוני 1832, גלייך נאָך דעם ווי זיין עלטסטער זון איז פון דער עפּידעמיע געפאַלן א קרבן. דעם אייגענעם טאָג זיינען 159 מענטשן אין מאָנטרעאָל דערפון אומגעקומען.

---

1) **Hochelaga Depicta. The Early History and Present State of the City and Island of Montreal. Montreal, 1839, pp. 110-111.**

די מגפה האָט אומעטום ניט בלויז געבראַכט מיט זיך אומגליק, נאָר האָט אויך איבערגעלאָזט אין גרויס נויט די וואָס האָבן פאַרלאָרן זייערע מפרנסים. די לאַסט צו העלפן זיי איז דעריבער געפאַלן אויף די אַנדערע, און פאַר דעם קליינעם יידישן ישוב איז דאָס געווען ניט אַזאַ גרינגער פּראָבלעם.

ווי שוין פריער באַמערקט, איז נאָך דעם דורכפירן דאָס געזעץ וועגן יידישער גלייכבארעכטונג נאָך אַלץ דערוועקט געוואָרן אַ ספק, אויף וואָס פאַר אַן אופן מען האָט דאָס באַטרעפנדיקע געזעץ באַדאַרפט אויסטייטשן. דאָס איז געווען אַ פראַגע, צוליב וועלכער עס זיינען אָפט אַרויסגעקומען מאָד־נע אומאַנגענעמלעכקייטן. ניט זעלטן האָט דאָס סיי די יידן סיי יענע רע־גירונגס־באַאַמטע, וועלכע האָבן דאָ געדאַרפט זיין די פוסקים, אַוועקגע־שטעלט אין אַ שווערער לאַגע. עס איז צוליב דעם געוואָרן נויטיק דעם גאַנצן פלאָנטער פאַרנאַנדערצוגעמען און צו מאַכן קלאָר דאָס, מכוח וואָס מען איז נאָך ניט געווען אינגאַנצן זיכער.

אויף די אָנווייזן פונם גאָווערנאָר־דזשענעראַל, לאָרד איילמער, האָט מען דעריבער באַשטימט אַז אַ ספּעציעלע קאָמיטע פון דער געזעצגעבנדיקער אַסעמבלי זאָל דעם ענין אויפנעמען. די קאָמיטע האָט וועגן דעם געדאַרפט אַרויסטראָגן אַ באַשלוס, וואָס מען זאָל קאָנען באַטראַכטן מער־וויניק פאַר ענדגילטיק. דעם 8טן פעברואַר 1834 האָט דער גאָווערנאָר צוגעשיקט צו דער אַסעמבלי אַ צושריפט וועגן דעם און מען האָט אַזאַ קאָמיטע, וואָס מען האָט באַקליידט מיט די געהעריקע פולמאַכטן, תיכף אויך באַשטימט.

עס זיינען פאַר דער דאָזיקער קערפּערשאַפט אויפגעטרעטן פאַרשיידענע פּערזאָנען וועלכע זי האָט וועגן דעם אויסגעהערט, באַקענענדיק זיך מיט זיי־ערע מיינונגען און פּערזענלעכע דערפאַרונגען. משה י. העיס און בנימין האַרט האָבן ביידע פאַרטראָטן די יידן פון מאָנטרעאָל. עס זיינען פאַר דער קאָמיטע אויך דערשינען שמואל בעקאַנקור האַרט, פון טהרי ריווערס, און אַדאָלף־מרדכי האַרט, פון קוויבעק, בעת אהרן־יחזקאל האַרט און אהרן־פיליפּ האַרט האָבן די פראַגע באַהאַנדלט פון יורידישן שטאַנדפּונקט. דעם 28טן פעברואַר 1834 האָט די קאָמיטע אַריינגעבראַכט איר באַריכט, אין וועלכן זי שטעלט זיך אָפּ אויף דעם וואָס פאַר אַ רעכט עס האָבן די יידן אין ענגלאַנד און באַ־זונדערס אין די אַמעריקאַנער קאָלאָניעס. זי קומט צום אויספיר, אַז אין קאַ־נאַדע האָבן יידן אַלע רעכט און פּריווילעגיעס פון בריטישע בירגער. 2)

אויף ווי ווייט מען איז געווען אין ספק וועגן דעם ווי אַזוי מען קאָן דאָס געזעץ פון 1832 אָנווענדן, האָט זיך אַרויסגעשטעלט ווען מען האָט זיך גע־

2) Journals of the Assembly of Lower Canada. 1834, Appendix G. G.

כאַפּט, אַז אין דעם דאָזיקן סטאַטוט ווערט אַפילו ניט דערמאָנט, וואָס פאַר א שבועה יידן דאַרפן דורכמאַכן ביים אָננעמען אַן אָפיציעלן פּאָסטן. אַזאַ פאַל איז אַרויסגעקומען, בעת לאָרד איילמער האָט אָנגעבאָטן די אויבנדערמאָנטע משה י. העיס און בנימין האַרט דעם אַמט פון פרידנס־ריכטער. זיי האָבן פון דעם כבוד זיך געמוזט אָפּזאָגן, מחמת אין דעם אַקט וואָס דער פּראָווינציע־לער פאַרלאַמענט האָט געהאַט דורכגעפירט, איז ניט געווען אָנגעוויזן, ווי אַזוי א ייד דאַרף אָפּגעבן א שבועה כדי צו קאָנען פאַרטרעטן אַזאַ אָדער אַנדער עפנטלעכן פּאָסטן. די עקזעקוטיווע מאַכט פון נידער־קאַנאַדע האָט צוליב דעם זיך דערזען אין א מאָדנער לאַגע בנוגע יידן. אין א לפי ערך גאַנץ קורצער צייט האָט דער פאַרלאַמענט דורכגעפירט צוויי געזעצן, כדי זיי צו געבן אַלע רעכט. אָבער אַפילו ווען די דאָזיקע געזעצן זיינען שוין געווען אין קראַפט, האָט א ייד נאָך אַלץ ניט געקאָנט אָננעמען א ציווילן אַמט, כאָטש דער אַדמיניסטראַטער פון דער פּראָווינץ האָט דאָס אים פאַרגעלייגט. לאָרד איילמער אַליין באַקלאָגט זיך וועגן דעם אין א בריוו וואָס ער האָט געשיקט צום קאָלאָניאַל־מיניסטער קיין ענגלאַנד. אין דעם בריוו דערציילט ער וועגן דעם זייער שווערן פּראָבלעם וועלכן ער האָט פאַר זיך, און פרעגט, צי וואָלט דער פאַרלאַמענט אינדערהיים ניט געקאָנט עפּעס וואָס טאָן צו דעם. אונטער דער דאַטע פון 18טן יוני 1833 שרייבט ער:

„האַלטנדיק ביים אַרויסגעבן א ליסט פון נייע פרידנס-ריכטער פאַר דער פּראָווינץ פון נידער־קאַנאַדע, צווישן וועלכע עס וועלן זיך געפינען מערערע הערן וואָס זיינען ניט צווישן די איצטיקע פרידנס־ריכטער, האָב איך פאָרגעלייגט צוויי פּערזאָנען, די ה"ה בנימין האַרט און י. מ. העיס, וועלכע וואוינען אין מאָנטרעאָל און זיינען פון יידישן גלויבן, צו ווערן מאַגיסטראַטן. דאָס איז א פּאָסטן וועלכן זיי זיינען על פּי געזעץ איצט ראוי צו פאַרטרעטן. עס זעט אָבער אויס, אַז אַזוי ווי עס איז ניט קלאָר, אויב פון דער שבועה, וואָס זיי דאַרפן דורכמאַכן, דאַרף מען אויס־לאָזן די ווערטער „אויפן אמתן גלויבן פון א קריסט", שטערט זיי דאָס אָנצונעמען מיין אָנבאָט, און זיי האָבן צוליב דעם דערפון זיך אָפּגע־זאָגט.

„איך האָב דעם כבוד דאָ אייך איצט איבערצושיקן א קאָפּיע פון דעם געמיינשאַפטלעכן בריוו, וואָס די דאָזיקע הערן האָבן וועגן דעם געשריבן צו מיין ציוויל־סעקרעטאַר, ווי אויך א קאָפּיע פון דעם בריוו אין וועלכן עס ווערט איבערגעגעבן די יורידישע מיינונג פון דעם פּראָ־פעסיאָנעלן הערן, מיט וועמען, קאָנטיק, זיי האָבן וועגן דעם ענין זיך באַראַטן. איך דערלויב מיר אייך אָנצואווייזן אויף דער וויכטיקייט צו

העלפן אין דעם פּרט די באַטרעפנדיקע פּערזאָנען און אַנדערע, וואָס קאָ־נען אויף דעם זעלביקן אופן ווערן באַרירט. מען קאָן דאָס באַזונדערס טאָן דורך דעם ביל צו גונסטן יידן, וואָס ווערט דוכט מיר איצט פאַר־האַנדלט אין ענגלישן פּאַרלאַמענט, — איבערהויפּט מחמת יעדע געזעצ־לעכע באַגרינדונג דערפון דאָ אין לאַנד וועט (לויט ווי מען אינפאָרמירט מיך) ניט העלפן.

„איך האָב דעם כבוד צו זיין, מיין הער,

אייער איבערגעגעבנסטער הכנעהדיקער דינער

איילמער״. 3)

דער בריוו פון בנימין האַרט און משה י. העיס, וואָס לאָרד איילמער דערמאָנט, האָט זיך געלייענט ווי פאָלגט:

„מאָנטרעאַל, דעם 3טן יוני 1833.

„ווערטער הער: —

„זינט מיר האָבן געהאַט דעם כבוד אייך איבערצוגעבן, פאַר דער אינפאָרמאַציע פון זיין עקסעלענץ דעם הויפּט־גאָווערנאָר, אַז מיר זיינען צופרידן זיך צו קוואַליפיצירן פאַר פרידנס־ריכטער פאַר דעם דיסטריקט פון מאָנטרעאַל און אָנצונעמען דעם אמט וועלכן זיין עקסעלענץ האָט אונדז פאָרגעלייגט, האָבן מיר צוליב דעם ספק וואָס איז ביי אונדז דער־וועקט געוואָרן בנוגע דער שבועה, וואָס מיר דאַרפן דורכמאַכן — לויט ווי דאָס געזעץ פאָדערט עס — זיך באַראָטן מיט אַ פּראָפעסיאָנעלן הערן. די מיינונג וואָס ער דריקט אויס, גיבן מיר דאָ איבער. ער גלויבט ניט, אַז מיר קאָנען דורכלאָזן די ווערטער „אויפן אמתן גלויבן פון אַ קריסט״, וואָס זיינען אַ טייל פון דער שבועה וואָס פרידנס־ריכטער דאַרפן אָפּ־געבן. די פּראָווינציעלע לעגיסלאַטור איז ניט געגאַנגען ווייט גענוג מיט דעם געזעץ „צו דערקלערן פּערזאָנען פון יידישן גלויבן באַרעכטיקט צו אַלע רעכט און פּריווילעגיעס פון די אַנדערע אונטערטאַנען פון זיין מאַ־יעסטעט אין דער פּראָווינץ״, און האָט אויך ניט געמאַכט קלאָר, אַז מען קאָן פון דער שבועה אויסלאָזן די דאָזיקע ווערטער.

„מיר מוזן דעריבער אייך בעטן איבערצוגעבן זיין עקסעלענץ דעם הויפּט־גאָווערנאָר, אַז אַזוי ווי מיר זיינען יידן, געפינען מיר פאַר ניט מעגלעך אונטער די איצטיקע אומשטאַנדן צו קאָנען דורכמאַכן די שבועה ביים אָננעמען דעם פּאָסטן פון פרידנס־ריכטער. אין דער אייגענער צייט ווילן מיר אויסדריקן זיין עקסעלענץ אונדזער טיפסטן דאַנק פאַר דעם כבוד וואָס מען האָט אונדז געוואָלט צוטיילן. מיר בעטן, אַז זיין עקסע־

3) The Archives, Series "Q", vol. 209-1, p. 68.

לענץ זאָל אויף וועלכן ניט איז אופן אזוי גוט זיין פאַרברייגגען די פראַגע פארן ענגלישן פארלאמענט, כדי אז מען זאָל באַזייטיקן די דאָזיקע איינציקע דיסקוואליפיקאציע פון יידן, וואָס איז אין דער פּראָווינץ נאָך פארבליבן, און אַז עס זאָל מער ניט קאָנען זיין קיין מניעה קעגן זייער פארנעמען פאַרטרויטע אַמטן אין דער פּראָווינץ.

„מיר האָבן דעם כבוד צו זיין אאז״וו, אאז״וו.

בנימין הארט

מ. י. העיס.

„צו לייטענאנט-קאָל. קרעיג,

ציוויל-סעקרעטאר,

קוויבעק״. 4)

דער „פּראָפּעסיאָנעלער הער״ וואָס איז דערמאָנט איןביידע בריוו, איז געווען אהרן-פיליפּ הארט, א באוואוסטער אדוואָקאט דאן אין מאָנטרעאָל. מען האָט צו אים, קאָנטיק, זיך געווענדט מיט דער פראַגע ווי צו איינעם וואָס איז געווען באהאוונט אין געזעץ. אנאליזירנדיק די אלע אקטן אין וועלכע עס רעדט זיך וועגן יידן, קומט ער צום אויספיר, אז — „אונטער די עקזיסטירנדיקע אומשטאנדן בין איך אנטשיידן איבערצייגט, אַז פערזאָנען פון יידישן גלויבן קאָנען ניט דורכמאכן די שבועה וואָס איז נויטיק ביים ווערן פרידנס-ריכטער, ביז מען וועט ניט אָננעמען קיין געזעץ וואָס וועט מאַכן קלאָר, אַז די ווערטער מכוח וועלכע עס האנדלט זיך, קאָן מען פון דער שבועה אויסלאָזן״. 5) אין אָט דעם זין איז לאָרד איילמער וועגן דעם מודיע געווען דעם קאָלאָניאל-סעקרעטאָר. ער איז געווען זיכער אַז די רעגירונג אינדערהיים וואָלט געקאָנט וואָס טאָן, כדי צו באַזייטיקן די לעצטע שוועריקייט וואָס איז די יידן אין קאנאדע געשטאנען אין וועג צו קאָנען געניסן אלע רעכט פון בריטישע בירגער.

ניט געקוקט אויף דעם וואָס די עקזעקוטיווע רעגירונג פון נידער-קאַנאַדע איז געווען פולשטענדיק זיכער, אַז עס איז געווען נויטיק צו פאַריכטן דעם אומרעכט צו וועלכן די יידן זיינען אויף דעם אופן געווען אויסגעזעצט, איז דאָס דאָך ניט צוגעגאנגען אזוי גרינג. די אָנגעלעגנהייט, וואָס האָט געהאט ארויסגערופן אזא פארצויגענעם אָפיציעלן בריוו-וועקסל, האָט זיך געשלעפּט עטלעכע יאָר. אייניקע האָבן אונטער דער צייט אין דעם פארגעסן, בעת אנדערע האָבן עס אָנגענומען, אז מען קאָן דערין לחלוטין גאָרנישט טאָן. איז דאָך דאָ ניט געווען געגוג בלויז דאָס וואָס די עקזעקוטיווע מאכט האָט זיך גע-

4) דאָרטן, ז. 70.

5) דאָרטן, ז. 72.

סטאַרעט אויף אַלע אופנים, אַז מען זאָל די זאַך פאַריכטן, און וואָס קיינער האָט ניט געהאַט אויסגעזעצט קעגן דעם, אַז יידן זאָלן יאָ קאָנען פאַרנעמען פאַרשיידענע עפנטלעכע אמטן.

אין חודש יוני 1837 האָט ארטור וועלינגטאָן האַרט, א זון פון בנימין האַרט, וועלכער האָט דעמאָלט זיך געפונען אין ענגלאַנד, דערהאַלטן א בריוו וואָס איז געווען געשריבן אין נאָמען פון לאָרד גלענעלג. אין דעם בריוו, וואָס האָט געטראָגן די דאַטע פון דעם 22טן דעם אייגענעם חודש, האָט מען אים מודיע געווען, אַז די ענגלישע רעגירונג קאָן דאָ ליידער גאָרנישט העלפן. „עס בלייבט פאַר דער לעגיסלאַטור פון נידער־קאַנאַדע און ניט פאַר דער רעגירונג פון איר מאַיעסטעט”, האָט מען אים דאָרטן געשריבן, „צו ענדערן די שבועה וואָס פאָדערט זיך פון פערזאָנען וואָס ווערן באַשטימט פאַר פרידנס־ריכטער אין די גרענעצן פון יענער פראָווינץ. ווי שטאַרק מיר זאָלן ניט באַדויערן דאָס וואָס פערזאָנען פון יידישן גלויבן ווערן דאָ אויסגעשלאָסן, איז עס אָבער ניט אין דער מאַכט פון זיין עקסעלענץ זיי צו העלפן”. 6)

אָבער די מי וואָס מען האָט פאַרוועדנט איז פאָרט ניט געווען ארויס־געוואָרפן, און די ארבעט האָט ענדלעך געטראָגן פּרוכט. א קורצע צייט גלייך נאָך דעם, דעם 5טן אויגוסט דעם אייגענעם יאָר, זיינען משה י. העיס און בנימין האַרט ביידע באַשטימט געוואָרן פאַר פרידנס־ריכטער — די ערשטע יידן אין קאַנאַדע, וועמען מען האָט דעם דאָזיקן כבוד צוגעטיילט. און א כבוד איז דאָס געוויס געווען, מחמת דער דאָקומענט וואָס האָט זיי דער־הויבן צו דער מאַגיסטראַטור איז געוואָרן אונטערגעשריבן פון קעניגין וויק־טאָריע אליין. אונטער די יידן פון קאַנאַדע האָט דאָס דאַן ארויסגערופן א גע־פיל פון טיפסטער דאַנקבאַרקייט. זיי האָבן דערמיט געוויזן ווי שטאַרק זיי האָבן דאָס אָפּגעשעצט, און אַז זיי האָבן דאָס מצד דער ענגלישער קעניגין באַטראַכט פאַר א באַזונדערס פריינטלעכן אקט לגבי זיי. מען האָט זיי דאָ צוגעטיילט א פּריווילעגיע, וואָס אפילו די יידן אין ענגלאַנד גופא האָבן דע־מאָלט נאָך ניט געהאַט.

אונטער דער דאַטע פון 24טן דעצעמבער 1837 שרייבט ארטור וועלינגטאָן האַרט צו לאָרד גלענעלג אין אביסל א מליצהדיקן טאָן, איבער־געבנדיק אים דעם דאַנק פון די קאַנאַדער יידן:

„איך האָב דערהאַלטן א וויכטיקן בריוו פון קאַנאַדע וועלכע גע־פינט זיך איצט אין אָפענעם אויפשטאַנד, און דאָס באַוועגט מיך פון דאָרטן צו קאָפּירן און פאַר אייך פאַרלייגן יענע שטעלן וואָס קאָנען אינטערעסירן די רעגירונג. איידער אָבער איך טו דאָס, מיין לאָרד, האָב

6) דאָרטן, באַנד 3־242, ז. 827.

איך א פערזענלעכע פליכט צו דערפילן. איך קאָן זיך בלויז בארופן אויף דעם ווערטל, אז „דער שווערסטער חוב איז דער חוב פון דאנק־באַרקייט, בעת עס איז ניט אין אונדזער מאכט אים צוריקצוצאָלן". דער ערשטער אקט פון אונדזער קעניגין ביים באשטימען פרידנס־ריכטער פאר דעם דיסטריקט פון מאָנטרעאָל — זינט נאָך מיין בריוו צו אייך פון פאַריקן יוני — איז געווען, ארויפצושטעלן אויף דער ליסט דעם נאָמען פון מיין פאָטער, וועלכער איז דורך דעם דערהייבן געוואָרן צו דער מאגיסטראטור. מיין לאָרד, די יידן פון די צפון־אמעריקאנער און מערב־אינדישע קאָלאָניעס פילן זיך טיף פארפליכט צו אייך פאר אייערע פרייוויליקע אָנשטריינגונגען, בעת איר האָט זיך באמיט אז זיי זאָלן קריגן ציווילע און רעליגיעזע פרייהייט, און זיי צוצוטיילן רעכט און פריווילע־גיעס וואָס אפילו די יידן פון ענגלאנד האָבן נאָך ניט. אין נאָמען פון מיין פאָטער דריק איך אייך, מיין לאָרד, אויס מיין הארציקסטן דאנק פאר דעם צוגעטיילטן כבוד, און פארזיכער אייך, אז דער צוטרוי פון איר מאיעסטעט און פון אייך אליין צו דער לאָיאלקייט און איבער־געגעבנקייט פון די יידן וואָס וואוינען אין קאנאַדע, וועט זיין ניט אומ־זיסט. דער קאַמף וואָס גייט דאָרטן איצט אָן וועט באווייזן, ווי צוגעבונדן זיי זיינען צו דער רעגירונג אונטער וועלכער זיי האָבן דאָס גליק צו קריגן שוץ". 7)

דערמיט איז פאר די קאנאדער יידן ענדגילטיק פארענטפערט געוואָרן די פראגע, וואָס איז פאר זיי און פאר אַנדערע צום ערשטן ארויפגעשוואוי־מען מיט א וואָסערע דריי צענדליק יאָר פריער, און וואָס האָט אין איין צייט אפילו ארויסגערופן ניט קיין קליינעם פאָליטישן שטורעם אין לאנד. דורך דעם אקט פון קעניגין וויקטאָריע האָבן זיי דערגרייכט א סטאַ־טוס, ביי וועלכן זייערע רעכט ווי בריטישע בירגער האָבן ביי קיינעם מער ניט געקאָנט דערוועקן קיין שום ספק.

עס איז געווען נאטירלעך, אז דורך די אלע יאָרן וואָס אין נידער־קאַ־נאדע האָט דער יידישער ישוב זיך אלץ מער פארפעסטיקט, און וואָס ער האָט געהאט דורכגעמאכט די דאָזיקע פארשיידענע קאמפן און עטאפן, זאָלן יידן ביסלעכוויז אויך האָבן אָנגעהייבן אריינדרינגען אין אַנדערע ערטער. דאָס איז פאָרגעקומען פאַראַלעל מיט דעם ווי די דאָזיקע ערטער האָבן זיך גע־נומען צעוואקסן און צו זיך צוציען א גרעסערע באפעלקערונג.

מיר האָבן שוין אָנגעוויזן אז דאָס איז געווען סוף אכצנטן יאָרהונדערט,

---

7) דאָרטן, ז. 852.

ווען זיי האָבן צום ערשטן אויך אָנגעהויבן קומען קיין אויבער־קאַנאַדע, דער דאָזיקער טייל לאַנד האָט מיט זיין ניט באַוואוינטער רחבותדיקייט גענו־מען צוציען צו זיך אַסך מענטשן און צווישן זיי אויך איניקע יידן. די לעצטע האָבן פון צייט צו צייט גענומען קומען אַהין, אָפּט פאַרבלייבנדיק אין די מער באַוואוינטע ערטער לייגער ווי געווינלעך. מיר באַגעגענען פאַלן, וואו דאָ און דאָרט האָט א ייד אפילו געפּרוּווט זיך באַזעצן. געפּרוּווט הייסט עס זיך איינלעבן מיטן פּלאַץ און דאָרט ווערן א תושב.

ווי מיר האָבן שוין דאָס אָבער געזען, איז דאָס געווען א דערשיינונג וואָס האָט ניט געקאָנט לאָזן קיין ווארצלען. צי די אומשטאַנדן זיינען ניט געווען גענוג גינסטיק, צי אַנדערע וויכטיקע סיבות האָבן דאָ געשפּילט א ראָל, אָבער דאָס האָט ניט געפירט צו דער אויסברייטונג פון דער יידישער לעבנס־סביבה איבערן לאַנד, הגם דער באַדן פאַר דעם איז ביסלעכווייז געוואָרן צו־געגרייט.

אין נידער־קאַנאַדע האָט דער יידישער ישוב געדאַרפט דורכמאַכן מע־רערע גלגולים, ביז ער האָט דערגרייכט א מדרגה פון פאַרוואָרצלטקייט. געווינלעך האָבן יידן זיך באַזעצט אין א ניי פּלאַץ, קומענדיק אַהין א קליינע גרופּקע. אויב דאָס איז געווען א יחיד וואָס האָט דער ערשטער געהאַט דורכ־געבראָכן דעם וועג, און אויב ער האָט געזען א מעגלעכקייט צו קאָנען דאָרטן פאַרבלייבן, האָט ער דערמוטיקט נאָך אַנדערע אַז זיי זאָלן אַהין קומען. אויף א געוויסן אופן איז דאָס אייגענע אויך פאָרגעקומען אין אויבער־קאַ־נאַדע, וועלכע האָט אַזוי שפּעט ווי ערשט אָנהייב ניינצנטן יאָרהונדערט, אין 1806, נאָך פאַרמאָגט עטוואָס איבער 70 טויזנט נפשות.

עס איז דעריבער זיך לייכט פאַרצושטעלן אַז אויך קיין יאָרק, די שטאָט וואָס מען האָט איר נאָמען אין 1834 איבערגעביטן אויף טאָראָנטאָ, זיינען יידן געקומען אָ צייט איידער דאָרט האָט זיך אָנגעהייבן א יידישער ישוב. דאָס האָט געמוזט זיין אַן ערך אין די ערשטע יאָרן פון פאַריקן יאָרהונ־דערט, געוויס ניט קיין סך שפּעטער, הגם עס איז שווער צו באַשטימען די גענויע צייט דערפון. עס איז פּונקט אַזוי שווער צו זאָגן מיט וועלכער ניט איז זיכערקייט, ווער יענע ערשטע יידן זיינען געווען און ווי לאַנג זיי האָבן אין אָנהייב דאָרט זיך אויפגעהאַלטן.

צום ערשטן מאָל ווערן יידן אין טאָראָנטאָ דערמאָנט אין א דאָקומענט פון 1817. דאָס איז א צושריפט וואָס דער גענעראַל־פּראָקוראָר האָט אי־בערגעשיקט צו מר. קאַמעראָן, דעם רעגירונג־סעקרעטאַר, צוזאַמען מיט די פּראָווינציעלע סטאַטוטן בנוגע חתונות. עס ווערט דאָרט אָנגעוויזן די פאָרם פון ציווילער הייראַט פאַר אַלעמען, אחוץ פאַר קוויקערס און יידן, מכוח

ווען עס זאָגט זיך, אַז זיי זיינען פון די דאָזיקע געזעצן אויסגענומען, מחמת אין זייער פאַל גילטן די תקנות וואָס זיינען וועגן דעם געווען אין קראַפט אין ענגלאַנד. 8) אין אַנדערע ווערטער הייסט דאָס, אַז דער גענעראַל־פּראָקוראָר האָט אינדירעקט דערמאָנט יידן ווי זיי וואָלטן זיך געהאַט געפונען אין אויבער־קאַנאַדע. ער האָט אָנגעוויזן אויף דעם אויסנעם וואָס מען דאַרף מאַכן אין זייער פאַל און אין דעם פאַל פון דער קוויקער־סעקטע ביים אָנווענדן די ציווילע געזעצן דאָרטן. דאַרף מען דערפון דרינגען, אַז מען האָט פאַר אים פאָרגעבראַכט א קאָנקרעטן פאַל, צי אפשר צוויי, פון א יידישער חתונה, הגם דער ציווילער סטאַטוס פון יידן איז אפילו אין נידער־קאַנאַדע דאַן נאָך ניט געווען קלאָר?

דער ערשטער ייד, וואָס עס איז באַוואוסט אַז ער האָט פרי זיך געפונען אין טאָראָנטאָ, איז דער אויבנדערמאָנטער ארטור וו. האַרט. לויט דעם שטאַטישן אדרעסבוך פון יאָרק פאַר 1833, האָט ער אין טאָראָנטאָ יענעם יאָר געהאַלטן א פאַרזיכערונגס־אַגענטור אונטער דעם פירמע־נאָמען „א. וו. האַרט און קאָמפּאַניע". מען דאַרף פאַרשטייט זיך, אָננעמען, אַז ער האָט דאָרט זיך געהאַט באַזעצט א צייט איידער דער אדרעסבוך איז דערשינען. דער פאַל מיט ארטור וו. האַרט באַשטעטיקט פולשטענדיק דאָס וואָס מיר האָבן פריער געזאָגט וועגן דעם, אַז איינצלנע יידן וואָס האָבן ערגעץ זיך געפונען, האָבן לאַנג זיך ניט אויפגעהאַלטן אויף איין פּלאַץ — סיידן עס זיינען אהין געקומען נאָך יידן. דער זעלביקער א. וו. האַרט, האָבן מיר געזען, האָט אין 1837 זיך אריבערגעקליבן קיין ענגלאַנד. עס איז ניט באַוואוסט ווען ער האָט פאַרלאָזט טאָראָנטאָ, וואו עס האָבן אונטער דער צייט זיך גראָד באַזעצט נאָך יידן. עס איז אָבער יאָ באַוואוסט אַז צוריק קיין טאָראָנטאָ איז ער מער ניט געקומען.

פון נאָך נעמען, אויף וועלכע מיר שטויסן זיך אָן אַרום דער זעלביקער צייט, איז צו דרינגען, אַז דער יידישער ישוב אין דער היינט צווייטער גרעסטער שטאָט פון לאַנד איז אויפגעקומען אין די דרייסיקער יאָרן. מיר טרעפן עטלעכע דזשאָזעפס, וועלכע זיינען געווען די יידישע פּיאָנערן דאָרטן. זייער קומען אהין, פונקט ווי פון אַנדערע יידן, איז ניט געווען אַזוי ספּעקטאַקלדיק און איז זיך ניט צונויפגעפאַלן מיט אַזעלכע עפּאָכע־מאַכנדיקע געשעענישן, ווי דאָס איז מיט א וואָסערע זיבעציק יאָר פריער געווען דער פאַל מיט די יידן וואָס האָבן זיך באַזעצט אין מאָנטרעאָל. זיי האָבן אָבער געלייגט דעם גרונטשטיין פאַר א קליינער יידישער קהילה וואָס איז דאָרטן שפּעטער אויסגעוואַקסן.

---

8) דאָרטן סעריע, באַנד 322, 2־1, ז. 216.

שוין אין יענע יאָרן האָבן די געגומען א היפּשן אָנטייל אין דעם קאָמערציעלן און אינדוסטריעלן לעבן פון דער יונגער שטאָט. דער דאָזיקער אָנטייל האָט, אמת, זיך ניט געקאָנט פאַרגלייכן מיט דער גאַנץ באַזונדערער ראָל, וואָס די ערשטע יידן האָבן געשפּילט אין מאָנטרעאָל, קוויבעק און טהרי ריווערס. פונדעסטוועגן אָבער האָט ער זיך געוואָרפן אין די אויגן. עס איז א פאַקט אויך, אז דעם ערשטן אָנדייט וואָס מיר האָבן וועגן דעם אז יידן האָבן אין קאַנאַדע פרי זיך פאַרנומען מיט דער קליידער־אינדוסטריע, וואָס זיי האָבן שפּעטער אַזוי אַנטוויקלט, האָט אונדז געגעבן די אייגענע שטאָט טאָראָנטאָ.

אין 1834 האָט ל. דזשאָזעף דאָרטן געהאַלטן א קראָם. א ווילִיאָם מייערס, הגם דער נאָמען קלינגט ניט דורכאויס יידיש, איז געווען א דרוקער, און א פּ. י. סאַמועל איז אין אַדרעסבוך אָנגעגעבן פאַר געהילף־סעקרעטאַר און רעגיסטראַר, ד״ה ווי ער וואָלט פאַרנומען אן אָפיציעלן פּאָסטן. מיט אַ יאָר שפּעטער, אין 1835, געפינען מיר דאָרטן די ברידער גודמאַן און שמואל בענדזשאַמין, וועלכע האָבן זיך שפּעטער אריבערגעצויגן קיין מאָנטרעאָל. די בענדזשאַמינס האָבן דאָרטן צוזאַמען געהאַלטן א קליידער־געשעפט אונטער דעם נאָמען „בענדזשאַמין בראָדהערס״, וואָס איז געווען צווישן די ערשטע וויכטיקע אונטערנעמונגען פון דעם מין אין טאָראָנטאָ. זיי האָבן בעת דעם אויפשטאַנד אין 1838 געהאַט א קאָנטראַקט פון דער רעגירונג פון אויבער־קאַנאַדע צוצושטעלן מאַנטלען פאַר די סאָלדאַטן.

אין 1838 זיינען קיין טאָראָנטאָ אויך אָנגעקומען העגרי א. דזשאָזעף און יהודה ג. דזשאָזעף, וועלכע זיינען געווען ווייטע קרובים. יהודה ג. דזשאָזעף איז געבוירן אין ענגלאַנד אין 1798 און ער האָט פון דאָרטן אין 1830 צוזאַמען מיט זיין משפחה אויסגעוואַנדערט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן עטלעכע יאָר. אין 1838 איז ער אַריבערגעקומען קיין קאַנאַדע און האָט זיך באַזעצט אין טאָראָנטאָ. יהודה ג. דזשאָזעף איז געווען א פּייאיקער אָפּטיקער און יואוועליר. ער האָט זיך פאַרנומען מיט זיין פאַך און האָט מיט דער צייט אנטוויקלט א זייער דערפאָלגרייכן געשעפט, האַנדלענדיק מיט צירונג און אָפּטישע אינסטרומענטן. זיין פּלאַץ האָט ער געהאַלטן אויף 56 קינג גאַס איסט.

מר. דזשאָזעף איז געווען א מענטש וואָס האָט דורך זיינע מעלות זיך געמאַכט פּאָפּולער און באַליבט ביי אַלע וואָס האָבן אים געקענט. ער האָט אין ענגלאַנד געהאַט געקראָגן א גוטע דערציאונג, און פון דאָרטן האָט ער מיט זיך אויך מיטגעבראַכט א וואַרעמען חוש פאַר יידישע אינטערעסן, צו וועלכע ער האָט זיך געפילט שטאַרק צוגעבונדן. ער איז געווען זייער אָרטאָ־

דאָקסיש געשטימט און פלעגט צוליב דעם זיך נוהג זיין תמיד צוצושליסן זיין געשעפט פרייטיק פארנאכט פאר שקיעת החמה. ער איז אויך געווען איי־נער פון די ערשטע גרינדערס פון דער יידישער קהילה אין טאָראָנטאָ בעת אַזאַ איז מיט עטלעכע יאָר שפּעטער דאָרטן אויפגעקומען. אינטערעסאַנט איז, וואָס צווישן די ערשטע אַבאָנענטן פונם „אָקסידענט״, וואָס האָט פרי אין די פערציקער יאָרן אַנגעהייבן ארויסגיין אין פילאַדעלפיע, געפינען מיר אויך די נעמען פון י. ג. דזשאָזעף און יוסף בענדזשאמין, פון טאָראָנטאָ.

הענרי א. דזשאָזעף איז געווען א געבירטיקער פון סאָרעל, קוויבעק. אין 1838 איז ער אריבערגעקומען קיין טאָראָנטאָ וואו ער האָט זיך פארנומען מיט פוטערוואַרג־האנדל. ער האָט חתונה געהאט מיט א קריסטלעכער מיידל און האָט אויף אַזאַ אופן ביסלעכוויז פארלאָרן דעם קאָנטאַקט מיט אנדע־רע יידן. מיר געפינען אין טאָראָנטאָ אין די דרייסיקער יאָרן אויך נאָך א דזשאָזעף — גרשון דזשאָזעף. ער איז געווען א סטודענט אין דעם „אַפּער קאַנאַדע קאָלעדזש״ וואו ער האָט געהאט אריינגעטראָטן כדי פּאָרצובערייטן זיך פאר א פּראָפעסיאָנעלער קאַריערע. ער האָט נאָכדעם גענומען א קורס אין טאָראָנטאָ אוניווערזיטעט, וואו ער איז איינער פון די רעגיסטרירטע סטודענטן אָנהייב יאָר 1838. ווען ער האָט געענדיקט דעם קונסט־פאַקול־טעט, האָט ער גענומען א קורס אין יוריספּרודענץ און אויסגעשטודירט אַד־וואָקאַט. ער האָט חוץ דעם פאר א משך פון פינף יאָר אויך געלערנט אונטער הויפּט־ריכטער מערעדיט און ריכטער מאָנדעלע, כדי צו פארפולשטענדיקן זיך אין זיינע ידיעות וועגן געזעץ. גרשון דזשאָזעף איז געווען איינער פון די ערשטע יידישע אדוואָקאַטן אין לאנד וואָס האָבן געהאט באקומען דעם טיטל „קיו. סי.״ (קווינס קאונסילאָר).

אָט די אַלע אויסגערעכנטע זיינען, ווי ווייט דאָס איז באוואוסט, געווען די ערשטע יידן וואָס האָבן זיך באזעצט אין טאָראָנטאָ. עס איז כדאי דאָ אויך צו באַמערקן, אז דאָס ערשטע ליטעראַרישע ווערק, אויב מען קאָן עס אַזוי אָנרופן, וואָס א ייד האָט אין קאַנאַדע אָפּגעדרוקט, איז דערשינען אין יע־נער שטאָט. דאָס איז א פּאמפלעט פון 61 זייטן וואָס איז אין 1844 דאָרטן ארויס, און איז א „איבערבליק איבער די לערעס און דער פּראָפעטישער כראָנאָלאָגיע פון מר. וויליאם מילער״, ווי דאָס ווערק הייסט. 9) דער נאָמען פון דעם מחבר דערפון איז ניט באקאנט. ער באהאלט זיך אונטער דעם פּסעוודאָנים „א איזראַעליט״.

---

9) A Review of the Doctrines and Prophetical Chronology of Mr. William Miller. By an Israelite. Toronto, 1844, 61 pp.

בלויז אַ פּאָר פון די וואָס מיר האָבן דאָ דערמאָנט זיינען געווען דירעקט פאַרבונדן מיט די אָנהייבן פון א יידישער קהילה, וואָס האָט אין טאָראָנטאָ זיך געגרינדעט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער. דער קליינער יידישער קיבוץ דאָרטן האָט צוליב אַזעלכע אָדער אַנדערע סיבות זיך זייער ווינציק פאַרמערט, און עס האָט מחמת דעם א צייט ניט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן באַזאָרגן זיינע הצטרכותן.

אָבער נאָך אַרום מיטן די פערציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט באַגעגענען מיר צווישן דער דאָזיקער קליינער גרופּע א אינטערעסאַנטע פּערזענלעכקייט. דאָס איז געווען יעקב מאיר הירשפעלדער, א באַדייטנדיקער יידישער געלערנטער און אַ קענער פון אָריענטאַלישע שפּראַכן. ער איז געווען שטאַרק פּאָפּולער אין די אינטעלעקטועלע קרייזן פון טאָראָנטאָ, וואו ער איז אין 1845 געווען א אוניווערזיטעט־אינסטרוקטאָר אין העברעאיש.

דעם זעלביקן יאָר האָט ער אויך אָפּגעדרוקט א ווערק צו לערנען דייטש, אויף וועלכן עס ווערט צוזאַמען מיט זיין נאָמען אָנגעגעבן זיין טיטל — „אינסטרוקטאָר אינם אוניווערזיטעט פון קינגס קאָלעדזש, טאָראָנטאָ, און לערער פון אראביש, סיריש און דייטש". ביים סוף בוך געפינט זיך א מוסטער־זייט פון א העברעאישער גראַמאַטיק וואָס ער האָט געהאַט צוגעגרייט אַרויסצוגעבן. ער האָט שפּעטער פאַרעפנטלעכט נאָך אסך אנדערע ארבעטן פון באַדייטנדיקן ווערט. 10)

---

10) DAVID ROME, "Jacob Maier Hirschfelder", in Daily Hebrew Journal, Toronto, December 12, 1940.

## קאַפּיטל עלף

# יידן און דער אויפשטאַנד פון 1837

נאָך אַרום סוף 18טן יאָרהונדערט האָבן אין דער קאַנאַדער לופט גע־נומען ווייען שטאַרקע דעמאָקראַטישע ווינטן, וואָס האָבן אַהער זיך דער־טראָגן פון פאַרשיידענע זייטן. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע איז גע־ווען אין פולן גאַנג בעת מען האָט קאַנאַדע באַווילעקט דעם „קאָנסטיטוציאָ־נעלן אַקט" פון 1791. די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע האָט זיך געהאַט געענ־דיקט מיט איניקע יאָר פריער, אָבער זי האָט אויף די מוחות פון די קאַנאַ־דער, ווי מען האָט זיך עס געקאָנט משער זיין, איבערגעלאָזט גאַנץ קאָנטיקע שפורן. מען האָט וועגן דעם גוט געוואוסט אין ענגלאַנד. מען האָט אין לאָנדאָן אַפילו זיך ניט אויפגעהערט צו שרעקן, אַז סוף כל סוף זאָל אויך די דאָזיקע קאָלאָניע זיך ניט אָנשליסן אָן די אַמעריקאַנער שטאַטן. האָט מען דאָרטן דעריבער גענומען זוכן תחבולות קעגן דעם. מען האָט גענומען טראַכטן וועגן געבן די קאַנאַדער איינוואוינער אַ פרייע ציווילע רעגירונג.

אין קאַנאַדע גופא אגב האָבן דאָס גענומען פאָדערן אַפילו די „יונייטעד עמפּייר לאָיאַליסטן", די וואָס האָבן בעת דעם אַמעריקאַנער אומאָפּהיינ־גיקייט־קריג געוועלט פאַרבלייבן טריי צו ענגלאַנד און זיינען אַריבערגע־קומען זיך באַזעצן אַהער. אויך זיי האָבן גענומען אַרויסווייזן סימנים פון אומצופרידנקייט מיט די אַלערליי מאַכינאַציעס פון דעם עקזיסטירנדיקן פּאָ־ליטישן סיסטעם פון לאַנד, און מיט דעם, ווי אַזוי דאָס דאָזיקע סיסטעם איז פון געוויסע מענטשן מיט איינפלוס אַזוי לייכט אויסגענוצט געוואָרן פאַר זייערע קאָרופּטע אינטערעסן.

צעטיילט און צעריסן איז דאָס לאַנד דעמאָלט געווען פון אינעווייניק. דאָס איז דערצו געווען אַ צעריסנקייט וואָס איז אַרויסגעוואקסן פון טיף־פאַרוואָרצלטע סיבות. ביידע נאַציאָנאַלע פראַקציעס, די ענגלישע און די פראַנצויזישע, זיינען דערפאַר געווען כמעט ווי צוגעגרייט כדי אין 37־1838 אויפצונעמען דעם רוף פון זייערע רעוואָלוציאָנערע פירערס, פון פּאַפּינאָון אין נידער־קאַנאַדע און פון מעקענזין אין אויבער־קאַנאַדע. זיי האָבן אָבער לכתחילה אַליין ניט געוואוסט וואָס זיי האָבן געוואָלט. זיי האָבן זייערע צילן

זיך ניט קלאָר פאָרגעשטעלט. ערשט ווען די ליניע צווישן זיי און דער הערשנדיקער מאַכט איז געוואָרן אלץ שאַרפער, ווען די אָנפירערס פונם אויפשטאַנד זיינען אַרויס מיט מוטיקע, ראַדיקאַלע רופווערטער, האָבן זיך גענומען הערן קאָנקרעטע פאָדערונגען וואָס מען האָט גענומען שטעלן דעם מוטערלאַנד.

די אומצופרידענע מאַסן וואָלטן אין אָנהייב זיך באַנוגנט מיט ווינציק, ווען מען זאָל דאַן דאָס זיי געוועזן געבן. זיי האָבן פאַרלאַנגט בלויז א פאַראַנטוואָרטלעכע פאָלקס־רעגירונג און מער פּאָליטישע פרייהייט פאַר זיך. שפּעטער אָבער, ווען אי פּאַפּינאָ, אי מעקענזי זיינען פאַרכאַפּט געוואָרן פון זייער אייגענעם רעוואָלוציאָנערן אימפּעט, ווען זיי האָבן גענומען אויפבונטעווען דאָס פאָלק און גענומען ריידן אין זיין נאָמען, האָבן זיי גענומען פאָדערן א פרייע דעמאָקראַטישע רעפּובליק לויט דעם מוסטער פון דער דערבייאיקער אַמעריקאַנער רעפּובליק.

דער אמת מוז אָבער געזאָגט ווערן, אז וואָס איז שייך אפילו די קאַנאַדער פראַנצויזן, איז זיי לכתחילה גאָר ניט איינגעפאַלן צו וועלן זיך אָפּרייסן פון ענגלאַנד. זיי זיינען מיט ענגלאַנדס הערשאַפט זיכער געווען אסך מער צופרידן ווי מיט דעם פריערדיקן פעאָדאַלן סיסטעם צו וועלכן זיי זיינען געווען פאַרשקלאַפט, און אונטער וועלכן זיי זיינען פון אלערליי לאַנדבאַראָנען עקספּלואַטירט געוואָרן אויף דעם שרעקלעכסטן אופן. 1) חוץ דעם, האָט די קאַטאָלישע קירך, על פּי דעם „קוויבעק אקט” פון 1774, באַקומען אַלע די פּריווילעגיעס וואָס זי האָט באַדאַרפט. דער זעלביקער „אַקט” האָט אין קוויבעק אויך איינגעפירט דעם פראַנצויזישן ציווילן געזעץ, אַזוי אַז די קאַנאַדער פראַנצויזן האָבן מיט זייערע נייע פּאָליטישע באַלעבאַטים אודאי געקאָנט זיין צופרידן.

אָבער דאָס וואָס די מאַסן האָבן ניט געפאָדערט, ווייל זיי זיינען דערצו געווען פּאָליטיש נאָך ניט דערוואַקסן, 2) האָבן גענומען פאַרלאַנגען די יעניקע וואָס האָבן גערעדט אין זייער נאָמען. און זיי, די מאַסן, די פראַנצויזן פון קוויבעק, האָבן זיך גיך אונטערגעגעבן דעם איינפלוס פון די צו וועמעס וואָרט זיי האָבן זיך צוגעהערט. פּאַפּינאָ, זשאַק ווייזשע, דיווערנע, וואָלפרעד נעלסאָן, מאַרען, טאַשע, זשאָרזש קארטיע און אַנדערע — זייער וואָרט האָט געהאַט א מאָדנעם כּישוף פאר זיי. אונטער זייער וואָרט האָבן זיי דערפילט אז זיי זיינען געוואָרן א כוח, און זיי האָבן געוואָלט דאָס אויסנוצן כדי צו

1) ALFRED D. DECELLES. A Chronicle of the Lower Canadian Rebellion. Toronto, 1920, pp. 2-3.

2) FRANK BASIL TRACY, Tercentenary History of Canada. Vol III, p. 801.

צווינגען אַנדערע אז מען זאָל מיט זיי זיך רעכענען. אונטער דעם כישוף פון דעם דאַזיקן וואָרט איז פאר זיי אויך אויסגעוואקסן דער גאנצער קאָמ־פלעקס פּראָבלעמען פון ראסע, פון קולטור, פון שפּראך, אפילו פון רעליגיע — אָט דער קאָמפּלעקס, מיט וועלכן זיי קאָנען נאָך ביז היינטיקן טאָג זיך קיין עצה ניט געבן — און וואָס זיי האָבן דערזען ווי א וואָנט צווישן זיך און די אַרום זיי.

וואָס פאר א ראָל האָבן די יידן געשפּילט ביי דעם אלעמען, ד"ה ביים העלפן צוגרייטן יענע שטימונג אין וועלכער עס איז געוואָרן מעגלעך דער רעוואָלוציאָנערער אויסבראך, און אויך אין די עצם אומרועז, ווען אַזעלכע האָבן שפּעטער ארומגעכאפּט דאָס לאנד?

מיר האָבן שוין פארבייגייענדיק דאָ דערמאָנט אי דעם „קוויבעק אקט" פון 1774, אי דעם „קאָנסטיטוציאָנעלן אקט" פון 1791, וועלכע ענגלאנד האָט געהאט באַוויליקט קאַנאַדע. אָבער נאָך א צייט פריער איידער זי האָט דאָס געטאָן, איז אין דער קאנאדער קאָלאָניע שוין געווען אָנגעגאנגען א באַוועגונג, וואָס האָט געזוכט אויף דער בריטישער מאַכט אויסצונוצן א גע־וויסן דרוק — אין אָנהייב א מילדן, א פריינטלעכן — אז זי זאָל דאָס טאָן. און שוין אין דער דאָזיקער באַוועגונג האָבן יידן, ווי מיר האָבן שוין דאָס געזען, 3) אין א גרויסער מאָס זיך באטייליקט און זיך געוואָרפן אין די אויגן גאָר ניט לויט דעם ערך פון זייער גאנץ קליינער צאָל.

שפּעטער, בעת די באוועגונג פאר דעם איז זיך צעוואקסן, בעת דאָס גאנצע לאנד איז ארומגעכאפּט געוואָרן פון דעם גייסט פון רעוואָלט, געפינען מיר זיי צווישן די מיט וועמען די רעוואָלוציאָנערע פירערס האָבן זיך באַ־ראָטן וועגן דעם אויפשטאַנד ווען זיי האָבן אים גענומען צוגרייטן. מיר גע־פינען זיי אָבער אויך צווישן די סאמע מוטיקסטע לאָיאליסטן, די וואָס האָבן געקעמפט פאר דעם אז די קאָלאָניע זאָל פארבלייבן בריטיש און זיך ניט אָפּרייסן פון דעם מוטערלאנד, ווי מען האָט מורא געהאט אז דאָס זאָל פּאסירן. עס איז באוואוסט, אז א צאָל יידן האָבן אין די מיליטערישע אָפּטיילן אויף דעם לאָיאליסטישן צד אויך פארנומען הויכע פּאָסטנס.

ארום דער צייט וואָס עס האָט געהאט אויסגעבראָכן דער אויפשטאנד פון 37־1838, האָבן אין דער קאנאדער קאָלאָניע זיך געמוזט געפינען בערך א צוויי הונדערט יידישע נפשות, צי אפשר נאָך ווינציקער. וואָס זייער איי־גענע שטעלונג זאָל ניט האָבן געווען זיין צו דעם וואָס אין לאנד איז פאָר־געקומען און צו די פּרינציפּן וואָס זיינען דערביי געווען פארוויקלט, איז אָבער געווען ניט מער ווי נאטירלעך אז זיי זאָלן צו די דאָזיקע פּאסירונגען,

3) זע קאפּיטל זעקס פון דער דאָזיקער ארבעט.

וואָס האָבן אַרום זיי זיך געהאַט אָפּגעשפּילט, ניט קאָנען בלייבן גאָר גלייכ־גילטיק.

עס איז דאַן געווען ערשט אַ פּאָר יאָר, זינט מען האָט יידן אין קאַנאַדע געגעבן גלייכע פּאָליטישע רעכט. זיי האָבן גוט געוואוסט ווי לאַנג און ווי שווער זיי האָבן פאַר דעם גערדאַרפט קעמפן, וויפל יאָרן עס זיינען געווען אַוועק אין די ביטערסטע סכסוכים, וואָס זיינען אין לאַנד געווען אָנגעגאַנגען, אין דער פאַרביסענער מלחמה וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן אין דער פּרע־סע, אין פּאַרלאַמענט און אין די פּאָליטישע קרייזן בכלל, ביז זיי האָבן ענד־לעך דערגרייכט דעם ציל — זיי זיינען געוואָרן גלייכבארעכטיקטע בריטי־שע בירגער. ווי באַוואוסט, איז עס געווען איינער פון די לעצטע אַדמיניסט־ראַטיווע אַקטן פון לאָרד איילמער, צו געבן זיין הסכמה אויף דעם ביל וואָס דער פאַרלאַמענט פון קוויבעק האָט געהאַט דורכגעפירט, באַווייליקנדיק יידן גלייכע רעכט. די יידן האָבן דערפאַר ניט געקאָנט ניט פילן קיין באַזונ־דערן דאַנק צו דער אָפּיציעלער מאַכט, און צו ענגלאַנד אין אַלגעמיין, פאַר דעם דאָזיקן ליבעראַליזם וואָס מען האָט לגבי זיי אַרויסגעוויזן.

אין דער אייגענער צייט אָבער האָבן זיי אויך ניט געקאָנט ניט האָבן אין זינען אַ געוויסן כאַראַקטעריסטישן פאַקט, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות מיט די באַזונדערע אומשטאַנדן וואָס האָבן איצט געהערשט, און וואָס האָבן גורם געווען, אַז אין קאַנאַדע זאָלן יידן באַקומען גלייכע רעכט — פיל פריער נאָך אפילו ווי אין ענגלאַנד. זיי האָבן ניט געקאָנט פאַרגעסן, אַז די גלייכע רעכט האָבן זיי אַ דאַנק דער פראַנצויזיש־ריידנדיקער מערהייט אין פּאַר־לאַמענט, מיט דעם פּאַרזיצער לואי־זשאָזעף פּאַפּינאָ בראש, וואָס האָבן גע־שטימט פאַר דעם אַז מען זאָל זיי אין נידער־קאַנאַדע מאַכן פאַר גלייכע ברי־טישע בירגער, ווי זיי האָבן דאָס פאַרלאַנגט.

דערפאַר, ווען מען האָט אין דער לופט געקאָנט נעמען שפּירן די אָנ־קומענדיקע אומרוען, ווען עס איז געוואָרן קאָנטיק, אַז קאַנאַדע הייבט אָן פאַרכאַפּט ווערן פון די ווינטן וואָס האָבן צו איר זיך געהאַט דערטראָגן ווי אַ פאַרשפּעטיקטער, אָבער דאָך שטאַרקער אָפּקלאַנג אי פון דער פראַנצוי־זישער רעוואָלוציע, אי פון דעם אַמעריקאַנער אומאָפּהענגיקייט־קריג — זיינען די יידישע געפילן געווען אַביסל צעטיילט. עס איז אַ טעות צו מיינען, ווי דאָס איז געוויינלעך געווען אָנגענומען, אַז די יידן האָבן גענומען אָן אָנ־טייל בלויז אויף דעם לאָיאַליסטישן צד אַליין. די יידישע סימפּאַטיעס זיינען אויך געווען מיט די פראַנצויזישע פּאַטריאָטן, אויף ווי ווייט זיי האָבן אין די פאָדערונגען פון די לעצטע געקאָנט זען דאָס וואָס זיי האָבן באַטראַכט פאַר גערעכט און פאַר יושרדיק.

דאָס איז באזונדערס געווען דער פאַל אין יענע טיילן פון דער נידער־קאַנאַדער פּראָווינץ, וואו עס איז זיי אויסגעקומען צו געפינען זיך צווישן א דורכאויס פראנצויזיש־ריידנדיקן עלעמענט. און דאָס האָט אפשר אנ־דערש ניט געקאָנט זיין, וויסנדיק אז זיי האָבן געדארפט זיך רעכענען מיט די סענטימענטן און די געפילן פון די צווישן וועמען זיי האָבן געוואוינט.

אויף א כאראקטעריסטישן אופן באלייכט דאָס פאר אונדז דער באוואוס־טער פראַנצויזיש־קאנאדער היסטאָריקער באַנזשאמען סילט, דורך א זייער טשיקאַווער געשיכטע וואָס ער גיט איבער אין איין פלאַץ פון זיינע געזאמלטע היסטאָרישע שריפטן. ווי מען קאָן דערפון דרינגען, זיינען די וויכטיקסטע פלענער פאר דער גאַנצער טעטיקייט פון די פראנצויזישע פאטריאָטן ביז צום אויסבראָך פון דעם פאקטישן אויפשטאנד, אויסגעארבעט געוואָרן אין הויז פון יחזקאל האַרט, וועלכער האָט ארום יענער צייט זיך גערעכנט צווישן די חשובסטע און סאַמע געאכטסטע בירגער פון טהרי ריווערס.

דאָס קלינגט אייגנטלעך מאָדנע און איז גאנץ להיפוך צו דעם פאטריאָ־טיזם אָדער דער בריטישער לאָיאלקייט, וואָס מען האָט דער הארט־משפחה געווײנלעך צוגעשריבן. איז עס דאָך א פאקט וואָס איז גוט באוואוסט, אז ביי די הארטס אין טהרי ריווערס האָבן תמיד פאַרקערט געסט אפילו פון דער קעניגלעכער פאמיליע און פון דער העכסטער ענגלישער אריסטאָקראַ־טיע. יחזקאל הארט אליין איז געווען נאָענט באפריינדט מיט א פריערדיקן קאַנאַדער גאָווערנאָר, סיר דזשיימס קרעיג, און מיט די מאכט־האָבערס אין קוויבעק. סיר דזשיימס קרעיג, ווי דאָס איז אויך באוואוסט, האָט צוליב אים אפילו געהאָט געפירט א פערזענלעכן קריג מיט דער פראנצויזישער מער־הייט אין פארלאמענט. אפנים אָבער, אז דער סענטימענט פאר דער באַ־וועגונג וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון די רעוואָלוציאָנערן איז צווישן דער פראנצויזישער באַפעלקערונג אין אָנהייב געווען אַזוי שטארק, אז די וואָס זיינען מיט דער דאָזיקער באַפעלקערונג געקומען אין שטענדיקן באריר, האָבן דאָס ניט געקאָנט אויסמיידן. דער דאָזיקער סענטימענט איז געוויס געווען שטאַרק אין אַזאַ פלאַץ ווי טהרי ריווערס, און יחזקאל הארט איז דער־פון באַאײַנפלוסט געוואָרן, ער איז פון דעם אפילו מיטגעשלעפּט געוואָרן.

באַנזשאמען סילט דערציילט, אז אַרום 1835, ווען אַלע זיינען געווען אויפגערודערט צוליב דעם רעוואָלוציאָנערן מאניפעסט אָדער מעמאָראַנ־דום, די באַרימטע „צוויי און ניינציק רעזאָלוציעס", איז יחזקאל האַרט גע־שטאַנען אין דער נאָענטסטער פארבינדונג מיט די רעוואָלוציאָנערע פי־רערס. הגם די שטימונג איז דאַן געווען א זייער אָנגעצויגענע, א פארשארפּ־טע, און מען האָט אויף די יעניקע וואָס זיינען פאר דעם געווען פאראנט־

וואָרטלעך, געקוקט ווי אויף פּאָליטיש־געפּערלעכע מענטשן, האָט ער ווי עס זעט אויס, דאָך געהאַט אָנגעהאַלטן מיט זיי א פּערזענלעכן קאָנטאַקט און זיך מיט זיי געפונען אין די פריינדלעכסטע באַציאונגען.

דאָס איז געווען דער עיקר דורך די „צוויי און ניינציק רעזאָלוציעס", וואָס דער זייער פאַרביטערטער פּאָליטישער קאַמף אין דער פאָלקס־פאַר־זאַמלונג פון נידער־קאַנאַדע האָט געהאַט דערגרייכט זיין קלימאַקס. אויף פּאַפּינאָן און אויף די וואָס זיינען געשטאַנען מיט אים האָט מען דאַן שוין געקוקט ווי אויף די פאַרביסענע, אומקאָמפּראָמיסלעכע שונאים פון ענגלאַנד. אָבער אַרום יענער צייט האָט יחזקאל הארט דוקא פאַרופן צו זיך אין הויז די וואָס האָבן געפּערעדיקט אומלאָיאַלקייט און געהעצעט דאָס פאָלק צו רע־וואָלוציע, און ער האָט פון זייערטוועגן געמאַכט א הוליאַנקע אויף דעם גאָר גרויסן שטייגער. עס האָבן זיך דאָ געהאַט געפונען די סאַמע קעפּ פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג — פּאַפּינאָ, דער באַוואוסטער פראַנצויזיש־קאַנאַדער שריפטשטעלער זשאַק וויזשע, וועלכער איז אויך געווען ערשטער מעיאָר פון מאָנטרעאָל, רוא דע פּאָרטעלאַנס, און אסך אַנדערע. מען האָט אהער אויך געהאַט געלאַדן אַלע ענגליש־ריידנדיקע בירגער פון טהרי ריי־ווערס, אָבער מיט איין איינציקן אויסנעם האָבן זיי צוליב פּראָטעסט זיך אַלע אָפּגעזאָגט צו קומען. זיי האָבן ניט געוועלט נעמען קיין אָנטייל אין אַזאַ, ווי זיי האָט זיך אויסגעזען, ניט גאָר כשרן אונטערהאַלט. זיי איז געווען שטאַרק דערווידער דער געדאַנק, אַז אין דעם הויז פון יחזקאל הארט, א הויז וואו די גאַנצע ענגלישע אַריסטאָקראַטיע פון לאַנד פלעגט זיך אָפּט צו־נויפקומען, זאָל מען פּראַווענען אַזאַ שמחה לכבוד די פירער פון רעוואָ־לוציע. 4)

וואָס פאַר אן איינדרוק זיין דעמאָלטיקע האַנדלונג האָט געקאָנט אי־בערלאָזן אויף די ענגלישע קרייזן מיט וועלכע ער איז געווען געקניפּט און געבונדן, איז ניט שווער צו זאָגן. אָט דעם דאָזיקן פאַר זיי פאַרדריסלעכן פאַקט האָט מען דאָרט ניט געקאָנט באַטראַכטן אַנדערש, סיידן אַז האַרט האָט זיך אָפּן געשטעלט אויף דער זייט פון די וואָס האָבן געפירט אן אַנטי־בריטישן קאַמף.

אן אַנדער פאַקט וואָס באַנזשאַמען סילט גיט איבער, איז וועגן דער ראָל פון יחזקאל הארטס זון, אַדאָלף־מרדכי הארט, וועלכער איז געווען א זשורנאַליסט און אַ באַוואוסטער אַדוואָקאַט אין טהרי ריווערס. אין 1837 איז ער פיל מאָל אויפגעטרעטן אין געריכט, פּאַרטיידיקנדיק אַרעסטירטע רע־

4) BENJAMIN SULTE, Pages d'histoire du Canada, 1891, p. 424; idem, Mélanges historiques, vol. 19, pp. 54-55.

בעלן, בעת איינעם אַט אַזאַ פּראָצעס, איז ער אפילו אליין באשטראָפט גע־וואָרן מיט א שעה געפענגעניש און צו באַצאָלן פינף לואיס פאר „קאָנ־טעמפּט אָוו קאָורט". 5) געוויינלעך איז עס געווען אָנגענומען, אז בלויז אדוואָקאטן וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט די צילן פון די רעבעלן האָבן געפּועלט ביי זיך, אַז זיי זאָלן פאר די לעצטע אויפטרעטן אין געריכט און זיי פּארטיידיקן. אזוי האָט מען דאָס געהאַט פארשטאַנען, און פון דעם שטאַנדפּונקט האָט מען אנדערש אויך ניט געקאָנט באטראכטן די האַנד־לונג פון דעם יידישן אדוואָקאַט אין טהרי ריווערס.

אינטערעסאַנט איז אויך וואָס ביי א רעוואָלוציאָנערער פארזאַמלונג וואָס איז דעם 5טן אפּריל 1834 אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין טהרי ריווערס, זיינען משה הארט (א ברודער פון יחזקאל הארט) און העגרי יודא, אַן אַד־וואָקאַט אין יענער שטאָט, אַרויסגעטרעטן מיט פייערדיקע רעוואָלוציאָנע־רע רעדעס. זיי האָבן אין ביטערע ווערטער פארדאַמט די ביוראָקראַטישע מעטאָדן פונם רעזשים אין קוויבעק און זיינע אויסנוצונגען פון מאַכט. 6) זייערע רעדעס זיינען פאר אלע ביי־געווזענע געווען א שטאַרקע איבעראַ־שונג. ביידע האָבן דערמיט געוויזן, ווי נאָענט עס זיינען זיי געווען די צילן פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג.

דאָס איז געווען נאָך אַרום דער צייט, ווען די גאַנצע פראַנצויזיש־קאַ־נאַדער אינטעליגענץ איז געווען פארכאַפּט פון די דעמאָקראַטישע לאָזונגען מיט וועלכע פּאַפּינאָ און זיינע פריינט זיינען געווען אַרויסגעקומען. די דאָזיקע אינטעליגענץ איז דאַן געווען שטאַרק אידעאַליסטיש געשטימט. זי האָט געהאַט געחלומט פון אסך זאַכן. שפּעטער, בעת זי האָט דערזען אז אירע חלומות ווערן צערונען און זי האָט זיך גענומען אונטערגעבן, איז איר ענטוזיאַזם אַוועק ווי רויך. עס דאַרף דערפאר ניט וואונדערן ווען מיר דערוויסן זיך, אַז בעת אין טהרי ריווערס איז די שטימונג געוואָרן אַן אַנ־דערע און דער גייסט וואָס האָט דאָרט פריער געהאַט אינספּירירט דעם פראַנצויזישן עולם איז פארשוואונדן, האָבן אויך משה הארט און העגרי יודא פארגעסן אין זייערע פייערדיקע רעוואָלוציאָנערע רייד.

אָבער די דאָזיקע אלע עפּיזאָדן און אינצידענטן זיינען כאַראַקטעריס־טיש. זיי דערציילן אונדז וועגן דער ראָל וואָס יידן האָבן געשפּילט בעת אַט יענער צייט פון אומרו און אויפרעגונג אין דער קאַנאַדער קאָלאָניע. ניט קיין סך האָבן פונדעסטוועגן זיך געלאָזט מיטרייסן מיט דעם רעוואָלוציאָ־

5) Idem, Pages d'histoire du Canada, 1891, p. 430.

6) HERVE BIRON, "Les troubles de 1837", L'Action catholique, Québec, 18 avril 1937.

נערן שטראָם. דער גרויסער רוב פון צווישן זיי, מוז מען דאָ אונטער־שטרייכן, זיינען דוקא מיטגעגאַנגען מיט די מערערע. אין דעם האָט זיך אויסגעדריקט זייער באַציאונג צו דעם לאַנד, צו וועלכן זיי האָבן געהאַט גענוג גרונט צו פילן זיך אי צוגעבונדן, אי דאַנקבאַר — פאַר די פרייהייטן וואָס מען האָט זיי דאָ געגעבן. דאָס רוב ענגלישע ייִדן, איז דאָס פון זייער זייט אויך געווען ניט מער ווי נאַטירלעך. זיי האָבן גלייך ביי די ערשטע סימנים פון דעם אויפשטאַנד זיך אָנגעשלאָסן אין די לאָיאַלע רייען, צו־שטייענדיק צו די וואָס זיינען פאַרבליבן טריי צו ענגלאַנד און געוואָלט קעמפן פאַר דעם, אַז קאַנאַדע זאָל פאַרבלייבן אַ טייל פון דער אימפּעריע.

אין די געשעענישן פון 1838־37 האָבן די ייִדן דערפאַר זיך געמוזט אָנזען. זייערע נעמען באַגעגנט מען אין פאַרבינדונג מיט וויכטיקע מיליטערישע אָפּעראַציעס. אויף ווי ווייט זייער קליינע צאָל האָט דאָס דער־לויבט, האָבן זיי זיך געפונען כמעט אומעטום וואו הילף איז גיך אָרגאַני־זירט געוואָרן, כדי צו פאַרטיידיקן די בריטישע אינטערעסן. מיט אַט דער אויפפירונג האָבן זיי אויף די ענגלישע קרייזן געמאַכט אַ באַזונדערס גוטן איינדרוק.

ייִדן האָבן זיך געפונען אין אַסך פון די באַטאַליאָנען, וואָס די לאָ־יאַלע בירגער האָבן אויף גיך צוזאַמענגעשטעלט. זיי זיינען ביי מערערע וויכטיקע פונקטן אויך געווען פאַרבונדן מיט דער הויפּט־קאָמאַנדע און מיט דער מיליטערישער וואַך דאָרטן. אַ פּאָר ייִדן האָבן אפילו קאָמאַנדירט מיט מיליץ־אָפּטיילן און האָבן אָנגעפירט די שלאַכטן פון די דאָזיקע מיליץ־אָפּטיילן מיט די רעבעלן. מיט דעם קוראַזש און פּאַטריאָטיזם וואָס זיי האָבן אַרויסגעוויזן ביים העלפן אונטערדריקן דעם אויפשטאַנד, האָבן זיי שטאַרק אויסגענומען ביי סיר דזשאָן קאָלבאָרן, דעם מיליטערישן איבער־קאָ־מאַנדיר, וועלכער האָט געהאַט די אויפגאַבע איינצושטעלן אָרדענונג אין לאַנד.

אין דעם פּרט האָבן זיי לייכט זיך געלאָזט מיטרייסן מיט דעם אַלגע־מיינעם שטראָם, זיך געלאָזט מיטרייסן פון דער ענגלישער מערהייט. עס וועט זיין אינטערעסאַנט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַלעמען דאָ איבערצו־געבן אייניקע באַוואוסטע פאַקטן, וואָס דערציילן ווי אַזוי ייִדן האָבן געקעמפט אין די לאָיאַלע רייען און זיך באַטייליקט אין די אָפּעראַציעס ביי געוויסע פונקטן.

דעם 7טן נאָוועמבער 1837, האָט קאַפּיטאַן אליעזר דוד באַקומען אַ באַפעל צו פּאַטרולירן די גאַסן פון מאָנטרעאַל און ער האָט אונטער זיין קאָמאַנדע איבערגענומען די קאַוואַלעריע. דאָס איז געווען נאָך אַ בלוטיקן

צוזאַמענשטויס וואָס איז אין שטאָט פאָרגעקומען צווישן די ענגלישע „קאָנסטיטוציאָנאַליסטן" און די פראנצויזישע „זין פון פריהייט". מען האָט דעמאָלט שטארק מורא געקראָגן אַז די אומרועז זאָלן זיך ניט צעוואקסן און אָננעמען א נאָך מער ערנסטן כאראקטער. זיין עובדה איז געווען, צו זען פארמיידן נאָך אזעלכע צוזאמענשטויסן. דעם 10טן נאָוועמבער האָט מען ליי־טענאנט משה־שמואל דוד געשיקט קיין סט. דזשאָן מיט א קאַוואַלערישן אָפּ־טייל, כדי אז ער זאָל ארעסטירן די דאָרטיקע פירערס פון אויפשטאנד. ארום דער אייגענער צייט האָט אן אנדער מיטגליד פון דער דוד־משפחה, דר. אהרן־הארט דוד, זיך אָנגעשלאָסן אין דער מאָנטרעאָלער שיסער־ברי־גאַדע. ער האָט געהאַט די אויפזיכט איבער דער מעדיצינישער הילף ביי דער בריגאדע. 7)

אין דעם פראנצויזיש־יידישן זשורנאל „ארשיוו איזרעאליט" פאר דעם יאָר 1842, ד"ה פיר יאָר נאָך דעם אויפשטאנד, ווערט דערציילט וועגן דעם באַזונדערן אופן ווי די קאנאדער יידן האָבן זיך באַטייליקט אין די רעוואָ־לוציאָנערע אומרועז פון יענער צייט. צווישן אַנדערע זאַכן ווערט דאָרט אי־בערגעגעבן, אַז בעת דער שלאַכט ביי סט. טשארלס, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 25טן נאָוועמבער 1837, האָט קאפּיטאן אליעזר דוד קאָמאנדירט די קאַוואַלעריע. דאָס פערד אויף וועלכן ער איז געריטן, איז בעת דער שלאכט דערשאָסן געוואָרן אונטער אים, אָבער ער אליין איז געבליבן אומבאשע־דיקט. 8) פאר זיין אויסצייכענען זיך, האָט סיר דזשאָן קאָלבאָרן מיט א פאָר טעג שפּעטער אים דערהויבן צו א העכערן מיליטערישן ראנג — צום ראנג פון מאיאָר.

יעקב־הענרי דזשאָזעף (1814־1907) האָט געדינט מיט די טרופּן אין שאמבלי און ביים רישעליע טייך. מען האָט אים געהאט אָנגעטרויט איבערצו־טראָגן וויכטיקע מעלדונגען צווישן סיר דזשאָן קאָלבאָרן און גענעראל וועד־הערא̈ל. ער פלעגט זיי איבערפירן ביינאַכט, באהאַלטנדיג די פּאַפּירן אין זיין לעדערנעם אונטערשלאַק, כדי אויסצומיידן אַז זיי זאָלן ניט אַריינפאַלן צו די רעבעלן. זיין ברודער דזשעסע דזשאָזעף (1817־1904), וועלכער האָט שפּע־טער געשפּילט אזא ראָל אין דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג פון מאָנט־רעאָל, האָט אויך זיך געהאט אָנגעשלאָסן אין דער מיליץ. 9)

אין א בריוו, וואָס איז דאַטירט 5טער יולי 1838, שרייבט דער פּרעזי־

---

7) ב. ג. זאק, „דער קאנאדער בירגער קריג מיט הונדערט יאָר צוריק". „קענעדער אָדלער", יאנואר 30טן 1938.

8) Archives Israélites, 1842, Tome III, mai (p. 295).

9) BENJAMIN G. SACK, The Jew in Canada, p. 38.

דענט פון דער מאָנטרעאָלער קהילה צו פריינד אין לאָנדאָן: „די צרות וואָס מיר האָבן דורכגעמאַכט אין די לעצטע ניין חדשים האָבן אונדז געמאַכט פאַרגעסן אין אַלע ציווילע פליכטן, כדי צו דערפילן מיליטערישע. און ווי דאָס זעט צום באַדויערן אויס, האָבן מיר דערמיט נאָך ניט געענדיקט״. [10]

דורך דער גאַנצער צייט פון דעם אויפשטאַנד זיינען די יידן געווען אויסערגעוויינלעך טעטיק אין אַלע צווייגן פון מיליטערישן דינסט. זיי האָבן אָפט אויסגעפאָלגט אינסטרוקציעס און דורכגעפירט אויפטראָגן וואָס זיינען געווען פאַרבונדן מיט געפאַר, ווי למשל האלטן וואַך ביינאַכט אָדער איבערפירן וויכטיקע מיליטערישע ידיעות. דאָס האָט דאָס אינערלעכע לעבן פון דעם קליינעם יידישן קיבוץ, פאַרשטייט זיך, שטאַרק צערודערט און דיזאָרגאַניזירט. די וויכטיקסטע יידישע קהילה, אין מאָנטרעאָל, האָט צוליב דעם פיל געליטן.

זייער אסך מאַטעריאַל, מערסטנס פון אַ ריין כראָנאָלאָגישן כאראקטער, וועגן דער ראָל וואָס יידן האָבן געשפּילט אין דעם אויפשטאנד, געפינען מיר אין דעם „טאָגבוך״ פון דער דוד־פאַמיליע — א משפחה פון די ערשטע יידישע תושבים אין לאַנד. דאָס דאָזיקע „טאָגבוך״ איז אַ וויכטיקער היסטאָרישער דאָקומענט וואָס איז אין קאַנאַדע אויפגעהאַלטן געוואָרן אין כתב־יד. אָנגעהייבן פירן די דאָזיקע רשימה אַזוי צו זאָגן פון דאַטעס און געשעענישן, וואָס האָבן געהאַט א שייכות צו מיטגלידער פון דער דאָזיקער משפחה אָדער צו אַנדערע יידן, אָדער וואָס האָבן אין יענער צייט געקאָנט האָבן א אינטערעס פאר קאנאדער בכלל, האָט שמואל דוד. ער איז געווען א זון פון לאַזאַרוס דוד, וועלכער איז קיין קאנאדע געקומען צוזאמען מיט די ערשטע יידישע פּיאָנערן, וואָס האָבן נאָך דער בריטישער אָקופּאַציע זיך באַזעצט אין מאָנטרעאָל, וואו שמואל דוד איז געבוירן אין 1766. ווען ער איז געשטאָרבן, אין 1824, האָבן זיין „טאָגבוך״ גענומען פירן אנדערע משפחה־מיטגלידער.

אין איין פּלאַץ האָט זיין זון, לייטענאנט משה־שמואל דוד, פאַרנאָטירט א זייער טשיקאוון פאקט וועגן זיך אין שייכות מיט דעם אויפשטאנד. סיר דזשאָן קאָלבאָרן, דער מיליטערישער קאָמאנדאנט, האָט אים געשיקט מיט אַ וויכטיקער שליחות צו סיר פראנסיס העד, דעם גאָווערנאָר פון אויבער־קאַנאַדע, וועלכער האָט דעמאָלט געפירט אַזאַ ביטערע מלחמה קעגן וויליאם לייאָן מעקענזי, דעם רעוואָלוציאָנערן פירער דאָרטן. משה־שמואל דוד באַשרייבט מיט אינטערעסאנטע פּרטים זיין נסיעה פון מאָנטרעאָל קיין טאָראָנטאָ: ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט אין א קאלעש דעם 13טן יאנואר 1838,

---

10) דאָרטן.

אין א שטורעמדיקער ווינטער־נאַכט. ער איז געפאָרן טאָג און נאַכט, ערטער־ווייז וואו עס האָבן איבער אים געגאָסן גוסרעגנס און דורך געפערלעכע זומפן, ביז ער האָט ענדלעך דערגרייכט טאָראָנטאָ — א מהלך וואָס געדויערט היינט זעקס און א האלב שעה מיט דער באן — אין פינף טעג ארום.

באַזונדערס ווערט זיך אָפּצושטעלן איז אויף דער ראָל וואָס בנימין הארט האָט געשפּילט אין יענער צייט. דער אויפשטאנד האָט געהאַט אויסגעבראָכן סוף זומער אינם יאָר 1837. דאָס איז געווען א קורצע צייט נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן א פרידנס־ריכטער. ער איז אויך געווען אן ארמיי־אָפיצער, און די ביידע זאַכן צוזאמען האָבן אים באקליידט מיט אסך וויכטיקע פונקציעס וואָס ער האָט געהאַט דורכצופירן. די דאָזיקע פונקציעס זיינען אויך ניט געווען קיין גרינגע.

ווי פאַר א מאַגיסטראַט, זיינען דעם 4טן נאָוועמבער 1837 פאַר אים פאַרגעלייגט געוואָרן די ערשטע באוויזן מכוח די אומלאָיאלע אקטן פון די רעבעלן, מיט צוויי טעג שפּעטער, דעם 6טן, ווען די רעבעלן האָבן אָנגעהייבן איבערצופאלן און אַטאַקירן די לאָיאַליסטן, האָט ער אליין זיך אַרויסגעלאָזט כדי צו באַקענען זיך מיט די אומרוען. ער האָט פאַר זיך דערזען א טומלענדיקע מאַניפעסטאַציע פון א פּאַר הונדערט מענטשן, אָנגעפירט פון אָ געוויסן נעיסמיטה. ער האָט פאַרגעלייענט דעם „ראַיאָט אַקט״, האָט ארעסטירט דעם אָנפירער און אונטערגעשריבן א רעקוויזיציע צום קאָמאַנדאַנט פונם גארניזאָן ארויסרופנדיק די מיליץ, ווייל די בונטאָווטשטשיקעס האָבן אָנגעהייבן צעשטערן אַלץ און זיך מער ניט געקימערט פאַר קיין שום זאַך. עס איז פאַרגעקומען א צוזאַמענשטויס צווישן די „זין פון פריייהייט״ און די ענגלישע קאָנסטיטוציאָנאַליסטן פונם „דאַריק קלוב״, און די לעצטע האָבן ביסלעכווייז געקראָגן די אויבערהאַנט. זיי זיינען באַפאַלן דאָס הויז פון לואי־זשאָזעף פּאַפּינאָו און האָבן פארניכט די רעדאַקציע פון זיין צייטונג „ווינדיקייטאָר״. זיי וואָלטן געוויס אויך געמאַכט א חורבן פון די היימען פון די רעבעלן, וואָס זיי האָבן זיך געקליבן יענע נאַכט צוצושטערן אָדער אוועקצולאָזן מיטן רויך, ווען ער זאָל דאָס ניט געווען זוכן צו פאַרהיטן.

אויף זיין פארלאנג האָט די מיליץ עטלעכע טעג נאָכאנאנד פּאַטרולירט די גאסן פון מאָנטרעאָל. דורך די נעכט פון דעם 6טן, 7טן, 8טן און 9טן נאָוועמבער, האָט ער אויף זיך גענומען א אויפגאַבע, וואָס האָט אין זיך איינגעשלאָסן זיינע מיליטערישע און מאַגיסטראלע פונקציעס צוזאַמען. מען האָט אין זיין רשות איבערגעגעבן די מיליץ מיט וועלכער ער זאָל האלטן וואַך איבער דער שטאָט, ווייל מען האָט עס באַטראַכט פאַר ניט גאָר גע־

וואונטשן איבערצולאָזן דאָס אויף די הענט פון א פראנצויזיש־קאַנאַדער מאַ־גיסטראַט. כמעט דריי חדשים נאָכאנאנד האָט ער זיך געפונען אין דער מאַ־גיסטראַטור פון מאָנטרעאָל, וואו מען האָט פאר אים פאַרגעלייגט קלאָגעס און באַווייזן, און וואו ער האָט אויף דעם אויפטראָג פונם גענעראל־פּראָ־קוראָר אַרויסגעגעבן איבער הונדערט ארעסט־באַפעלן קעגן מענטשן וועמען מען האָט געהאַט באַשולדיקט אין הויך־פאַראַט.

טייל האָבן דעמאָלט געגלויבט, אז די רעגירונג פון איר זייט וועט ניט זוכן צו באַשיצן קיינעם פון די מאַגיסטראַטן אין פאַל פון קלאָגעס פאר פאַלשע אַרעסטן. אסך פון די בריטישע מאַגיסטראַטן האָבן דעריבער זיך אָפּגעזאָגט פון זייערע אַקטיווע פליכטן, ווייל זיי האָבן ניט געוואָלט נעמען אויף זיך קיין ריזיקע. אסך בירגער און געשעפטסלייט האָבן צוליב דעם מורא געקראָגן, אַז די שטאָט וועט בלייבן אומבאַשיצט. זיי האָבן דערפאַר זיך גע־ווענדט צו בנימין הארט און אים געבעטן ניט צו לאָזן זיך איינשרעקן. אין דער אייגענער צייט האָט מר. דעי, דער גענעראל־פּראָקוראָר, זיך געווענדט צו אים מיט פונקט אַזאַ בקשה. ער האָט אים פאַרזיכערט, אַז אויב אימיצער וועט קעגן אים פאָרפירן א פּראָצעס און אויב אַפילו מען וועט אים צו־משפּטן צו באַצאָלן פאַר געליטענע שאָדנס, וועט ער, דער גענעראל־פּראָ־קוראָר, אים פאַרטיידיקן, און אַז די מאָנטרעאָלער געשעפטסלייט וועלן אים אינדעמניזירן פאַר אַלע פאַרלוסטן.

די בריטישע געהיים־אַגענטן וואָס האָבן דאַן זיך געפונען אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן, האָבן אַלע זייערע ידיעות און אויסקונפטן געשיקט צו בנימין האַרט, וועלכער האָט עס איבערגעגעבן צו דער רעגירונג. כמעט אין די מערסטע פאַלן אויך וואו אַרעסטירטע האָבן זיך מודה געווען, איז דאָס געווען ער וועלכער האָט אין געפענגעניש אַרונטערגענומען זייער „וידוי״. ער האָט חדשים אוועקגעגעבן אויף דעם און אויף ענלעכע אויפגאַבעס וואָס ער האָט געהאַט דורכצופירן.

דעם 4טן נאָוועמבער 1838, נאָך דעם ווי דער אויפשטאַנד האָט געהאַט אויסגעבראָכן צום צווייטן מאָל, האָט גענעראל קליטהערטאָן אין נאָמען פון דעם מיליטערישן אויבער־קאָמאַנדיר סיר דזשאָן קאָלבאָרן, אים געבעטן, אַז ער זאָל לאָזן אַרעסטירן יעדן איינעם אויף וועמען ער (הארט) וועט האָבן א חשד אַז ער איז א אָנפירער פון די בונטאָוושטשיקעס. מען האָט דעמאָלט מורא געקראָגן, אז דער באַנייטער אויפשטאַנד זאָל זיך ניט צעוואַקסן און מען האָט קעגן דעם זיך געוואָלט באַוואָרענען. דעם דאָזיקן באַפעל האָט האַרט אויסגעפירט, לאָזנדיק אין יענעם טאָג אַרעסטירן איבער צוואַנציק פון די אָנפירערס. אָן אנדער אינצידענט מיט וועלכן זיין נאָמען איז געבליבן

פארבונדן, האָט פאסירט אין חודש מאַי 1839. כאָטש די אומרועז זיינען דאן שוין געווען אונטערדריקט, זיינען א פּאָר פארבליבענע רעבעלן באפאלן לייטענאנט־קאָלאָנעל באַרנאַרד און מאַיאָר דיקסאָן, פון סיר דזשאָן קאָל־באָרנס סטאף. זיי וואָלטן זיי ביידן געוויס געווען דערמאָרדעט, ווען האַרט וואָלט איינשטעלנדיק זיין אייגן לעבן זיי ניט געקומען צו הילף און ארויס־געראַטעוועט. 11)

מען וואָלט געקאָנט אָנווייזן אויף נאָך ביישפּילן פון זיין פארבינדונג מיט די דעמאָלטיקע געשעענישן, דער עיקר ווי אַזוי ער האָט זיך אויסגע־זעצט צו פארשיידענע געפארן ביים אויספירן זיינע פליכטן. די ענגלישע איינוואוינער האָבן דאָס פון זיין זייט אָפּגעשעצט ווי אַן אקט פון גרויס אי־בערגעגעבנקייט צום לאַנד.

בנימין האַרט איז אין זיין צייט געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע ביר־גער אין מאָנטרעאָל. פאר אַ משך פון כמעט פערציק יאָר כסדר איז ער גע־ווען הויפּט געריכט־געשוואוירענער פאר דעם דיסטריקט פון מאָנטרעאָל און טהרי ריווערס. אַ לאַנגע צייט איז ער אויך געווען איינער פון די עקזע־קוטיוו־מיטגלידער פון דעם מאָנטרעאָלער „קאָמיטעט פאר האנדל", וואָס האָט שפּעטער איבערגעביטן דעם נאָמען אויף דער היינטיקער „באָרד אָוו טרייד".

דאָס איז באמת געווען אַ שווערע און קריטישע צייט וואָס קאנאדע האָט דעמאָלט דורכגעמאַכט. די אומרועז האָבן זי געהאט צערודערט ניט בלויז פּאָ־ליטיש נאָר אויך עקאָנאָמיש, און די רעזולטאטן דערפון האָבן אָנגעהאלטן היפּשע עטלעכע יאָר. א סך סוחרים און געשעפטסלייט האָבן צוליב דעם זיך דערפילט שטאַרק באַרירט, מחמת די ניט זיכערע באַדינגונגען האָבן זיך שלעכט אָפּגערופן אויף יעדן געשעפטלעכן פארקער און אויף דעם גאנצן פינאנציעלן באַזיס פון לאַנד. פּאפּינאָס רוף אין 1835, אז זיי זאָלן פון די ביינק פארלאַנגען גאָלד אַנשטאָט פּאַפּיר־געלט, האָט ביים עולם אַרויסגערופן א אומצוטרוי צו די לעצטע.

אין פארבינדונג דערמיט איז אינטערעסאַנט דאָ צו דערציילן וועגן דעם פינאנציעלן עקספּערימענט וואָס משה האַרט האָט געמאַכט — אַן עקספּערי־מענט, וואָס האָט אים אויסגעשטעלט פאר איינעם פון די פּיאָנערן פונם פּרי־וואַטן באנק־געשעפט אין לאנד. ער האָט אליין געגרינדעט אַ באַנק, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט אייגענעם פּאַפּיר־געלט אין פארשיידענע דענאָמינאַציעס. די באַנק האָט עקזיסטירט פון 1835 ביז 1847, ווען משה האַרט איז גע־שטאָרבן און זי האָט זיך צוגעמאכט. זי האָט ניט באנקראָטירט און האָט אויך

11) The Archives, Series "Q", 1840, p. 382.

ניט אָפּגעשטעלט אירע צאָלונגען, — זי האָט בלויז צוריקגערופן איר געלט. אַרום יענער צייט, נאָך דעם ווי די רעגירונג פון נידער־קאַנאַדע האָט אויף דער בקשה פון אסך פון די גרויסע סוחרים און ניט געקוקט אויף פּאַפּינאָוס רעוואָלוציאָנערן רוף, דוקא אָפּגעשטעלט אלע מזומן־צאָלונגען, האָבן איי־ניקע רייכע געשעפטלייט געגרינדעט אייגענע ביינק. איבערהויפּט האָט דאָס פּאַפּיר־געלט פון די דאָזיקע פּריוואַטע ביינק צירקולירט צווישן די קאַ־נאַדער פראַנצויזן. זיי האָבן דאָס אָנגענומען אסך מער גערן ווי אפילו דאָס געלט פון דער „באַנק אָו מאָנטרעאַל". דאָס איז געווען צוליב דעם וואָס די אייגנטימערס פון די דאָזיקע פּריוואַטע ביינק זיינען צו זיי מערסטנס געווען באַוואוסט, און משה האַרט איז געווען איינער פון זיי.

משה האַרט איז געווען א מענטש וואָס איז געווען עקצענטריש און מיט אסך אמביציע. ער האָט זיך אפילו ארומגעטראָגן מיט דעם געדאנק וועגן אַן אוניווערסאַלער רעליגיע. אין 1818 האָט ער אונטער דעם טיטל „מאָדערן רעלידזשען" אָפּגעדרוקט א בראָשור וועגן דעם. אים האָבן אָבער געפעלט די פייאיקייטן און יענער געזונטער, פּראַקטישער חוש, וואָס זיין פאָטער אהרן האַרט האָט פאַרמאָגט. חוץ זיינע אַנדערע פינאַנציעלע געשעפטן, האָט ער אויך אָפּערירט די דאמפערס „טאָראָנטאָ" און „מאָנטרעאַל" צווישן מאָנט־רעאַל, טהרי ריווערס און קוויבעק.

צי דאָס איז געווען דער נאַטירלעכער גאַנג פון זאַכן אָדער די אומ־שטאַנדן זיינען פאַר דעם געוואָרן גינסטיק, אָבער א ענדערונג האָט ארום דער צייט זיך גענומען מערקן אין יידישן לעבן. דער יאַרצענדליק וואָס איז באצייכנט געוואָרן דורך דעם אויפשטאַנד, איז אויך געווען דער אָנהייב פון א נייער און מער אינטערעסאַנטער תקופה צווישן די יידן פון קאַנאַדע. דאָס איז געווען א צייט פון איבערגאַנג וואָס זיי האָבן דורכגעמאַכט, א צייט פון אויסגעברייטערטע קהילה־אינטערעסן און פון א מער פאַרצווייגטער געזעל־שאַפטלעכקייט. אַלץ האָט צווישן זיי מיטאַמאָל באַקומען אביסל מער פּאַר־נעם, און דאָס איז געוואָרן א שטריך וואָס האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן.

אין דעם „טאָגבוך" פון משה מאָנטעפיאָרע געפינען מיר אַ אינטערע־סאַנטן אָנמערק פאַר דעם יאָר 1838, וואָס קאָן דאָ דינען ווי א שליסל צו דער דערשיינונג. דאָס איז אַז אַסך ענגלישע יידן האָבן דעמאָלט אָנגעהייבן אויסוואַנדערן קיין ניי־דרום וויילס און קאַנאַדע. 12) עס איז דערפאַר קיין ספק ניט, אַז דאָס צוקומען פון די דאָזיקע עמיגראַנטן איז פאַר דעם יונגן קאַנאַדער יידישן ישוב געווען א געווינס. דאָס האָט דעם אָרטיקן יידישן לעבן געגעבן א שטויס פאָראויס.

12) Diaries of Sir Moses and Lady Montefiore, edited by Dr. L. Loewe, 1890, vol. I, p. 167.

# דער מער אקטיווער יידישער פעריאָד

## קאַפּיטל צוועלף
## אָנהייב פון דייטש-פּוילישער אייַנוואַנדערונג

ארום דער זעלביקער צייט הייבן מיר אויך אָן מערקן צווישן קאנאדער יידן א באשטימטע קולטורעלע טענדענץ. אייניקע פון זיי טרעטן אריין אין די העכערע לערן־אַנשטאַלטן, וואו זיי פארפולקומען זיך אין זייער בילדונג כדי אויפצונעמען א קאַריערע. בעת דאָס רוב יידן האָבן פריער זיך באַשעפ־טיקט דער עיקר מיט מסחר אָדער מיט געוויסע מלאכות, האָבן טייל פון זיי זיך איצט אויך גענומען צו מעדיצין און אדוואָקאטור, און מיר באגע־גענען די ערשטע יידישע פּראָפעסיאָנאַלן.

אויף ווי ווייט דאָס איז באַוואוסט, איז אהרן־פּיליפּ האַרט געווען דער ערשטער יידישער אדוואָקאט. ער האָט פּראַקטיצירט אין מאָנטרעאָל אזוי פרי ווי אין 1833. אין 1837 איז ער געווען אַן עקזאַמענירער ביים צולאָזן צו פּראַקטיצירן געזעץ. פאר אדוואָקאטן האָבן אויך פרי געהאָט אויסגעשטודירט אהרן־יחזקאל האַרט, שמואל דוד, העברי יהודה און אדאָלף־מרדכי האַרט, וועלכע האָבן מיט געזעץ זיך אָפּגעגעבן מער־ווייניק ווי מיט א פּראָפעסיע. דער ערשטער יידישער מעדיקער וואָס האָט גראַדואירט אין קאנאַדע, איז געווען דר. פיליפּ האַרט. ער האָט געשטודירט אין מעקגיל אוניווערזיטעט, מאָנטרעאָל, פונוואַנען ער האָט דעם 25טן מאַי 1835 גראַדואירט מיט א מע־דיצינישן דיפּלאָם. דר. האַרט איז געשטאָרבן דעם 18טן יוני 1842.

דר. אהרן־האַרט דוד (געבוירן אין מאָנטרעאָל אין 1812; געשטאָרבן אין 1882) האָט אויך גראַדואירט אין 1835. ער האָט אָבער געלערנט מערסטנס אין אויסלאַנד, נאָך דעם ווי ער האָט אין מאָנטרעאָל דורכגעמאַכט א פּאַרבארייטונג־קורס אין מעדיצין. אין 1833 איז ער אוועקגעפאָרן קיין עדינבורג, וואו ער האָט פּאַרגעזעצט שטודירן. אין 1834 איז ער געוואָרן א ליצענציאַט פון דעם „ראָיאַל קאָלעדזש אָוו סוירדזשאָנס", און מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט ער גראַדואירט פון עדינבורגער אוניווער־זיטעט מיט א דאָקטאָר־דיפּלאָם. ער האָט זיך דאַן צוריקגעקערט קיין מאָנט־רעאָל, וואו ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט מעדיצינישער פּראַקטיק.

דאָס זיינען געווען די ערשטע יידישע געלערנטע פּראָפעסיאָנאַלן אין לאַנד. קיינער פון זיי האָט אָבער אין זיין צייט זיך ניט געמאכט אַזאַ נאָמען און אַזוי פיל ניט בייגעטראָגן פאַר די יידן פון קאנאדע, ווי דער לעצטער. ער איז געווען א געלערנטער מיט א באדייטנדיקער רעפּוטאציע און האָט זיך גערעכנט פאר איינעם פון די באוואוסטסטע מעדיקער אין לאַנד. דר. אהרן ה. דוד האָט אויך באַזעסן א לייכטע פעדער צום שרייבן. ער האָט אָפט מיט־געארבעט אין א פּאָר יידיש־ענגלישע פּעריאָדישע אויסגאבעס, ווי אויך אין דער אָרטיקער פּרעסע. דאָס איז אַ דאַנק אים וואָס מיר דערוויסן זיך וועגן אסך געשעענישן אין דעם קאַנאַדער יידישן לעבן פון יענער צייט, מיט וואָס דר. דוד האָט געפונען פאר נויטיק אָפּט צו באקענען די יידישע וועלט.

הגם ער האָט זיך דערשלאָגן צו באַרימטקייט, איז אָבער דער וועג וואָס ער האָט געדארפט דורכמאַכן אין אָנהייב גאָרניט געווען קיין גרינגער. אפנים, אז מעדיצין איז דעמאָלט ניט געווען פון די זיך שטאַרק באַצאָלנדי־קע פּראָפעסיעס. דר. דוד האָט פון מאָנטרעאָל זיך פרי אריבערגעצויגן קיין טהרי ריווערס, מחמת אין מאָנטרעאָל, ווי ער דערציילט אונדז אין זיין „טאָגבוך", איז פאר אים דאן געווען שווער דאָס דורכלעבן. עס ווייזט זיך אויך אויס, אז אין געוויסע מקומות אין דער קאנאדער מעטראָפּאָליע האָט דעמאָלט זיך אָנגעהייבן מערקן אַ ניט־אויפגעלייגטקייט בנוגע יידן. ער באַ־טאָנט דאָס זייער שטאַרק און רעדט אויך מיט ביטערן סאַרקאַזם וועגן זיינע אייגענע פריינט וועלכע האָבן צו אים זיך פאַרהאַלטן קאַלט. פון זיין „טאָג־בוך" ציטירן מיר דאָ די דאָזיקע כאַראַקטעריסטישע שטעל:

„יוני 1840, טהרי ריווערס. — וויכטיקע פּאַסירונגען זיינען פאַר־געקומען, זינט איך האָב לעצטנס געעפנט מיין טאָגבוך. איך און מיינע שוועסטער האָבן פאַרלאָזט דאָס פּלאַץ וואו מיר זיינען געבוירן, און האָבן זיך אריבערגעצויגן קיין טהרי ריווערס. איך האָב געהאַט אסך גרונט דאָס צו טאָן. איך האָב אין מאָנטרעאָל געלעבט ווייט איבער מיינע מיטלען, ניט האָבנדיק קיין אויסזיכט אז מיין פּראַקטיק זאָל זיך פאַר־גרעסערן געגנוג אז איך זאָל קאָנען נאָכקומען די הוצאה פון א וואַקסנדי־קער פאמיליע. איך שרייב עס צו צו רעליגיע. מען ווייזט ארויס אַזאַ אַנטיפּאַטיע צו איינעם וואָס איז א ייד. דאָ זיינען פאַראַן מער געלעגנ־הייטן און מען באַציט זיך דאָ אויך ניט אַזוי פיינטלעך צו אונדזער גלויבן ווי אין מאָנטרעאָל. חוץ דעם איז דאָ בכלל ניט קיין שלעכטער פּלאַץ צום וואוינען. דירה־געלט איז ניט טייער, האָלץ איז ביליק, און דאָס אייגענע איז מיט נאָך זאַכן. דער געדאַנק אז מיר צעברעכן אונ־

דזער היים און צעשיידן זיך, נאָכדעם ווי מיר האָבן אזוי לאנג געוואוינט צוזאמען, איז באמת פיינלעך. אבער עס האָט זיך פאַרט געמאַכט אזוי, און איך באדויער אויף אַ האָר ניט דאָס וואָס איך האָב געטאָן. אליעזר איז פון אונדז אַוועק און מיר וועלן אים שוין מער קיינמאָל ניט זען. אָט זיינען מיר שוין דאָ באלד אַנדערטהאלבן חדשים. אלץ איז גוט און אַלע זיינען צופרידן. איך האָב געהאָט געדונגען דעם „הארט דאמפער" כדי אונדז צו ברייגנען, און קיין זאַך איז ניט געוואָרן צעבראָכן. איך האָב פארלוירן א קלייניקייט, וואָס מען האָט צוגעגנבעט נאָכדעם ווי מיר זיינען אָנגעקומען. איך האָב געבראַכט גרשון דזשאָזעף מיך צו העלפן. אונדזערע פריינט אין מאָנטרעאָל האָבן געהאנדלט זייער פיין, מען קאָן ניט זאָגן. קיינער פון זיי חוץ מיין אלטן פריינט טאָם יהודה, האָט אונדז ניט פארבעטן צו זיך אין הויז. אבער עס מאכט ניט אויס. איך וועל נאָך אמאָל האָבן א געלעגנהייט אייניקע פון זיי צו באצאָלן מיט דער זעל־ביקער גרויזאמקייט . . ." 1)

דר. א. ה. דוד איז אָבער לאנג ניט פארבליבן אין טהרי ריווערס. אין א פּאָר יאָר ארום האָט ער זיך צוריק אומגעקערט קיין מאָנטרעאָל, וואו ער האָט שפּעטער זיך געמאַכט א גרויסן נאָמען. ער איז געוואָרן פּראָפעסאָר פון מעדיצינישער פּראקטיק אין דעם „יוניווערזיטי אָוו בישאָפּס קאָלעדזש", און אויך הויפּט פון מעדיצינישן פאַקולטעט פון זעלביקן אוניווערזיטעט. ער איז געווען פּרעזידענט פון דער „נאַטור־וויסנשאַפטלעכער געזעלשאפט" פון מאָנטרעאָל, קאָרעספּאָנדירנדיקער מיטגליד פון דער ליטעראַרישער און היסטאָרישער געזעלשאפט פון קוויבעק, גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער „קא־נאדע מעדיקאַל אסאָסיאיישאָן", אויסעראָרדנטלעכער מיטגליד פון דער קעניגלעכער מעדיצינישער געזעלשאפט פון עדינבורג, און א מיטגליד פון אסך אנדערע ענגלישע און אמעריקאָנער וויסנשאפטלעכע געזעלשאפטן. אין 1849 האָט מען אים אויפגענומען פאר דאָקטאָר אין „מאָנטרעאָל דזשענעראַל האָספּיטאל". ער איז אויך געווען דאָקטאָר אין נאָך א שטאָטישן שפּיטאָל, און מען האָט דעם אייגענעם יאָר אים אויך געמאכט פאר סעקרעטאָר פון דער צענטראַלער ביוראָ פאר געזונט אין קאנאַדע, — א פּאָסטן פאר וועלכן עס האָבן זיך געפּאָדערט באַזונדערע קוואליפיקאַציעס. 2) ניט געקוקט אויף דעם וואָס ער איז געווען פארנומען מיט אזוי פיל פּראָפעסיאָנעלע פליכטן און אַנדערע טעטיקייטן, האָט ער דאָך אסך צייט אויך אָפּגעגעבן פאר יידי־שער כלל־אַרבעט. ער איז געווען א ענערגישער טוער און האָט גענומען א

1) די טאָגביכער פון דער דוד־פאמיליע (אין מאנוסקריפּט).

2) The Occident, vol. 7, September, 1849, pp. 331-332.

וואַרעמען אינטערעס אין אַלץ וואָס איז נוגע געווען דער יידישער געמיינדע.

גרויס באַדויערן האָט צווישן די יידן אַרויסגערופן אין 1843 דער טויט פון איינעם פון זיי, צו וועמען אַלע האָבן זיך איצט באַצויגן מיט אַ באַזונדערן געפיל פון רעספּעקט. דאָס איז געווען יחזקאל האַרט, וועלכער איז געשטאָרבן אין טהרי ריווערס דעם 16טן סעפּטעמבער 1843, אין עלטער פון 73 יאָר. זיין טויט האָט אַלעמען דערמאָנט אָן יענעם עפּיזאָד אין זיין לעבן מיט אַסך יאָרן פריער, בעת עס איז צוליב אים געווען אָנגעגאַנגען אַזאַ פאַרביטערטער פּאָליטישער שטרייט. אַסך וואָסערן זיינען זינט יענער צייט שוין געווען פאַרלאָפן. די שטאָט טהרי ריווערס האָט איצט נאָך מער ווי פריער אים באַטראַכט פאַר איינעם פון אירע באַליבטסטע און געשעצטסטע בירגער, און ער האָט געהאַט די גרעסטע לויה, וואָס מען האָט ביז דאַן דאָרטן נאָך גע־האַט בייגעוואוינט. די מערסטע געשעפטן זיינען צוליב דעם געווען גע־שלאָסן, בעת אין דער לויה־פּראָצעסיע האָבן זיך באַטייליקט דער אָרטיקער ריכטער, אַדוואָקאַטן, הויכע רעגירונגס־באַאַמטע, אַ גייסטלעכער פון דער עפּיסקאָפּאַלישער קירך, אָפיצערן פון 81טן קעניגלעכן רעגימענט וואָס האָט זיך געפונען אין טהרי ריווערס, און אַנדערע. 3)

אונדז איז שוין אויסגעקומען ביי אַ פּאָר געלעגנהייטן צו דערמאָנען משה־יהודה העיס, וועמעס פאָטער, אַנדריו העיס, וואָס האָט געשטאַמט פון אַ באַוואוסטער האָלענדיש־יידישער משפחה, איז קיין קאַנאַדע אַריבערגע־קומען צוזאַמען מיט די ערשטע יידישע פּיאָנערן. משה י. העיס, מוז מען זאָגן, איז אַליין אויך געווען אַ פּיאָנער — אין דעם אמתן זינען פון וואָרט, וואָס האָט ווי אַזעלכער זיך דערוואָרבן גאַנץ גרויסע פאַרדינסטן. טייל האָבן זיין ענערגיע, וואָס האָט מיט אימפּעט זיך געריסן אויף אַרויס, אפילו באַוואונ־דערט. ער האָט ניט בלויז אַסך געטאָן פאַר דער יידישער קהילה וועלכע איז אים געווען אַזוי שטאַרק נאָענט, נאָר ער האָט אויך געזען וואָס מער בייצו־טראָגן פאַר דער שטאָט, וואָס אירע אינטערעסן האָבן אין זיין האַרץ געהאַט פאַרנומען אַ גרויסן אָרט.

---

3) דאָרטן, באַנד 1, נאָוועמבער 1843, ז. 408. (רבי י. י. פּרייס מאַכט אַ טעות מיט דעם וואָס ער דערציילט וועגן אַ „ניט געדרוקטן בריוו" צו דער „קוויבעק גאַזעט" דאָן וועגן דעם טויט פון יחזקאל האַרט. זיין השערה וועגן דעם איז ניט ריכטיק. דער דאָקומענט וועלכן ער ברייינגט אין באַנד 26 פון די „פּובליקאַציעס" פון דער אַמ. ייד. היסט. געז. ווי אַ נאָך קיינמאָל ניט פאַרעפֿ־פנטלעכטע זאַך, איז אָפּגעדרוקט געוואָרן, מיט אַ פּאָר קליינע שינויים, אין דער „קוויבעק גאַזעט" פון 22טן סעפּטעמבער 1843. דער „אַקסידענט" פאַר דעם אייגענעם יאָר דרוקט עס פון דאָרטן איבער, און מיר זיינען זיך עס דאָ דערויף סומך).

עס איז נויטיק צוליב דעם אביסל לייגגער זיך אָפּצושטעלן אויף אים אַליין, ווי אויך אויף יענע טעטיקייטן זיינע, וואָס האָבן אַזוי פיל געמיינט פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער דעמאָלט יונגער קאַנאַדער מעטראָפּאָליע. דאָס זיינען געווען טעטיקייטן, וואָס זיינען געווען ניי פאַר יענער צייט און וואָס האָבן פאַר אים געוואונען אַלעמעס אָנערקענונג.

געבוירן אין מאָנטרעאַל אין 1789, האָט ער פרי ארויסגעוויזן פאַרשייד־דענע פייאיקייטן און א גאַנץ באַזונדערע נייגונג צו אינטערעסירן זיך מיט די פּראָבלעמען פון זיין שטאָט. אין 1832, בעת מאָנטרעאָל איז אינקאָרפּאָ־רירט געוואָרן, האָט ער דער שטאָט געגעבן א וויכטיקע מאָדערנע איינריכ־טונג — איר ערשטע וואַסערלייטונג, וואָס ער האָט אָפּערירט ביז 1845. ער האָט פאַר דעם צוועק אויסגעבויט א רעזערוואָואַר אין א געביידע זיינער, וואָס האָט זיך געפונען אויף נאָטער דאַם גאַס, לעבן באָנסעקור גאַס. 4) אין דער אייגענער געביידע האָט די גאַנצע מוניציפּאַלע פאַרוואַלטונג דאַן גע־האַט איר קוואַרטיר. 5)

אַן אַנדער באַדייטנדיקער אויפטו פון זיין זייט וואָס האָט דער שטאָט אין יענער צייט אַסך צוגעגעבן, איז געווען אויסצובויען אין 1848 אויף דאַ־לוזי סקווער דעם „העיס טעאַטער". דאָס דאָזיקע טעאַטער איז עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד געווען א צענטער פון פאַרוויילונג אין מאָנטרעאָל. דאָ פלעגט זיך צוזאַמענקומען די געזעלשאַפטלעכע „עליט", די אינטעליגענציע, און אַהער פלעגן אויך קומען אויסלענדישע באַזוכערס און אַנדערע דורכרייזנדיקע וואָס פלעגן אין דעם דאָזיקן עפנטלעכן פלאַץ פאַרברענגען א פּאָר שעה. מיט אָט דעם טעאַטער וואָס האָט געטראָגן זיין נאָמען, איז אַפילו געבליבן פאַרבונדן אַ געוויסער עפּיזאָד וואָס האָט זיך געהאַט אָפּגעשפּילט אין מאָנטרעאָל, און וואָס האָט דעמאָלט געמאַכט אַן אומגעהויערן רושם איבערן גאַנצן לאַנד. דאָס טעאַטער האָט אָפּגעברענט בעת דער גרויסער שרפה אין 1852.

פאַר זיינע פּיליטיקע עפנטלעכע פאַרדינסטן, דער עיקר פאַר זיין גרוי־סער איבערגעגעבנקייט צו די שטאָטישע אינטערעסן, האָט משה־יהודה העיס אין 1845 זיך דערדינט צו דעם גאַנץ אויסערגעוויינלעכן כבוד, וואָס מען האָט אים, א יידן, דאַן צוגעטיילט. ער איז געוואָרן פּאָליציי־שעף פון מאָנט־רעאָל — אַ פּאָסטן וואָס ער האָט אָנגעהאַלטן פאַר אַ משך פון זעכצן יאָר כסדר, ביז צו זיין טויט אין 1861. 6) דאָס וואָס ער האָט אַזוי לאַנג געקאָנט ביי דעם פאַרבלייבן, אפילו ווען ער איז שוין געווען א זקן פון ארום זיבעציק,

---

4) The Gazette, Montreal, January 20, 1931.

5) דאָרטן.

6) Les Cahiers des Dix, no. 4. Montréal, 1939, pp. 185-186.

האָט געוויס עדות געזאָגט אי אויף זיינע פיאיקייטן, אי אויך ווי אזוי מען האָט צו אים בכלל זיך באַצויגן.

עס איז נאַטירלעך אז צוליב זיין פּאָליצייאישער קאַריערע זאָל זיין נאָמען האָבן געבליבן פאַרבונדן מיט געוויסע געשעענישן, ביי וועלכע אים איז דורך אַזאַ לאַנגען משך אויסגעקומען צו דערפילן זיינע פונקציאָנעלע פליכטן. איינע פון זיי געהערט צו די טראַגישע טעג וואָס מאָנטרעאָל האָט דורכגעמאַכט אין 1847 בעת אימיגראַנטן האָבן אַהער פאַרטראָגן די שרעקלעכע פעסט וואָס איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען „שיף־פיבער״. זיין ראָל דעמאָלט האָט העיס אַליין באַשריבן מיט אסך בילדלעכקייט. 7)

די צווייטע געשעעניש איז גאַנץ גוט באוואוסט אין דער קאַנאַדער געשיכטע. זי האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט פיינלעכע זכרונות ביז אויף היינטיקן טאָג. דאָס באַציט זיך אויף דעם אונטערצינדן פון פּאַרלאַמענט אין מאָנטרעאָל אין 1849, ווען א גרופּע בריטישע לאָיאַליסטן האָבן אהין זיך אריינגעריסן, האָבן אלצדינג צעבראָכן און צעשטערט און די געביידע אוועקגעלאָזט מיט רויך. מאָנטרעאָל און דאָס גאַנצע לאַנד האָבן דאַן צוליב דעם דורכגעלעבט א צייט פון גרעסטער אויפרעגונג. דער אופן ווי אזוי מען האָט זיך געוואָלט נוקם זיין אין דער רעגירונג פאַר דורכפירן דעם „רעבעליאַן לאָסעס ביל״ — א געזעץ צו פארגיטיקן די וואָס האָבן געליטן היזקות בעתן אויפשטאַנד — און ווי מען האָט דעם גאָווערנאָר, לאָרד עלגין, צוליב דעם פאַרוואָרפן מיט שטיינער, — דאָס האָט גאַנץ קאַנאַדע דעמאָלט אריינגעוואָרפן אין אַ צושטאַנד פון העכסטער צערודערטקייט. דער אויפגערעגטער המון האָט געצונדן און געברענט —די הייזער פון קאבינעט־מיניסטאָרן און די הייזער פון פּאַרלאַמענט־מיטגלידער, און אין אָט אַזאַ צייט צו זוכן האַלטן אָרדענונג אין דער מעטראָפּאָליע איז געווען ניט קיין גרינגע זאַך.

די גאַנצע פּאָליצייאישע מאַכט אונטער משה־יהודה העיס, וואָס איז געווען ניט גרויס אין צאָל, האָט געטאָן אלץ וואָס זי האָט געקאָנט. זי האָט ארעסטירט די אויפרייצערס צו גוואלטאטן און זיך אָנגעשטריינגט מיט אַלע כוחות איינצושטעלן רו. ווען אָבער דער אויפגערעגטער המון איז געוואַקסן. ווען געשלעגן האָבן אויסגעבראָכן אין די גאַסן און די קליינע פּאָליציי איז געוואָרן מאכטלאָז אנטקעגן א אויפגעבראַכטער מאַסע פון טויזנטער, וואָס איז געווען קאַפּאָול אויף אלצדינג, איז די מיליץ איר געקומען צו הילף.

די פּאַרלאַמענט־געביידע איז פאַרברענט געוואָרן דעם 25טן אַפּריל 1849. די געזעצמאַכערס פון לאַנד האָבן מער ניט געהאַט וואו אָפּצוהאלטן זייערע

7) J. D. BORTHWICK, Montreal History and Biographical Gazetteer, pp. 85-86.

זיצונגען, כדי צו קאָנען פאַרענדיקן די סעסיע. האָט פּאָליציי־קאָמיסאַר משה־יהודה העיס פּאַרגעלייגט דאָס איינציקע פּאַסיקע פּלאַץ וואָס מען האָט פאַר דעם צוועק דאַן געקאָנט געפינען — זיין טעאַטער. גלייך אויף מאָרגן האָט דער פּאַרלאַמענט זיך אַהין אריינגעקליבן און ער איז צוזאַמען מיט דער לאַ־פּאָנטיין־באָלדווין רעגירונג דאָרטן פאַרבליבן אין שכנות, ביז די סעסיע האָט דעם 31טן מאַי זיך געשלאָסן. דאָ האָבן די קאַנאַדער געזעצמאַכערס אויך דורכגעפירט אַלע פאַרבליבענע געזעצן.

אין דער אייגענער צייט האָט משה י. העיס זיך אויך פיל אָפּגעגעבן מיט יענע יידישע קהילה־אינטערעסן, מיט וועלכע ער איז געווען דורכגעבונדן און וואָס זיינען אים געווען אזוי שטאַרק נאָענט. ער האָט צוליב זיין פאַר־נומענקייט מיט דעם אָפיציעלן פּאָסטן וואָס ער האָט אויסגעפילט, ניט גע־קאָנט די דאָזיקע אינטערעסן פאַרנאַכלעסיקן. ער איז אויך געווען גבאי און שפּעטער פּרעזידענט פון דער שפּאַניש־פּאָרטוגעזער שול. שול־פּרעזידענט און פּאָליציי־קאָמיסאַר צוזאַמען — און איינס האָט דאָך ניט געשטערט דאָס אַנדערע. ער האָט געפונען צייט פאַר דיביידע אמטן. ער איז אויך געווען איינער פון די גרינדערס און פּרעזידענט פון דעם ערשטן „יידישן צדקה־פאַראיין" אין לאַנד, וואָס מען האָט געשאַפן אין מאָנטרעאָל אין 1847. העיס איז געווען פאַרהייראַט צו א מיס ליוויי, די טאָכטער פון רבי מאיר ליוויי, וועמעס פּאָטער, סיימאָן ליוויי, איז אריבערגעקומען קיין קאנאדע צוזאַמען מיט אמהערסטן. ער איז געשטאָרבן דעם 12טן נאָוועמבער 1861, איבער־לאָזנדיק פינף קינדער.

כאָטש דער אלטער ספּרדישער עלעמענט איז געווען און איז פאַרבליבן א כוח פון איינפלוס אין יידישן לעבן, האָט מען ביסלעכווייז דאָך אויך גע־נומען פילן אַז א נייער פאַקטאָר קומט צו. דער אַלטער ספּרדישער עלעמענט האָט זיין שטריינגען שטעמפּל געהאַט ארויפגעלייגט אויף אלצדינג, אָבער דער נייער פאַקטאָר האָט די יידישע סביבה גענומען אויסברייטערן און איר ביז א געוויסן גראַד צוגעבן אַן אייגנאַרטיקן אויסזען. דאָס איז געווען די איינ־וואַנדערונג פון ענגלישע, דייטשע און פּוילישע יידן וואָס האָבן אָנגעהייבן אַהער קומען. זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט דאָס וואָס האָט דער יידישער קהילה מיטאַמאָל געגעבן א שטויס פאָראויס.

די שפּעטערדיקע עטלעכע יאָר זיינען פאַר די יידן פון קאנאדע דעריבער געווען באַזונדערס רייך אין וויכטיקערע געשעענישן. אין משך פון אָט די יאָרן האָבן די יידישע באַדינגונגען אין לאַנד אָנגענומען א גאַנץ אנדער ווענ־דונג. סיי אין מאָנטרעאָל סיי אין אַנדערע ערטער האָבן זיך גענומען אַרויס־ווייזן סימנים פון אַ מער קאָנטיקער יידישער טעטיקייט. דער שטילשטאַנד

וואָס האָט אזוי לאנג געהערשט אין דער יידישער געמיינדע איז ווי פאר־שוואונדן — אונטער דער השפעה פון דעם דראנג צו נייערע פאָרמען וואָס די איינגעוואָנדערטע האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט.

א פרואוו איז אפילו געמאַכט געוואָרן צו גרינדן אין מאָנטרעאָל נאָך א שול, אן אשכנזישע. די פרישע אריבערגעקומענע האָבן זיך געפילט ניט גאָר באקוועם צו דאוונען צוזאמען מיט די ספרדים, וואָס האָט פאר זיי געמיינט צו דארפן נאָכגיין זייער נוסח אין לעבן בכלל. מען האָט פאקטיש שוין דאָס אָפילו געהאָט דורכגעפירט, אָבער די נייע שול האָט קיין קיום ניט געהאט. דער קליינער יידישער ישוב האָט נאָך ניט געקאָנט אויס־האלטן קיין צוויי בתי־תפילה. ארום דער אייגענער צייט האָבן די יידן פון מאָנטרעאל צוגעקראָגן א נייעם, גרויסן כוח. דאָס איז געווען רעוו. אברהם דע סאָלא, וועמען מען האָט אויפגענומען פאר באשטענדיקן רב פון דער אָרטי־קער ספרדישער קהילה. ער איז מיט איר פארבליבן פאר א משך פון פינף און דרייסיק יאָר כסדר — ביז צו זיין לעצטן לעבנס־טאָג.

זינט וואָס איר ערשטער באשטענדיקער רב האָט זי געהאט פארלאָזט, האָט די דאָזיקע קהילה א גאנץ לאנגע צייט ניט געהאט קיינעם אויפגענומען אויף זיין פלאץ. ערשט אין 1840 האָט מען איינגעלאדן רעוו. דוד פיזה אז ער זאָל קומען אָננעמען די שטעל, און ער האָט עטלעכע יאָר נאָכאנאנד דערפילט די רבנות־פליכטן ביי די יידן פון מאָנטרעאָל. ביז אים האָבן חזן ר. דע לארא, רבי מאיר ליוויי און יצחק וואלענטיין אין פארשיי־דענע צייטן דורכגעפירט די דאָזיקע עובדה און זיך מתעסק געווען ביי די רעליגיעזע צערעמאָניעס פון דער ספרדישער קהילה. אין 1837 האָט מען אויך אויפגענומען אַ מר. בערנשטיין פאר אַ מלמד פאַר די קינדער, אויך צו לערנען מיט עלטערע געוויסע יידישע לימודים. רעוו. דוד פיזה האָט זיין שטעל אָנגעהאלטן ביז 1846, ווען מען האָט אים אויפגענומען אין דער ספרדישער שול פון בעוויס מארקס, לאָנדאָן. נאָך זיין פארלאָזן מאָנטרעאָל, האָט מען די רבנות־שטעל אָנגעבאָטן רעוו. אברהם דע סאָלא, און אין דער צווישנצייט האָט מען ווידער איינגעלאדן רבי מאיר ליוויי צו קומען און פירן די געמיינדע. פאר זיין ארבעט האָט די לעצטע אים שפעטער באדאנקט און פרעזענטירט מיט א שיינעם זילבערנעם בעכער. אויף דעם בעכער האָט זיך געפונען אַ פּאַסיקע אויפשריפט מיט דער דאַטע 16טער אָקט. 1846. 8)

רעווערענד א. דע סאָלא האָט איבערגענומען די פירערשאפט פון דער ספרדישער געמיינדע סוף חודש יאנואר 1847. ער איז צוערשט אָנגעקומען

---

8) The Occident, vol. IV (1846), p. 406.

קיין ניו יאָרק וואו ער איז א שטיקל צייט געווען דער גאסט פון רבי לייאָנס. א יונגערמאַן פון עפּעס איבער איין און צוואנציק יאָר, האָט ער מיט זיין קומען קיין מאָנטרעאָל אריינגעבראכט אין דעם געזעלשאפטלעכן ווי אין דעם רעליגיעזן לעבן פון זיין געמיינדע דאָס וואָס איז פאר איר געווען ניי. ער האָט דורך דעם לויף פון זיין אָנהאלטן די רבנות־שטעל זיך ארויסגעוויזן צו זיין א גרויסער גייסטיקער כוח פאר קאַנאַדער יידן בכלל, ווען ער האָט אזוי באַשיינט ווי זייער רב, ווי א געלערנטער און ווי א גרויסער בקי אין חכמת ישראל. דאָס איז געווען אין זיין צייט, וואָס די ספרדים האָבן באמת געהאָט דערגרייכט דעם סאָמע גלאנץ פון זייער תקופה. אָבער דאָס איז געווען א גלאנץ גיכער אן אויסערלעכער איידער אן אינערלעכער, און וואָס האָט זיך גענומען דער עיקר פון דעם רב פון דער געמיינדע אָבער גאַנץ ווייניק פון דער געמיינדע אַליין.

אברהם דע סאָלאָ איז געבוירן געוואָרן אין לאָנדאָן, ענגלאַנד, דעם 18טן סעפּטעמבער 1825, א געקנאָטענער אין דעם יחוס פון אן אלטער שפּאניש־יידישער משפחה פון אסך דורות. זיין פאָטער איז געווען רב פון דער פּאָרטוגעזער קהילה אין לאָנדאָן, א מחבר פון טעאָלאָגישע ספרים און דער ערשטער ענגלישער איבערזעצער פון אסך טיילן פון דער משנה. אברהם דע סאָלא האָט פרי באקומען א גרינטלעכע יידישע און וועלטלעכע דערציאונג. באַזונדערס אָבער האָט ער זיך געהאָט פאַרטיפט אין דעם לימוד פון אָריענטאַלישע שפּראַכן, פון ליטעראַטור, טעאָלאָגיע און יידישער געשיכטע. ער האָט אויך באַזעסן אַ פעדער וואָס איז געווען זייער פּראָדוקטיוו. זיין אינטעליגענץ, זיין ברייט און פילזייטיק יידיש וויסן, און זיינע בריליאַנטענע פייאיקייטן בכלל, האָבן גיך געצויגן אַלעמעס אויפמערקזאמקייט און אים אויסגעשטעלט ווי אַ גרויסן יידישן געלערנטן. ער איז געוואָרן איינער פון די באַרימטסטע יידישע פּערזענלעכקייטן פון זיין צייט. ער איז אויך געווען א אויסגעצייכנטער רעדנער, און זיינע אַ לעקציע איז תמיד געווען א גרויסע קולטורעלע געשעעניש אין מאָנטרעאָל.

אברהם דע סאָלא האָט חתונה געהאט אין 1852 מיט אסתר דזשאָזעף, די אינגסטע טאָכטער פון הענרי דזשאָזעף, פון בערטיע. א יאָר שפּעטער נאָך זיין באזעצן זיך אין מאָנטרעאָל האָט ער פאַרעפנטלעכט אן אָפּהאַנדלונג איבער דער געשיכטע פון יידן אין פּערסיע, ווי אויך אָן ארבעט איבער ביבלישער זאָאָלאָגיע. א קורצע צייט נאָך דעם האָט מען אים אויפגענומען אין מעקגיל אוניווערזיטעט, צוערשט פאַר פּראָפעסאָר פון העברעאיש און פון ראַביניִשער ליטעראטור, און שפּעטער אויך פאַר פּראָפעסאָר פונם קונסט־פּאַקולטעט און לעקטאָר איבער שפּאַנישער ליטעראַטור. ער האָט די דאָזי־

קע פּראָפעסאָר־שטעל זיינע אָנגעהאלטן ביז צו זיין טויט. ער האָט אונטער דער צייט זייער פיל געשריבן און פאַרעפנטלעכט אסך וויכטיקע היסטאָרי־שע, טעאָלאָגישע און וויסנשאַפטלעכע עסייען. איינער פון די אקטיווסטע מיטגלידער פון דער „נאַטשורעל היסטאָרי סאָסייעטי״ פון קאנאַדע, איז ער אין משך פון עטלעכע יאָר כסדר אויך געווען איר פּרעזידענט.

די יידישע פּרעסע פון אמעריקע אין יענער צייט, ווי אויך די אָרגאַנען פון עפנטלעכן אויסדרוק אין מאָנטרעאָל גופא, האָבן אין די וואַרעמסטע ווערטער קאָמענטירט וועגן דעם וואָס מען האָט אים אויפגענומען פאַר פּראָ־פעסאָר אין מעקגיל. איין יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבע אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט דאַן וועגן דעם געשריבן: „מען האָט דעם רעווערענד א. דע סאָלא, פון מאָנטרעאָל, צוגעטיילט אן אויסערגעוויינלעכן כבוד מיט דעם וואָס מען האָט אים באַשטימט פאַר פּראָפעסאָר פון העברעאיש און ראַביני־שער ליטעראַטור אין מעקגיל אוניווערזיטעט פון יענער שטאָט. עס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס א יידישער רב קריגט א עפנטלעכע שטעל אין וועלכער ניט איז שטאָט אין אַמעריקע. עס איז דעריבער נאָך מער א קרעדיט סיי פאַר דעם אויפגענומענעם, סיי פאַר די וואָס האָבן אים אויפגענומען, דאָס וואָס מען האָט אין זיין פאַל ניט געמאכט קיין אונטערשייד פון רעליגיע״. 9)

דער „מאָנטרעאָל טראנסקריפּט״ און „מאָנטרעאָל העראַלד״ האָבן שטארק געלויבט די האנדלונג פון די אָנפירערס פון מעקגיל, וואָס האָבן גע־גרינדעט א קאטעדרע פאַר העברעאיש און ראבינישער ליטעראַטור, און פאַר באַשטימען דע סאָלאן פאַר פּראָפעסאָר. דער „העראַלד״ האָט געשריבן: „מיר זיינען זייער צופרידן וואָס מיר האָבן נאָך א באַשטעטיקנדיקן באַ־ווייז, פאַר א צאָלרייכן און זייער געשעצטן טייל מיטבירגער אונדזערע, אַז אָלע פאַראורטיילן פון קלאַס און גלויבן זיינען צווישן אונדז פאַרשוואונדן. מר. דע סאָלא האָט א הויכע רעפּוטאַציע פאַר זיין געלערנטקייט, ווי אויך פאַר זיין איבערגעגעבנקייט צו די גייסטיקע אינטערעסן פון זיין געמיינדע. מיר האָבן אים אפשר געקאָנט ווינטשן א נאָך העכערע שטעל. אָבער מיר האָפן אַז ער וועט ווינציקסטנס זיך פילן צופרידן וואָס זיינע קענטעניש קאָנען ברענגען אָזעלכע נוצן״. 10)

די ערשטע אַרבעט וואָס איר האָט רעווערענד דע סאָלא געשאַנקען באַ־זונדערע אויפמערקזאַמקייט, איז געווען צו באַזאָרגן די גייסטיקע ווי די אַנ־דערע יידיש־געזעלשאַפטלעכע באַדערפעענישן פון זיין געמיינדע. ער האָט געגריינדעט א זונטיק־שול וואו מען האָט מיט קינדער ווינציקסטנס איינמאָל

9) דאָרטן, באנד 6, 1848, ז. 307.

10) דאָרטן.

אין וואָך געלערנט די עיקרים פון דער יידישער אמונה. דאָס איז גע־וועזן די ערשטע יידישע שול פון דעם מין אין לאַנד, און זי האָט אַ קורצע צייט נאָך איר דערעפענען זיך שוין געציילט איין און צוואנציק תלמידים. דאָס איז דעמאָלט געווען ניט קיין קליינע צאָל. מיט דער צייט האָבן זיך די תלמידים געמערט און זייער צאָל איז אויסגעוואקסן ביז אויף איבער דרייסיק. די שול איז געפירט געוואָרן אונטער דע סאָלאס פערזענלעכער אויפזיכט און מיט די עלטערע תלמידים האָט ער אליין געלערנט. דער פּראָגראם פון לימודים פאַר די לעצטע איז באַשטאַנען אין איבערזעצן שטיקער פון משנה, תנ״ך, תפילות אאז״וו.

א צווייטער און ניט ווייניקער וויכטיקער אויפטו זיינער איז געווען צו אָרגאַניזירן אַ „חברה עזרת אביוני ישראל״, דעם ערשטן יידישן פאַראיין וואָס איז אין קאַנאַדע געגרינדעט געוואָרן. דער פאַראיין האָט געהאט דעם צוועק צו שטיצן אָרימע און נויטבאַדערפטיקע, באזונדערס צווישן די ניט־לאַנג אריבערגעקומענע וואָס האָבן זיך געפונען אין א טרויעריקער און שטאַרק געדריקטער לאַגע. די חברה האָט זיך געגרינדעט אין 1847, און עטלעכע יאָר כסדר איז זי געווען דער מיטלפונקט פון יידישער געזעלשאַפט־לעכער טעטיקייט, — א מיטלפונקט אַרום וועלכן יעדע יידישע ארבעט איז געווען קאַנצענטרירט. משה י. העיס איז געווען פּרעזידענט פון פאַראיין, און רבי דע סאָלא, סעקרעטאר און קאַסירער. דער יערלעכער אָפּצאָל פאַר מיטגלידער איז געווען דריי דאָלאר. די ערשטע אסיפה וואָס מען האָט גע־האָט איינבאַרופן כדי דעם פאַראיין צו אָרגאַניזירן, איז באַזוכט געוואָרן פון כמעט יעדן יידן אין מאָנטרעאָל.

אַ גענויען באַגריף פון די עקאָנאָמישע ווי פון די געזעלשאַפטלעכע באַ־דינגונגען, אונטער וועלכע קאַנאַדער יידן האָבן דעמאָלט געלעבט, באַקומען מיר פון דעם פּראָטאָקאָל וואָס מען האָט געהאט צוגעשטעלט ביי דער ערש־טער יאָר־פאַרזאַמלונג פון דעם פאַראיין. ניט נאָר באַקענט אונדז אָט דער פּראָטאָקאָל מיט די דאָזיקע באַדינגונגען, נאָר ער איז אין זיך אַליין א אינטע־רעסאנטער און מערקווערדיקער דאָקומענט פון יענער צייט. דער פאַראיין האָט זיך ניט אָפּגעגעבן בלויז מיט צדקה־טעטיקייט אַליין, נאָר האָט אויך דערפילט די פונקציע פון א „בקור חולים״, וואָס האָט געזאָרגט פאַר אָרימע יידישע קראַנקע. מיר דערוויסן זיך דאָ, אז „פאַרגאַנגענעם זומער האָבן פיל יידישע אימיגראַנטן וואָס זיינען געקומען מערסטנס פון דייטשלאַנד, ביז דרייסיק אין צאָל, א גרויסער טייל פון זיי צוזאַמען מיט די פאַמיליעס, באַ־קומען שטיצע פונם פאַראיין״, און אז די יידישע איינוואַנדערונג פון דייטש־לאַנד איז לעצטנס געווען „אויסערגעוויינלעך גרויס״. ווי דאָס איז קלאָר

פון דעם אייגענעם באַריכט, איז די פילאַנטראָפּיע פון יענער צייט געווען אַ האַרטע, אַ שטרייִנגע. זי האָט ניט גאָר פריינטלעך געקוקט אויף דער יידי־שער איינוואַנדערונג. צופעליק דערוויסן מיר זיך אויך אַז שוין דאַן האָט מען אין די פאראייניקטע שטאַטן איינגעפירט באַגרעניצונגען פאר אימיגראַנטן.

מיר גלויבן אַז דער דאָזיקער פּראָטאָקאָל איז אינטערעסאַנט און וויכ־טיק גענוג אַז מיר זאָלן אים דאָ איבערגעבן אינגאַנצן. ער האָט זיך געליי־ענט ווי פאָלגט:

„די ערשטע יערלעכע אסיפה פון דעם דאָזיקן פאראיין, וואָס איז גע־גרינדעט געוואָרן דורך די באַמיאונגען פון רבי אברהם דע סאָלאַ, איז אָפּ־געהאַלטן געוואָרן זונטיק, דעם 18טן יוני 1848, ווען מען האָט פאַר די מיט־גלידער פאָרגעלייגט דעם באַריכט פון אַ יאָר טעטיקייט אאז״וו. משה י. העיס, דער פּרעזידענט, איז געווען פאָרזיצער. אין דעם באַריכט ווערט קודם כל אויסגעדריקט אַ דאַנק צו גאָט פאַר דעם וואָס דער פאראיין, הגם ארויס־געוואַקסן פון באַשיידענע אָנהייבן און מיט באַגרענעצטע מיטלען, האָט פאַר־גאַנגענעם יאָר געקאָנט פאַרגרינגערן די נויט פון כמעט יעדן יידן וואָס איז געווען געצוואונגען אָנצוקומען צו זיינע ברידער אין מאָנטרעאַל נאָך שטיצע. עס ווערט באַמערקט, אַז די צאָל פון אַזעלכע פאַלן איז געווען אויסערגע־וויינלעך גרויס.

„די מאָנטרעאָלער „חברה עזרת אביוני ישראל״, זאָגט זיך ווייטער אינם פּראָטאָקאָל, „איז געגרינדעט געוואָרן דורך די זעלביקע סיבות, צוליב וועלכע מען האָט ענלעכע פאראיינען געשאַפן אין נאָך פּלעצער. זי איז גע־קומען צום לעבן דורך דער טיפער איבערצייגונג אונדזערער, אַז „אייניקייט איז מאַכט״, — אַז אויב די יידן וועלן זיך פאראייניקן אין זייערע וואוילטעטי־קע ארבעטן, וועלן זיי דערמיט אויפטאָן אסך מער פאַר די וואָס נויטיקן זיך אין הילף, ווי ווען די צדקה־ארבעט זאָל צווישן זיי געטאָן ווערן פון יחידים. זי איז אויפגעקומען דורך אונדזער גלויבן, אַז בעת דער ערלעכער אָבער נידערגעשלאָגענער אָרימאַן האָט געליטן צוליב דעם וואָס ער איז צו באַ־שיידן אויסצושטעלן די האַנט און בעטן שטיצע, האָט דערפאַר דער פּראָפע־סיאָנעלער בעטלער, דער וואָס קאָן זיך שטופּן, באַקומען צו פיל שטיצע; אַז אַ קאָמיטעט, וועמעס עובדה עס זאָל זיין אויסצופאָרשן אַלע פאַלן פון פאַר־לאַנגטער הילף, איז אַ נויטווענדיקייט, און אַז די מערסטע מענטשן שטעלן זיך צופרידן בלויז מיט געבן נדבות, ניט קימערנדיק זיך וועמען זיי גיבן דאָס. דער צוועק פון דער מאָנטרעאָלער „חברה עזרת אביוני ישראל״ איז אָכטונג צו געבן, אַז מען זאָל צווישן אָרימע פאַרטיילן שטיצע אויף אַ מער גערעכטן און פּראַקטישן וועג.

„דער דאָזיקער פאַראיין וויל זיך ניט צופרידנשטעלן מיט אויסטיילן געוויסע געלטער צו געוויסע פּערזאָנען וואָס זאָגן אַז זיי זיינען אָרעמע יידן. דער פאַראיין איז שטאַרק פּאַרזיכטיק און פאָרשט אויס אויף יעדן מעגלעכן אופן צו זיין זיכער, אויב די אַפּליקאַנטן זיינען טאַקע אויף אַן אמת אַזעלכע נויטבאַדערפטיקע ווי זיי זאָגן עס. דער צוועק פון דעם פאַראיין איז אָבער אויך ניט בלויז צו העלפן די וואָס נויטיקן זיך אין געלט־שטיצע אליין, נאָר דאָס גלייכן אכטונג צו געבן ביי אַ קראַנקנבעט, אין דעם דאַך־שטיבל, אויפן בוידעם, אין שפּיטאָל, פאַרזאָרגן אַפילו ביים קבר — צו ווייזן דערמיט, אַז יידישע רחמנות האָט ניט קיין טויבע אויערן פאַר דער טרויעריקער שטים פון די וואָס ליידן, אַז זי וויס ניט פון קיין גרענעץ, און אַז געלט־גייציקייט קאָן ניט זיין קיין אָפּהאַלט וואָס זי זאָל ניט קאָנען גובר זיין".

אין דעם באַריכט זאָגט זיך ווייטער, אַז „די צאָל אָרעמע יידישע אימיגראַנטן, וואָס זיינען פאַריקן זומער אריינגעקומען, איז געווען אויסערגעוויינלעך גרויס. דאָס איז צוליב דעם וואָס דאָס פאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן קאָסט טייערער און וואָס דאָס אריינקומען אַהין איז פאַרבונדן מיט שוועריקייטן. די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט נאָך דער שרעקלעכער עפּידעמיע וואָס האָט פאַריקן יאָר באַגלייט די אימיגראַציע, 11) אָנגענומען שריט צו זען, אַז אַ בעסערער און מער געזונטער קלאַס אימיגראַנטן זאָל דאָרט אריינקומען". ווי אַ פועל יוצא דערפון, „האָט קיין קאַנאַדע זיך אַ לאָז געטאָן אַן אומגעהויער גרויסע צאָל איינוואַנדערער, און דאָס אויך פון דעם סאַמע ערגסטן סאָרט, ווי די קראַנקייטן און שרעקלעכע נויט צווישן זיי האָבן דאָס אַזוי טרויעריק באַוויזן". די עקזעקוטיווע פון דעם פאַראיין איז צוליב דעם געווען געצוואונגען „צו העלפן אַלע די באַדערפטיקע פון דעם דאָזיקן קלאַס, ניין און צוואַנציק אין צאָל, חוץ די וואָס וואוינען דאָ אָדער זיינען ניט אָנגעקומען ווי אימיגראַנטן, — צוזאַמען ניין און דרייסיק פּערזאָן, וואָס האָבן דורך דעם יאָר געקראָגן שטיצע". דער בודזשעט פון דעם פאַראיין האָט באַטראָפן הונדערט און עלף דאָלאַר. דער פאַראיין האָט אויך געשטיצט אַ פּענסיאָנער.

דער באַריכט לויבט זייער שטאַרק רעוו. אברהם דע סאָלא פאַר דעם זייער וואַרעמען אינטערעס וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן צום פאַראיין און צו זיינע אויפגאַבן, און לויבט אויך די פריינטלעכע הילף פון דר. אהרן ה. דוד, וואָס האָט באַזוכט די קראַנקע אימיגראַנטן און זיי מעדיציניש פריי באַ־

11) די טיפוס־עפּעדעמיע פון 1847.

האנדלט. דער באַריכט איז איינשטימיק גוטגעהייסן געוואָרן. די אסיפה האָט דאַן דערוויילט באַאַמטע פאַר דעם קומענדיקן יאָר, און די פאָלגנדיקע זיי־נען געוואָרן אויסגעקליבן: משה י. העיס, פּרעזידענט; די ה"ה סיימאָן הארט, דוד מאָס און יוסף לייאָנס, קאָמיטע און רעוו. א. דע סאָלא, סעקרעטאר און קאַסירער. 12)

---

12) The Occident, vol. VI, 1848, pp. 368-370.

## קאַפּיטל דרייצן

# ליבעראַליזם אין שטעלונג צו יידן

פון דער צופעליקער באַמערקונג וואָס דר. אהרן־הארט דוד מאַכט אין זיין „טאָגבוך", ווי איבערגעגעבן אין דעם פריערדיקן קאַפּיטל, וואָלט מען לייכט געקאָנט דרינגען אַז מען האָט צו יידן זיך באַצויגן ניט מיט קיין גע־העריקער אויפגעלייגטקייט. דאָס וואָלט אָבער געווען ניט ריכטיק צו זאָגן, און זיין אָנווייזונג וועגן דעם זעט דערפאַר אויס איבערטריבן.

די שטעלונג צו זיי איז דוקא געווען א העכסט טאָלעראַנטע, אפילו א פריינטלעכע. מען האָט אייניקע פון זיי אָנגעפּאַרטרויט מיט דעם דערפילן די סאַמע בכבודיקסטע עפנטלעכע פונקציעס. מען האָט עס לחלוטין ניט באַ־טראַכט פאַר ניט פּאַסיק געווען צו קומען מיט זיי נאָענט אין באַריר, אָדער אַרויסווייזן רעספּעקט די פון זיי וואָס האָבן דאָס פאַרדינט.

מען קאָן געפינען גענוג ראיות דאָס צו באַשטעטיקן. מיר זעען, אַז ביי אַזאַ געשעעניש ווי דאָס לייענען קעניגין וויקטאָריעס פּראָקלאַמאַציע דעם 4טן אויגוסט 1837, האָבן די יידן זיך געפונען אין פאָדערגרונט. אין מאָנט־רעאָל איז דאָס דורכגעפירט געוואָרן מיט אסך ציווילן און מיליטערישן פּאַ־ראַד און מען האָט קאַפּיטאַן אליעזר דוד צוגעטיילט דעם כבוד צו קאָמאַנ־דירן די קאַוואַלעריע, מיט א האַלב יאָר שפּעטער, דעם 27טן פעברואַר 1838, האָט מען זיין ברודער, שמואל דוד, איבערגעגעבן צו קאָמאַנדירן דעם קאַ־וואַלערישן עסקאַרט ביים איינשווערן סיר דזשאָן קאָלבאָרן פאַר הויפּט־גאַ־ווערנאָר.

בכלל קאָן מען זאָגן אַז מען האָט צו יידן זיך באַצויגן אָן פאָראורטייל, און דאָס ווערט אונדז קלאָר פון א פּאָר אינטערעסאַנטע פאַרצייכענישן וואָס מיר געפינען אין די מעמואַרן פון דער דוד־פאַמיליע גופא. מיר לייענען דאָרט למשל וועגן א מוזיקאַלישן אָוונט וואָס אין דעם 24טן יוני 1834 דורכ־געפירט געוואָרן אין הויז פון מרס. הענרי דזשאָזעף. צווישן די אַרום 200 בייגעוועזענע געסט, דערציילט זיך דאָרטן, האָבן זיך אויך געפונען דער הויפּט־גאַווערנער לאָרד איילמער און ליידי איילמער. דעם 17טן אַפּריל 1840, דער־ציילט זיך דאָרטן אויך, האָבן גענעראַל קליטהערטאָן און זיין פרוי באַזוכט די

שפּאניש־פּאָרטוגעזער שול אין מאָנטרעאָל און בייגעוואוינט א גאָטדינסט. עס זיינען דאָרט דערמאָנט נאָך אייניקע פאלן, וואָס זיינען טיפּיש דערמיט וואָס זיי גיבן אונדז א שטיקל באגריף אי וועגן די סאָציאלע באדינגונגען פון יענער צייט, אי אויך ווי אזוי מען האָט זיך פארהאלטן צו יידן. אין פאר־שיידענע צייטן האָבן די לעצטע אויך פארנומען הויכע אמטן אין מאסאָנישע אָרדנס.

קיין זאך אָבער גיט אונדז ניט אזא פאָרשטעלונג וועגן דער דעמאָלטיקער באציאונג צו יידן, ווי א געוויסע פאסירונג אויף וועלכער עס וועט זיין כדאי דאָ זיך אָפּצושטעלן אביסל לייגער. דאָס האָט אין יענער צייט געמאכט א שטאַרקן אַלגעמיינעם רושם און דערוועקט די וואַרימסטע סימפּאַטיע צו דער יידישער באפעלקערונג אין א ריין יידישער זאך.

דעם 6טן אָקטאָבער 1848 איז קיין קאנאדע אָנגעקומען א יידישער שליח פון נאָענטן מזרח. דאָס איז געווען רבי ניסים בן שלמה, וועלכער איז געקומען מיט א מיסיע לטובת די פּערסישע יידן. די לעצטע האָבן דעמאָלט זיך געפונען אין א העכסט טרויעריקער לאגע און האָבן געליטן אויף א שרעקלעכן, אומ־באשרייבלעכן אופן. רבי ניסים האָט די קאנאדער יידן געזאָלט פאראינטערע־סירן מיט דעם גורל פון זייערע אומגליקלעכע פּערסישע ברידער און פון זייערטוועגן דאָ זאמלען שטיצע.

דאָס איז געווען א טאָג פאר ערב יום כיפור. אויף מאָרגן ביינאכט, צו כל נדרי, האָט רבי אברהם דע סאָלא געמאכט אן אויפרוף אין שול. מיט אים איז אויך געווען דער שליח פון די פּערסישע יידן, וועלכער איז פארבליבן זיין גאסט דורך די פינף וואכן צייט וואָס ער האָט זיך אויפגעהאלטן אין מאָנט־רעאָל. רבי דע סאָלא האָט גערעדט מיט אסך וואַרעמקייט. ער האָט אין הארציקע ווערטער אפּעלירט צו די מתפללים, אז זיי זאָלן העלפן זייערע ברידער אין דעם ווייטן מאכמעדאנישן לאנד. ארום א זיבעציק דאָלאר איז צוגעזאָגט געוואָרן אין נדבות. הגם דאָס האָט אין יענער צייט פאר אזא קליי־נער קהילה געקאָנט אויסזען א היפּשע סומע, איז דאָס אָבער געווען ניט גענוג אפילו צום דעקן די הוצאות פון דער ווייטער נסיעה קיין קאנאדע. האָט מען דעריבער באשלאָסן צו מאכן אן עפנטלעכע אונטערנעמונג מיט א פאָרטראָג וואָס רבי דע סאָלא האָט געזאָלט האלטן, די גאנצע הכנסה פון וואָס האָט גע־דארפט גיין אויף צו העלפן די פּערסישע יידן.

אָט די אונטערנעמונג האָט עס דעמאָלט ארויסגערופן דעם לעבעדיקסטן אינטערעס אין אלע קרייזן פון מאָנטרעאָל. אין דער קאנאדער מעטראָפּאָליע איז דאָס געוואָרן דער געשפּרעך פון טאָג. עס האָבן דערמיט זיך פאראינטערע־סירט ניט בלויז יידן, נאָר אויך קריסטן, וואָס האָבן צו דער הילף־אקציע

מיט וועלכער רבי ניסים בן שלמהס קומען איז געווען פארבונדן, זיך באַ־צויגן מיט אסך סימפאטיע. גייסטלעכע האָבן וועגן דעם גערעדט ביי זיך אין די קירכעס. זיי האָבן אויפגעפאָדערט דעם עולם בייצעוואוינען דעם פאָרטראַג און צו שטיצן די נאָבעלע אונטערנעמונג. יעטווידע צייטונג האָט דער גע־שעעניש געווידמעט אן עדיטאָריעל, געשריבן אין א פריינטלעכן, זייער אויפ־ריכטיקן טאָן וועגן יידן. דאָרט איז אויסגעדריקט געוואָרן גרויס מיטגעפיל צו די פון זיי וואָס ליידן אזוי שטארק, און וואָס געפינען זיך אין אַט אזא שרעקלעכער לאגע ווי זייער שליח גיט עס איבער.

דער „מאָנטרעאָל טראנסקריפּט" פון 26טן אָקטאָבער 1848 האָט וועגן דעם געשריבן:

„גאנץ אָפּגעזען פון דעם גרויסן אינטערעס וואָס מערקט זיך די לעצטע יאָרן צו אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט יידן, וועט אַלעמעס נייגער היינט אָוונט גאנץ באַזונדער דערוועקט ווערן, דורך דעם קומען אַהער פון א „באפולמעכ־טיקטן שליח" פון די אונטערדריקטע יידן אין פּערסיע. עס ווערט דערוואַרט א געפּאקטער עולם, אזוי אז מען האָט אויסגעקליבן דעם „טעמפּערענץ זאל" אַנשטאָט דעם אַלטן „צייטונגס־זאל" אויף סט. דזשאָזעף גאַס, וואו מען האָט דעם פּאָרטראַג, ווי דאָס איז געווען געמאָלדן, לכתחילה געזאָלט האלטן.

„צווישן די רעפּעראַטן וואָס זיינען פאַריקן ווינטער דורכגעפירט גע־וואָרן דורך דער „מוירקענטייל לייבערערי אסס׳ן", איז געווען איינער פון דעם זעלביקן הערן וועלכער וועט אויך היינט אָוונט ריידן. ער האָט דאַן גערעדט וועגן די רדיפות וואָס יידן זיינען אין משך פון יאָרהונדערטער אויסגעשטאַ־נען אין גרויס־בריטאַניע און אין אַנדערע אייראָפּעאישע לענדער. דאָס זיינען רדיפות, וואָס זיינען צום גליק היינט שוין אומבאַוואוסט, אחוץ בלויז אין די האלב־באַרבאַרישע סלאַווישע לענדער — רוסלאנד און פוילן. אין ענגלאַנד, פראנקרייך און דייטשלאנד, אויך אין דרום־אייראָפּע, ווערן יידן היינט אין אלגעמיין אָנערקענט צווישן די געטרייסטע און אין אסך פאַלן אויך סאמע געאכטסטע בירגער דאָרטן.

„מיר דערמאָנען זיך, מיט פיל אינטערעס יענער רעפּעראַט איז אויס־געהערט געוואָרן, הגם דער לעקטאָר האָט דאַן גערעדט וועגן צרות וואָס זיינען שוין לאנג געוואָרן דורכגעמאכט און זיינען היינט שוין פארגעסן. טאָ מיט פיל נאָך מער נייגער דעריבער וועט זיין רעדע היינט אָוונט אויפגענומען ווערן? זי וועט אונדז דערציילן וועגן דעם עלטסטן פאָלק וואָס עקזיסטירט ווי אַ באַ־זונדער ראַסע, וואָס איז קאָמערציעל און פּאָליטיש דורכגעמישט מיט אַנדערע פעלקער, אָבער איז געזעלשאפטלעך אָפּגעזונדערט פון זיי; וועגן דעם פאָלק וואָס איז אומפארענדערלעך, הגם אַלץ אַרום, חוץ אים, האָט זיך אַזוי גע־

ביטן, וואָס האַלט זיך נאָך ביי זיין רעליגיע, פון וועלכער מיר האָבן באקומען אויך אונדזער רעליגיע, און ביי די מנהגים און זיטן פון זיינע אורעלטערן, סיי אין צער, סיי אין פריידן, — און בעת א טייל פון אָט דעם פאָלק, מכוח וועלכן מען וועט היינט ריידן, זיינען נאָך איצט אויך די קרבנות פון גרויזאַמע רדיפות און פייניקונגען.

„עס איז פאַראַן עטוואָס אין דער שליחות מיט וועלכער א רב איז צו אונדז געקומען, וואָס פאָדערט מער ווי געוויינלעכע ברייטהארציקייט. צוזאַמען מיט דעם „העראַלד", ווי די דאַזיקע צייטונג האָט זיך נעכטן פרי אויסגעדריקט, קאָנען מיר דערפאַר זאָגן: „נאָך יאָרהונדערטער פון שנויים, קומט א פאָרשטייער פון א פאָלק וואָס האלט זיך שטאָל און אייזן אין זיין גלויבן, פון אָ לאַנד וואָס האלט זיך פעסט אין זיינע זיטן, צו אָ לאַנד וואָס איז באַוואוינט פון די צוויי אומרואיקסטע נאַציעס אין דער וועלט. נאָך דורות פון קעגנערשאַפט קומט אָ מיטגליד פון איינער פון די צוויי פיינטלעכע אמונות, פון א לאנד, וואו יידן און קריסטן צוגלייך ווערן אונטערדריקט, כדי צו וועקן סימפּאַטיע פאַר ביידן, — אָט דאָ ביי אונדז, וואו יעדער איז פריי און וואו אלע לעבן צווישן זיך פרידלעך.

„מיר פאַרהאָפן, אז דער דאַזיקער רוף וועט קריגן אן אָפּקלאַנג".

דעם אָוונט ווען רבי דע סאָלא האָט געדארפט האלטן זיין פאָרטראָג, דעם 26טן אָקטאָבער (1848), איז דער זאַל וואו דאָס איז פאָרגעקומען געווען איבערגעפּאַקט מיט מענטשן. עס האָט זיך אַהין פארזאמלט דער גרעסטער עולם, וואָס איז אין מאָנטרעאָל ביז דאַן נאָך געקומען צו אָן עפנטלעכער לעקציע. דער פאָרטראָג, און דער צוועק מיט וועלכן דאָס איז געווען פאַרבונדן, האָבן אַרויסגערופן דעם גרעסטן אינטערעס ביי אַלעמען. עס זיינען ביי דער דאַזיקער געשעעניש פארטראָטן געווען אַלע קלאַסן. צווישן די צוהערערס האָבן זיך געפונען דער „ספּיקער" פון פּאַרלאַמענט, דער גענעראַל־פּראָקוראָר, ריכטער, פּראָפעסאָרן, גייסטלעכע, געלערנטע, זשורנאַליסטן — פּאַקטיש די גאַנצע מאָנטרעאָלער אינטעליגענציע. דער רעפערענט פון זיין זייט האָט אין א פולער מאָס באַפרידיקט אלעמעס דערוואַרטונגען. זיינע שילדערונגען פון דער יידישער לאַגע אין דעם וויטן לאנד האָבן יעדן איינעם געשפּאַנט און גערירט, און זיין רעדע האָט מיט זיך געמאַכט דעם טיפסטן רושם. 1)

דעם פאָלגנדיקן זונטאָג האָבן איניקע גייסטלעכע וועגן דעם ווידער גערעדט ביי זיך אין די קירכעס. העכסט כאראַקטעריסטיש איז געווען דער אופן ווי אזוי רעווערענד מר. קאָרדנער, פון דער אוניטאַרישער קירך, האָט

1) **The Montreal Transcript, October 28, 1848.**

דאָס געטאָן. „די געפילן וואָס קריסטן האָבן אַמאָל געהאַט צו יידן", האָט ער געזאָגט, „זיינען געווען נאַריש און אומגערעכט. מיט אכצן הונדערט יאָר צוריק האָבן יידישע באַאַמטע אין ירושלים היינגעריכט קריסטוסן. אָבער אפילו זייערע אָפּשטאַמערס קאָנען מיר ניט האלטן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, אפשיטא נאָך די יידן פון אַנדערע צייטן און אַנדערע ערטער. מיר קאָנען פונקט אַזוי האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך אַלע קאַטאָליקן פאַר דער אויסשלאַכטונג אין דער באַרטאָמאַליי־נאַכט, אָדער אַלע עפּיסקאָפּאַלישע פּראָטעסטאַנטן פאַר דער בייזקייט און טיראַניי פון בישאָפּ לאָיד, אָדער אַלע סקאָטישע פּרעסביטעריער פאַר דעם מאָרד פונם בישאָפּ פון סט. אַנדריוס, אָדער אַלע קאַלוויניסטן פאַר דעם וואָס זיי האָבן פאַרברענט סערוועטוסן. קריסטן טראָגן אויף זיך א מאָראַלישן חוב צו באַהאַנדלען אַלע מענטשן פריינטלעך און מיט פאָטערלעכער סימפּאַטיע". 2)

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַביסל באַריכות אויף אָט דעם עפּיזאָד, צוליב דעם אויספיר וואָס לאָזט זיך דאָ מאַכן. דאָס איז געווען כאַראַקטעריסטיש, הגם עס האָט לכתחילה זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס וואָס האָט מיט די יידן פון קאַנאַדע ניט געהאַט קיין דירעקטע שייכות. מיר האָבן דאָ פאָר זיך א קאָנקרעטן ביישפּיל וועגן דער באַציאונג צו די לעצטע, וויבציקסטנס מצד די אינטעליגענטע קרייזן פון לאַנד, אין אָט יענער צייט. דאָס איז געווען אַ באַציאונג וואָס האָט אונדז געוויזן אז די פריערדיקע פאָראורטיילן, אויב אַזעלכע האָבן ערגעץ עקזיסטירט, זיינען געווען אינגאַנצן פאַרשוואונדן. דאָס איז אין א קורצער צייט אַרום אויך ווי באַשטעטיקט געוואָרן דורך נאָך אַ אינטערעסאַנטן פאַקט — די יידן פון מאָנטרעאָל האָבן צום ערשטן מאָל באַקומען די געלעגנהייט צו האָבן אַ פאַרטרעטער אינם שטאָט־ראָט. דעם 5טן מערץ 1849 איז איינער פון זיי, שמואל בענדזשאַמין, דערוויילט געוואָרן אַלדערמאַן פון מאָנטרעאָל, מערסטנס דורך ניט־יידישע שטימען.

דאָס מיינט, אז אין דער קאַנאַדער מעטראָפּאָליע האָבן זיי דאַן פאַרנומען צוויי וויכטיקע מוניציפּאַלע אַמטן. אַן אַנדער ייד, משה־יהודה העיס, ווי מיר האָבן געזען אין א פריערדיקן קאַפּיטל, איז אַרום יענער צייט געווען שעף פון דער מאָנטרעאָלער פּאָליציי. דעם איצטיקן פאַל האָט מען צוגעשריבן באַזונדערע וויכטיקייט צוליב דעם וואָס שמואל בענדזשאַמין איז ניט געווען קיין קאַנאַדער געבוירענער, נאָר אַן איינגעוואַנדערטער פון ענגלאַנד. פונקט ווי משה י. העיס, האָט אויך ער גענומען אַ וואַרעמען אָנטייל אין אַלע אָנגעלעגנהייטן פון דער יידישער קהילה. ער איז עטלעכע יאָר אויך געווען

2) The Occident, vol. VII, January, 1849; דאָרטן, באַנד 7, ז. 315־317

פרעזידענט פון דער שפּאַניש־פּאָרטוגעזער שול. דורך דער צייט פון זיין מוניציפּאַלן אַמט, האָט ער געוואונען אַלעמעס אָנערקענונג ווי אַ ענערגי־שער שטאָטישער פאָרטרעטער. מר. בענדזשאַמין איז אָבער אין קאַנאַדע ניט פאַרבליבן. ער האָט זיך שפּעטער אומגעקערט צוריק קיין ענגלאַנד, און ווען ער איז געשטאָרבן, האָט מען דעם פלאַג איבער דער מוניציפּאַלער געביידע פון מאָנטרעאָל ארונטערגעלאָזט „האַלב מאַסט״, אין צייכן פון טרויער.

מיט אַ פּאָר חדשים שפּעטער ווי שמואל בענדזשאַמין איז דערוויילט געוואָרן אַלדערמאַן, איז שמואל דוד, וועמען מיר האָבן שוין דאָ דערמאָנט עט־לעכע מאָל, באַשטימט געוואָרן פאר סעקרעטאר פונם קרייז־געריכט פון סט. דזשאָנס, קוויבעק. וועגן אָט דעם פאַקט האָט מען זייער וואַרעם קאָמענטירט. „דאָס וועט באַטראַכט ווערן מיט באַזונדערער צופרידנקייט״, האָט איינער דאַן געשריבן, „ווי אַ באַווייז אַז די קאַנאַדער רעגירונג איז פריי פון יענעם ענגהאַרציקן, פאַנאַטישן גייסט, וואָס שליסט אויס פון עפנטלעכע און פאַר־טרוילעכע אַמטן די וואָס זיינען פאר דעם ראוי און מחמת דער סיבה בלויז וואָס זיי זיינען פון אַן אנדער גלויבן״. 3)

אָט די דאָזיקע פאַזע, וואָס האָט דער סביבה פון יידישן לעבן אין קאַ־נאַדע אַרום יענער צייט צוגעגעבן אַ געוויסן קאָליר, האָט פונדעסטוועגן גע־האַט נאָך אַ זייט אויך. דאָס איז אָבער געווען אַ פּועל יוצא פון באַדינגונגען, וואָס האָבן מיט יידן ווייניק וואָס זיך אָנגעקערט. מען האָט דאָס דעריבער לחלוטין ניט געקאָנט אָננעמען ווי אַ זאַך וואָס האָט די יידישע באַפעלקע־רונג אוועקגעשטעלט אין אַ ניט גינסטיקן ליכט. אין דעם גאַנצן פאַל, וואָס האָט דעמאָלט געמאַכט אַזאַ רושם אין לאַנד און אין וועלכן, צוזאַמען מיט די נעמען פון אַסך פּראָמינענטע קאַנאַדער, עס איז אויך געווען פאַרמישט אַ יידישער נאָמען, האָט געפעלט דאָס וואָס האָט געקאָנט אויסגעטייטשט ווערן צום גנאי פון יידן.

אין געוויסע קאַנאַדער קרייזן איז אין 1849 אויפגעהייבן געוואָרן אַ באַ־וועגונג, וואָס איז פאַרן לאַנד געווען אי ניי, אי מאָדנע; מאָדנע — מחמת געבוירן פון אַ ווילן זיך אָפּצורייסן פון ענגלאַנד, האָט דאָס געפונען אַסך אָנהייגער גראָד צווישן דעם לאָיאַליסטישן עלעמענט. מען האָט נעמלעך פאָרגעשלאָגן, אַז קאַנאַדע זאָל זיך אָפּקערן פונם מוטערלאַנד און זיך אָנ־שליסן אָן די פאַראייניקטע שטאַטן. דער דאָזיקער געדאַנק איז, ווי באַ־וואוסט, ארויסגעוואַקסן אי פון עקאָנאָמישע סיבות, אי דער עיקר פון ריין פּאָליטישע — פון דער שטאַרקער אומצופרידנקייט וואָס האָט געהאַט אַרומ־

3) דאָרטן, באַנד 7, סעפּטעמבער 1849.

געכאפט די לאיאלע טיילן פון דער באפעלקערונג, נאכדעם ווי די רעגירונג האט דורכגעפירט דעם „רעבעליאן לאסעס ביל״.

לארד עלגינס אונטערשרייבן דעם דאזיקן ביל האט געפירט צום אונטערצינדן די פארלאמענט־געביידע (זע פריערדיקן קאפיטל), און צו דעם וואס מען האט אויף אים אליין געווארפן שטיינער. דער בריטיש־געבוירענער עלעמענט, וואס האט געהאט דערוואַרט אז דער גאווערנאר זאל זיך אפזאגן דעם ביל צו אונטערשרייבן, איז פון זיין האנדלונג געווען שטארק אויפגעבראכט און האט צוליב דעם זיך ניט געקאנט בארואיקן. באזונדערס גרויס איז געווען די אנטוישונג פון די דאזיקע אזוי איבערגעגעבענע לאיאליסטן, בעת אין לאנדאן האט די רעגירונג גוטגעהייסן די האנדלונג פון דעם קאנאדער גאווערנאר. זייער פארביטערטקייט האט, פונקט ווי אמאל, זיך ווידער גענומען מאניפעסטירן. אבער זי האט איצט זיך ניט אויסגעדריקט אין קיין אומרוען אדער גוואלטאטן, נאר אויף אנדערע אופנים.

זי האט געפונען אויסדרוק אין דער באוועגונג וואס איז אויפגעהייבן געווארן, אז קאנאדע זאל זיך אנשליסן אן די פאראייניקטע שטאטן. מען האט אין מאנטרעאל ארויסגעלאזט זועגן דעם א מאניפעסט, אין וועלכן מען האט אנגעוויזן אויף די סיבות וואס האבן ארויסגערופט און אויך בארעכטיקט אט אזא געדאנק. דעם מאניפעסט האבן אונטערגעשריבן אסך פון די סאמע אנגעזעענסטע בירגער פון דער קאנאדער מעטראפאליע, צווישן זיי אויך בנימין הארט.

די רעגירונג האט זיי פאר דעם באשטראפט, לויט ווי דאס איז געווען דער ווילן פון לארד עלגין. באאמטע און אנדערע אפיציעלע פערזאנען זיינען אויסגעשטראכן געווארן פון די ליסטן, בעת אדוואקאטן וואס האבן געהאט דעם „קווינס קאונסעל״־טיטל, האבן עס פארלוירן. צווישן אט די אלע איז אויך בנימין הארט אויסגעשטראכן געווארן. מען האט אים געמאכט פאר אויס פרידנס־ריכטער און ביי אים אויך צוגענומען דעם מיליטערישן ראנג זיינעם — פון לייטענאנט־קאלאנעל פונם 1טן באטאליאן פון דער מאנטרעאַלער מיליץ. צו דערשלאגן זיך צו די דאזיקע יידע זאכן איז, ווי באוואוסט, אים אנגעקומען גאנץ שווער. א באליידיקטער פון אט אזא מין הארטער באשטראפונג און פון דעם וואס מען האט מיט זיינע גרויסע פארדינסטן זיך ווינציק גערעכנט, האט ער זיינענדיק שוין א זקן פון ארום זיבעציק, פארלאזט מאנטרעאל און זיך באזעצט אין ניו יארק. א וואך פאר זיין טויט האט די רעגירונג געוואלט גוטמאכן דעם דאזיקן אומרעכט קעגן אים, און אנגעבאטן אים געבן צוריק זיין ראנג און טיטל. בנימין הארט האט אבער דערפון

זיך אָפּגעזאָגט. ער איז געשטאָרבן אין ניו יאָרק סוף פעברואר 1855, אין עלטער פון 76 יאָר. 4)

בכלל קאָן מען זאָגן, אז אין קאנאדע האָבן סוף ערשטער העלפט ניינצטן יאָרהונדערט געגומען ווייען ווינטן, וואָס זיינען געווען דורכגע־דרונגען מיט א שטאַרקן ליבעראַלן גייסט. צי מען האָט עס געקאָנט צושרייבן דער השפעה פון דער דערבייאיקער אמעריקאנער רעפובליק, צי ניט, אָבער דאָס האָט זיך שאַרף געלאָזט מערקן. דעם דורכשניטלעכן קאַנאַדער פון יע־נער צייט זיינען געווען פרעמד די פאָראורטיילן פון ראַסע אָדער רעליגיע, און דאָס האָט געוויס ניט געקאָנט פארפעלן צו רעאַגירן אויף דעם יידישן לעבן גופא.

עס איז וויכטיק דאָ צו באמערקן, אז אין דעם פּרט האָבן קאנאדער יידן זיך געפונען אין אַ בעסערער לאַגע ווי אַפילו די יידן אין ענגלאַנד. די לעצ־טע האָבן אַרום יענער צייט נאָך געדאַרפט קעמפן פאר פולער גלייכבאַרעכ־טונג און קעגן דעם איבערגעבליבענעם רעשט פון אַלטע פאָראורטיילן. אויף דעם דאָזיקן פאַקט, כאַראַקטעריסטיש ווי דאָס איז דעמאָלט געווען, האָט רבי א. דע סאָלאַ אָנגעוויזן אין אַ לעקציע וואָס ער האָט דעם 19טן אַפּריל 1848 געהאַלטן אין מאָנטרעאָל. ער האָט ביי יענער געלעגנהייט דערקלערט — און צו זיינע ווערטער האָט מען תמיד אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט — אז אַזאַ זאַך איז געווען אַ קרעדיט פאַר קאַנאַדע גופא. ער האָט דערמאָנט דעם גרויסן אינטערעס וואָס יידן האָבן גענומען אין דעם עפנטלעכן וואוילזיין פון גאַנצן לאַנד, דער עיקר פון מאָנטרעאָל, און אַז דעם דאָזיקן אינטערעס האָט די קאָ־נאָדער מעטראָפּאָליע געהאַט צו פאַרדאַנקען אַסך פון איִרע וויכטיקסטע איינ־ריכטונגען. 5)

און דאָס איז ניט געווען איבערגעטריבן. דאָס האָט זיך באשטעטיקט נאָכ־מער אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען די נעמען פון יידן זיינען פארבונדן געוואָרן מיט פארשיידענע פאזן אין דער אנטוויקלונג פון לאַנד. די ארומיקע באַדינגונגען האָבן פאר זיי ביסלעכווייז באַשאַפן די מעגלעכקייט צו נעמען אַלץ אַ גרעסערן אָנטייל אין דער דאָזיקער אנטוויקלונג, און זיי האָבן דאָס אויך געטאָן. אויף דעם געביט פון קאָמערץ, אינדוסטריע און אין אַלע אַנ־דערע צווייגן פון קאנאדעס ווירטשאַפטלעכן לעבן איז דער ביישטייער פון יידי־שער ענערגיע און פון יידישע פייאיקייטן געוואָרן זייער מערקבאַר. דאָס האָט זיך אויך היפּש גענומען וואַרפן אין די אויגן. די פאַרדינסטן פון

4) New York Times, March, 1855.
5) Montreal Transcript, April 21, 1848.

איינצלנע יידן זיינען געהעריק אָפּגעשעצט געוואָרן אפילו פון אנדערע לענדער.

מיר האָבן שוין ביי א פריערדיקער געלעגנהייט דאָ דערמאָנט די דזשאָזעף־משפחה, וואָס האָט קאנאדע געגעבן איינעם פון די פּיאָנערן פון איר האנדלס־מארין. אין די שפּעטערדיקע יאָרן זיינען מיטגלידער פון דער זעלביקער משפחה געווען די וועגנברעכערס ביי נאָך אַנדערע אונטערנעמונגען, וואָס האָבן באגלייט דעם וואוקס פון דעם יונגען לאנד. זיי האָבן אין דעם פּרט זיך אויך געמאכט א באדייטנדיקן נאָמען. יעקב־הענרי דזשאָזעף איז געווען פאַרבונדן מיט איינער פון די ערשטע אייזנבאנען וואָס זיינען אין קאַנאַדע אויסגעבויט געוואָרן — די שאמפּלען־סט. לאָרענס באן, וואָס האָט גענומען אָפּערירן דעם 21טן יולי 1836. ער האָט אויך געהאַט א נאָענטע שייכות מיט גרינדן די ערשטע איינגעפירטע טעלעגראפן. ער איז געווען א מיטגליד פון די וויכטיקסטע קאָמערציעלע קערפּערשאַפטן וואָס האָבן אין זיין צייט זיך אָרגאַניזירט, און ער האָט דער עיקר גענומען א היפשן אינטערעס אין אנטוויקלען דעם טעלעגראַף און אייזנבאן־פּארקער. ער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן די ערשטע טעלעגראַף־ליניע, וואָס האָט דורך פּלאַטסבורג פּאראיי־ניקט קאַנאַדע מיט די שטאַטן, זוי אויך די ערשטע טראַנסאטלאַנטישע קאבעל־פאַרבינדונגען, וואָס זיינען געשאפן געוואָרן. ער האָט דאָס גלייכן געהאָט א גרויסן חלק ביים גרינדן אסך פון די וויכטיקסטע באנק־הייזער, בעת אַזעלכע פינאנץ־אינסטיטוציעס האָבן גענומען אויפקומען אין קאַנאַדע.

זיין ברודער דזשעסע דזשאָזעף האָט אויסגעבויט אין מאָנטרעאָל דעם „טעאַטער ראָיאַל", און א היפּשע צייט עס אויך אָפּערירט. ער איז געווען פּרעזידענט פון דער מאָנטרעאָלער גאַז־קאָמפּאַניע, מיט וועלכער ער איז געשעפטלעך געווען פאַרבונדן אַ משך פון באַלד פערציק יאָר, און פּרעזידענט פון דער מאָנטרעאָלער טראַמוואַי קאָמפּאַניע. פון דער לעצטער האָט ער זיך צוריקגעצויגן ערשט דאַן, ווען מען האָט גענומען פאַרלאַנגען עלעקטרישע טראַמוואַיען. ער האָט שטאַרק געצווייפלט, אויב עלעקטרישע טראַמוואַיען וועלן קאָנען פאַרבייטן די וואָס זיינען געפירט געוואָרן דורך פערד, מחמת דעם וואָס די גאַס־רעלסן פלעגן ווינטער ווערן פאַרשאָטן מיט שניי. ער איז אויך געווען א דירעקטאָר אין איניקע ביינק, איינער פון די ערשטע דירעקטאָרן פון דער „גרייט נאָרטהן וועסט טעלעגראַף קאָמפּאַני", און צווישן די גרינדערס פון דער „פּיפּלס טעלעגראַף קאָמפּאַני".

א ניט ווייניק וויכטיקער פאַרדינסט זיינער איז געווען צו שאפן א נאָענטע קאָמערציעלע פאַרבינדונג מיט בעלגיע און איינפירן דעם ערשטן דירעקטן שיף־פאַרקער צווישן קאנאדע און יענער מדינה. די בעלגישע רעגי־

רונג האָט דאָס געהעריק אָפּגעשעצט. זי האָט אים פאר דעם ארויסגעוויזן איר אָנערקענונג, באשטימענדיק אים אין 1850 פאָר איר דיפּלאָמאטישן פאָרטרעטער אין קאַנאַדע. ער איז געווען דער ערשטער בעלגישער קאָנסול אין לאַנד, אַן אַמט וועלכן ער האָט אָנגעהאַלטן פאר איבער א האלבן יאָר־הונדערט — ביז צו זיין טויט אין 1904. די בעלגישע רעגירונג האָט אים אויך עטלעכע מאָל דעקאָרירט מיט הויכע אָרדנס.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אז מיטגלידער פון דער דאָזיקער משפחה האָבן בכלל זיך אויסגעצייכנט מיט דעם וואָס זיי זיינען געווען פארטראָטן אין בעלגישן קאָנסולאַט־דינסט. אברהם דזשאָזעף (1815־1886), א ברודער פון די צוויי דערמאָנטע, איז געווען בעלגישער קאָנסול אין קוויבעק פאר איבער דרייסיק יאָר. ער האָט דעם דאָזיקן דיפּלאָמאטישן פּאָסטן דאָרט אָנ־געהאַלטן ביז צו זיין טויט. ער איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע פּער־זענלעכקייטן אין דער אַלטער קאַנאַדער הויפּטשטאָט, וואו ער האָט זיך גע־האָט באַזעצט אין 1832. ער איז געווען פּרעזידענט פון דער „קוויבעק באָרד אָוו טרייד", פּרעזידענט פון דער „דאָמיניאָן באָרד אָוו טרייד", פּרעזידענט פון דער „סטאדאקאָנא באַנק", א דירעקטאָר פון דער „באנק נאַסיאָנאַל" און אַ דירעקטאָר פון אַ שיף־געזעלשאַפט. ער איז עטלעכע יאָר אויך געזעסן אין קוויבעקער שטאָט־ראַט און איז געווען אַזוי פּאָפּולער צווישן דער פראַנצוי־זיש־קאַנאַדער באַפעלקערונג, אַז ער האָט אין 1858 אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור פאר מאַגיסטראַט. ער איז דורכגעפאַלן מיט ווינציקער ווי 400 שטימען. זיין קאָנסול־אַמט אין קוויבעק איז נאָך זיין טויט איבערגעגאַנגען צו זיין זון, אנדריו סי. דזשאָזעף (געשט. אין 1921). דער לעצטער האָט עס דאָס גלייכן אָנגעהאַלטן א משך פון דרייסיק יאָר.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז אויך געווען די קאַריערע פון אַן אנדער יידן, מר. זיגיסמונד מאָר. ער איז געבוירן געוואָרן אין 1827 אין ברעסלוי, דייטשלאַנד, וואו ער האָט געקראָגן זיין דערציאונג און גראַדואירט פון דאָרטיקן אוניווערזיטעט אין עלעקטרישער אינזשינעריע. ער האָט פרי ארויסגעוויזן פייאיקייטן וואָס האָבן געצויגן אָסך אויפמערקזאַמקייט. אין 1871 איז ער אַריבערגעקומען קיין קאַנאַדע, וואו ער איז געווען דער ערשטער איינצושפּאַ־נען די וואַסער־קראַפט אין די רעדער פון מאָדערנער אינדוסטריע און פאָר דעם מאָדערנעם געברויך. מען קאָן אים אין אַ געוויסן זינען באַצייכענען פאַר דעם פאָטער פון הידראָ־עלעקטריציטעט אין לאַנד. זיינע פאָרדינסטן אויף דעם געביט פון אַנטוויקלטער עלעקטרישער קראַפט זיינען געווען זייער גרויס. ער האָט זיך באַזעצט אין קוויבעק און געגעבן יענער שטאָט די נייס־טע מאָדערנע איינריכטונגען — דעם טעלעפאָן און די עלעקטרישע באַלייכ־

טונג. ער איז געשטאַנען אין נאָענטער פאַרבינדונג מיט דר. גרייהעם בעל און האָט אָפּערירט די ערשטע טעלעפאָנען וואָס דער לעצטער האָט אים געשיקט. ער האָט געגרינדעט די „סיטי און דיסטריקט טעלעגראַף קאָ״. און די „קוויבעק און לעוויס עלעקטריק קאָמפּאַני״. מר. מאָר איז געשטאָרבן אין קוויבעק אין 1893.

דאָס איז געווען אַ פאַל פון אַן אימיגראַנטישן יידן וועלכער האָט זיין נייאַדאָפּטירטן לאַנד געגעבן פון זיך דאָס בעסטע וואָס ער האָט פאַרמאָגט. און דאָס איז זיכער ניט געווען דער איינציקער פאַל אַזאַ. פונקט ווי אימיגראַציע פאַר זיך אַליין האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ פאַקטאָר וואָס האָט דער אַנטוויקלונג פון דער יונגער מדינה געגעבן דעם גרעסטן שטויס פאָראויס, אַזוי איז דאָס אין אַ פּיל קלענערער מאָס אויך געווען מיט יידישער אייַנוואַנדערונג.

אַלץ אין קאַנאַדע האָט דעמאָלט זיך געפונען אין אַ פּרימיטיווער סטאַדיע. יעטווידער וואָס האָט צום קאַנאַדער לעבן געקאָנט עפּעס וואָס בייטראָגן, אין וואָס פאַר א פאָרם דאָס זאָל ניט געווען זיין, איז דעריבער געווען שטאַרק געוואונטשן. די ברייטע, אָפענע טירן, די גאַסטפריינטלעכע באַציאונג צום פרעמדן און די אומבאַגרענעצטע מעגלעכקייטן וואָס האָבן אין דעם דאָזיקן לאַנד אויף אים געוואַרט — דאָס האָט געהאַט א צוציִ־קראַפט פאַר די מיט ענערגיע און אַמביציע. אָבער אפילו אַזאַ זייער גינסטיקע באַדינגונג האָט דאָך ניט געקאָנט גורם זיין, אַז די יידישע באַפעלקערונג זאָל ביז סוף ערשטער העלפט פאַריקן יאָרהונדערט זיך קאָנען היפּש פאַרמערן. איר צוואוואקס איז געווען ווינציק אַנזעעוודיק.

אָבער דער ישוב האָט זיך דאָך פאָרט גענומען פאַרגרעסערן, און געשען איז דאָס מערסטנס דורך דער אייַנוואַנדערונג. הגם גאַנץ קליין אין צאָל, האָט זי ביסלעכווייז פונדעסטוועגן אָנגעהייבן געפינען דעם וועג קיין קאַנאַדע. מען האָט דאָ און דאָרט דערזען פאַר זיך נייע פּנימער, נייע מענטשן. הויפּטזאַכלעך איז דאָס געווען פון די אַלטע אייראָפּייאיש־יידישע צענטערס, פונוואַנען יידן האָבן איצט אָנגעהייבן אַהער עמיגרירן. די ניי־אָריבערגעקומענע זיינען געווען אַ קלאַס אימיגראַנטן, וואָס האָט זיך שטאַרק אונטערשיידט פון די ספרדים וואָס זיינען געקומען פאַר זיי. די לעצטע, ווי באַוואוסט, זיינען באַשטאַנען מערסטנס פון סוחרים אָדער גלאַט פאַרמעגלעכע מענטשן, בעת די ניי־אָריבערגעקומענע זיינען געווען ווייט דערפון.

זיי האָבן קיין אויסערלעכע עשירות מיט זיך ניט געקאָנט ברענגען, ווייל זיי האָבן אַזאַ זאַך ניט פאַרמאָגט. זיי זיינען, פאַרקערט, געווען אָרעם, צעבראָכן, נידערגעשלאָגן — ווי מיר קאָנען זיך עס מאַכן א באַגריף פון דעם

וואָס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן אין דעם באַריכט פון דער „חברה עזרת אביוני ישראל". דאָס איז געווען אַ קלאַס מענטשן, פון וועלכע אַ גרויסער טייל האָט פּאַקטיש געמוזט אָנקומען צו צדקה. אויב אָבער זיי האָבן מיט זיך ניט געבראַכט קיין מאַטעריעלע רייכקייטן, האָבן זיי דערפאַר געבראַכט עפּעס אנדערש. זיי האָבן געבראַכט אַ טיפערן יידישן באַוואוסטזיין, וואָס האָט זיך גענומען פון אַ זינט דורות שטאַרק פאַרפּעדימטער צוגעבונדנקייט מיט די לעבעדיקע טיילן פון יידישן פאָלק. און דאָס האָט אָנגעהייבן משפּיע צו זיין אויף דער פיזיאָנאָמיע פון יידישן לעבן אין דעם נייעם לאַנד.

דאָס האָט אויך גורם געווען, אַז דער יידישער ישוב זאָל בכלל באַקומען אַביסל מער פון אַ ספּעציפיש־יידישער פאַרב, דאָס וואָס האָט ביסלעכווייז זיך גענומען אַרויסזען. אַרום יענער צייט האָבן יידן זיך שוין געפונען ניט בלויז אין ערטער וואו זיי האָבן מיט אַסך יאָרן פריער זיך נאָך געהאַט באַזעצט. זיי האָבן זיך אויך גענומען מאַכן זייער היים אפילו אין געגנטן, וואו זייער אויפהאַלט איז ביז סוף ערשטער העלפט נייננצנטן יאָרהונדערט נאָך געווען א מער־ווייניק צייטווייליקע זאַך. אויב זיי האָבן זיך דאָרט איצט באַזעצט, איז דאָס שוין געווען מיט דער כוונה צו בלייבן תושבים.

דאָס זיינען פאַקטיש געווען די פאַרלויפערס פון די נייע יידישע קהי־לות וואָס זיינען דאָרט שפּעטער אויפגעקומען. זיי האָבן פּאַמעלעך צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דעם, לויט ווי זייער צאָל האָט דאָס געמאַכט מעגלעך. אין דעם פּרט האָט זיך געלאָזט שאַרף מערקן די אייגענע כאַראַקטעריסטישע דערשיינונג וואָס פריער. דאָס איז וואָס דאָס יידישע אַריינדרינגען אין נייע ערטער איז צוגעגאַנגען כמעט פּאַראַלעל מיט דעם אַלגעמיינעם וואוקס פון לאַנד.

לויט דעם צענזוס פון 1851, האָבן אין דעם אונטערשטן און אויבערשטן טייל קאַנאַדע דאַן זיך געפונען 351 יידן. פון זיי האָבן 181 געוואוינט אין מאָנטרעאָל, 77 אין טאָראָנטאָ און אומגעגנט, און 40 אין קוויבעק. מיר ווייסן ניט, ווי אַזוי די דאָזיקע צאָל איז פאַרטיילט געווען עקאָנאָמיש אָדער לויט אַנדערע קאַטעגאָריעס. מיר זעען דאָ אָבער פאַר זיך קלאָר, אַז שוין דע־מאָלט האָט דער ייד זיך אויפגעהאַלטן מערסטנס אין די גרעסערע צענטערס און איז דאָס רוב געווען אַ שטאָטמענטש. דאָס איז אָבער געווען גאַנץ נאַ־טירלעך, מחמת דאָס וואוינען אין ווייטע, פאַרוואָרפענע ערטער איז פאַר אים, וועלכער האָט מיט אַלע כוחות זיך געקלאַמערט אין זיין יידישן צובונד, גע־ווען פאַרבונדן מיט גרויס שוועריקייט.

פונדעסטוועגן אָבער האָבן דאַן זיך געפונען יידן אין מער ווי פּופצן פאַרשיידענע שטעט און שטעטלעך איבערן לאַנד. אינטערעסאַנט איז, וואָס

איינציקע פון זיי האָבן זיך אויפגעהאלטן אין געגענטן וואו מען קאָן אפילו היינט קוים געפינען א יידן. אַזוי למשל האָט א פלאץ ווי קאפ דע ראָזיע, אינם גאַספּע האלב־אינדזל, אין 1851 געהאַט זעקס יידישע נפשות. דאָס איז גראָד געווען דאָס דאָזיקע פּארוואָרפענע אָרט, וואו עס האָט מיט איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט שפּעטער זיך שוין מער ניט געפונען אַפילו קיין איינציקער ייד, וואָס האָט נאָך אין 1858 געהאַט דעם כבוד צו דערוויילן ביי זיך דעם ערשטן יידישן מאַגיסטראַט אין לאנד. דאָס איז געווען וויליאם הײמאַן, וועלכער האָט זיין מאַגיסטראַט־אַמט דאָרט אָנגעהאלטן ביז צו זיין טויט אין 1882.

געבוירן אין רוסלאנד אין 1807, איז ער שפּעטער אַריבערגעקומען קיין קאַנאַדע און אין 1842 האָט ער זיך באַזעצט אינם גאספּע דיסטריקט. ער האָט פיל בייגעטראָגן פאַר דער אנטוויקלונג פון יענער געגנט, וואו פיש־פאַנג איז געווען און איז ביז היינט די וויכטיקסטע אינדוסטריע — א אינ־דוסטריע וואָס ער האָט דאָרט געהאָלפן אויפבויען. די פראנצויזישע קאַנאַדער האָבן דאָס ניט געקאָנט בעסער אָפּשעצן, ווי אויסקלייבנדיק אים פאַר מעיאָר פאַר אַ משך פון פיר און צוואַנציק יאָר כסדר. דאָס איז, אמת, געווען א איזאָלירטער פאַל וועלכן מען האָט קיין סך וויכטיקייט ניט געקאָנט צו־שרייבן. אָבער דאָס איז דאָך געווען טיפּיש פאַר די „האַביטאַנס" פון קוויבעק, וואָס האָבן אַזוי איינפאַך תופס געווען די פראַגע וועגן יידישע רעכט, מכוח וואָס מען האָט אין פּארלאמענט אין וועסטמינסטער געדאַרפט אַזוי לאַנג און מיט אַזוי פיל היץ דעבאַטירן.

וויליאם הײמאַן האָט גענומען אַ שטאַרקן אינטערעס אין אַלע וויכטיקע קהילה־אַנגעלעגנהייטן פון די יידן אין מאָנטרעאָל, וואוהין ער פלעגט אָפט קומען. ער איז אויך געווען אַן אָפיצער אין דער קאַנאַדער מיליץ און פרידנס־ריכטער פאַר א משך פון איבער צוואַנציק יאָר.

## קאפיטל פערצן

# גרינדונג פון נייע יידישע קהילות

אַ לאַנגע צייט איז די ספרדישע קהילה אין מאָנטרעאָל געווען די איינ־ציקע וואָס האָט זיך געהאָט געפונען אין לאַנד. דאָס איז דעריבער געווען מערסטנס אַרום דער דאָזיקער קהילה וואָס די פארשיידנסטע יידישע טעטיקייטן, אַפילו די פון אַ ריין געזעלשאַפטלעכן כאראקטער, זיינען אסך יאָרן אָנגעפירט געוואָרן. אָבער מאָנטרעאָל איז ניט געווען דאָס איינציקע אָרט וואו עס האָט זיך געפונען א יידישער מקום קדוש. אויך אין טהרי ריווערס האָבן די עטלעכע יידישע משפחות וואָס האָבן דאָרטן געוואוינט אויפגעהאלטן א שול.

עס זעט אויס אז די דאָזיקע שול האָט אהרן הארט נאָך געהאָט געגרינדעט, מעגלעך אַרום דעם יאָר 1800, דאָס מיינט א קורצע צייט פאר זיין טויט. נאָך אים איז די שול אויפגעהאלטן געוואָרן דורך יחזקאל הארט און אנדערע מיטגלידער פון דער האַרט־משפחה. מיר געפינען אַז צווישן די יאָרן 1820 און 1835 האָט יצחק וואַלענטיין אויסגעפילט די פונקציע פון א מין גייסטיקן פירער פון די יידן אין טהרי ריווערס און זיך מתעסק געווען ביי זייערע גאָטדינסטן. אז אזא שול האָט דאָרט עקזיסטירט, ווערט באשטעטיקט דורך דעם שטאָטישן פלאַן פון טהרי ריווערס פאַר דעם יאָר 1815. די שול האָט אָפגעברענט אין 1860. (1

אַרום אָנהייב צווייטער העלפט פאַריקן יאָרהונדערט זיינען אין לאנד צוגעקומען עטלעכע נייע יידישע געמיינדעס, פאר וועלכע עס איז ביסלעכ־וויז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין. דאָס איז געווען אין מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ און קוויבעק. די ערשטע יאָרן זיינען פאר זיי געווען גאַנץ שווערע און זיי האָבן זיך קוים געקאָנט דערהאלטן. זיי האָבן אָבער ביסלעכוויז געלאָזט אַלץ טיפערע וואָרצלען און זייער עקזיסטענץ איז געוואָרן מער־ווייניק געזיכערט.

פון זיי איז אָבער קיינע אַזוי ניט אויסגעוואַקסן, און איז שפּעטער אויך ניט געוואָרן אַזאַ וויכטיקער קאָמונאַלער יידישער צענטער, ווי די דייטש־

---

1) BENJAMIN SULTE, Mélanges historiques, vol. 19, p. 55; idem., Pages d'histoire du Canada, p. 418.

פוילישע געמיינדע אין מאָנטרעאָל, וואָס האָט זיך דאַן געגרינדעט דורך איינ־געוואַנדערטע דייטשע און ענגלישע יידן. אַ טייל פון די לעצטע האָבן פריער אָנגעהאַלטן א צובונד מיט דער שפּאניש־פּאָרטוגעזער שול. זיי איז אָבער ניט געפעלן דער ספרדישער נוסח התפילה און זיי האָבן באשלאָסן זיך אָפּ־צוטיילן און מאַכן שבת פאר זיך.

נאָך אין 1846 האָבן זיי זיך אינקאָרפּארירט אין אַ באַזונדערער רעליגיע־זער געמיינשאַפט אונטער דעם נאָמען „קאָנגרעגאַציע פון ענגלישע, דייטשע און פוילישע יידן פון מאָנטרעאָל" (9טער יאָר, וויקטאָריע, קאַפּ. 96). די דאָ־זיקע ניט לאנג אריבערגעקומענע אימיגראנטן זיינען אָבער נאָך ניט געווען בכוח אויפצובויען פאר זיך א שול. עס איז געווען ערשט עטלעכע יאָר ווי מען האָט אויף שענעוויל גאַס געהאַט אויסגעבויט די „שארית ישראל" שול, און צו שאַפן די מיטלען פאר גאנצע צוויי שול־בנינים אין אַ לערך קורצער צייט, האָט די קליינע צאָל יידן אין מאָנטרעאָל זיך נאָך ניט געקאָנט אָנ־שטריינגען.

איז די ניי־געבוירענע געמיינדע וואָס איז אויפגעקומען דעריבער אין אָנהייב געווען אַזוי שוואַך, אז זי האָט עקזיסטירט מער אין נאָמען ווי אין דער ווירקלעכקייט. זי האָט ניט געהאַט קיין אייגענע באַשטענדיקע שול און עטלעכע יאָר כסדר האָבן אירע מיטגלידער זיך געמוזט באַנוצן פאר דעם צוועק מיט אַ געדונגענעם צימער. דער צימער, וואָס האָט געדינט פאַר א „מנין", האָט זיך געפונען אויף סט. דזשיימס גאַס — דעם היינט קאָכיקן פינאנץ־צענטער פון מאָנטרעאל — און מען האָט פאר דעם געצאָלט 10 דאָ־לאר א חודש. שפּעטער האָט מען די דאָזיקע צייטווייליקע שול אריבערגע־צויגן אין אַ צימער אויף סט. גאַבריעל גאַס.

אונטער דער צייט אָבער זיינען אריבערגעקומען נאָך אייראָפּייאיש־יידישע אימיגראנטן. די צאָל יידן אין מאָנטרעאָל האָט זיך אביסל פארגרע־סערט, און דעם 12טן סעפּטעמבער 1858 האָט מען אָפּגעהאלטן אן אסיפה, אויף וועלכער מען האָט באַשלאָסן צוזוטרעטן בויען א פּערמאַנענטע שול. אין דעם פּראָטאָקאָל פון יענער אסיפה זאָגט זיך אויסדריקלעך, אַז מען וויל אויפשטעלן א בית־תפילה וואו דאָס דאווענען זאָל זיין „על פּי דעם נוסח און מנהג פון די ענגלישע, דייטשע און פוילישע יידן". זעקס און דרייסיק מענטשן האָבן זיך באַטייליקט. צווישן זיי באַגעגענען מיר די נעמען פון ל. אָלענ־דאָרף, מ. אָלענדאָרף, ב. וו. ווארנער, ש. סילווערמאַן, ש. האָפנונג, א. האָפּ־נונג, י. קאָכענטאַלער, מ. קארטאָסק, ב. קארטאָסק און אנדערע. מר. מ. אָלענדאָרף האָט מען אויסגעקליבן פאַר פאָרזיצער און מר. א. האָפנונג פאר סעקרעטאר. דער לעצטער האָט אויסגעארבעט א קול קורא צו די יידן פון

ענגלאַנד און אַמעריקע, אַז זיי זאָלן שטיצן די יונגע געמיינדע אין איר אונ־טערנעמונג. מען האָט באַשלאָסן, אַז מען זאָל דעם קול קורא פאַרעפנטלעכן אין דער יידישער פרעסע — אין דעם „דזשואיש קראָניקל" פון לאָנדאָן און דעם „דזשואיש מעסענדזשער" פון ניו יאָרק.

גרויס ענטוזיאַזם האָט צווישן די פאַרזאַמלטע ארויסגערופן די באַקאַנט־מאַכונג, אַז די ברידער דוד מאָס און עדוואַרד מאָס האָבן ביידע מנדב געווען צו 5 הונדערט דאָלאַר אויף דער שול. זייער ביישפּיל האָבן נאָכגעטאָן אויך אַנדערע. צוזאַמען איז אויף דער אסיפה געשאַפן געוואָרן פאַר דעם צוועק קרוב צו דריי טויזנט דאָלאַר. אין דער אייגענער צייט האָט שמואל האַפּנונג, וועלכער איז פריער געווען רב אין א שול אין טשעלטענהעם, ענגלאַנד, זיך אָנגעבאָטן פריי צו דינען דער געמיינדע, ביז זי וועט קאָנען אויפנעמען אַ באַשטענדיקן רב. ער האָט זיך אויך אונטערגענומען אָנצופירן א חדר און צוויי מאָל אין דער וואָך צו לערנען מיט קינדער.

לויט דעם אַקט פון אינקאָרפּאָראַציע, האָט די געמיינדע ניט געקאָנט זיך אָרגאַניזירן, סיידן אירע מיטגלידער זאָלן זיין בריטישע בירגער, וואָס זיי־נען געהעריק פאַררעגיסטרירט ביים פּראָטאָנאָטאַר פון מאָנטרעאָל. אָבער מען איז די דאָזיקע פאָרמאַליטעט נאָכגעקומען אָן שוועריקייטן. מען האָט געקויפט א פּלאַץ אויף סט. קאָנסטאַנט גאַס (היינט דע בוליאָן), און דערמיט איז געמאַכט געוואָרן א וויכטיקער שריט אָװעקצושטעלן די דייטש־פּוילישע געמיינדע אויף אַ געהעריקן באַזיס. אויף דעם פּלאַץ וואָס האָט געטראָגן דעם גאַס־נומער 41, האָט מען אויפגעשטעלט אַ שטיינערנע געביידע וואָס זאָל קאָנען אריינגעמען פופצן מנינים מתפּללים, און וואָס האָט אויך געהאַט אַ פּרויען־גאַלעריע מיט 50 פּלעצער. אין דעם אַלגעמיינעם פּלאַן איז אויך אריינגעגאַנגען אויסצובויען א חדר פאַר קינדער און אַ באַזונדערע וואוינונג פאַר אַ רב אָדער חזן.

מען האָט דער עלטערער פּאָרטוגעזער קהילה „אָפיציעל געמאָלדן" וועגן דער געבורט פון אַ שוועסטער־קהילה, און פאַראיינס ביי איר אָנגעפרעגט ווי אזוי זי וועט זיך באַציען צו מיטגלידער פון דער לעצטער בנוגע דעם בית עולם. איר ענטפער ווערט ניט אָנגעגעבן. די דייטש־פּוילישע געמיינדע האָט אָבער שפּעטער געקויפט אייגענע קרקע פאַר אַ בית עלמין, גלייך לעבן פּאָר־טוגעזישן.

ווי מען קאָן עס זען, האָבן די ספרדישע יידן געקוקט קרום אויף דעם וואָס דער איינגעוואַנדערטער עלעמענט איז געוואָרן אַזאַ כוח. זיי איז ניט געפעלן דאָס וואָס זיין איינפלוס איז געוואָרן אַלץ גרעסער, און וואָס ער האָט דערפילט א נויטווענדיקייט צו אָרגאַניזירן זיך באַזונדער און אָפּילו זיך

נעמען בויען אן אייגענע שול. אין זייערע אויגן האט דאס געזאָלט אריינ־בריינגען אַ גאַנץ נייעם גייסט אין דער יידישער קאָלאָניע אין מאָנטרעאָל. צו דעם דאַזיקן פּרואוו פון די אײנגעוואָנדערטע האָבן דעריבער אייניקע פון זיי זיך באַצויגן ניט נאָר קאָלט און אָן סימפּאַטיע, נאָר אפילו פייַנטלעך.

מיר קאָנען דאָס קלאָר ארויסדרינגען פון דעם פאַקט וואָס די פּאָרטוגע־זער שול־פירערס, אַזוי גוט ווי רעוו. אברהם דע סאָלא אליין, האָבן זיך אָפּ־געזאָגט צו באַטייליקן זיך אין דער ווינקלשטיין־צערעמאָניע פון דער דייטש־פּוילישער שול, וואָס איז פאָרגעקומען דעם 12טן יולי 1859. איינלאַדונגען וועגן דעם זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן צו דער פּאָרטוגעזער געמיינדע, צו רעוו. א. דע סאָלא און צום מעיאָר פון מאָנטרעאָל. דער לעצטער האָט עס דוקא אָנגענומען, מיט דער הסכמה פונם שטאָט־ראַט וואָס האָט באַשלאָסן, אַז דער מעיאָר און די מוניציפּאַלע קאָרפּאָראַציע זאָלן זיך באַטייליקן אין דער געשעעניש. די אַנדערע אָבער האָבן זיך אָפּגעזאָגט. די תשובות וואָס זיי האָבן צוגעשיקט אויף דער איינלאַדונג, ניט אָנגעבנדיק דעם טעם צוליב וועלכן זיי ווייזן עס צוריק, זיינען זייער כאַראַקטעריסטיש. מיר גיבן זיי דאָ איבער ווי מיר געפינען זיי פאַרצייכנט אין פּנקס פון דער „שער השמים" שול. זיי זיינען געשריבן געוואָרן קורץ, טרוקן־פאָרמעל, און זיינען געווען געווענדט צו מר. א. האָפנונג.

ענטפער פונם סעקרעטאַר פון דער פּאָרטוגעזער געמיינדע אויף דער איינלאַדונג צו באַטייליקן זיך ביים לייגן דעם גרונטשטיין פון דער דייטש־פּוילישער שול:

„מאָנטרעאָל, 8טער יולי 1859.

„ווערטער הער!

„ביי א מיטינג פון די פירערס פון דער פּאָרטוגעזער שול איז דורכן פּרעזידענט, מר. אלעקסאנדער לעווי, פאָרגעלייגט געוואָרן אייער בריוו פון היינט נאָכמיטאָק, און איך שיק אייך דאָ איבער א קאָפּיע פון דער רעזאָלוציע וואָס איז אין שייכות דערמיט אָנגענומען געוואָרן:

„באַשלאָסן, אַז די פירערס פון דער פּאָרטוגעזער שול זאָגן זיך אָפּ פון דער איינלאַדונג וואָס די דייטש־פּוילישע געמיינדע האָט צוגע־שיקט, בייצווזין ביים לייגן דעם ווינקלשטיין פון איר שול, דינסטיק, דעם 12טן פון היינטיקן חודש, און אַז דער סעקרעטאַר זאָל וועגן דעם מודיע זיין דעם ערן־סעקרעטאַר פון יענער שול.

„איך האָב דעם כבוד צו פאַרבלייבן מיין הער, אאז"וו.

„א. ה. דוד, סעק. פון „שארית ישראל".

ענלעך צו דעם איז אויך געווען די תשובה וואָס איז אָנגעקומען פון רעוו.

אברהם דע סאָלא, און וואָס האָט זיך געלייענט ווי פאָלגט:

„מאָנטרעאָל, 10טער יולי 1859.

„ווערטער הער!

„איך האָב ריכטיק מקבל געווען אייער בריוו פון פרייטיק נאָכמי־טאָק, אין וועלכן איר זייט מיר מודיע, אז „איר זייט געוואָרן אינסטרו־אירט פונם פרעזידענט און די באאמטע פון דער ענגליש־דייטש־פוי־לישער געמיינדע מיך איינצולאָדן״, אז איך זאָל בייזיין ביים לייגן דעם ווינקלשטיין פון זייער שול קומענדיקן דינסטיק, דעם 12טן פון היינטיקן חודש, דריי א זייגער נ. מ. איך באַנוץ זיך מיט דער פריסטער געלעגנ־הייט כדי צו בעטן אייך לאָזן וויסן דעם פרעזידענט און די באאמטע פון יענער שול, אז איך קאָן די איינלאַדונג פאר דעם ניט אָננעמען.

„איך האָב דעם כבוד צו פארבלייבן,

מיט גרויס דרך ארץ,

אברהם דע סאָלא״. 2)

מען האָט זיך אָנגעשטויסן, אז דער דאָזיקער ברוגז האָט אפשר געשטאמט פון דעם וואָס מען האָט געהאט איינגעלאַדן נאָך אן אַנדער רב אויך — רעוו. מאָריס י. ראפאל, פון ניו יאָרק, אז ער זאָל קומען זיך באטייליקן אין דער צערעמאָניע פון לייגן דעם ווינקלשטיין. א קאָמיטע פון די דייטש־פוילישע יידן איז צוליב דעם געגאנגען צו רבי דע סאָלאַ כדי מיט אים פערזענלעך זיך דורכריידן וועגן דער זאך און אים בעטן קומען, אָבער דאָס האָט ניט גע־האָלפן. ער האָט קאטעגאָריש זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען אן אָנטייל אין דער געשעעניש.

דער גרונטשטיין פונם שול־בנין איז געלייגט געוואָרן דורך מר. דוד מאָס. דעם 22טן מאי 1860 איז אויך פאָרגעקומען דער חנוכת הבית, און דערמיט איז די צווייטע יידישע געמיינדע אין לאנד — און די ערשטע אשכנזישע געמיינדע אין דער בריטישער צפון־אמעריקע — געגרינדעט געוואָרן. פאר איר ערשטן פרעזידענט האָט מען אויסגעקליבן מר. מ. אָלענדאָרף. נאָך רעוו. שמואל האָפּנונג האָט די שול אויפגענומען פאר א גייסטיקן פירער רעוו. מר. פּאָס, און נאָך רעוו. פּאָס, איינעם א רעוו. דר. קאָהן. דער לעצטער איז געצוואונגען געוואָרן צו פארלאָזן זיין שטעל, נאָך דעם ווי עס איז צוליב אים אויסגעבראָכן א ערנסטע מחלוקת. מען האָט אויף זיין פלאץ דאן אויפגענומען רעווערענד ע. ס. מייערס, וועלכער האָט דערפילט די פונקציעס פון חזן, פּרעדיקער, בעל קריאה און אויך מלמד. די שול האָט אויך אָנגעשטעלט אן אייגענעם שוחט.

---

2) Minute Book of the Shaar Hashomayim Congregation (in MSS), Montreal.

זייער אסך האָט די ניי־געגרינדעטע יידישע געמיינדע געהאט צו פאַר־דאנקען דער משפחה מאָס פאַר דעם וואָס איר עקזיסטענץ איז געוואָרן גע־זיכערט. די מאָסעס זיינען געווען איינגעוואַנדערטע ענגלישע יידן, וואָס האָבן פאַרמאָגט א ברייט און הייסן דעם יידיש הארץ, און פאַר וועמען קיין קרבן איז ניט געווען צו גרויס, אויב עס האָט זיך נאָר געהאנדלט וועגן שטיצן א יידישע זאך. די ברידער דוד, עדוואַרד און לאָורענס מאָס, און שפּעטער אנדערע מיטגלידער פון דער זעלביקער משפחה, האָבן די נייע געמיינדע אָפט געשטיצט מיט גרויסע סומעס געלט. זיי האָבן אויך זייער אסך בייגע־טראָגן כדי אויפצוהאלטן איר דערציאונגס־שול. ווען דוד מאָס האָט אין 1865 פאַרלאָזט מאָנטרעאָל כדי צו פאָרן צוריק קיין ענגלאנד, האָט ער פאַר דעם דאָזיקן לערן־אנשטאלט וואָס די דייטש־פּוילישע געמיינדע האָט אויפ־געהאלטן, מנדב געווען די סומע פון 800 דאָלאַר. און ווען זיין ברודער עדוואַרד מאָס האָט אין 1869 זיך אויך אומגעקערט קיין ענגלאנד, האָט ער פאַר דעם מנדב געווען א נאָך גרעסערע סומע. דוד מאָס האָט אין זיין צוואה אויך איבערגעלאָזט א פאָנד, דעם פּראָצענט פון וואָס מען זאָל יעדן יאָר אויסצאָלן אין פּרעמיעס צו די צוויי בעסטע תלמידים פון דער זונטיק־שול.

ניט געקוקט אויף דעם אומאָנגענעמען אינצידענט וואָס איז זיך פאַרלאָפן ביים לייגן דעם ווינקלשטיין פון דער דייטש־פּוילישער שול, האָבןביידע געמיינדעס דאָך געלעבט צווישן זיך בשלום. זייערע מיטגלידער, פּונקט ווי די פירערס אליין, האָבן אָפט פאַרקערט צוזאמען און אויך קאָאָפּערירט צווישן זיך אין פאַרשיידענע יידישע כלל־ארבעטן. פונדעסטוועגן איז אין א פּאָר יאָר ארום ארויפגעשווימען צווישן זיי א שטיקל סכסוך, וואָס מען האָט געמוזט ברייננען אין געריכט, און וואָס האָט זיך געענדיקט מיט דעם וואָס די אשכנזים האָבן געוואונען.

פּאסירט האָט דאָס, בעת די מוניציפּאלע פאַרוואלטונג פון מאָנטרעאָל האָט געפונען פאַר נויטיק צו עקספּראָפּריאירן דאָס פּלאַץ וואו עס האָט זיך געהאט געפונען דער אלטער בית עולם, פונוואַנען מען האָט געדאַרפט איבערפירן די קברים אויף א ניי אָרט. מען האָט זיך בעראטן מיט די פירערס פון דער פּאָרטוגעזער געמיינדע, און יענע זיינען געוואָרן מושווה אַז זייער שול זאָל דאָס טאָן פאַר זעקס דאָלאַר א קבר. די שטאָט האָט ארויסגעצאָלט פאַר דעם עקספּראָפּריאירטן באָדן, אָבער צווישן ביידע שולן איז צוליב דעם ארויסגעקומען א סכסוך, ניט קאָנענדיק זיך אייניקן, פיל די דייטש־פּוילישע געמיינדע זאָל קריגן אויף איר חלק. די פירערס פון דער לעצטער האָבן גע־טענהט, אז איר קומט ארויס מער פיל די פּאָרטוגעזער יידן האָבן עס געוואָלט געבן. מען האָט זיך ניט געקאָנט פאַרגלייכן און מען האָט זיך דעריבער

געווענדט צום געריכט. דאָס געריכט האָט דעם 24טן אויגוסט 1864 ארויס־געגעבן אן אורטייל צו גונסטן דער דייטש־פוילישער געמיינדע.

ניט אזוי גרינג איז אָנגעקומען די יידן פון קוויבעק צו קאָנען גרינדן אַ קהילה, כאָטש זיי האָבן דאָרט געוואוינט זינט קאנאדע איז איבערגעגאנגען צו די ענגלענדער. זיי האָבן אין צאָל זיך אזוי ווינציק פארמערט, אז עס איז פאַר זיי געווען שווער צו אָרגאניזירן זיך כדי צו קאָנען בעסער באזאָרגן זייערע יידישע הצטרכותן. מיר געפינען, אז נאָך אזוי פרי ווי אין 1760 האָט אליעזר ליוויי זיך דאָרט שוין געהאט באַזעצט און זיך פארנומען מיט מסחר. דעם אייגענעם יאָר האָט דאָרט זיך אויך באזעצט אברהם פראנקס, און עס איז באוואוסט אז זיין זון, דוד סאַליסבורי פראַנקס, האָט אין קוויבעק זיך געהאט געפונען פאַר דעם יאָר 1774. אין 1784 האָבן דאָרט געוואוינט אליה סאָלאָמאָנס, דוד דזשייקאָבס און חיים מאירס. דזשאָן פראנקס איז געווען שעף פון דער קוויבעקער פייערלעשער־בריגאַדע צווישן 1799־1790 — דער ערשטער צו פארנעמען דאָרט אזא פאָסטן. 3) אין די דרייסיקער יאָרן פון ניינצנטן יאָר־הונדערט האָבן זיך דאָרט אויך באזעצט אברהם דזשאָזעף, וועלכער האָט אין קוויבעק געשפילט אזא פראָמינענטע ראָל, העגרי בענדזשאמין, וועלכער האָט דאָרט געהאלטן אַ גרויס געשעפט, און איניקע אנדערע יידן.

ערשט אָבער סוף 1852 האָט מען דאָרטן געמאכט אן אָנהייב צו אָרגא־ניזירן א קהילה. מען האָט געקויפט קרקע פאר א בית עלמין און אויך געדונגען א פלאץ וואָס מען האָט באנוצט פאַר א שול, וואו מען פלעגט פון צייט צו צייט אָפּהאלטן גאָטעדינסטן. די יונגע געמיינדע האָט אויך אָנגעשטעלט א גייסטיקן פירער, וואָס האָט פאר איר דערפילט אלע געהעריקע פונקציעס. 4) עס האָט אָבער געדויערט אסך יאָרן ביז מען האָט די קוויבעקער קהילה געקאָנט אוועקשטעלן אויף א זיכערן יסוד. ערשט אין 1892 איז דאָרט אויס־געבויט געוואָרן די ערשטע באשטענדיקע שול, „בית ישראל".

פונקט אזוי ניט לייכט איז אויך צוגעגאנגען מיט איינאָרדענען דאָס יידישע געמיינדע־לעבן אין טאָראָנטאָ. מיר האָבן שוין אין א פריערדיקן קאַפּיטל דערמאָנט די ערשטע יידן וואָס האָבן זיך דאָרטן באזעצט. דער רעליגיעזער צענזוס פון 1846 האָט געוויזן, אז אין טאָראָנטאָ האָבן יענעם יאָר זיך געפונען בלויז צוועלף יידן — א צאָל וואָס איז נאָך געווען גאנץ קליין. אויף די ערשטע פאָרמען פון יידישער אָרגאניזירטקייט אין יענער שטאָט שטויסן מיר זיך אָן מיט דריי יאָר שפּעטער, אין 1849. א דאָקומענט וואָס טראָגט די דאטע פון 1טן סעפּטעמבער יענעם יאָר, און וואָס געפינט זיך אין שטאָטישן רעגיסטראַט,

3) Bulletin des recherches historiques, 1900, p. 222.
4) Occident, vol. XV, March, 1858.

דערציילט אונדז, אז האַנ. בעווערלי ראָבינסאָן האָט איבערגעגעבן צו יהודה ג. דזשאָזעף און אברהם נאָרדהיימער דאָס לאַנד אויף פּעיפּ עוועניו, וואָס זאָל באַנוצט ווערן פאַר אַ בית עלמין פאַר דער יידישער געמיינדע. פאַר דעם פּלאַץ האָט מען באַצאָלט די סומע פון צוואַנציק פונט. אין דעם אייגענעם דאָקומענט ווערט אויך אָנגעוויזן, ווי אזוי די קרקע זאָל פאַר דער יידישער געמיינדע פאַרוואַלט ווערן. די עלטסטע יידישע מצבות אויף דעם דאָזיקן בית עלמין זיינען די פון שמעון אלפרעד דזשאָזעף, לואי לייאָנס און יהודה ג. דזשאָזעף. זיי געהערן צו די יאָרן 1850־52.

דער דערמאָנטער אברהם נאָרדהיימער און זיין ברודער, שמואל נאָרדהיימער, זיינען פרי אריבערגעקומען קיין טאָראָנטאָ און דאָרט געגרינדעט דאָס באַרימטע קאנאַדער פּיאַנאָ און מוזיק־הויז, וואָס טראָגט היינט אויך זייער נאָמען. זיי זיינען געבוירן געוואָרן אין מעמסדאָרף, בייערן, און אין 1839 זיינען זיי געקומען קיין ניו יאָרק. אין אַ קורצער צייט ארום האָט אברהם נאָרדהיימער געקראָגן די שטעל פון מוזיק־לערער אין דער משפחה פון סיר טשארלס באַגאָט, דעם קאנאַדער הויפּט־גאָווערנאָר. ער איז מיט זיין ברודער דעריבער אַריבערגעקומען קיין קינגסטאָן, וואָס איז דאַן געווען די קאנאַדער הויפּטשטאָט. זיי זיינען פאַקטיש געווען צווישן די ערשטע דייטשע יידן וואָס האָבן אין קאנאַדע איינגעוואַנדערט, און וואָס האָבן פאַר דער עפנטלעכקייט געהאַט פיגורירט ווי אַזעלכע. ביידע האָבן אין קינגסטאָן געעפנט דעם מוזיק־הויז וואָס זיי האָבן שפּעטער אריבערגעפירט אין טאָראָנטאָ, וואו זיי האָבן אין 1844 זיך באַזעצט. אברהם נאָרדהיימער האָט פון אָנהייב אָן ארויסגעוויזן אַ נייגונג צו אַלץ וואָס יידיש. ער האָט דאָרט געהאָלפן אָרגאַניזירן די יידישע געמיינדע און באַזאָרגן פאַרשיידענע הצטרכותן אירע. אזוי איז אויפגעקומען די „סאָנס אָוו איזרעאַל״, וואָס איז שפּעטער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער היינטיקער „האָלי בלאָסאָם״ קאָנגרעגאַציע. דער ערשטער פּנקס פון דער דאָזיקער געמיינדע טראָגט די דאַטע פון יאָר 1856. די יידן פון טאָראָנטאָ האָבן אָבער געקאָנט אויסבויען אַ שטענדיקע שול ערשט דאַן, ווען זייער צאָל האָט זיך שוין געהאַט היפּש פאַרגרעסערט.

אברהם נאָרדהיימער איז אין טאָראָנטאָ ניט פאַרבליבן. אים האָט געצויגן צוריק אהיים, קיין מעמסדאָרף, וואו דאָס לעבן איז פאַר אים געווען אסך אינטערעסאנטער. אין די זעכציקער יאָרן האָט ער זיך אומגעקערט צוריק קיין דייטשלאַנד וואו ער איז שפּעטער געשטאָרבן (אין 1869). זיין ברודער, וואָס איז אין 1887 באַשטימט געוואָרן פאַר דייטשן קאָנסול אין אָנטאַריאָ, איז אסך יאָרן געווען פּרעזידענט פון דער פילהאַרמאָנישער געזעלשאַפט פון טאָראָנטאָ. ער איז אָבער פרי אוועק פון יידן און איז איבערגעגאַנגען צו דער אנגלי־

קאנער קירך. ווען ער איז געשטאָרבן (אין 1912), האָט ער פון א גרויס פאַר־מעגן וואָס איז פון אים איבערגעבליבן גאַנץ ווינציק איבערגעלאָזט פאַר וואוילטעטיקע צוועקן, און בלויז א פּאָר דאָלאר פאר א טאָראָנטער יידישן צדקה־פאראיין.

אין די פערציקער יאָרן זיינען קיין טאָראָנטאָ אויך אָריבערגעקומען די ברידער מאַרקוס און שמואל ראָסין, דאָס גלייכן געבירטיקע דייטשע יידן, און זיי האָבן דאָרט געעפנט א צירונג־געשעפט. אין משך פון א פּאָר יאָר האָבן זיי זיך געמאַכט אַ נאָמען און זיינען געוואָרן שטאַרק אַנגעזען אין דאָר־טיקע קרייזן. אין 1855 האָבן מאַרקוס און שמואל ראָסין אויפגעבויט דאָס באַרימטע „ראָסין הויז״, וואָס האָט זיך געפונען אויפן ווינקל פון קינג און יאָרק גאַס, און האָט זיך גערעכנט פאר דעם פאָרנעמסטן אַריסטאָקראַטישן האָטעל אין טאָראָנטאָ. דאָס איז געווען אַ פּלאַץ וואו די חשובסטע פּערזענ־לעכקייטן וואָס זיינען דורכגעפאָרן יענע שטאָט, זיינען איינגעשטאַנען, — צווישן זיי, דער פּרינץ אָוו ווילס און זיין סוויטע אין 1860; גענעראַל סליס־טעל, דער במקום לייטענאַנט־גאָווערנאָר, וואָס האָט דאָרט געוואוינט מער ווי א יאָר; אסך ענגלישע לאָרדן, אייראָפּייאישע שריפטשטעלער, דראַמאַטי־שע קינסטלער און אַנדערע. די ראָסין ברידער האָבן אָבער געהאַט ווינציק דערפאָלג אין טייל פון זייערע אונטערנעמונגען און זיי זיינען דעריבער מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אַרויסגעפאָרן פון טאָראָנטאָ.

דער ערשטער רוסישער ייד וואָס האָט זיך באַזעצט אין יענער שטאָט, איז געווען יצחק דיוויס. ער איז געבוירן געוואָרן אין מאָסקווע אין 1806 און האָט קיין טאָראָנטאָ זיך אַריבערגעקליבן אין 1854, נאָך דעם ווי ער האָט אַ קורצע צייט געוואוינט אין קוויבעק און אין מאָנטרעאָל. מר. דיוויס איז געווען צווישן די ערשטע נאטוראליזירטע יידן אין לאנד, אויב ניט דער ערשטער פון זיי, מחמת ער איז געוואָרן א קאַנאַדער בירגער נאָך אין יאָר 1837. ער האָט גענומען זייער א ווארעמען אינטערעס אין אַלץ וואָס האָט געהאַט א שייכות מיט דעם לעבן פון דער יונגער יידישער געמיינדע אין זיין שטאָט.

עס זיינען אויך צוגעקומען נאָך א פּאָר אַנדערע יידישע משפחות וואָס האָבן זיך דאָרטן באזעצט. דערפון האָט אין טאָראָנטאָ ביסלעכוויז זיך אָנגע־זאַמלט א קליינער יידישער קיבוץ, און עס איז פאר אים אויסגעוואַקסן די באַדערפעניש צו האָבן א שטענדיקן מקום קדוש. אין חודש יוני 1856 איז די דאָזיקע באדערפעניש אויך באַפרידיקט געוואָרן. דאָס איז געשען דער עיקר א דאנק די איבערגעגעבענע באַמיאונגען פון אזא עסקן ווי לואיס סאַ־מועל (געבוירן אין ענגלאנד 1828; געשטאָרבן אין טאָראָנטאָ 1887), און פון

נאך אנדערע. די יידן פון טאראנטא האבן דעמאלט זיך ארגאניזירט אין א געמיינדע און געדונגען א צימער פאר א דערוויילִיקער שול, איבער אן אפ־טייק וואס האט זיך געפונען אויפן ווינקל פון ריטשמאנד און יאנג גאס. 5) מען האט אויך אנגעשטעלט איינעם א חיים גאלדבערג פאר שמש, בעל תפילה, משגיח און ווי. דעם 8טן אפריל 1857 האבן מר. און מרס. ג. י. אשער, פון מאנטרעאל, געשאנקען דער נייער שול א ספר תורה, א זאך פאר וועל־כער מען האט זיי באדאנקט אין א ספעציעלער רעזאלוציע וואס איז געווען גראווירט אויף פארמעט. מען האט זיי אויך אויסגעקליבן פאר „ערן־מיט־גלידער פון דער שול אויפן גאנצן לעבן".

די אשער־משפחה איז אין 1841 אריבערגעקומען קיין קאנאדע פון גלאז־גאו, סקאטלאנד, און זיך באזעצט אין מאנטרעאל. זיי זיינען געווען פארמעג־לעכע מענטשן וואס האבן געהאנדלט מיט צירונג, אין וואס זיי האבן געהאט גרויס דערפאלג. ארום דעם יאר 1851 האבן זיי אויך געעפנט אן אפטייל אין טאראנטא, וואו יעקב ג. אשער און אלבערט ג. אשער, די זין פון ג. י. אשער, האבן זיך דאן באזעצט. פון זיי אבער איז דער ערשטער דארטן לאנג ניט פארבליבן און ער האט זיך צוריק אריבערגעקליבן אין מאנטרעאל. געצל אשער, דער פאטער פון דער משפחה (וועלכער האט געלעבט ביז צום הויכן עלטער פון 96 יאר), איז געווען ארטאדאקסיש זייער פרום, און ביים פרע־זענטירן די יידן פון טאראנטא מיט זייער ערשטער ספר תורה, האט ער מיט זיי דעריבער אויסגענומען א געוויסן תנאי. דאס איז געווען, אז די געמיינדע וואס זיי האבן געגרינדעט זאל אין גייסט פארבלייבן טראדיציאנעל יידיש און קיינמאל ניט איבערגיין צו רעפארם־יידישקייט. די „האלי בלאסאם" שול, וואו די ספר תורה געפינט זיך נאך עד היום, האט אבער דעם דאזיקן תנאי שפעטער ניט גאר שטרייננג אויסגעפאלגט.

עס איז אינטערעסאנט צו באמערקן, אז אסך פון די וואס האבן אין יענע יארן זיך באזעצט אין טאראנטא, האבן פריער געהאט געוואוינט אין מאנט־רעאל וואו זיי זיינען געווען אריבערגעקומען צום ערשטן. מערסטנס זיינען דאס געווען ענגליש־געבוירענע יידן, און צווישן זיי האט אין דעם יידישן לעבן פון טאראנטא געשפילט א גאנץ באזונדערע ראל דער פריער דערמאנ־טער לואיס סאמועל. זיין נאמען איז געווען ענג פארבונדן מיט אלע לאקאלע יידישע געשעענישן אין יענער שטאט. איינער פון די חשובסטע איינוואוינער דארטן, איז ער אויך געווען א טעטיקער מיטגליד אין מאסאנישע לאדזשן און געזעלשאפטלעכע פאראייגען און איז בכלל געווען שטארק רעספעקטירט פון ייד און קריסט צוגלייך. ער איז געווען וויצע־פרעזידענט און פרעזידענט

5) S. J. BIRNBAUM, in Canadian Jewish Times, Dec. 20, 1912.

פון „מעקאַניקס אינסטיטוט״, וואָס מען האָט געקאָנט באַטראַכטן פאַר ניט קיין קליינעם כבוד פאַר א יידן. ער האָט צו דעם אויך געהאַט א באַדייטנדיקע רעפּוטאַציע אין געזעלשאַפטלעכע קרייזן.

מר. סאַמועל האָט אַסך צייט אָוועקגעגעבן, כדי די יונגע יידישע געמיינדע אין זיין שטאָט אוועקצושטעלן אויף א גוטן יסוד און צו באַזאָרגן אירע פאַרשיידענע נויטן. אַרום 1875 האָט די צאָל יידן זיך דאָרט געהאַט אויף אַזוי ווייט פאַרמערט, אַז דער פּלאַץ וואָס מען האָט פריער באַנוצט פאַר א שול איז געוואָרן צו קליין. מר. סאַמועל, וועלכער איז געווען „פּרעזידענט, וויצע־פּרעזידענט, קאַסירער און אַלצדינג״, ווי איינער פון די אַלטע יידישע תושבים פון טאָראָנטאָ האָט וועגן אים זיך אויסגעדריקט, 6) האָט דאַן גענומען אויף זיך צו שאַפן א פּאָנד פאַר א נייער און מער פּאַסיקער שול. זיין אַרבעט איז אויך געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג, און אין 1876 האָט מען אין טאָראָנטאָ ענדלעך אויפגעשטעלט די ערשטע שטענדיקע שול און געפּראַוועט איר „חנוכת הבית״. דער פּלאַץ האָט זיך געפונען אויף ריטשמאָנד און וויקטאָריע גאַס. די יידן פון מאָנטרעאָל האָבן וואַרעם געשטיצט די דאָזיקע אונטערנעמונג. אין דעם פּנקס פון דער דייטש־פּוילישער געמיינדע געפינען מיר, אַז לואיס סאַמועל, דער פּרעזידענט פון דער טאָראָנטער יידישער געמיינדע, האָט אין א בריוו באַדאַנקט די פּירערס און די מיטגלידער פון דער דייטש־פּוילישער שול אין מאָנטרעאָל פאַר די ליבעראַלע בייטראָגן זייערע פאַר דעם דאָזיקן צוועק.

כמעט אַרום דער אייגענער צייט ווען אין טאָראָנטאָ האָבן זיך גענומען באַזעצן מערערע יידן, האָט דער יידישער ישוב איבער גאַנץ קאַנאַדע זיך אָנגעהייבן אויסשפּרייטן. אין 1857 האָט נח פרידמאַן, וועלכער איז געבוירן אין קאָוונע אין 1831, זיך באַזעצט אין לאַנקאַסטער, אָנט. נאָך אים זיינען אַהין געקומען וויליאַם דזשייקאָבס, די קעלערטס, די לעווינסאָנס און אייניקע אַנדערע יידישע משפחות. טייל פון די דאָזיקע אימיגראַנטן, וואָס זיינען געווען צווישן די ערשטע וואָס זיינען אין קאַנאַדע אריבערגעקומען פון ליטע, זיינען געווען פאַרמעגלעכע מענטשן. זיי האָבן זיך באַזעצט לעבן לאַנקאַסטער, ווען מען האָט דאָס אינדיאַנישע לאַנד אין יענעם געגנט געמאַכט צוגאַנגלעך פאַר קאָלאָניזאַציע.

יידן האָבן אָבער מיט עטלעכע יאָר פריער נאָך זיך שוין געהאַט געפונען אין האַמילטאָן, וואו עס האָט ביסלעכווייז זיך פאַרמירט א קליינע יידישע קאָלאָניע. אין 1857 האָט הערמאַן ליוויי דאָרט געעפנט דאָס צירונג־געשעפט אונטער דעם נאָמען „ליוויי ברידער״. דעם אייגענעם יאָר האָט אין אָטאַווא

6) דאָרטן.

זיך באַזעצט משה בילסקי, וועלכער איז געבוירן אין קאָונע אין 1829. ער איז אין קאַנאַדע געקומען מיט עלף יאָר שפּעטער צוזאַמען מיט זיין פאָטער, אליה בילסקי, וועלכער האָט זיך באַזעצט אין מאָנטרעאַל. זיין פאָטער האָט אין 1857 פאַרלאָזט קאַנאַדע און איז אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל, און משה בילסקי האָט זיך דאָן אַריבערגעקליבן קיין אָטאַווא — דער ערשטער ייד וואָס האָט זיך געהאַט געמאַכט זיין היים אין דער קאַנאַדער הויפּטשטאָט.

בעת איז אָטאַווא איז די צאָל יידן א לאַנגע צייט קנאַפּ וואָס געוואַקסן, האָבן זיי אין האַמילטאָן פרי זיך געקאָנט אָרגאַניזירן אין אַ קהילה. דאָס איז געווען די „אַנשי שלום", וואָס איז אינקאָרפּאָרירט געוואָרן אין 1863. פאַר אַ משך פון צוועלף יאָר, פון 1873 ביז 1885, אין עדמונד שויער (1847־1943) געווען איר פּרעזידענט און ער האָט פאַר דער יונגער קהילה וואָס האָט דאָן שוין געציילט א פאָר צענדליק יידישע משפּחות, זייער אסך געטאָן. זיין השפּעה אויף איר האָט זיך געפילט אַ לאַנגע צייט.

עדמונד שויער איז געבוירן געוואָרן אין רהיינישער פּרייסן און ער איז געקומען קיין קאַנאַדע אָנהייב די זיבעציקער יאָרן. אין 1871 האָט ער זיך באַזעצט אין האַמילטאָן, פונוואַנען ער האָט שפּעטער, אין 1886, זיך אריבער־געצויגן קיין טאָראָנטאָ. א מענטש מיט אסך פיינע שטריכן און באַדייטנדיקע פּערזענלעכע מעלות, האָט ער פאַר דעם דעמאָלט קליינעם יידישן קיבוץ אין האַמילטאָן, ווי שפּעטער פאַר די יידן פון טאָראָנטאָ, זיך אַרויסגעוויזן צו זיין א פּיאָנער אין פולן זינען פון וואָרט. אין 1872 האָט ער אין האַמילטאָן אָרגאַניזירט א צווייג פון דער „אַליאַנס איזראַעליט" און דעם אייגענעם יאָר האָט ער דאָרטן אויך געגרינדעט אַ „שבת־שול".

אין 1858 האָבן העברי דזשייקאָבס און מייקל מייקלס געעפנט אין דאַנ־דאס די ערשטע ציגאַר־פאַבריק אין קאַנאַדע. דאָס איז געווען אַן אונטערנע־מונג וואָס האָט פיל בייגעטראָגן צום אַנטוויקלען די ציגאַר־אינדוסטריע אין לאַנד. ביידע האָבן אין עטלעכע יאָר אַרום זיך אריבערגעצויגן קיין מאָנט־רעאָל. אַרום דער אייגענער צייט אומגעפער זיינען אויך אין די מאַריטימע פּראָווינצן געקומען די ערשטע יידן וואָס זיינען דאָרטן געוואָרן פּערמאַנענטע תושבים. דאָס זיינען געווען נתן גרין, שלמה האַרט און העברי ליוויי, וואָס האָבן צווישן די יאָרן 60־1858 זיך באַזעצט אין סט. דזשאָן, נ. ב. זיי זיינען געווען נאָענטע קרובים און זיינען פון ענגלאַנד אפריער געקומען קיין אַמע־ריקע. פון דאָרט האָבן זיי זיך שפּעטער אַריבערגעקליבן קיין סט. דזשאָן וואו זיי האָבן זיך געמאַכט זייער היים. שלמה האַרט האָט געשטאַמט פון א משפּחה פון עלזאַס לאָטערינגען, וואָס האָט זיך געהאַט גערופן הערץ.

דאָס זיינען אָבער ניט געווען דורכאויס די ערשטע יידן וואָס זיינען געווען געקומען אין די מאריטימע פּראָווינצן, — זיכער ניט די ערשטע וואָס איז שייך דער פּראָווינץ נאָווא סקאָשיא. אין נאָווא סקאָשיא, ווי מיר האָבן שוין ביי אַ פריערדיקער געלעגנהייט דאָ אָנגעוויזן, האָבן יידן זיך געהאַט באַזעצט נאָך פריער ווי אין מאָנטרעאָל, הגם עס האָט זיך געהאנדלט בלויז וועגן איזאָלירטע פאַלן. אָבער אַזעלכע פאַלן זיינען שוין היינט פעסטגעשטעלט בלי שום ספק.

ווי דאָס איז געווען דער פאַל נאָך איידער דער יידישער ישוב איבערן לאנד האָט זיך געהאַט געהעריק פארוואָרצלט, אַזוי האָט זיך דאָס ארויסגעוויזן אויך איצט. די באַציאונג צו יידן איז אויף אַ האָר ניט געמינערט געוואָרן. דאָס איז געווען אַ באַציאונג געבויט אויף טאָלעראַנץ און גאַסטפריינטלעכקייט, געמישט מיט אַ געפיל פון סימפּאַטיע צו זיי. מערסטנס האָט מען די נייע אימיגראַנטן אומעטום אויפגענומען גערן. דער אויסטויש פון געמיינשאפטלעכע געפילן צווישן יידן און זייערע קריסטלעכע שכנים האָט דערפאַר ביסלעכווייז געמוזט ווערן קאָנטיק. מען האָט געשעצט דעם דורכשניטלעכן יידן, באַזונדערס דעם וואָס האָט מיט עפּעס וואָס זיך אויסגעצייכנט.

עס איז איבעריק צו זאָגן, אַז דאָס האָט ביי דער יידישער באַפעלקערונג געהאָלפן פאַרשטאַרקן דעם צובונד צו דער קאַנאַדער סביבה. דאָס האָט ביי איר אַרויסגערופן אַלץ אַ נאָענטערן און מער וואַרעמען געפיל צום לאנד, וואו אַ היפּשע צאָל יידן האָבן זיך איבערגעפלאנצט און וואו זיי האָבן געניאָסן פרייהייט און רעכט — דאָס וואָס זיי האָבן ניט געהאַט אין די לענדער פונוואַנען זיי זיינען געקומען. מיר לייענען צום ביישפּיל, אַז אין אַ געוויסן טאָג אין 1857 האָבן די יידן אין קאנאַדע געמאכט אַן עפנטלעכן תענית צוליב די רעוואָלוציאָנערע אומרוען וואָס זיינען דאן פאַרגעקומען אין אינדיע, וואו אסך ענגלענדער זיינען פון די איינוואוינער אויסגעשלאכט געוואָרן. דאָ האָט, פארשטייט זיך, ניט געקאָנט זיין קיין פראַגע פון אַ באוואוסטזיניקן פארנאַנדערקלייבן זיך אין די סיבות וואָס האָבן צו דעם געפירט. גיכער איז דאָס געווען אַ פאַל פון לאָזן זיך מיטרייסן פון דעם אלגעמיינעם געפיל פון וועלכן גאַנץ קאַנאַדע איז אַרומגעכאַפּט געוואָרן.

דורך אַן אָפיציעלער פּראָקלאַמאַציע, האָט מען דעם 27טן נאָוועמבער יענעם יאָר צוליב די געשעענישן אין אינדיע דערקלערט אַ טרויער־טאָג אין לאנד. די יידן, זעען מיר, האָבן דאָס אָפּגעהיט ווי אַ „תענית ציבור" און יענעם טאָג געפאַסט און אין דער ספרדישער שול אין מאָנטרעאָל מתפלל געווען. אַ זייער ריירנדיקע רעדע אויף דעם פּסוק „ועת צרה היא ליעקב, וממנה יושע"

(ירמיה, ל, ז.), האָט אין שול געהאלטן רבי א. דע סאָלא און זיינע ווערטער האָבן אויף אַלעמען געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. 7)

7) The Gazette, Montreal, November 27, 1857.

## קאפיטל פופצן

# דאָס יידישע געזעלשאַפטלעכע לעבן און דער ישוב אויפֿן פּאַציפישן ברעג

ניט געקוקט אויף דעם וואָס דער יידישער ישוב האָט גענומען ביסלעכ־ווייז זיך אלץ מער אויסשפּרייטן איבערן לאנד, איז דאָס לעבן גופא פון אָט דעם ישוב פארבליבן באַגרענעצט און אָרעם אין געשעענישן. אלץ וואָס האָט פאסירט אין דער יידישער וועלט וואָס איז געווען פון גרעסערער וויכ־טיקייט, האָט דעריבער ניט געקאָנט ניט אויפגענומען ווערן מיט א גאַנץ באַזונדערן אינטערעס פון די יידן אין קאנאַדע.

אין 1855 האָבן די יידן אין ענגלאנד פארצייכנט אַ גרויסן און פאר יע־נער צייט באמת זייער באדייטנדיקן זיג. דאָס איז געווען די דערוויילונג פון דוד סאָלאָמאָנס פאר לאָרד מעיאָר פון לאָנדאָן. דאָס איז פאר אלעמען גע־ווען אַ באווייז, ווי ווייט דער דעמאָקראַטישער גייסט האָט ענדלעך אָנגע־הייבן אַריינדרינגען אין יענעם לאנד, און פיל פאַרשריט דער קאמף פאר בירגערלעכער און רעליגיעזער פרייהייט האָט דאָרטן געמאַכט. אזמעטום אין דער בריטישער אימפּעריע, און דאָס זעלביקע, פאַרשטייט זיך, אויך אין אמעריקע, האָט מען מיט פרייד באגריסט די נייעס, אז דוד סאָלאָמאָנס האָט ענדלעך געוואונען דעם קאמף וואָס ער האָט אזוי לאנג געפירט. זיינע באַ־מיאונגען זיינען געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג. זיי זיינען ניט געווען אומ־זיסט. אַ ייד לאָרד מעיאָר פון דער גרעסטער וועלט־שטאָט — דאָס איז אין אָלעמעס אויגן געווען אַ נצחון פאר אים פערזענלעך, אי אויך אַ קאָמפּלי־מענט פאַר דעם פאָלק צו וועלכן ער האָט געהערט.

די באַגייסטערטע שטימונג און גרויסע צופרידנקייט וואָס דאָס האָט אין יידישע קרייזן ארויסגערופן, האָבן אויך געהאַט אַ זייער ווארעמען אָפּקלאַנג צווישן די יידן פון קאַנאדע. דעם 1טן נאָוועמבער יענעם יאָר האָבן זיי אין מאָנטרעאָל צוליב דעם דורכגעפירט אַ ספּעציעלן אָוונט, וואָס האָט אויף אַ באַזונדערן אופן אויסגעדריקט דעם געהייבענעם סענטימענט, פון וועלכן די יידישע באַפעלקערונג איז באַהערשט געוואָרן.

דער אָוונט איז געוואָרן דורכגעפירט אונטער דעם פאַרזיץ פון דר. א. ה. דוד און איז באַזוכט געוואָרן פון אַ געפּאַקטן עולם. די שטימונג איז געווען

אַ ענטוזיאַסטישע, אַ פייערלעכע. דער פּאַרזיצער האָט אין קורצן דערקלערט צוליב וואָס פאַר אַ געלעגנהייט מען איז זיך צונויפגעקומען און ער האָט דערביי באַגריסט דעם פאַקט, וואָס ליבעראַליזם און אויפקלערונג שלאָגן זיך ביסלעכוויַיז דורך אַ וועג. דער ערשטער רעדנער איז געווען רבי דע סאָלאַ, וועלכער האָט אויף זיינע צוהערערס געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. זיינע ווערטער זיינען געווען ווערטער אַרויסגעזאָגט מיט מוט און יידישן באַוואוסטזיין, וואָס האָבן אָפּגעשפּיגלט די געדאַנקען און די געפילן פון יידישע בירגער אין אַ פריי און דעמאָקראַטיש לאַנד. ער האָט געזאָגט אַז די יידן (פון מאָנטרעאָל) זיינען זיך צונויפגעקומען ניט כדי זיך משמח צו זיין מיט א „טובה" וואָס מען האָט געטאָן מיט זייערע ענגלישע ברידער, נאָר מחמת דעם וואָס יענע האָבן געקראָגן זייערע רעכט, און וואָס אויפקלערונג האָט ענדלעך טריאומפירט איבער אַלטע פאַראורטיילן. דער עיקר, האָט ער אויסגעפירט, מעגן קאַנאַדער יידן דערמיט זיך פרייען, — זיי, וואָס געניסן די ברכות פון א געזונטער און מער אומפּאַרטייאישער געזעצגעבונג, אין דעם גרויסן, גליקלעכן, אויפגעקלערטן לאַנד („קאָלאָניע") וואָס האָט געעפנט פאַר אַלעמען די טירן פון פאַרלאַמענט, די טעמפּלען פון בילדונג און אַלע ערנ־האַפטיקע, פאַרטרוילעכע אַמטן. דער „יהי אור, ויהי אור", האָט ער געזאָגט, האָט ווידער אָפּגעקלונגען. ער האָט פאַר די פאַרזאַמלטע געשילדערט די אַלע רעכטלאָזיקייטן צו וועלכע די יידן זיינען אין ענגלאַנד אַזוי לאַנג געווען אונטערגעוואָרפן, און דעם קאַמף וואָס זיי האָבן קעגן דעם געדאַרפט פירן. ער האָט אויך דערמאָנט, ווי אומדערמידלעך דער יידישער לאָרד מעיאָר האָט קעגן דעם געקעמפט, אויסשטייענדיק דורך א משך פון אסך יאָרן אַלערליי באַליידיקונגען און דערנידעריקונגען, ביז ער האָט ענדלעך געוואונען. ער האָט איצט דערגרייכט דעם העכסטן פון אַלע ציווילע אַמטן.

באַזונדערס אינטערעסאַנט איז געווען יענער טייל פון זיין רעדע, וואו ער האָט דערציילט וועגן דער געשיכטע פון דער באַקאַנטער שבועה מיט די ווערטער „אויפן אמתן גלויבן פון א קריסט", וואָס איז פאַר יידן אין אַלע טיילן אימפּעריע אַזוי אָפט געווען א שטיין אין וועג. אין דעם ערשטן פערטל נײַנצנטן יאָרהונדערט האָט די שבועה, על פי ענגלישע געזעצן, אויסגעשלאָסן יידן כמעט פון יעדן ציווילן אָדער מיליטערישן אַמט אָדער אַנדער רעגירונגס־שטעל. אין 1828 האָבן סיר ראָבערט פּיל און דער הערצאָג פון וועלינגטאָן געפּרואווט עפּעס וואָס טאָן דערין, אָבער דאָס איז זיי ניט געלונגען. ערשט מיט נײַנצן יאָר שפּעטער, אין 1847, האָט די ענגלישע רעגירונג, דעמאָלט אונטער קעניגין וויקטאָריע, פאַרגעלייגט אין פּאַרלאַמענט אַ ביל כדי צו מאַכן עס לייכטער „פאַר יידן וואָס ווערן אויסגעקליבן פאַר

מוניציפּאַלע אַמטן". מען האָט פון דעם ביל, וואָס איז מיט פיר חדשים שפּעטער אַריין אין קראַפט, אויסגעלאָזט די ווערטער „אויפן אמתן גלויבן פון אַ קריסט". פאַר די ענגלישע יידן איז דאָס געווען אַ גרויסער שריט פאָראויס צו זייער פולער פּאָליטישער גלייכבאַרעכטיגונג.

„מער קיין געלע לאַטעס", האָט דע סאָלאַ אויסגערופן צום סוף פון זיין רעדע, „מער קיין געטאָ, קיין יודענשטראַסע, קיין בירגערלעכע רעכטלאָזי־קייטן, קיין גלויבנס־פּראָבעס. די יידן ווילן האַלטן דעם קאָפּ ווי אַלע מענטשן, אַז ווי גאָט האָט זיי באַשאַפן. זיי ווילן זיין גלייכע מיט זייערע מיטמענטשן פון אַנדערע גלויבנס". 1)

אין אַן ענלעכן טאָן האָבן גערעדט אויך די איבעריקע, וואָס האָבן פאַר די פאַרזאַמלטע באַטאָנט די גרויסע געשעעניש. אַלעקסאַנדער ליווי האָט געצויגן אַ פּאַראַלעל צווישן ענגלאַנד און קאַנאַדע, וואו אַלע אָן אונטערשייד פון רעליגיע זיינען גלייך. יידן, האָט ער געזאָגט, האָבן דאָ געהאַט מאַגיסט־ראַטן און פרידנס־ריכטער, און ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז אַ ייד דער־ווילט געוואָרן אַלדערמאַן אין מאָנטרעאַל. עס האָט ביי אים ניט געקאָנט זיין קיין ספק, אַז ווען דער זעלביקער ייד וואָלט געווען אַרויסגעשטעלט זיין קאַנדידאַטור פאַר הויפּט־מאַגיסטראַט, וואָלט מען אים ניט צוריקגעוויזן מחמת דעם וואָס ער איז אַ ייד.

עדווין מאָריס, אַן אַנדער רעדנער, האָט זיך אויסגעדריקט אויף אַ באַ־זונדערס ענערגישן אופן. עס איז נויטיק פאַר די יידן, האָט ער געזאָגט, צו האַמערן דעם וועג צו זייער פרייהייט, צו טאָן דאָס אומאויפהערלעך ביז זיי וועלן דערגרייכן דעם ציל, אַז ווי דוד סאַלאָמאָנס האָט דאָס געטאָן. ער האָט זיך ניט אָפּגעשראָקן פאַר די שטערונגען אין וועג, ער האָט מיט קראַפט כסדר געהאַמערט פאָראויס, האָט געשטורעמט און צעשמעטערט די פעסטונג פון אומטאָלעראַנץ. פּונקט אַזוי האָט אויך גערעדט וויליאַם בענדזשאַמין. ער האָט אויסגעדריקט די האָפענונג אַז דער טאָג איז ניט ווייט, ווען ליכט און אויפקלערונג וועלן זיגן איבער ענגהאַרציקע פּאַראורטיילן און יידן וועלן אומעטום קריגן די פולסטע גלייכבאַרעכטיגונג. ער האָט פאַרביגייענדיק אויך דערמאָנט, אַז יידן ווערן שרעקלעך פאַרפאָלגט אין דעם „דעספּאָטישן, באַר־באַרישן רוסלאַנד".

די פאַרזאַמלונג האָט זיך געשלאָסן מיט דעם וואָס מען האָט אָנגענומען פיר רעזאָלוציעס, באַגריסנדיק דעם יידישן לאָרד מעיאָר פון דער מעטראָ־פּאָליע פון דער בריטישער אימפּעריע מיט זיין גרויסן נצחון. איינע פון די

1) Montreal Herald, November 3, 1855.

דאזיקע רעזאלוציעס, וואס איז געווארן פארגעלייגט פון רבי א. דע סאלא און ג׳ונטערגעשטיצט פון דוד מאס, האט זיך געלייענט ווי פאלגט:

„באשלאסן, אז די דאזיקע פארזאמלונג איז שטארק צופרידן צו הערן, אז ה׳ דוד סאלאמאנס איז דערוויילט געווארן צום הויכן אמט פון לארד מעיאר פון דער שטאט לאנדאן; אז די פארזאמלטע שיקן זייער געשעצטן מיטגלויביקן זייער ווארעמסטע באגריסונג מיט אט דער דער־פרייענדיקער געשעעניש, אין דער אייגענער צייט אויסדריקנדיק אים זייער טיפסטע אכטונג פאר די אומדערמידלעכע און גרויסע פאר־דינסטן זיינע פאר די אינטערעסן פון בירגערלעכער און רעליגיעזער פרייהייט דורך דעם משך פון איבער א פערטל יארהונדערט, און גאנץ באזונדער — זייער טיפע אנערקענונג פאר דעם קאמף וואס ער האט אנגעפירט קעגן די רעכטלאזיקייטן, צו וועלכע די ענגלישע יידן זיינען צום טייל נאך היינט אויך אויסגעזעצט״.

א קאפיע פון די רעזאלוציעס וואס זיינען אנגענומען געווארן צוזאמען מיט א פראטאקאל פון דער פארזאמלונג, האט מען איבערגעשיקט צום יידישן לארד מעיאר קיין לאנדאן. 2)

האט מען דא אין זינען דעם פארגלייך מיט קאנאדע, דאן קאן געוויס ניט זיין קיין ספק, אז רבי דע סאלא האט זייער אסך בייגעטראגן צו דעם וואס אין היגע קריסטלעכע קרייזן האט מען אין יענער צייט זיך באצויגן מיט אזוי פיל פריינטלעכקייט צו יידן. ער איז געווען א מין בריק וואס האטביידע שטארק דערנעענטערט. דאס איז געווען הויפטזאכלעך דורך אים, דעם גרויסן יידישן קולטור־מענטש וואס האט אלעמען אזוי אימפאנירט מיט זיין בילדונג און וויסן, וואס די ארומיקע געזעלשאפט האט זיך אויסגעלערנט די יידישע באפעלקערונג בעסער צו שעצן.

אין 1858 האט מעקגיל אוניווערזיטעט אים באערט מיטן טיטל „דאקטאר פון געזעץ״. דאס איז דאן געוויס געווען א פארדינטער כבוד, וואס מען האט אים צוגעטיילט. זיין רעפוטאציע ווי א שריפטשטעלער און גע־בילדעטער יידישער רב איז ארום יענער צייט שוין געווען באוואוסט. ער האט צווישן ליטעראטן גיך געהאט געקראגן א נאמען, אבער נאך מער האט ער מיט זייןברייט און פארצווייגט יידיש וויסן זיך געהאט געמאכט א שם אין דער יידישער וועלט. ער האט אסך געשריבן, האט מיטגעארבעט אין פארשיידענע יידישע צייטשריפטן און אנדערע אויסגאבעס, וואו ער האט פארעפנטלעכט וויכטיקע עסייען און ארבעטן. דער מעקגיל אוניווערזיטעט

---

2) דארטן.

האָט אים איינמאָל אויך צוגעטיילט דעם כבוד צו ריידן פאַר די גראַדואירנ־
דיקע סטודענטן בעת זיי פאַרלאָזן די ווענט פון זייער „אַלמא מאַטער״. 3)

אין 1850 האָט דר. האָל, רעדאַקטאָר פון „בריטיש אַמעריקאַן דזשורנאַל״, אים איינגעלאַדן צו ווערן אַ מיטאַרבייטער, וואָס דע סאָלא האָט אָנגענומען. ער האָט אין יענער אויסגאַבע שפּעטער פאַרעפנטלעכט מער ווי איין וויכטיקע שטודיע, וואָס האָט סיי מיטן סטיל, סיי מיטן פאַרפאַסערס וויסן און צוגאַנג צו זאַכן אַרויסגערופן אַ באַדייטנדיקן אינטערעס.

חוץ די גרויסע ליטעראַרישע פּייאיקייטן וואָס ער האָט באַזעסן, איז ער אויך געווען באַוואוסט פאַר אַ גלענצנדיקן רעדנער, און זיינע עפנטלעכע פאַרטראַגן פלעגן אָפט קאָמענטירט ווערן אפילו אויסער די גרענעצן פון קאַנאַדע. אַ פאַרטראַג וואָס ער האָט געהאַלטן אין 1870, בעת ער איז געווען פּרעזידענט פון דער „נאַטשוראַל היסטאָרי סאָסייעטי״ און ביי דער געלעגנהייט פון דעם באַזוך וואָס פּרינץ אַרטור, דער שפּעטערדיקער הערצאָג פון קאָנאָט, האָט דאַן אָפּגעשטאַט אין קאַנאַדע, האָט געקראָגן אַ וואַרעמען אָפּרוף מצד דער ענגלישער קעניגין. דער פּרינץ האָט ביי דע סאָלאָן דעמאָלט געבעטן אַ קאָפּיע פונם פאַרטראַג און ער האָט עס איר איבערגעשיקט. מיט צוויי יאָר שפּעטער, אין 1872, האָט אויך די אַמעריקאַנער רעגירונג אונטער פּרעזידענט גראַנט אים צוגעטיילט אַ גאַנץ באַזונדערן כבוד און אים איינגעלאַדן צו עפענען דעם קאָנגרעס אין וואַשינגטאָן מיט אַ תפילה. מען האָט עס דעמאָלט באַטראַכט פאַר אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך, מחמת דעם וואָס דע סאָלא איז געווען אַ בריטישער בירגער. ער האָט די צערעמאָניע נאַטירלעך דורכגעפירט מיט אַ צוגעדעקטן קאָפּ, אָבער אויף אַ זייער איינדרוקספולן אופן, אַרויסרופנדיק דערמיט גרויס צופרידנקייט אין אַלע קרייזן. סיר עדוואַרד טהאָרנטאָן, דער ענגלישער אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן, האָט אים פאַר דעם פאָרמעל באַדאַנקט, בעת גלאַדסטאָון וועלכער איז דעמאָלט געווען פּרעמיער, האָט אין אַ פּערזענלעכן בריוו אים דאָס גלייכן געמאַכט אַ פריינדלעכן קאָמפּלימענט.

בכלל זיינען די געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען אונטער וועלכע די יידן פון קאַנאַדע האָבן דאַן געלעבט, געווען זייער צופרידנשטעליקע. הגם זייער צאָל איז ניט געווען גרויס, האָבן זיי דאָך אין אַ פולער מאָס גענאָסן אַלץ וואָס די בירגער פון אַ פריי לאַנד האָבן געקאָנט געניסן. מיט רעכט האָט דער „דזשואיש קראָניקל״ פון לאָנדאָן, אָפּשטעלנדיק זיך אויף דעם באַמערקט, אַז די יידן אין דער קאַנאַדער קאָלאָניע „געפינען זיך אין אַ גוטן

3) Occident, vol. XXII, no. 4, p. 191.

מצב און ווערן שטארק געאַכט פון זייערע קריסטלעכע שכנים״. 4)

פונדעסטוועגן אָבער האָט דאָס צווישן זיי גופא ניט געקאָנט ניט ארויס־רופן יענע פּראָבלעמען, וואָס קיין וואקסנדיקער יידישער ישוב קאָן ניט אויס־מיידן. מיט דעם צוקום פון נאָך יידישע איינוואַנדערער, וואָס א גרויסער טייל פון זיי האָבן זיך געפונען ווייט ניט אין קיין גינסטיקע מאַטעריעלע באַדינגונגען, איז ביסלעכווייז געוואָרן רייף די באדערפעניש אין אַן אָרגאַ־ניזאַציע וואָס זאָל פאר די נייע אימיגראַנטן זאָרגן — א באדערפעניש, וואָס מען האָט פריער ווייניק וואָס געפילט. די לאַגע איז באַזונדערס פארשארפט געוואָרן דורך דעם אויסבראָך פון דעם אמעריקאנער בירגער־קריג. די אומ־רוען אין דער דערבייאיקער רעפובליק האָבן קיין קאנאדע געבראַכט א שטראָם מענטשן פון דאָרטן, צווישן זיי אויך א צאָל יידן. און דאָס קומען אָהער פון די לעצטע האָט אויף דער יידישער געמיינדע פון מאָנטרעאָל ארויפגעלייגט די אויפגאָבע צו העלפן די אין נויט.

אונטער אָט די אומשטאַנדן איז געבוירן געוואָרן די „יאַנג מענס היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי״, וואָס האָט דעם 23טן יולי 1863 זיך געגרינדעט אין מאָנטרעאָל דורך א גרופּע אָרטיקע יידישע טוערס. וועגן דעם ווי אזוי דער דאָזיקער פאראיין האָט זיך אָרגאַניזירט, האָט דוד א. אנשל (1914־1834), וועלכער איז געווען איינער פון די גרינדערס, אויף דעם גרונט פון זיינע פערזענלעכע זכרונות אַמאָל איבערגעגעבן עטלעכע אינטערעסאַנטע פּרטים.

„אין דעם יאָר 1863״, האָט ער דערציילט, „האָט אויף שענעוויל גאַס געוואוינט א מערקווערדיקע יידישע פרוי, וואָס האָט געהייסן מרס. ראָמאַן. זי האָט געהאלטן אן אַכסניה, און בעת דעם אַמעריקאנער בירגער־קריג איז איר הויז געווען א מין „ראַנדעוואו״ פאר אסך מענטשן פון די פאראייניקטע שטאַטן. די אַמעריקאַנער וואָס פלעגן אַהין אריינקומען פלעגן דאָרט טרעפן א וואַרעמע און פריינטלעכע אַטמאָספערע. אָפט פלעגן דאָרט אויך אריינקומען אַלטע מאָנטרעאָלער באַלעבאַטים צו עסן א מאָלצייט אָדער כדי גלאָט צו כאַפּן א ווײַלע א שמועס.

„דאָרט האָט זיך אויך אויפגעהאלטן איינער אן אַפּטיקער מיט דעם נאָ־מען פראַנקלין. דעם דאָזיקן מר. פראנקלין קאָן מען מיט רעכט אָנרופן דעם יעניקן, וואָס האָט געבראַכט צום גרינדן דעם פּאַראיין. ער איז געווען א יונגערמאַן פון א יאָר דרייסיק, און צוזעענדיק וואָס פאר א גרויסע צאָל נויט־באַדערפטיקע עס זיינען אהער אריינגעקומען פון די שטאַטן, האָט ער מיר פאָרגעלייגט אז מיר זאָלן אין מאָנטרעאָל זען שאפן א יידישע וואוילטעטיקע אָרגאַניזאַציע. איך האָב תיכף באַגריפן די פראַקטישע וויכטיקייט דערפון

---

4) Jewish Chronicle, London, February 7, 1862.

און האָב זיך עס געגומען דורכפירן. איך האָב אויסגעארבעט א צירקולאַר אָנווייזנדיק אזוי די נוצן וואָס דאָס קאָן ברענגען, און די ברידער דוד און עדווארד מאָס זיינען געווען די ערשטע ביישטייערערס אויף מיין צעטל.

„אין יענער צייט האָבן מיר אין מאָנטרעאָל געהאַט צוויי שולן, איינע פון די פאָרטוגעזער און די אַנדערע פון די דייטשע, פוילישע און ענגלישע יידן. די באַציאונגען צווישן די דאָזיקעביידע געמיינדעס זיינען אָבער געווען ווייט ניט קיין ברידערלעכע, מחמת דעם וואָס זיי האָבן צווישן זיך קאָנקורירט איבער יעדן נייעם מיטגליד וואָס זיי האָבן געזוכט ארייצוקריגן.

„ווען איך האָב זיך געווענדעט צו די פירערס פון דער פאָרטוגעזער שול, איז זיי דער פלאַן געפעלן. זיי האָבן עס אויך באַטראכט פאר א העכסט נויטי־קע זאַך אין מאָנטרעאָל. זיי האָבן אָבער דערקלערט אז זיי וואָלטן געוועלט האָבן אן אייגענעם צדקה־פאראיין. אויף דעם האָב איך געענטפערט, אז מיר זיינען גאַנץ צופרידן צו שטיצן זיי אין אַזאַ אונטערנעמונג און אז אויב דאָס איז ביי זיי אַ פראַגע פון כבוד, קאָנען זיי עס האָבן. ענדלעך איז פאָרגעקומען די ערשטע וויכטיקע אסיפה—צו אָרגאניזירן דעם פאראיין און אויסצוקלייבן באאמטע. איך געדיינק נאָך יענע פאַרזאַמלונג. דאָס איז פאָרגעקומען ביי־נאַכט, און אַזוי ווי קיין גאַז־באלייכטונג האָבן מיר אין פלאַץ דעמאָלט נאָך ניט געהאַט, האָבן מיר זיך געדארפט באַנוצן מיט א קעראָסין־לאָמפּ.

„צווישן די בייגעוועזענע האָבן זיך געפונען דר. דוד, י. סעמועלס, מר. גוטמאַן, מר. א. אשער, די ליוויי ברידער, מר. א. ל. הארט, דר. דע סאָלא, מר. קאָרטאָסק און אַנדערע. עס זיינען פאָרגעקומען וואלן פאר באאמטע, און פון די נעמען וועט איר זען אז די אויסגעקליבענע זיינען געווען אַלע מיטגלידער פון דער פאָרטוגעזער שול. איך בין אָבער געווען פולשטענדיק צופרידן, ווייל דאָס וואָס איך האָב געוואָלט האָט מען דערגרייכט. אָבער דער קרעדיט פאר דעם וועט אלעמאָל געהערן צו מר. פראנקלין, וועמעס פלאַן דאָס איז לכתחילה געווען״.

פון אָט דעם קליינעם אָנהייב איז דעמאָלט געבוירן געוואָרן די אָרגאַ־ניזאַציע, וואָס איז שפּעטער אינקאָרפּארירט געוואָרן אונטער דעם נאָמען „באַראָן דע הירש אינסטיטוט און היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי״, און איז געוואָרן איינע פון די באדייטנדיקסטע יידישע צדקה־אינסטיטוציעס אויפן אמעריקאנער קאָנטינענט. דאָס איז געוואָרן דער וויכטיקסטער אָנשטאלט וואָס קאנאדער יידן האָבן געהאַט געשאַפן, און וואָס ארום אים איז צענד־ליקער יאָר נאָכאנאנד אָנגעפירט געוואָרן די פארצווייגטסטע יידישע פילאַנ־טראָפּישע טעטיקייט אין לאנד.

די גרינדערס פון דער דאָזיקער קערפּערשאַפט האָבן לכתחילה געוועלט, אז דער פאראיין זאָל שטיין אונטער דער אויפזיכט און פירערשאפט פון אומ־פּארהייראטע מענטשן. זיי האָבן דורך דעם געוואָלט באַפרייען פאַרהייראטע לייט פון דער פינאנציעלער לאסט אויסצוהאלטן דעם פאראיין און פון די אַנדערע פאַראנטוואָרטלעכקייטן וואָס זיינען דערמיט פארבונדן. מען האָט געהאט דערביי אויך נאָך א ציל אין אויג. דאָס איז געווען צו אנטוויקלען ביים יונגען דור אן אינטערעס צו געזעלשאפטלעכער ארבעט. און עס זעט אויס, אז די וואָס זיינען בייגעווען ביי דער ערשטער אסיפה זיינען דערמיט מסכים געווען, מחמת מען האָט איינשטימיק אָנגענומען די רעזאָלוציע וואָס מען האָט דאן וועגן דעם פּאַרגעלייגט. מיט יאָרן שפּעטער האָט מען אָבער דעם דאָזיקן פּונקט איבערגעביטן כדי אז אויך פארהייראטע זאָלן קאָנען אריינ־גענומען ווערן פאר מיטגלידער.

די ערשטע באאמטע פון דעם פאראיין זיינען געווען: ל. ל. ליוויי, פּרע־זידענט, י. ב. דייוויס, וויצע־פּרעזידענט, ש. ג. ליוויי, קאַסירער און ה. מאָס, סעקרעטאר. פאר קאָמיטע־מיטגלידער האָט מען אויסגעקליבן: ש. ליטאוער, א. אַשער, מ. גוטמאַן, י. סעמועלס, לאָורענס כהן, ש. אָלענדאָרף, ל. סיל־ווערמאַן, ה. ל. ליוויי און ב. קאַרטאָסק. דאָס זיינען אלע געווען באוואוסטע יידישע כלל־טוערס אין מאָנטרעאָל צו יענער צייט.

א. אשער, וואָס ווערט דערמאָנט ווי אַ מיטגליד פון דער קאָמיטע און ווי אן אָנטיילנעמער אין דער גרינדונגס־אסיפה פון דעם פאראיין, דארף מען באַמערקן, איז דער דיכטער און שריפטשטעלער איזידאָר גאָרדאָן אשער, א זון פון ג. י. אַשער. געבוירן אין גלאזגאָו, סקאָטלאנד, אין 1835, איז ער בעת ער איז נאָך געווען א יינגל פון א יאָר זעקס אַריבערגעקומען קיין קאנאדע צוזאַמען מיט זיינע עלטערן, וואָס האָבן זיך באזעצט אין מאָנטרעאָל. אין דער שטאָט האָט ער דורכגעמאַכט הויכשול און האָט אין 1862 גראַדואירט פון מעקגיל מיט אַ יורידישן דיפּלאָם. ער האָט גאַנץ פרי ארויסגעוויזן א נייגונג צו ליטעראַטור. נאָך אין זיינע סטודענטן־יאָרן איז ער שוין באקאנט געווען אין ליטעראַרישע קרייזן דורך די לידער, וואָס ער פלעגט פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכן אין דער אָרטיקער פּרעסע. אין 1863, דעם זעלביקן יאָר וואָס ער פיגורירט ווי איינער פון די גרינדערס פון דער „יאַנג מענס היברו בע־נעוואָלענט סאָסייעטי", איז דערשינען זיינע א זאַמלונג פּאָעמעס, אונטער דעם טיטל „וואָיסעס פראָם דהי הארטה ענד אַדהער פּאָעמס". דאָס בוך איז דאַן זייער וואַרעם אויפגענומען געוואָרן פון דער קריטיק אין קאנאדע און אין ענגלאנד. אין 1864 האָט ער פארלאָזט מאָנטרעאָל און זיך אריבערגע־קליבן קיין ענגלאנד. ער האָט זיך דאָרט אויסשליסלעך געווידמעט דער לי־

טעראַטור, שרייבנדיק קורצע דערציילונגען, לידער און פון צייט צו צייט אויך פובליציסטישע ארטיקלען. זיינע סאָנעטן האָבן ארויסגערופן גרויס אינטערעס אין ענגלישע ליטעראַרישע קרייזן, באזונדערס די פּאָעמע „קאַנאַדע”, וואָס אסך האָבן באטראכט ווי א מייסטערווערק. ער איז געשטאָרבן אין 1914. (5

ניט אין אן ערך מער טעטיק פון אים, סיי אין דעם ניי־געגרינדעטן פאראיין, סיי אויף דעם געביט פון יידישער כלל־ארבעט בכלל, איז געווען זיין ברודער יעקב ג. אשער, וועמען מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט. ער איז פאר א משך פון אסך יאָרן געווען פארבונדן מיט דער „יאַנג מענס היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי” אויף אַזאַ אָדער אַנדער אופן — איז געווען איר סעקרעטאר, וויצע־פּרעזידענט, פּרעזידענט און איינער פון אירע ענערגיש־סטע און אקטיווסטע מיטגלידער. פאר א משך פון איבער צוויי צענדליק יאָר, אַנהייבנדיק פון 1864, ווארפט זיך כסדר דורך זיין נאָמען אין די פּראָטאָקאָלן פון דעם דאָזיקן פאראיין. מיט יאָרן שפּעטער, בעת מען האָט אויף דעם רוף פון סיר משה מאָנטעפיאָרע גענומען אומעטום זאמלען שטיצע פאר די גע־רודפטע יידן פון רומעניע, איז ער געווען סעקרעטאר און קאַסירער פון דעם פאָנד וואָס מען האָט פאר דעם צוועק געשאפן אין קאנאדע. יעקב ג. אשער האָט אויך פונקט ווי זיין ברודער באזעסן ליטעראַרישע פייאיקייטן. ער פלעגט פון צייט צו צייט פארעפנטלעכן לייכטע עסייען, פּאָעמעס און אנדערע זאכן.

ווי שוין באַמערקט, האָט דער געגרינדעטער פאראיין זיך געשטעלט פאר זיין עובדה צו זאָרגן פאר די ניי־אריבערגעקומענע אימיגראַנטן. די ערשטע יאָרן אָבער האָט ער געהאַט דורכצומאַכן גרויסע שוועריקייטן און האָט זיך אָפּט געפונען אין אַ שטאַרק געדריקטער לאַגע. עס איז אינטערע־סאנט וואָס ביי דער יערלעכער אסיפה וואָס מען האָט אָפּגעהאלטן אין 1867, איז באריכט געוואָרן, אז דער פאראיין האָט אין זיין קאַסע דאן פארמאָגט א קאַפּיטאַל פון בלויז 29 סענט. פונדעסטוועגן אָבער איז די אָרגאַניזאַציע, מיט וועלכער עס איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאר דעם שפּעטער־דיקן באַראָן דע הירש אינסטיטוט, כסדר געוואַקסן. ניט געקוקט אויף די שלעכטע צייטן וואָס זי האָט געדאַרפט דורכמאַכן, האָבן דאָך אירע מיטלען ביסלעכווייז זיך פארגרעסערט, און עס איז גלייכצייטיק אויך אלץ מער אויס־געוואַקסן איר טעטיקייט אויף דעם געביט פון יידישער געזעלשאַפטלעכער הילף. עס איז כדאי צו באַמערקן, אז די „מאָנטרעאָל סיטי און דיסטריקט

5) EDMOND LAREAU, Histoire de la littérature canadienne, 1874, pp. 83-84; H. J. MORGAN, Canadian Men and Women of the Time, Toronto, 1912, p. 41.

באנק", פון וועלכער העברי יהודה איז דעמאָלט געווען פּרעזידענט, האָט דעם פאראיין פרי באַוויליקט א יערלעכע שטיצע. דאָס זעלביקע האָט אויך געטאָן די פּראָווינץ־רעגירונג פון קוויבעק.

אין 1869 איז דערוועקט געוואָרן די פּראַגע מכּוח אַ טשאַרטער פאַרן פאראיין, און לואיס א. האַרט, דער ערשטער יידישער נאָטאַר אין לאַנד, צוזאַמען מיט גרשון דזשאָזעף, וואָס האָט דאַן פּראַקטיצירט אַדוואָקאַטור אין מאָנטרעאָל, האָבן זיך אונטערגענומען דאָס צו באַזאָרגן. דעם 16טן נאָוועמבער 1870 האָבן זיי אַזאַ טשאַרטער אויך געקראָגן, און זינט יענער צייט איז די „יאַנג מענס היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי" געוואָרן אַ לעגאַלע קערפּערשאַפט. זינט יענער צייט אויך האָט זי אָנגעהייבן פאַרנעמען אַן אָרט צווישן די איבעריקע וואוילטעטיקע אָרגאַניזאַציעס פון לאַנד. דערמיט איז זי אויך צוגעגרייט געוואָרן פאַר דער גרויסער און שווערער אַרבעט, וואָס איז אין די שפּעטערדיקע יאָרן איר אויסגעקומען דורכצופירן.

דער עלטערער טייל קאַנאַדע איז דאַן נאָך אַלץ געווען דער מיטלפּונקט, וואָס האָט צו זיך באַזונדערס צוגעצויגן יעדן נייעם יידישן אייננוואַנדערער. אָבער דער פאָדעם פון יידישן לעבן האָט ביסלעכווייז זיך אויך געצויגן ווערן אין אַן אַנדער אָרט — אין דעם וויטן קאַנאַדער מערב. אויך אַהין האָבן יידן סוף ערשטער העלפט פאַריקן יאָרהונדערט אָנגעהויבן אַריינדרינגען. אייניקע פון זיי האָבן דאָרטן אפילו פון אָנהייב אָן געשפּילט א באַדייטנדיקע ראָל.

עס איז ניט גאָר געניי באַוואוסט, ווען דער פוס פון א יידן האָט צום ערשטן באַטראָטן דעם באָדן פון דעם וויטן צפון־מערב טייל קאַנאַדע. עס איז דאָס גלייכן שווער צו זאָגן ווער עס איז געווען דער ערשטער פון זיי וואָס האָט זיך דאָרטן באַזעצט. דער געלאָף פון מענטשן נאָך בריטיש קאָלאָמביע וואו מען האָט אין 1858 אַנטדעקט גאָלד, האָט אַהין אויך געבראַכט א צאָל יידן. דאָס איז דערפאַר געווען דאָס פּאַציפישע ברעגלאַנד, וואו עס האָט זיך פרי פאָרמירט א קליינער יידישער קיבוץ. די יידן האָבן זיך מערסטנס באַזעצט אין וויקטאָריע און האָבן זיך פּאַקטיש געפונען צווישן די גרינדערס פון יענער שטאָט. אין א יאָר אַרום ווי וויקטאָריע האָט זיך אינקאָרפּאָרירט, האָבן זיי דאָרט זיך שוין געקאָנט אָרגאַניזירן אין אַ קהילה און אויפבויען א שול. דער ווינקלשטיין פאַר דער דאָזיקער שול איז מיט אסך פּאַראַד געלייגט געוואָרן דעם 2טן יוני 1863.

דער יידישער ישוב אין בריטיש קאָלאָמביע האָט הינטער זיך געהאַט אַן אינטערעסאַנטן און זייער קאָלירפולן הינטערגרונט. פאַראַן אפילו א השערה, אַז נאָך פאַר דעם זעכצנטן יאָרהונדערט האָבן זיך דאָרטן געפונען יידן. די השערה געהערט צו ברוס א. מעקעלווי, דעם באַוואוסטן היסטאָרי־

קער פון בריטיש קאָלאָמביע. לויט זיין מיינונג זיינען זיי דאן אהין אריבער־געקומען פון כינע און זיך באַזעצט ערגעץ ביים צפונדיקן ברעג. די צייט דערפון דארף זיך צוזאמענפאַלן מיט דעם פעריאָד אפשר פונם אנטדעקן קאַנאַדע. מעקעלווי בויט זיין טעאָריע אויף דעם וואָס יידישע זיטן און מנהגים און אפילו ווערטער פון העברעאישן אָפּשטאַם, האָבן זיך אויפגע־האַלטן צווישן די אַרטיקע אינדיאַנער שבטים. מחמת דעם וואָס די יידן האָבן מיט די לעצטע זיך ניט אויסגעמישט, האָבן זיי ניט איבערגעלאָזט קיין עט־נאָלאָגישע שפורן. 6)

זיכער איז, אז ווען בריטיש קאָלאָמביע און דער וואַנקאָווער אינדזל זיינען צום ערשטן געעפנט געוואָרן פאר קאָלאָניזאַציע, האָבן אהין אויך אָנגעהייבן קומען יידן. דער רוב פון זיי זיינען געקומען פון סאַן פראַנציסקאָ. די ערשטע צווישן זיי זיינען געווען די ברידער גאָטפריד, קארל, דוד און יצחק אָפּנהיימער, געבוירטיקע פון פאַרנקפורט, דייטשלאַנד. אין 1851 האָבן זיי זיך אוועקגעלאָזט נאָך די פּאַראייניקטע שטאַטן און זיינען אריבערגעקו־מען קיין קאַליפאָרניע. קלאַנגען מכוח אנטדעקטן גאָלד אין בריטיש קאָלאָמ־ביע האָבן אָנגעהייבן דערגרייכן סאַן פראַנציסקאָ ארום 1856. די אָפּנהיי־מערס האָבן דעם זעלביקן יאָר פארלאָזט קאַליפאָרניע, האָבן זיך אַוועקגע־לאָזט נאָך קאַנאַדעס פּאַציפישן ברעג און זיך באַזעצט אין וויקטאָריע. זיי האָבן זיך שפּעטער אריבערגעצויגן קיין יעיל און פון דאָרטן צוריק קיין וויקטאָריע.

נאָך די אָפּנהיימערס זיינען אין 1858 אריבערגעקומען קאדיע גאמ־ביץ, די באַסקאָוויטשעס, די ברידער לומלי און זעלים פראַנקלין, גוסטאַוו און עמיל זוטראָ און אַנדערע. אין דער יידישער פּרעסע פון אַמעריקע איז דעמאָלט באַריכט געוואָרן, אז אין וויקטאָריע האָבן יענעם יאָר זיך באַזעצט „אסך יידן". 7) די דאָזיקע קליינע יידישע קאָלאָניע דאָרטן האָט אין דעם משך פון א יאָר צוויי זיך פאַרגרעסערט.

„בנימין השני", אין זיינע „דריי יאָר אין אמעריקע", גיט אונדז איבער וועגן איר אין יענער צייט אייניקע אינטערעסאַנטע פרטים. ער דערציילט, אז ער האָט געהאַט באַזוכט די שטאָט וויקטאָריע פרי אין 1861. ער דערמאָנט דאָרט א יידישע אכסניה וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן, און אַז וויקטאָריע האָט דאַן פאַרמאָגט אַרום א הונדערט יידישע נפשות. ער דערמאָנט אויך מר. זעלים פראַנקלין, און אַז נאָך אין 1859 האָבן די יידן דאָרטן געהאַט געגרינ־דעט א צדקה־פאַראיין. 8)

---

6) Jewish Daily Bulletin, New York, April 13, 1928.
7) Occident, December, 1858, p. 459.
8) Drei Jahre in Amerika, 1859-1862, Part III, Chapters 1 and 2.

מיט דעם וואוקס פון דער יידישער קאָלאָניע אין וויקטאָריע איז פאר איר ביסלעכווייז אויך אויפגעקומען א ערנסט פּראָבלעם. מען זעט דערפון, אז די אַזוי געדופענע שול־פראַגע איז פאר יידן אין קאַנאַדע צום ערשטן גע־בוירן געוואָרן ניט אין דער פראָווינץ קוויבעק נאָר אין בריטיש קאָלאָמביע. אין 1861 האָבן די יידן פון וויקטאָריע דעמאָנסטראַטיוו צוריקגעצויגן זייע־רע קינדער פון דער אָרטיקער „פּאָבליק סקול״, מחמת א זייער כאראקטע־ריסטישער אורזאַך, ווי דאָס איז דאָן איבערגעגעבן געוואָרן אין „דזשואיש קראָניקל״ פון לאָנדאָן. מיר ציטירן וועגן דעם פון יענעם אָרגאָן די פאָלגנ־דיקע שורות:

״ . . . לאָמיר וואַרפן א בליק אין וויטן מערב אויף א יידישן ישוב וואָס איז דאָרט ערשט ניט לאַנג געבוירן געוואָרן. מיר מיינען די קליינע געמיינדע אין וויקטאָריע, בריטיש קאָלאָמביע. דאָס אנטדעקן גאָלד אויפן וואנקאָווער אינדזל האָט אַרויסגערופן אסך אינטערעס צו יענער ווייטער בריטישער פּאָסעסיע. דאָס האָט אהין אויך צוגעצויגן א צאָל יידן, וואָס האָבן זיך דאָרט אָרגאַניזירט אין אַ געמיינדע. אויסער דעם דאָזיקן פאַקט, איז וועגן זיי דאָרט ווינציק וואָס באַקאַנט. אַלץ וואָס האָט לעצטנס פּאַסירט, ווי דאָס שטעלט זיך אַרויס, איז אז די יידן דאָרטן האָבן צוריקגעצויגן זייערע קינ־דער פון דער „פּאָבליק סקול״. זיי האָבן דאָס געטאָן מחמת דעם וואָס זייערע קריסטלעכע לערער האָבן זיי געוואָלט אָפּריידן פון יידישקייט״. 9)

צוליב דעם וואָס וויקטאָריע האָט זיך געפונען עטלעכע טויזנט מייל ווייט פונם צענטער פון יידישן לעבן אין לאנד, האָט די יידישע קהילה דאָרטן ניט געקאָנט וואקסן. זי איז פארבליבן קליין אין צאָל אפילו ביז אויף היינטיקן טאָג. אָבער איר וויכטיקייט איז פונדעסטוועגן דערפון ניט געמי־נערט געוואָרן. די יידן פון בריטיש קאָלאָמביע אין יענע פריע צייטן האָבן באמת געשפּילט א מערקווערדיקע ראָל. זיי זיינען געווען די פּיאָנערן פון איר אנטוויקלונג, די וועגנבאַרעכערס, די פאָראויס־גייערס, אַזוי, אַז העלפט פון דער געשיכטע פון דער דאָזיקער פראָווינץ אין יענע יאָרן איז דורכגע־פלאָכטן מיט יידישע נעמען.

גאַנץ אויסערגעוויינלעך איז אויך געווען די באַציאונג צו זיי מצד זייערע קריסטלעכע שכנים, וועלכע האָבן זיי זייער הויך געשעצט. דער דריטער מעיאָר פון וויקטאָריע איז געווען לומלי פראַנקלין, וועלכער איז אין 1866 דערוויילט געוואָרן מאַגיסטראַט אין יענער שטאָט מיט אַ זייער גרויסער מערהייט. דער טשיף ראבי פון ענגלאַנד האָט אים דאן צוליב דעם באגריסט אין א בריוו, געשריבן אויף העברעאיש. זיין ברודער זעלים פראַנקלין איז

9) Jewish Chronicle (London), February 7, 1862.

אין 1860 אויסגעקליבן געוואָרן אין דער לעגיסלאַטור פונם וואַנקאָוווער אינדזל, און איז אויף אַזאַן אופן געווען דער צווייטער ייד, נאָך יחזקאל האַרט, צו ווערן דערוויילט אין אַ לאָקאַלן פּאַרלאַמענט פון לאַנד. עס האָט אין זיין פאַל זיך אויך שיר ניט אָפּגעשפּילט אַ צווייטער יחזקאל האַרט אינצידענט — צוליב דער פראַגע פון זיין שבועה. דאָס מאָל אָבער איז דאָס ניט באַגלייט געווען פון קיין שום אַנטי־יידישע געפילן, און מען האָט אים אויך ניט באַ־רויבט פון זיין רעכט צו זיצן אין דער לעגיסלאַטור. 10) אין 1863 האָט מען אים אויך אויסגעקליבן פאַר אַ צווייטן פּאַרלאַמענטאַרישן טערמין.

אַן אַנדער ייד, העגרי נאַטאַן, האָט אין יענע יאָרן געשפּילט אַ נאָך מער אָנזעעוודיקע פּאָליטישע ראָל דאָרטן. ער איז געבוירן אין לאָנדאָן אין 1842, און אין 1862 איז ער אַריבערגעקומען קיין וויקטאָריע. ער איז געווען דער ערשטער און ביז היינט אויך איינציקער ייד, וואָס איז געזעסן אין דעם גע־זעצגעבנדיקן ראַט פון אַ קאַנאַדער פּראָווינץ. אין נאָוועמבער 1870 האָט מען אים אויסגעקליבן פאַר מיטגליד פון אויבערקאַמער אין דער לעגיסלאַטור פון בריטיש קאָלאָמביע, און ער האָט אויף דעם אופן ניט וויניק בייגעטראָגן צו דעם אַז יענע פּראָווינץ זאָל זיך אָנשליסן אין קאָנפעדעראַציע. אין 1871 האָט מען אים אָן וואַלן אויסגעקליבן צו זיין איינער פון וויקטאָריעס פאָר־טרעטער אין „הויז אָוו קאָמאָנס". בעת די וואַלן פאַר אַ נייעם פּאַרלאַמענט, וואָס זיינען פאָרגעקומען אַ יאָר שפּעטער, האָט מען מיט אַ באַדייטנדיקער מערהייט אים פונדאָסניי אויסגעקליבן. דאָס מיינט, אַז ער איז געזעסן אין די ערשטע צוויי פּאַרלאַמענטן נאָך קאָנפעדעראַציע. ער איז געווען אַ שטאַרקער פּאָליטישער אונטערשטיצער פון סיר דזשאָן אַ. מעקדאָנאַלד.

קיין זאַך האָט אָבער אַזוי ניט געוויזן, מיט פיל ליבעראַליזם און פריינט־לעכן הויכשעצן מען האָט זיך באַצויגן צו די יידן, ווי די געלעגנהייט פון לייגן דעם ווינקלשטיין פאַר דער יידישער שול אין וויקטאָריע, וואָס איז, ווי שוין דערמאָנט, פאָרגעקומען דעם 2טן יוני 1863. דאָס איז געווען אַ געשע־עניש אין וועלכער ייד און קריסט צוגלייך האָבן אָנטייל גענומען, — אַ גע־שעעניש וואָס איז געווען באַגלייט מיט אויסערגעוויינלעכער עפנטלעכער פאָ־ראַדנעקייט, דורכגעפירט אונטער אומשטאַנדן, וואָס האָבן ביז היינט פּאַק־טיש קיין פאַרגלייך ניט אין קאַנאַדע.

פאַר דער באַפעלקערונג אין יענער שטאָט איז דאָס געווען אַ מין „גאַ־לאַ" פאַסירונג. דער אָרקעסטער פון דעם קריגשיף „טאַפּאַז" איז געקומען פון עסקווימאָלט צו באַטייליקן זיך אין דער צערעמאָניע. צוזאַמען מיט די

10) DAVID ROME, The First Two Years, Montreal, 1942, p. 65 et seq.

יידן האָבן אין דער פּראָצעסיע וואָס האָט זיך געצויגן צום פּלאַץ וואו מען האָט געזאָלט לייגן דעם ווינקלשטיין, מאַרשירט דער דייטשער געזאַנג פאַר־איין, דער סט. אנדריוס פאַראיין, דער פראַנצויזישער וואוילטעטיקער פאַר־איין, מאסאָנישע לאָדזשן, אַנדערע פּראָטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, אָפיציעלע פּערזאָנען אאז״וו.

דזשאָן מאַלאָוואַנסקי, איינער פון די ערשטע יידישע תושבים אין וויקטאָ־ריע, האָט געלייענט א תפילה אויף העברעאיש. שמואל האָפנונג, וועלכער האָט גערעדט פאַר דער קליינער יידישער געמיינדע, האָט אָנגעוויזן אויף דעם וואונדערבאַרן אויפטו וואָס מען האָט דערגרייכט אין אַזאַ קורצער צייט. „ווער וואָלט זיך עס געגלויבט״, האָט ער געזאָגט — לויט ווי זיינע ווערטער זיינען דעמאָלט איבערגעגעבן געוואָרן אין דער פּרעסע — „אז אין דעם קורצן משך פון פינף יאָר זאָלן מיר קאָנען אויפשטעלן א שול דאָ וואו דער אינדיאַנער איז נאָר וואָס געווען קעניג? ווען מען וואָלט זיך געחלומט, אַז אין דעם דאָזיקן פּאַרוואָרפענעם טייל ערדקוגל, וואו דער פוס פון א ווייסן מענטשן האָט ווייניק געטראָטן, זאָל אויסוואַקסן אַזאַ נישקשהדיק גרויסע שטאָט, מיט שיינע געביידעס און באַוואוינט מיט ציוויליזירטע מענטשן? ווער וואָלט ניט אויסגעלאַכט אַזאַ זאַך, ווי אז דאָ וואו ערשט ביז ניט לאַנג האָבן אין דער אַרומיקער ווילדערניש אָפּגעקלונגען בלויז דער טראָט פון דעם יעגער און דאָס רעווען פון דער חיה, זאָל מען היינט קאָנען אויפשטעלן א מקום קדוש פאַר די קינדער פון ישראל? מיר האָבן כמעט מיט קנאה־געפילן צוגעקוקט ווי מען האָט אויסגעבויט אַלערליי קירכעס. אָבער וואָס האָבן מיר, א קליין הייפל מענטשן, געקאָנט טאָן כדי פאַר זיך אויך צו באַקומען א געבעטהויז? מיר קאָנען זיך נאָך דערמאָנען ווען דער ערשטער ייד איז אַהער געקומען. פונדעסטוועגן, הגם קליין אין צאָל אין פאַרגלייך מיט אונדזערע קריסטלעכע שכנים און צעזייט און צעשפּרייט ווי מיר זיינען, קאָן איך מיט שטאָלץ זאָגן, אַז זינט וואָס מיר זיינען אַהער געקומען איינער נאָכן אנדערן, האָבן מיר מיט מוט געזוכט אויפצוהאַלטן דעם גלויבן וואָס מיר האָבן באַקומען בירושה פון אונדזערע עלטערן״.

דער „בריטיש קאָלאָניסט״ פון 3טן יוני 1863 האָט אסך פּלאַץ אָפּגעגע־בן צו באַשרייבן ווי אַזוי די געשעעניש איז דורכגעגאַנגען. די צייטונג האָט געענדיקט מיט די ווערטער:

„און אַזוי איז געקומען צו אַן אָפּשלוס א איינדרוקספולער טאָג אין דער געשיכטע פון די יידן אויפן וואַנקאָווער אינדזעל. עס מוז פאַר זיי געוויס זיין א באַזונדערע באַפרידיקונג וואָס אין די צערעמאָניעס פון נעכטן, הגם זיי האָבן געטראָגן א קאָנפעסיאָנעלן כאַראַקטער, האָבן גענומען אָנטייל

מענטשן פון אַלערליי גלויבנס, און גענומען עס מיט א פריינטלעכן, ברידער־לעכן געפיל. די לעצטע האָבן דערמיט אַרויסגעוויזן דורך מעשים וואָס זיינען שטאַרקער פון ווערטער, ווי הויך די יידן ווערן געשעצט פון די איבעריקע איינוואוינער פון דער שטאָט וויקטאָריע".

און דאָס איז באמת געווען א טאָג וואָס האָט געהאָט א ספּעציעלע באַדייטונג — ניט בלויז פאר די יידן אויפן וואנקאָווער אינדזל אַליין. דאָס האָט ווי באַצייכנט א וויכטיקן היסטאָרישן עטאַפּ צו וועלכן די יידן פון קאַנאַדע בכלל זיינען געווען דערגאנגען. זיי האָבן דעמאָלט זיך שוין געפונען ניט בלויז אין די מאריטימע פּראָווינצן נאָר אויך ווייט אוועק לעבן פּאַציפישן אָקעאַן — פון „ברעג ביז ברעג" פון דער קינפטיקער דאָמיניאָן.

## קאפיטל זעכצן

## פאר דער אַנקומענדיקער איינוואַנדערונג

ווי מיר האָבן געזען, האָבן די יידן אין בריטיש קאָלאָמביע אין די פיאָ־נערן־טעג דאָרטן אויף אַן אמת געשפּילט אַן אומפּאַרגלייכלעכע ראָל. זייער אָנטייל אין יעדער פאַזע פון טעטיקייט אין יענער פּראָווינץ איז אַ האָר ניט געוואָרן שוואַכער אויך די שפּעטערדיקע יאָרן. דאָס רוב האָבן זיי זיך דאָרטן פאַרנומען מיט מסחר, זיינען געווען שטאַרק פאַרטראָטן אינם אימפּאָרט־האַנדל און אין יענע אינדוסטריעס, וואָס האָבן אין בריטיש קאָלאָמביע דאַן אָנגעהייבן אויפצוקומען.

מען קאָן זאָגן, אַז עס איז פּאַקטיש ניט געווען כמעט קיין איין וויכטיקע עפנטלעכע אונטערנעמונג דאָרטן, מיט וועלכער זיי זיינען ניט געווען פאַר־בונדן. איינע פון די ערשטע באַן־ליניעס אין בריטיש קאָלאָמביע, א וויכטי־קער צווייג פונם קאַריבו־וועג, איז אויסגעבויט געוואָרן דורך קאַרל אָפּנ־היימער. ווען דוד און יצחק אָפּנהיימער האָבן פון וויקטאָריע זיך אריבער־געצויגן קיין וואַנקאָווער, האָבן זיי געהאָלפן יענער שטאָט זיך אינקאָרפּאָ־רירן. זיי האָבן אויך גענומען דעם גרעסטן אָנטייל אין די אונטערהאַנדלונגען מיט דער „קאַנאַדיען פּאַסיפיק" כדי צו געבן וואַנקאָווער איר ערשטע אייזנ־באַן. ניט דוד און ניט יצחק אָפּנהיימער זיינען געווען מיטגלידער פונם ערשטן שטאָט־ראָט פון וואַנקאָווער, אָבער זיי זיינען געווען מיטגלידער פונם צווייטן שטאָט־ראָט. מען האָט זיי ביידע אויסגעקליבן אָן וואַלן צו פאַרטרעטן דיסטריקט פינף. מיט אַ יאָר שפּעטער איז דוד דערוויילט געוואָרן פאַר מעי־אָר און יצחקן האָט מען פונדאָסניי אויסגעקליבן פאַר אָלדערמאַן. מען האָט אים אויך באַשטימט פאַר פּאָרזיצער פונם פינאַנץ־קאָמיטעט פאַר דעם זעל־ביקן טערמין.

דוד אָפּנהיימער האָט געהאַט דעם כבוד דערוויילט צו ווערן הויפּט־מאַגיסטראַט פון וואַנקאָווער אויף נאָך דריי טערמינען כסדר — א באַווייז ווי הויך מען האָט אים געהאַט געשעצט. ער איז פאַרבליבן אין דעם דאָזיקן אַמט ביז סוף 1891. זיין ברודער אָבער, הגם ער האָט געהאַט א חוש פאַרן עפנטלעכן לעבן, האָט פון פּאָליטיק זיך צוריקגעצויגן. ער האָט זיך אינגאַנצן

געווידמעט צו געשעפט און זיך גענומען אָפּגעבן מיט די אַלערליי אונטער־נעמונגען פון זייער פירמע. דאָס זיינען געווען אונטערנעמונגען וואָס האָבן אַרומגענומען יעדן צווייג פון אינדוסטריע און קאָמערץ אין דער יונגער שטאָט.

די אָפּנהיימערס זיינען געווען די ערשטע צו באַגרייפן די וויכטיקייט פון אַ גיכן, דירעקטן פּאַרקער צווישן וואַנקאָווער מיט ניי־וועסטמינסטער. זיי האָבן דעריבער אָרגאַניזירט אַ געזעלשאַפט צוזאַמען מיט נאָך אַ פּאָר, אויך געוועזענע „קאַריבו״־פּיאָנערן. זיי האָבן באַקומען אַ פּראָווינציעלן טשאַרטער פאַר דעם און האָבן אויסגעבויט אַן עלעקטרישע באַן צווישן ביי־דע שטעט. פאַר דער אַנטוויקלונג פון וואַנקאָווער און פון בריטיש קאָלאָמ־ביע בכלל האָט מען געהאַט זיי אַסך צו פאַרדאַנקען. דעם גרעסטן אַנטייל אָבער אין אַלע אַקטיווע געביטן זייערע האָט גענומען דוד אָפּנהיימער. ער איז געווען פּרעזידענט פון „וואַנקאָווער אימפּרואָוומענט קאָמפּאַני״, פון „וועסטמינסטער און וואַנקאָווער טראַמוויי קאָמפּאַני״, „ב. ק. דרעדזשינג און דייקינג קאָמפּאַני״, וואַנקאָווער „באָרד אָוו טרייד״, „וואַנקאָווער קלאָב״ און פון נאָך אַנדערע קאָמערציעלע אָדער געזעלשאַפטלעכע קערפּערשאַפטן. זיין ברודער, יצחק אָפּנהיימער, האָט מיט יאָרן שפּעטער זיך אַריבערגע־צויגן קיין ספּאָקיין וואו ער איז געשטאָרבן (אין 1922) אין עלטער פון אכט און אַכציק יאָר.

ניט וויניקער אַקטיוו זיינען אויך געווען אַסך אַנדערע פון די ערשטע יידישע תושבים פון בריטיש קאָלאָמביע. צווישן זיי דאַרף מען דערמאָנען די לוימייסטערס, וואָס האָבן געהאַט אַ מיליטערישן קאָנטראַקט פון דער בריטישער רעגירונג, משה ספּאָרבאָרג, די זוטראָס, וואָס איינער פון זיי איז שפּעטער געווען מעיאָר פון סאַן פראַנציסקאָ, נתן קאָשלאַנד און אַנדערע. מיר הערן אויך פון דר. מ. ה. באַסקאָוויטש, אַ פּראַקטיצירנדיקן יידישן מע־דיקער אין וויקטאָריע אין 1863. נאָך אַ יידישער תושב דאָרטן, שמעון ליי־זער, האָט זיך גערעכנט צווישן די חשובסטע בירגער פון וויקטאָריע. ער איז פּופצן יאָר כסדר געווען איינער פון די עקזעקוטיווע באַאַמטע פון דער „באָרד אָוו טרייד״ אין יענער שטאָט, און איז אין איין צייט אויך געווען פּרעזידענט צוויי טערמינען נאָכאַנאַנד. ער איז געווען אַ דירעקטאָר פונם „ראָיאַל דזשובילי האָספּיטאַל״, איז פאַרבונדן געווען מיט דער „וויקטאָריע אָפּערע הויז קאָמפּאַני״ און האָט געהאַט אַ חלק ביים אויפבויען דעם ראָיאַל וויקטאָריע טעאַטער. אַן אַנדערער פון די יידישע „אָלד־טיימערס״ פון ברי־טיש קאָלאָמביע, י. פּ. דייוויס, איינער פון די גרינדערס פון דער יידישער געמיינדע אין וויקטאָריע, האָט אין 1878 געהאַט אַרויסגעשטעלט זיין קאַנ־

דידאַטור פאַר פּאַרלאַמענט דאָרטן און איז דורכגעפאַלן בלויז מיט אַ פּאָר שטימען. ער איז געשטאָרבן מיט אַ יאָר שפּעטער.

ווי מיר זעען דערפון, האָבן די יידן אין בריטיש קאָלאָמביע געגומען אַ זייער גרויסן אַנטייל אין דעם פּאָליטישן לעבן פון יענער פּראָווינץ. מען האָט אָבער דאָס אייגענע ניט געקאָנט זאָגן וועגן די יידן אין די אַנדערע פּראָווינצן. מיט רעכט דערפאַר האָט סיר דזשאָן א. מעקדאָנאַלד, קאַנאַדעס ערשטער פּרעמיער, מיט יאָרן שפּעטער אַנגעוויזן אויף דעם וואָס קאַנאַדער יידן האָבן בדרך כלל געזוכט צו האַלטן זיך ווייט פון דער אַרומיקער פּאָלי־טיק. עס איז אָבער פונדעסטוועגן באַוואוסט, אַז אַסך פון זיי האָבן מיט גרויס אינטערעס זיך געהאַט באַציגן צו יענער באַוועגונג אין לאַנד, פון וועלכער קאָנפעדעראַציע איז געבוירן געוואָרן. אין דעם גרויסן נאַציאָנאַלן צוזאַמענ־פאַר וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין טאָראָנטאָ דעם 27טן יוני 1867, ערב קאָנפעדעראַציע, האָבן זיך אויך באַטייליקט אַ פּאָר יידישע דעלעגאַטן. צווישן זיי וואָרפט זיך באַזונדערס אין די אויגן דער נאָמען פון מארק סאָלאָמאָן, אַ טאַבאַק־פאַבריקאַנט פון טאָראָנטאָ. 1)

עס וועט אין שייכות דערמיט אויך זיין אינטערעסאַנט דאָ צו דערציילן וועגן דער פריינדשאַפט וואָס האָט געהאַט עקזיסטירט צווישן דוד אברהם אנשל און די באַוואוסטסטע קאַנאַדער פּאָליטיקער פון יענער צייט, וואָס האָבן געהאַט דעם גרעסטן חלק אין קאָנפעדעראַציע, ווי סיר דזשאָרדזש־עטיען קאַרטיע, סיר טשאַרלס טאַפּער און סיר דזשאָן א. מעקדאָנאַלד. מיט דעם לעצטן איז ער געווען באַזונדערס נאָענט, און זייער פריינדשאַפט האָט זיך געצויגן נאָך פון די פאַר קאָנפעדעראַציע־טעג. ער האָט מיט דעם צוקינפטיקן ערשטן פּרעמיער פון לאַנד זיך אָפט געטראָפן און מיט אים געשמועסט וועגן די פּאָליטישע פּראָבלעמען פון טאָג, אַריינגערעכנט אויך דעם גרויסן נאַ־ציאָנאַלן פּלאַן צו פאַראייניקן די פּראָווינצן אין אַ דאָמיניאָן.

נאָך זיינענדיק אין ענגלאַנד איז ער שוין געווען אַ באַקאַנטע פיגור אין דאָרטיקע פּאָליטישע קרייזן. ער האָט זיינע פּאָליטישע פאַרבינדונגען ניט איבערגעריסן ווען ער איז אַרום 1860 אַריבערגעקומען קיין קאַנאַדע, וואו ער איז געוואָרן אַ שטאַרקער אונטערשטיצער פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאָליטיק. מען קאָן דאָס זען פון מערערע דאָקומענטן אין דעם ארכיוו וואָס איז פון אים פאַרבליבן. צווישן דער קאָרעספּאָנדענץ וואָס ער האָט איבער־געלאָזט, געפינען זיך אויך אַסך בריוו צו אים פון סיר דזשאָן א. מעקדאָנאַלד.

1) HON. JAMES YOUNG, Public Men and Public Life in Canada, vol. I, Appendix VI.

מר. אנשל איז פאַקטיש געווען דער פאָטער פונם געדאַנק פון עקאָנאָ־מישן אימפעריאַליזם. ער האָט דאָס פאָרגעלייגט נאָך איידער דזשאָזעף טשעמ־בערליין האָט פון דעם געטראַכט. ער איז דער פאַרפאַסער פון אַן אַרבעט אונ־טער דעם נאָמען „דהי וועלדינג אָוו דהי לינקס אָוו עמפייר״, אין וועלכער ער ווארפט אַן אַ פּלאַן ווי אַזוי עקאָנאָמיש צו פאַראייניקן דעם מוטערלאַנד מיט די קאָלאָניעס. דער זעלביקער פּלאַן איז שפּעטער געוואָרן איינער פון די יסודות פון דעם אימפּעריאַליסטישן געדאַנק אין ענגלאַנד.

ער האָט אויך זייער פרי פאַראינטערעסירט מעקדאָנאַלדן מיט נאָך אַ פּראָיעקט זיינעם. דאָס איז געווען, אַז די ענגלישע רעגירונג זאָל אַנערקענען די רעפּובליק פון מעקסיקאָ. ער האָט אַליין גענומען אויף זיך דאָס פאַרצו־שלאָגן גלאַדסטאָונען און איז מיט אים אַריינגעטראָטן אין אַ קאָרעספּאָנדענץ וועגן דעם. דער פּועל יוצא דערפון איז געווען, וואָס ענגלאַנד האָט אָנער־קענט די מעקסיקאַנער רעפּובליק און געשיקט אַהין אירן אַ פאָרטרעטער.

פאַר אַט די אויפטוען זיינע האָט מען אים אין 1888 באַשטימט פאַר קאַ־נאַדער גענעראַל־קאָנסול פאַר מעקסיקאָ. ווי מען האָט עס פאַרשטאַנען, איז דאָס געווען אויף דעם אָנווייז פון דער ענגלישער רעגירונג. ער האָט דעם דאָזיקן אמט אָנגעהאַלטן פאַר אַ משך פון פינף און צוואַנציק יאָר און עס אויפגעגעבן בלויז צוליב זיין הויכן עלטער.

אין די זיבעציקער און אויך אָנהייב די אכציקער יאָרן זיינען אין קאַ־נאַדע אויפגעקומען פאַרשיידענע יידישע פילאַנטראָפּישע און געזעלשאַפט־לעכע אָרגאַניזאַציעס, טייל פון וועלכע עקזיסטירן נאָך ביז אויף היינטיקן טאָג. דער ערשטער פילאַנטראָפּישער פאַראיין פון וועלכן מיר הערן אין טאָ־ראָנטאָ, איז געווען די „ליידיס מאָנטעפיאָרע בענעוואָלענט סאָסייעטי״, וואָס האָט זיך אָרגאַניזירט אין 1878. דעם זעלביקן יאָר איז דורך די באַמיאונגען פון מרס. הערמאַן ליווי געשאַפן געוואָרן אין האַמילטאָן די „דבורה ליידיס עיד סאָסייעטי״. דער ערשטער „בני ברית״ לאָדזש אין לאַנד האָט זיך גע־גרינדעט אין טאָראָנטאָ דעם 13טן יוני 1875.

אָנהייב 1877 איז אין מאָנטרעאָל צוגעקומען נאָך אַ פילאַנטראָפּישער פאַראיין, אָנגעפירט פון פרויען. דאָס איז געווען די „ליידיס היברו בענעוואָ־לענט סאָסייעטי״. אין דעם פּנקס פון דער „יאָנג מענס היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי״, דעם שפּעטערדיקן באַראָן דע הירש אינסטיטוט, ווערט דער דאָ־זיקער פאַראיין דערמאָנט דעם 13טן מאי יענעם יאָר. מיט אַ האלב יאָר שפּע־טער, דעם 4טן נאָוועמבער, האָט מען פאַר די מיטגלידער פון דער „יאָנג מענס היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי״ פאָרגעלייענט אַ צושריפט וואָס מרס. דזשאָן מאָס, סעקרעטאַרין פון דעם נייעם פאַראיין האָט צוגעשיקט. זי האָט

דערציילט וועגן די צילן וואָס די פרויען האָבן זיך געשטעלט, און פאַרגעלייגט אַז ביידע אָרגאַניזאַציעס זאָלן צווישן זיך קאָאָפּערירן אויף דעם געביט פון יידישער געזעלשאַפטלעכער הילף.

דער צווייטער לאָדזש פון די „בני ברית" האָט זיך געגרינדעט אין מאָנטרעאָל מיט זעקס יאָר שפּעטער ווי אין טאָראָנטאָ — דעם 5טן יוני 1881. מיט א געניויען יאָר פריער, חודש סעפּטעמבער 1880, האָט אין מאָנטרעאָל זיך אויך אָרגאַניזירט א געזעלשאַפטלעכער און דראַמאַטישער קלוב, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען פון דעם גרויסן יידישן פילאַנטראָפּ מאָנטעפיאָרע. דאָס איז געווען די ערשטע קולטורעלע אינסטיטוציע פון דעם מין, וואָס איז געשאַפן געוואָרן. דער קלוב איז אסך יאָרן געווען דער מיטלפּונקט, ארום וועלכן עס האָט זיך אָפּגעשפּילט ניט איין לאָקאַלע געשעעניש צווישן די יידן פון מאָנטרעאָל.

ווי מען קאָן זיך עס לייכט משער זיין, האָט מען אין אָט יענער תקופה שוין געקאָנט נעמען שפּירן דאָס וואָס וועט דעם יידישן לעבן מוזן צוגעבן אַן אנדער אויסזען. עס האָבן זיך גענומען באַוויזן די וואָס זיינען געווען די פאָרגייערס פון דער אָנקומענדיקער אימיגראַציע פון די אכציקער יאָרן. דאָס זיינען געווען יידן פון מזרח און דרום-אייראָפּע, וואָס האָבן אָנגעהייבן אימיגרירן אהער אין א גרעסערער צאָל ווי געוויינלעך. דער גרויסער רוב פון זיי זיינען געווען ווייט ניט קיין פאַרמעגלעכע מענטשן און זיינען אהער געקומען מיט ווייניק אָדער גאָר אָן מיטלען. זיינען טייל פון די אָנגעקומענע דעריבער געוואָרן א לאַסט אויף די יידישע צדקה־פאַראיינען אין מאָנטרעאָל און טאָראָנטאָ. באַזונדערס האָט פאַר מאָנטרעאָלער יידישע צדקה־טוערס דורכדעם זיך געשאַפן א שווערע לאַגע, מחמת דעם וואָס די דאָזיקע שטאָט איז געווען דער דורכפאָר־פּלאַץ פאַר אסך אימיגראַנטן. די „יאָנג מענס היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי" האָט אפילו מיט דער שטיצע פון דעם פרויען הילף־פאַראיין זיך דערזען צוליב דעם פּנים אל פּנים מיט א זייער ערנסטער סיטואַציע. מען האָט וועגן דער פראַגע אסך מאָל פאַרהאַנדלט.

ארום דעם יאָר 1874 איז אין מאָנטרעאָל געבוירן געוואָרן א באַוועגונג צו גרינדן א קאָלאָניזאַציע געזעלשאַפט, אין וועלכער עס האָבן געזאָלט זיך אָנשליסן אלע וואוילטעטיקע אָרגאַניזאַציעס אין שטאָט. די רעגירונג האָט פאַר דעם צוועק געהאַט באַווייליקט א סומע פון צוועלף טויזנט דאָלאַר. הגם דאָס איז געווען ווייט ניט גענוג אויף צו העלפן אלע אימיגראַנטן וואָס זיינען אריינגעקומען, האָט די „יאָנג מענס היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי" פונדעסטוועגן באַשלאָסן אויך צוצושטיין, כדי צו קאָנען געניסן פון דער באַווייליקטער סובסידיע. מען האָט דעם ענין אויפגענומען אויף אַן אלגעמיינער

אסיפה פון מיטגלידער וואָס איז פאָרגעקומען דעם 25טן יאַנואַר יענעם יאָר (1874), און אויף וועלכער מען האָט וועגן דעם דיסקוטירט. די אסיפה האָט באַשלאָסן, אז דער פרעזידענט צוזאַמען מיט מר. מאָנא לעסער זאָלן פאָר־טרעטן דעם פאַראיין אין דער נייער קערפּערשאַפט און נעמען אָנטייל אין אַלע אירע טעטיקייטן.

אויף דער יערלעכער פאַרזאַמלונג פון דער „יאָנג מענס היברו בענע־וואָלענט סאָסייעטי", דעם 14טן נאָוועמבער 1875, האָט מען די פראַגע פון אימיגראַנטן־הילף וואָס האָט פאַר די יידן פון מאָנטרעאָל זיך אַזוי שאַרף אוועקגעשטעלט, אויפגעהייבן פונדאָסניי. אין זיין באַריכט האָט דער פרעזי־דענט אָנגעוויזן אויף דעם שווערן יאָר וואָס דער פאַראיין האָט געהאַט, און אויף דער אויסערגעוויינלעך גרויסער צאָל פאַלן פון פאַרלאַנגטער שטיצע. מיר ווייסן ניט וואָס עס איז געוואָרן פון דער פּראָיעקטירטער קאָלאָניזאַציע געזעלשאַפט, וואָס דורך איר האָט מען געהאָפט צו קריגן א שטיקל סוב־סידיע. אין דעם פּראָטאָקאָל־בוך פון דער „יאָנג מענס היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי" ווערט וועגן דעם מער גאָרנישט דערמאָנט. דער פּרעזידענט אָבער האָט איבערגעגעבן אז דער פאַראיין גופא האָט געהאַט א דעפיציט, וואָס דער קאַסירער האָט געמוזט דעקן. ער האָט זיך אויך באַקלאָגט אויף דעם וואָס די „לידיס עמיגריישאָן סאָסייעטי", א יידישע אָרגאַניזאַציע אין לאָנדאָן, ענג־לאַנד, האַלט אין איין שיקן אהער אימיגראַנטן, וואָס קומען קיין קאַנאַדע הילפלאָזע און אָן מיטלען. די דאָזיקע וואַנדערער זיינען א לאַסט אויף די שטאַרק באַגרענעצטע מיטלען פון דעם פאַראיין. די פראַגע, האָט ער דער־קלערט, איז שוין אפילו אויפגענומען געוואָרן מיט די יידישע פירערס אין ענגלאַנד.

אויף דער זעלביקער אסיפה האָט רבי אברהם דע סאָלאַ, וועלכער איז געווען פאָרזיצער פונם „הילף־קאָמיטעט", איבערגעגעבן מער גענויע פּרטים וועגן דער אָנגעלעגנהייט. ער האָט דערציילט, אז דער פּראָטעסט פון דער מאָנטרעאָלער יידישער אָרגאַניזאַציע קעגן דעם איבערשיקן אהער אימי־גראַנטן, וואָס די יידישע באַפעלקערונג קאָן ניט אויסהאַלטן, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דער לאָנדאָנער יידישער פרעסע — אין „דזשואיש וואָרלד" און „דזשואיש קראָניקל". די ביידע ענגליש־יידישע אָרגאַנען, האָט ער איבערגעגעבן, האָבן וועגן דעם ענין קאָמענטירט עדיטאָריעל און פול־שטענדיק אָנערקענט די גערעכטיקייט פון דער שטעלונג וואָס די קאַנאַדער יידן האָבן דאָ אָנגענומען.

דאָס אַלץ אָבער האָט ווינציק וואָס געהאָלפן. עס האָבן פון יענער זייט ניט אויפגעהערט צו קומען אַזעלכע וואָס האָבן עקאָנאָמיש זיך געפונען אין גרויס

ניט, און ווען עס איינציקע האָפענונג איז געווען די שטיצע וואָס זיי האָבן דערוואַרט צו קריגן פון זייערע קאנאדער ברידער. מיט א יאָר שפּעטער, לייענען מיר ווייטער אין דעם פּראָטאָקאָל־בוך פון דער „יאָנג מענס היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי״, האָט די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע געהאַט אויף זיך אויסצוהאַלטן, וואָך איין וואָך אויס, גאַנצע משפחות וואָס האָבן זיך געפונען אין א שרעקלעכן מצב. דאָס האָט די אָרטיקע יידישע קהילה וואָס האָט מיט אזא פּראָבלעם זיך ניט געקאָנט קיין עצה געבן, געבראַכט ממש צו פאַרצווייפלונג. ט״יל האָבן דערפאַר אויך פאָרגעשלאָגן א זייער פאַרצווייפלטן און זייער ניט הומאַנעם מיטל ווי דעם פּראָבלעם צו לייזן. דאָס איז געווען — אז מען זאָל זיך פּשוט אָפּזאָגן אזעלכע אָרעמע אימיגראַנטן פון צו שטיצן. דערמיט האָט מען זיי געוואָלט צווינגען אז זיי זאָלן פאָרן אנדערשוואו, וואו זיי האָבן אפשר געקאָנט געפינען פריינט אָדער קרובים, אָדער וואו עס איז פאַר זיי געווען א מעגלעכקייט צו קריגן באַשעפטיקונג.

די שטעלונג וואָס די יידן פון מאָנטרעאָל האָבן אָנגענומען האָט אָבער די לאַגע קיין סך ניט געקאָנט ענדערן. אויב דאָס האָט געהאַט א וועלכע ניט איז ווירקונג, איז דאָס געווען בלויז אויף א קורצער ווײַלע. פון איין זייט האָט מען אין לאָנדאָן זיך ניט גערעכנט מיט זייערע פּראָטעסטן און איינווענדונגען, און פון דער אנדער זייט האָט דער שטראָם וואָס האָט פון דער אַלטער וועלט געשלאָגן אהער אַלץ שטאַרקער, זיך ניט געלאָזט אָפּשטעלן. פאַר די גע־פּלאָגטע און עקאָנאָמיש נידערגעשלאָגענע יידישע מאַסן איז ניט געבליבן קיין אנדער זאַך ווי צו לאָזן זיך וואַנדערן, און קאַנאַדע האָט ניט געקאָנט אויס־מיידן אויפצונעמען איר חלק פון יענע יידישע נע־ונדניקעס.

באַזונדערס האָט די יידישע איינוואַנדערונג אין לאַנד זיך געהאַט פאַר־שטאַרקט אין 1877. זי האָט יענעם יאָר געהאַט דערגרייכט איר ביז דאַן העכסטן ציפער. די אָרגאַניזאַציע אין לאָנדאָן האָט גענומען שיקן אהער עמי־גראַנטן, ניט רעכענענדיק זיך מיט דער שרעקלעכער לאַגע אין וועלכער זיי האָבן זיך געפונען, און וואָס אין קאַנאַדע האָט מען זיי ניט געקאָנט באַזאָרגן. אַלץ אפנים וואָס מען האָט געוואָלט, איז געווען בלויז פּטור צו ווערן פון די אָרעמע „מיטגלויביקע״ פון מזרח־ און דרום־אייראָפּע. וועגן דעם גורל וואָס האָט זיי דערוואַרט האָט מען זיך ניט שטאַרק געקימערט.

ווידער האָט דאָס באַשאַפן א זייער פאַרשאַרפטע לאַגע פאַר די יידן אויף דער זייט ים. די לאָקאַלע ישובים, אַליין נאָך ווינציק באַפעסטיקטע, זיינען מיט אַלע זייערע אָנשטרענגונגען געווען ניט בכוח נאָכצוקומען באַדינגונגען, פאַר וועלכע זיי זיינען געווען ניט צוגעגרייט. ווידער האָט מען געשיקט פּראָטעסטן קיין לאָנדאָן און די דאָרטיקע יידישע כלל־טוערס פאַרגעוואָרפן,

למאי זיי ווילן אויף דעם וועג אַרונטערנעמען פון זיך אַ לאַסט און עס אַרויפלייגן אויף קאַנאַדער יידן. אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפן און פרישע אימיגראַנטן האָבן ניט אויפגעהערט צו קומען. נייע פנימער האָבן זיך אומעטום געוואָרפן אין די אויגן. עס איז כאַראַקטעריסטיש וואָס אַ דאַנק הויפּטזאַכלעך דער איינוואַנדערונג, האָט די יידישע באַפעלקערונג פון לאַנד אין דעם צען יאָר משך פון 1871 ביז 1881 זיך מער ווי פאַרדאָפּלט.

אָבער אימיגראַציע איז ניט געווען דאָס איינציקע האַרבע פּראָבלעם, וואָס האָט גענומען באַשעפטיקן די מוחות פון יידישע טוערס אין מאָנטרעאָל. עס האָבן זיך אויך גענומען מערקן די ערשטע סימנים פון דער שפּעטערדיקער שול־פראַגע אין דער פּראָווינץ קוויבעק — אַ פּועל יוצא פון דער איינוואַנדערונג גופא. מען האָט אָנגעהייבן שטאַרק פילן די נויטווענדיקייט צו באַזאָרגן דאָס, פאַר וואָס עס האָט פריער ניט עקזיסטירט קיין שום באַדערפעניש.

ווי באַוואוסט, איז לויט דעם בילדונגס־געזעץ פון 1841 דאָס גאַנצע שולוועזן פון דער פּראָווינץ קוויבעק איינגעטיילט געוואָרן אין צוויי סיסטעמען — אין אַ קאַטאָלישן און אַ פּראָטעסטאַנטישן. די רעכט פון די אַזוי גערופענע דענאָמינאַציאָנאַלע שולן אין דער דאָזיקער פּראָווינץ זיינען נאָך קלאָרער באַגרינדעט געוואָרן אין דעם קאָנפעדעראַציע־אַקט פון 1867. אונטער די עקזיסטירנדיקע געזעצן האָבן די יידן ניט געהאַט קיין באַשטימטע רעכט בנוגע דערציאונג. אָבער על פּי אַ געזעץ וואָס מען האָט אָנגענומען אין 1870 און וואָס איז איבער דרייסיק יאָר געווען אין קראַפט, האָבן זיי זייערע שול־שטייערן געקאָנט צאָלן צו די פּראָטעסטאַנטן אָדער צו די קאַטאָליקן.

מערסטנס האָבן זיי עס געצאָלט צו די ערשטע, אַ זאַך וואָס האָט זייערע קינדער געגעבן דאָס רעכט צו באַזוכן די פּראָטעסטאַנטישע שולן, לויט אַ פאַרשטענדיקונג מיט זיי. עס האָבן אָבער פּאַסירט פאַלן, ווען זיי האָבן זייערע שטייערן אויך געדאַרפט איבערטראָגן אין קאַטאָלישן שול־פאָנד. אין אַנדערע ווערטער מיינט דאָס, אַז די דערציאונג פון יידישע קינדער איז געוואָרן אָפּהייניגיק פון אַלערליי צופעליקע אָפּמאַכן וואָס מען האָט געקאָנט שליסן, און דער עיקר, פון די באַדינגונגען אויף וועלכע דאָס איז געווען מעגלעך צו שליסן.

דאָס האָט די יידן פון מאָנטרעאָל, פאַרשטייט זיך, ניט געקאָנט קיין סך באַפרידיקן. פאַר זיי איז דאָס ניט בלויז געווען פאַרבונדן מיט געוויסע אומבאַקוועמלעכקייטן, נאָר דאָס האָט זיי אָפּט אוועקגעשטעלט אפילו אין אַ אוממעגלעכער לאַגע. חוץ דעם וואָס די יידישע דערציאונג האָט פון אַזאַ סדר מאָראַליש פיל געליטן, האָט די אַלגעמיינע שול ניט געגעבן דעם יידישן קינד אַלץ, וואָס עס האָט געדאַרפט. סיי די ספרדישע סיי די אשכנזישע יידן האָבן

צוליב דעם אויך אויפגעהאלטן אן אייגענעם חדר, וואו מען האט מיט זייערע קינדער געלערנט געוויסע יידישע לימודים. ניט קאנענדיק ארום יענער צייט גראד מושוה ווערן מיט די פראטעסטאנטן, איז די יידן דערפאר איינגעפאלן אז עס וואלט געווען די העכסטע צייט און פאר זיי אויך אן אויסגעצייכנט גוטע זאך, ווען זיי גרינדן אן אייגענע לאנד־שול אין וועלכער יידישע און אל־געמיינע לימודים זאלן זיין פאראייניקט, און וואס זיי זאלן אליין אויסהאלטן.

דעם איניציאטיוו פאר דעם האבן גענומען אויף זיך די פארטוגעזער יידן, די וואס האבן דעמאלט געשפילט אדער געזאלט שפילן די פירנדיקע ראל, — די ראל פון דעם יידישן „אפטאון״ פון מאנטרעאל. זייער איינגעבוירענער שטאלץ האט רעוואלטירט קעגן דעם עקזיסטירנדיקן פאראנדעק, וואס האט די יידן איבערגעלאזט אן רעכט און אויך אן מעגלעכקייטן צו געבן זייערע קינדער א געהעריקע אלגעמיינע דערציאונג. זיי האבן אויסגעארבעט א פלאן ווי די לאגע צו פארבעסערן און האבן וועגן דעם צוגעשיקט א צושריפט צו דער דייטש־פוילישער געמיינדע.

די לעצטע האט וועגן דער אנגעלעגנהייט צונויפגערופן אן אסיפה. דאס איז געווען די ערשטע יידישע פארזאמלונג וואס איז אין מאנטרעאל אפגע־געהאלטן געווארן כדי צו פארהאנדלען וועגן דער „שול־פראגע״. די אסיפה איז פארגעקומען דעם 30טן אויגוסט 1874 און עס איז דאן פארגעלייגט גע־ווארן דער פלאן וואס דער שול־קאמיטעט פון דער פארטוגעזער געמיינדע האט געהאט צוגעשטעלט. דאס איז געווען — אזביידע געמיינדעס זאלן זיך צונויפקומען און צוזאמען זען גרינדן א „העברעאישן אינסטיטוט״. דער געדאנק איז אלעמען געפעלן. מען האט אויסגעקליבן א קאמיטעט וואס האט וועגן דעם געזאלט פירן די ווייטערדיקע פארהאנדלונגען מיט דער פארטו-געזער געמיינדע.

די זאך האט צווישן די יידן פון מאנטרעאל ארויסגערופן א גרויסן אינ־טערעס. ווייניקסטנס קאן מען וועגן דעם אזוי אורטיילן פון דעם באריכט וואס איז פארנאטירט געווארן אין דעם פנקס פון דער „שער השמים״ שול צו יענער צייט. עס זעט אבער אויס, אז מען האט זיך ניט געקאנט אייניקן מחמת געוויסע מיינונגס־פארשיידנקייטן, און אז די אחדות גופא צווישן ביידע גע־מיינדעס איז צוליב דעם צעשטערט געווארן. צעשטערט געווארן איז דורך דעם אויך דער פלאן פון דעם בשותפותדיקן „העברעאישן אינסטיטוט״, מיט וועלכן עס וואלט געלייגט געווארן דער באזיס פאר א געזונטן יידישן דערצי־אונגס־סיסטעם וואס האט דערפון געקאנט ארויסוואקסן.

דאס ווערט אונדז קלאר פון צוויי אינטערעסאנטע דאקומענטן וואס באקענען אונדז גענויער מיט די פרטים פון דעם גאנצן פלאן ווי ער איז פאר

ביידע יידישע געמיינדעס דאַן אוועקגעשטעלט געוואָרן, ווי אויך מיט די סיבות וואָס האָבן גורם געווען אז ער זאָל ווערן צונישט. מיר גיבן דאָ איבער דעם סאמע וויכטיקסטן פון זיי, 2) וואָס האָט זיך געלייענט אָט ווי:

„אָקטאָבער דעם 13טן 1874.

„מר. ס. דייוויס,

פרעזידענט פון דער פּאָרטוגעזער געמיינדע.

„ווערטער הער,

„איך מוז אייך בעטן אז איר זאָלט אזוי גיך ווי מעגלעך צונויפרופן אן אלגעמיינע אסיפה פון אונדזער שול, כדי אז זי זאָל קאָנען באטראכטן דעם באריכט וואָס איך דאַרף צושטעלן וועגן די ארבעטן פון דעם געמיינשאפטלעכן קאָמיטעט פון דער פּאָרטוגעזער און דער דייטש־פּוילישער געמיינדע. די אסיפה וועט אויך דארפן אויסהערן די רעקאָמענדאַציעס וואָס איך האַלט פאר מיין פליכט צו מאכן.

„אין הסכם מיט דער פריערדיקער מעלדונג איז אָפּגעהאלטן געוואָרן א צוזאמענקום פונם קאָמיטעט פון ביידע שולן. מען האָט מיך אויסגעקליבן פאר פאָרזיצער פון דעם דאָזיקן געמיינשאפטלעכן קאָמיטעט און מען האָט ביי דעם זעלביקן צוזאמענקום אויך פאָרגעשלאָגן, אז די געפּלאנטע לאנד־שול זאָל זיך רופן „יידישער דערציאונגס־אנשטאַלט”; אז יידישע קינדער זאָלן דאָ קריגן זייער ענגלישע און העברעאישע דערציאונג צוזאמען, און אז די קאָסטן זי אויפצוהאלטן זאָלן געטיילט ווערן פון ביידע געמיינדעס גלייך. די דאָזיקע קאָסטן דארפן אויסמאכן פאר יעדער פון זיי ארום טויזנט דאָלאר א יאָר צי אפשר מער. מען האָט אויך פאָרגעשלאָגן אז מען זאָל אָנשטעלן דריי לערערס — איינעם פון יעדער געמיינדע באזונדער, און דעם דריטן — פון צווישן די סאמע פאסיקסטע וואָס מען וועט קאָנען געפינען; אז שכירות פאר א לערער זאָל זיין ארום 600 דאָלאר א יאָר און אז מען זאָל מיט די קינדער לערנען על פי מנהג אשכנז.

„אָט די דאָזיקע אלע פאָרשלאָגן זיינען געקומען פונם קאָמיטעט פון דער דייטש־פּוילישער געמיינדע, און פערזענלעך האָב איך קעגן זיי ניט געהאַט וואָס אויסצוזעצן, חוץ בלויז וואָס איז שייך דעם לעצטן פּונקט.

---

2) ביידע דאָקומענטן ווערן געבראַכט אין אָריגינאַל אין דער ענגלישער אויסגאַבע פון דער דאָזיקער „געשיכטע פון יידן אין קאַנאַדע” (זז. 260־256). זע אויך: ב. ג. זאַק, „א מאָנטרעאָלער יידישע מחלוקת מיט 70 יאָר צוריק” (פיר אַרטיקלען), אין „קענעדער אָדלער” פון סעפּט. 17טן, 22טן, 24טן און אָקט. 1טן 1944.

אויף אָט דעם דאָזיקן לעצטן באדינג, דעם וויכטיקסטן פון זיי אלע, האָב איך געפילט אז איך קאָן בשום אופן ניט איינגיין. איך האָב עס באַטראכט פאר א באליידיקונג קעגן דער געמיינדע וואָס איך האָב פאַרטרעטן, אז מען זאָל אינגאנצן איגנאָרירן דעם פּאָרטוגעזער מנהג. איך האָב געפילט אז איך וואָלט געהאנדלט פארעטעריש קעגן די וואָס האָבן מיך אויסגעקליבן, און אז איך וואָלט געווען פאלש צו די אינטערעסן וואָס מען האָט מיר אָנגעפארטרויט, ווען איך וואָלט געשטימט פאר אָננעמען דעם פונקט, אז מען זאָל מיט די קינדער פוןביידע געמיינדעס לערנען בלויז לויט דעם אשכנזער מנהג אליין. איך ווייס, אז אונדזער שטעלונג איז געווען א ליבעראלע און אז מיר וואָלטן ניט געוועלט ארויפצווינגען אונדזער מנהג אויף זיי. עס איז פון זייער זייט דעריבער געווען אי פאנאטיש אי מיאוס צו פארלאנגען, אז מיר זאָלן אָננעמען דעם דאָזיקן לעצטן פונקט.

„זיי האָבן אָבער ניט געוואָלט הערן פון קיין אנדער פאָרשלאָג אָדער פשרה און האָבן די דאָזיקע שענדלעכע רעזאָלוציע דורכגעפירט דורך דעם וואָס זיי זיינען געווען מער אין צאָל. זיי האָבן דערביי אויך אויסגענומען א תנאי, אז זייער שול וועט ניט איינגיין אויף קיין שום אנדער אָפּמאך. אז דאָס איז געווען זייער פעסטער באשלוס, ווי פאר מיר איז עס געווען קלאָר, האָט מען געקאָנט זען פון דעם פאקט וואָס עס האָבן זיך דערביי געהאט געפונען אייניקע פון זייערע געמיינדע־פאַרשטייערס חוץ די מיטגלידער פונם שול־קאָמיטעט. מיט אָט דעם דאָזיקן ביישפיל פון פאנאטיזם און קליינקעפּיקייט פון אונדזער שוועסטער־קהילה ווי אַ אָנהייב, האָב איך געפילט און פיל איצט אויך, אז עס איז ניטאָ קיין האָפענונג אז מיר זאָלן זיך קאָנען פאראייניקן. איך פיל אז עס וואָלטן פאַרגעקומען כסדרדיקע קליינלעכע קריגערייען און רייסערייען, און איך מוז דעריבער אויפגעבן דעם וואונטש וואָס איז מיר געווען אזוי טייער — אז מיר זאָלן ביי אונדזער קומענדיקער אלגעמיינער אסיפה קאָנען גרינדן אַ פאראייניקטע שול פאר יידישע קינדער.

„נעמענדיק דאָס אלץ אין באטראכט, מוז איך אייך בעטן רופן אן אלגעמיינע אסיפה פון אונדזער געמיינדע צו זען אז מיר זאָלן תיכף גרינדן אליין א שול, ניט בלויז פאר אונדזערע קינדער, נאָר אפילו פאר די פון דער דייטש־פּוילישער געמיינדע — אויב זיי וועלן דאָס וועלן. מיר קאָנען פאר דעם צוועק קריגן א פּאסיקן פּלאץ פון דעם 1טן נאָוועמבער און באלד אויך קריגן א לערער פון ניו יאָרק. די שול, מעג איך דאָ דערקלערן, וועט זיך קאָנען געפינען אונטער דער אויפזיכט פון דר. דע סאָלא,

מיט וועמעס פריינטלעכער הילף און פיאיקער דערפארונג מיר וועלן זיך קאָנען באנוצן. מיר טאָרן לייגער ניט פארקוקן אויף אונדזער התחייבות צו אונדזערע קינדער, פאר וועמען מיר מוזן שאפן אָט אזא דערציאונגס־אנשטאלט. דאָס דארפן מיר טאָן ניט בלויז ווי א הייליקע פליכט, נאָר מחמת דעם וואָס מיר וועלן אויף דעם וועג אויך פארהיטן אז אונדזער צאָל זאָל ניט ווערן קלענער,—דאָס וואָס קאָן פאסירן, אויב אייניקע פון צווישן אונדז זאָלן באשליסן צו שיקן זייערע קינדער אין דעם אנדער לערן־אנשטאלט און זאָלן זיך לאָזן אָנריידן ארויסצוטרעטן פון אונדזער געמיינדע.

„פאר אונדז בלייבט דעריבער צו טאָן איין זאך. דאָס איז שיקן אן ענטפער צו דער דייטש־פוילישער געמיינדע, אז נאָך דעם ווי מיר האָבן אויסגעהערט דעם באריכט פונם פאָרזיצער פון פאראייניקטן שול־קאָמי־טעט, קאָנען מיר ניט מסכים זיין מיט דער דורכגעפירטער רעזאָלוציע וועגן דעם באנוץ פון מנהג אשכנז אליין. מיר באדויערן דעריבער וואָס אונדזערע פארהאנדלונגען דארפן צוליב דעם זיך ענדיקן און וואָס מיר מוזן זיך אָפּזאָגן זיך ווידער אומצוקערן צום ענין.

„דאָס איז די מיינונג, וואָס צו איר בין איך געקומען נאָך אסך אי־בערלייגונג און אויפריכטיקן באדויערן.

„בעטנדיק אייך באלד רופן אן אלגעמיינע אסיפה פון דער פאָר־טוגעזער געמיינדע כדי דאָס צו באטראכטן, פארבלייב איך,

אייער געטרייער

(אונטערגעשריבן) ד. א. אנשל״.

פון דעם דאָזיקן דאָקומענט דערוויסן מיר זיך א פּאָר אינטערעסאנטע זאכן. דאָס ווארפט א באזונדער ליכט ניט נאָר אויף דער גאנצער פראגע מכוח וועלכער עס האָט זיך דאָן געהאנדלט און וואָס צוליב איר, ווי מען קאָן עס זען, האָבן ביידע געמיינדעס זיך צעקריגט, נאָר אפילו אויף א געוויסער זייט פון מאָנטרעאָלער יידישן לעבן צו יענער צייט בכלל. עס ווערט דאָ קאָנטיק, אז די אזוי גערופענע „ספרדישע תקופה״ האָט שוין דעמאָלט געהאלטן ביים נעמען זיך פארענדיקן, און אז דאָס זיינען געווען די איינגעוואנדערטע דייטשע און פוילישע יידן, וואָס האָבן פאמעלעך גענומען איבערנעמען די העגעמאָניע אין יידישן לעבן.

וואָס עס איז אָבער איבערהויפּט וויכטיק, איז דער אויספיר וואָס לאָזט זיך דאָ מאכן. דאָס איז וואָס מאָנטרעאָלער יידן האָבן דעמאָלט געהאט א גאָל־דענע געלעגנהייט וואָס זיי האָבן דורכגעלאָזט — צו שאפן אן אייגענעם דער־

ציאונגס־סיסטעם, וואָס וואָלט לייכט געקאָנט פאַרנעמען אַן אָרט צווישן די אַנדערע דערציאונגס־סיסטעמען אין דער דאָזיקער פּראָווינץ. עס איז דאָן געווען ערשט זיבן יאָר נאָך קאָנפעדעראַציע, און די באַציאונג צו יידן, ווי מיר האָבן אָנגעוויזן, איז געווען אַ העכסט פריינטלעכע. עס וואָלט אפילו ניט אָנגעקומען שווער צו קריגן פאַר אַ יידישן דערציאונגס־סיסטעם אַ לעגאַלן סטאַטוס.

אויב אָבער עס האָט דער דייטש־פּוילישער געמיינדע זיך ניט איינגעגעבן צו קאָנען גיין האַנט אין האַנט מיט די ספרדים, האָט זי דערפאַר באַשלאָסן צו האַנדלען אַליין. זי האָט אויסגעקליבן אַ קאָמיטעט פון ניין וואָס זאָל די פראַגע שטודירן, און דעם 29טן נאָוועמבער 1874 האָט דער קאָמיטעט צוגע־שטעלט אַ באַריכט רעקאָמענדירנדיק אַז —

„די דאָזיקע קאָרפּאָראַציע (די דייטש־פּוילישע געמיינדע) זאָל גרינדן אַ וועלטלעכע שול אין פאַרבינדונג מיט דעם יידישן חדר, וואו קינדער פון ביידע געשלעכטער זאָלן קריגן ווינציקסטנס אַן עלעמענטאַרע באַקאַנטשאַפט מיט ענגליש, פראַנצויזיש, דייטש, געאָגראַפיע, שרייבן און רעכענען, און אַ גרינטלעכע ידיעה אין דער העברעאישער שפּראַך, יידישער רעליגיע און ביבלישער געשיכטע.

„די דאָזיקע שול זאָל זיך געפינען אונטער דער אויפזיכט פון דעם שול־קאָמיטעט, וואָס זאָל יעדן יאָר אויסגעקליבן ווערן דורך די מיטגלידער פון דער דאָזיקער קאָרפּאָראַציע אין הסכם מיט אירע תקנות.

„קינדער פון פינף ביז דרייצן יאָר זאָלן אויפגענומען ווערן צו קריגן אַ ידיעה אין אַלע די דערמאָנטע לימודים, און אַז פון דרייצן ביז פופצן יאָר זאָלן זיי אויפגענומען ווערן בלויז אויף צו פאַרפולשטענדיקן זיך אין דעם לימוד פון רעליגיע און פון דער העברעאישער שפּראַך.

„די שול זאָל זיין אַ פרייע שול, אין הסכם מיט דעם שול־געזעץ פון דער דאָזיקער פּראָווינץ.

„אַלע קינדער פון געהעריקן עלטער זאָל מען אין שול אַריינגעמען אויף שכר לימוד, נאָר אַז דער שכר לימוד זאָל זיין מיט באַגרעניצונגען לויט דעם „פרי סקול אקט״, און אַז מען זאָל איבערלאָזן צום שול־קאָמיטעט דאָס רעכט אַריינצונעמען קינדער אינגאַנצן פריי, דאָ וואו ער וועט עס געפינען פאַר נוי־טיק צו טאָן.

„אַז מען זאָל באַשטימען אַ קאָמיטעט פון דריי וואָס זאָל זאַמלען ביי־טראָגן פאַר דעם דאָזיקן צוועק, און אַז אַזוי גיך ווי עס וועט געשאַפן ווערן די סומע פון 1,500 דאָלאַר, זאָל דער קאָמיטעט מיט דער הילף פון די פירערס פון דער דייטש־פּוילישער געמיינדע עפענען אַ לאַנד־שול ווי באַשלאָסן״.

די רעקאָמענדאַציעס זיינען אָנגענומען געוואָרן און דערמיט האָבן די אשכנזים ווינציקסטנס אויף דערוויל געלייזט פאר זיך דאָס פּראָבלעם, באַזאָרגנדיק אויך די פינאנציעלע זייט דערפון. אין וויניקער ווי אַנדערטהאלבן חדשים האָט זיך זיי איינגעגעבן צו שאפן די נויטיקע סומע. מען איז אויך תיכף צוגעטראָטן צום דורכפירן דעם פּראָיעקט — צום דערעפענען די שול, וואָס האָט דעם יידישן קינד געזאָלט געבן א וועלטלעכע און א יידישע דערציאונג צוזאמען. דאָס האָט פארנומען דעם פלאץ פון דעם „העברעאישן אינסטיטוט" וואָס מען האָט לכתחילה געוואָלט שאפן.

די שול האָט אָבער לאנג ניט געקאָנט עקזיסטירן. זי האָט זיך געהאלטן אַרום אַ יאָר און א האלב און מען האָט צוליב פינאנציעלע שוועריקייטן זי געמוזט צומאכן. דאָס האָט פאר די יידן פון מאָנטרעאָל ווידער ארויפגעבראכט דאָס פריערדיקע פּראָבלעם, און ביידע יידישע געמיינדעס זיינען פונדאָסניי זיך צונויפגעקומען צו באטראכטן וואָס צו טאָן. זיי האָבן דערפילט אז די דערציאונג פון זייערע קינדער איז פאר זיי צוריק געוואָרן א שווערער ענין. זיי האָבן דעריבער דורך דעם פארמיטלען פון אָלדערמאן סטיוונס געענומען אונטערהאנדלען מיט די פּראָטעסטאנטן אז זיי זאָלן די יידישע קינדער צו זיך ווידער אריינגעמען. דאָס איז געווען אין 1876 און מען איז ענדלעך איינגעגאנגען אויף א געוויסער פשרה.

עס איז ניט געווען באוואוסט, וואָס עס זיינען דעמאָלט געווען די באדינגונגען דערפון. קאָנטיק אָבער אז יענער אָפמאך איז געווען א דערזוייליקער. מיר זעען אז מיט עטלעכע יאָר שפּעטער האָט מען מיט די פּראָטעסטאנטישע שול־פארוואלטערס פונדאָסניי פארהאנדלט וועגן דעם, און אז מען האָט זיך אפילו געאייניקט אויף א זייער מאָדנעם פונקט: מען איז מרוצה געוואָרן צו קאָמבינירן די אלגעמיינע לימודים מיט דעם לימוד פון העברעאיש. די פּראָטעסטאנטישע שול־פארוואלטערס האָבן פאר דעם צוועק אָנגעשטעלט א מר. יאקאָבי, וואָס האָט א טייל פון יעדן שול־טאָג געלערנט מיט די יידישע קינדער. 3)

אָט דאָס אלץ איז פאר די יידן פון מאָנטרעאָל אין יענער צייט נאָך געווען ניי. דאָס האָט זיי צונויפגעבראכט מיט יענע פארוויקלטע דערשיינונגען אין יידישן לעבן, פון וואָס זיי האָבן פריער ניט געטראכט. זיי האָבן מיטאמאָל דערפילט אז זיי זיינען געוואָרן דערוואקסענער, אז עס ליגן אויף זיי גרעסערע דאגות און גרעסערע פליכטן. די ניי־געשאפענע באדינגונגען זיינען אָבער געווען אַזעלכע, וואָס זיי האָבן צו זיי זיך געקאָנט לייכט צופּאַסן. אימיגראציע, צדקה־ארבעט, פארשיידענע קהילה־טעטיקייטן, דערציאונג —

3) The Gazette, Montreal, September 28, 1882.

דאָס זיינען דאָך געווען זאכן וואָס זיינען אינערגעץ ניט ארונטער פון ידישן סדר היום. און דאָס האָט אפילו דער יונגער יידישער ישוב אין א ניי לאנד ניט געקאָנט אויסמיידן.

פרי די אכציקער יאָרן זיינען אין קאנאדע צוגעקומען נאָך א פּאָר שולן. איינע פון זיי איז געווען אן אָרטאָדאָקסישע, די „גואל צדק״, וואָס האָט דעם 21טן אָקטאָבער 1883 זיך געגרינדעט אין טאָראָנטאָ דורך איינגע־וואנדערטע רוסישע יידן. די צווייטע איז געווען דער רעפאָרמיסטישער „טעמפּל עמנואל״ אין מאָנטרעאָל, וואָס א גרופּע מיט א נייגונג צו רעפאָרם־יידישקייט האָבן געשאפן אין 1882.

דער ערשטער ייד וואָס האָט אין טאָראָנטאָ פארנומען א מוניציפּאלן אמט איז געווען ניימאן לעאָפּאָלד שטיינער (געבוירן אין בעמען 1829; געשטאָרבן אין טאָראָנטאָ 1902). ער האָט אין 1851 אויסגעוואנדערט קיין אמעריקע און געוואוינט עטלעכע יאָר אין ניו יאָרק, וואו ער האָט געלערנט סקולפּטור. ארום 1856 איז ער אריבער קיין קאנאדע און זיך באזעצט אין טאָראָנטאָ. מר. שטיינער האָט גלייך פון אָנהייב ארויסגעוויזן א אינטערעס צו שטאָטישע פּראָבלעמען און ער האָט דורך דעם געוואונען דעם צוטרוי פון געוויסע קרייזן.

אין 1880 האָט מען אים אויסגעקליבן פאר אָלדערמאן אינם סט. דזשיימס דיסטריקט, און מיט א זייער גרויסער פּלוראליטעט שטימען. מיט א יאָר שפּע־טער האָט מען אים פונדאָסניי דערוויילט פאר מוניציפּאלן פאָרשטייער אין דעם אייגענעם דיסטריקט. ער האָט א קורצע צייט זיך געהאט צוריקגעצויגן פון פּאָליטיק, אָבער אין 1883, 1884 און 1885 האָט מען אים ווידער אויסגע־קליבן. ער האָט יעטווידער מאָל אויך געצויגן די גרעסטע צאָל שטימען. אין 1897 האָט מען אים נאָכאמאָל דערוויילט, דאָס מאָל אין דיסטריקט נומער דריי, וואָס ער האָט אין שטאָט־ראט פארטרעטן צוויי טערמינען נאָכאנאנד. ער איז אויך געווען דער ערשטער יידישער פרידנס־ריכטער אין אָנטאריאָ. מר. שטיינער האָט אָבער ניט באלאנגט צו דעם סאָרט יידן, וואָס באזיצן אסך יידישן באוואוסטזיין. ער האָט דאָס אָרויסגעוויזן דורך א געוויסן אינצידענט, וואָס האָט אויף די יידן פון טאָראָנטאָ געמאכט א זייער ניט אָנגענעמען איינ־דרוק.

ווי איינעם פון די מער אָנגזעענע מוניציפּאַלע פארטרעטער, האָט מען אין 1883 אים צוגעטיילט דעם כבוד צו געבן א נאָמען א נייע גאס אין טאָ־ראָנטאָ. און דער ייד שטיינער האָט ניט געקאָנט טראכטן פון אימיצן אַנ־דערש ווי פון דעם אַנטיסעמיטישן קאנצלער פון דייטשלאנד. ער האָט די גאס א נאָמען געגעבן — ביסמארק עווניו.

אין 1882 האָבן קאַנאַדער יידן געהאַט אַ גרויסן פאַרלוסט. עס זיינען פון צווישן זיי פאַרשוואונדן צוויי וויכטיקע נאַציאָנאַלע פיגורן און זייער טויט איז אומעטום שטאַרק באַדויערט געוואָרן. דאָס זיינען געווען דר. אברהם דע סאָלאַ, וועלכער איז געשטאָרבן דעם 5טן יוני יענעם יאָר, און דר. אהרן־האַרט דוד, וואָס איז געשטאָרבן פינף חדשים שפּעטער. ביידע זיינען אין דעם משך פון אַסך יאָרן געווען אַ כּוח צום גוטן פאַרן קאַנאַדער יידנטום און האָבן אין די אויגן פון דער קריסטלעכער באַפעלקערונג אים צוגעגעבן גרויס חשיבות. זייער טויט האָט מען באַטראַכט ווי אַ פאַרלוסט ניט בלויז פאַר יידן, נאָר פאַרן גאַנצן לאַנד.

דער מעדיצינישער פאַקולטעט פון „בישאָפּס קאָלעדזש״ האָט דעם 9טן נאָוועמבער (1882) אָנגענומען אַ רעזאָלוציע דערקלערנדיק, אַז אין דר. אַ. ה. דודס טויט האָט דער דאָזיקער פאַקולטעט „פאַרלוירן זיין פיל געשעצטן רעק־טאָר וואָס האָט, זינט דעם גרינדן פונם פאַקולטעט ביז צו די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, גענומען דעם וואַרעמסטן אינטערעס אין דעם וואוילזיין פונם אוניווערזיטעט און האָט אַסך בייגעטראָגן צו זיין דערפאָלג״. 4)

אַן ענלעכע רעזאָלוציע האָט אָנגענומען דער מעקגיל אוניווערזיטעט, אויס־דריקנדיק באַדויערן איבער דעם טויט פון רעוו. דר. דע סאָלאַ וועלכער איז מיט דעם דאָזיקן קאַנאַדער אוניווערזיטעט געווען פאַרבונדן אַ משך פון אי־בער דרייסיק יאָר. דר. אברהם דע סאָלאַ איז געשטאָרבן אין ניו יאָרק און מען האָט אים פון דאָרטן געבראַכט קיין מאָנטרעאָל וואו מען האָט אים באַערדיקט אויפן פּאָרטוגעזער בית עולם. ווען מען נעמט אין באַטראַכט דעם פאַקט וואָס ער איז געשטאָרבן אינמיטן פון אַ פּרוכטבאַרער גייסטיקער קאַריערע און אַז ער איז נאָך ניט געווען אפילו קיין פולע 57 יאָר, קאָן מען זיך מאַכן אַ באַגריף וואָס קאַנאַדער יידן האָבן אין אים דעמאָלט פאַרלוירן. איינער פון זיינע ביאָ־גראַפן האָט וועגן אים זיך אויסגעדריקט:

„זיין גרויסע איבערגעגעבנקייט צו זיין פאָלק, זיין אומאויפהערלעך זוכן מאָראַליש און גייסטיק צו דערהויבן די צווישן וועמען ער האָט געלעבט, זיין גרייט זיין צו העלפן אַלעמען אויף דעם פריינטלעכסטן אופן כּדי צו פאַרגרינ־גערן דעם גורל פון די וואָס האָבן זיך געפונען אין נויט, און די זעלטענע פיי־איקייט וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן אין זיינע ליטעראַרישע שאַפונגען, — דאָס האָט צווישן יידן געמאַכט אים אַ וועלט־נאָמען און פאַר אים געוואונען זייער וואַרעמסטע באַוואונדערונג. זיין טויט איז באַדויערט געוואָרן פון קריסטן ניט ווייניקער ווי פון יידן, מחמת דעם וואָס זיין גרויסע געלערנטקייט האָט אים געמאַכט אַזוי באַוואוסט צווישן קאַנאַדער ליטעראַטן; וואָס ער האָט פינף און

4) **Montreal Star, November 18, 1882.**

דרייסיק יאָר כסדר גענומען אזא אקטיוון אַנטייל אין אונדזערע פארשיידענע געבילדעטע קערפערשאַפטן און וואָס ער האָט פאַרנומען אזא הויכע שטעל אין אונדזער וויכטיקסטן אוניווערזיטעט. דאָס האָט פאר אים געוואונען א בארימט פלאץ צווישן די באוואוסטע פערזענלעכקייטן פון לאנד״. (5

5) J. D. BORTHWICK, History and Biographical Gazetteer of Montreal.

# דער רוסישער אימיגראציע־פעריאָד

## קאַפּיטל זיבעצן

## נאָך די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן

אַנטיסעמיטיזם איז תמיד געווען דער שטאַרקסטער דרויסנדיקער כוח וואָס האָט די יידישע געשיכטע געשטויסן פאָראויס און זי אָפּט אָפּגעווענדט אויף נייע וועגן. דאָס איז געווען דער כוח, וואָס האָט דאָס יידישע פאָלק ניט אויפגעהערט צו טרייבן און יאָגן, וואָס האָט גרויסע טיילן זיינע געצוואונגען זיך איבערצופלאַנצן פון איין אָרט אויף אַ צווייטן און דאָרט אָנהייבן זייער עקזיסטענץ איבעראַנייס.

אויף דעם אייגענעם אופן האָבן די פּאָגראָמען און רדיפות אויף יידן אין רוסלאַנד אָנהייב די אַכציקער יאָרן אויך איבערגעביטן די פּאַנאָראַמע פון יידישן לעבן אויף דער זייט ים. די געפּלאָגטע און גערודפטע יידישע מאַסן דאָרטן האָבן זיך אַרויסגעלאָזט וואַנדערן כדי צו זוכן פאַר זיך אַן עיר מקלט. מיט זייערע בליקן געווענדטע צו דער נייער וועלט, האָבן זיי מידע און צע־בראָכענע זיך דערשלאָגן ביז צו אירע ברעגעס. און די נייע וועלט האָט זיי פון זיך ניט פאַרשטויסן, נאָר האָט זיי אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. קיי־נער האָט דעמאָלט ניט געוואוסט אַז פאַר די יידן אויף דעם קאָנטינענט האָט דערמיט זיך געהאַט אָנגעהייבן אַ נייע, גרויסע תקופה.

דער אויסבראָך פון די בלוטיקע אַנטי־יידישע רדיפות אין דער צאַרישער מדינה, און די רעאַקציע וואָס האָט זיך נאָך דעם צעשפּילט אין די אַנדערע מזרח־אייראָפּייאישע לענדער, — דאָס איז געווען דער פאַקטאָר וואָס האָט אויך געפירט צו אַ באַדייטנדיקער באַזעצונג פון יידן אין דעם ווייטן קאַנאַדער מערב. חוץ אין וויקטאָריע און אין וואַנקאָווער, האָט מען ביז די אַכציקער יאָרן געקאָנט געפינען בלויז אַן איינצלנעם יידישן תושב דאָ אָדער דאָרטן.

עס איז באַוואוסט, אַז דער ערשטער ייד אין ק׳אַפּעל, אין דעם אַסיני־באָיע־דיסטריקט (היינט סאַסקאַטשעוואַן), איז געווען מאַקס גאָלדשטיין, וועל־כער האָט זיך דאָרט באַזעצט אין 1877. אין וויניפּעג האָבן יידן אָנגעהייבן זיך באַזעצן שפּעט די זיבעציקער יאָרן, הגם זיי זיינען מיט דעם דאָזיקן פּלאַץ, אַ האַנדל־פּונקט פון דער „האָדסאָן בעי״ געזעלשאַפט, פריער אויך געקומען אין באַריר. ערשט אָבער מיט דעם אַריבערקומען אהין פון ראובן גאָלדשטיין

און היימאן מילער אין 1879, און מיט דעם באזעצן זיך דאָרט א יאָר שפּעטער פון פיליפּ בראון, דוד ריפּשטיין, סיימאָן ריפּשטיין, א. ביבער, געאָרג פראנק־פורטער און לואי ווערטהיים, האָט דאָרט אָנגעהייבן זיך פאָרמירן א קליינער יידישער קיבוץ. דער צענזוס פון 1881 האָט געוויזן, אז אין מאַניטאָבע האָבן יענעם יאָר זיך געפונען 33 יידן. פון זיי האָבן 21 געוואוינט אין דער מעט־ראָפּאָליע פון דער פּראָווינץ. אפילו אזא פּלאץ ווי פאָרטאזש לא פּריירי האָט געהאַט איין איינציקן יידישן איינוואוינער. דאָס איז געווען דער שפּעטער באַ־וואוסטער דר. היראם נ. וויינבערג (1857־1945), וועלכער האָט דאָרט דאַן געפּראַקטיצירט מעדיצין.

די וואָס האָבן געבילדעט אָט יענע קליינע יידישע קאָלאָניע אין וויניפּעג, האָבן עס געדאַרפט אויפנעמען די קרבנות פון די צאַרישע רדיפות. עס איז אויף זייערע פּלייצעס געלעגן אן אויפגאַבע וואָס זיי זיינען מיט זייערע קאַרגע, באַגרענעצטע מיטלען געווען ניט בכוח דורכצופירן. זיי האָבן אויך ניט פאַר־מאָגט א האַר דערפאַרונג וואָס האָט זיך געפאָדערט ביים באהאַנדלען אָט אזא פּראָבלעם. אלץ וואָס זיי האָבן פאַר די אָנגעקומענע געקאָנט טאָן, איז געווען זיי בלויז ארויסווייזן אסך ברידערלעכע סימפּאַטיע.

ניט גרינג אויך איז די לעצטע אָנגעקומען צו קאָנען זיך דערשלאָגן אהין. געלונגען איז דאָס זיי בלויז נאָך חדשים וואנדערנישן און וואַגלענישן, בעת זיי איז אויסגעקומען צו וואלגערן זיך דאָ אָדער דאָרטן. געלונגען איז דאָס זיי אויך א דאנק דער הילף וואָס זיי האָבן געקראָגן פון יידן אזוי גוט ווי פון גוטהאַרציקע קריסטן. יענע אנטלאָפענע פון די צאַרישע פּאָגראָמען, פון די וואָס האָבן זיך דאַן געראַטעוועט אין קאַנאַדע, האָבן זיך געוויס ניט פאָרגע־שטעלט, אז אסך פון זיי וועלן מיט יאָרן שפּעטער שפּילן ניט קיין קליינע ראָל אין דעם יידישן לעבן פון וויניפּעג.

דער ערשטער פון די רוסישע פּאָגראָמען איז פאָרגעקומען אין יעליסאַ־וועטגראַד דעם 27טן אפּריל 1881. עלף טעג שפּעטער, דעם 8טן מאַי, האָט א פּאָגראָם אויך אויסגעבראָכן אין קיעוו, און אין די ווייטערדיקע עטלעכע חדשים האָט איבער צענדליקער שטעט און שטעטלעך פון דרום־רוסלאַנד זיך געהאַט דורכגעטראָגן א בייזער שטורעם. דאָס איז געווען א כוואַליע פון פּליג־דעריי, פון מאָרד און אָלערליי ווילדע, בעסטיאַלע רציחות וואָס זיינען באַגאַנ־גען געוואָרן קעגן יידן. אייראָפּע און אמעריקע זיינען געוואָרן אויפגעטרייסל־טע דערפון. זיי זיינען געוואָרן ארומגעכאַפּטע מיט דער ביטערסטער אויפרע־גונג און מיט שרעק און גרויל איבער דעם וואָס אין דער צאַרישער מדינה איז געווען פאָרגעקומען.

אומעטום האָבן זיך דערהערט ווערטער פון צאָרן און פאָרוואורף אויפן

חשבון פון דער רעגירונג דאָרטן. די אויסלענדישע פּרעסע האָט די מעשים פון דער דאָזיקער רעגירונג שאַרף פאַרדאַמט. צוויי פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען וואָס זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לאָנדאָן און אין ניו יאָרק אין איין צייט — דעם 1טן פעברואַר 1882 — האָבן אָפּגעשפּיגלט דעם הויכן הומאַנעם סענטימענט, מיט וועלכן באַזונדערס די ענגליש־ריידנדיקע וועלט איז דורכגעדרונגען געוואָרן. זי האָט די יידן אויף אַלערליי אופנים אַרויסגעוויזן איר סימפּאַטיע און טיפן, וואַרעמען מיטגעפיל. צווישן די אונטערצייכענער וואָס האָבן דאַן גערופן דעם עולם אין לאָנדאָן צו פּראָטעסטירן, האָבן זיך געפונען די באַרימטסטע ענגלישע פּערזענלעכקייטן פון יענער צייט, ווי טשאַרלס דאַרווין, מעטהיו אַרנאָלד, דזשיימס ברייס, ראָבערט בראַונינג, קאַרדינאַל מענינג און אַנדערע.

די רעדע וואָס קאַרדינאַל מענינג האָט געהאַלטן ביים פּראָטעסט־מיטינג גופא, איז פאַרבליבן אַ וויכטיקער היסטאָרישער דאָקומענט וואָס איז צוליב זיין אינהאַלט ווערט דאָ איבערצוגעבן. ריידנדיק אין נאָמען פון די קאַטאָליקן פון דער גאַנצער וועלט האָט ער צווישן אַנדערן דאַן דערקלערט:

„. . . און נאָך עפּעס וויל איך זאָגן. הגם מיר האָבן ניט בדעה צו באַרירן די פראַגע פון דער אינערלעכער געזעצגעבונג פון רוסלאַנד, זיינען אָבער פאַראַן געזעצן וואָס זיינען וויכטיקער פון דער רוסישער געזעצגעבונג, געזעצן וואָס זיינען פּונקט אַזוי בינדיק אין לאָנדאָן, אין פּעטערבורג און אין מאָסקווע — די געזעצן פון מענטשלעכקייט, פון נאַטור און פון גאָט — וואָס זיינען דער יסוד פון אַלע אַנדערע געזעצן; און אויב אין וועלכער ניט איז געזעצגעבונג ווערן די דאָזיקע געזעצן פאַרגוואַלטיקט, דאַן באַקומען אַלע קריסטלעכע פעלקער פון אייראָפּע און די גאַנצע קאָמאַנוועלט פון ציוויליזירטע קריסטלעכע מענטשן אויגנבליקלעך דאָס רעכט דאָס הויך אַרויסצוזאָגן. איך מוז דערפאַר, מיין לאָרד, צוליב דעם באַרירן אַ פּונקט וואָס איז פאַר מיר געוועזן זייער פּיינלעך. מיר האָבן די לעצטע צוועלף חדשים אַלע געזען דאָס וואָס מיר רופן די אַנטיסעמיטישע באַוועגונג אין דייטשלאַנד. איך קוק אויף דעם מיט אַ טאָפּעלן געפיל. איך קוק אויף דעם קודם כל מיט עקל, ווי אויף אַ זאַך וואָס איז עלול צו צעבּרעקלען די יסודות פון סאָציאַלן לעבן, און צווייטנס — מיט גרויס שרעק, אַז דאָס זאָל ניט אָנצינדן אַזאַ שנאה ווי די וואָס האָט זיך שוין צעפלאַקערט אין רוסלאַנד, און וואָס קאָן זיך פאַרשפּרייטן נאָך אַנדערשוואו אויך".

און פאַרענדיקט האָט דער קאַרדינאַל די זייער איינדרוקספולע רעדע וואָס ער האָט געהאַלטן ביי יענער גרויסער היסטאָרישער פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג מיט די אַ ווערטער, וואָס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט מאָדנעם פּאַטאָס:

„עס איז דאָ א בוך, וואָס איז דער געמיינזאמער פארמעגן פון פאָלק ישראל און פון די קריסטן. דאָס דאָזיקע בוך פארבינדט אונדז אלעמען, און אין דעם דאָזיקן בוך לייען איך, אז דאָס פאָלק ישראל איז דאָס עלטסטע פאָלק אויף דער וועלט, בעת רוסן, עסטרייכער און ענגלענדער זיינען פעלקער ערשט פון נעכטן. דאָס דאָזיקע פאָלק לעבט מיט דעם כוח פון זיין אומשטערבלעכן גייסט, פון זיינע פעסטע טראדיציעס, פון זיין פעלזן־פעסטן גלויבן אין גאָט און אין געטלעכע געזעצן. דאָס איז א פאָלק וואָס איז צעזייט איבער דער גאנ־צער וועלט, וואָס איז דורכגעגאנגען דורך שייטערהויפנס און איז ניט אונטער־געגאנגען; וואָס ווערט געטראָטן אין שטויב, אָבער האָט זיך מיט דעם שטויב ניט אויסגעמישט״.

אָט די דאָזיקע וואַרעמע, הארציק־אויפריכטיקע ווערטער זיינען געווען א ווידערקול פון אן אינערלעכן מענטשלעכן פּראָטעסט וואָס האָט ארויסגע־רעדט ניט בלויז פון קארדינאַל מענינג אליין. דאָס איז געווען דער פּראָטעסט פון אלע דיינקענדיקע, פילנדיקע מענטשן איבער דער גאָרער וועלט, — דער פּראָטעסט פון די וועמעס אלע חושים און געפילן האָבן דאן רעוואָלטירט קעגן דעם וואָס איז געווען פארגעקומען.

נאָך דעם ווי די נייעס וועגן די צארישע פּאָגראָמען איז צעטראָגן גע־וואָרן, האָט מען גענומען זאָרגן וועגן הילף פאר די רוסישע יידן. אין פאר־שיידענע יידישע צענטערס אין איירָאפּע האָט מען אויף דער גיך צונויפגע־שטעלט קאָמיטעטן כדי צו העלפן די פּליטים וואָס האָבן זיך א לאָז געטאָן איבער אלע וועגן און גענומען אָנפילן די האפנשטעט. דאָס אומגליק וואָס האָט זיי געהאט געטראָפן, האָט אלעמען גערירט און מען האָט געזוכט זיי אויס־צושטרעקן א פריינטלעכע האנט. אין לאָנדאָן איז דאָס געווען דער „מענשאָן הויז״ קאָמיטעט, געגרינדעט נאָך דער גרויסער פּראָטעסט־פארזאמלונג, וואָס האָט גענומען אויף זיך די עובדה צו העלפן די יידן פון רוסלאנד — די וואָס האָבן זיך געקאָנט דערשלאָגן קיין ענגלאנד. מיט דעם מיטווירקן פון סיר אלעקסאנדער ט. גאַלט, דעם קאנאדער היי־קאָמישאָנער, האָט די זעלביקע קערפּערשאפט אויך באזאָרגט יענע פּליטים וואָס מען האָט אָפּגעשיקט קיין קאנאדע.

אין דער אייגענער צייט האָט א קאָמיטעט צו העלפן די וואנדערערס זיך אויך געגרינדעט אין מאָנטרעאָל. דאָס איז געווען אויף דעם איניציאטיוו פון דעם לאָקאלן צווייג פון דער „אנגלאָ־דזשואיש אסס׳ן״, וואָס האָט צוזאמען מיט די אנדערע יידישע אָרגאַניזאציעס אין שטאָט, די „יאָנג מענס היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי״ און „לידיס היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי״, בא־שלאָסן צו גרינדן א „יידישן אימיגראַנטן הילף־פאראיין״. דאָס איז געווען די

ערשטע יידישע אָרגאַניזאַציע פון דעם מין אין לאַנד. זי האָט אָבער אין עט־לעכע חדשים ארום זיך אויפגעלייזט, איבערלאָזנדיק איר ארבעט צו דער „יאַנג מענס היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי". א קאָמיטעט צו שאַפן שטיצע פאַר די עלנטע יידישע אימיגראַנטן האָבן אויך געהאַט געגרינדעט א צאָל ניט־יידן פון מאָנטרעאָל, מיט בישאָפּ באָנד פאַר פאָרזיצער. זיי האָבן ביי דער זעלביקער געלעגנהייט אויך אָנגענומען א רעזאָלוציע שאַרף פאַרדאַמענדיק די צאַרישע רציחות אויף יידן. 1)

באַמערקן דאַרף מען דאָ אַז דער קאַנאַדער היי־קאָמישאָנער אין לאָנדאָן האָט גענומען א באַזונדערס וואַרעמען אינטערעס אין די רוסיש־יידישע אי־מיגראַנטן. אין דעם פּראָטאָקאָל־בוך פון דער „יאַנג מענס היברו בענעוואָ־לענט סאָסייעטי" פון יענער צייט וואַרפט זיך גאַנץ אָפט דורך זיין נאָמען. דאָס איז געווען דער עיקר א דאַנק זיין באַמיען זיך, וואָס עס האָט אין 1882 זיך איינגעגעבן צו קריגן א שטיק לאַנד אין די צפון־מערב טעריטאָריעס צו באַנוצן פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע. ער האָט געהאַט בייגעוואוינט די גרויסע פּראָטעסט־פאַרזאַמלונג און מען האָט אים אַריינגענומען פאַר א מיטגליד פון דעם „מענשאָן הויז" קאָמיטעט צוזאַמען מיט דעם לאָרד מעיאָר פון לאָנדאָן, קאַרדינאַל מענינג, דעם ערצבישאָפּ פון קאַנטערבורי און אַנדערע באַוואוסטע ענגלישע פּערזענלעכקייטן.

סיר אַלעקסאַנדער ט. גאָלט, ווי מען קאָן עס זען פון געוויסע בריוו זיינע פון יענער צייט, איז געווען איינער פון די וואָס איז פון דער יידישער טראַ־געדיע געוואָרן שטאַרק גערירט. ער האָט די רוסיש־יידישע פּליטים אַרויס־געוויזן גרויס מיטלייד און ער האָט זיי געוואָלט העלפן. ער האָט אַפילו אליין פאַרטראַכט א פּלאַן מכוח קאָנקרעטער הילף — צו באַזעצן רוסישע יידן אין וועלכן ניט איז טייל פון דער דאָמיניאָן און ער האָט דעם דאָזיקן פּלאַן זיינעם פאָרגעלייגט פאַר סיר דזשאָן א. מעקדאָנאַלד, דעם קאַנאַדער פּרעמיער. ער האָט זיך געפּרואווט אים אויפוויזן, אַז דאָ האָט זיך געהאַנדלט וועגן עפּעס וואָס איז געווען פון גרעסטער דרינגענדיקייט און אַז קאַנאַדע האָט דאָ געקאָנט א סך אויפטאָן.

סיר אַלעקסאַנדער ט. גאָלט איז געווען איינער פון די „פאָטערס פון קאָנפעדעראַציע". ער איז געווען א מענטש מיט ליבעראַלע אידייען און מיט א וואַרעם, פילנדיק האַרץ. א באַזונדערן געפיל האָט ער געהאַט פאַר זאַכן און פאַר יענע מענטשלעכע פּרינציפּן, אין וועלכע ער האָט געגלויבט. ער איז דעריבער לייכט מיטגעריסן געוואָרן פון די סימפּאַטיע־אויסדרוקן צו יידן. ער האָט צוליב דעם קאָנפערירט מיט יידישע פירערס אין לאָנדאָן, אין אויג האָבנ־

1) The Gazette, Montreal, March 16, 1882.

דיק דערביי זיין אייגענעם הילף־פלאן. ער האט אויך געשריבן צו יידישע כלל־טוערס אין מאנטרעאל, מיט וועמען ער האט דורך דער „יאנג מענס היברו בענעוואלענט סאסייעטי" געזוכט צו קומען אליין אין קאנטאקט. זיין כוונה ווי די כוונה פון יידישע פירערס אין ענגלאנד איז דערביי געווען — פארבינדן די יידישע צרות מיט א גרויסן, פראקטישן ציל. דאס איז געווען צו העלפן די רוסיש־יידישע פליטים ווערן אין דעם נייעם, פרייען לאנד עקאנאמיש אומ־אפהייננגיקע מענטשן.

די הומאניטארע שטעלונג וואס דער קאנאדער היי־קאמישאנער אין לאנ־דאן האט דא געהאט אנגענומען, האט בלויז אפגעשפיגלט דעם אופן אויף וועלכן די גאנצע ציוויליזירטע וועלט האט געהאט רעאגירט אויף די געשעע־נישן וואס זיינען אין רוסלאנד געווען פארגעקומען. אפגעשפיגלט האט דאס, פארשטייט זיך, אויך יענע געפילן פון סימפאטיע און מיטלייד וואס מען האט די יידן צוליב דעם געהאט ארויסגעוויזן אין אלע קאנאדער קרייזן — מיט בלויז איין איינציקן אויסנעם.

א טיפישן ביישפיל פון אט דער דאזיקער סימפאטיע האבן מיר פאר זיך אין דעם אינהאלט פון א זייער כאראקטעריסטישן בריוו וואס געפינט זיך אין די ארכיוון אין אטאווא און געהערט צו יענער צייט. דאס איז א בקשה מיט וועלכער א געוויסער דזשאן טיילאר, דער איסלאנדישער פארטרעטער וואס האט זיך געפונען אין מאניטאבע, האט זיך דאן געווענדט צום מארקיז פון לארן, דעם קאנאדער גאווערנאר־דזשענעראל, בעטנדיק אים אז ער זאל זען וואס טאן פאר די רוסישע יידן.

דער בריוו, באמת א זייער מערקווערדיקער דאקומענט, האט זיך געלייענט אט ווי:

„סט. אנדריוס, מאניטאבע, 13טער פעברואר 1882.
„צום מארקיז פון לארן,
גאווערנאר־דזשענעראל פון דער קאנאדער דאמיניאן אאז"וו. אאז"וו.
„מיין לארד,

„איך האב געהאט דעם כבוד צו שרייבן צו לארד דאפרין אין 1875 וועגן די איסלאנדער, וואס האבן געליטן פון דעם שרעקלעכן וואולקא־נישן אויסבראך וואס איז געווען פארגעקומען אין יענעם וויסטן לאנד. דער גינסטיקער אופן אויף וועלכן זיין לארדשאפט האט זיך אפגערופן אויף מיין בריוו האט אנגערעגט דעם געדאנק פון אויסוואנדערונג און האט גורם געווען, אז דריי טויזנט נפשות זאלן באפרייט ווערן פון דער הילפלאזער און האפענונגסלאזער ארעמקייט אין וועלכער זיי האבן ביי זיך אינדערהיים זיך געהאט געפונען, כדי צו קאנען געניסן וואוילזיין

און גליק אין דעם דאָזיקן געבענטשטן לאַנד.

„מען וועט די אַדמיניסטראַציע פון לאָרד דאַפרין תמיד דערמאָנען מיט דאַנק פאַר אָט דער דאָזיקער פיינער האַנדלונג.

„דערמאָנענדיק זיך, אַז מיין וועגדן זיך דעמאָלט האָט געהאַט אַ פריינטלעכן אָפּרוף, פיל איך זיך דערמוטיקט צו שרייבן צו אייער לאָרד־שאַפט וועגן אַ סאָרט ליידנדיקע אין אַן אַנדער לאַנד, — ליידנדיקע פון די רעזולטאַטן פון אַ פיל מער שרעקלעכן אויסבראָך, ניט קיין פּי־זישן נאָר אַ סאָציאַלן. דאָס איז וועגן די יידן פון רוסלאַנד און פוילן.

„די ריזיקע שטרעקעס פּרוקטבאַרן באָדן וואָס די רעגירונג פון דער דאָזיקער דאָמיניאָן האָט איצט גרייט פאַר די וואָס ווילן זיך באַזעצן, וואָלטן געווען דער סאַמע געוואונטשנסטער מקום מקלט פאַר די דאָזיקע אונטערדריקטע און געדרודפטע מענטשן.

„בעטנדיק אייער לאָרדשאַפט דאָס צו נעמען גינסטיק אין באַטראַכט, וואָלט איך זיך גענומען די פרייהייט פאָרצולייגן, אַז אונטער אייער לאָרד־שאַפטס פריינטלעכן איינפלוס און אָפּעקונסטווע זאָל מען ביי דער קאַנאַ־דער רעגירונג באַקומען אַ פּאַסיקן שטח לאַנד פאַר אָט דעם צוועק, און אַז מען זאָל דאָס איבערגעבן אין די הענט פון געהעריקע באַאַמטע, וואָס זאָלן דורכפירן אָט די נאָבעלע זאַך — צו באַזאָרגן די דאָזיקע מענטשן מיט נייע היימען, ווייט פון די רציחות און אכזריותן וואָס זיינען מיט אַזאַ שענדלעכקייט באַגאַנגען געוואָרן קעגן זיי אין נאָמען פון רעליגיע.

„אָט אַזאַ נויטיקער אַקט פון הילף לטובת די יידישע פּליטים, ווען מען זאָל דאָס פאַרבינדן מיט דעם וואָס עס ווערט איצט פון זייערטוועגן געטאָן אין ענגלאַנד, וואָלט אַלעמאָל פאַרשאַפט כבוד דעם דאָזיקן לאַנד און וואָלט געווען אַ ליכטיקער דיינקמאָל פאַר אייער לאָרדשאַפטס ליב־ווערדיקער אַדמיניסטראַציע.

„איך האָב דעם כבוד צו זיין, מיין לאָרד,

אייער לאָרדשאַפטס געהאָרכזאַמער דינער,

דזשאָן טיילאָר,

איסלאַנדישער פּאַרטרעטער". 2)

אויף דעם דאָזיקן בריוו האָט דער מאַרקיז פון לאָרן קיינמאָל ניט געענט־פערט. ווינציקסטנס איז ניט באַוואוסט אַז ער זאָל דאָס יאָ האָבן געטאָן, מחמת עס איז וועגן דעם מער קיין זאַך ניט דערמאָנט. ווי דאָס זעט אויס, האָט מען וועגן דעם עצם ענין וואָס איז אין דעם בריוו אַנגערירט געוואָרן אויך גאָר־

2) PUBLIC ARCHIVES OF CANADA: The Macdonald Papers. Governor General's Correspondence, p. 44.

נישט געטאָן, הגם אונטער די באַדינגונגען וואָס האָבן ארום יענער צייט געהערשט אין קאנאדע גופא וואָלט דאָס געווען איינע פון די זייער גרינגע זאכן. אונדזער היינטיקע דאָמיניאָן איז געווען נאָך גאנץ שיטער באפעלקערט. אויף איר גאנצן ריזיקן שטח האָט זי אין יענער צייט ניט פארמאָגט אפילו קיין פיר און א האלב מיליאָן נפשות.

אויב אָבער דער קאנאדער גאָווערנאָר־דזשענעראל האָט צוליב אזעלכע אָדער אנדערע סיבות גאָרנישט געטאָן וועגן דעם, האָט דער פרעמיער, סיר דזשאָן א. מעקדאָנאלד, אין א פריוואטן בריוו צום מאַרקיז פון לאָרן פון זיין זייט אויך ארויפגעבראכט די אייגענע פראגע, אין שייכות מיט דעם שוין פריער דערמאָנטן פאָרשלאָג פון סיר אלעקסאנדער ט. גאָלט. דער בריוו טראָגט די דאטע פון 20טן פעברואר 1882. „איך שליס דאָ פאר אייך איין א מעלדונג פון גאָלטן", שרייבט ער אים, „און איר וועט פון דעם זען אז ער האָט זיך גענומען אָפּגעבן מיט די יידן. איך האָף אז עפּעס וועט דערפון ארויסקומען. ער וועט אינסטרואירט ווערן צו האנדלען פאר דעם אימיגראציע־דעפּארטמענט, און מיר זיינען גרייט פאר די יידן צו באשטימען לאנד". 3)

פון דעם טאָן פון דעם דאָזיקן בריוו מעקדאָנאלדס, און פון די ניט גאָר שטאטסמאַנישע באמערקונגען וואָס ער מאכט אין נאָך אַנדערע פריוואַטע בריוו, ווערט קלאָר אז זיין כלומרשט אויפגעלייגט זיין צו געבן יידן לאנד אויף צום באזעצן זיך, איז ניט געווען אינספּירירט פון קיין צו אויפריכטיקע מאָטיוון. גיכער איז דאָס געווען א פּועל יוצא פון דעם דרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג, פאר וועלכער ער האָט געפילט אז ער מוז זיך בייגן. עס לאָזט זיך שווער פארשטיין, אז בעת די ציוויליזירטע וועלט איז געווען אויפגערירט צוליב די בלוטיקע רדיפות אויף יידן און האָט די דאָזיקע רדיפות פארדאמט, האָט דער קאנאדער פרעמיער גראָד געקאָנט אין א בריוו זיינעם צו גאָלטן זיך אויסדריקן וועגן זיי אפילו מיט קאלטבלוטיקן חוזק.

עס איז אמת, אז מעקדאָנאלד איז בטבע געווען א גרויסער ציניקער. אָבער אויב ער האָט זיך עס ארויסגעוויזן אויך אין דעם איצטיקן פאל, האָט ער דערמיט געוויס איבערגעכאַפּט די מאָס. „וויצלען" זיך אויף דעם חשבון פון מענטשן וועמען מען האָט גערודפט, טעראָריזירט און אויף זיי דורכגעפירט בלוטיקע מאסן־פּאָגראָמען, איז פון זיין זייט געווען פיל מער ווי בלויז ציניזם. ניט אומזיסט האָט גאָלט, וועלכער האָט אים פערזענלעך זייער גוט געקענט, אין איין בריוו זיך געפּרואווט אים פארזיכערן, אז „עס קאָן ניט שאדן ווען מען זאָל זיי (די יידן) באזעצן".

דעם 25טן יאנואר 1882 האָט דער הויי־קאָמישאָנער געשריבן צו מעק־

3) Sir John A. Macdonald Letters to Lord Lorne, 1879-1884, p. 241.

דאָנאַלדן אין אַ בריוו, איבער וועלכן עס איז געשטאַנען דאָס וואָרט „פּריוואַט":

„די יידישע רדיפות אין רוסלאַנד האָבן מיך באַוועגן צו שרייבן צו ראָטשילדן און אים פאַרלייגן, אַז איך וואָלט געוועלט מיט אים דיסקוטירן מכוח דער פּראַקטישקייט אַריבערצוברענגען קיין קאַנאַדע יידן וואָס זיינען געניגט צו ערד־אַרבעט, און זיי דאָרט באַזעצן. איך האָב מיין צושריפט אים איבערגעשיקט ערשט היינט. מיר זעט אויס, אַז עס איז פאַר אונדז דוקא ניט קיין שלעכטע געלעגנהייט צו פאַראינטערעסירן די יידן אין אונדזער צפון־מערב".

אין אַ צווייטן בריוו, איבער וועלכן עס שטייט דאָס גלייכן אָנגעשריבן „פּריוואַט", באַרירט ער די אייגענע פראַגע אַסך ברייטער. מיר גיבן דאָ איבער דעם גאַנצן בריוו:

„דאָמיניאָן פֿון קאַנאַדע. אָפּיס פונם היי־קאָמישאָנער.

9 וויקטאָריע טשיימבערס, לאָנדאָן ס. וו.

„פּריוואַט 3טער פעברואַר 1882.

„מיין טייערער מעקדאָנאַלד,

„ווי איך האָב שוין דאָס דערמאָנט אין מיין פריערדיקער מעלדונג, האָב איך געהאַט אַ געלעגנהייט מער־ווייניק זיך צו באַראַטן מיט פירנדיקע יידישע פּערזענלעכקייטן בנוגע דער פראַגע פון אויסוואַנדערונג פון רוסלאַנד קיין קאַנאַדע. דאָס איז געווען פאַקטיש אויף זייער בקשה וואָס איך האָב איינגעוויליקט צו באַטייליקן זיך אין דעם „מענשאָן הויז" קאָמיטעט, אין וועלכן מען האָט מיך נאָמינירט אויף דעם זייער איינדרוקספולן מיטינג, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן מיטוואָך.

„ווי איך הער, זיינען די דאָזיקע רוסישע יידן אַ העכערער קלאַס מענטשן. אַ טייל פון זיי באַשטייט פון פאַרמערס, און די איבריקע גיבן אין אַלגעמיין זיך אָפּ מיט מסחר. די מערסטע פון זיי זענען געווען פאַרמעגלעך און הגם אַסך זיינען רואינירט געוואָרן, גלויב איך אָבער אַז אַ גרויסער טייל וועט זיך געפינען מיט גענוג מיטלען צו קאָנען זיך באַזעצן אין קאַנאַדע אָדער די פאַראייניקטע שטאַטן, אויב רוסלאַנד וועט זיי אַרויסלאָזן.

„איך האָב אויסגעפונען, אַז אַמעריקאַנער יידן סטאַרען זיך צו דערמוטיקן אַן אויסוואַנדערונג אין די פאַראייניקטע שטאַטן, און איך האָב דערביי אַ טראַכט געטאָן, אַז דאָס וואָס איז גוט פאַר זיי דאַרף אויך זיין ניט שלעכט פאַר אונדז.

„ווען דער קאָמיטעט וועט זיך צוזאַמענקומען, וועל איך דערגיין וואָס מען דיינקט וועגן דעם און איך וועל אפשר קאָנען פאַרשלאָגן עפּעס,

דורך וואס מיר זאלן קאנען קריגן א חלק אימיגראנטן. די יידן זיינען היינט באמת אזוי איינפלוסרייך אין אייראפע, אז עס קאן ניט זיין קיין בייז אין דעם אז מיר זאלן זיי באזעצן אין קאנאדע.

.....................................................................

א. ט. גאלט״. 4)

דעם זעלביקן זומער האט דער היי־קאמישאנער באזוכט קאנאדע. כאטש פון אנהייב פעברואר ביז אינמיטן זומער איז געווען גענוג צייט וואס וואלט געגעבן א מעגלעכקייט צו טאן וואס, לויט ווי ער האט עס געהאט פארגעלייגט, זעט אבער אויס אז מען האט גארנישט געטאן. עס זעט אויס ווי אימיצער, אין וועמעס הענט עס איז געלעגן צו מאכן דעם געהעריקן שריט דאס צו פאר־ווירקלעכן, וואלט דאס ניט געוועלט, אדער ווי ער וואלט קעגן דעם וואס אויס־געזעצט. מכוח גאלטס אנבאט האט זיך ניט גערירט פון ארט. ערגעץ איז גע־ווען א מניעה וואס איז געשטאנען אין וועג.

דעם 7טן יולי יענעם יאר האט סיר אלעקסאנדער ט. גאלט ווידער גע־שריבן צו מעקדאנאלדן, דאס מאל פון מאנטרעאל. אין דעם דאזיקן בריוו זיי־נעם דערמאנט ער א יידישן קאמיטעט וואס ער רעדט אין זיין נאמען. דער דא־זיקער קאמיטעט, ווי מען קאן עס דרינגען פון דעם וואס ער שרייבט, האט אים ווענן דער אנגעלעגנהייט צוגעשיקט א מעמאראנדום. עס איז אבער ניט בא־וואוסט, צי דאס איז געווען א קאמיטעט פון לאנדאנער יידן אדער פון מאנט־רעאלער יידן. ווי מען קאן זיך עס משער זיין, האט ער מיט די לעצטע דאך זיכער זיך געזען בעת זיין באזוך אין דער קאנאדער מעטראפאליע.

זיין בריוו האט זיך געלייענט אט ווי:

„מאנטרעאל, 7טער יולי 1882.

„מיין טייערער מעקדאנאלד,

„איך וואלט אייך זייער געבעטן, אז איר זאלט דורכלייענען דאס בייגעלייגטע און באשליסן אויף ווי ווייט מיר קאנען אין דעם נאכקומען די מיינונגען פון דעם יידישן קאמיטעט.

„איך גלויב אז עס איז פון גרויס וויכטיקייט, דער עיקר מחמת מיין דערוואַרטעטן אומקערן זיך צוריק קיין לאנדאן און צוליב דעם וואס איך וועל זיך דארפן טרעפן מיט יידישע פירערס דארטן און אין פאריז, אז איר זאלט זען געפינען א וועג ווי צו באשטימען א דיסטריקט אויף צו באזעצן יידן. דאס קאן זיכער ניט פארפעלן צו מאכן א גוטן איינדרוק.

„קאנט איר אפשר פאר דעם צוועק זיי אפגעבן די מענאניטישע געגנטן („טאונשיפס״), אדער אויב מען קאן דאס ניט טאן, טא קאן מען

4) MACDONALD PAPERS — Alexander Galt. 1882-91. pt. 1, p. 32.

אפשר וועלכע ניט איז פון די קאָלאָניזאציע־געזעלשאפטן הייסן גלייך פארנעמען דעם דאָזיקן באָדן אָדער עס פארלאָזן. עס איז דאָך לעכערלעך דאָס וואָס דער גאנצער דיסטריקט איז פארנומען מיט פאלשע אפּליקאַ־ציעס (אין אסך פאלן), און אין דער זעלביקער צייט זאָל מען פון דאָרטן אויסשליסן ריכטיקע קאָלאָניסטן.

.......................................................

א. ט. גאַלט". 5)

וואָס פאר אן אָפּרוף האָט דאָס אלץ געפונען ביי מעקדאָנאלדן? ווי אַזוי האָט ער רעאגירט אויף דער שטעלונג וואָס דער היי־קאָמישאָנער האָט דאָ גע־האַט אָנגענומען, — רעאגירט אויף דעם אזוי אויפריכטיקן טאָן פון זיינע בריוו און אויף די געפילן וואָס ער האָט פאר אים אויסגעדריקט?

עס וואָלט געווען אוממעגלעך זיך פאָרצושטעלן אז ער וואָלט אין דעם פאל געקאָנט זיך האלטן אזוי, אז דאָס וואָלט געווען מער אין הסכם מיט זיין פערזענלעכן קוק אויף דער זאך. ווי מען קאָן זיך עס מאכן א באגריף, איז ער אפילו פון אָנהייב אָן געווען גרייט אָנצונעמען גאָלטס פּלאן, — ווינ־ציקסטנס אין פּרינציפּ, און דאָס מסתמא אויך אונטער דעם דרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג אין ענגלאנד און די דערבייאיקע פאראייניקטע שטאַטן. מיר איבערצייגן זיך עס פון אַ בריוו וואָס ער האָט געשריבן צו גאָלטן. זיין „הסכמה" האָט ער דאָרט אויסגעדריקט אין די באלײדיקנדיקסטע ווערטער פאר יידן — ווערטער וואָס האָבן ניט נאָר ניט געפּאסט פאר דעם מענטשן וואָס איז געווען פּרעמיער פון אונדזער דאָמיניאָן, נאָר וואָס האָבן אויך גע־וויזן אז די שרעקלעכע מענטשלעכע דראמע וואָס האָט געהאט אויפגערירט די וועלט, האָט אים איבערגעלאָזט קאלט און גלייכגילטיק.

נאָך דעם, ווי ער האָט אין זיין בריוו צום מארקיז פון לאָרן, דעם קאַנאַ־דער גאָווערנאָר־דזשענעראל, מיט סארקאזם געהאט באַמערקט אז „גאָלט האָט זיך גענומען אָפּגעבן מיט די יידן", האָט ער דעם 27טן פעברואר 1882 געשריבן צו גאָלטן דעם אָ בריוו, אויף וועלכן ער האָט אויפגעשריבן „פּריוואַט", און וואָס האָט אלע „חנ'עך" ווען מען לייענט אים אין אָריגינאל. אָט איז דער בריוו:

„The Old Clo' move is a good one — A sprinkling of Jews in the North West would do good. They would at once go in for peddling & politics and be of much use in the New Country as Cheap Jacks and Chapmen.

Yours sincerely,

John A. Macdonald." 6)

---

5) דאָרטן.

6) MACDONALD PAPERS. Letter Book 21, p. 680.

דער קאנאדער פרעמיער האָט דאָ אין קורצן זיך דערלויבט צו באצייכע־נען יידן מסתמא ווי ער האָט אויף זיי געקוקט. אז א שטאַטסמאַן זאָל אונטער די פאר יידן טראגישע אומשטאנדן מכוח וועלכע עס האָט זיך געהאנדלט, געקאָנט האָבן ביי זיך געפועלט צו מאכן פון זיי חוזק, צו נוצן דאָס וואָרט „אולד קלאָר״, באַכקרימענדיק ווי גרינע יידישע פעדלערס וואָס האנדלען מיט אלטע קליידער רופן דאָס אָן, — דאָס לאָזט זיך ניט פארשטיין. עס לאָזט זיך בכלל ניט פארשטיין וואָס ער האָט אין יידן ניט געפונען קיין אנדע־רע מעלות און אייגנשאפטן ווי דאָס וואָס זיי וועלן דעם נייעם לאנד, ווי ער האָט עס קענן זיי אינסינואירט, ברענגען אסך נוצן ווי פעדלערלעך וואָס זיי־נען געניגט אפצונארן די קונים, אָדער וואָס שרייען אויס זייער סחורה אויף די גאסן. פירושים זיינען דאָ איבריק.

ווי פארשיידן זיינען געווען די ווערטער מיט וועלכע אן אנדער פרע־מיער פון אונדזער דאָמיניאָן האָט מיט עטוואָס ווינציקער ווי א פערטל יאָר־הונדערט שפעטער, בעת ער האָט פאר זיך געהאט אָן ענלעכע סיטואציע, זיך געהאט באנוצט, דאָס מאָל פון דער טריבונע אין פארלאמענט. זיכער איז איין זאָך. דאָס איז ניט געווען מעקדאָנאלד נאָר דער לעצטער, וועלכער האָט אין דעם פאל אזוי פיין און אזוי נאָבל אָפגעשפיגלט דעם אמתן גייסט פון אונדזער לאנד.

מעקנאָנאלדס פערזענלעכע באציאונג האָט דעריבער ניט געהאט קיין שום אָפקלאנג. דאָס האָט אויך ניט געשטערט אז רעכט־דיינקענדיקע קאַ־נאדער זאָלן זיך פאראינטערעסירן, און אויף דעם סאמע אויפריכטיקסטן אופן, מיט די פּראָבלעמען פון יידישער נויט וואָס זיינען פאר אלעמען דאן אויסגעוואקסן. עס איז א פאקט, אז אויך צווישן קאנאדער יידן אליין איז אין יענער צייט אויפגעהייבן געוואָרן א באוועגונג מיט א ווייט־גייענדיקן פלאן פאר זיך. דאָס איז געווען צו גרינדן א געזעלשאפט אונטער דעם נאָמען „אינ־טערנאציאָנאלער קאָלאָניזאציע־פאראיין פון קאנאדע״, מיט א קאפיטאל פון א מיליאָן דאָלאר. די עובדה פון דער דאָזיקער אָרגאניזאציע האָט געזאָלט זיין צו זען צוציען א וואָס גרעסערע צאָל יידישע וואנדערערס און זיי באזעצן אויף לאנד אין דעם צפון־מערב טייל קאנאדע. עס איז אָבער ניט באוואוסט, וואָס פון יענעם פלאן איז געוואָרן. 7)

מיט פאראייניקטע כוחות איז אין 1882 געלונגען איבערצושיקן קיין מערב־קאנאדע די ערשטע פארטיע רוסיש־יידישע אימיגראנטן. דעם 26טן מאי איז קיין וויניפעג אָנגעקומען די דאָזיקע ערשטע גרופע וואנדערערס, וואָס איז באשטאנען פון פיר און צוואנציק נפשות. צווישן זיי האָבן זיך גע־

7) The Gazette, Montreal, January 22, 1882.

פונען פיליפּ ראַדין, טוביה פינקלשטיין, די ברידער ווידמאַן און זייער פאָ־טער, שמעון לעכטציער מיט זיינע זין, וואָלף לערנער, וואָלף מאָסקאָוויטש, ב. צימערמאַן און אַנדערע, וועמעס נעמען זיינען שפּעטער געוואָרן אַזוי באַקאַנט צו אַסך וויניפּעגער. אין עטלעכע טעג אַרום, דעם 1טן יוני, איז אָנגעקומען אַ פיל גרעסערע גרופּע, וואָס איז באַשטאַנען פון 247 אויסגעמוטשעטע יידישע נע־ונדניקעס.

די קליינע יידישע קהילה פון וויניפּעג האָט זיך דערזען אין אַ לאַגע, קעגן וועלכער זי האָט זיך קיין עצה ניט געקאָנט געבן. גאָר די שטיצע וואָס זי האָט צווישן זיך געקאָנט שאַפן, האָט ניט געקאָנט קלעקן אויף צו באַזאָרגן אַזוי פיל אימיגראַנטן מיט איינמאָל. מיט דעם טרויעריקן גורל פון די לעצטע האָבן זיך אויך פאַראינטערעסירט ניט־יידן, וואָס האָבן דער יידישער קהילה געפּרואווט העלפן. די „פרי פּרעס" יענע טעג איז פול מיט אַסך וואַרעם געשריבענע שורות וועגן די אָנגעקומענע אימיגראַנטן. אָבער מיט סימפּאַטיע אַליין האָט מען דאָ ווינציק געקאָנט אויפטאָן און זיי האָבן די ערשטע צייט זייער שווער געליטן.

זייער בילדלעך האָט איינער איבערגעגעבן, ווי די ערשטע רוסיש־יידישע פּליטים דאָרטן האָבן זיך געפילט. מען האָט זיי אָפּגעפירט אין אַ באַראַק וואָס האָט זיך געפונען אין דרומדיקן עק־שטאָט און האָט געדאַרפט דינען פאַר זייער דערווייליקער היים. דאָס איז געווען אַ לאַנגע און שמאָלע הילצערנע געביידע, וואָס די פעדעראַלע רעגירונג האָט פאַר דעם צוועק איבערגעגעבן. די אַטמאָספער האָט ריכטיק האַרמאָנירט מיט די צעבראָכענע געמיטער פון די אָנגעקומענע יידישע וואָגלערס. די לופט אין דער דאָזיקער נייער היים זייערער איז באַלד געוואָרן פול מיט שווערע זיפצן, און די נייע, ניט געהובלטע ברעטער פונם דיל אין דער לאַנגער, שמאָלער געביידע האָבן יענעם מאָמענט אין זיך איינגעזאַפּט ניט ווייניק יידישע טרערן. 8)

אין וויניפּעג האָט צו יענער צייט געהערשט אַ גרויסער יקרות. אַ מאָס קאַרטאָפלעס האָט געקאָסט אַזוי פיל ווי 5 דאָלאַר, און ווען די אויסגעמאַטערטע און הונגעריקע אימיגראַנטן האָבן זיך אַנידערגעזעצט געניסן זייער ערשטן מאָלצייט אין קאַנאַדע, האָט מען זיי אויסגעטיילט צו האַלבע קאַרטאָפל פאַר אַ מענטשן. איינער פון די אַלטע וויניפּעגער תושבים, וואָס האָט זיך געפונען אין יענער ערשטע פּאַרטיע אימיגראַנטן, האָט וועגן דער דאָזיקער „סעודת מלך" אַמאָל דערציילט:

„מיר האָבן זיך שוין געהאַט אַרומגעוואַלגערט אַרום אַ יאָר און זיך גענוג אָנגעליטן, גענוג צרות אויסגעשטאַנען. אַלץ האָט זיך מיר ביז היינט

8) א. אסאָווסקי, אין „קאַנאַדער ייד", מאַי 16טן 1912.

פארגעסן. אָבער יענע ערשטע צייט אין וויניפעג וועל איך קיינמאָל ניט פאר־געסן. גאנץ אָפט, בעת איך זיץ ביי מיין טיש וואו עס פעלט ב"ה ניט קיין זאך, דערמאָן איך זיך אין יענעם מאָלצייט. און מיר דוכט אז איך זע נאָך די הונגעריקע, אויסגעמאטערטע געזיכטער וואָס קוקן אויפן עסן וואָס לעבן זיי". 9)

מען קאָן דערפון זיך לייכט מאכן א באגריף, ווי טרויעריק עס איז געווען דער מצב פון אָט יענע פליטים, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען מענטשן מיט אינטעליגענץ און בילדונג, וואָס זיינען אהער געקומען פול מיט בטחון. זייער פארצווייפלונג, בעת זיי האָבן דערזען פאר זיך א קאלטעווירקלעכקייט, אָן האָפענונג אפילו צו קאָנען פארדינען זייער ברויט, איז געווען אומבאשרייבלעך. אסך פון זיי האָבן מוראדיק געליטן, האָבן געהאַקט שטיינער, האָבן געגראָבן בערג, האָבן געארבעט ביי באנוועגן, כדי בלויז צו קאָנען שטילן זייער הונגער.

ניט ווייניק דעריבער האָבן אי זיי אי די יידן פון וויניפעג געדארפט דורכ־מאַכן, ביז מען האָט זיי געקאָנט ווי ניט איז איינאָרדענען. איין גרופע נאָך א צווייטער איז אָנגעקומען, און דאָס האָט בלויז פארערגערט די לאגע אין וועלכער זיי האָבן זיך געפונען. די קליינע יידישע קהילה איז צוליב דעם געווען ממש פארצווייפלט. עס איז געווען א צייט, ווען מען האָט זיך אפילו געווענדט צום שטאָט־ראט נאָך שטיצע, אָבער ער האָט די בקשה צוריקגעוויזן. פון די צוויי צייטונגען וואָס זיינען דערשינען אין וויניפעג, האָט איינע, די „טיימס", ביטער אטאקירט די יידישע אימיגראנטן, באַציי־כענענדיק זיי פאר טויגעניכטסן און פוילענצערס און אפילו פארלאנגט אז מען זאָל זיי צוריקשיקן. איינגעשטעלט זיך פאר זיי האָט בלויז די „פרי פרעס", וואָס האָט אָנגעוויזן, אז דער אָנפאל פון דער „טיימס" אויף די יידישע פליטים איז געווען אומבארעכטיקט און מאָטיווירט בלויז פון פשו־טער שנאה צו זיי. 10)

9) דער זעלביקער, דאָרטן.

10) H. E. WILDER, The Israelite Press, Souvenir Edition (1932), p. 21.

## קאפיטל אכצן

# א אינטערעסאנטער קאָלאָניסטישער פלאן

פאר דער קליינער יידישער קאָלאָניע אין וויניפעג איז דאָס געווען די ערגסטע צייט וואָס זי האָט געקאָנט דורכמאכן. זי האָט פאר זיך געזען מענטשן הילפלאָזע, צעבראָכענע, ליידנדיקע, וועמען זי האָט ניט געקאָנט העלפן, און די דאָזיקע ליידנדיקע זיינען געווען איר אייגן פלייש און בלוט. זי האָט מיט די דאָזיקע ליידנדיקע געליטן צוזאמען.

זי האָט זיי געוואָלט אויסשטרעקן א האנט פון הילף, אָבער איז דאָס ניט געווען בכוח צו טאָן. ווי ווייט זי האָט געקאָנט, האָט זי מיט זיי זיך געטיילט ממש מיט דעם לעצטן ביסן. דאָס איז אָבער געווען ווייט ניט גענוג אויף צו פארגרינגערן די נויט זייערע, אין דער צייט וואָס קיין שטיצע פון ערגעץ אנדערש איז ניט געקומען. ערגער פון אלץ איז געווען וואָס די ארי־בערגעקומענע האָבן שווער זיך געקאָנט צופאסן צו די באדינגונגען אין דעם פאר זיי נייעם, פרעמדן לאנד.

א קלאָר און לעבעדיק בילד פון דער לאגע פון די דאָזיקע אימיגראנטן באקומען מיר פון א מערקווערדיקן באריכט וואָס איינער פון זיי האָט פאר־עפנטלעכט אין „המליץ״, און וואָס עס וועט זיין אינטערעסאנט דאָ איבערצו־געבן. די שפראך איז אביסל מליצהדיק, אָבער די ווערטער זיינען געשריבן מיט ביטערקייט און גאל. דער שרייבער דערציילט אז ער איז פון דער ערש־טער פארטיע אימיגראנטן, וואָס דער לאָנדאָנער קאָמיטעט האָט ארויסגע־שיקט און וואָס איז אָנגעקומען קיין וויניפעג, „א קליין שטעטל פון בערך זיבן טויזנט נפשות, וואָס איז ערשט ניט לאנג געוואָרן אויסגעבויט און באַ־זעצט״.

„ניטאָ דאָ נאָך קיין פאבריקן און ארבעט־פלעצער״, שרייבט ער, „דע־ריבער איז ניט לייכט אפילו פאר א בעל־מלאכה צו געפינען דאָ וואָס צו טאָן כדי זיך צו דערנערן, אפשיטא שוין פאר די וואָס האָבן אין זייער לעבן ניט געארבעט. די דאָזיקע קומט אויס פשוט צו שטארבן פון הונגער צוזאמען מיט זייערע פאמיליעס.

„איך ווייס ניט אין וואָס איך זאָל טונקען מיין פעדער, צי אין דעם טינ־

טער וואָס שטייט פאר מיר, אָדער אין דעם שטראָם טרערן וואָס גיסט זיך פון די אויגן פון די אומגליקלעכע מענטשן וואָס זיינען געקומען אהער צוזאַמען מיט מיר, — כדי צו שילדערן די טרויעריקע לאגע זייערע. מען הערט נאָר וויינען און קלאָגן אויף די יונגע יאָרן וואָס מען דארף פארברייינגען אין צרות און אין פיין אין אזא וויסטן מדבר ווי וויניפעג. דאָס זיפצן און קרעכצן שניידט ווי מיט מעסערס. זעט — הערט מען זיך באקלאָגן — ווי די מענטשן, די גוטע מענטשן דאָרטן, האָבן עס אונדז אָפּגענאַרט. געוויזן זיך האָבן זיי ווי זיי וואָלטן געוועזן אויסן בלויז אונדזער טובה, און צום סוף האָבן זיי אונדז פארשיקט אין א וויסטעניש, כדי אז מיר זאָלן זיך פארקויפן פאר קנעכט און פאר באדינערס. זיי דאָרטן וועלן זיך בויען פאלאצן, בעת מיר דאָ וועלן דארפן קנעטן ליים און ציגל צו פארדינען אויף ברויט און צו האָבן וואו דעם קאָפּ אָנשפארן. פארוואָס האָבן זיי אונדז אזוי מיאוס אָפּגענאַרט? — „פאָרט קיין וויניפעג, האָבן זיי אונדז געעצהט, וועט דער קאָמיטעט געבן יעדן פון אייך א שטיק פרוכטבאר לאנד, וועט פאר אייך בויען הייזער און אייך באַזאָרגן מיט אלע מכשירים וואָס א פארמער דארף האָבן. איר וועט זיין די גליקלעכסטע". און אז מיר זיינען אהער געקומען, האָבן מיר ניט געזען אפילו קיין איינציקן מענטשן פונם קאָמיטעט. מיר האָבן ארומגעבלאָנקעט איבער אלע וועגן ווי שעפסן אָן א פאסטוך, כדי צו געפינען א פלאץ וואו אָפּצורוען די צעבראָכענע, מידע גלידער".

דאָ שילדערט דער שרייבער באריכות אלע זייערע איבערלעבונגען דורך דער לאנגער, אויסמאטערנדיקער נסיעה, ווי זייער שיף האָט זיך געהאט אָנגעשלאָגן אָן א גרויסן אייזבארג, און אז נאָר על פי נס זיינען זיי ניט דערטרונקען געוואָרן. ער זעצט נאָכדעם פאָר:

„דאָס אומגליק האָט אונדז באגעגנט תיכף די ערשטע נאכט וואָס מיר זיינען אהער אָנגעקומען. א גאנצן טאָג האָבן מיר ניט געגעסן און ניט געטרונקען, ווייל מיר האָבן ניט געהאט קיין פרוטה מיט וואָס עפּעס צו קויפן. הונגעריקע און דאָרשטיקע זיינען מיר געלעגן אויף דער ערד אין אימיגראנטישן באראק, און די אייניקלעך פון פרעהס דריטער מכה האָבן געזויגן אונדזער בלוט. אזוי האָבן מיר זיך אָפּגעמוטשעט א גאנצע נאכט. אזוי גיך ווי עס איז נאָר געוואָרן טאָג, זיינען מיר געלאָפן ארבעטן כדי צו פארדינען אויף א שטיקל ברויט פאר אונדזערע הונגעריקע פאמיליעס. אונדזערע פיס האָבן זיך נאָך ניט געהאט גוט אויסגערוט פונם לאנגען, שווערן וועג. זיי האָבן נאָך ניט געקאָנט אויפהאלטן אונדזערע קערפּערס, און מיר האָבן שוין געדארפט שלעפן שווער אָנגעלאָדענע זעק ווייץ פון שיף ביז צום ברעג . . . פון דער היים זיינען מיר קיינער ניט געוועזן געוואוינט צו אזאן עבודת פרך.

„מיר זײַנען דאָ צוזאַמען אַ מאַן זעכציק, אַלע בני תורה און משכילים. אַלע קאָנען אויסגעצייכנט העברעאיש און אַסך פֿון אונדז קאָנען אויך אַנ־דערע אייראָפּיאישע שפּראַכן. מיר האָבן געוואָלט קומען אַהער, כּדי צו פֿאַרדינען ערלעך דאָס שטיקל ברויט אין אַ לאַנד, וואו מיר זאָלן צוליב אונדזער גלויבן און אויסזען ניט זײַן צו שאַנד און צו שפּאָט אין די אויגן פֿון אונדזערע קריסטלעכע שכנים. מען האָט אונדז אָבער פֿאַרשיקט אין אַ מדבר. אפילו אַזאַ שווערע אַרבעט ווי גראָבן ערד, האַקן וועלדער און טראָגן שטיינער, איז אויך ניט בנמצא און דאָס דורכלעבן קאָסט דאָ זייער טייער.

„עס איז דאָ ניטאָ אפילו קיין שאָטן פֿון אַ קאָמיטעט, וואָס זאָל דעם עלנטן אימיגראַנט קומען צו הילף די ערשטע צייט וואָס ער קומט אַהער . . . מיר ווען דאָ אַלע אויסגיין פֿון הונגער און פֿון קעלט — וואָס גרייכט ווינ־טער־צייט ביז 40 גראַד. וואָס נאָך ערגער, איז וואָס דאָ זײַנען פֿאַראַן ווייניק געבויטע הײַזער. עס זײַנען דאָ בלויז לייוונטענע פּאַלאַטקעס, אין וועלכע אויך מיר וואוינען, מחמת בלויז די זייער רײַכע קאָנען זיך פֿאַרגינען צו דינגען אָדער אַליין אויפֿבויען אַ הויז . . . מען האָט טויזנטער (?) יידישע נפֿשות פֿאַרנאַנדערגעשיקט אין ווייסטע פּלעצער און אומדערטרעגלעכע קלימאַטן, וואו זיי זײַנען געצוואונגען צו טאָן קאַטאָרזשנע אַרבעט אפילו שבת און יום טוב, כּדי צו פֿאַרדינען בלויז אויף אַ שטיקל טרוקן ברויט. (און ווען מען צור־שיקט זיי אין די ווייטסטע, פֿאַרוואָרפֿנסטע געגנטן צו בויען אַ באַן־ליניע, מוזן זיי נאָך אויך עסן נבֿלה און טרפֿה כּדי אַז זיי זאָלן האָבן כּוח צו טראָגן אויף די פּלייצעס די שווערע משׂאות, אָדער גראָבן בערג, רייניקן וועלדער וכדומה).

„עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אונטער אַזעלכע באַדינגונגען ליגט קיינעם ניט אין קאָפּ אָפּצוגעבן זיך מיט גייסטיקע ענינים ווי לייענען אַ צייטונג אָדער אַ בוך, ווי מען איז עס געווען געוואוינט אינדערהיים. ניטאָ אפילו קיין צייט צו אָפּדאַוונען ווי געהעריק. מען קומט אַהיים בײַנאַכט, פֿאַלט מען שלאָפֿן מידע אויף די געלעגערס אפילו ניט געגעסענערהייט, כּדי אויסצורוען די צעבראָכענע גלידער . . . מיר ווען דאָ אַלע אויסשטאַרבן און אפילו ניט קו־מען צו קבֿר ישׂראל. אָט איז דאָ היינט געשטאָרבן אַן אימיגראַנטן־קינד, און ניטאָ קיין פּלאַץ וואו עס מקבר צו זײַן.

„נאָר איין זאַך איז אונדז פֿאַרבליבן. דאָס איז אויסצוגיסן אונדזערע ביטערע הערצער פֿאַר דיר, געשעצטער רעדאַקטאָר, כּדי אַז אונדזערע ברי־דער אין די גלות־לענדער זאָלן דערהערן אונדזער ווײ־געשריי. אפֿשר וועלן זיי אונדז קומען צו הילף און אונדז אַרויסראַטעווען, מחמת פֿון אונדזערע

אייגענע פארדינסטן וועלן מיר אפילו אין צוויי יאָר ארום ניט האָבן אָנגע־
קליבן אויף הוצאות צו קאָנען פאָרן צוריק אהיים". 6)

ווי מען קאָן עס לייכט זען, האָט דער שרייבער אין געוויסע פּרטים שטארק איבערטריבן. ער רעדט מיט דער גרעסטער פארצווייפלונג און מאָלט אלץ אין די שווארצסטע פארבן. אין א לפי ערך קורצער צייט האָבן די יידי־שע אימיגראנטן אין מערב־קאנאדע גראָד געקאָנט פארבעסערן זייער מצב, און דוקא דורך אייגענער שווערער הארעוואניע. זיי האָבן זיך אפילו דער־שלאָגן צו א געוויסער מאָס דערפאָלג און האָבן זיך דערפילט צוגעבונדענע צום נייעם לאנד.

אפילו דער זעלביקער שרייבער אליין האָט געפונען פאר נויטיק צו פאָריכטן דעם איינדרוק פון זיין ערשטן באריכט. אין א צווייטן בריוו זיינעם פון וויניפּעג (אונטער דער דאטע פון 17טן סעפּטעמבער 1882), וואָס ער האָט א פּאָר חדשים שפּעטער אָפּגעדרוקט אין „המליץ", דריקט ער אויס צופרידנ־קייט מיט דעם ווי די אימיגראנטן האָבן זיך איינגעאָרדנט. זיינע ווערטער אגב באַקענען אונדז אויך מיט דער גאנצער לעבנס־סביבה פון די יידישע פּיאָ־נערן אין מערב־קאנאדע צו יענער צייט.

„איך ווייס", שרייבט ער, „אז מיט מיין ערשטן בריוו האָב איך אסך פון אונדז פארשאפט גרויס עגמת נפש. אפשר האָב איך אביסל איבערגעכאַפּט די מאָס, צוליב דעם וואָס די ערשטע פּאָר חדשים איז אונדזער לאגע געווען שרעקלעך צום איבערטראָגן. אונדזער מצב היינט האָט דאנקען גאָט זיך פארבעסערט. מיר האָבן ביסלעכווייז זיך צוגעוואוינט צו שווערער ארבעט, צי דאָס איז ביים בויען נייע באנוועגן, טראָגן צעמענט אָדער קאלך־שטיינער ביים אויפשטעלן בנינים, אָדער לייגן אָפּצוג־רערן אין די גאסן פון וויניפּעג וכדומה. מיר קריגן פון 2.50 ביז 3.00 דאָלאר א טאָג און מיר האָבן נושא חן געווען ביי אונדזערע ארבעט־געבערס. די ניו יאָרקער און וויניפּעגער צייטונגען קאָנען זיך גאָר ניט אָפּלויבן פון די יידישע אימיגראנטן וואָס זיי־נען געקומען קיין קאנאדע. זיי האָבן ניט אזא מיינונג וועגן די וואָס האָבן אויסגעוואנדערט אין די פאראייניקטע שטאטן. די ערשטע זיינען צופרידן צו טאָן אלץ כדי מיט די אייגענע הענט פארדינען זייער שטיקל ברויט. זיי ווילן זיך ניט פארלאָזן אויף דער גוטהארציקייט פון פרעמדע. די אנדערע אָבער זיצן עד היום אין ניו יאָרקער אימיגראנטן־הויז אָנגעלייגטע אויפן קאָמיטעט, ווארטן מען זאָל זיי געבן עסן און פוילן זיך צו ארבעטן.

„אפילו די אידעלע און וואויל־דערצויגענע צווישן אונדז האָבן דאָ אין דעם נייעם לאנד תיכף אויסגעטאָן די געפּרעסטע העמדער און גלאנציקע

---

1) „המליץ"", נומער 29, 1882.

שיך און זיך גענומען צו דער ארבעט. פון אנדערע שטעט, ווי סט. פּאָול, שי־קאגאָ אאז״וו, באקלאָגט מען זיך, אז פאר דעם שווערסטן טאָג פראַצע קריגט מען דאָרט ניט מער ווי אַנדערטהאלבן דאָלאר. דאָס הייסט אז עקאָנאָמיש זיי־נען מיר אין א פיל בעסערער לאגע ווי אונדזערע ברידער וואָס זיינען אריינ־געקומען אין די שטאָטן. דאָס הארץ טוט בלויז וויי אויף דעם גייסטיקן מצב אונדזערן, וואָס ווערט ערגער פון טאָג צו טאָג. אונדזערע קינדער דרייען זיך אום פוסט־און פאס אין די גאסן און מאכן אונדז צו שאנד אין די אויגן פון אונדזערע שכנים. קיינער טראכט ניט וועגן עפּעס א שול פון זייערטוועגן אָדער אַנצושטעלן לערער, כדי לפחות זיי געבן א רעליגיעזע דערציאונג״ . . .

דער שרייבער באקלאָגט זיך אויף די עלטערע יידישע תושבים פון ווי־ניפּעג, וואָס קימערן זיך וויניק וועגן יידישער דערציאונג. דאָס אינטערע־סאנטסטע איז אָבער וואָס ער דערציילט ווי די יידישע פּיאָנערן האָבן זיך איינגעאָרדנט:

״ . . . ראש השנה האָבן מיר געפּייערט אין געצעלטן לעבן אן אייזנבאן־סטאנציע ארום 40 מייל פון וויניפּעג. יעדער פון אונדז האָט מנדב געווען די סומע פון 3 דאָלאר, און אזוי האָבן מיר צוזאַמען געשאפן א הונדערט דאָלאר. מיר האָבן עס אוועקגעשיקט קיין ניו יאָרק און פון דאָרט אויסגעשריבן א ספר תורה און א שופר. מיר האָבן אלע אוועקגעלייגט אונדזער ארבעט, האָבן זיך צונויפגעקליבן אין א גרויס געצעלט און הארציק געדאווענט, אויסגיסנ־דיק אונדזערע הערצער פאר גאָט אין דעם יום הדין. די קריסטלעכע איינ־וואוינער האָבן עס נאָך קיינמאָל ניט געזען אָדער געהערט, זיינען זיי דערפּר־בער געשטאנען אינדרויסן און אונדז באוואונדערט: ,,וויט פון א שטאָט און פון מענטשן, און דאָך געדיינקען זיי דעם גאָט פון זייערע עלטערן״. 7)

געזעלשאפטלעך און אין נאָך אנדערע הינזיכטן האָבן די איינוואנדערער זיך באלד ארויסגעוויזן צו זיין א באדייטנדיקער געווינס פאר די יידן פון וויניפּעג. די ערשטע צייט, ווי מען קאָן עס דרינגען פון דער באשרייבונג אין ,,המליץ״, האָבן די עלטערע יידישע איינוואוינער דאָרטן זיך אפילו באצויגן אביסל קאלטלעך צו זיי, — אָדער אפשר האָט דאָס זיי זיך בלויז אזוי גע־דוכט. דער נייער עלעמענט האָט אָבער ביסלעכוויז גענומען אלץ שטארקער משפּיע זיין אויף דער סביבה. פון א קליין הייפל יידן איז אין א קורצער צייט אויסגעוואקסן א גאנצע קהילה. זי איז, אמת, נאָך ניט געווען באזונ־דערס גרויס אין צאָל, אָבער איז דערפאר שוין געווען אויסגעריכט מיט אלץ אין וואָס א יידישער קיבוץ נויטיקט זיך. מען האָט אפטער געקאָנט האָבן א ,,מנין״ צווישן זיך, מען האָט אַנגאַזשירט איינעם פאר שוחט און חזן, און נאָך

7) ,,המליץ״, נומער 43, 1882.

סוף 1882 האָבן די וויניפעגער יידן שוין געהאַט זייער ערשטע שטענדיקע שול, די „בני ישראל״. עטלעכע חדשים שפּעטער האָבן זיי אויך געגרינדעט זייער ערשטע ברידערלעכע אָרגאַניזאַציע, „עזרת אחים״. פּאָליטיש איז דער איינפלוס פון די יידן אין וויניפּעג אַסך יאָרן געווען פון קנאַפּער באַדייטונג. אָבער נאָך אין 1883 האָט מען דאָרט באַשטימט לואי וויינבערג פאַר פּרידנס־ריכטער — דער ערשטער ייד אין מאַניטאָבע, וועמען מען האָט דערהייבן צו דער מאַגיסטראַטור.

אין דער צייט וואָס די אַנטלאָפענע פון פּאָגראָמען האָבן אין דעם ווייטן קאַנאַדער מערב געדאַרפט פירן א האַרטן, שווערן קאַמף כדי דורכצושלאָגן זיך א וועג, האָבן נאָך גרופעס ניט אויפגעהערט צו אָנקומען. מאָנטרעאָל איז געווען זייער דורכפאָר־פּלאַץ און דאָס אָרט אויך וואו מען האָט זיי געדאַרפט באַזאָרגן מיט שטיצע. פאַר דער אָרטיקער יידישער געמיינדע איז דאָס דע־ריבער געוואָרן א פּראָבלעם פול מיט די גרעסטע שוועריקייטן. די פאָנדן פון דעם יידישן צדקה־פאַראיין זיינען געווען כמעט ווי אויסגעליידיקט, בעת די צאָל פון די וואָס האָבן זיך געניטיקט אין הילף איז כסדר געוואַקסן.

מען האָט דערפאַר באַשלאָסן אויפצונעמען די אָנגעלעגנהייט מיט דעם קאַנאַדער היי־קאָמישאָנער אין לאָנדאָן. מען האָט אים דערקלערט די שווע־רע לאַגע אין וועלכער די יידן פון מאָנטרעאָל זיינען אוועקגעשטעלט גע־וואָרן, און אויך געבעטן אַז דער לאָנדאָנער קאָמיטעט זאָל קומען צו הילף. מען האָט געשריבן צום קאָמיטעט גופא, וועלכער האָט מיט דעם גורל פון די אימיגראַנטן אויף דער זייט ים לכתחילה זיך וויניק וואָס געקימערט. דער ענטפער איז אָבער ניט אַזוי גיך געקומען, און עס האָט אויסגעזען ווי מען איז אין לאָנדאָן געווען צופרידן איבערצולאָזן די אימיגראַנטן אויף גאָטס באַראָט. בעת די פראַגע איז אויפגענומען געוואָרן אויף אַן אסיפה פון דעם מאָנטרעאָלער יידישן צדקה־פאַראיין, האָט איינער א מאָזעס וויינבערג גע־מאַכט א זייער „געשעפטמעסיקן״ פאָרשלאָג. דאָס איז געווען, אַז — „אויב מען דערהאַלט ניט קיין געלט פון ענגלאַנד אין משך פון צוויי וואָכן, זאָל מען די אימיגראַנטן — שיקן צוריק״.

אָט אַזוי האָט אויסגעזען די „פילאַנטראָפּיע״ פון געוויסע צדקה־טוערס אין יענער צייט. דאָס איז געווען א סאָרט פילאַנטראָפּיע וואָס איז געווען האַרט, קאַלט און שטרייננג, און וואָס האָט זיך גאַנץ וויניק גערעכנט מיט דעם מענטשן אין יענע ליידנדיקע באַשעפענישן, וואָס זיינען אויף איר הילף גע־ווען אָנגעוויזן. טייל פון אַזעלכע צדקה־טוערס האָבן געהאַט פאַרגעסן, אַז מיט יאָרן צוריק זיינען זיי אויך געווען אימיגראַנטן, און אַז אייניקע פון זיי האָבן אפילו געדאַרפט אָנקומען צו פרעמדער שטיצע.

צום גליק אָבער האָט מען אין לאָנדאָן באַגריפן די ערנסטקייט פון דער לאַגע און דער „מענשאָן הויז" קאָמיטעט האָט צוגעשיקט קיין מאָנטרעאָל די סומע פון פינף הונדערט פונט. דאָס איז געווען גענוג, אז מען זאָל קאָנען אָנ־גיין מיט דער ווייטערדיקער ארבעט ביים באַזאָרגן די פליטים וואָס האָבן זיך געפונען אין שטאָט. פון דער „יאָנג מענס היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי" האָט מען דערמיט ארונטערגענומען א גרויסע לאַסט.

עס איז געוויס געווען נאַטירלעך, אז א באַדייטנדיקע צאָל פון די אימיג־ראַנטן וואָס זיינען אין 1882 און 1883 אריינגעקומען אין קאַנאַדע, זאָלן דאָן האָבן פארבליבן אין מאָנטרעאָל. דעם רוב פון זיי האָט מען אָבער פארנאָנ־דערגעשיקט איבער פארשיידענע טיילן לאַנד, באַזונדערס מערב־צו, וואו זיי זיינען געוואָרן די פּאָרגייערס פון נייע יידישע ישובים. עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אז זיי זיינען פאקטיש געווען די וואָס קאָנען מיט רעכט באַ־צייכנט ווערן פאַר די בויערס פון קאַנאַדער יידנטום. דאָס איז געווען די איינ־וואַנדערונג פון אָט יענעם פּעריאָד, און פון די שפּעטערדיקע פּאַר יאָר, וואָס האָט מיט זיך מיטגעבראַכט די קערנדלעך פון די אלע פאָרמען, אין וועלכע דאָס לעבן פון קאַנאַדער יידן האָט זיך שפּעטער אויסגעדריקט. די וואָס זיינען אריבערגעקומען אהער, געיאָגטע פון די צאַרישע רדיפות אָדער פון דער אַנ־טיסעמיטישער רעאַקציע וואָס האָט אין איראָפּע געבושעוועט, האָבן זיך צעשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. זיי האָבן אריינגעדרונגען אין די ווייטסטע און שיטער־באַפעלקערטסטע געגנטן, וואו עס איז נאָך ניט געווען קיין אינ־דוסטריע, קיין פאַרקער, און וואו מען האָט קוים געקאָנט געפינען א יידן. און אין אָט די דאָזיקע ערטער האָבן זיי גענומען בויען זייער היים און צום נייעם לאַנד זיך צובינדן.

עס איז וויכטיק אין שייכות דערמיט דאָ אָנצווייזן אויף דעם וואָס די איי־גענע דערשיינונג וואָס האָט געגאָלטן פארן גאַנצן לאַנד, וואָס אין זיין אַנט־וויקלונג האָט דער אויפשוואונג פונם מערב געשפּילט אזא ראָל, האָט אויך געגאָלטן פאַר יידן. די יידישע אימיגראַציע וואָס איז לכתחילה געווען גע־ווענדט צו די פּריירי־פּראָווינצן, האָט זיך ארויסגעוויזן צו זיין א געזונטער פאַקטאָר אין דעם אויפבוי פון קאַנאַדער יידישן לעבן. פאָרגעקומען איז דאָס ניט מיטאַמאָל נאָר בהדרגה, ביז עס זיינען געלייגט געוואָרן טיפע וואָרצלען. אין עקאָנאָמישן ווי אין סאָציאַלן זינען האָט מערב־קאַנאַדע אויפגעטאָן פאַר די היגע יידן דאָס וואָס זי האָט אויפגעטאָן פארן גאַנצן לאַנד, וואָס באַטראַכט היינט די פּריירי־פּראָווינצן פאַר זיין גרויסן תבואה־שפּייכלער. דאָס איז אויך געווען דאָ, וואו עס איז אין דעם דאָזיקן נייעם לאַנד געמאַכט געוואָרן דער ערשטער אָנהייב מיט יידישער לאַנדווירטשאַפט.

דער ערשטער אָנהייב איז אָבער ניט געווען קיין זייער געלונגענער, און אודאי ניט אזא וואָס האָט געקאָנט זיין א דערמוטיקונג פאר די וואָס האָבן געוואָלט מיט אים מאכן אן עקספּערימענט. מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט אז דאָס איז געווען דער עיקר דורך דעם באמיען זיך פון דעם קאנאדער היי־קאָמישאָנער אין לאָנדאָן, וואָס מען האָט אין די צפון־מערב טעריטאָריעס געקראָגן א שטיק לאנד פאר יידישער קאָלאָניזאציע. דאָרט האָט געזאָלט גע־שאפן ווערן א יידישער אגריקולטורעלער ישוב, וואָס מען האָט סימבאָליש א נאָמען געגעבן „ניי־ירושלים״. דאָס אָרט האָט זיך געפונען בערך א פינף און צוואנציק מייל פון מוסאָמין.

דער ציל וואָס מען האָט דאָ געהאט אינזינען איז געווים געווען א גוטער. אָבער פון דעם פלאן האָט זיך קיין סך ניט אויסגעלאָזט. טיילווייז איז אין דעם געווען שולדיג דאָס וואָס מען האָט די אונטערנעמונג דורכגעפירט אָן א שום סדר און זוייט ניט מיט אן אויסגעפלאנטן צוגאנג צו איר. פיל מער אָבער האָט דאָ געהאט צו זאָגן דער פאקט וואָס מען האָט געוואָלט מאכן ערד־אר־בעטער פון מענטשן, וואָס זיינען לאנג געווען צוגעפּגעדריקטע צווישן די געטאָ־ווענט פון א „תחום המושב״, אָפּגעריסענע פון דער נאטור און באַ־רויבטע פון יעדער מעגלעכקייט צו לעבן ווי דאָרפמענטשן. זיי האָבן צו דעם בשום אופן זיך ניט געקאָנט צופּאסן, בפרט נאָך אין א סביבה וואָס איז זיי געווען פרעמד, פאַרוואָרפענע דאָ וואו דער פוס פון א ווייסן מענטשן האָט ביז זיי ווינציק וואָס געהאט געטראָטן, וואו דער זומער איז קורץ און דער ווינ־טער איז שטרייננ און אומדערטרעגלעך לאנג.

די דאָזיקע ערשטע יידישע קאָלאָניסטן אין מערב־קאנאדע זיינען דאָס רוב באשטאנען פון די ערשטע אריבערגעקומענע אימיגראנטן, וועמען מען האָט עס געוואָלט מאכן פאר פארמערס. זיי האָבן א צייט געאַרבעט ביים בויען די „קאנאדיען פּאסיפיק״ באן. קיין שום פיזישע מי איז פאר זיי ניט געווען צו שווער, כדי אין דעם נייעם לאנד צו פארדינען זייער ברויט. שפּע־טער האָבן זיי זיך באנוצט מיט דער געלעגנהייט צו באזעצן זיך אויף „האָומ־סטעדס״ און צו פּרוּאוון זייער מזל נעמענדיק פירן א ניי סאָרט לעבן. לויט די נעמען פון די ערשטע 26 יידישע „האָומסטעדערס״, האָבן זיי כמעט אלע געהערט צו דער ערשטער גרופּע אימיגראנטן וואָס איז געווען אָנגעקומען קיין וויניפּעג.

לאנג אָבער האָבן די יידישע פּארמערס ניט געקאָנט פארבלייבן אויף זייערע ערטער. עס האָט געפעלט יענע קערפּערשאפט וואָס זאָל מיט זיי זיך אינטערעסירן, וואָס זאָל זיי העלפן אין די פאלן, וואו זיי האָבן זיך אַזוי שטאַרק גענייטיקט אין געהעריקע אָנווייזן, אין הילף. זיי האָבן דעריבער

ביסלעכווייז פאַרלאָזט דעם דאָרף און פון דאָרט זיך איבערגעצויגן אַנדערש־וואו. אין משך פון אַ פּאָר יאָר איז פון די יידישע פאַרמס גאָרנישט געבליבן. עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז הגם דער מוסאָמין־דיסטריקט, וואו עס האָט זיך געהאַט געפונען די קאָלאָניע „ניי־ירושלים", האָט אין די אַכציקער יאָרן געהאַט ביי זיך איבער אַ הונדערט יידישע נפשות, האָט דאָך אין 1901 — על פּי דעם צענזוס יענעם יאָר — דאָרט זיך געפונען בלויז איין ייד.

אַ טייל פון די רוסיש־יידישע קאָלאָניסטן אין מערב קאַנאַדע האָט זיך אוועקגעלאָזט אין די עלטערע פּראָווינצן. אַנדערע האָבן איבערגעוואַנדערט אין די שטאַטן, אָבער דער רוב האָט זיך באַזעצט אין וויניפּעג מיט דער כוונה דאָרט צו פאַרבלייבן. דאָס זיינען געווען מענטשן וואָס האָבן מיט די הענט געריייניקט וועלדער, געהאַקט שטיינער, געגראָבן ערד אָדער געאַרבעט אין פעלד, — מענטשן וואָס זיינען ווי אמתע פּיאָנערן געוואָרן פאַרהאַרטעוועטע פונם לעבן, און האָבן צום לעבן ביסלעכווייז זיך אויך צוגעוואוינט.

פונקט אָבער ווי דאָס איז אין אַנהויב געווען דער פאַל מיט די יידן פון מאָנטרעאָל און טאָראָנטאָ, אַזוי איז דאָס מיט זיי אויך צוגעגאַנגען אין וויניפּעג. דאָס אינערלעכע לעבן פון דער יונגער קאָלאָניע אין דער דאָזיקער שטאָט איז אַ צייט געווען שטאַרק באַגרענעצט אין פאַרנעם. ניט מיט איינמאָל דעריבער איז איר אָנגעקומען צו קאָנען זיך פאַרוואָרצלען און געהעריק זיך שטעלן אויף די פיס.

צו דער „בני ישראל" געמיינדע וואָס האָט זיך דאָרט געגרינדעט סוף 1882, איז דריי יאָר שפּעטער צוגעקומען נאָך איינע. דאָס איז געווען די חברה „בית אל" וואָס די נייערע איינוואַנדערער האָבן געגרינדעט. ביידע צוזאַמען האָבן צווישן זיך אויפגעהאַלטן אַ זונטיק־שול פאַר יידישע קינדער, וואָס פון דעם איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן אַ תלמוד תורה מיט אַ פולערן העברעאישן קורס. די ביידע געמיינדעס האָבן אין 1889 זיך פאַראייניקט אונטער דעם נאָמען „שערי צדק" און האָבן צוזאַמען אויסגעבויט אַ שול אויף קינג גאַס.

אין קאַנאַדע האָבן דערווייל זיך גענומען באַווייזן אַלץ נייע יידישע פּנימער. אויף דער אַנדער זייט ים איז דער יידישער וואַנדער־שטראָם ניט געוואָרן שוואַכער, נאָר האָט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט. די בייטש פון רדיפות און פון דער ביטערער עקאָנאָמישער נויט האָט דאָרט ניט אויפגעהערט צו טרייבן די יידישע מאַסן. זי האָט זיי געטריבן ניט בלויז פון רוסלאַנד, נאָר אויך פון רומעניע און גאַליציע, און די יידישע אימיגראַציע אין קאַנאַדע האָט צוליב דעם זיך פאַרגרעסערט. אויף וויניפּעג איז ווידער אויס־

געפאלן אויפצונעמען א צאל אימיגראנטן, וואס האבן איצט זיך שוין פיל גיכער צוגעפאסט צו די לאקאלע באדינגונגען. זיי זיינען פאר די יידן דארטן אויך געווען א באדייטנדיקער געווינס.

נאך איידער די אכציקער יארן האבן זיך געענדיקט, האבן די לעצטע שוין פארמאגט א פאר אונטערשטיצונג־פאראיינען און קלענערע קהלשע איינריכטונגען. דער יידישער עלעמענט אין וויניפעג האט זיך גענומען אנ־זען. אין משך פון עטלעכע יאר איז די דאזיקע מערב־שטאט געווארן דער יידישער צענטער פון די פריירי־פראווינצן, א צענטער וואס איז אפילו גע־ווען נאך יונג, אבער דערפאר דורך און דורך יידיש. עס איז דארט אויסגע־וואקסן די דריטע וויכטיקסטע יידישע קהילה אין לאנד.

אבער דער ישוב אין די עלטערע פראווינצן איז נאך אלץ געווען פאר־בליבן דער מיטלפונקט פון קאנאדער יידישן לעבן. און דער דאזיקער ישוב איז ניט געווען פריי פון קיין פראבלעמען און דאגות, וואס די אומשטאנדן וואס זיינען פאר אים אויסגעוואקסן האבן כסדר באשאפן. דער עיקר האט די פראגע פון באזארגן אנקומענדיקע אימיגראנטן שטארק באשעפטיקט די יידישע כלל־טוערס אין מאנטרעאל. דאס איז פאר זיי געווען אן ענין א שווערער, א פארשארפטער, וואס איז כמעט ניט ארונ־טער פון זייער סדר היום. די איינוואנדערונג האט ניט אויפגעהערט, און זי האט די היגע יידן כסדר צונויפגעבראכט מיט נייע באדינגונגען און אויף זיי ארויפגעלייגט אויך גרעסערע פאדערונגען.

די רדיפות אויף יידן אין רומעניע האבן אין 1884 געבראכט צו די ברע־געס פון קאנאדע א נייעם שטראם יידישע וואנדערערס. זיי זיינען געווען די ערשטע וואס זיינען פון יענעם לאנד אריבערגעקומען אהער. כאטש די יידי־שע צדקה־פאראיינען אין מאנטרעאל האבן שוין געהאט א געוויסע מאס דער־פארונג ווי צו באגעגענען אזא סיטואציע, האבן אבער זיי אויסגעפעלט די געהעריקע פינאנציעלע מיטלען פאר דעם. די לאגע האט פאר זיי זיך נאך מער פארערגערט דורך דעם זייער געדריקטן עקאנאמישן מצב דאן אין מאנט־רעאל, און מחמת דעם וואס פאר נייע אימיגראנטן איז געווארן שווער צו קאנען קריגן באשעפטיקונג. עס איז אויך געווארן אלץ גרעסער די בא־דערפעניש אין עפעס אן אנשטאלט, וואס זאל קאנען דינען פאר א צייטווייי־ליקן אפדאך פאר אריינקומענדיקע פליטים, ווי אויך פאר א היים פאר אלטע און שוואכע און פאר די וואס זיינען געווען אפהייגיק פון צדקה. אויף ווי ווייט די דאזיקע באדערפעניש איז פאר די יידן פון מאנטרעאל באמת געווארן זייער אנגעווייטיקט, קאנען מיר זען פון דעם וואס ראביי ס. מארקס, פון טעמפל „עמנואל", האט אין דער אנגעלעגנהייט באשלאסן צו האנדלען אויף

זיין אייגענער אחריות. ער האָט נעמלעך זיך געווענדט צו יידישע פירערס אין די פאראייניקטע שטאטן און זיי פאַרגעלייגט, אז די אמעריקאנער יידישע אינסטיטוציעס זאָלן אין אזעלכע פאלן העלפן די קאנאדער יידן טיילן די לאסט. דער באשלוס צו וועלכן די יידישע פילאנטראָפּישע טוערס אין מאָנט־רעאָל זיינען אָבער געקומען, איז געווען צו שאפן אליין אזאן אנשטאלט. מען האָט דאָס אָבער געקאָנט פארווירקלעכן ערשט יאָרן שפּעטער.

ביי דער צייט ביי וועלכער מיר האלטן, איז די יידישע אימיגראציע אין לאנד מער ניט געווען באגרענעצט בלויז אויף איינוואנדערער פון רוסלאנד אָדער רומעניע, הגם די לעצטע האָבן אויסגעפילט דעם גרעסטן טייל פון דער אָנגעקומענער צאָל. דאָס איז געווען אין 1885, ווען די יידישע צדקה־טוערס אין מאָנטרעאָל האָבן צום ערשטן אָנגעהויבן פירן א סטאטיסטיק פון די וואָס האָבן זיך צו זיי געווענדט נאָך שטיצע, פארשרייבנדיק די לעצטע לויט דעם לאנד פון זייער געבוירנשאפט. און פון דער דאָזיקער ערשטער סטאטיסטיק דערוויסן מיר זיך, אז יענעם יאָר זיינען אהער אריינגעקומען יידישע וואנדערערס פון מערערע לענדער. צווישן די וואָס האָבן זיך גע־ווענדט נאָך הילף, האָבן זיך געפונען אויך ענגלישע און אפילו אמעריקאנער יידן.

אסך פון דער פארטיילטער שטיצע איז געווען אויף באַן־בילעטן פאר דורכרייזנדיקע, וואָס האָבן פארלאנגט אז מען זאָל זיי פונדאנען שיקן ערגעץ אנדערש, וואו זיי האָבן געהאָפט צו קאָנען קריגן באשעפטיקונג. דער „ער־געץ אנדערש" איז אין די מערסטע פאלן געווען א פלאץ, וואו די דערוואר־טונג צו געפינען ארבעט איז געווען ניט פיל גרעסער ווי אין דער מעטראָ־פּאָליע אליין. דאָס האָט אָבער ווינציקסטנס אויף לפי שעה פארגרינגערט די לאגע, הגם דאָס פּראָבלעם גופא האָט פאר די יידן פון מאָנטרעאָל אָנגענומען אלץ א מער פארשארפטן כאראקטער.

אונטער אָט די אומשטאנדן איז ביי אייניקע געבוירן געוואָרן דער פלאן מכוח א ברייטער קאָלאָניסטישער אונטערנעמונג, — א פלאן וואָס זיי האָבן געוואָלט דורכפירן אויף א גאנץ גרויסן מאסשטאב. דער פּראָיעקט איז כמעט זיך צוזאמענגעפאלן מיט דעם גרינדן די ערשטע יידישע קאָלאָניע אין מערב־קאנאדע, ביי מוסאָמין, ווי דערציילט אין דעם פריערדיקן קאפּיטל. מען האָט דעמאָלט נאָך ניט געקאָנט וויסן מיט וואָס אָט יענער ערשטער פּרואוו צו־נויפצובריינגען יידן מיט דער נאטור אין דעם נייעם לאנד וועט זיך ענדיקן. דער גלויבן אז „אין דער סאָכע איז דאָ די מזל ברכה" האָט אויף אזוי ווייט באגייסטערט די וואָס האָבן זיך ארומגעטראָגן מיט דעם געדאנק צו מאכן פון די איינגעוואנדערטע שטאָטמענטשן אומאפּהיינגיקע ערד־ארבעטער, אז

זיי האָבן מיט ענטוזיאסטישן אימפעט זיך א נעם געטאָן דאָס פארווירקלעכן.

אחוץ אָט דעם ציל וואָס מען האָט געהאט אינזינען, האָט מען דעם גאנצן געדאנק אויך געוואָלט פארבינדן מיט א זייטיקער און באמת פיינער כוונה. דאָס איז געווען צו ערן דעם הונדערטסטן געבוירנטאָג פון דעם גרויסן יידישן כלל־טוער און פילאנטראָפּ, סיר משה מאָנטעפיאָרע (1885 — 1784). מען האָט עס באטראכט פאר באזונדערס פאסיק אויסצודריקן די אכטונג וואָס מען האָט צו אים אומעטום געפילט, דורך אן אגריקולטורעלער באוועגונג וואָס מען זאָל אויפהייבן צווישן דיברייטע יידישע מאסן. די דאָזיקע באוועגונג, וואָס אין די פאראייניקטע שטאטן איז מייקל היילפּרין דאן געווען איר צענטראלע פיגור, האָט געבוירן דעם „מאָנטעפיאָרע אגריקולטור הילף־פאראיין". הייל־פּרין איז געווען דער גרינדער פון דעם דאָזיקן פאראיין, און זיין אויפטו האָט מען נאָכגעטאָן אויך אין קאנאדע.

אזוי איז אין דער צווייטער העלפט 1884 געשאפן געוואָרן אין מאָנט־רעאָל דער „מאָנטעפיאָרע אגריקולטור הילף־פאראיין" מיט מארק סאמועל, פון טאָראָנטאָ, פאר פאָרזיצער און לואיס א. הארט, פון מאָנטרעאָל, פאר סעקרעטאר. ביידע האָבן אין קאנאדע זיך געשטעלט בראש פון דער נייער באוועגונג. דער געדאנק וואָס איז דערמיט געווען פארבונדן איז אויך אונ־טערגעשטיצט געוואָרן פון דעם „מאָנטעפיאָרע געזעלשאפטלעך־דראמאטישן קלוב" אין מאָנטרעאָל, וואָס זיינע מיטגלידער האָבן מיט יענעם פּלאן זיך געהאָט ווארעם פאראינטערעסירט.

מכוח די אויפגאבן וואָס דער פאראיין האָט זיך געשטעלט דערוויסן מיר זיך פון א צירקולאר וואָס איז אונטערגעשריבן פונם פּרעזידענט און פון דעם סעקרעטאר און טראָגט די דאטע פון 8טן יאנואר 1885. דעם צירקולאר האָט מען צושיקט צו פארשיידענע פּערזאָנען, דער עיקר אין מאָנטרעאל און טאָ־ראָנטאָ, ווען מען האָט איינגעלאדן בייזואוינען די ערשטע וויכטיקע אסיפה וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען א חודש שפּעטער. מיטגליד־שטייער האָט מען באשטימט פאר בלויז איין דאָלאר א יאָר, און מען האָט אלעמען פאָרגעלייגט זיך אָנשליסן.

דער צירקולאר ווארפט א באזונדער ליכט אויף יענעם קאפּיטל קאנא־דיש־יידישער געשיכטע, וואָס דערציילט אונדז מכוח די אָנהייבן פון יידי־שער קאָלאָניזאציע אין לאנד. עס איז דעריבער וויכטיק דאָ אים איבערצו־געבן. ער האָט זיך געלייענט אָט ווי:

„דער מאָנטעפיאָרע אגריקולטור הילף־פאראיין

„מאָנטרעאָל, 8טן יאנואר 1885.

„הער,

„דעם דאָזיקן פאַראיין האָט מען געגרינדעט צו באַצייכענען דעם הונדערט־יאָריקן יובל פון סיר משה מאָנטעפיאָרע און אויך כּדי צו דערמוטיקן לאַנדווירטשאַפט צווישן יידן. דער בכבודיקער און באַרימטער יידישער פילאַנטראָפּ האָט זיין גאַנץ לעבן געהאַט אָפּגעגעבן אויף צו פאַרבעסערן די לאַגע פון זיין פאָלק. און דאָס פייערן זיין הונדערטסטן געבוירנטאָג ניט לאַנג ווערט באַטראַכט ווי א פּאַסיקע געלעגנהייט צו טאָן עפּעס פאַר די יידישע מאַסן, וואָס זאָל אי זיין אין הסכם מיט די אידייען זיינע, אי אויך העלפן פאַראייביקן זיין אָנדיינק.

„זינט דורות זיינען די לעבנס־באַדינגונגען פון אונדזער פאָלק געווען אַזעלכע, אַז יידן זיינען געוועזן אָנגעוויזן בלויז אויף האַנדל און וואַנדל, וואָס האָט צווישן זיי אויסגעשלאָסן אַגריקולטורעלע אַרבעט. עס איז דעריבער געוואונטשן, ביי אונדזערע היינטיקע באַציאונגען מיט אַנדערע ראַסן און פעלקער, אַז מען זאָל מאַכן אָרגאַניזירטע פּרוואוון צו זען אָפּווענדן יידישע ענערגיע און יידישע אינדוסטריעלע פעיִקייטן אויף נייע געביטן פון אַרבעט. דער עיקר דאַרפן מיר געפינען מיטלען און וועגן וואָס זאָלן מאַכן מעגלעך, אַז יידן זאָלן קאָנען געניסן פון דעם זעלביקן מקור פון עקאָנאָמישן גליק וואָס אַלע פעלקער, — אַז זיי זאָלן קאָנען ציען נוצן קולטיווירנדיק דעם באָדן און פון אַגריקולטורעלע באַשעפטיקונגען בכלל.

„מחמת רעליגיעזע גרונדן קאָנען זיי ניט לעבן ווייט אָפּגעזונדערטע איינער פון צווייטן. זיי מוזן זיך האַלטן מער־ווייניק צוזאַמען, אין קיבוצים. יעדער פּלאַן צו באַזעצן זיי אויף לאַנד אין א גרויסער צאָל מוז דעריבער לכתחילה זיין געבויט אויף דעם, אַז מען זאָל זיי באַזעצן אין קאָלאָניעס. און אַזאַ מין פּלאַן האַלט דער דאָזיקער פאַראיין אין אויסאַרבעטן און ער וועט דאָס אויך זען דורכפירן.

„מיר האָבן ניט בדעה אין אָנהייב צו טאָן מער ווי בלויז זאַמלען די נויטיקע פאַקטן, כּדי צו דערקונדיקן זיך ווי אַזוי מיר קאָנען צוטרעטן צו אונדזער פּלאַן און עס דורכפירן מיט דערפאָלג. פון די גרינדערס און אָנפירערס פון די פאַרשיידענע יידישע קאָלאָניעס וואָס עקזיסטירן היינט, קאָנען מיר לייכט אויסגעפינען וואָס פאַר א טעותים זיי זיינען באַגאַנגען, וואָס פאַר שוועריקייטן זיי האָבן געהאַט דורכצומאַכן און וואָס פאַר היזקות זיי האָבן געליטן, כּדי דאָס אַלץ אויסצומיידן. מיר קאָנען אויך שטודירן די מעטאָדן מיט וועלכע די דערפאָלגרייכע ניט־יידישע אַגריקולטורעלע ישובים האָבן זיך באַנוצט, און מיר קאָנען זיי נאָכטאָן אין יענע אַלע פּרטים וואָס קאָנען זיין צוגעפּאַסט אויך פאַר אונדז. מיר קאָנען

דערגיין פון פארשיידענע קוואלן וואו עס געפינט זיך דאָס בעסטע לאנד, וואו מען קאָן האָבן א מער צוגעפאסטע אומגעבונג, און בכלל אלע איינצלהייטן בנוגע קלימאט, באדינגונגען פון אגריקולטור אאז״וו. מיר קאָנען אויך אויסגעפינען וואָס פאר א וועג עס וואָלט זיין דער בעסטער אויף צו געבן יידישע יונגעלייט יענע אגריקולטורעלע דערציאונג, וואָס זאָל פון זיי מאכן דערפאָלגרייכע פארמערס. מכוח די דאָזיקע און אַנדערע פונקטן קאָנען מיר קריגן אסך וויכטיקע אינפאָרמאציע. מיר קאָנען די דאָזיקע אינפאָרמאציע איבערשיקן צו פארשיידענע יידישע אָרגאניזאציעס און קהילות אין אנדערע לענדער, און אויסגעפינען ווי אזוי מיר קאָנען פינאנציעל באזאָרגן דאָס באזעצן יידן אויף פארמס. באמערקן דארף מען אויך אז, כדי צו פאראינטערעסירן אלע יידן מיט די צילן פון אונדזער פאראיין און כדי אז זיי זאָלן מיט אונדז קאָאָפּערירן, ווילן מיר מאכן פאר עקזעקוטיווע מיטגלידער פון דעם פאראיין אלע רבנים און פרעזידענטן פון די היגע שולן, און אז יעדע שול זאָל האָבן דאָס רעכט צו באשטימען אימיצן וואָס זאָל זי פארטרעטן ביי אלע עקזעקוטיווע בעראטונגען.

„מיר וועלן קאָנען באזאָרגן מיט אלע אויסקונפטן די וואָס וועלן האָבן חשק צו פארנעמען זיך מיט אגריקולטור, וואָס וועלן באשליסן איינשאפן זיך פארמערשע באלעבאטישקייט אאז״וו. מיר וועלן אלע פאסיקע און גע־וואונטשענע אימיגראנטן אויך קאָנען געבן ידיעות און אָנווייזן ווי און וואוהין צו פאָרן. מיר וועלן קאָנען אָפּראטן פון צו קומען אהער אזעלכע וואָס קאָנען דורך א פאלשן איינדרוק מכוח די געלעגנהייטן וואָס זיינען דאָ פאראן, זיך לאָזן וואנדערן. אזעלכע אימיגראנטן, ווי באוואוסט, ברענגען זיך אליין מער שאָדן ווי נוצן און פאלן בלויז דער היגער יידי־שער באפעלקערונג צו לאסט.

„מיר וועלן זיינענדיק אָרגאניזירט דאָס אלץ קאָנען אויפטאָן אויף א פיל בעסערן און מער פראקטישן אופן ווי ווען מיר וואָלטן די זעלביקע ארבעט געטאָן אינדיווידועל און אָן א שום סדר.

„מיר האָבן דעם אויפריכטיקסטן גלויבן אז דער ציל פון אונדזער אָר־גאניזאציע וועט אייך געפעלן, און אז איר וועט זיך אָנשליסן פאר א מיט־גליד און מיט אונדז אקטיוו קאָאָפּערירן אין דער אָרבעט וואָס מיר נעמען אויף זיך. דאָס מינימאלע יערלעכע מיטגליד־אָפּצאָל איז באשטימט אויף איין דאָלאר. אן אסיפה פון מיטגלידער וועט אָפּגעהאלטן ווערן אין די אויבערשטע צימערן, נומער 242 סט. דזשיימס גאס, זונטיק, דעם קו־

מענדיקן 8טן פעברואַר, האַלב נאָך צען אינדערפרי. איר ווערט געבעטן די דאָזיקע אסיפה בייצואווינען.

מאַרק סאַמועל, פּרעזידענט,
לואיס א. האַרט, סעקרעטאַר".

פון דעם דאָזיקן צירקולאַר איז ניט שווער זיך צו מאַכן א באַגריף, אַז די באַוועגונג האָט פאַר זיך געהאַט א גאַנץ באַשטימטן ציל, הגם די וואָס האָבן זי אויפגענומען האָבן ניט גענוי געוואוסט ווי אַזוי צו דעם אַפילו צוצוטרעטן. דאָס אָבער וואָס האָט זיי געפעלט אין א מער קאָנקרעטן פאַרשטיין די אומגעהויערע אויפגאַבע, וואָס זיי האָבן געוואָלט דורכפירן, האָבן זיי פאַרמאָגט אין דעם וואַרעמען אינטערעס וואָס דאָס האָט ביי זיי אַרויסגערופן. זיי האָבן זיך דערצו באַצויגן ווי צו א גרויסן פאָלקס־אידעאַל. זיי האָבן אויפריכטיק געגלויבט אַז זיי קאָנען און וועלן איבערבייטן די עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון יידישן לעבן. זיי האָבן אינזינען געהאַט דעם וואוילזיין פון דעם יידישן אימיגראַנט און אין דער אייגענער צייט אויך געזאָרגט פאַר דעם, אַז דאָס וואָס די יידן אין קאַנאַדע בויען, זאָל זיין אויף א געזונטן יסוד.

צום באַדויערן, איז וועגן דער דעמאָלט געפּלאַנטער קאָלאָניסטישער אונטערנעמונג ניט מעגלעך צו געפינען עפּעס מער ווי בלויז דעם צירקולאַר וואָס מיר האָבן דאָ נאָר וואָס איבערגעגעבן. ווי עס ווייזט אויס, איז די גאַנצע זאַך ניט געגאַנגען ווייטער פון דער אסיפה וואָס האָט דעם 8טן פעברואַר 1885 געזאָלט פאָרקומען אין מאָנטרעאָל. די מניעות און שוועריקייטן, וואָס די איניציאַטאָרס פון דער באַוועגונג האָבן פאַר זיך דערזען גלייך אין אָנהייב, זיינען אפנים געווען גרעסער ווי זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט, און די זאַך האָט זיך געענדיקט מיט גאָרנישט.

דאָס מיינט אָבער ניט אַז מען האָט דאַן אויך אויפגעגעבן דעם עצם געדאַנק, וואָס די אויפגעהייבענע באַוועגונג האָט געהאַט אינספּירירט. טייל האָבן געזען פאַר זיך די רחבותדיקע שטרעקעס באָדן וואָס האָבן זיך געשפּרייט איבער דער יונגער, אַזוי שיטער באַפעלקערטער קאַנאַדע, און זיי האָבן בשעת מעשה ניט געקאָנט ניט טראַכטן וועגן די אומגליקלעכע יידישע מאַסן אויף דער אַנדער זייט ים.

אין קאַנאַדע האָבן די פעלדער און וועלדער, אַפילו די ווילדערנישן, גע־מאָניעט און גערופן צו זיך. די קאַנאַדער רעגירונג האָט דאַן פאַרטיילט פריי לאַנד צו די וואָס האָבן דאָס געוואָלט באַאַרבעטן. אַלערליי געלעגנהייטן זיינען דאָ געווען אָפן פאַר מענטשן מיט ענערגיע און מיט פייאיקייטן. מען איז געווען גרייט זיי אויפצונעמען גאַסטפריינטלעך, און מען האָט צוליב

זייער רעליגיע אָדער אָפּשטאם קעגן זיי ניט דיסקרימינירט. וואָס פאר א וואונדערבארע זאך עס וואָלט געווען — האָבן אייניקע יידישע פירערס ביי זיך געמוזט טראכטן — ווען מען וואָלט כאָטש א קליינעם טייל פון די גע־פּלאָגטע יידישע מאסן געקאָנט צונויפברייינגען מיט די דאָזיקע גלענצנדיקע מעגלעכקייטן. מען האָט אָבער ניט געקאָנט ניט זען, אז כדי דאָס אפילו צו פּרואוון דורכפירן האָבן זיך געפאָדערט מיטלען, וואָס די יידן האָבן ניט פארמאָגט.

אָט דערפאר האָט פון דעם פּלאַן, וואָס דער „מאָנטעפיאָרע אגריקולטור הילף־פאראיין" האָט געוואָלט פארווירקלעכן, זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט. אָבער די אידייע גופא וואָס מען האָט דאָ געהאט אינזינען, איז פארבליבן. מיט א פּאָר יאָר שפּעטער האָט מען זי ווידער אויפגעלעבט, אָבער אונטער אנדערע לאָזונגען.

## קאפיטל נײַנצן

# נײַע געביטן פון טעטיקײט

די אָנהאַלטנדיקע יידישע איינוואַנדערונג האָט מיט די אַלערליי פּראָב־לעמען וואָס זי האָט מיט זיך באַשאַפן דערוויַיל ניט אויפגעהערט צו באַ־שעפטיקן די יידישע מוחות. עס איז געווען ווייט אַריבער די מיטלען אפילו פון די פאַרמעגלעכע קלאַסן צו קאָנען נאָכקומען די אַלע פאַלן, וואו מען האָט זיך צו זיי געווענדט נאָך הילף, אַפילו ווען די דאָזיקע הילף איז געווען אַ זייער דרינגענדיקע. אַזעלכע פאַלן האָבן זיך כסדר געמערט. אין אייראָפּע איז דער דרוק פון אַנטיסעמיטיזם ניט געוואָרן שוואַכער, און אין רוסלאַנד, פּוילן, רומעניע און אַנדערע ערטער זיינען די יידישע באַדינגונגען געוואָרן אַלץ אומדערטרעגלעכער און האָבן די יידישע מאַסן ניט אויפגעהערט צו טרייבן און יאָגן.

עס איז וויכטיק צו באַמערקן, אַז די גרעסטע שטיצע וואָס די יידישע וואוילטעטיקע אָדער געזעלשאַפטלעכע פאַראיינען אין מאָנטרעאָל, טאָראָנ־טאָ און אַנדערע פּונקטן האָבן דעמאָלט פאַרטיילט, איז געווען ניט פאַר היגע אָרעמע און נויטבאַדערפטיקע. מערסטנס האָט מען דאָס באַנוצט אויף צו העלפן די ניי־אָריבערגעקומענע. וואָס עס האָט געהאַט די לאַגע נאָך מער פאַרערגערט, איז געווען דאָס וואָס געוויסנלאָזע שיף־אַגענטן האָבן אין די אייראָפּייאישע האַפנשטעט אויסגענוצט פאַר זייערע צוועקן יעדן עלנטן און הילפלאָזן יידישן עמיגראַנט. זיי האָבן די יידישע וואַנדערערס באַרויבט פון יעדן סענט און זיי איינגערעדט צו פאָרן קיין קאַנאַדע, אָנשטאָט אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן וואו זיי האָבן געהאַט קרובים. אַסך פון זיי זיינען באַ־שווינדלט געוואָרן אויף דעם שרעקלעכסטן אופן. דאָס האָט אַפילו געהאַט אָנגענומען אַ העכסט סקאַנדאַליעזן כאַראַקטער און האָט די יידישע עפנטלע־כע מיינונג געהאַט שטאַרק אויפגערודערט. קומענדיק אהער צעבראָכענע, נידערגעשלאָגענע און אָן אַ פּרוטה אין קעשענע, זיינען זיי געוואָרן אַ לאַסט אויף די אָרטיקע יידישע געמיינדעס. אַ קאָמיטעט פון מאָנטרעאָלער יידן האָט וועגן דעם זיך געזען מיט דעם דייטשן קאָנסול. מען האָט די זאַך אויך אויפגענומען מיט דער „אַנגלאָ־דזשואיש אסס'ן", ביז די ענגלישע רעגירונג

האָט זיך ענדלעך אריינגעמישט און אָנגענומען נויטיקע שריט, אז מען זאָל די עמיגראנטן אין די אייראָפּיאישע האפנשטעט באשיצן.

הגם דאָס באזאָרגן די נײַי־אָנגעקומענע איז פאר קאנאדער יידן אָפט געווען אזא פּראָבלעם, האָבן אָבער די לעצטע אין דער אימיגראציע גופא אסך געוואונען. דער מענטשלעכער שטראָם וואָס האָט זיך אַהער געבראַכט צוטראָגן האָט זיך ארויסגעוויזן צו זיין א געזונטער כוח אין דעם אויפבוי פון יידישן לעבן אין לאנד. דאָס האָט באשאפן באדינגונגען, וואָס זיינען פאר די יידן דאָ געווען נײַי, וואָס האָבן זיי געהאָלפן אליין זיך פעסטער פאַר־וואָרצלען און זיך ארומרינגלען מיט א סביבה, אין וועלכער דאָס נאציאָנאַל־יידישע האָט געקומען בולטער קומען צום אויסדרוק.

די עלטערע יידישע קהילות זיינען געוואָרן גרעסער, בעת דאָ וואו עס האָבן פריער געוואוינט וויניק יידן האָט דער יידישער עלעמענט זיך גענו־מען מער אָנזען. דער עיקר האָט מען אין מאָנטרעאָל געגומען מערקן א זייער כאראקטעריסטישע דערשיינונג. הגם אין דער מעטראָפּאָליע האָבן דעמאָלט זיך געהאט געפונען ספרדישע יידן, אשכנזישע און רעפאָרם־יידן, האָט די גרענעץ־ליניע וואָס האָט פריערדיקע יאָרן עקזיסטירט צווישן זיי, אָנגעג־הייבן פארשווינדן. דערפאר אָבער האָט מען ביסלעכווייז דערזען פאר זיך א גאָר נייע געזעלשאפטלעכע מחיצה, וואָס האָט גענומען אויסוואקסן און האָט די יידן איינגעטיילט אין צוויי באזונדערע שיכטן. דאָס איז געווען אין קא־נאדיזירטע אָדער אלט־געזעסענע „יאהודים", און אין די וואָס זיינען געווען ערשט ניט לאנג אריבערגעקומען. דער אונטערשייד אייגנטלעך איז באשטאַ־נען בלויז אין די עטלעכע יאָר, מיט וועלכע יענע זיינען געווען געקומען פריער. אָבער אפילו דער דאָזיקער אונטערשייד האָט אין דער פּראַקטיק געהאט א וואגיקן באדייט און ער האָט ווייטער גענומען שפּילן אלץ אַ גרעסערע ראָל. עס האָט זיך גענומען שאפן אן „אפּטאון" און א „דאונטאון", וואָס האָט אָפּ־געזונדערט די ערשטע פון די אַנדערע.

אָבער אינגאנצן אָפּגעגרענעצטע און דערווייטערטע איינער פון צווייטן האָבן זיי פונדעסטוועגן ניט געקאָנט בלייבן. עס האָט דאָ לחלוטין ניט עק־זיסטירט יענער גייסט, וואָס האָט זיך געהאט געמערקט אין די באציאונגען פון די פאָרטוגעזער יידן צו די ערשטע מזרח־אייראָפּיאישע אימיגראנטן. מען האָט איינע די אַנדערע ניט אויסגעמידן, נאָר מען האָט פארקערט זיך באגעגנט. ביי פארשיידענע יידישע געלעגנהייטן פלעגט מען זיך גראָד טרעפן, צוזאַמען אויפנעמען אויך די און יענע געמיינשאפטלעך־יידישע פראגע, בעת אויף דעם אינטעליגענטן יידן אפילו פון צווישן די נייע אימיג־ראנטן האָבן די עלטערע באלעבאטים תמיד געקוקט מיט גרויס דרך ארץ.

די פאַרמערונג פון דער ידישער באַפעלקערונג אין דער קאַנאַדער מעטראָפּאָליע ארום מיטן די אכציקער יאָרן האָט געפירט צו דעם, וואָס א באַדייטנדיקע צאָל יידישע איינוואוינער האָט זיך גענומען אריבערציען אין דעם העכערן און מער מערבדיקן טייל שטאָט. די וויכטיקסטע סיבה איז דאָ געווען וואָס די שטאָט אליין האָט יענע צייט זיך גענומען מער צע־וואַקסן. אָבער מיט דעם וואָס די עלטערע תושבים פון דעם יידישן קוואַרטאַל האָבן זיך גענומען אריבערקלייבן אין געגנטן, וואו עס האָבן זיך געפונען ווינציק יידן, איז געוואָרן נויטיק אז מען זאָל אהין אויך אריבערציען די שולן וואָס זיי האָבן אויפגעהאַלטן. נאָך אין 1883 איז צווישן די מיטגלי־דער פון דער „שארית ישראל" געמיינדע אויפגעהייבן געוואָרן א באַוועגונג צו בויען א נייע און גרעסערע שול אין א מער פאַסיקן טייל שטאָט. מען האָט פאַר דעם צוועק באַשטימט א קאָמיטעט וואָס האָט געדאַרפט שאַפן די געהעריקע פינאַנציעלע מיטלען, געפינען א פּלאַץ און אויסאַרבעטן א גע־נויען פּלאַן. אָבער מחמת דוחק אין געלט האָט מען די אַרבעט געקאָנט אָנ־הייבן ערשט אין 1887, בעת מען האָט געקויפט א שטיק באָדן אויף סטענלי גאַס (דאָ וואו די פּאַרטוגעזער שול האָט זיך געפונען ביז 1946) פאַר א נייעם שול־בנין. דעם זעלביקן יאָר איז דורך גרשון דזשאָזעף, דעם פּרעזידענט פון דער געמיינדע, געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר דער נייער שול, און דעם 31טן אויגוסט 1890 איז פאָרגעקומען דער חנוכת הבית.

אויך די דייטש־פּוילישע געמיינדע האָט פּרי באַשלאָסן אריבערציען איר שול אין אן אנדער געגנט. מען האָט געקויפט א פּלאַץ אויף מעקגיל קאָלעדזש עוועניו און מען האָט געעפנט א פאָנד כדי דאָרט אויפצושטעלן א נייעם בנין. אין דעם צעטל ביישטייערערס געפינען מיר די נעמען ראָטשילד, סאַמועל מאָנטאַגיו און סיר דזשוליוס גאָלדשמיד. עס איז אינטערעסאַנט וואָס צום פאָנד האָבן אויך ביישגעשטייערט קריסטן, צווישן זיי סיר דאָנאַלד סמיטה, דער שפּעטערדיקער לאָרד סטראַטקאָנאַ.

אין 1885 האָט מען פאַר דער נייער שול פון דער דייטש־פּוילישער גע־מיינדע געלייגט דעם ווינקלשטיין. די צערעמאָניע איז דורכגעפירט געוואָרן דורך דזשאָן ע. מאָס, א זון פון דוד מאָס, וועלכער האָט געהאַט געלייגט דעם ווינקלשטיין פאַר דער ערשטער שול, און א יאָר שפּעטער איז פאָרגעקומען דער חנוכת הבית. אין דער זעלביקער צייט האָט מען אויך באַשלאָסן צו געבן דער נייער שול א באַשטימטן נאָמען, און נאָכדעם ווי מען האָט לכתחילה פאַרעלייגט אז מען זאָל זי רופן „בית אל", האָט מען זיך ענדלעך געאייני־קט אויף דעם נאָמען „שער השמים". אָבער די שול איז אינקאָרפּאָרירט

געוואָרן אונטער דעם דאָזיקן נאָמען ערשט עטלעכע און דרייסיק יאָר שפּע־טער.

סוף די אכציקער יאָרן זיינען אין לאַנד צוגעקומען נאָך א פּאָר גע־מיינדעס, ווי די חברה „בית יעקב״ אין האמילטאָן, וואָס איז געוואָרן אינ־קאָרפּאָרירט אין 1887, און נאָך איינע, וואָס האָט זיך געגרינדעט אין לאָנ־דאָן אין 1888. די אלטע פּאָרטוגעזער שול אין מאָנטרעאָל האָבן אָפּגעקויפט די רומענישע יידן און זי א נאָמען געגעבן „בית דוד״, בעת די שול אויף סט. קאָנסטאַנט גאַס האָבן אין 1886 איבערגענומען די רוסישע יידן און דאָרט געגרינדעט די „בני יעקב״ שול (היינט געפינט זיך די דאָזיקע שול אויף פּערמאונט גאַס און עספּלאַנייד). אין 1889 איז אין מאָנטרעאָל אויך געגרינדעט געוואָרן די „שערי תפילה״, מערסטנס דורך עסטרייכישע יידן. דאָס הייסט דערפאַר, אז ביז סוף יענעם יאָרצענדליק האָט מאָנטרעאָל שוין געהאַט פינף אָרטאָדאָקסישע שולן און אַ רעפאָרם־טעמפּל. די אָרטאָדאָק־סישע שולן האָבן שוין דערציילט פון אימיגראַנטישע גרופּירונגען לויט לענדער. מען האָט אויף אזאַ אופן שוין דעמאָלט געקאָנט ארויסזען יענע טענדענץ אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, וואָס האָט שפּעטער גענומען זיך אויסדריקן אין דעם גרינדן אלערליי לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיינען.

מען קאָן אָבער ניט זאָגן אז די ארומיקע באַדינגונגען, ווי ווייט זיי האָבן באַרירט דעם גאַנצן ישוב, האָבן געקאָנט באַצייכנט ווערן פאַר צופרידנשטע־ליך אין יעדן פּרט. עס האָט זיך שטאַרק געוואָרפן אין די אויגן דאָס וואָס די יידן האָבן זיך געהאַלטן ווייט פון עפנטלעכן לעבן. עס האָט דערביי אפילו זיך געקאָנט שאַפן דער איינדרוק, אַז די סיבה האָט אפשר געהאַט פיל ווינ־ציקער צו טאָן מיט זיי, ווי מיט דער באַציאונג צו זיי מצד געוויסע קאַנאַ־דער קרייזן.

אָט די פראַגע האָט קאָל. ארטור וו. האַרט אויפגעהייבן אין אַ בריוו וואָס ער האָט געהאַט געשריבן צום פּרעמיער, סיר דזשאָן א. מעקדאָנאַלד. ער האָט פאַר אים זיך באַקלאָגט אויף דעם וואָס יידן פאַרנעמען ניט קיין עפנט־לעכע אמטן. ער האָט וועגן דעם אויך געשריבן צו לאָרד לאַנסדאַון, צו יע־נער צייט קאַנאַדער גאַווערנאָר־דזשענעראַל. אונטער דער דאַטע פון 11טן יאַנואַר 1888 ענטפערט אים דערויף דער פּרעמיער, און כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס אין זיין טאָן איז מער ניטאָ קיין סימן פון דעם צינישן סאַרקאַזם, מיט וועלכן ער האָט זיך געהאַט אויסגעדריקט וועגן יידן מיט א פּאָר יאָר פריער.

„איך האָב ריכטיק מקבל געווען אייער בריוו פון 18טן פאַריקן חודש״, שרייבט ער, „אָבער האָב צוליב מיין גרויסער פאַרנומענקייט ביז איצט ניט

געקאָנט ענטפערן. זיין עקסעלענץ, לאָרד לאַנסדאַון, האָט מיר איבערגע־שיקט אייער צושריפט וואָס איך האָב איצט פאַר מיר. איך קאָן בלויז זאָגן אַז מיר איז לחלוטין ניט באַקענט וועלכער ניט איז פאַראורטייל מצד די פאַרשיידענע רעגירונגס־קאַבינעטן, סיי פון דער אַלטער קאַנאַדער פּראָ־ווינץ, סיי פון דער היינטיקער דאָמיניאָן, בנוגע דעם אָנשטעלן יידן אין עפנטלעכן דינסט. עס איז אָבער אַ פאַקט אַז יידן בדרך כלל זוכן אויסצו־מיידן די זאָרגן פון פּאָליטישן לעבן, און זיינען בעסער צופרידן צו פּרוּוון מזל אין די פאַרשיידענע פּראָפעסיעס און אינדוסטריעס וואָס זיינען אין קאַ־נאַדע אָפן פאַר יעדן איינעם. נאַטירלעך קאָן קיינער ניט אָנווייזן די קאַנאַדער בירגער ווי צו באַנוצן זייער וואַלרעכט און מען קאָן גאָרנישט טאָן, אויב זיי קלייבן ניט אויס קיין יידן פאַר זייערע פאַרטרעטערס. דער פאַרשטאָרבענער דזשאָרדזש בענדזשאַמין פון בעלוויל איז געווען אַ ייד, הגם מיר דוכט אַז ער איז געווען איבערגעגאַנגען צו קריסטנטום. זיין זון פאַרנעמט איצט אַ שטעל אין אַ רעגירונגס־דעפּאַרטמענט, און מיט אַ יאָר אָדער צוויי צוריק האָב איך פאַר אַ יידן געקראָגן אַ שטעל אינם טאָראָנטער פּאָסט אָפיס. וואָס איז שייך די ערן־אַמטן אויף וועלכע איר באַציט זיך, ווערן זיי פאַרטיילט בלויז דורך דער קרוין און געוויינלעך אויף דעם זכות פון פאַרדינסטן".

דערמיט האָט סיר דזשאָן אַ. מעקדאָנאַלד געוואָלט פאַרענטפערן דאָס, אויף וואָס מען האָט אים געמאַכט אויפמערקזאַם. דער תירוץ איז אפשר גע־ווען אַ שוואַכער, באַזונדערס ווען מען ווייסט אַז אין אַן אַנדער בריטישער קאָלאָניע, אין ניי־זעלאַנד, האָט אַ ייד, סיר דזשוליוס פאָגל, מיט צען יאָר פריער נאָך געהאַט פאַרנומען דעם העכסטן אַמט אין לאַנד — דעם אַמט פון פּרעמיער. אָבער מיר מעגן עס דאָך אויך אָננעמען, אַז די קאַנאַדער יידן, ווי ער האָט באַמערקט, האָבן אַליין געהאַט ווייניק חשק צו פּאָליטיק. עס האָט דערפאַר לחלוטין ניט געקאָנט זיין קיין פראַגע פון דיסקרימינאַציע קעגן זיי.

אין דער אמתן זיינען זיי געווען צו פאַרנומען מיט אַנדערע ענינים, צו פאַרטאָן מיט די אַלערליי דרינגענדיקע פּראָבלעמען און באַדערפענישן וואָס זיינען כסדר געשטאַנען פאַר זיי, כדי זיך אָפּצוגעבן מיט פּאָליטישע טאָג־פראַגעס. איינוואַנדערער האָבן ניט אויפגעהערט צו קומען. עס איז גע־ווען נויטיק זיי צו באַזאָרגן, זיי העלפן זיך צופּאַסן צו די אַרומיקע באַדינ־גונגען, און דאָס איז ניט געווען אַזוי לייכט צו טאָן. חוץ דעם האָט פאַר די יידן פון מאָנטרעאָל אָנגעהייבן פונדאַסניי אַרויפשווימען די שול־פראַגע, דאָס מאָל אין אַ גאַנץ פאַרשאַרפטער פאָרם. און דאָס איז געווען אַ שווער פּראָב־לעם צום פאַרענטפערן. שוין דעמאָלט האָט דער גאַנצער ויכוח וועגן דעם

געהאט צעטיילט די עפנטלעכע מיינונג. אפילו די יידן גופא זיינען וועגן דעם געווען ניט גאָר אייניק.

די צייטווייליקע פשרה אויף וועלכער מען האָט מיט אַ פּאָר יאָר פריער זיך געהאט געאייניקט מיט די פּראָטעסטאנטישע שול־פאַרוואַלטערס, האָט ביידע צדדים ניט געקאָנט לאַנג צופרידנשטעלן. עס איז ארויסגעקומען אַ שטיקל סכסוך, וואָס האָט צווישן זיי מיטאמאָל געצויגן אַ שאַרפע ליניע. דאָס האָט אפילו פאַרזייט די קערנער פון די צוקינפטיקע דיספּוטן אַרום דער אייגענער פראַגע.

דער סכסוך איז לכתחילה אַרויסגעקומען צוליב דעם וואָס יידישע הויז־אייגנטימערס וואָס האָבן געוואוינט אין אַ מער קאַטאָלישער געגנט, און וואָס זייערע קינדער האָבן סיי ווי ניט געקאָנט באַזוכן די פּראָטעסטאַנטישע שולן, האָבן עס געפונען פאַר באַקוועמער צו צאָלן זייערע שול־שטייערן צו די קאַ־טאָליקן. דאָס איז די פּראָטעסטאַנטישע שול־פאַרוואַלטערס ניט געפעלן, מחמת זיי האָבן דעם פולן חלק יידישע שטייערן געוואָלט האָבן פאַר זיך. דער פּועל יוצא איז געווען, וואָס מען האָט אין זייערע שולן אָנגעהייבן דיס־קרימינירן קעגן יידישע קינדער, און וואָס ווייטער אַלץ מער. אַרום 1886 איז דער סכסוך דערגאַנגען צו אַ שאַרפן קלימאַקס. אַסך יידישע עלטערן האָבן עס באַטראַכט פאַר אַ באַליידיקונג קעגן זיך צו שיקן זייערע קינדער אין שולן וואו מען האָט קעגן זיי אויסגעזעצט, בלויז דערפאַר וואָס שול־דערציאונג איז אין דער פּראָווינץ קוויבעק געווען אָפּהייניגיק פון אַ פינאַנ־ציעלן אָפּמאַך צווישן קאַטאָליקן און פּראָטעסטאַנטן.

אייניקע פון זיי האָבן דעריבער אין פּראָטעסט אַליין צוריקגעצויגן זייע־רע קינדער און זיי געשיקט אין קאַטאָלישע שולן, און אין דער זעלביקער צייט אויך איבערגעטראָגן זייערע שטייערן אין קאַטאָלישן פאָנד. דאָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן בערך אַ האַלב יאָר צייט. מען האָט אויך געגרינדעט אַ דערווייליקע שול וואו יידישע עלטערן האָבן געשיקט זייערע קינדער, בעת טייל האָבן געוואָלט אַז מען זאָל שליסן אַ פאַרמעלן אָפּמאַך מיט די קאַטאָ־ליקן און איבערגעבן צו זיי אַלע יידישע שול־שטייערן. רבי מעלדאָלא דע סאָלא (1853־1918), איינער פונם קאָמיטעט פון די פּאָרטוגעזער יידן וואָס האָט מיט די פּראָטעסטאַנטן געהאט פאַרהאַנדלט וועגן דער שול־פראַגע, איז פּאַקטיש געווען גענייגט צו דעם. ווי מען האָט עס אָבער פאַרשטאַנען, איז פון זיין זייט דערביי אויך געווען פאַרוויקלט אַ געוויסער פּערזענלעכער מאָטיוו.

די ספרדים האָבן דאַן צוליב דעם טאַקע זיך פאַראייניקט מיט די קאַ־טאָליקן, און מחמת אָט דער פאַראייניקונג האָבן זיי אפילו זיך געדאַרפט אָפּ־טיילן פון די אַנדערע יידן. זיי האָבן פון זייער זייט זיך פאַרמעל פאַרבונדן

מיט דער קאַטאָלישער שול־פאַרוואַלטונג איבערטראַגנדיק אַלע זייערע שטייערן צום קאַטאָלישן שול־פאָנד. דאָס איז אָבער ניט געווען אויף דעם באַזיס פון וועלכע ניט איז רעכט וואָס זיי האָבן פאַר דעם געזאָלט קריגן אין די קאַטאָלישע שולן, נאָר צוליב עפּעס אַנדערש. מער פון אַלץ איז דאָס געווען אַן אָפּמאַך להכעיס די פּראָטעסטאַנטן, וועלכע האָבן ניט געוואָלט נאָכגעבן דאָס וואָס די פּאָרטוגעזער געמיינדע האָט געהאַט פאַרלאַנגט — אַז מען זאָל אָנשטעלן רבי מעלדאָלאַ דע סאָלאַן מיט אַ באַשטימטן געהאַלט אָנצופירן דעם אַזוי גערופענעם העברעאישן קלאַס פאַר יידישע קינדער אין די פּראָטעסטאַנטישע שולן.

די פּראָטעסטאַנטן האָבן זיך עס דאַן אָפּגעזאָגט צו טאָן, און די „שארית ישראל" געמיינדע האָט ווי אַן אַקט פון „נקמה" פון איר זייט באַשלאָסן דערויף צו רעאַגירן אויף איר אייגענעם אופן. זי האָט דערביי געוואונען אויך נאָך אַ זאַך — זי האָט אונטער דער צייט נעמלעך אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן צו עפענען אַן אייגענע טאָג־שול. פאַר דעם אויפהאַלט פון דער דאָזיקער טאָג־שול האָבן די ספרדים, ווערדליג זייער אָפּמאַך מיט דער קאַטאָלישער שול־פאַרוואַלטונג, געקראָגן אויסגעצאָלט 80 פּראָצענט פון די שול־שטייערן, וואָס זיינען פון זייערע מיטגלידער אַריינגעקומען אין דעם קאַטאָלישן שול־פאָנד. דאָס מיינט אַז פאַר זיי איז די שול־פראַגע, ווי ווייט זי האָט זיי געהאַט באַרירט, דאַן געוואָרן געלייזט.

זי איז אָבער ניט געוואָרן געלייזט פאַר די אַנדערע יידן, וואָס עס האָט פאַר די לעצטע געהאַט נאָך מער פאַרשאַרפט דעם פּראָבלעם, איז געווען דער באַשלוס פון די פּראָטעסטאַנטישע שול־פאַרוואַלטערס אַריינצונעמען בלויז קינדער פון שטייער־צאָלערס. אַזוי אָבער ווי ניט אַלע יידן האָבן באַזעסן אומבאַוועגלעך אייגנטום און האָבן דעריבער ניט געקאָנט באַלאַנגען צו דער דאָזיקער קאַטעגאָריע, האָבן אַסך יידישע קינדער פאַרלוירן די פרייערדיקע שול־מעגלעכקייטן. די פראַגע איז ברייט אַרומגערעדט געוואָרן אויף אַ יידישער אסיפה אין מאָנטרעאָל, וואָס האָט באַשלאָסן צו פּרוּוון פונדאַסנייע אונטערהאַנדלען מיט די פּראָטעסטאַנטן.

און מען האָט ביי די לעצטע ענדלעך אויך געפּועלט אַ שטיקל הנחה. זיי זיינען געוואָרן מרוצה אַריינצונעמען קינדער פון שטייער־צאָלערס אַזוי גוט ווי פון ניט שטייער־צאָלערס, אויב נאָר די קינדער פון אָט אַזעלכע עלטערן האָבן באַלאַנגט צו דער ספרדישער אָדער דער דייטש־פּוילישער געמיינדע. נאָך ווייטערן דינגען זיך, האָבן זיי אויך נאָכגעגעבן נאָך אַ פּונקט. דאָס איז געווען אַז מען וועט אַזעלכע קינדער אַריינעמען מיט די זעלביקע שול־רעכט וואָס קינדער פון פּראָטעסטאַנטישע עלטערן.

וועגן קינדער פון ניט לאנג אריבערגעקומענע אימיגראנטן, אויב אזעל־כע אימיגראנטן האָבן ניט באלאנגט צו איין שול אָדער דער אנדערער, איז אפנים נאָך גאָר אפילו ניט געווען קיין רייד. זייער צאָל איז נאָך געווען ניט גענוג גרויס, האָט מען וועגן זייער דערציאונג זיך ניט געקימערט. מכוח דער צוקונפט האָט מען אודאי ניט געטראכט. האָט מען דעריבער אָנגענומען די הנחה, און אזוי איז די שול־פראגע אין מאָנטרעאָל ווידער געלייזט געוואָרן אויף א שטיקל צייט.

ווי פראָבלעמאטיש דער ענין דערציאונג האָט פאר די יידן אין דער מעטראָפּאָליע ביסלעכווייז ניט אָנגעהייבן ווערן, האָט דאָך דאָס אָבער ביי אסך פונדעסטוועגן געמוזט ארויסרופן בלויז אן אויבערפלאַכלעכן אינטערעס. די סיבה איז דאָ געווען וואָס א גרויסע צאָל פון זיי, דאָס רוב ניט לאנג אריבערגעקומענע, האָבן זיך נאָך ניט געפילט גענוג פארזוואָרצלטע אין דעם נייעם לאנד. און ווען מענטשן באַטראכטן זיך נאָך פאר פרעמדלעכע אין דער סביבה, אין וועלכער זיי געפינען זיך, פילן אז דער באָדן אונטער זיי איז נאָך ניט גענוג זיכער, קאָנען זיי ניט תמיד טראכטן אפילו וועגן עיקר־דיקע זאכן.

אין דעם איצטיקן פאל זיינען אָבער אויף דעם וועג איבערגעלאָזט גע־וואָרן די וואָרצלען פאר א נאָך מער פארשארפטן סכסוך וואָס האָט ארום דער אייגענער פראגע זיך צעפלאַקערט מיט עטלעכע יאָר שפּעטער, און וואָס האָט אפילו די יידן פון מאָנטרעאָל גופא געהאט צעטיילט אין צוויי פיינדלעכע, קעגנערישע לאַגערן. די שול־פראגע הייסט דאָס איז דעמאָלט ווידער פאר־וואנדלט געוואָרן אין א ריין יידישער מחלוקת. אויסגעגליכן געוואָרן איז דער סכסוך בלויז ווען די רעגירונג פון דער פראָווינץ האָט זיך ארייגעמישט.

אונטער דער צייט אָבער איז דאָס יידישע לעבן אין לאנד אפילו אין זיינע באגרענעצטע ראמען געגאנגען כסדר פאָראויס, און האָט זיך גענומען אנטוויקלען אין א געוויסער ריכטונג. שוין פון די אכציקער יאָרן אָן האָט מען געקאָנט מערקן א זאך, וואָס איז פאר קאנאדער יידן געווען ניי. עס האָבן צווישן זיי זיך שארפער גענומען שפירן די ענדערונגען וואָס די איינ־וואַנדערונג האָט מיט זיך געבראכט. און דאָס מאָל זיינען דאָס געווען ענדע־רונגען פון אן אנדער מין ווי געוויינלעך.

די באַזונדערע באַדינגונגען וואָס האָבן א דאנק דעם זיך געשאפן און מיט וועלכע זיי זיינען צונויפגעבראכט געוואָרן, האָבן גורם געווען, אז זיי זאָלן מיטאמאָל זיך דערפילן דערנעענטערטע צו די יידן פון אנדערע לענדער. די אימיגראציע, צי איר צאָל איז געווען גרויס אָדער קליין, האָט אויף פאר־

שיידענע אופנים זיי געגומען פאַרקניפּן מיט דער דרויסנדיקער יידישער וועלט.

די וואָס זיינען אריבערגעקומען אין יענער צייט זיינען באַשטאַנען פון אַלערליי קלאַסן מענטשן. עס האָבן צווישן זיי זיך אויך געפונען אַזעלכע, וואָס אין דער אַלטער היים האָבן זיי געהערט צו דער משכילישער אינטעליגענציע, וואָס האָבן פאַרמאָגט יידישע און וועלטלעכע בילדונג צוגלייך, און האָבן דער עיקר זיך געפילט שטאַרק פאַרוואָרצלטע אין דער אַלטער יידישער קולטור. דאָס איז געווען אַן עלעמענט, וואָס האָט ניט געקאָנט ניט נעמען אויף אַ געוויסן אופן משפּיע זיין אויף דער אָרטיקער יידישער לעבנס־סביבה.

עס האָבן אין דער העברעאישער פּרעסע אין אייראָפּע זיך אויך אָנגעהייבן דורכוואַרפן ידיעות וועגן דעם לעבן פון די יידן אין קאַנאַדע. מען האָט עס אין די ברייטע יידישע קרייזן וואו מען האָט וועגן דעם ווייטן, אומבאַקאַנטן לאַנד אַזוי ווינציק געוואוסט, אויפגענומען מיט גרויס אינטערעס. דאָס זיינען געווען די גערוסן פון דעם יידישן איינגעוואַנדערטן, וואָס האָט גערעדט און געשריבן אויף דער שפּראַך פון דער דעמאָלטיקער יידישער אינטעליגענציע — העברעאיש. אויף די שפּאַלטן פון „המגיד", „הצפירה" אָדער „המליץ", האָט ער דערציילט וועגן דער סביבה וואָס די ניי אריבערגעקומענע האָבן געטראָפן, וועגן די חלומות און האָפענונגען וואָס זיי האָבן אין דער שטיל געשפּונען, און וועגן דעם שווערן, האַרטן קאַמף וואָס זיי האָבן געדאַרפט דורכמאַכן כדי צוצופּאַסן זיך צו דער גרויער, אומבאַקאַנטערווירקלעכקייט אַרום זיי. עס איז הינטער דעם געווען ניט בלויז דער וואונטש אַליין צו דערציילן וועגן זיך און וועגן די באַדינגונגען אין דעם נייעם לאַנד, נאָר אויך צו שטיין אַזוי צו זאָגן אין פאַרבינדונג מיט דער דרויסנדיקער יידישער וועלט.

צום דאָזיקן קרייז האָט אויך געהערט אַ יונגערמאַן, וואָס האָט סוף די אַכציקער יאָרן געלעבט אין מאָנטרעאָל, הגם מען האָט אים ניט געקאָנט באַצייכענען ווי אַן אימיגראַנט. ער האָט מיט זיינע קענטענישן און באַדייטנדיקע גייסטיקע פעיִקייטן געצויגן אויפמערקזאַמקייט און גיך געוואונען פאַר זיך אַ גרויסע צאָל פריינט. ער איז דאַן נאָך געווען ווייניק וואָס באַקאַנט. שפּעטער אָבער האָט ער זיך געמאַכט אַ נאָמען און איז געוואָרן באַוואוסט ווייט און ברייט אין דער יידישער וועלט.

דאָס איז געווען — אלכסנדר האַרקאַווי, דער מאַן וואָס האָט אַזוי פיל בייגעטראָגן פאַר דעם דערציען די יידישע מאַסן אויף דער זייט ים, און וואָס האָט זיך אַזוי קונה שם געווען מיט זיינע פילאָלאָגישע און לעקסיקאָגראַפישע

ארבעטן. מיט טייל פון אָט די ארבעטן האָט הארקאווי זיך אָנגעהייבן באַשעפטיקן בעת ער איז נאָך געווען אין קאנאדע.

געבוירן אין נאָווארעדאָק, רוסלאנד, אין 1863 (געשטאָרבן אין ניו יאָרק אין 1939), איז הארקאווי צו ניינצן יאָר אריבערגעקומען קיין אמעריקע. סוף 1886 האָט ער זיך באַזעצט אין מאָנטרעאָל, וואו ער איז געקומען אָנגעמען א לערער־שטעל ביי דער דייטש־פוילישער געמיינדע. ווי יונג הארקאווי, א בחור אין די פריע צוואנציקער יאָרן, איז דאן נאָך ניט געווען, האָט ער אָבער שוין אין יענער צייט באַוויזן וואָס ער האָט געקאָנט געבן די, צווישן וועמען ער האָט זיך געפונען. ער איז געווען א מענטש מיט אסך גייסטיקער ענערגיע, און וועמעס פערזענלעכקייט האָט אין אים זיך ארויסגעזען דורך די מעלות וואָס ער האָט באַזעסן. און דאָס האָט זייער שטארק משפיע געווען אויף דעם לעבן פון דעם קליינעם יידישן קיבוץ אין מאָנטרעאָל. ער האָט אויף דעם דאָזיקן לעבן געהאַט א גאָר גרויסן איינפלוס. ער האָט אין אים אריינגעבראַכט דאָס וואָס איז אין די אויגן פון אסך געווען ניי.

אָט דער יונגערמאַן, וואָס איז שפּעטער געוואָרן דער גרעסטער יידישער לעקסיקאָגראַף און פילאָלאָג פון זיין צייט, און האָט שוין דעמאָלט באַזעסן די מעלות פון א געלערנטן, איז פון דעם פּאַרזיצער פונם שול־קאָמיטעט פון דער דייטש־פוילישער געמיינדע געוואָרן באַצייכנט ניט פאר „דעם סאמע בעסטן לערער וואָס מען האָט געקאָנט רעקאָמענדירן". קיין וואונדער דעריבער וואָס הארקאווי אליין האָט געהאַט קיין ניט גאָר געהייבענע מיינונג וועגן געוויסע מאָנטרעאָלער יידישע פירערס פון יענער צייט. ער האָט די דאָזיקע מיינונג זיינע דאן אויסגעדריקט אויף די שפּאַלטן פון „הצפירה".

אלכסנדר הארקאווי האָט גיך זיך ארומגערינגלט מיט אייניקע משכילים, העברייער און סתם יידן, וואָס האָבן פארערט די מיט בילדונג. צווישן זיי האָט ער זיך אויסגעלעבט סיי גייסטיק, סיי געזעלשאַפטלעך. עס האָט ניט גענומען לאנג, און דער בחור וואָס איז געווען אָנגעשטעלט פאר לערער אין דער „שער השמים" שול, איז געוואָרן דער וואָס האָט געוויזן דעם וועג אַנדערע, און וואָס האָט די דאָזיקע אַנדערע צוגעצויגן צו זיך.

דער דאָזיקער קרייז וועלכן ער האָט דאן געהאָלפן שאַפן, איז אין א קורצער צייט געוואָרן גרעסער. הארקאווי איז געוואָרן דער צענטער, דער מיטלפונקט, דער וואָס האָט אלעמען געהאַלטן ארום זיך. ניט בלויז די העברעאישע משכילים צווישן וועלכע ער האָט זיך געפילט היימיש, האָבן אים גענומען שטארק שעצן. עס האָבן צו אים אָנגעהייבן ארויפקוקן אפילו יענע, וואָס זיינען געשטאַנען גאַנץ נאָענט צו דער ארומיקער גויאישער קולטור. און דאָס איז ניט געווען אומזיסט. הגם דער דאָזיקער לערער איז מיט

זיין אויסזען פון אַ רוסיש־יידישן אינטעליגענט זיי ניט געווען גאָר סימפּאַ־טיש, ניט געקוקט אויף זיינע שטילע, באַשיידענע מאַנערן, האָבן זיי אָבער פאַר אים געקראָגן אַ באַזונדערן דרך ארץ, בעת זיי איז וועגן אים געוואָרן קלאָר דאָס וואָס זיי האָבן פריער ניט געוואוסט. זיי האָבן אויסגעפונען, אַז דער דאָזיקער „רוסיש־יידישער אינטעליגענט״ האָט שוין דאַן באַהערשט גרינטלעך עטלעכע שפּראַכן, אַריינגערעכנט ענגליש און פראַנצויזיש. ער איז אַפילו געוואָרן אַן אָפטער מיטאַרבעטער אין דער אָרטיקער ענגלישער פּרעסע.

אין אָט יענער צייט, בעת אלכסנדר האַרקאַווי האָט געהאַט אָנגעהאַלטן זיין לערער־שטעל אין מאָנטרעאָל, האָט ער פאַר דעם אָרטיקן יידישן קיבוץ וואָס איז געווען אַזוי גערן אים צו האָבן צווישן זיך, גייסטיק זייער אַסך ביי־געטראָגן. זיין נאָמען איז געבליבן ענג פאַרבונדן מיט די ערשטע היגע קול־טור־געזעלשאַפטלעכע אָנהייבן. ער איז אויך געווען איינער פון די גרינדערס פון דעם ערשטן „חובבי ציון״ פאַראיין אין לאַנד, וואָס האָט געבראַכט צו דעם, אַז קאַנאַדע זאָל זיך פרי אָנשליסן אין דער יידישער נאַציאָנאַלער באַ־וועגונג.

ער האָט פון מאָנטרעאָל קאָרעספּאָנדירט פאַר העברעאישע צייטונגען און זיין נאָמען, ווי שוין באַמערקט, האָט זיך אויך דורכגעוואָרפן אויף אַר־טיקלען אין לאָקאַלע אָרגאַנען. „דער עיקר ציל פון מיין שרייבן דעמאָלט אין די ענגלישע צייטונגען״, האָט ער אַמאָל דערקלערט, 1) „איז געווען צו באַשיינען דעם יידישן כבוד, צו ענטפערן אויף באַליידיקונגען אאז״וו״. אים איז אָבער געווען באַשערט צו ווערן אין קאַנאַדע אויף אַן אמת דער פּיאָנער פון יידישן געדרוקטן וואָרט. אַזוי איז אין 1887 אים איינגעפאַלן אַרויסצו־געבן אַ יידישן בלאַט אין מאָנטרעאָל. דאָס בלאַט האָט געהייסן „די צייט״, און האָט געהאַט פאַר אַ מאָטאָ די אויפשריפט „בילדונג און קאָלאָניזאַציע״. ער האָט עס אַרויסגעגעבן ליטאָגראַפיש מיט פון אים אַליין געכתיבהטע אותיות, מחמת קיין יידישער דרוק־זאַץ איז אין קאַנאַדע דאַן נאָך ניט געווען. דער ערשטער נומער פון אָט דעם בלאַט, דעם פאָרלויפער פון דער שפּע־טערדיקער קאַנאַדיש־יידישער פּרעסע, איז אָבער אויך געווען דער לעצ־טער. דאָס איז געווען ניט אַזוי צוליב די קאָסטן דערפון וואָס זיינען געווען גאַנץ קליין, ווי צוליב דער סך אַרבעט מיט וואָס דאָס איז געווען פאַרבונדן.

האַרקאַווי האָט געהאַט געמאַכט נאָך אַן אַנדער אינטערעסאַנטן פּרוּוו. דאָס איז געווען צו שרייבן די שפּראַך פון די יידישן מאַסן מיט לאַטייניש׳ע אותיות. אים איז דאָס איינגעפאַלן נאָך איידער לודוויג זאַמענהאָף האָט דאָס

---

1) אין אַ בריוו צום דאָזיקן שרייבער.

געהאט פאָרגעשלאָגן. צום געדאנק דאָס אויסצופּרואוון האָט אים געבראכט א צופאל — א פּארלאמענטארישע וואַל־קאמפּאניע, וואָס איז אין לאנד דע־מאָלט אָנגעגאנגען. מען האָט געדארפט האָבן א צירקולאר, אין וועלכן איינער פון די קאנדידאטן האָט גערעדט צו די יידישע בירגער. האָט מען דעם ענג־לישן טעקסט דערפון געגעבן הארקאווין און אים געבעטן דאָס איבערזעצן אויף יידיש, בכדי צו קאָנען עס אָפּדרוקן. היות אָבער ווי קיין יידישער דרוק־זאץ, ווי שוין דערמאָנט, איז ניט געווען, האָט הארקאווי דאָס איבערגעשריבן אויף יידיש מיט לאטיינישע אותיות, און מען האָט דאָס אזוי אָפּגעדרוקט אין דער „לאָוועל ענד סאָן״־דרוקעריי.

מיט דער שאלה פון דער יידישער פאָלקס־שפּראך בכלל האָט ער זיך אָנגעהייבן ערנסט אָפּגעבן נאָך זייענדיק אין מאָנטרעאָל. ער האָט דעמאָלט פארעפנטלעכט אן ענגלישע איבערזעצונג פון זיין אָפּהאנדלונג איבער יידיש אונטער דעם טיטל „א דיסערטאציע איבער דער יידיש־דייטשער שפּראך״, וואָס ער האָט אין 1888 ארויסגעגעבן („וויטנעס״־דרוקעריי). צום באַדויערן איז פון דער דאָזיקער מאָנטרעאָלער אויסגאבע פון יענער פילאָלאָגישער ארבעט זיינער, וואָס ווערט אגב ניט דערמאָנט אין קיין שום ביבליאָגראפי־שער רשימה פון זיינע געדרוקטע זאכן, ניט פארבליבן אפילו קיין איינצי־קער עקזעמפּלאר. פון מאָנטרעאָל אויך האָט אלכסנדר הארקאווי מיטגעאר־בעט אין גאָלדפאדנס „יידישער אילוסטרירטער צייטונג״, וואו עס זיינען פון אים געקומען זיינע „בריוו מכוח אונדזער שפּראך״, „כללים פאר יידישער אָרטאָגראפיע״ און אנדערע.

ער האָט זיך אויך לייכט געלאָזט ארייַנציען אין דעם ארומיקן יידישן לעבן בכלל און איז געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן אין קאנאדע אויפ־גענומען די חיבת ציון באוועגונג. צוזאמען מיט יוסף אליהו בערנשטיין, איי־נעם פון די דעמאָלט חשובע באלעבאטים פון מאָנטרעאָל און א מיטארבעטער פון „המליץ״, האָט ער דעם 16טן יאנואר 1887 געגרינדעט א חברה „חובבי ציון״. אין משך פון דריי וואָכן האָבן אין דעם דאָזיקן פאראיין זיך אָנגע־שלאָסן א היפּשע צאָל חברים, צווישן וועלכע עס האָט זיך אויך געפונען רבי אליהו פרידלענדער. הארקאווי אליין איז געוואָרן אויסגעקליבן פאר פאָרזי־צער, הרב שלאָסבערג פאר וויצע־פאָרזיצער, יוסף בערנשטיין, סעקרעטאר און א. ל. שינדלער, פארוואלטער. 2) אָט דער פאראיין, וואָס צו אים זיינען צו־געשטאנען די וואָס האָבן געגלויבט אין די יידישע אידעאלן, אין דער יידי־שער נאציאָנאלער דערוואכונג, האָט צוגעגרייט דעם באָדן פאר דער ציוניס־טישער באוועגונג וואָס איז געבוירן געוואָרן אין לאנד עלף יאָר שפּעטער.

2) „המגיד״, 16טער פעברואר 1887.

די פּירערס פון די „חובבי ציון" אין מאָנטרעאָל האָבן אין א קורצער צייט אַרום באַשלאָסן זיך צו פאַראייניקן מיט דער „מזכרת משה" אין וואַר־שע. מען האָט אויסגעקליבן א קאָמיטעט פון זיבן מענטשן אויסצואַרבעטן די תקנות, וואָס האָבן געדאַרפט זיין אין ענגליש און אין העברעאיש צו־גלייך. מען איז אויך צוגעטרעטן צו גרינדן א ביבליאָטעק וואָס איז באַשטאַ־נען פון בלויז העברעאישע ביכער — די ערשטע יידישע ביבליאָטעק אין לאַנד, וואָס האָט געזאָלט זיין א גייסטיקער ווינקל פאַר אריבערגעקומענע משכילים. אַרום יענער צייט האָט דער „חובבי ציון" פאַראיין שוין געציילט איבער דרייסיק מיטגלידער, און צווישן זיי האָבן זיך געפונען דוד א. אַנשל, העברי דזשייקאָבס און אַנדערע. איינמאָל א חודש פלעגן זיי זיך צונויפקומען אין קלאַס־צימער פון דער דייטש־פּוילישער שול, וואו זיי פלעגן צווישן זיך דיסקוטירן וועגן פאַרשיידענע נאַציאָנאַלע ענינים. דער פאַראיין האָט אָבער לאַנג ניט געקאָנט עקזיסטירן און איז שפּעטער זיך צעפאַלן.

טייל פון זיינע מאמרים אין „הצפירה" און „המגיד" פון יענער צייט וואַרפן א ליכט אויף געוויסע באַדינגונגען אין דעם קאַנאַדער יידישן לעבן דעמאָלט. אין איין פּלאַץ וויזט ער אָן אויף א טעות וואָס אימיצער האָט גע־מאַכט שרייבנדיק אין „האסיף" (שנת תרמ"ו) וועגן די קאַנאַדער יידן. דאָס איז אַז דער „מאָנטעפיאָרע קלוב" אין מאָנטרעאָל האָט זיך אויך באַשעפטיקט מיט ישוב ארץ ישראל, וואָס איז געווען ניט ריכטיק. ער דערציילט אויך אַז דער רוב יידן אין מאָנטרעאָל איז דאַן באַשטאַנען פון איינגעוואַנדערטע פון פּוילן און רומעניע, אַז זיי האָבן זיך עיקר פאַרנומען מיט האַנדל, פּעד־לעריי אאז"וו, און אַז די ניט־יידישע געזעלשאַפט האָט זיך באַציגן צו זיי מיט גאַנץ ווייניק סימפּאַטיע. אינטערעסאַנט איז, וואָס איינער פון די ערשטע אַרטיקלען זיינע אויף יידיש איז געווען געווידמעט דער געשיכטע פון יידן אין קאַנאַדע. דאָס איז דערשינען אין דעם ערשטן נומער פון גאָלדפאַדנס „יידישע אילוסטרירטע צייטונג" (ניו יאָרק, 1887).

האַרקאַווי האָט צוויי מאָל פאַרנומען די שטעל פון העברעאישן לערער ביי דער „שער השמים" געמיינדע — דאָס ערשטע מאָל צווישן 1887־1888, און דאָס צווייטע מאָל צווישן 1889־1890. ער האָט צוליב דעם פאַרבראַכט אין מאָנטרעאָל צוזאַמען אַנדערטהאַלבן יאָר צייט. נאָך אים האָט די „שער השמים" געמיינדע אויפגענומען פאַר לערער דעם שפּעטערדיקן יידישן שריפטשטעלער און ראָמאַניסט ד. מ. הערמאַלין, וועלכער האָט עס אָנגע־האַלטן בערך א יאָר צייט.

מען קאָן זאָגן, אַז אין אָט יענע עטלעכע יאָר איז פאַר קאַנאַדער יידן אין א געוויסער מאָס אָנגעצייכנט געוואָרן דער וועג פון זייער ווייטערדיקער

אנטוויקלונג. דאָס איז פאַר זיי געווען אַ צייט פון איבערגעשטאַלטונג, פון איבערגאַנג צו אַנדערע פאָרמען. עס האָט צווישן זיי אָנגעהייבן ווערן רייף דער געדאַנק וואָס האָט אָנגערעגט צו מער אינטענסיווער אַרבעט בכלל, און דער דאָזיקער געדאַנק האָט ביסלעכווייז אויך געפונען אַן אויסדרוק.

דער עקאָנאָמישער מצב פון די נייע איינגעוואַנדערטע איז אָבער אין דער אייגענער צייט געווען ניט קיין זייער געהייבענער. די יידישע מאַסע, ניט רעכענענדיק די עלטערע תושבים, האָט געדאַרפט פירן אַ שווערן, האַרטן קאַמף פאַר איר טאָג־טעגלעכער עקזיסטענץ. באַזונדערס איז די דאגת־פּרנסה געווען אַ האַרבע, ביז גאָר ביטערע שאלה פאַר דעם פריש־אָנגעקומענעם אימיגראַנט, ווען דאָס לאַנד און די שפּראַך זיינען געווען פרעמד. אָט אַזאַ אימיגראַנט האָט ניט געוואוסט, צו וואָס ער האָט געקאָנט זיך כאַפּן. אַזאַ אימיגראַנט, פאַר וועמען די אַרבעט־פּאַכן וואָס ער האָט ביי זיי געקאָנט קריגן באַשעפטיקונג זיינען געוויינלעך געווען שטאַרק באַגרענעצטע, האָט אָפט זיך געמוזט נעמען צום פּעדלען, דאָס רוב אין אַרומיקע דערפער, און ער האָט צוליב דעם געדאַרפט שווער זיך פּלאָגן ביז ער האָט צו עפּעס זיך גע־קאָנט דערשלאָגן.

מיר הערן שוין דערמאָלט פון יידישע אַרבעטגעבער, דער עיקר אין דער קליידער־אינדוסטריע, ביי וועלכער עס איז פאַר אַ יידישן אימיגראַנט גע־ווען ניט שווער צו קריגן באַשעפטיקונג. אין די אַכציקער יאָרן זיינען אין מאָנטרעאָל אויפגעקומען עטלעכע קליינע יידישע קליידער־פאַבריקן וואָס זיינען שפּעטער זיך צעוואַקסן, און וואו מען פלעגט צו דער אַרבעט, אָדער אפילו צום „לערנען" אַ געוויסן ספּעציאַליזירטן פאַך פון דער אינדוסטריע אויב איינער איז ניט געווען קיין שניידער, גראָד גערן צונעמען אַלע ניי אַריבערגעקומענע. די יידישע נאָדל־אַרבעטער פלעגן אָבער פאַר שווערער, שווייסיקער פּראַצע לאַנגע שעהן קריגן דעם ביליקסטן לוין, בעת די באַדינ־גונגען אונטער וועלכע זיי איז אויסגעקומען צו אַרבעטן זיינען אָפט געווען די ערגסטע, די שרעקלעכסטע.

אויף דער יידישער גאַס האָט צוליב דעם געהערשט אַסך אָרימקייט און נויט און דאָס האָט, פאַרשטייט זיך, זיך אָפּגערופן אויף דעם אַלגעמיינעם לעבנס־סטאַנדאַרד פון דער איינגעוואַנדערטער יידישער מאַסע. דער דאָזי־קער לעבנס־סטאַנדאַרד איז געווען אַ גאַנץ נידריקער, אפשר דער נידריק־סטער וואָס מען האָט געקאָנט זיך פאַרשטעלן. דאָס איז געווען אַ זאַך, וואָס האָט מיט זיך נאָך שאַרפער אונטערגעשטראָכן די עקאָנאָמישע ווי די סאָציאַ־לע ליניע צווישן דעם רייכערן קלאַס און די אָרימע שיכטן. דער רייכערער קלאַס — דאָס זיינען געוויינלעך געווען די ספרדים. מחמת דעם האָבן די

לעצטע ניט בלויז געקאָנט לייכטער אָנהאַלטן די העגעמאָניע איבער די אַנ־דערע, נאָר דאָס האָט גורם געווען אַז אַפילו אַרויפגעאַרבעטע אימיגראַנטן זאָלן זוכן צו זיי זיך צו דערנעענטערן. ביידע צוזאַמען האָבן אויף דער איינ־געוואַנדערטער מאַסע, צווישן וועלכער די אָרימקייט איז געווען גרויס, דע־ריבער געקוקט ניט מיט קיין צו פרײַנדלעכע בליקן, בעסער געזאָגט — בלויז ווי אויף אַן אָביעקט פאַר פילאַנטראָפּיע. אָט אַזאַ ליניע צווישן די עלטערע תושבים וואָס זײַנען געווען מער פאַרמעגלעך, און די נײַע אימיגראַנטן וואָס האָבן די ערשטע צײַט געלעבט אין גרויס נויט, האָט אָבער ניט עקזיסטירט אין די קלענערע שטעטלעך וואו יידן האָבן זיך געהאַט באַזעצט, און וואו די עקאָנאָמישע באַדינגונגען זײַנען געוויינלעך געווען פיל בעסערע.

אונטער אַזעלכע אומשטאַנדן האָט געוויס ניט געקאָנט זײַן קיין רייד וועגן דעם, אַז די נײַע אײַנגעוואַנדערטע פון יענער צײַט זאָלן גלייך אין אָנהייב זיך האָבן אַרײַנגעוואָרפן אין דעם אַרומיקן לעבן. עס האָט ניט גע־קאָנט זײַן קיין רייד, אַז אַזוי גיך ווי זיי האָבן באַטראָטן דעם קאַנאַדער באָדן, זאָלן זיי האָבן געקאָנט ווערן יענער נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכער פאַקטאָר, וואָס האָט די יידישע אַנטוויקלונג אין לאַנד שפּעטער געגעבן אַזאַ שטויס פאָראויס. דאָס איז געשען ערשט דאַן, ווען זייער מאַטעריעלע לאַגע האָט זיך אָנגעהייבן פאַרבעסערן און זיי האָבן דערפילט, אַז די באַדינגונגען אַרום זיי בייטן זיך, אַז זיי ווערן אין דער אייגענער צײַט אַלץ מער צונויפגעוואַקסן מיט דעם נײַעם לאַנד. עס האָבן אַ דאַנק דעם זיך געשאַפן מעגלעכקייטן פאַר נײַע אָרגאַניזירטע טעטיקייטן, וואָס האָבן צווישן קאַנאַדער יידן ביסלעכווייז אָנגעהויבן פאַרנעמען אַלץ אַ גרעסערן אָרט.

## קאפיטל צוואנציק

# אַנבאַט פון פריי לאנד פאר יידן

אין די ווייטערדיקע פאַר יאָר הערן מיר פון פארשיידענע פלענער, אין א גרעסערן אָדער קלענערן פאַרמאַט, וואָס זיינען צווישן קאנאדער יידן אונ־טערגענומען געוואָרן. דאָס זיינען געווען פלענער מכוח אָרגאַניזירטע פרוּוון צו באַהאַנדלען די מער פארשארפטע פּראָבלעמען, וואָס דאָס אָנקומען פון נייע איינוואַנדערער האָט כסדר מיט זיך באַשאַפן.

בעת עס איז אין דער יידישער וועלט באַקאַנט געוואָרן, אַז באַראָן מאָריס דע הירש האָט געשאָנקען א באדייטנדיקע סומע פאר וואוילטעטיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס אין אמעריקע, האָבן מאָנטרעאָלער יידישע כלל־טוערס זיך געשטעלט מיט אים אין פארבינדונג, כדי אים צו פאראינטערעסירן אויך מיט קאנאדע. זיי האָבן אים באַקענט מיט זייערע אייגענע צדקה־טעטיקייטן און מיט די שוועריקייטן אין וועלכע זיי האָבן צוליב דעם זיך געפונען. זייער כוונה איז געווען צו קריגן שטיצע, וואָס האָט געדאַרפט מאכן מעגלעך אָנ־צופירן די דאָזיקע צדקה־טעטיקייטן זייערע אויף א ברייטערן און מער סיס־טעמאטישן אופן.

די רעזולטאַטן זיינען געווען זייער צופרידנשטעליקע. דאָס האָט פאַקטיש אָנגעצייכנט א נייעם מיילשטיין אין דער ארבעט וואָס איז אין לאנד געטאָן געוואָרן לטובת יידישע אימיגראַנטן. דער גרויסער יידישער פילאַנטראָפּ האָט זיך וואַרעם אָפּגערופן אויף דער ווענדונג פון די יידישע פירערס פון מאָנט־רעאָל, און האָט זיך דערקלערט גרייט בייצוטראָגן א סומע פון 20 טויזנט דאָלאר, וואָס האָט געזאָלט זיין א פאָנד פאר דעם אָנגעגעבענעם צוועק.

ווען מען האָט דאָס געלט דערהאַלטן אין מאָנטרעאָל אין חודש אויגוסט 1890, האָט מען אין „מעקאַניקס האָל" אָפּגעהאַלטן א ספּעציעלע אסיפה צו באטראַכטן אויף וואָס פאר אן אופן מען זאָל דעם פאָנד באַנוצן. מען האָט אויס־געקליבן א קאָמיטעט וואָס האָט איבערגענומען די גאנצע ארבעט, און מען האָט באַשלאָסן פאר אן אָנהייב אָפּצוגעבן זיך בלויז מיט די אלערליי לאָ־קאַלע נויטן פון אָנקומענדיקע אימיגראַנטן. אין דער ערשטער ליניע איז צוליב דעם אוועקגעשטעלט געוואָרן די סאַמע אָנגעווייטיקטסטע פראַגע פאר

די יידן פון מאָנטרעאַל. דאָס איז געווען וועגן דער דערציאונג פון יידישע אימיגראַנטן־קינדער. מען האָט זיך באַזונדערס געניטיקט אין א „הכנסת אורחים", און מען האָט געוואָלט אַז דאָס זאָל אויך קאָנען דינען פאַר א קינ־דער־שול אאַז״וו. מען האָט אויך אַרויפגעבראַכט די פראַגע מכוח קאָלאָני־זאַציע, אָבער מען האָט איינגעזען אַז מען דאַרף דאָס איבערלאָזן אויף שפּע־טער.

מען האָט ניט פאַרלוירן קיין צייט און מען האָט געמאַכט א פּראַקטישן אָנהייב. מען האָט געקויפט א געביידע וואָס האָט זיך געפונען אויף סט. עליזאַבעט גאַס נומער 7, און וואָס איז פריער געווען באַקאַנט ווי „מאַר־שאַנס אַקאַדעמיע". מען האָט דאָס פּלאַץ אויסגעריכט און דעם 1טן דעצעמ־בער 1890 האָט מעיאָר דזשיימס מעקשיין, פון מאָנטרעאַל, די געביידע אָפּי־ציעל דערעפנט אונטער דעם נאָמען „באַראָן דע הירש אינסטיטוט". מען האָט דעם אייגענעם טאָג דאָרטן אויך אויפגעעפנט א פרייע קינדער־שול, וואָס האָט גלייך אָנגעהייבן מיט זיבן און זיבעציק תלמידים. דער פאַקט וואָס די באַראָן דע הירש קינדער־שול, הגם עס איז שוין דאַן געווען אינמיטן שול־יאָר, האָט פונדעסטוועגן געקאָנט זיך עפענען מיט אַזאַ גרויסער צאָל תלמידים, איז דאָ וויכטיק. דאָס איז דער בעסטער באַווייז אַז מען האָט די יידישע אימיגראַנטן־קינדער אין קיין שום אַנדער שול ניט געוואָלט אַריינ־נעמען, און אַז עס האָבן קיין שול־מעגלעכקייטן פאַר זיי בכלל ניט עקזיס־טירט. דער אויפטו וואָס איז דאָ דורכגעפירט געוואָרן איז דעריבער פאַר זיי געווען פון גרעסטער נויטווענדיקייט.

די וואָס האָבן זיך געשטעלט ביים באַראָן דע הירש אינסטיטוט און וואָס זייער עובדה איז געווען צו פאַרוואַלטן מיט דעם באַראָן דע הירש פאָנד, זיינען צוגעטרעטן צו נאָך אַנדערע אַרבעטן. זיי האָבן אין דער זעל־ביקער צייט אויך אויפגענומען א נאָענטע פאַרבינדונג מיט די דעמאָלט צוויי גרעסטע יידישע וועלט־אָרגאַניזאַציעס — מיט דער יידישער קאָלאָ־ניזאַציע־געזעלשאַפט (ייק״א) און מיט דער „אַליאַנס איזראַעליט".

דאָס יאָר 1891 האָט קיין קאַנאַדע געבראַכט א נייעם שטראָם יידישע איינוואַנדערער וואָס זיינען געקומען פון פאַרשיידענע לענדער, דער עיקר אָבער פון רוסלאַנד און פּוילן, און צוזאַמען דערמיט האָט זיך ווידער גע־שטעלט די פראַגע ווי זיי צו העלפן. עס האָט זיך אָבער איצט ניט געהאַנדלט וועגן מיטלען, נאָר וועגן דעם אופן פון באַנוצן זיך מיט אַזעלכע מיטלען. דער באַראָן אַליין האָט געהאַט אויסגעדריקט דעם וואונטש, אַז די הילף זאָל זיין א פּראַקטישע. ער האָט צו דעם צוועק פאָרגעלייגט, אַז מען זאָל די אי־מיגראַנטן זוכן צו באַזעצן אויף לאַנד, אויב מעגלעך אין די צפון־מערב טע־

ריטאָריעס, וואו מען זאָל גרינדן א יידישן אגריקולטורעלן ישוב. א קורצע צייט שפּעטער האָט מען אויך אויסגעאַרבעט א פּלאן וועגן דעם, הגם דער דאָזיקער פּלאן איז נאָך דעמאָלט געווען א גאַנץ צעשוואומענער.

די וואָס האָבן לויט דעם פאָרשלאָג וואָס איז וועגן דעם געקומען פון פּאַריז, געזאָלט מאַכן א פּרואוו דאָס דורכצופירן, האָבן געהאַט א גאָר קנאַפּע ידיעה אין דער זאַך. זיי האָבן ניט נאָר ניט געוואוסט פון וואָס זיי זאָלן אָנ־הייבן, נאָר זיי האָבן אפילו ניט פאַרשטאַנען מיט וואָס פאַר א שוועריקייטן די אונטערנעמונג וואָס זיי האָבן געהאַט אינזינען, איז געווען פאַרבונדן. זייערע כוונות זיינען אָבער געווען גוטע. געוויס זיינען זיי געווען שטאַרק דאַנקבאַר פאַר דער הילף וואָס מען האָט זיי אָנגעבאָטן, און וואָס האָט פון זיי אַליין געזאָלט אַרונטערנעמען א לאַסט וואָס איז געוואָרן אַלץ גרעסער.

אויף דער ערשטער יערלעכער אסיפה פונם אינסטיטוט, וואָס איז אָפּ־געהאַלטן געוואָרן דעם 1טן נאָוועמבער 1891 איז מר. לייאָן קאָהען (געבוירן אין סוואַלק, 1868; געשטאָרבן אין אָלד אָרטשאַרד, 1937) געוואָרן אויס־געקליבן פאַר ערן־סעקרעטאַר. זיין פאָרגייער איז געווען דער שפּעטערדי־קער יידישער כלל־טוער און פּאַרלאַמענטאַריער ס. וו. דזשייקאָבס (גע־בוירן אין לאַנקאַסטער, 1871; געשטאָרבן אין מאָנטרעאָל, 1938). ביידע זיי־נען פון דעמאָלט אָן געוואָרן ענג פאַרבונדן מיט דער ווייטערדיקער אַרבעט וואָס דער אינסטיטוט האָט אָנגעפירט, און זיי האָבן די דאָזיקע פאַרבינדונג אָנגעהאַלטן זייער גאַנץ לעבן. די רעזאָלוציע וואָס דער מאָנטרעאָלער יידי־שער צדקה־פאַראיין האָט אָנגענומען, באַדאַנקענדיק דעם באַראָן פאַר זיין פיינער נדבה, איז אין דעם פּנקס פון דעם דאָזיקן פאַראיין אַריינגעשריבן געוואָרן דורך מר. דזשייקאָבס, וועלכער איז דעמאָלט נאָך געווען א סטו־דענט אין מעקגיל.

דעם זעלביקן יאָר (1891) האָט זיך אויך פאָרמירט א קאָמיטעט פאַר קאָלאָניזאַציע, מיט דוד א. אנשל פאַר פאָרזיצער. דער קאָמיטעט האָט גע־נומען אויף זיך דורכצופירן די אָנגעוואָרפענע אויפגאַבע, ווי א טייל פון דער גרויסער הילף־אַקציע צווישן יידישע אימיגראַנטן וואָס איז גע־פּלאַנט געוואָרן. דאָס איז געווען א צייט, ווען קאַנאַדע האָט געזוכט אימיג־ראַנטן ווי מיט ליכט, ווען אירע טירן זיינען געווען אָפן פאַר אַלעמען און ווען מען וואָלט אין לאַנד דעריבער באַגריסט אזא קאָלאָניסטישע אונטער־נעמונג ווי די וואָס איז אין שייכות מיט דעם אינטערעס וואָס באַראָן דע הירש האָט אַנגעהייבן אַרויסווייזן דער דאָזיקער מדינה, דערוועקט געוואָרן צווישן די יידן פון מאָנטרעאָל. ווי דאָס ווייזט אויס, איז די נייעס וועגן דעם

ניט פאַרבליבן אַן אָפּקלאַנג אויך אין אָפיציעלע קאַנאַדער קרייזן, וואו מען האָט צו דעם זיך אָנגעהייבן באַציען מיט אַסך סימפּאַטיע.

כאַראַקטעריסטיש איז געווען אַ בריוו וואָס דער רעגירונגס־פאַרטרע־טער אין די צפון־מערב טעריטאָריעס האָט צוגעשיקט צום יידישן קאָמיטעט אין מאָנטרעאָל, מיט אַן אָנבאָט צו באַזעצן יידן אין דער אומגעגנט פון רע־דזשיינע. דער בריוו, אַ מערקווערדיקער דאָקומענט געשריבן אויף אַן אָפי־ציעלן בלאַנק, איז צו די יידן קיין מאָנטרעאָל איבערגעשיקט געוואָרן דורך דעם אַגריקולטור־דעפּאַרטמענט פון אָטאַווא. דער שרייבער האָט ניט גע־וואוסט ווי זיך צו שטעלן מיט זיי דירעקט אין פאַרבינדונג. דער בריוו, וואָס איז געווען געשריבן גאַנץ קורץ, האָט זיך געלייענט ווי פאָלגט:

„רעדזשיינע, נ. וו. ט.
יאַנואַר 15טן 1891.
„ווערטער הער,

„איך זע פון די צייטונגען, אַז איר האָט בדעה צו באַזעצן רוסישע יידן אין די צפון־מערב טעריטאָריעס. איך נעם זיך דעריבער די פריי־הייט אייך מודיע צו זיין, אַז די רוסן וועלכע געפינען זיך שוין אין דעם רעדזשיינע־דיסטריקט, זיינען אַלע אין אַ גוטן מצב, און אַז מיר האָבן נאָך זייער אַסך „האָומסטעד"־לאַנד ביז צען מייל אַרום רעדזשיינע.

„יעדע ווייטערדיקע אינפאָרמאַציע וועט אייך מיט פאַרגעניגן גע־געבן ווערן.

„איך פאַרבלייב,
מיט גרויס דרך ארץ, אייער
דזשאָן דזשיי. סטעמשאָרן
רעג. אימ. אַגענט,
רעדזשיינע".

דער דאָזיקער אָנבאָט איז געקומען אין אַ צייט, ווען די יידן פון מאָנט־רעאָל האָבן שוין געפּראָוואוט אויף אַ געוויסן אופן וועגן דעם אונטערהאַנדלען מיט דער קאַנאַדער רעגירונג, הגם עס איז וועגן יענע אונטערהאַנדלונגען, און וועגן דעם כאַראַקטער וואָס זיי האָבן געטראָגן, ווייניק וואָס באַוואוסט. דער קאָמיטעט פאַר קאָלאָניזאַציע האָט אָבער מיט אַ יאָר שפּעטער ערשט געשריבן צו סיר דזשאָן אַבאָט, דעם פּרעמיער אין אָטאַווא, בעטנדיק אויפ־נעמען אַ יידישע דעלעגאַציע וואָס זאָל מיט אים דיסקוטירן וועגן דעם גאַנצן פּלאַן. פּרעמיער אַבאַט, וועלכער האָט זיך באַצויגן פריינטלעך צו דער זאַך, האָט צו דעם איינגעוויליקט, און דעם 11טן יאַנואַר 1892 איז אַזאַ דעלע־גאַציע אים געקומען זען. צוזאַמען מיט אים האָבן זיך אויך געפונען דער

מיניסטער פון אגריקולטור און דער מיניסטער פון אינערן. זיי האָבן מיט די יידישע פאָרשטייערס ארומגערעדט די גאנצע לאגע אין אירע פארשיידנסטע פרטים. די רעזולטאטן פון דעם דאָזיקן אינטערוויו זיינען געווען צופרידנ־שטעליקע — אָבער אויך אַזוי ווייט בלויז, אויף ווי ווייט די יידישע פאָר־שטייערס האָבן געהאַט יעדן גרונט צו גלויבן, אַז די קאנאדער רעגירונג איז געווען גערן צו העלפן אין זייער געפלאנטער אונטערנעמונג.

דער איניציאַטיוו פאר דעם דאָזיקן אינטערוויו איז אָבער ניט געקומען פון אינעווייניק נאָר פון דרויסן. פונוואנען דער גאנצער געדאנק איז דאן אָנגערעגט געוואָרן. דער קאָמיטעט פאר קאָלאָניזאציע האָט אונטער דער צייט געהאַט דערהאלטן א בריוו פון דר. זיגיסמונד זאָנענפעלד, דעם די־רעקטאָר פון דער ייק״א אין פאַריז. דער בריוו האָט געטראָגן די דאַטע פון 3טן נאָוועמבער 1891. דר. זאָנענפעלד האָט געבעטן אז מען זאָל אים צו־שטעלן די פארשיידנסטע אויספירלעכע ידיעות מכוח דער מעגלעכקייט צו קאָלאָניזירן יידן אין דעם צפון־מערב טייל קאנאדע. אין דעם אינטערוויו מיט דעם פרעמיער און זיינע צוויי מיניסטאָרן זיינען דעריבער באַרירט גע־וואָרן יענע אלע פונקטן וואָס האָבן געהאַט א שייכות מיט דעם ענין יידישע קאָלאָניזאציע, ווי זיי זיינען ארויסגעבראכט געוואָרן אין דעם בריוו פון דעם דירעקטאָר פון דער ייק״א אין פאַריז.

עס ווערט דאָ דערפאר קלאָר ווי אזוי די גאנצע פראגע וואָס איז ארומ־גערעדט געוואָרן בעת דעם אינטערוויו אין אָטאווא, און וואָס פון איר איז שפעטער ארויסגעוואַקסן א גרויסער קאָלאָניזאציע־פּראָיעקט, איז דאן לכתחילה ארויפגעשוואומען. ווי דאָס איז צו זען, האָט די רעגירונג פון איר זייט זיך באַצויגן מיט באַזונדערן ערנסט צו דעם וואָס מען האָט איר פאָר־געלייגט, — אפשר מיט אסך מער ערנסט ווי די יידן אליין האָבן דאָס געטאָן. איר האָט שטארק געלאָקט א געדאנק מיט וועלכן מען האָט אין היגע קרייזן אין יענער צייט זיך ארומגעטראָגן, און וואָס דערפון האָט זיך גאָר־נישט אויסגעלאָזט. דאָס איז געווען, אז באַראָן דע הירשעס דעמאָלט גע־פלאנטע אונטערנעמונג אין ארגענטינע זאָל זיין א דורכפאל, און אז דער באַראָן זאָל זיין אויפמערקזאמקייט אָפּווענדן אויף קאנאדע.

עס איז אפילו קאָנטיק, אז דער אינטערעס וואָס אָטאווא האָט דאָ גע־האט ארויסגעוויזן איז ניט געווען באַגרענעצט אויף דעם אינטערוויו מיט מאָנטרעאָלער יידישע פירערס. עס לאָזט זיך גלויבן, אז אין דער קאנאדער הויפּטשטאָט איז אויך געווען אָנגעגאנגען וועגן דעם א בריוו־וועקסל מיט סיר טשארלס טאָפּער — איינער פון די פאָטערס פון קאָנפעדעראציע — אונדזער דעמאָלטיקער היי־קאָמישאָנער אין לאָנדאָן און שפּעטערדיקער קא־

נאָדער פּרעמיער. דער היי־קאָמישאָנער איז געשטאַנען אין פאַרבינדונג מיט ייִדישע פאָרשטייערס דאָרטן. ער האָט געדאַרפט האַלטן אַן אויג אויף דעם גאַנג פון געשעענישן בנוגע דעם ייִדישן וואַנדער־פּראָבלעם. אינדירעקט זיינען דורך אים אויך געפירט געוואָרן געוויסע אונטערהאַנדלונגען אַפילו מיט באַראָן דע הירש אַליין.

פאַראַן אַ דאָקומענט וואָס וואַרפט אַ באַזונדער ליכט אויף דעם. דאָס איז אַ בריוו צום פּרעזידענט פון באַראָן דער הירש אינסטיטוט אין מאָנט־רעאַל, אויף וועלכן עס שטייט אויפגעשריבן „קאָנפידענציעל". דער בריוו וואָס טראָגט די דאַטע דעצעמבער 26טן 1891, מיט דעם שטעמפּל „אָפיס פון היי־קאָמישאָנער פאַר קאַנאַדע", איז געשריבן פון יו סאָדהערלאַנד, וועל־כער איז געווען סיר טשאַרלס טאָפּערס סעקרעטאַר.

„איך האָב דערפאַרן אויף אַ העכסט קאָנפידענציעלן אופן", שרייבט ער דאָרטן צווישן אַנדערן, „אַז די אונטערהאַנדלונגען צווישן באַראָן דע הירש מיט דער אַרגענטינישער רעפּובליק האָבן זיך אָנגע־שטויסן אויף גאַנץ ערנסטע שוועריקייטן, און אַז מען האָט פאַריקע וואָך אַהין אַוועקגעשיקט אַ באַפולמעכטיקטן מענטשן, וועמען איך קען גראָד זייער גוט, צו זען אַז מען זאָל פון אַרגענטינע זיך איינגאַנצן צו־ריקציען — סיידן די רעגירונג דאָרטן וועט ווערן נאָכגעביקער אין איר שטעלונג צו ייִדישער קאָלאָניזאַציע. איך האָב גרונט צו גלויבן, אַז אויב די אונטערהאַנדלונגען וועלן אָפּגעבראָכן ווערן, וועט מאַני־טאָבע אויפגענומען ווערן אין דער ערשטער ריי און לויט אַ גאַנץ ברייטן פּלאַן. דערווייל אָבער וואַרט די זאַך — ביז יענע באַפולמעכ־טיקטע פּערזאָן וועט זיין צוריק אין אַ צוויי חדשים אַרום.

„איך גיב זיך יעדע מי אַז דער באַראָן זאָל זיך פאַראינטערעסירן מיט מאַניטאָבע. איך האָב אַפילו אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן וואָס איז אים צוגעשטעלט געוואָרן, און צו וועלכן זיינע פאָרשטייערס באַציען זיך מיט צוטרוי . . ."

עס לאָזט זיך דערפון מאַכן בלויז איין אויספיר. דאָס איז, אַז דעם קאַ־נאַדער פאָרטרעטער אין ענגלאַנד איז דער ענין געווען נאָענט צום האַרצן. אויב אָבער מען האָט אין דעם היי־קאָמישאָנערס אָפיס אַרויסגעוויזן אַזאַ אינטערעס צום פּראָבלעם פון ייִדישער קאָלאָניזאַציע און צו דער אַרגענ־טינישער פראַגע בכלל וואָס איז דערין געווען פאַרוויקלט, איז דאָס מסתמא ניט געווען אויף אייגענער אחריות אַליין. געוויס איז דאָס געטאָן געוואָרן מיט דעם וויסן און אויף די אָנווייזן פון דער קאַנאַדער רעגירונג. קאַנאַדע האָט דעמאָלט געהאַט גרויס חשק צו קאָנקורירן מיט אַרגענטינע אין די

פלענער פאר יידישער קאלאניזאציע, מיט וועלכע באראן דע הירש האט זיך געהאט פאראינטערעסירט. זי האט געוואלט ציען אויפמערקזאמקייט אויף אירע ריזיקע און נאך האלב־ליידיקע שטרעקעס לאנד און מיט דעם באקענען די יידישע וועלט. אין אירע אויגן, ווי איר האט זיך אויסגעזען, וואלט עס געווען א גוטע זאך, ווען דער באראן זאל דא געוואן אינוועסטירן א באדייטנדיקן קאפיטאל אויף צו באזעצן יידן. זי איז פאר דעם צוועק אפילו געווען גרייט פארצולייגן דעם בעסט־באפעלקערטן טייל מערב־קאנאדע — די פראווינץ מאניטאבע.

פון דעם ציטירטן דאקומענט מוז מען אויך דרינגען, אז די קאנאדער רעגירונג האט געזוכט אויף פארשיידענע אופנים צו שטעלן זיך אין פאר־בינדונג מיט די פירערס פון וועלט־יידנטום, דער עיקר מיט אזעלכע יידי־שע פערזענלעכקייטן, וואס וואלטן געקאנט ווירקן אויף דעם באראן אז ער זאל זיך פאראינטערעסירן מיט קאנאדע.

פון א ווייטערדיקער שטעל אין דעם אייגענעם קאנפידענציעלן בריוו זעט מען, אז מען האט פון היי־קאמישאנערס אפיס געבעטן די יידישע פי־רערס פון מאנטרעאל, אז זיי זאלן פון זייער זייט זיך אויך שטעלן וועגן דעם אין פארבינדונג מיט דעם „לאנדאנער קאמיטעט", אבער אז זיי זאלן — מסתמא צוליב פארשטענדלעכע פאליטישע טעמים — ניט דערמאנען אז מען האט פון היי־קאמישאנערס אפיס צו זיי וועגן דעם געשריבן.

צום באדויערן אבער האבן די יידישע פירערס ניט אין לאנדאן און ניט אין קאנאדע קלאר באגריפן, וואס פאר א גרויסע און גאלדענע געלעגנהייט עס איז פאר יידן דאן געשטאנען, און וואס אייגנטלעך עס האט געמיינט דאס וואס מען האט זיי געהאט פארגעלייגט. און דאס איז אפשר געווען נא־טירלעך. אין ענגלאנד גופא האט מען אין יענער צייט ארויסגעוויזן קאנא־דע א קנאפן אינטערעס און איר געשאנקען גאנץ ווייניק אויפמערקזאמקייט. וואס איז שייך די ארטיקע יידישע פירערס, איז די אויפגאבע מיט וועלכער זיי זיינען דא צונויפגעבראכט געווארן געווען ווייט ניט לויט די כוחות און די מיטלען, מיט וועלכע זיי וואלטן זיך דאס געקאנט אנמעסטן דורכצו־פירן.

פונדעסטוועגן האבן זיי מיט דעם ענין יידישע קאלאניזאציע ניט אויפ־געהערט זיך צו אינטערעסירן. אין חודש יאנואר 1892 האבן זיי איבערגע־שיקט צו פרעמיער אבאט א מעמאראנדום, אין וועלכן זיי האבן פארמולירט פערצן פארשיידענע פראגעס. די דאזיקע פראגעס האבן ארומגענומען אלץ וואס האט געהאט צו טאן מיט דורכפירן דעם פלאן צו באזעצן א גרויסע צאל יידן אין לאנד. דאס איז אפנים געווען א רעזולטאט פון דעם אינטערוויו וואס

זיי האָבן געהאַט מיטן פּרעמיער, און אין הסכם מיט דער בקשה וואָס דר. זאָנענפעלד האָט אויסגעדריקט.

דער ענטפער וואָס איז דערהאַלטן געוואָרן פון אָטאַווע טראָגט די דאַטע 15טער פעברואַר 1892. דאָס איז געווען אַ גאַנץ לאַנגער בריוו וואָס האָט פאַרנומען בערך צען זייטן. אין דעם בריוו ווערט יעדע פראַגע באַריכות אַרומגערעדט און פאַרענטפערט. דער טאָן האָט דאָ ניט איבערגעלאָזט קיין ספק וועגן דעם וואָרעמען אינטערעס וואָס די קאַנאַדער רעגירונג האָט גענומען אין דער גאַנצער אָנגעלעגנהייט, און ווי גערן זי איז געווען מיט די יידן אין דעם פּרט צו קאָאָפּערירן.

„אייער בריוו פון 16טן פאַריקן חודש, וועלכן איר האָט געשיקט צום פּרעמיער", לייענען מיר אין דעם דאָזיקן לאַנגען ענטפער, „איז איבערגעגעבן געוואָרן צו אונדז. אייניקע פון די פראַגעס וואָס איר שטעלט האָבן אַ שייכות מיט דעם אינערן־מיניסטעריום, און איך בין אינסטרואירט אייך צו מודיע זיין, אַז די פאָלגנדיקע תשובות זיינען צוגעגרייט געוואָרן מיט דער אויטאָריטעט און אויף די אָנווייזן פון דעם אגריקולטור־מיניסטער, נאָך דעם ווי מען האָט זיך בעראָטן מיט די הויפּטבאַאַמטע פון ביידע מיניסטעריומס . . ."

דאָ קומען געוויסע און אויספירלעכע ענטפערס אויף איטלעכער פראַגע באַזונדער. ווי אַ מוסטער וועט זיין גענוג צו ברענגען דעם פאָלגנדיקן אויסצוג, וואָס באַשטייט פון דער ערשטער פראַגע, מיט אַן ענטפער אויף איר:

„פראַגע נומער איינס. וואָס פאַר לאַנד וואָס קאָן באַנוצט ווערן האָט די רעגירונג, וואו מען זאָל קאָנען גרינדן אַ קאָלאָניע פון, לאָמיר זאָגן, אַ צוויי טויזנט פאַמיליעס אָדער אומגעפער צען טויזנט מענטשן?"

„ענטפער. פאַראַן פאַרשיידענע ערטער אין מאַניטאָבע און אין די צפון־מערב טעריטאָריעס, וואו מען קאָן געפינען פּאַסיק לאַנד צו גרינדן דאָרט אַזאַ קאָלאָניע; אָבער עס זיינען פאַראַן דריי הויפּט־פּונקטן וואָס געפינען זיך ניט ווייט פון אַן אייזנבאַן־ליניע, און וואָס מען וואָלט אויף זיי געדאַרפט ציען באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. די דאָזיקע פּונקטן זיינען די דיסטריקטן פרינץ אלבערט, רעד דיר און עדמאָנטאָן. עס וואָלט אָבער געווען גוט אַז אייער קאָמיטעט זאָל באַשטימען עפּעס אַ קאָמפּעטענטן מענטשן וואָס זאָל פון אייערטוועגן אונטערזוכן די דערמאָנטע געגנטן און אַנדערע געגנטן, וואָס קאָנען זיין פּאַסיק פאַר דעם צוועק. עס איז, פאַרשטייט זיך, וויכטיק אַז אייער פאַרשטייער זאָל זיך בעראָטן מיט די באַאַמטע פון ביידע מיניסטעריומס. ער קאָן מיט זיי צוזאַמען אויסאַרבעטן אַ פּלאַן, לויט וועלכן די צילן זאָלן קאָנען צום בעסטן דערגרייכט ווערן,

נעמענדיק אין באטראכט דעם כאראקטער, די צוגעפאסטקייט און די אגריקולטורעלע דערפארונג פון די וועמען מען וויל באזעצן. מיר האָבן עס תמיד באטראכט אז עס איז בעסער, אז די וואָס האָבן בדעה צו ווערן קאָלאָניסטן זאָלן זיך אליין אויסקלייבן דאָס לאנד וואָס געפעלט זיי, אָדער אַז זיי זאָלן דאָס טאָן דורך זייערע באפולמעכטיקטע פאָרשטייערס. דאָס אינערן־מיניסטעריום וועט דורך זיינע באאמטע אָדער אגענטן אין די צפון־מערב טעריטאָריעס געוויס געבן יעדע געלעגנהייט צו מאכן אזא אויסקלייב״.

דאָס איז דוכט זיך גענוג צו געבן אונדז א באגריף, ווי אזוי די קא־נאדער רעגירונג האָט דאן געקוקט אויף דעם. מען איז אין אָטאווא געווען גערן צו העלפן און מען האָט זיך דערקלערט גרייט צו געבן „יעדע גע־לעגנהייט״ די וואָס האָבן געוואָלט זיך נעמען פאר דער גרויסער אויפגאבע וואָס מען האָט געהאט אָנגעצייכנט. פון אָט דער זייט הייסט דאָס האָבן ניט געזאָלט זיין קיין מניעות פאר די וואָס האָבן געוואָלט אָפּווענדן די הילף פאר יידישע איינוואנדערער אין א נייער ריכטונג, און טאָן דאָס אויף א גרויסן שטייגער.

עס איז כדאי צו האָבן אינזינען וואָס עס זאָגט זיך אין דער ערשטער פון די פערצן פראגעס, מיט וועלכע דער יידישער קאָלאָניאציע־קאָמיטעט האָט זיך געהאט געווענדט צום פרעמיער. דער דאָזיקער קאָמיטעט, זעען מיר, האָט לכתחילה געהאט אין געדאנק א פלאן פון גאנץ באזונדערן פאר־נעם. אין דעם צוגעשטעלטן מעמאָראנדום האָט זיך גערעדט וועגן גרינדן אן אגריקולטורעלן ישוב פון א צוויי טויזנט יידישע פאמיליעס אָדער בערך א צען טויזנט מענטשן. ווען מיר ווייסן אז די גאנצע יידישע באפעל־קערונג אין קאנאדע איז דעמאָלט ניט באשטאנען פון מער ווי בלויז א זיבן טויזנט נפשות, קאָנען מיר דערפון זען, ווי ווייט אייניקע האָבן געהאט די כוונה זיך צו פארמעסטן. מיט א האלבן יאָרהונדערט שפעטער וואָלט דאָס געקאָנט הייסן כמעט דאָס אייגענע, ווי אז מען וואָלט אין קאנאדע געפלאנט צו באזעצן א 200 הונדערט טויזנט יידן.

אָבער פון דעם פלאן האָט זיך גאָרנישט אויסגעלאָזט. דאָס גאנצע משתדל זיין זיך און דאָס אונטערהאנדלען פון ביידע צדדים האָט צו קיין ממשותדיקע רעזולטאטן ניט געפירט. צום באדויערן האָבן די יידן ניט געוואוסט ווי זיך צו באנוצן מיט דעם אָנבאָט וואָס מען האָט זיי געמאכט — צו געבן זיי פריי לאנד פאר א קאָמפּאקטן ישוב וואו נאָר זיי וואָלטן גע־וועלט. זיי האָבן ניט פארשטאנען די וויכטיקייט פון אָט אזא געלעגנהייט דאן, ניט אזוי פאר דער קעגנווארט ווי פאר דער צוקונפט. זיי זיינען דערמיט בא־

גאַנגען אַ טעות, פאַר וועלכן מען קאָן אין ליכט פון די באַדינגונגען וואָס האָבן אין דער יידישער וועלט זיך געשאַפן מיט יאָרן שפּעטער, זיי געוויס ניט מוחל זיין.

אפשר איז די זאַך פאַר זיך אַליין געווען ניט נאָך די כוחות פון די, אויף וועמעס פּלייצעס עס וואָלט געלעגן צו דאַרפן דורכפירן אַזאַ קאָלאָסאַלע אונטערנעמונג. חוץ די מיטלען וואָס דאָס האָט געפאָדערט און וואָס פאַריז וואָלט צוגעשטעלט, איז דאָס אין זייערע אויגן אויך געווען פאַרבונדן מיט אַן אחריות, פאַר וועלכער זיי זיינען געווען קנאַפּ וואָס באַגייסטערט. זיי האָט בכלל געפעלט די געהעריקע פאַרשטענדעניש פאַר דעם ציל מכוח וועלכן עס האָט זיך געהאַנדלט. זיכער איז אָבער אויך אַז דאָס פּראָבלעם וואָס זיי האָבן פאַר זיך דערזען, און וואָס איז מיט דעם צוקומען פון יעדע נייע ביסל יידישע איינוואַנדערער געוואָרן אַלץ דרינגענדיקער, האָט זיך ניט אַריינגעפּאַסט אין זייערע השגות וועגן יידישער אימיגראַנטן־הילף ווי זיי האָבן דערויף געקוקט. אָט די דאָזיקע השגות זייערע זיינען געווען קליינע און באַגרענעצטע. די מענטשן מיט די דאָזיקע השגות האָבן די הילף פאַר יידישע אימיגראַנטן זיך געהאַט פאָרגעשטעלט אַנדערש: דער יידישער אימיגראַנט, באַזונדערס דער אָרעמער יידישער אימיגראַנט, איז אין זייערע אויגן געווען ניט מער ווי אַן אָביעקט פון פילאַנטראָפּיע, און פילאַנטראָפּיע כידוע גיט זיך בלויז אָפּ מיט מאָמענטאַנער הילף. זי זוכט ניט קיין פּראַקטישן תכלית און זאָרגט זיך ניט מכוח דער צוקונפט פון די וואָס זיינען אויף איר אָנגעוויזן.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם סאָרט פילאַנטראָפּיע וואָס האָט צווישן קאַנאַדער יידישע פירערס געגאָלטן אין יענער צייט, איז אַ בריוו וועלכן דער פּרעזידענט פון באַראָן דע הירש אינסטיטוט, אַליין אַן אימגראַנטישער ייד וואָס האָט זיך שוין געהאַט אַרויפגעאַרבעט, האָט געשריבן צום סעקרעטאַר פונם קאַנאַדער היי־קאָמישאָנער אין לאָנדאָן. אין דעם בריוו פאַרענטפערט ער זיך אַז ער האָט ניט קיין סך צייט זיך אָפּצוגעבן מיט דעם ענין וואָס איז אַרויפגעבראַכט געוואָרן. זיינע געשעפטן, באַמערקט ער דאָרט, דערלויבן אים ניט טיפער זיך אַריינצוטראַכטן אין דער פראַגע פון קאָלאָניסטישער הילף פאַר יידישע אימיגראַנטן, הגם דאָס איז אים „אַזוי נאָענט צום האַרצן". ער איז געווען הייסט עס צו פאַרנומען. וואָלט ער ניט געווען אַזוי פאַרנומען, וואָלט דער גאַנצער גאַנג פון יידישן לעבן אין קאַנאַדע דאַן געקאָנט אָננעמען אַן אַנדער ווענדונג.

דער פּועל יוצא איז דערפאַר געווען אומפאַרמיידלעך. פון דעם גרויסן פּראָיעקט מיט דעם פריי אָנגעבאָטענעם לאַנד פאַר יידן, צו וואָס מען האָט

אין אָטאווא זיך געהאט באצויגן מיט אזוי פיל אינטערעס, איז גאָרנישט געוואָרן. מען האָט דאָס אפנים אויפגעגעבן. אויך די רעגירונג פון איר זייט האָט מסתמא ביז דאַן זיך געהאט איבערצייגט, אז די געפירטע אונ־טערהאנדלונגען זיינען געווען ארויסגעוואָרפן.

צי מען זאָל עס צושרייבן אפאטיע צי ניט, אָבער די שטעלונג וואָס די יידן אליין, אין קאנאדע און אנדערשוואו, האָבן דאָ געהאט אָנגענומען, איז געווען אומפארשטענדלעך. אפילו אין פאריז גופא, וואוהין מען האָט געהאט אָוועקגעשיקט אַ באריכט פונם אינטערוויו אין אָטאווא צוזאמען מיט אַלע אַנדערע פארלאנגטע ידיעות, האָט מען זיך אויך ניט געאיילט צו ענטפערן.

אונטער דער צייט האָבן די דירעקטאָרן פון באראָן דע הירש אינסטיטוט אויך באקומען אן אָנבאָט פון דעם „מענשאָן הויז" קאָמיטעט אין לאָנדאָן, די פארוואלטערס פון דעם לאנד ביי מוסאָמין, צו נוצן דאָס דאָזיקע לאנד פאר צוועקן פון יידישער קאָלאָניזאציע. דער דאָזיקער אָנבאָט איז זיי פאָרגע־לייגט געוואָרן אין א בריוו פון 16טן נאָוועמבער 1891. ענדלעך איז אָבער אויך דערהאלטן געוואָרן א תשובה פון פאריז, וואָס האָט געגעבן א גע־לעגנהייט אויף אן אמת צוצוטרעטן צו קאָלאָניסטישער ארבעט. אָבער אויך דער דאָזיקער פרואוו האָט אין אָנהייב זיך ארויסגעוויזן פאר ניט זייער גע־לונגען.

פון פאריז איז געקומען דער צוזאָג פון דער ייק"א מכוח געהעריקער פינאנציעלער שטיצע, אויב מען זאָל ערגעץ אין מערב־קאנאדע גרינדן אן אגריקולטורעלן ישוב פון יידן. דאָס האָט ביי די באראָן דע הירש פאָנד־פארוואלטערס אין מאָנטרעאָל ווידער אויפגעוועקט דעם אינטערעס צו יידישער קאָלאָניזאציע, און דאָס מאָל האָבן זיי באשלאָסן מיט די זיי צוגע־זאָגטע מיטלען צו מאכן ווינציקסטנס א פרואוו דעם פלאן צו פארווירקלעכן.

דאָס סאמע פראקטישסטע — ווי זיי האָט זיך עס געדוכט — וואָס זיי האָבן געקאָנט טאָן כדי דורכצופירן וואָס מען האָט זיי פאָרגעלייגט, איז געווען צו זען טאָן דאָס תיכף, ניט אָפלייגנדיק עס. האָבן זיי אָן אן ארייג־טראכטן זיך אין דעם פראָבלעם און אָן א שום וויטערדיקן אויספאָרשן פון די באדינגונגען און די שוועריקייטן, מיט וועלכע דאָס איז געווען פאר־בונדן, זיך גענומען פאר דער דאָזיקער אויפגאבע. אזוי איז געבוירן געוואָרן דער יידישער לאנד־ישוב אין דעם דיסטריקט וואָס איז באקאנט אונטער דעם נאָמען הירש, אין סאסקאטשעוואן. מען האָט דאָרט באזעצט זיבן און פערציק משפחות.

די קאָלאָניסטן, אסך פון זיי מיט גאנץ ווינציק דערפארונג וועגן לאנד־ארבעט, און לחלוטין ניט פיאיקע זיך צוצופאסן צום הארטן, שווערן לעבן

צו וועלכן מען האָט זיי געוואָלט צוגעוואוינען, האָבן די ערשטע צייט זייער פיל געליטן. זייער מצב איז געווען שרעקלעך, און די יידן פון מאָנטרעאָל זיינען וועגן דעם געוואָרן ערנסט באַזאָרגט. זיי האָט שטאַרק געשראָקן דער געדאַנק וועגן אַ נייעם דורכפאַל, און ווי דאָס האָט אויסגעזען, האָבן זיי אויך געהאַט אַ גרונט פאַר דעם. אַז זייער מורא איז ניט געווען קיין אומזיסטע, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ קורצע צייט שפּעטער, ווען פון אַלע קאָלאָניסטן זיינען געבליבן בלויז ניין.

דאָס איז געווען גענוג, אַז די וועלכע האָבן דעם קאָלאָניסטישן פּראָיעקט געדאַרפט דורכפירן, זאָלן אָנהייבן ווערן אַביסל סקעפּטיש וועגן דער גאַנ־צער זאַך. וואָס עס האָט זייער ענטוזיאַזם נאָך מער אָפּגעקילט איז געווען דער פאַקט, וואָס אין פּאַריז האָט מען זיך ניט געאיילט מיט איבערשיקן די צוגע־זאָגטע פינאַנציעלע מיטלען פאַר דער אונטערנעמונג. עס האָט זיך אויסגע־לאָזט, אַז פון דער סומע וואָס דר. זאַנענפעלד האָט אין נאָמען פון דער יי״קא פאַרזיכערט אַז מען וועט צושיקן, האָט מען זיך אַרונטערגעלאָזט בלויז אויף צוויי דריטל דערפון, און אַפילו די דאָזיקע צוויי דריטל האָט מען אויך ניט צוגעשיקט גלייך. אייניקע האָבן דעריבער פאַרגעלייגט אַז מען זאָל די קאָלאָ־ניסטישע טעטיקייט אינגאַנצן אויפגעבן.

מען האָט דאָס אָבער ניט אויפגעגעבן. מען האָט דערוויילט אַ נייעם קאָלאָניזאַציע־קאָמיטעט, מיט מר. לאַזאַרוס כהן (געבוירן אין סואוואַלק, 1844; געשטאָרבן אין מאָנטרעאָל, 1914) פאַר פאָרזיצער, וואָס האָט די אַר־בעט פונדאַסניי אויפגענומען. אין 1893 האָט לאַזאַרוס כהן באַזוכט די קאָ־לאָניע הירש כדי פּערזענלעך זיך צו באַקענען מיט דער לאַגע דאָרטן. ער האָט זיך פאַראינטערעסירט מיט דעם גורל פון די קאָלאָניסטן און האָט אויף פאַרשיידענע אופנים געזוכט זיי צו העלפן. אַ מאַן מיט ענערגיע, וואָס איז תמיד געווען גרייט צו אַרבעטן פאַר יעדער גוטער זאַך, האָט ער פון זייערט־וועגן געזוכט צו טאָן אַלץ וואָס ער האָט געקאָנט. עס האָט געהאָלטן דערביי, אַז דער ישוב אין הירש זאָל זיך פולשטענדיק צעפאַלן. דאָס איז אָבער פאַר־מידן געוואָרן אין צייט, און די באַדינגונגען דאָרטן האָבן זיך ביסלעכווייז פאַרבעסערט. געשען איז דאָס אַ דאַנק דעם וואָס די יי״קא פון פּאַריז איז, אויף די דרינגענדיקע בקשות מיט וועלכע מען האָט מכוח דעם זיך געווענדט פון מאָנטרעאָל, די קאָלאָניסטן דאָך פאָרט געקומען צו הילף. די קאָלאָניע האָט זינט דעמאָלט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע צייטן, ביז עס איז געלונגען זי אוועקצושטעלן אויף אַ מער־ווייניק געזיכערטן באַזיס.

די דערפאַרונג וואָס מען האָט אַרויסגעטראָגן פון דעם ניט געלונגענעם אַגריקולטורעלן עקספּערימענט מיט צען יאָר פריער, איז איצט געקומען

צוניץ. מען האָט פון יענעם עקספּערימענט אסך געלערנט. דער עיקר האָט מען געלערנט ניט צו באגיין קיין טעותים, וואָס מען האָט בעסער פאַרשטייענדיק די אגריקולטורעלע און קלימאַטישע באדינגונגען פון דער סביבה געקאָנט אויסמיידן. דאָס מיינט אָבער ניט אז פון דעמאָלט אָן איז יעדער פּרישער פּרואוו צו מאַכן פון יידן לאנד־ארבעטער, באַזעצנדיק זיי אין פּוסטע, ווילדע געגנטן, באגעגנט געוואָרן מיט בלויז דערפּאָלג.

די באוועגונג וואָס איז אין דער יידישער וועלט לכתחילה אָנגערעגט געוואָרן דורך דעם פּלאַן מכוח ארגענטינע, האָט אָבער ניט פאַרפעלט צו געווינען אָנהייגער. פון דער באוועגונג האָבן ניט ווייניק מענטשן זיך געלאָזט מיטרייסן. דער פאַרלאַנג וואָס איז בײַ זיי געבוירן געוואָרן איבערצובויען זייער לעבן אויף נײַע יסודות, האָט אויך אין דעם דאָזיקן נייעם, יונגען לאנד געגומען אלץ מער ארומכאַפּן אסך יידישע יחידים. אזוי האָבן יידן אין 1892 זיך אויך אָנגעהייבן באַזעצן אין אָקסבאָו, בערך א 25 מייל פון הירש. די ערשטע יידישע קאָלאָניסטן זיינען אהין געקומען אָן קיינעמס שטיצע און אויך מיט ווינציק מיטלען. זיי איז דערפאַר אָנגעקומען מיט אסך שווערער מאַטערניש צו קאָנען זיך דורכשלאָגן זייער וועג. דאָס זיינען אָבער ניט געווען די פּיאָנערן פון יידישן ישוב וואָס איז דאָרטן אויפגעקומען. די ערשטע יידישע פּיאָנערן אין אָקסבאָו זיינען געווען יעקב פּירס און זיינע זין, וואָס זיינען אהין אריבערגעקומען נאָך אין 1888. זיי האָבן שפּעטער אויך דערמוטיקט אנדערע צו קומען דאָרט זיך באַזעצן און צו פאַרנעמען זיך מיט לאנדווירטשאַפט.

דער ערשטער פאַרמער אין דער יידישער קאָלאָניע אין וואַפּעלאַ איז געווען א רוסישער ייד, דזשאָן העפּנער, וועלכער איז אין 1886 אריבערגעקומען קײַן קאנאדע פון לאָנדאָן, ענגלאנד. איינצלנע יידן האָבן אין די נײַנציקער יאָרן זיך אויך אָנגעהייבן באַזעצן אין אנדערע ערטער אין די צפון־מערב טעריטאָריעס. אזוי האָט דאָרט ביסלעכווייז געגומען אויסוואַקסן א ישוב פון יידישע דאָרפמענטשן, הגם אין א זייער קליינעם פאַרמאַט. דער ווילן צו לעבן אין דער געזונטער אומגעבונג פון דער נאַטור האָט טייל אימיגראַנטן געגומען רייצן. דער דאָזיקער ווילן איז בײַ זיי געוואָרן שטאַרקער אפילו פון דעם נסיון צו דאָרפן דערבײַ אזוי פיל אויסשטיין און דורכגיין די ביטערסטע ליידן און פּלאָגענישן. אין די מערסטע פאַלן האָבן זיי געקראָגן שטיצע פון דעם קאָמיטעט אין מאָנטרעאָל, וואָס איז געשטאַנען אין א כסדרדיקער פאַרבינדונג מיט די ייק״א־פּירערס אין פּאַריז. ווי מיר קאָנען עס זען פון א ייק״א־פּראָטאָקאָל פון יענער צייט, האָט מען אין

מאָנטרעאָל אפילו געשטיצט די משפחות, וואָס טייל קאָלאָניסטן האָבן אין דער דאָזיקער שטאָט געהאַט איבערגעלאָזט.

די טעטיקייט פון דעם באַראָן דע הירש אינסטיטוט, אַרום וועלכן אַ שטיק קאַנאַדער יידיש לעבן אין זיינע פאַרשיידנסטע פּאַזעס איז אַ לאַנגע צייט געווען קאָנצענטרירט, איז אָבער ניט געווען באַגרענעצט אויף קאָ־לאָניסטישער הילף אַליין. אַ וויכטיקער צווייג אַרבעט פון דעם דאָזיקן אַנ־שטאַלט איז געוואָרן די דערציאונג פון יידישע אימיגראַנטן־קינדער, און מען האָט עס געשאָנקן גרויס אויפמערקזאַמקייט. די טעגלעכע שול ביים אינסטיטוט איז געוואָרן אַלץ גרעסער. פון 77 תלמידים מיט וועלכע זי האָט אָנגעהייבן, איז די צאָל אין 1893 אויסגעוואַקסן אויף 316, אינגלעך און מיידלעך, מיט וועמען מען האָט, חוץ אַ העברעאישן קלאַס וואָס מען האָט פאַר זיי אויפגעהאַלטן, געלערנט אַלע עלעמענטאַרע שול־לימודים. דער אינסטיטוט האָט אויך געעפנט ענגלישע אָוונט־קלאַסן פאַר דערוואַקסענע אימיגראַנטן.

אָט די דאָזיקע שול האָט געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָל אין דעם גייס־טיקן לעבן פון קינדער פון איינגעוואַנדערטע עלטערן. זי איז געווען די אינ־סטיטוציע וואָס האָט אין דעם נייעם לאַנד די ערשטע געלייגט דעם שטעמפּל אויף זייער אַנטוויקלונג. צווישן אירע ווענט האָבן גענאָסן זייער ערשטע בילדונג אַסך שפּעטערדיקע יידישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטן, פּראָפעסיאָ־נאַלן און אַנדערע באַקאַנטע פּערזענלעכקייטן אין לאַנד. ניט געקוקט אָבער אויף דעם וואָס זי האָט אויסגעפּילט אַזאַ באַדערפעניש, האָט זי די ערשטע צייט געהאַט דורכצומאַכן אַסך ערנסטע שוועריקייטן. אפילו מיט דער שטיצע וואָס זי האָט געקראָגן פון דער „אַליאַנס איזראַעליט", זיינען אירע מיטלען געווען ווייט ניט גענוג פאַר אירע צוועקן. עס האָט שיר ניט געהאַלטן אַז זי זאָל זיך דאַרפן צומאַכן, און אַ פאָרשלאָג איז דאַן געמאַכט געוואָרן אַז מען זאָל זען קריגן אַ גרעסערן חלק פון די יידישע שול־שטייערן.

דער דאָזיקער פאָרשלאָג האָט אָבער אַרויסגערופן אַ פאַרשאַרפטן סכסוך וואָס איז צווישן די יידן פון מאָנטרעאָל אויסגעבראָכן, און וואָס האָט זיך צעפלאַקערט אין אַ ביטערן קריג. אַרויסגעקומען איז דאָס צוליב דעם וואָס די ספרדישע געמיינדע, וואָס האָט פון דער קאַטאָלישער שול פאַרוואַלטונג געקראָגן אויסגעצאָלט 80 פּראָצענט פון די יידישע שול־שטייערן פאַר דעם אויפהאַלט פון אירער אַן אייגענער טאָג־שול, האָט זיך אָפּגעזאָגט פון צו געבן דערפון עפּעס וואָס צושטייער פאַר דער באַראָן דע הירש שול.

מען האָט מיט די ספרדישע יידן מכוח דעם אונטערהאַנדלט, מיט זייער איינגעטענהט און אויף זיי זיך געפּרוּווט ווירקן אויף אַלע אופנים, אָבער

קיין זאך האָט ניט געהאָלפן. זיי האָבן דערקלערט אז די שול־שטייערן זיינען זייערע, און אז זיי האָבן דערמיט געקאָנט טאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט. עס איז געווען פאר אַלעמען קלאָר, אז זיי זיינען געווען פעסט איינגעעקשנט ניט ארונטערצוגעבן דערפון אפילו פאר אזא צוועק ווי די דערציאונג פון אָרעמע יידישע קינדער. עס האָט אפילו ניט געהאָלפן דאָס וואָס צוויי לאנגיאָריקע מיטגלידער פון זייער געמיינדע, צווישן זיי דער דעמאָלט אזוי פראָמינענטער יידישער כלל־טוער לואיס א. הארט, זייער פרעזידענט, האָבן אין פראָטעסט צוליב אָט אזא האנדלונג רעזיגנירט פון דער געמיינדע.

דעם 4טן מאי 1892 האָבן די וואָס זיינען געשטאַנען ביים באראָן דע הירש אינסטיטוט זיך געווענדט וועגן דעם ענין מיט א פעטיציע צו דער פראָווינציעלער לעגיסלאטור. זיי האָבן אין דער פעטיציע אָנגעוויזן אויף דער שווערער לאגע אין וועלכער די טאָג־שול פאר יידישע אימיגראנטן־קינדער האָט זיך געהאט געפונען, און האָבן פאָרמעל אָנגעקלאָגט די ספרדישע געמיינדע פאר דעם וואָס זי האָט, דורך אן אָפּמאך מיט דער קאַטאָלישער שול־פארוואלטונג, צוגענומען פאר זיך גאָר די שול־שטייערן וואָס זיינען געווען אַריינגעקומען פון אירע מיטגלידער.

פון די פאקטן וואָס ווערן דאָרט אָנגעגעבן, זעען מיר אז די שול־שטייערן פון אלע יידישע אייגנטום־באזיצערס אין מאָנטרעאָל האָבן דעמאָלט באטראָפן 2,800 דאָלאר א יאָר, אז 2,200 דאָלאר פון אָט דער סומע איז אריינגעקומען פון מיטגלידער פון דער פּארטוגעזער געמיינדע, און דאָס איבריקע פון די אנדערע יידישע אייגנטום־באזיצערס. דערביי ווערט דאָרט געמאכט די באשולדיקונג, אז הגם די ספרדישע געמיינדע האָט די שול־שטייערן אירע צוגענומען אינגאנצן פאר זיך, האָבן אין דער טאָג־שול וואָס זי האָט פאר אָט דעם געלט אויפגעהאלטן געלערנט בלויז פון „25 ביז 30 קינדער". די פעטיציע האָבן אונטערגעשריבן חיים וויינבערג, ד. ס. פרידמאן און לייאָן קאָהען. 1)

א קורצע צייט שפּעטער, דעם 19טן מאי יענעם יאָר, זיינען אייניקע פאָרשטייערס פון באראָן דע הירש אינסטיטוט דערשינען פאר דעם קאַבינעט אין קוויבעק און אין נאָמען פון די יידן פון מאָנטרעאָל געבעטן, אז די רעגירונג פון דער פראָווינץ זאָל נעמען א האנט אין דער זאך. מיט עטלעכע טעג שפּעטער, דעם 25טן מאי, זיינען פאר דעם קאבינעט דערשינען ביידע צדדים, ווען מען האָט געהאט איינגעלאדן אז זיי זאָלן קומען פאר דער

---

1) דעם פולן טעקסט פון דער פעטיציע צוזאמען מיט א באריכותדיקער באלייכטונג פון דער אַרויסגעבראכטער פראגע,קאָן מען געפינען אין מיינע ארטיקלען אין „קענעדער אָדלער" פון 4טן - 27טן אפריל 1947.

רעגירונג פּאַרלייגן זייערע טענות און קריוודעס. דער באָראָן דער הירש אינסטיטוט איז איצט געווען פּאַרטראַטן דורך מר. דוד א. אַנשל, מר. מאַקס־וועל גאָלדשטיין (1939־1863), וועלכער איז געווען ערן־אַדוואָקאַט פון אינ־סטיטוט, מר. ה. ווײַנבערג, מר. ד. ס. פרידמאַן, מר. דזש. מײַקלס און וו. ה. בייקער.

די פּאַרטרעטערס פון דער „שארית ישראל" געמיינדע זײַנען געווען מר. דזשעסע דזשאָזעף, דאָן איינער פון די באַראָנען פון מאָנטרעאָלער הויך־פינאַנץ, רבי מעלדאָלא דע סאָלאַ, מר. דזשיי. סעמועלס און מר. מאָנק, א פראַנצויזישער אַדוואָקאַט וואָס האָט גערעדט פאַר די ספרדישע יידן. פאַר די לעצטע האָט אויך גערעדט רבי מעלדאָלא דע סאָלא אליין, און דער אופן ווי אַזוי ער האָט פאַרן קאַבינעט געפּראָוועט רייִנוואַשן זײַן געמיינדע און באַרעכטיקן איר האַנדלונג, האָט אויף די פאַרשטייערס פון דעם באַראָן דע הירש צד, וואָס האָבן זיך דערבײַ געפונען, געמאַכט א זייער ניט אָנגענעמען אײַנדרוק. פונקט אַזאַ ניט אָנגענעמען, אפילו זייער פּײַנלעכן אײַנדרוק, האָט דאָס געמאַכט אויף די יידן פון מאָנטרעאָל, צווישן וועמען דאָס האָט אין יע־נער צײַט אַרויסגערופן אַסך אויפגערעגטקייט און פאַרביטערטקייט. עס איז פאַר זיי געווען שווער צו פאַרשטיין וואָס גראַד די (דעמאָלט) רײַכסטע גע־מיינדע אין לאַנד האָט מאָנאָפּאָליזירט אירע שול־שטייערן פאַר זיך אַליין, און האָט דערפון ניט געוואָלט געבן צושטייער אויף צו העלפן אויפהאַלטן א שול פאַר קינדער פון אָרעמע אײַנגעוואַנדערטע עלטערן.

געענדיקט האָט זיך דער פאַרהער פון ביידע צדדים פאַרן קאַבינעט אין קוויבעק מיט דעם, וואָס דוד א. אַנשל און ה. ווײַנבערג, פונם צד פון באַראָן דע הירש אינסטיטוט, האָבן קאַטעגאָריש געלייקנט דאָס וואָס רבי מעלדאָלא דע סאָלא האָט געהאַט דערקלערט. עס פאַרשטייט זיך, אַז אין די ברייטע יידישע קרייזן איז די שטימונג דערזוייל געוואָרן נאָך מער אָנ־געצויגן. די דערקלערונג מיט וועלכער רבי דע סאָלא איז אַרויסגעקומען אין קוויבעק האָט אַלעמען שטאַרק אויפגעבראַכט. אין באַראָן דע הירש אינסטיטוט איז צוליב דעם פאָרגעקומען א זייער שטורעמדיקע זיצונג. מען האָט די פון רבי דע סאָלאַן אָנגעגעבענע פאַקטן באַצייכנט פאַר פאַלש און דעריבער פאַר סקאַנדאַליעז. אייניקע האָבן פאָרגעלייגט, אַז מען זאָל צוזאַמען מיט אַלע יידישע אָרגאַניזאַציעס און אָרטאָדאָקסישע שולן אין שטאָט רופן א מאַסן־פאַרזאַמלונג כדי אויסצודריקן דעם עפנטלעכן יידישן פּראָטעסט קעגן דעם. אַנדערע האָבן פאָרגעשלאָגן אַז מען זאָל צו דער „שארית ישראל" געמיינדע דירעקט צושיקן א שאַרף געשריבענעם פּראָ־טעסט אין נאָמען פון די יידן פון מאָנטרעאָל.

ענדלעך אָבער האָבן די ספרדים איינגעזען, אז זיי קאָנען צוליב אַן עקשנותדיקן קאפריז צו לאנג ניט פירן א קריג מיט דעם ידישן דעת הקהל און אז זיי מוזן נאָכגעבן. חוץ דעם האָט אויך די רעגירונג פון דער פּראָווינץ זיי פאָרגעלייגט, אז זיי זאָלן צוליב דעם צוועק מכוח וועלכן עס האָט זיך געהאט געהאנדלט — יידישע דערציאונג — איבערגעבן א טייל פון זייערע שול־שטייערן אויך צו אנדערע וואָס האָבן געלערנט מיט יידישע קינדער. הגם זיי זיינען מרוצה געוואָרן דאָס צו טאָן, האָבן זיי אָבער זיך נאָך אלץ געקווינקלט, צי זאָלן זיי פון זייערע שול־שטייערן ארונטער־געבן פאר דער באראָן דע הירש שול פיל מען האָט פון זיי פארלאנגט.

די רעגירונג האָט זיך דאָ ווידער געפרואווט פארמיטלען, און ווען דאָס האָט ניט געהאָלפן, האָט זי באשלאָסן אויסצוגלייכן דעם יידישן שול־סכסוך אויף אן אנדער אופן. דעם 3טן פעברואר 1893 האָט זי אין דער פּראָווינציעלער לעגיסלאטור פאָרגעלייגט א ביל, לויט וועלכן די יידישע שול־שטייערן אין מאָנטרעאָל זיינען ארויסגענומען געוואָרן פון דעם רשות פון דער אָדער יענער געמיינדע. זיי האָבן אָנשטאָט דעם געזאָלט פארטיילט ווערן פּראָפּאָרציאָנעל לויט דער צאָל יידישע קינדער וואָס האָבן דאָ אָדער דאָרטן געלערנט. דאָס האָט געמאכט א סוף צום סקאנדאל מיט די יידישע שול־שטייערן.

# קאַפּיטל איין און צוואַנציק

## דער ברייטערער געזעלשאַפטלעכער פעלד

מיט דעם וואָס עס זיינען באַזייטיקט געוואָרן די סיבות וואָס האָבן געהאַט אַרויסגערופן דעם פאַרשאַרפטן סכסוך מיט דער ספרדישער געמיינדע אין מאָנטרעאָל איבער דער פראַגע פון שול־שטייערן, האָבן די יידישע געמיטער זיך אָנגעהייבן ביסלעכווייז באַרואיקן. די צעשטערטע אחדות אין דער קהילה איז צוריק געוואָרן איינגעשטעלט, און ווידער האָט דאָס אַרומיקע יידישע לעבן, אין דער מעטראָפּאָליע ווי אין גאַנצן לאַנד, אָנגענומען דעם געוויינלעכן נאָרמאַלן גאַנג.

אָבער דאָס וואָס האָט געהאַט באַשאַפן די עצם פראַגע, דער עיקר וואָס איז שייך מיטלען אויפצוהאַלטן די באַראָן דע הירש שול אין מאָנטרעאָל, איז די זאָרג וועגן דעם ניט פאַרשוואונדן שוין אפילו נאָך דעם פאַרגלייך מיט די ספרדים. די סומע וואָס מען האָט אַריינגעקראָגן איז פאַר דעם צוועק געווען ניט גענוג, און פאַר די אָרטיקע יידישע פירערס איז ווידער אויסגעוואַקסן די שווערע שאלה ווי אַזוי די שול אויסצוהאַלטן.

מיר לייענען אין דעם באַריכט פונם שול־קאָמיטעט פון אינסטיטוט פאַר דעם יאָר 1893, אַז דאָס האָט פאַר די יידן פון מאָנטרעאָל פונדאַסניי אָנגעהייבן ווערן אַ פאַרשאַרפט פּראָבלעם. די באַדערפעניש אין מיטלען צו קאָנען די שול אויפהאַלטן איז געווען זייער גרויס, ניט געקוקט אפילו וואָס די ספרדים האָבן איבער די יידישע שול־שטייערן מער ניט געהאַט צו זאָגן. „פאַריקן יאָר", ווערט אין דעם באַריכט דערקלערט, „האָט מען זיך געאייניקט אויף אַ פשרה בנוגע דעם פאַרטיילן די יידישע שול־שטייערן, און מיר האָבן געקראָגן 8 הונדערט דאָלאַר צושטייער אויף אויסהאַלטן די שול. אָבער די דאָזיקע סומע איז לחלוטין ניט גענוג. מיר מוזן פאַר דעם צוועק קריגן לפחות 15 הונדערט דאָלאַר אַ יאָר . . . צוצומאַכן די שול וואָלט זיין אַן אומגליק ניט בלויז פאַר אונדז אַליין, נאָר פאַר דער באַפעלקערונג פון גאַנץ שטאָט . . . די קינדער וואָס וואַנדערן אַהער איין קאָנען ניט פאַרנעמען זייער פּלאַץ אין די לאַנד־שולן, און אָן אַזאַ אינסטיטוציע וואָלטן זיי באַרויבט געוואָרן פון די מיטלען פון דערציאונג וואָס דאַרפן זיי העלפן ווערן גוטע און ניצלעכע בירגער".

און א יאָר שפּעטער האָט מר. מאקסוועל גאָלדשטיין, באַרירנדיק דעם זעלביקן ענין באמערקט, אז „נאָך אסך יאָרן קעמפן פאר א גערעכטן פאר־טיילן פון די יידישע שול־שטייערן", איז איצט געוואָרן מעגלעך אז די שול זאָל קאָנען קריגן איר פולן חלק. ער האָט איבערגעגעבן אז מען האלט ביים פארשטענדיקן זיך וועגן דעם מיט די פּראָטעסטאנטן, נאָר אז מען וועט ניט איינגיין אויף קיין שום אָפּמאך, לויט וועלכן מען זאָל דארפן „מקריב זיין פרינציפּן".

דער עצם פאקט וואָס די וואָס זיינען געשטאנען ביים בארָאָן דע הירש אינסטיטוט האָבן פארשטאנען צו לייגן אזוי פיל געוויכט אויף דערציאונג, און וואָס דאָס אליין האָט פארנומען אזאַ אָרט צווישן די אנדערע טעטיקייטן פונם אינסטיטוט, איז דאָ וויכטיק. מיר זעען דערפון, אז מיט די פארשיידענע פונקציעס וואָס ער האָט דערפילט האָט דער אינסטיטוט אין יענער צייט באמת געטאָן גוטע און ניצלעכע ארבעט. פאר אסך אריבערגעקומענע אי־מיגראנטן וואָס זיינען אין דעם נייעם לאנד געווען הילפלאָז, איז ער אויף אזא אָדער אנדער אופן געווען ניט קיין קליינע שטיצע. אין 1893 האָט דעם אינסטיטוט באזוכט דער קאנאדער הויפּט־גאָווערנאָר לאָרד אבערדין צוזא־מען מיט ליידי אבערדין. זיי איז שטארק געפעלן דער עיקר ווי אזוי די שול איז דאָרט אָנגעפירט געוואָרן. אין 1895 האָט דעם אנשטאלט אויך באזוכט מאדאם שאפּלאָו, פרוי פונם לייטענאנט־גאָווערנאָר פון קוויבעק, וואָס האָט אים פרעזענטירט מיט א זיידענעם באנער.

פון דעם אלעמען באקענען מיר זיך ניט בלויז מיט א געוויסער פאזע פון דער יידישער פילאנטראָפּיע דעמאָלט, וואָס האָט אונטער איר רשות געהאט די דערציאונג פון יידישע אימיגראנטן־קינדער, נאָר מיט פיל מער ווי דאָס. מיר באקומען דערפון אויך א באגריף ווי אזוי יידישע סאָציאלע הילף אין לאנד האָט אין יענער צייט בכלל אויסגעזען. ניט בלויז אין דער מעטראָפּאָליע אליין זיינען א גרויסע צאָל איינגעוואנדערטע געווען אזא לאסט אויף די עלטערע תושבים, לפּחות ווי די לעצטע האָבן אויף דעם גע־קוקט. דאָס אייגענע איז אויך געווען דער פאל אין טאָראָנטאָ, אין וויניפּעג, אין האמילטאָן און אין אַנדערע ערטער. מיר זעען, אז די דעמאָלט וויכ־טיקסטע צדקה־אינסטיטוציעס זיינען דאָרטן אויפגעקומען ארום יענע יאָרן. די אימיגראנטן, וואָס א טייל פון זיי האָבן זיך געפונען אין צרהדיקע באדינ־גונגען און האָבן עקאָנאָמיש פיל געליטן, האָבן די ערשטע צייט אומעטום זיך שטארק געפּלאָגט. זיי זיינען אָפּט אפילו געווען א דאָרן אין די אויגן פון די רייכערע יידן. ניט געקוקט אָבער אויף דעם, האָט די אימיגראציע

פאַר זיך אַליין געגעבן דעם קאַנאַדער יידישן לעבן דעם גרעסטן שטויס פאָראויס.

אַרומגערינגלט פון די דאָזיקע לאָקאַלע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען וואָס זיינען פאַר די קאַנאַדער יידן אַרויפגעשוואומען, האָט זייער אייגענע סביבה ביסלעכווייז זיך אָנגעהייבן איבערגעשטאַלטיקן. דאָס יידישע לעבן האָט זיך איבערגעביטן סיי אויסערלעך, סיי אינערלעך, — עס האָט באַקומען ניט בלויז מער אינהאַלט נאָר אויך אַ ברייטערן פאַרנעם. באַזונדערס בולט איז געווען דאָס וואָס זיי האָבן זיך פאַרמערט אין צאָל. בעת אין 1881 למשל איז די יידישע באַפעלקערונג אין לאַנד באַשטאַנען פון 2,393 נפשות, האָט זי אין 1891 זיך פאַרגרעסערט אויף מער ווי אָנדערטהאַלבן מאָל אַזוי פיל — ביז אויף 6,414. אין די איינע צען יאָר האָט זי אויך באַוויזן זיך צו צעשפּרייטן איבער דער גאַנצער קאַנאַדער מדינה. לויט דעם צענזוס יענעם יאָר, האָבן יידן געוואוינט אין אַרום אַ הונדערט שטעט און קלענערע פּונקטן אין לאַנד.

יידישע קהילות האָבן זיך געפונען אין בוויראַרד און ניי־וועסטמינסטער, אין בריטיש קאָלאָמביע, חוץ די וואָס האָבן נאָך פון פריער עקזיסטירט און וויקטאָריע און וואַנקאָווער. בראַנדאָן, ליסגאַר און פּראָווענסאַר, אין מאַניטאָבע, האָבן געהאַט אַ היפּשע צאָל יידן. אין האַליפאַקס, קאָרנוואַל, גלענגאַרי, לאָנדאָן, ווינדזאָר, לעמטאָן, ניפּיסינג, לאַבעל, שערברוק און אין צענדליקער אַנדערע ערטער זיינען אויסגעוואַקסן קליינע יידישע קיבוצים. ביז צום גרויסן טייל האָבן די יידן וואָס האָבן זיך געפונען אין די ווייטע, פאַרוואָרפענע געגנטן זיך פאַרנומען מיט פּעדלעריי און קליינהאַנדל, אָבער אַסך זיינען אויך געווען פאַך־אַרבעטער.

עס איז געווען נאַטירלעך אַז זייער פאַרמערן זיך אין צאָל, צי די דאָזיקע צאָל איז געווען גרויס צי קליין, זאָל פירן ניט בלויז צו איין איינציקן אויסגאַנג — צו אַ גרעסערן צעשפּרייטן זיך פון זיי איבערן לאַנד. עס האָבן זיך אויך גענומען אַרויסווייזן די רעזולטאַטן דערפון. דאָס זיינען געווען סימנים פון אַ גרעסערער געזעלשאַפטלעכער אָרגאַניזירטקייט צווישן זיי אומעטום וואו זייער צאָל האָט דאָס דערלויבט, און פון אַ זוכן דאָ און דאָרט צו באַפרידיקן פאַרשיידענע יידישע באַדערפענישן. דער מאַסן־אימפּולס וואָס איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער, האָט געזוכט פאַר זיך אַן אויסדרוק און ער האָט דאָס אויך געפונען. עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ מער קאָנטיקע יידישע טעטיקייט אויף פאַרשיידענע געביטן, דער עיקר אָבער אויף דעם געביט פון פילאַנטראָפּיע און סאָציאַלער הילף, ווי אויך אויף דעם געביט פון רעליגיעזער יידישקייט בכלל.

אַרום מיטן די ניינציקער יאָרן האָבן אין מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ, וויניפּעג און אַנדערע וויכטיקע פּונקטן זיך געפונען אָן אָנדערטהאַלבן צענדליק

שולן, צווישן זיי דריי רעפאָרם־טעמפלען. רעפאָרם־יידישקייט אין קאנאַדע איז אָבער אין יענער צייט ניט געווען אזוי באפעסטיקט ווי אין די פאראיי־ניקטע שטאטן. אין טאָראָנטאָ למשל האָבן צו דער „האָלי בלאָסאָם" קאָנגרע־גאציע באלאנגט אי רעפאָרמירטע אי אָרטאָדאָקסישע יידן. מען האָט דאָרטן געהאט איינגעפירט א האלב־אָרטאָדאָקסישן נוסח התפילה. און אין דער אייגענער צייט אויך באנוצט אן אָרגל און ספעציעלן כאָר — פאר די וואָס זיינען געווען נוטה צו „ליבעראלער" יידישקייט.

מכוח א גאָר קוריעזער זאך, אין שייכות מיט רעפאָרם־יידישקייט אין קאנאדע דעמאָלט, הערן מיר אין מאָנטרעאָל. עס האָט זיך געהאט ארויסגע־שטעלט, אז דער קאנאדער יוסטיץ־דעפארטמענט האָט געהייסן באזאָרגן מיט „יוניאָן פרייער בוקס" די צוויי יידישע ארעסטאנטן וואָס האָבן דאָרטן זיך געפונען אין דער „סען ווענסאן דע פאָול־תפיסה". שפעטער איז מען דערגאנגען, אז מען האָט עס געטאָן אויף דער בקשה פון ראביי ה. וועלד, פון מאָנטרעאָלער טעמפל „עמנואל".

דער ערשטער יידישער קראנקען אונטערשטיצונג־פאראיין אין קאנאדע האָט זיך געגרינדעט אין מאָנטרעאָל חודש סעפטעמבער 1892, דורך ה. פייגלסאָן, מ. טעפערער, דוד זאק און אנדערע — אלע נאָר וואָס אריבערגע־קומענע אימיגראנטן דאָן. ארום דער אייגענער צייט האָט דורך דעם באמיען זיך פון עדמונד שויער, דעם באוואוסטן יידישן כלל טוער אין אָנטאַריאָ, זיך אויך געגרינדעט דער ערשטער יידישער צדקה־פאראיין אין טאָראָנטאָ. דעם זעלביקן יאָר האָט חיים בערנשטיין (געבוירן אין עראָגאָלע, ליטע, 1841; געשטאָרבן אין מאָנטרעאָל, 1923), צוזאמען מיט דר. מינץ, פון ניו יאָרק, לאזארוס כהן, דוד ספערבער (1849־1931) און נאָך אייניקע אנדערע, געגרינדעט אין מאָנטרעאָל א צווייטן ציוניסטישן פאראיין, אונטער דעם נאָמען „חובבי ציון נומער צוויי". דער פאראיין וואָס האָט ארום זיך צוגע־צויגן א היפשן קרייז, האָט געזוכט אפצוגעבן זיך מיט ישוב ארץ ישראל אויף א פראקטישן וועג. ער האָט עקזיסטירט עטלעכע יאָר און איז ליקווידירט געוואָרן א קורצע צייט איידער עס איז געבוירן געוואָרן די ציוניסטישע אָר־גאַניזאציע אין לאנד. אין 1896 האָט אין טאָראָנטאָ זיך געגרינדעט א „יאָנג מענס היברו אסס׳ן", און א קורצע צייט שפעטער א „היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי".

יידישע אָרגאניזאציעס מיט א פראָגראַם פון נאציאָנאלער, פילאנטראָ־פישער אָדער געזעלשאפטלעכער ארבעט, האָבן זיך גענומען באווייזן דאָ און דאָרטן. מען האָט אין דעם געקאָנט זען די השפעה פון די ניט לאנג אריבער־געקומענע. מיר הערן פון אָט אַזעלכע אָרגאניזאציעס ניט בלויז אין דעם

צוויטן גרעסטן ייִדישן צענטער אין לאַנד, אין טאָראָנטאָ, נאָר אויך אין וויניפּעג, אין האַמילטאָן און אין לאָנדאָן. פּאַקטיש זיינען דאָרט שוין דע־מאָלט געמאַכט געוואָרן פּרוּוון צו שאַפן טייל פון די פילאַנטראָפּישע אינ־סטיטוציעס וואָס זיינען דאָרט אויסגעוואַקסן שפּעטער. עס זיינען אין פאַר־שיידענע פלעצער אויך אויפגעקומען געזעלשאַפטלעכע קלובן און ליטעראַ־רישע יוגנט־פאַראיינען, וואָס האָבן צו זיך צוגעצויגן אַן אינטעליגענטערן עולם. דאָס אַלץ האָט דער אַלגעמיינער ייִדישער סביבה עפּעס וואָס צוגעגעבן. דער עיקר האָט דאָס עדות געזאָגט אויף די נייע און פאַרשיידענע אינטע־רעסן וואָס דער איינגעוואַנדערטער עלעמענט האָט מיט זיך געבראַכט, און וואָס ער האָט מיט זיי זיך ניט געוואָלט שיידן אַפילו אין דעם נייעם לאַנד.

די צאָל פון אַזעלכע חברות איז געווען באַזונדערס גרויס אין מאָנט־רעאָל. מיר געפינען אַז פאַר דעם יאָר 1896 האָבן אין באַראָן דע הירש אינ־סטיטוט רעגולער אָפּגעהאַלטן זייערע מיטינגען די „ליידיס אייד סאָסייעטי״, „ליידיס בענעוואָלענט סאָסייעטי״, די „ייִדישע בירגער־ליג״, וואָס מאַקס־וועל גאָלדשטיין איז געווען איר ערשטער פּרעזידענט, דער פאַראיין פאַר ישוב ארץ ישראל, דער „ייִדישער גמילות חסדים פאַראיין״, די „סאָנס אָוו בענדזשאַמין״, „יאָנג ליידיס וואַירק סאָסייעטי״ און אַנדערע.

צוזאַמען אָבער מיט דער דאָזיקער טענדענץ וואָס מען האָט אַזוי לייכט געקאָנט מערקן, האָט אין אויג זיך אויך געוואָרפן נאָך אַן אַנדער זאַך. דאָס איז וואָס די צעטיילונג פון געוויסע געזעלשאַפטלעכע שיכטן איז געוואָרן גרעסער ווי פריער. די „יאהודימשע״ באַציאונג צום נייעם איינגעוואַנדערטן, דער עיקר פון מזרח־אייראָפּע, האָט געטראָגן דעם כאַראַקטער פון עפּעס וואָס האָט זיך געלאָזט שטאַרק פילן. באַזונדערס האָט דאָס געפילט דער דאָ־זיקער מזרח־אייראָפּייִשער אימיגראַנט אַליין.

די מחיצה צווישן אים און דעם איינגעבירגערטן פאַרמעגלעכן קלאַס איז אויסגעוואַקסן נאָך מער. דער „אַפּטאַונער״ יאהודי, וואָס האָט צום גרויסן טייל אַליין אויך געשטאַמט פון אימיגראַנטישן יחוס, האָט געקוקט פונאויבן־אַראָפּ אויף דעם ניט לאַנג אריבערגעקומענעם. ער האָט אויף אים געקוקט מיט בליקן, אין וועלכע עס האָט געפעלט יענע פריינדלעכע וואַרעמקייט, יענער קוק ווי אויף אַ גלייכן מענטשן, וואָס דער ניי אָנגעקומענער אימיג־ראַנט וואָלט געקאָנט דערוואַרטן. פאַר די מאָנטרעאָלער ייִדישע פאַרזאָר־גערס איז למשל אויסגעוואַקסן די מורא, וואָס איינגעוואַנדערטע ייִדן האָבן זיך גראָד באַזעצט אין געוויסע געגנטן, אַנשטאָט זיך צו צעשפּרייטן אי־בער גאַנץ שטאָט. זיי האָבן זיך געשראָקן, אַז דאָס זאָל אין דער קאַנאַדער מעטראָפּאָליע ניט העלפן שאַפן אַ געטאָ פון אָרעמע ייִדן.

און אין דער זעלביקער צייט האָבן זיי ניט געוואָלט, אז אין דער שול וואָס די „שער השמים" געמיינדע האָט אויפגעהאלטן מיט א קלאס פאר רע־ליגיע און העברייאיש, און וואו זייערע אייגענע קינדער האָבן געלערנט, זאָל מען אויך צולאָזן קינדער פון די דאָזיקע אָרעמע יידן. זיי איז געווען פריקרע, אז זייערע קינדער זאָלן זיך דארפן מישן מיט די לעצטע, בפרט נאָך ווען דאָס זיינען געווען קינדער פון אָרעמע אימיגראנטישע עלטערן. זיי האָבן ווי ווייט מעגליך געוואָלט דאָס פארהיטן.

פונדעסטוועגן זיינען דאָס פאָרט געווען די איינגעוואָנדערטע פון מזרח־אייראָפּע, וואָס האָבן געגומען אויף א באזונדערן אופן זיך צופּאסן צו דער קאנאדער סביבה, אין דער אייגענער צייט אויך אריינברייגנענדיק אין איר אסך אייגנס — דאָס סאמע בעסטע וואָס זיי האָבן פארמאָגט און וואָס זיי האָבן פון זיך געגעבן דעם נייעם לאנד. זיי האָבן אין דער דאָזיקער סביבה ניט געזוכט זיך צו פארלירן, ווי אנדערע האָבן לשם „קאנאדיזירן" זיך דאָס געטאָן. זיי האָבן, פארקערט, געזוכט זיך צוצופּאסן צו איר אויף זייער איי־גענעם שטייגער, אויפהאלטנדיק יענע אינדיווידועלע כאראקטעריסטיק, וואָס האָט שפּעטער אפּגעדרוקט איר שטעמפּל אויף די אלגעמיינע פאָרמען פון יידישן לעבן אין לאנד.

אייגנטלעך האָט איצט זיך איבערגעחזרט דאָס אייגענע וואָס אין די פּעריפעקער יאָרן, בעת דער אָנקום פון די ענגליש־יידישע און דייטש־יידישע אימיגראנטן האָט געגומען אָנזאָגן, אז די ספרדישע עפּאָכע וועט זיך באלד ענדיקן. אויך די ענגלישע און דייטשע יידן האָבן מיט זיך מיטגעבראכט אסך אייגנס, נייעס. זיי האָבן אין זייער צייט געשפּילט א באדייטנדיקע ראָל און האָבן צום קאנאדער יידישן לעבן פיל בייגעטראָגן. דער כוח פון השפּעה האָט גורם געווען, אז במשך פון עטלעכע צענדליק יאָר זאָלן זיי אפילו ווערן דער דאָמינירנדיקער יידישער קלאס אין לאנד.

און דער אָנקום פון מזרח־אייראָפּעאישע אימיגראנטן אין א גרעסערער צאָל האָט ניט אויסגעשלאָסן די מעגלעכקייט, אז דער זעלביקער פּראָצעס זאָל זיך ווידער איבערחזרן. מען האָט דאָס דייטלעך געגומען ארויסזען אזוי גיך ווי זייער איינפלוס האָט אָנגעהייבן ווערן קאָנטיק און האָט זיך געלאָזט שטארקער פילן. דאָס איז אָבער געווען אן איינפלוס וואָס איז געווען פארשיידן פון דעם איינפלוס פון דעם פריערדיקן מערב־אייראָפּעאישן אי־מיגראנט. דער לעצטער האָט אין א סך פאלן מיט זיך געבראכט וועלטלעכע בילדונג און אָלץ וואָס איז מיט דער דאָזיקער וועלטלעכער בילדונג געגאנ־גען צוזאמען, אָבער דערפאר א זייער אויבערפלאכלעכע יידישע דערציאונג. דער אימיגראנט פון מזרח־אייראָפּע איז געקומען מיט א גאנץ אנדער באַ־

גאזש. ער האָט מיט זיך געבראַכט דעם גייסט און די טראַדיציעס פון דעם אַלטן פאַרוואָרצלטן יידנטום אין די לענדער, וואָס מיט זיי איז דאָס דאָזיקע יידנטום זינט דורות געווען און פאַרבליבן שטאַרק צונויפגעוואַקסן.

ער איז געווען פאַרשיידן פון זיין פאָרגייער, דעם מערב־אייראָפּעאישן אימיגראַנט, אין אַ סך פּרטים, און איז דערצו בכלל געווען אַ מער באַוואוסטזיניקער ייד. ער האָט זיין יידישקייט ניט געוואָלט באַהאַלטן אָדער פון איר אַנטלויפן. זי איז געווען צו פיל אַ טייל פון אים אַליין. האָט ער דעריבער אויך געבראַכט מיט זיך אַסך פון יענער ענערגיע וואָס איז פאַר אים געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש, און אַ נייגונג צו אַלץ וואָס יידיש און צו פאָלקסטימלעכקייט. ער האָט געבראַכט נאַציאָנאַלע בייגקשאַפט און דער עיקר אַ חוש פאַר יידישע געזעלשאַפטלעכע פאָרמען.

אויף אַזאַ אופן איז די אַנטוויקלונג פון דעם קאַנאַדער יידישן קיבוץ איבערגעגאַנגען אין אַ נייערער פאַזע און האָט אָנגענומען אַן אַנדער כאַראַקטער ווי פריער. דאָס איז, אמת, ניט געשען אויף איינמאָל, נאָר איז געווען גיכער אַ פּועל יוצא פון פּאַמעלעכדיקע ענדערונגען. אָבער מען האָט אַזעלכע ענדערונגען געקאָנט אי אָנזען, אי אויך פילן. מען האָט צוליב דעם זיך אויך דערזען פּנים אל פּנים מיט נייע באַדינגונגען און נויטן וואָס זיינען אַרויפגעשוואומען.

באַזונדערס האָט מען דערפילט אַ פאַרלאַנג צו זאָרגן אַביסל מער וועגן געוויסע גייסטיקע ענינים, ווי אויך אָפּצוגעבן זיך מיט זאַכן וואָס האָבן געהאַט צו טאָן מיט ברייטערע נאַציאָנאַלע יידישע אינטערעסן. אין צענטער דערפון איז פאַר קאַנאַדער יידן דערפאַר אוועקגעשטעלט געוואָרן אַ גאַנץ נייער געדאַנק. דאָס איז געווען צו שאַפן אַן אָרגאַן, דורך וועלכן די יידן פון לאַנד זאָלן קאָנען לאָזן הערן זייער שטים און קומען צום וואָרט. אַזוי איז סוף 1897 געגרינדעט געוואָרן אין מאָנטרעאָל די „דזשוואיש טיימס”, וואָס האָט דעם 10טן דעצעמבער יענעם יאָר אָנגעהייבן דערשיינען צוויי־וועכנטלעך. די „דזשוואיש טיימס” איז געבוירן געוואָרן אין אַ זייער נויטי־קער צייט — בעת עס איז פאַר די יידן געוואָרן וויכטיק צו האָבן אַן אייגענע צייטונג, האָבן אַ טריבונע וואָס זיי זאָלן פון איר קאָנען ריידן עפנטלעך, קאָנען פאַרטיידיקן דעם יידישן כבוד און די יידישע אינטערעסן.

דער רעדאַקטאָר פון „דזשוואיש טיימס” איז געווען דער דעמאָלט באַוואוסטער אירלענדישער דיכטער און שריפטשטעלער קאַראָל ראַיען, אַ וואַרעמער און אויפריכטיקער פריינט פון יידן, און איינער פון די וועטעראַנען פון קאַנאַדער זשורנאַליזם. ער האָט פריער געהאַט רעדאַקטירט דעם מאָנטרעאָל „העראַלד” און שפּעטער דעם „וויטנעס”. די אויפגאַבע פון דער

צייטונג, אין די ווערטער פון מר. לייאן קאהען וועלכער האט צוזאמען מיט מר. ס. וו. דזשייקאבס זי געהאלפן גרינדן, איז געווען קודם כל א דערציע־רישע. זי האט אבער אין דער אייגענער צייט אויך געדארפט אפשפיגלען אלץ וואס האט געהאט א שייכות מיט דעם וואוקס און דער אנטוויקלונג פון קאנאדער יידן בכלל. 1)

די הויפט סיבה, צווישן די וויכטיקערע מאטיוון וואס צוליב זיי איז גע־ווארן נויטיק צו שאפן א יידישן זשורנאל, איז אבער געווען די גיפטיקע אנ־טיסעמיטישע העצעריי וואס געווויסע קריסטלעכע ארגאנען האבן גענומען אנפירן ארום דער דרייפוס־אפערע. די דאזיקע העצעריי איז געווען פון דעם סארט וואס האט מער ניט געקאנט פארשוויגן ווערן. אויף די שענדלעכע אנטיסעמיטישע שמירערייען, מיט וואס א טייל פון דער קאנאדער פרעסע איז מיטאמאל געווארן פול, האט מען געדארפט ענטפערן, און דער דאזי־קער ענטפער האט קודם כל געזאלט זיין דאס באשאפן אן אייגענע יידישע טריבונע אין לאנד. „ביי אזא צושטאנד", לייענען מיר אין דער רעדאקציא־נעלער דערקלערונג אין דעם ערשטן נומער „דזשואיש טיימס", „איז עס טאפל וויכטיק אז די קאנאדער יידן זאלן האבן די מעגלעכקייט עפנטלעך זיך אויסצודריקן. די אנטיסעמיטישע באוועגונג אין אייראפע איז ניט אן אפ־קלאנג אין דער דאזיקער מדינה. מען שטויסט זיך אויף דעם כסדר אן אין די צייטונגען וואס ווערן אינספירירט פון יענע ארגאנען פון עפנטלעכער מיינונג אויף דער אנדער זייט ים, וואס פארהאלטן זיך גאנץ אומפריינטלעך צו יידן. דער דאזיקער אומגעזונטער און געפערלעכער איינפלוס מוז ווערן באגעגנט און באקעמפט אויף א געהעריקן אופן. מען מוז דערביי ארויס־שטעלן די יידישע זייט און זען ווי ווייט מעגלעך פארהיטן, אז דער מארא־לישער גיפט זאל זיך ניט קאנען פארשפרייטן. אט דער גיפט איז א געפאר ניט בלויז פאר אונדז יידן, נאר איז אויך שעדלעך, ווי די דערפארונג בא־ווייזט דאס, פאר די וואס זויגן אים איין".

און דער קאמף קעגן דעם אנטיסעמיטישן גיפט איז זייער ענערגיש אויפגענומען געווארן אין דעם צווייטן נומער „טיימס". די צייטונג טרעט ארויס קעגן דעם אירלענדיש־קאטאלישן ארגאן „טרו וויטנעס", א בלאט וואס האט אין דעם נוסח פון דער „ליבר פאראל" גענומען מיט גרויס חשק פאר־טייטשן פאר דער קאנאדער עפנטלעכקייט אלץ וואס האט זיך געהאט אפגע־שפילט ארום דער דרייפוס־אפערע. יענע אפערע, ווי באוואוסט, האט גע־האט אנגעצונדן דעם פייער פון אנטיסעמיטיזם ניט בלויז אין דער אלטער וועלט אליין. דאס האט אויך פארנאנדערגעבלאזן די יידנפרעסערישע העצע

1) Canadian Jewish Chronicle, June 6, 1924.

וואָס איניגע צייטונגען האָבן אויפגענומען אין קאַנאַדע אונטער דער השפּעה פון גאָלדווין סמיטה פון איין זייט, און פון דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע אין פראַנקרייך פון דער אַנדער זייט.

אויב אָבער דער דרייפוס־סקאַנדאַל האָט געגעבן אַזאַ שטויס פאַראויס די כוחות פון רעאַקציע, האָט ער דערפאַר אויך באַשאַפן דעם אַנטיסעמיטישן קעגנמיטל. דאָס איז געווען די שטאַרקע נאַציאָנאַלע דערוואַכונג, מיט וואָס די יידישע וועלט איז געוואָרן אַרומגעכאַפּט. עס האָט אין דער דאָזיקער וועלט זיך דערהערט אַ ניי וואָרט וואָס האָט די יידן געמונטערט, זיי גע־רופן צו באַוואוסטזיניקייט און דערציילט וועגן דעם גרויסן פאָלקס־אידעאַל, וואָס איז צווישן זיי געבוירן געוואָרן. דאָס דאָזיקע וואָרט האָט זיך אויך דערטראָגן צו די יידן פון קאַנאַדע, וואָס האָבן מיט באַגייסטערונג אויפגע־נומען די נייע ציוניסטישע לאָזונגען וואָס האָבן זיך דערהערט.

אַ באַוועגונג איז צווישן זיי אויפגעהייבן געוואָרן אָנצושליסן זיך אין די יידישע נאַציאָנאַלע רייען פון אַנדערע לענדער, און דעם 30טן יאַנואַר 1898 איז אין דער „בני יעקב" שול אין מאָנטרעאָל (דעמאָלט אויף קאַדיע גאַס) אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ גרויסע מאַסן־פאַרזאַמלונג, וואָס מען האָט גע־האָט גערופן פאַר דעם צוועק. די שול איז געווען געפּאַקט מיט אַן ענטוזיאַס־טישן עולם, צווישן וועלכן עס האָבן זיך געפונען יידן פון אַלע קלאַסן. פאָר־זיצער איז געווען ל. אַראָנסאָן, און צייטווייליקער סעקרעטאַר דוד ספּער־בער. די שטימונג צווישן די פאַרזאַמלטע, וואָס זיינען געקומען אויסהערן די רעדעס פון הרב אהרן מ. אשינסקי (געבוירן אין ליטע, 1866), רבי מעל־דאָלא דע סאָלא און אַנדערע, איז געווען אַ שטאַרק באַגייסטערטע. הרב אשינסקי האָט גערעדט אַרום אַ צוויי שעה צייט און זיינע ווערטער וואָס האָבן אַלעמען געהאַלטן געשפּאַנט, האָבן אויף די פאַרזאַמלטע געמאַכט דעם שטאַרקסטן רושם. ער האָט גערעדט מיט פּאַטאָס און וואַרעמקייט, שילדערנ־דיק די שרעקלעכע יידישע לאַגע אין פאַרשיידענע לענדער, און די צרות, פּאָגראָמען און ביטערע רדיפות וואָס יידן זיינען דאָרט אויסגעשטאַנען. ציור־ניזם, האָט ער געזאָגט, איז די באַוועגונג וואָס ברענגט דעם יידישן פאָלק גלויבן און טרייסט, און די האָפענונג אַז עס וועט צוריק אויפגעריכט ווערן אין ארץ ישראל. פאַרענדיקט האָט ער מיט די ווערטער „אם אשכחך ירושלים, תשכח ימיני".

אין דעם אייגענעם זינען האָט זיך אויך אויסגעדריקט רבי מעלדאָלא דע סאָלא. מיט זיין גאַנצן כוח פון אַ בימה־רעדנער און מיט דער זעלבי־קער אומדערשראָקנקייט מיט וועלכער ער איז מיט יאָרן פריער אַרויסגע־טראָטן קעגן דער רעפאָרם־באַוועגונג, האָט ער געזוכט צו צעשלאָגן די

אסימילאַטאָרישע טענות קעגן ציוניזם. יידן, האָט ער אַנגעוויזן, קאָנען זיין געטרייע בירגער פון זייער לאנד און אין דער אייגענער צייט דאָך אויך זיין גוטע ציוניסטן.

מען האָט אויך אויסגעקליבן א דערווייליקן קאָמיטעט אויסצואַרבעטן תקנות פאר א פאראיין, און וואָס זאָל אויך אַנצייכענען א פּלאַן פאר ווייטערדיקער ארבעט. א קורצע צייט שפּעטער האָט מיט 201 מיטגלידער זיך געגרינדעט אין מאָנטרעאָל די „אגודת ציון״. דאָס איז געווען דער אָנהייב פון וועלכן די קאַנאַדער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע איז ארויסגעוואַקסן, און וואָס דער הויפּט איניציאַטאָר דערפון איז געווען הרב אשינסקי, דער אינספּירירנדיקער כוח דאן פון דער נייער באַוועגונג אין לאנד. פאר פּרעזידענט האָט מען אויסגעקליבן דר. דוד א. הארט (1844־1925), און פאר קאָרעספּאָנדירנדיקן סעקרעטאר — קלארענס י. דע סאָלא (1858־1920), שפּעטערדיקן פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין קאַנאַדע. מען האָט אויך באַשטימט א פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיטעט, אין וועלכען עס זיינען אריין די ה״ה חיים בערנשטיין, משה ראָבאַק, משה קאָוויענסקי און אנדערע.

מיט עטלעכע חדשים שפּעטער האָט קלארענס י. דע סאָלא דערהאַלטן א בריוו פון דר. הערצל, וועלכער האָט אויסגעדריקט גרויס צופרידנקייט מיט דעם גוטן אָנהייב וואָס די ציוניסטן אין קאַנאַדע האָבן געהאַט געמאַכט. אין דעם בריוו האָט דער גרויסער יידישער פירער דערמאָנט דעם קאָנגרעס וואָס האָט חודש אויגוסט געזאָלט אָפּגעהאַלטן ווערן אין באַזעל. ער האָט דע סאָלאן מודיע געווען, אז מען וועט פון דער קאָנגרעס־ביוראָ צושיקן קיין מאָנטרעאָל די נויטיקע אינסטרוקציעס מכוח א דעלעגאַט צום קאָנגרעס. דר. הערצל האָט געשריבן אויף ענגליש כדי צו ווייזן, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, אז די יידן פון אַלע לענדער קאָנען זיך פארשטיין.

כאָטש די ווירקונג פון דער אנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע איז געווען קאָנטיק, און האָט אין געוויסע מקומות זיך אפילו געלאָזט שטארק פילן, איז דאָס אָבער מערסטנס געווען פון א לאָקאַלן און שטארק בעגרענעצטן כאראקטער. אָבער דער פּאַראורטייל צו יידן, ווי ווייט דאָס האָט געפונען אויסדרוק אין געוויסע עפנטלעכע אָרגאַנען און אין זייערע קאָמענטאַרן וועגן די געשעענישן פון טאָג, איז געוואָרן א געוויינלעכע דערשיינונג. דער עיקר האָט זיך דאָס געשפּירט אין דעם ווי אזוי די זעלביקע עפנטלעכע אָרגאַנען האָבן די דאָזיקע געשעענישן געזוכט צו פארטייטשן פאר זייערע לייענערס. אָבער דאָס איז נאָר געווען דער פאַל אין די עלטערע קאַנאַדער פּראָווינצן. אין די איבעריקע טיילן לאנד האָט דאָס געהאַט א קנאַפּן אָפּקלאַנג און די באַפעלקערונג דאָרטן האָט צו יידן זיך דוקא באַצויגן פריינטלעך.

וואָס איז שייך די אָפיציעלע קאַנאַדער קרייזן, מוז מען זאָגן, אַז דער לי־בעראַלער גייסט פון פריער האָט דאָרט איצט אויך געהערשט. מען האָט אין די דאָזיקע קרייזן לחלוטין זיך ניט געלאָזט באַאיינפלוסן פון די העצעס פון געוויסע בלעטלעך, אפילו ווען אַזעלכע העצעס זיינען געוואָרן אַן אָפטע גע־שעעניש. מען האָט אויף יידן דאָרט ניט אויפגעהערט צו קוקן אַנדערש ווי אויף אַ ניצלעכן עלעמענט פאַרן לאַנד.

דאָס איז געווען אין דעם דאָזיקן גייסט, וואָס מען האָט אין קאַנאַדע אָפי־ציעל באַגריסט דעם אכטן יערלעכן צוזאַמענפאָר פון דער „צענטראַלער קאָנפערענץ פון אַמעריקאַנער ראַביים", וואָס איז אין 1897 אָפּגעהאַלטן גע־וואָרן אין מאָנטרעאָל. די דאָזיקע אָפיציעלע באַגריסערס זיינען געווען אַ פאַרטרעטער פון דער רעגירונג פון קוויבעק, אַ פאָרטרעטער פון פעדע־ראַלן קאַבינעט, און דער מעיאָר פון מאָנטרעאָל. דאָס איז אָבער פון זייער זייט געווען אַן אויסדרוק פון פריינדלעכקייט ניט בלויז צו יידן, נאָר גאַנץ באַזונדערס צו דעם שכנותדיקן לאַנד פונוואַנען כמעט אַלע דעלעגאַטן זיינען געווען געקומען.

דער צוזאַמענפאָר, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן דעם 6טן—11טן יולי יענעם יאָר, האָט קיין מאָנטרעאָל געבראַכט אַזעלכע פירערס פון רע־פאָרם־יידישקייט, ווי ראַביי דר. יצחק מאיר וויז, ראַביי דר. דייוויד פי־ליפּסאָן, ראַביי דר. קויפמאַן־קאָהלער, ראַביי דר. עמיל ג. הירש, פּראָפ. מ. מאַרגאָליס און אַנדערע. דאָס איז געווען די צייט, ווען דער קאַמף צווישן רעפאָרם־יידישקייט און דער אַלטער טראַדיציאָנעלער יידישקייט אין אַמע־ריקע איז געווען אין פולן ברען. דער צונויפקום אין מאָנטרעאָל האָט דערי־בער דעם אינטערעס, וואָס דער דאָזיקער קאַמף האָט צווישן די יידן אויף דער זייט ים געהאַט ארויסגערופן, אויף אַ ווײַלע אָפּגעווענדט אויף קאַנאַדע. אויף ווי ווייט אָבער דער צוזאַמענפאָר האָט געזאָלט זיין אַ מאַניפעסטאַציע פאַר דער רעפאָרמירטער סינאַגאָגע, האָט דאָס ניט גורם געווען, אַז רעפאָרם־יידישקייט זאָל אין קאַנאַדע זינט דאַן זיך קאָנען פארשטאַרקן.

ראַביי יצחק מאיר וויז האָט ביי יענער געלעגנהייט געהאַלטן זיין באַ־וואוסטע רעדע, וואָס האָט אין יידישע קרייזן געהאַט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן רושם. דאָס איז געווען אַן אַרויסטרעט קעגן דער ציוניסטישער באַוועגונג, וועלכער ער האָט דאַן דערקלערט אַן אָפענעם קריג — בלויז עטלעכע טעג פאַר דעם ערשטן ציוניסטישן וועלט־קאָנגרעס וואָס איז אָפּגעהאַלטן גע־וואָרן אין באַזעל. דער אבי הרעפאָרם־יידישקייט אין אַמעריקע האָט זיך אויסגעדריקט פיינטלעך וועגן דער אידייע פון אַ יידישער ארץ ישראל, און פונקט אַזוי פיינטלעך, אפילו פאַנאַטיש־פאַרביסן, איז געווען דער אופן ווי

ער האָט גערעדט וועגן די וואָס האָבן די דאָזיקע אידייע אין יענער צייט אויפגענומען. פאַר אים זיינען זיי געווען „פּאָליטיקאַנטן", „פאַנטאַסטישע נאַרן פון אַ זינלאָזער אוטאָפּיע", וואָס האָבן זיך געלאָזט פאַרפירן פון אַ „משיחישער באַוועגונג", וואָס איז ניט מער ווי „אַ פאַטאַ מאָרגאַנאַ, אַ צייט־ווייליקע פאַרשיכורונג פון קראַנקע מוחות". דער צוזאַמענפאָר האָט אין אַ רעזאָלוציע דאַן אָפּגעוואָרפן די אידייע פון דר. הערצלס „יודנשטאַט", און האָט זיין ציוניזם באַצייכנט ווי „אַן אומאָנגענעמען עפּיזאָד אין אונדזער געשיכטע".

די דאָזיקע שטעלונג פון די רעפאָרם־ראַבייס צום יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק האָט אָבער ניט געקאָנט האָבן קיין שטאַרקן אָפּקלאַנג, און ביי די בריטישע יידישע מאסן אודאי ניט. דער ענטפער פון קאַנאַדער יידן גופא דערויף מיט זעקס חדשים שפּעטער איז געווען — אַן ענטוזיאַסטיש אָנשליסן זיך אין דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג.

סוף 1897 איז אין וואַנקאָוווער געשטאָרבן דער געוועזענער יידישער מעיאָר פון יענער שטאָט, מר. דוד אָפּנהיימער. מר. אָפּנהיימער האָט ביז 1892 דאָרט פאַרנומען דעם אמט פון הויפּט־מאַגיסטראַט עטלעכע טערמינען כסדר. ער איז געשטאָרבן דעם 31טן דעצעמבער (די דאַטע פון זיין געבוירנטאָג) אין עלטער פון 65 יאָר, איבערלאָזנדיק אַ טאָכטער. מען האָט אים לאַנג געהאַט באַטראַכט פאַר איינעם פון די געאַכטסטע בירגער דאָרטן, וועמעס נאָמען איז געווען פאַרבונדן מיט אַסך וויכטיקע פאַזעס אין דעם אויפבוי פון בריטיש קאָלאָמביע. דער נאָמען „אָפּנהיימער" איז דאָרטן אפשר געווען פּאָפּולערער ווי יעדער אַנדער נאָמען. בעת דער אוירל פון דאָפערין און ליידי דאָפערין האָבן אין 1876 באַזוכט יענע פּראָווינץ און זיך געפונען אין יעיל, וואו דוד אָפּנהיימער האָט דעמאָלט נאָך געהאַט געוואוינט, איז דאָס געווען ביי אים אין הויז, וואו מען האָט דעם קאַנאַדער גאָווערנאָר־דזשענעראַל און זיין פרוי אויפגענומען און וואו ביידע זיינען דאַן אויך פאַרבליבן די געסט איבער נאַכט.

די שטאָט וואַנקאָוווער האָט אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד און אים געמאַכט די גרעסטע לויה וואָס איז אין דער פּאַציפישער פּראָווינץ ביז דאַן נאָך געווען פאָרגעקומען. כדי צו ערן זיין אָנדיינק, האָבן די בירגער פאַר אים שפּעטער (אין 1911) אויפגעשטעלט אַ מאָנומענט אין סטענלי פּאַרק. דעם טאָג ווען מען האָט אין וואַנקאָוווער אויפגעדעקט דעם דיינקמאָל פאַר דעם יידישן מעיאָר, האָט מען אין יענער שטאָט פּראָקלאַמירט אַ בירגערלעכן יום טוב. ביי דער אויפדעק־צערעמאָניע האָבן זיך געפונען די סאַמע אָנגעזעענסטע פּערזענלעכקייטן, אַלע שטאָט־באַאַמטע, מיטגלידער פון דער לעגיסלאַטור

און פאַרטרעטערס פון פּראָווינציעלן קאַבינעט מיט ריטשאַרד מעקברייד, דעם דעמאָלטיקן פּרעמיער, בראש. מר. מעקברייד האָט ביי יענער געלעגנהייט געהאַלטן אַ רעדע און שטאַרק געלויבט אָפּנהיימערס גרויסע פאַרדינסטן פאַר וואַנקאָווער און פאַר בריטיש קאָלאָמביע בכלל.

צו וואָס פאַר אַ מדרגה פון אַנטוויקלונג קאַנאַדער יידן זיינען אַרום יענער צייט ניט געווען צוגעקומען, זיינען זיי אָבער נאָך אַלץ געווען אָרעם אין גייסטיקע כוחות. פונדעסטוועגן האָבן זיי שוין דאַן אַרויסגעוויזן אַ נייגונג פון וועלכער מען האָט געקאָנט זען, אַז טייל פון זיי האָבן זיך געריסן צו בילדונג, און האָבן זיך גענומען אַלץ מער אינטערעסירן מיט זאַכן וואָס האָבן געהאַט אַ קולטורעלן ווערט. די געזעלשאַפטלעכע קלובן און ליטעראַרישע יוגנט־פאַראיינען, וואָס האָבן עקזיסטירט אין מאָנטרעאָל און טאָראָנטאָ, האָבן צוגעצויגן צו זיך אַ גרעסערן קרייז. זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט אויפקלערערישער אַרבעט צווישן זייערע מיטגלידער, מיט ליטעראַרישע דיסקוסיעס וכדומה.

אין די מער באַוואוסטע קאַנאַדער אוניווערזיטעטן, טאָראָנטאָ און מעקגיל, האָבן יידישע סטודענטן אָנגעהייבן זיך וואַרפן אין די אויגן. דאָס זיינען געווען אימיגראַנטן אָדער קינדער פון אימיגראַנטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין די פאַקולטעטן פון קונסט, געזעץ און מעדיצין, וואו זיי האָבן מיט חשק געשטודירט און דאָרשטיק געטרונקען פון די קוואַלן פון וויסן. און אין די מערסטע פאַלן האָבן זיי זייער „אַלמא מאַטער" ניט פאַרשעמט. נאָך מיט יאָרן פריער זיינען אייניקע פון זיי שוין געווען אַרויס פון מעקגיל און געמאַכט פאַר זיך אַ נאָמען. דער צווייטער יידישער דאָקטאָר וואָס האָט גראַדואירט פון דעם דאָזיקן אוניווערזיטעט איז געווען דר. לעווי, וועלכער האָט באַקומען זיין מעדיצינישן דיפּלאָם אין 1874. דעם זעלביקן יאָר האָט אויך דער אויבנדערמאָנטער דר. דוד אַ. האַרט גראַדואירט פון בישאָפּס קאָלעדזש (לענאָקסוויל). דר. לעווי האָט שפּעטער זיך אַריבערגעקליבן קיין ניו יאָרק, וואו ער האָט זיך גענומען צום שטודירן יוריספּרודענץ און איז געוואָרן אַ באַוואוסטער אַדוואָקאַט. פון ניו יאָרק איז ער נאָכדעם אוועקגעפאָרן קיין ענגלאַנד און זיך דאָרטן באַזעצט. אַן אַנדער יידישער מעקגיל גראַדואירטער פון יענער צייט איז געווען דר. היראַם נ. וויינבערג, וועמען מיר האָבן שוין דערמאָנט ביי אַ פריערדיקער געלעגנהייט. ער איז געבוירן אין רוסלאַנד אין 1857 און איז יונג אַריבערגעקומען קיין קאַנאַדע. ער האָט באַקומען זיין דיפּלאָם אין 1878, ענדיקנדיק מיט די העכסטע אויסצייכענונגען. דר. וויינבערג איז נאָך זיין פאַרלאָזן קאַנאַדע פאַרבונדן געוואָרן מיט

די גרעסטע אמעריקאנער שפיטאַלן און ער האָט זיך געמאכט א נאָמען אין דער מעדיצינישער וועלט.

דער ערשטער ייד צו קריגן אין מעקגיל זיין דיפּלאָם אין יוריספּרו־דענץ, איז געווען מר. לואיס א. הארט, וועמען מיר האָבן שוין א פּאָר מאָל דערמאָנט. אין 1880 האָט מען אין דעם זעלביקן אוניווערזיטעט אים אויפגע־נומען פאר פּראָפעסאָר פון טעאָריע און פּראַקטיק פון נאָטארישער פּראָצע־דור, און פאר מיטגליד פונם געזעץ־פאַקולטעט. די פּרעסע האָט דעמאָלט אין װאַרעמע ווערטער קאָמענטירט וועגן דעם. „דאָס איז פאר די פריינט פון בירגערלעכער און רעליגיעזער פרייהייט נאָך א באוויז", האָט דער מאָנט־רעאָל „סטאר" דאן געשריבן, „אז פאַראורטיילן פון קלאס אָדער גלויבן האָבן קיין פּלאַץ ניט אין אונדזער וויכטיקסטן אוניווערזיטעט. מר. הארט איז א ייד, און זיין נאָמען איז בלויז איינער פון צווישן די וואָס האָבן מעקגיל ביז היינט פארשאפט כבוד".

די ערשטע יידישע פרוי־דאָקטאָר אין קאנאדע איז געווען רעגינע ל. לאַנדוי, וואָס האָט אין 1896 געענדיקט דעם מעדיצינישן פאַקולטעט פון בישאָפּס קאָלעדזש. זי האָט א צייט פּראַקטיקירט מעדיצין אין מאָנטרעאָל, וואו זי איז אויך געווען איינע פון די גרינדערינס און אן אקטיווע אָנפירערין פון א יידיש ליטעראַרישן פרויען יוגנט־פאַראיין. אן אנדער יידישע פרוי, מיס קאַראָלינע הארט (אייניקל פון בנימין הארט), האָט איר נאָמען פאר־בונדן מיט דער קינדערגאָרטן־באוועגונג און געהאָלפן איינפירן אין קאנאדע דעם דאָזיקן אזוי וויכטיקן מעטאָד פון מאָדערנער שול־דערציאונג. זי איז קיין טאָראָנטאָ געקומען פון סט. לואיס, מיזורי, אויף דער איינלאדונג פון סיר דזשאָרדזש ראָס, דעם דעמאָלטיקן בילדונג־מיניסטער פון אָנטאַריאָ. צווישן די יאָרן 1885־1892 האָט זי געהאט אָנגעפירט די מאָדעל־שול פאר קינדערגאָרטן־לערערינס אין יענער שטאָט, און אין 1890 האָט מען זי אויך באשטימט פאר הויפּט אויפזעערין איבער די קינדערגאָרטנס אין דער פּראָווינץ.

אין דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון דער קינדערגאָרטן־באוועגונג אין אמע־ריקע האָט איינע פון אירע נאָענטסטע מיטארבעטערינס אויף דעם דאָזיקן געביט פון דערציאונג וועגן איר זיך אויסגעדריקט מיט אסך װאַרעמקייט. „פאר דעם גיכן וואוקס פונם קינדערגאָרטן אין אָנטאַריאָ און אין דער קאַ־נאַדער דאָמיניאָן בכלל", האָט זי דאָרטן געשריבן, „דאַרף מען הויפּטזאכלעך איר פאַרדאנקען. דאָס וואָס מען האָט אין 1890 זי באשטימט פאר פּראָווינ־ציעלער הויפּט־אויפזעערין פון קינדערגאָרטנס, האָט איר געגעבן גרעסע־רע מעגלעכקייטן צו קאָנען דינען די אינטערעסן וואָס זיינען איר געווען

אזוי טייער. עס וועט ניט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אז פון די „גרויסע טייכן" פון אָנטאריאָ ביז צום פּאציפישן ברעג, וואו נאָר מען האָט איינגעפירט דעם קינדערגאָרטן, איז דערביי געווען מיס הארטס השפעה און אינספּיראציע. די קאנאדער קינדערגאָרטנס דערמאָנען מיט זיך איר נאָמען מיט שטאָלץ און מיט דאנק". 2)

ריידנדיק וועגן פארבינדונגען מיט דעם לערער־פאך, איז אינטערע־סאנט דאָ אויך צו באמערקן אז די „פּאַמערסטאָן עוועניו סקול" אין טאָראָנ־טאָ האָט אין 1897 געהאט א יידישן געהילף־פּרינציפּאל. דאָס איז געווען מיס עטא בירקנטאל. מיס בירקנטאל האָט די דאָזיקע שטעל פארנומען עטלעכע יאָר נאָכאנאנד. דאָס איז געווען דער איינציקער פאל, וואו א יידישע פרוי האָט ביז דאן נאָך געהאט אָנגעפירט א קלאס אין א קאנאדער שול.

א באקאנטע פיגור אין קאנאדער קונסט־קרייזן איידער די ניינציקער יאָרן האָבן זיך געענדיקט, איז געווען וויליאם ראפאעל (געבוירן אין מזרח־פּרייסן, 1833; געשטאָרבן אין מאָנטרעאָל, 1915). ער האָט געשטודירט מא־לעריי אין דער קעניגלעכער קונסט־אַקאַדעמיע אין בערלין, און האָט אין 1860 איינגעוואנדערט אין קאנאדע. ער האָט זינט דאן געוואוינט אין מאָנט־רעאָל, וואו ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דער פענדזל־קונסט און אין זיין צייט זיך געמאכט א נאָמען צווישן קאנאדעס באוואוסטע מאלערס. אסך פון זיינע בילדער און לאנדשאפט־מאָלערייען געפינען זיך אין פּריוואטע קאָ־לעקציעס, און אייניקע פון זיי האָבן אויך געהאט באצירט די ווענט פון פּאר־לאמענט אין אָטאווא. מר. ראפאעל איז געווען א רעפאָרם־ייד און א מיטגליד פון טעמפּל „עמנואל". ער איז געווען צווישן די ערשטע מיטגלידער פון דער קעניגלעכער קאנאדער אקאדעמיע, און האָט אין די קונסט־קרייזן פון לאנד בכלל געהאט אסך פארערערס.

עס איז כדאי, אין שייכות מיט דעם פריען יידישן ביישטייער צו קונסט אין קאנאדע, אפשר אויך צו זאָגן א פּאָר ווערטער וועגן טעאטער. ביי א פרי־ערדיקער געלעגנהייט איז דאָ שוין דערמאָנט געוואָרן דער טעאטער וואָס משה י. העיס האָט אין 1848 אויפגעבויט אין מאָנטרעאָל און וואָס האָט עק־זיסטירט עטלעכע יאָר. דזשעסע דזשאָזעף, וועלכער איז געווען אן אונטער־שטיצער פון דראמאטישער קונסט, איז פרי געווען פארבונדן מיט א טעא־טער. דאָס איז געווען מיט דעם „טעאטער ראיאל", דעמאָלט דעם וויכטיקסטן שוישפּיל־פּלאץ אין מאָנטרעאָל. פיל מער אָבער האָט פאר דער אנטוויקלונג פונם קאנאדער טעאטער אין די שפּעטערדיקע יאָרן אויפגעטאָן מר. ה. ר.

2) HENRY J. MORGAN, Canadian Men and Women of the Time, 1898, pp. 444-445.

דזשייקאָבס. ער איז געווען דער גרינדער פון דער פירמע „ספּאַראָו און דזשייקאָבס״, וואָס האָט קאָנטראָלירט די טעאַטערס פון מאָנטרעאָל און טאָראָנטאָ. מר. דזשייקאָבס איז געווען א מאַן מיט אסך ענערגיע, וואָס האָט די בינע־קונסט אין לאנד געזוכט אויפצוהייבן לויט דעם מוסטער פון די בעסערע אַמעריקאנער טעאַטערס.

א פריען אָנהייב האָט מען אין קאנאדע אויך געמאכט מיט יידיש טעאַטער. דאָס איז געווען אין 1896, בעת דער שפּעטערדיקער אמעריקאניש־יידישער דראַמאַטורג י. זאָלאָטאַרעווסקי איז געקומען קיין מאָנטרעאָל מיט א טעאַטער־טרופּע אויפצופירן יעקב גאָרדינס „קעניג ליער״. די פאָרשטע־לונג איז דורכגעפירט געוואָרן אין „מאָנומענט נאַשאָנאַל״ טעאַטער, און ווי אָן אָנהייב האָט זי ניט געהאט דעם געווינטשטן דערפאָלג — אפשר מחמת דעם וואָס דער יידישער עולם אין מאָנטרעאָל איז צו יידיש טעאַטער דע־מאָלט נאָך ניט געווען צוגעוואוינט. מען האָט געמאכט א צווייטן פּרוואוו, און אויפגעפירט גאָלדפאַדנס „שולמית״, וואָס האָט דוקא זייער שטאַרק אויס־גענומען. דער דערפאָלג דערפון איז געווען אזוי גרויס, אז מען האָט אויף דעם אלגעמיינעם פאַרלאנג באשלאָסן אויפצופירן גאָלדפאַדנס נאָך א זאַך — „בר כוכבא״. מען האָט עס געשפּילט ווי א בענעפיט־פאָרשטעלונג פאר דעם פראנץ יאָזעף לאָדזש פון די „סאָנס אָוו בענדזשאַמין״. אָט יענע דריי פאָר־שטעלונגען זיינען געווען די ערשטע וואָס מען האָט אין קאנאדע אויפגעפירט פאר א יידישן טעאַטער־עולם.

## קאפיטל צוויי און צוואנציק

## דאָס יידישע לעבן שפּעט די ניינציקער יאָרן

איידער דער ניינצנטער יאָרהונדערט האָט זיך געענדיקט, באַגעגענען מיר אויך אַ פּאָר יידישע נעמען אויף דעם געביט פון ליטעראַטור. מיר האָבן שוין דערציילט וועגן די ליטעראַרישע אַרבעטן פון דר. אברהם דע סאָלאַ און, אינקורצן, אויך וועגן די אשערס. פּרי די ניינציקער יאָרן האָט קלאַרענס י. דע סאָלאַ געגומען פאַרעפנטלעכן די רעזולטאַטן פון זיינע ערשטע פאָר־שונגען אויף דעם געביט פון קאַנאַדיש־יידישער געשיכטע, וואָס האָבן אַרויסגערופן גרויס אינטערעס. אַ שוואַכן פּרואוו אויף דעם זעלביקן געביט האָט אויך געהאַט געמאַכט אַנדריו סי. דזשאָזעף.

באַזונדערס באַקאַנט ווי אַ קאַנאַדער שריפטשטעלער איז געווען דזשע־ראַלד ע. האַרט (1849־1936), וועלכער האָט זיך געמאַכט אַ נאָמען מיט זיינע אָריגינעלע פאָרשונגען וועגן קאַנאַדער געשיכטע. חוץ אַסך קלענערע זאַכן, האָט ער פאַרפאַסט: „דאָס פאַלן פון ניי־פראַנקרייך", „נאָטיצן פון 1837", און „דער קוויבעק אַקט, 1774". דאָס ערשטע ווערק געהערט צו די בעסטע וואָס זיינען אין קאַנאַדע געשאַפן געוואָרן וועגן יענער תקופה, וואָס האָט געהאַט באַצייכנט דעם איבערגאַנג פון פראַנצויזישער צו ענגלישער הערשאַפט. דזשעראַלד ע. האַרט האָט פאַרמאָגט איינע פון די זעלטנסטע קאָלעקציעס קאַנאַדיאַנאַ און פון אויטאָגראַפן און פאַרצייטיקן פּאַפּיר־געלט. ער איז געווען פון די ערשטע מיטגלידער פון דער „נומיזמאַטישער און אַנטיקוואַרישער גע־זעלשאַפט" פון מאָנטרעאָל, און פּרעזידענט און איינער פון די גרינדערס פון דער „געזעלשאַפט פאַר היסטאָרישע פאָרשונגען". זיין נאָמען טרעפן מיר אויך אָן אין 1892 צווישן די ערשטע מיטגלידער פון דער „אַמעריקאַניש־יידישער היסטאָרישער געזעלשאַפט", וואָס האָט יענעם יאָר זיך געגרינדעט.

עס איז וויכטיק דאָ אויך צו דערמאָנען די זשורנאַליסטישע ראָל פון זשול העלבראָנער, וועלכער איז געווען רעדאַקטאָר פון דער גרויסער פראַנ־צויזישער צייטונג „לאַ פּרעס", פון מאָנטרעאָל. העלבראָנער, אַן עלזאַסער ייד, איז אין 1874 אַריבערגעקומען קיין קאַנאַדע בעת ער איז נאָך געווען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר צוואַנציק. ער איז געווען אַ גרויסער קענער פון עקאָנאָ־

מישע פראגן און האָט זיך פרי גענומען אָפּגעבן מיט זשורנאַליזם. אין 1887 האָט ער מיט נאָך אימיצן אָנגעהייבן ארויסגעבן אין מאָנטרעאָל דאָס וואָכנ־בלאַט „לע פרי קוראַן", וואָס איז געווען געווידמעט אַלערליי ענינים פון אינ־דוסטריע און האַנדל. א קורצע צייט נאָכדעם איז ער אריינגעטראָטן אין „לאַ פּרעס" און איז שפּעטער געוואָרן הויפּט־רעדאַקטאָר פון יענער צייטונג. אין 1896 האָט ער רעזיגנירט פון זיין שטעל, כדי צו רעדאַקטירן די נייע ליבע־ראַלע צייטונג „לע סואַר", אָבער איז מיט א צייט שפּעטער ווידער אריינגע־טראָטן אין „לאַ פּרעס" צו פאַרנעמען א רעדאַקטאָר־שטעל. העלבראָנער איז געווען באַקאַנט פאַר א זייער פייאיקן זשורנאַליסט און ער האָט גאַנץ אָפט, דער עיקר בעת דעם דרייפוס־פּראָצעס, באַנוצט זיין פעדער צו פאַרטיידיקן יידן פון אַנטיסעמיטישע אַטאַקעס.

דאָס איז אָבער געווען בלויז א קליין, זייטיק ווינקל פון דער אַלגעמיינער יידישער פּאַנאָראַמע. דאָס ארומיקע בילד האָט געהאַט נאָך אַנדערע זייטן אויך. און דאָס דאָזיקע בילד האָט אין יענער צייט גענומען מיט זיך גראָד שאַרף רייסן אַלעמעס אויגן און אויסשטעלן פאַר דער עפנטלעכקייט דאָס, וואָס די רייכערע קאַנאַדיזירטע יידן האָבן געוואָלט באַהאַלטן. דאָס איז געווען בנוגע דער שרעקלעכער נויט וואָס האָט געהערשט אויף דער יידישער גאַס, באַזונ־דערס צווישן די ניט לאַנג אריבערגעקומענע.

ווי אַזוי האָט אויסגעזען דער מצב פון דעם גרויסן רוב פון די דאָזיקע ניט לאַנג אריבערגעקומענע? ווי האָט עקאָנאָמיש זיך דעמאָלט געלעבט די יידן, דער עיקר דער אָרימערער מאַסע, דעם דורכשניטלעכן יידישן ארבעטער? עס איז כדאי דערמיט זיך אָביסל צו באַקענען, ווייל דאָס גיט אונדז א באַגריף וועגן דעם וואָס אונדז אינטערעסירט צו וויסן וועגן די סאָציאַלע באַדינגונגען פון די קאַנאַדער יידן בכלל צו יענער צייט.

עקאָנאָמיש, מוז מען זאָגן, איז דער מצב פון דעם דורכשניטלעכן יידישן ארבעטער ניט געווען קיין זייער געהויבענער, נאָר פּונקט פאַרקערט. זיין לעבנס־סטאַנדאַרד איז געווען א גאַנץ נידעריקער — ניט קיין סך העכער פונם לעבנס־סטאַנדאַרד פון די אימיגראַנטן פון אַנדערע עטנישע גרופּעס. אַסך אָרימע יידישע ארבעטער־פאַמיליעס האָבן מיט שוויס און שווערער פּראַצע זיך געקאָנט דורכלעבן, האָבן מיט שוויס און שווערער פּראַצע קוים געקאָנט פאַרדינען אויף עפּעס מער ווי זייער טעגלעך ברויט. אונטער אַזעל־כע אומשטאַנדן האָט זייער לעבן געמוזט זיין מיזערנע און טרויעריק.

מיר ווייסן ניט, אויב דאָס וואָס איז געווען דער פאַל אין מאָנטרעאָל האָט אויך געקאָנט זיין מאַסגעביק פאַר אַנדערע אינדוסטריעלע צענטערס, וואו יידן האָבן געוואוינט. אָבער אין דער קאַנאַדער מעטראָפּאָליע איז זייער לאַגע

געווען א באמת שרעקלעכע. דאָס קאָן מען זען פונם באריכט, וואָס דער קאָ־מישאָנער פון עפנטלעכער ארבעט אין דער פּראָווינץ קוויבעק האָט צוגע־שטעלט פאר דעם יאָר 1897. מיר דערוויסן זיך דאָ פון אומדערהערטע און אומגלויבלעכע באדינגונגען צו וועלכע יידישע ארבעטער זיינען געווען אונ־טערגעוואָרפן, פּראַצעוועטיק אין ווייט ניט קיין סאַניטאַרע פלעצער לאנגע, שווערע שעהן און פאר א מאָגערן, שרעקלעך קליינעם לוין.

דער „סוועט־שאָפּ" סיסטעם וואָס האָט געהערשט דער עיקר אין דער קליידער־אינדוסטריע, איז געווען פון אזא כאראקטער, אז דער קאָמישאָנער געפינט פאר נויטיק דערויף צו ציען באזונדערע אויפמערקזאמקייט. וואָס ער האָט דאָ געהאט אויסגעפונען, און וואָס ער גיט וועגן דעם איבער אין זיין באַריכט, איז געווען ממש צום שטוינען. די יידישע ארבעטער אינם קליידער־פאך זיינען עקספּלואטירט געוואָרן אויף דעם אומדערהערטסטן אופן. זיי האָבן געארבעט אין ענגע, פינסטערע, שמוציקע און א האָר ניט ווענטילירטע שעפּער וואָס האָבן זיך געפונען אין אַלטע געביידעס, וואו די רעגולאציעס בנוגע אינ־דוסטריעלע פלעצער זיינען לחלוטין ניט אָפּגעהיט געוואָרן, אָדער אין פּרי־וואַטע דירות, אין הינטערגעסלעך, אין הינטערהויפן, אין קעלערס, אין דאכ־שטיבלעך. אין אָט די פלעצער זיינען די ארבעטער, צווישן זיי פרויען און ניידלעך, געזעסן צוזאמענגעבויגענע לאנגע שעהן, אָן לופט און אָן ליכט און, ארבעטנדיק פאר א זייער קלעגלעכן לוין.

יידישע נאָדל־ארבעטער אין מאָנטרעאָל זיינען אין יענער צייט שוין גע־ווען אביסל אָרגאניזירט. מיר הערן נאָך אין 1890 פון א יידישער שניידער־יוניאָן, „אסעמבלי נומער 44", וואָס איז געווען אָנגעשלאָסן אין די „נייטס אָוו לייבאָר". איינצלנע מיטגלידער האָבן גענומען אן אקטיוון אָנטייל אין יידישן לעבן, און יענע יוניאָן האָט מיט צוויי יאָר שפּעטער געגרינדעט אין מאָנט־רעאָל א יידישן קראנקן אונטערשטיצונג־פאראיין. הגם זי איז געוואָרן גרע־סער אין צאָל און מען האָט זי אין עטלעכע יאָר ארום אפילו רעאָרגאניזירט, איז זי אָבער געווען נאָך צו שוואך צו קאָנען אויפנעמען א קאמף פאר בעסערע באדינגונגען. עס איז אָבער ניט געווען קיין סוד, אז יידישע יוניאָן־פירערס האָבן געהאט צו טאָן מיט דער אויספּאָרשונג פון די „סוועט־שעפּער", וואָס די רעגירונג האָט דעמאָלט אונטערגענומען.

די גאנצע אינדוסטריע איז געלעגן אין די הענט פון די גרעסערע יידישע קליידער־פאבריקאנטן, וואָס האָבן זי קאָנטראָלירט. און דאָס איז געווען די דאָזיקע קליידער־פאבריקאנטן, וועמען די „דזשואיש טיימס" האָט אין הארבע ווערטער אזוי געשטראָפט און געמוסרט, אָפּשטעלנדיק זיך אויף דעם באריכט פונם קוויבעקער קאָמישאָנער פאר עפנטלעכער ארבעט. דער ענגליש־יידי־

שער ארגאן האָט וועגן דעם זיך זייער שארף אויסגעדריקט, באַמערקנדיק, אז די דאָזיקע קליידער־פאבריקאנטן האָבן אויף דער יידישער גאס געשפילט די ראָל פון פילאנטראָפּן, אָבער בלויז — בעת דער יערלעכער אסיפה פון באַראָן דע הירש אינסטיטוט. 1)

די פאקטן וואָס זיינען אין דעם באַטרעפנדיקן באַריכט ארויסגעבראַכט געוואָרן זיינען געווען פון אזא שאָקירנדיקן כאַראַקטער, אז דער לאָקאַלער אינספּעקטאָר האָט איבערגעגעבן, אז ער האָט באַזוכט א יידישע פאַרזאַמלונג וואו עס האָט זיך געפונען אן עולם פון ארום א פינף הונדערט מענטשן, כדי אלעמען דאָרט דערמיט צו באַקענען. ער האָט די פאַרזאַמלטע דערקלערט ווי וויכטיק עס איז, אז מען זאָל אָפּהיטן די געזעצן און רעגולאַציעס בנוגע אינ־דוסטריעלע פלעצער. ער איז געווען איבעראַשט אויסצוגעפינען, ווי ווייניק די יידן האָבן וועגן דעם געהאַט א באַגריף.

אין דעם באַריכט מיט א יאָר שפּעטער ווערט דער זעלביקער ענין פונדאַסניי אויפגענומען און באַהאַנדלט אויף דעם אייגענעם אופן. מר. לעסאַר, דער אינספּעקטאָר פון אינדוסטריעלע פלעצער אין מאָנטרעאָל, דערציילט דאָרט וועגן דעם שרעקלעכן צושטאַנד וואָס ער האָט געטראָפן אין יידישע שעפּער, אָבער דאָס מאָל שטעלט ער זיך אָפּ באַזונדערס אויף בעקערייען. „וואָס מיר האָבן געזען אין אייניקע בעקערייען", זאָגט ער, „לאָזט זיך גאָר ניט באַשרייבן; שמוץ און אומריינקייט אומעטום; ווענט, דילן און כלים אין א גע־פערלעכן צושטאַנד פון פאַרפּעסטונג . . . אין אזעלכע טרויעריקע פלעצער האָבן מיר אויסגעהערט די טענות פון די ארבעטער, אויסגעמאַטערטע פון אכציק אָדער נײַנציק שעה פּראַצע א וואָך אָנשטאָט זעכציק, און וואָס האָבן געאַרבעט אויך זונטיק ווי א צוגאָב. אסך פון די דאָזיקע נעסטן פון אָנשטעק־קונג געפינען זיך אין די קעלערס פון הייזער, ביי איטאַליענער און ביי יידן ..."

בנוגע די יידישע שניידער־שעפּער, באַמערקט ער, אז די לאַגע האָט זיך א ביסל פאַרבעסערט לגבי א יאָר פריער, הגם דאָס איז ניט געווען דער פאַל אין דער גאַנצער אינדוסטריע. ער שרייבט וועגן דעם אָט וואָס:

„אין מאָנטרעאָל געפינען זיך ווינציקסטנס א צען טויזנט יידן. אסך פון זיי האָבן זיך אויפגעמאַכט קליינע שעפּער וואו מען נייט רעק, וועסטן, הויזן, היטלען, פוטערס און אזו"ו. זינט אָבער מיר האָבן אויפגעדעקט געוויסע פאַקטן אין שייכות מיט דעם „סוועטינג סיסטעם", איז צו באַמערקן אן ענדערונג צום גוטן. אלע פאַרזיכערן אונדז, אז זיי זיינען גרייט אָפּצוהיטן דאָס געזעץ. מיר האָבן אָנגעטראָפן אסך פלעצער אין א שרעקלעכן צושטאַנד, — פלעצער וואו מען האָט אונדז אין אָנהייב אפילו ניט געוואָלט אריינלאָזן, אָבער וואו

1) Jewish Times, Montreal, February 8, 1898.

אונדז האָט זיך פונדעסטוועגן איינגעגעבן צו זען אַז דאָס געזעץ זאָל פאַרט אָפּ־געהיט ווערן". 2)

פון אָט דעם אַלעמען מאָלט זיך פאַר אונדז אויס אַ קלאָר בילד וועגן דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן מצב פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין מאָנטרעאָל צו יענער צייט. עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלן אַז אַזאַ צושטאַנד האָט ניט גע־קאָנט פיל בייטראָגן צום מאַטעריעלן וואוילזיין פון דער יידישער באַפעלקע־רונג בכלל, און פון די אָרימערע שיכטן בפרט. די אימיגראַציע האָט די לעצטע פאַר יאָר געהאַט געבראַכט אַ גרויסע צאָל אָזעלכע, ווען עס איז אָנגעקומען מיט גרויס מאַטערניש זיך צו קאָנען אַביסל איינאָרדנען, און וואָס האָבן מאַטע־ריעל זייער שטאַרק געליטן. דאָס איז געווען אַן עלעמענט, וואָס האָט געהאָלפן פאַרשאַרפן דאָס פּראָבלעם וואָס די „סלאָם"־געגנטן האָבן מיט זיך באַשאַפן, מחמת די דאָזיקע אימיגראַנטן האָבן זיך דאָס רוב באַזעצט אין דעם געדיכט־באַפעלקערטן און אָרימערן שטאָט־טייל.

וואָס איז שייך דעם רייכערן קלאַס, איז צו זען אַז חוץ אַ פאַר ענערגישע יידישע כלל־טוערס, וואָס אייניקע פון זיי זיינען שפּעטער געוואָרן צענטראַלע פיגורן אין דעם קאַנאַדער יידישן לעבן, האָבן די מערסטע פון זיי זיך קנאַפּ געקימערט מיט דעם גורל פון זייערע אָרימע איינגעוואַנדערטע ברידער. זיי האָט ניט געאַרט וואָס די לעצטע האָבן געדאַרפט זיך אַזוי ראַנגלען פאַר זייער עקאָנאָמישער עקזיסטענץ, און ניט געאַרט אונטער וואָס פאַר אַ טרויעריקע באַדינגונגען זיי האָבן געלעבט. די פאַרשיידענע יידישע צדקה־פאַראיינען זיי־נען געווען שרעקלעך פאַרלאָזט, און די מער פאַרמעגלעכע יידן איז אפילו ניט איינגעפאַלן, אַז זיי האָבן געדאַרפט די דאָזיקע צדקה־פאַראיינען שטיצן און זען אויפהאַלטן. ניט איינמאָל האָבן זיי אויף די שפּאַלטן פון „דזשואיש טיימס" דערמיט אַרויסגערופן קעגן זיך אַסך ביטערע, גאַליקע ווערטער. דער דאָזי־קער אָרגאַן, וואָס האָט פאַרטייטשט די יידישע עפנטלעכע מיינונג און האָט זיך באַמיט איר צו געבן אַ געזונטן אויסדרוק, האָט שטאַרק קריטיקירט די רייכע יידן, וואָס האָבן ניט געזוכט נאָכצוטאָן דעםביישפּיל פון די ראָטשילדס און די שיפס. זיי האָבן זיך ניט באַנוצט מיט דער געלעגנהייט וואָס זיי האָבן פאַר זיך געהאַט — האָט די צייטונג זיי פאָרגעוואָרפן — כדי אויסצושטרעקן זייע־רע אָרימע ברידער אַ פריינדלעכע האַנט. זיי האָבן ניט געזוכט זיי צו העלפן ווערן ניצלעכע בירגער פון אָט דעם דאָזיקן גרויסן, פרייען לאַנד וואָס האָט זיי ביי זיך אויפגענומען, און וואו זיי זיינען געקומען בויען זייער היים.

פונדעסטוועגן אָבער האָבן די „אָרימע מיטגלויביקע" פון די מזרח־איי־ראָפּעאישע לענדער פאַמעלעך אַליין אויסגעטרעטן פאַר זיך דעם וועג. זיי איז

2) דאָרטן, 17טן פעברואַר 1899.

אפילו דאָס אָנגעקומען ניט גאָר גרינג. זייער וועג, אין א סביבה וואָס איז זיי געווען אזוי אומבאקאנט און פרעמד, איז אין אָנהייב פאר זיי געווען פארלייגט מיט די גרעסטע שוועריקייטן. אָבער זיי זיינען די דאָזיקע שוועריקייטן פאָרט בייגעקומען. און אויסגעטרעטן האָבן זיי דעם וועג פאר זיך אויף זייער אייגענעם אופן און אָן קיינעמס הילף, צופאסנדיק זיך צו די באדינגונגען ארום זיי. זיי האָבן ביסלעכוויז זיך ניט נאָר איינגעאָרדנט עקאָנאָמיש. נאָר אין דער פראָפאָרץ אין וועלכער זייער צאָל האָט איבערן לאנד זיך פארגרעסערט, האָט יידישקייט אין די אלע ערטער וואו זיי האָבן זיך געפונען זיך אויך גענומען אלץ מער פארוואָרצלען.

עס איז אמת, אז די פירערשאפט פון יידישן לעבן איז געלעגן אין די הענט פון די און יענע. אָבער דאָס דאָזיקע לעבן גופא איז דורך דעם אויף ניט קיין סך באאיינפלוסט געוואָרן. אויף אים האָט ניט משפיע געווען קיין אנדער כוח, ווי בלויז דער כוח פון דער גרעסערער צאָל וואָס די איינוואנדערונג האָט אהער געהאט געבראכט. פאר דער דאָזיקער גרעסערער צאָל האָט די קלענערע צאָל פון די אלט-געזעסענע געמוזט מאכן פלאץ, הגם די לעצטע האָבן דאָס געטאָן ניט גאָר גערן. דאָס איז געווען א פאקטאָר, וואָס האָט ביז ניט קיין קליינעם גראד געהאָלפן איבערפורעמען די יידישע באדינגונגען איבערן לאנד און האָט אָנגעהייבן זיי צוגעבן א מער יידישלעכן אויסזען.

דאָס האָט זיך גענומען מאניפעסטירן אויף פארשיידענע אופנים. דער עיקר אָבער האָט זיך דאָס גענומען מאניפעסטירן דורך דעם, וואָס דער ענין טראדיציאָנעלע יידישקייט, לויט דער ראָל וואָס די דאָזיקע יידישקייט האָט געהאט געשפילט אין יידישן לעבן אין דער אלטער אייראָפּע, האָט פאר קאנאדער יידן אָנגעהייבן ווערן מער אקטועל ווי פריער, און וואָס זיי האָבן אויך גענומען שטארקער זאָרגן וועגן רעליגיעזע הצטרכותן. דער יידישער ישוב האָט מיטאמאָל זיך גענומען נויטיקן אין זאכן, וואָס די באדערפעניש אין זיי איז מיט יאָרן צוריק ניט געווען אזוי גרויס.

אומעטום וואו עס האָבן זיך געפונען א גרעסערע צאָל יידן, הייבט אין די ניינציקער יאָרן זיך אָן באוויזן דער אלטער טראדיציאָנעלער חדר, וואָס נעמט פונקציאָנירן זייט ביי זייט מיט דער לאנד-שול, הגם עס קומט אָן מיט גרויס שוועריקייט צו קאָנען אים אויפהאלטן. א סאָרט חדר האָט אָבער עקזיסטירט נאָך פריער אויך. עס באוויזן זיך אויך נייע שולן און בתי-מדרשים. אין דעם זעלביקן יאָרצענדליק קלייבן זיך אריבער אין נייע בנינים די „שארית ישראל" שול און טעמפל „עמנואל" אין מאָנטרעאָל און די „האָלי בלאָסאָם" קאָנגרעגאציע אין טאָראָנטאָ, און עס קומען צו אין פארשיידענע ערטער נייע אָרטאָדאָקסישע שולן — די „ראש פינה" אין וויניפעג (1893), די „עדת ישורון"

אין אָטאַוואַ (1895), די „בית יעקב" אין טאָראָנטאָ (1899), די „בני ישראל" אין לאָנדאָן, אָנט. (1896), הגם די קהילה דאָרטן איז אָרגאַניזירט געוואָרן נאָך אין 1888, און די „אהבת אחים" אין סט. דזשאָן, נ. ב. (1899).

ארום יענער צייט איז דורך די באַמיאונגען פון הרב אהרן מ. אשינסקי אויך געגרינדעט געוואָרן אין מאָנטרעאָל די ערשטע תלמוד תורה וואָס האָט זיך געעפנט מיט א קליינער צאָל תלמידים. כאָטש א פּרואוו איז דאָרט געמאכט געוואָרן צו גרינדן און אויסהאלטן א תלמוד תורה נאָך מיט א פּאָר יאָר פריער, האָט זיך דאָס אָבער ניט געהאַט איינגעגעבן. ערשט מיט הרב אשינסקיס קומען קיין מאָנטרעאָל אין 1896, ווען ער האָט איבערגענומען די רבנות־שטעל אין דער „בני יעקב" שול, איז דאָס דורכפירן דערפון געוואָרן מעגלעך. ער איז געווען דער וואָס האָט דעם עולם געמוטיקט, רײַדנדיק ווייגן דעם אין דרשות אין שול און אויף פאַרזאַמלונגען. ער האָט מיט ענטוזיאַזם זיך ארײַנגעוואָרפן אין דער ארבעט צו מאכן יידישע דערציאונג צוגאַנגלעך פאַר דעם וואַקסנדיקן דור, וואָס האָט פון טראַדיציאָנעלע יידישע לימודים געהאַט ווייניק געוואוסט. און זײַנע באַמיאונגען זײַנען ניט געווען אומזיסט. אַסך געהאָלפן אין דעם האָבן אים אַלע די וואָס זײַנען געשטאַנען ביי דער „בני יעקב" שול, באַזונדערס משה קאָוויענסקי, דוד ספּערבער, ל. האָלשטיין און אנדערע.

א צייט האָט די תלמוד תורה זיך געהאַט געפונען אין „שאַפּיראָס מנין" אויף קאָדיע גאַס, אַנטקעגן דער אַלטער „בני יעקב" שול. פון דאָרט האָט מען זי אריבערגעצויגן אויף דאָרטשעסטער גאַס און שפּעטער אויף לאַגאַשעטיער גאַס. נאָך הרב אשינסקי׳ס פאַרלאָזן מאָנטרעאָל, האָט הרב צבי הכהן (געבוירן בודוויץ, ליטע, 1862) איבערגענומען די פירערשאַפט פון דער תלמוד תורה—אַן ארבעט, וואָס איר האָט ער זינט דאַן זיך געווידמעט אַלע זײַנע יאָרן, געווידמעט זיך בלב ונפש, מיט ערנסט, מיט אויפריכטיקער איבערגעגעבנקייט. די אויפהאַלטונג פון דער דאָזיקער פרייער העברעאישער שול האָט לאַנג געהאַט צו פאַרדאַנקען דער ברייטהאַרציקייט פון זײַן ברודער, לאַזאַרוס כהן.

פון דער דאָזיקער תלמוד תורה, וואָס האָט אַסך יאָרן געדאַרפט אַזוי שווער קעמפן פאַר איר עקזיסטענץ, איז שפּעטער אויסגעוואַקסן יענע גרויסע אינסטיטוציע פון מאָדערנער העברעאישער דערציאונג אין לאַנד, וואָס טראָגט דעם נאָמען (אונטער וועלכן זי איז אין 1922 געוואָרן אינקאָרפּאָרירט) „די פאַראייניקטע תלמוד תורהס פון מאָנטרעאָל", מיט א גרויסן צענטראַלן בנין אויף סט. דזשאָזעף בולוואַרד וועסט, וואָס דינט אויך פאַר א וויכטיקן יידישן קאָמונאַלן צענטער.

אין דער צייט וואָס די פון פריער עקזיסטירנדיקע יידישע קהילות אין לאַנד האָבן ביסלעכווייז זיך מער באַפעסטיקט, באַמערקן מיר, אַז אויך די

קליינע קהילה אין סט. דזשאָן, נ. ב., האָט א וואקס געטאָן. מיר האָבן שוין דערמאָנט די ערשטע יידישע תושבים דאָרטן. צו דעם דאַרף מען נאָך מוסיף זיין, אז נתן גרין איז געווען דער לעצטער וואָס האָט געהאט דעם כבוד צו באַקומען די פרייהייט פון דער שטאָט סט. דזשאָן פאר קאָנפעדעראציע, און אז די ערשטע יידישע חתונה, וואָס איז געפראוועט געוואָרן אין די מאריטימע פראָווינצן, איז פאָרגעקומען אין 1882. מען האָט געדאַרפט ברייננען א רב פון באָסטאָן, וואָס זאָל זיין מסדר קדושין.

פרי די ניינציקער יאָרן האָבן יידן זיך אָנגעהויבן באזעצן אין סט. דזשאָן אין א גרעסערער צאָל. דאָס רוב זיינען עס געווען רוסישע, פוילישע און ליטווישע יידן, אָבער עס האָבן צווישן זיי זיך אויך געפונען אזעלכע וואָס זיינען געווען געקומען פון ענגלאנד. אין 1896 האָבן זיי געגרינדעט אן אימיגראנטן אונטערשטיצונג־פאראיין, וואָס האָט גענומען אויף זיך די אחריות צו העלפן איינוואנדערער ביים לאנדן אין סט. דזשאָן. דאָס איז געווען דער ערשטער יידישער פאראיין פון דעם סאָרט אין קאנאדע, וואָס האָט צו זיין עובדה זיך באצויגן ניט זוי צו אן אָביעקט פון פילאנטראָפיע, נאָר ווי צו א סאָציאַלער פליכט. די געדרוקטע קאָנסטיטוציע פונם פאראיין, א קליין ביכעלע אין יידיש און אין ענגליש, באשטייט פון 13 פונקטן. דאָס ביכעלע טראָגט דעם אדרעס „177 איסט בראָדוויי, ניו יאָרק", וואו מען האָט דאָס פאר די סט. דזשאָנער יידן אָפגעדרוקט. די אָרגאניזאציע האָט געהאט 36 מיטגלידער, און דאָס איז געווען דער עיקר פונם מיטגליד־אָפצאָל וואָס זי האָט באקומען אלע אירע פאָנדן.

ארום דעם אייגענעם יאָר האָט אויך די חברה „אהבת אחים" דאָרטן אָנגעהייבן פלאנעווען צו בויען פאר זיך א שול. זי האָט פאר דעם צוועק געקראָגן שטיצע פון די יידן פון ניו יאָרק, מאָנטרעאָל און טאָראָנטאָ. אין 1898 איז דער בנין פארטיק געוואָרן און דעם 11טן יאנואר 1899 איז פאָרגעקומען דער חנוכת הבית וואָס איז מיט אסך צערעמאָניעלער פייערלעכקייט געפראוועט געוואָרן דורך רבי ניעטאָ, פון דער „שארית ישראל" שול פון ניו יאָרק, וועמען מען האָט צוליב דער געלעגנהייט געהאט איינגעלאדן. עס האָבן זיך דערביי געפונען דער מעיאָר פון סט. דזשאָן, אסך פראָמינענטע קריסטן, גייסטלעכע און אלע יידן פון יענער שטאָט.

רבי ניעטאָ האָט ביים חנוכת הבית געשאָנקען דער שול א מגילה וואָס ער האָט אליין געשריבן. דער נייער מקום קדוש פון די סט. דזשאָנער יידן איז געווען א גרויסע, שיינע געביידע וואָס האָט געקאָנט אריינגעמען א 300 מתפללים, און האָט אויך געהאט א שבת־שול, א לעקציע־זאל אאז"וו. אינטערעסאנט איז, וואָס איינער פון די הויפט מתעסקים ביים חנוכת הבית איז

געווען ס. האַרט גרין, שפּעטערדיקער יידישער פאַרטרעטער אין דער לע־גיסלאַטור פון מאַניטאָבע.

אויב ניט אַלץ וואָס איז צווישן קאַנאַדער יידן דעמאָלט געווען פאָרגע־קומען האָט געקאָנט באַצייכנט ווערן ווי אַ המשך פון דער פריערדיקער איבערגאַנג־סטאַדיע אין וועלכער זיי האָבן זיך געפונען, איז דאָס געווען פיל מער ווי דאָס. דאָס איז געווען אַ סטאַדיע פון איבערגאַנג פאַר זיך אַליין. דאָס איז געווען אַן עטאַפּ, וואָס מיט אים איז אין יידישן לעבן אָפּגעשלאָסן גע־וואָרן איין פאַזע און עס האָט זיך אָנגעהייבן אַ נייע פאַזע — אַזאַ וואָס האָט איצט זיך געמוזט אויסדריקן אין אַסך מער בולטע פאָרמען, ווי דאָס איז געווען דער פאַל פריער.

מען האָט דאָס געקאָנט מערקן ניט בלויז אין מאָנטרעאָל אַליין. מען האָט דאָס אייגענע אויך באַגעגנט אין טאָראָנטאָ, אין וויניפּעג און אַנדערש־וואו. עס איז געגנוג אַ בלעטער צו טאָן די פאָליאַנטן פון „דזשואיש טיימס" פון יענער צייט, וואָס וויקלען פאַר אונדז פאַרנאַנדער אַ פּאַנאָראַמע פון אַלערליי יידישע פּאַסירונגען איבערן לאַנד, אין די ראַמען אין וועלכע אַזעל־כע פּאַסירונגען האָבן געקאָנט זיך אָפּשפּילן, כדי צו קומען צו אָט אַזאַ אויס־פיר. עס איז דערפון צו זען, אַז אומעטום, אין דער גרויסער און רחבות־דיקער קאַנאַדער מדינה וואו זיי האָבן זיך געפונען, האָבן די יידן געפילט אַז דער באָדן אונטער זייערע פיס איז געוואָרן אַסך זיכערער.

און ווי מענטשן וואָס וויסן אַז דער באָדן אונטער זיי איז זיכער, האָבן זיי אומעטום אויך גענומען דעם ישוב אַלץ מער באַפעסטיקן. זיי האָבן גענו־מען בויען און שאַפן דאָס וואָס זיי האָבן מיט זייערע קאַרגע מיטלען גע־קאָנט בויען און שאַפן. אַלץ האָט פאַר זיי איצט געהאַט אַ ציל און אַן אינ־האַלט, אַפילו ווען זייער צוגאַנג צו דעם איז נאָך געווען אַביסל צו פרי־מיטיוו, און לויט די אַרומיקע אומשטאַנדן אַפילו ניט פּראַקטיש. אַזוי למשל האָט אַ גרופּע יידן אין 1898 זיך געקאָנט צונויפקומען אין „פּיפּלס האָל" אין מאָנטרעאָל, כדי צו אָרגאַניזירן אַ קלוב וואָס זאָל שאַפן אַ יידיש טעאַ־טער. מיר וויסן ניט וואָס דערפון איז געוואָרן, אויך ניט ווער עס זיינען גע־ווען די וואָס האָבן עס פאָרגעלייגט. עס איז אָבער אינטערעסאַנט וואָס אַזאַ געדאַנק האָט צווישן זיי בכלל געקאָנט געבוירן ווערן.

מען האָט אויך אָנגעהייבן לייגן געוויכט אויף קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַרבעט, הגם אויך דאָס איז געווען פון אַ פּרימיטיוון סאָרט און האָט גע־טראָגן דעם כאַראַקטער מער פון צייט־פאַרטרייב איידער פון עפּעס אַנדערש. אין דעם פּראָגראַם אַפילו פון די ליטעראַרישע יוגנט־פאַראיינען וואָס האָבן

עקזיסטירט, האָט דאָס ריינע פארוויילן זיך אָפּט פארנומען דעם הויפּט אָרט, און ניט פארקערט.

מיר לייענען דערפאר אז ביי דעם צוויי־וועכנטלעכן צוזאמענקום פון דעם ליטעראריש־געזעלשאפטלעכן פאראיין אין טאָראָנטאָ, האָט דער פּרע־זידענט, מר. ליאָ פראנקל, געפונען פאר נויטיק שארפלעך זיך אויסצודריקן וועגן געוויסע מיטגלידער. ער האָט זיי געטאדלט למאי זיי קומען בלויז דאן ווען מען מאכט אונטערהאלטן, אָבער אינטערעסירן זיך ווינציק ווען מען אראנזשירט א ריין ליטעראַרישן אָוונט. פונדעסטוועגן האָבן דאָך אפילו די דאָזיקע אונטערהאלטן אויסגעפילט א נויטיקן אָרט. זיי האָבן דער יידישער יוגנט, מער אָדער ווייניקער און לויט די השגות פון יענער צייט, עפּעס גע־געבן. אָפּט האָט מען אפילו דאָס פארוויילן זיך גופא פארבונדן מיט א ריין יידישער געשעעניש, כאָטש אויף א מאָדנעם אופן. דאָס איז געווען דער פאל מיט א זייער טשיקאָווען פורים־מאסקנבאל וואָס דער מאָנטעפיאָרע קלוב אין מאָנטרעאָל האָט דורכגעפירט אין 1898. די אָנטיילנעמערס זיינען געווען פארקליידט אין אלערליי מאסקעס, ווי קלעאָפּאטרעס און ווי לאָרדן, אָבער קיינער פון זיי ניט ווי א מרדכי אָדער א אסתר. האָבן זיי דען ניט געוואוסט וואָס פאר א שייכות מרדכי און אסתר האָבן געהאַט מיט פורים?

וואָס איז שייך יידיש־געזעלשאפטלעכער ארבעט בכלל, מוז מען זאָגן אז עס האָט זיך געפילט א גרעסערע צילבאוואוסטקייט אין די פארשיידענע טעטיקייטן, וואָס אין זיי האָט די יידישע ענערגיע געפונען אויסדרוק. די געזעלשאפטלעכע פירערס און טוערס, די וואָס האָבן געהערט צום עלטערן דור, האָבן אָנגעהייבן ארויסוויזן אסך מער איניציאטיוו ווי פריער, הגם זיי זיינען ניט אוועק פון זייער אלטן אויסגעטראָטענעם וועג. די אינגערע צווישן זיי, וואָס האָבן פון זיך ארויסגעגעבן אזעלכע וואָס זיינען שפּעטער געוואָרן אָנזעעוודיקע יידישע פערזענלעכקייטן אין לאנד, — זיי האָבן פאר זיך גע־האַט א ברייטערן פעלד פון ארבעט און מער געלעגנהייט צו קומען נאָענט אין באריר מיט די פארשיידענע יידישע פּראָבלעמען.

אָבער דער געזעלשאפטלעכער אָרגאניזם פון קאנאדער יידן האָט נאָך אלץ ניט געקאָנט פאָרשטעלן מיט זיך דאָס וואָס זאָל זיין איין גאנצע אָדער פאראייניקטע זאך. א קליינע באפעלקערונג, צעוואָרפן איבער א ריזיקן שטח, טאָ האָט קיין רייד ניט געקאָנט זיין וועגן א נעענטערער פארבינדונג צווישן די אין איין שטאָט און אין א צווייטער. עס איז צוליב דעם געווען פארשטענד־לעך, אז די יידן אין די מאַריטימע פּראָווינצן האָבן ניט געקאָנט האָבן קיין סך בשותפותדיקעס מיט די יידן ביים פאציפישן ברעג. אומעטום אָבער וואו די קליינע יידישע קהילות האָבן זיך ניט געפונען, האָבן זיי געהאַט זייערע

לאָקאַלע ענינים און אינטערעסן, פון גרעסערן אָדער קלענערן פּאַרנעם, מיט וועלכע זיי זיינען געווען פאַרנומען. אַזוי למשל האָט די קוויבעקער קהילה, אַריינגעבנדיק אַ מודעה אין די ניו יאָרקער „יידישע גאַזעטן", אַז זי זוכט אַ שוחט, געפונען פאַר נויטיק אויסצונעמען אַ תנאי, אַז ער טאָר ניט זיין קיין „ליטוואַק". אַז אַ שוחט זאָל זיין אַ יליד ליטע, דאָס איז פאַר די קוויבעקער יידן מסתמא געווען אַ גרויסער פּסול און דעריבער אַזאַ וויכטיקער ענין. קיין וואונדער דערפאַר וואָס מאָנטרעאָל איז נאָך אַלץ געווען דער מיטלפּונקט, וואו אַלע גרעסערע יידישע פּאַסירונגען האָבן זיך אָפּגעשפּילט. מען קאָן זאָגן, אַז די געשיכטע פון יידן אין דער דאָזיקער שטאָט איז ביז סוף פאַריקן יאָרהונדערט צום גרויסן טייל אויך די געשיכטע פון יידן איבערן גאַנצן לאַנד.

דאָס אַנטדעקן פון גאָלד אין דעם וויייטן יוקאָן אין 1896 האָט אַהין צוגעצויגן אַסך מענטשן וואָס זיינען דאָרט געקומען זוכן גליק. עס האָט זיך געהאַט איבערגעחזרט דאָס אייגענע וואָס מיט אַכט און דרייסיק יאָר פריער, בעת עס איז באַקאַנט געוואָרן אַז מען האָט דעם טייערן געלן מעטאַל אַנטדעקט אינעם פרייזער טאָל, אין בריטיש קאָלאָמביע. צווישן די וואָס האָבן זיך איצט אַוועקגעלאָזט נאָך יוקאָן האָבן זיך אויך געפונען אייניקע יידן. זייער צאָל איז אין אָנהייב געווען ניט גרויס, אויך איז בכלל ניט געווען קיין פראַגע אַז אין יענעם טייל פון דעם וויייטן און קאַלטן קאַנאַדער צפון זאָל קאָנען געשאַפן ווערן אַ פּערמאַנענטער יידישער ישוב. אָבער אין משך פון אַ פּאָר יאָר איז דאָרט פאָרט אויסגעוואַקסן אַ קליינער יידישער קיבוץ וואָס האָט געזוכט זיך צו האַלטן צוזאַמען, און מיר לייענען וועגן דעם ערשטן יידישן גאָטדינסט וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן אין דאָוסאָן סיטי. דאָס איז געווען בעת די ימים נוראים פון 1898, ווען עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום פערציק מתפּללים אין אַ קראָם וואָס איינער פון זיי האָט פאַר דעם צוועק אָפּגעגעבן, כדי צו דאַווענען בציבור. 3) ווי אַלע, אַזוי האָבן אויך די יידן דאָרט געוואוינט אין געצעלט־הייזער. דאָס רוב זיינען זיי געווען אַריבערגעקומענע פון רוסלאַנד און פּוילן און האָבן זיך פאַרנומען מיט קליינהאַנדל. די יידישע באַפעלקערונג אין יוקאָן איז אָבער ניט געוואַקסן, און הגם לויט דעם צענזוס מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָבן דאָרטן זיך געפונען 163 יידישע נפשות, איז אָבער זייער צאָל יעדן יאָר געוואָרן אַלץ קלענער.

יוקאָן איז אָבער ניט געווען דאָס איינציקע וויייטע, פאַרוואָרפענע פלאַץ אין קאַנאַדע, וואו עס האָבן סוף די נייַנציקער יאָרן זיך געפונען יידן. אפילו אין אַזעלכע דעמאָלט ווינציק באַוואוסטע און שיטער באַוואוינטע ערטער ווי

3) דאָרטן, 23טן דעצעמבער 1898.

נעלסאָן, טרענט און גרינוואוד, אלע אין בריטיש קאָלאָמביע, האָבן ארום יע־נער צייט זיך אויך געפונען א צאָל יידן. דאָס איז געווען א נאַטירלעכער פועל יוצא פון דער אָנהאַלטנדיקער איינוואנדערונג וואָס האָט גורם געווען, אז זיי זאָלן ביסלעכווייז ארייננדרינגען אפילו אין די סאמע אומבאקאנטסטע געגנטן פון לאנד.

אונטער דער צייט איז פאר די יידן אין דער פּראָווינץ קוויבעק ווידער ארויסגערוקט געוואָרן דער אלטער שטרייטיקער ויכוח מיט די פּראָטעס־טאנטן. אויך דאָס איז געווען א דירעקטער אויסגאנג פון דער אָנהאַלטנדי־קער איינוואנדערונג, וואָס האָט פארגרעסערט די צאָל יידישע קינדער אין די פּראָטעסטאנטישע שולן. די פראגע איז כסדר פונדאָסניי ארויפגעבראכט גע־וואָרן, אָפט אין א זייער קאָמפּליצירטער און שטארק פארשארפטער פאָרם. כאָטש מען האָט זיך דערביי באנוצט מיט דעם אלטן מעטאָד — מען האָט וועגן דעם פארהאנדלט און מען איז געקומען צו אלערליי פשרות — זיינען דאָס אָבער געווען בלויז לפי שעהדיקע מיטלען. דאָס האָט ניט געקאָנט פאר־ענטפערן א פּראָבלעם וואָס איז געווען ארויסגעוואקסן פון די עקזיסטירנדי־קע שול־באדינגונגען אין דער פּראָווינץ, און מען קאָן זאָגן פונם שול־סיס־טעם פון גאנצן לאנד. דעריבער האָבן די אלע אָפּמאכן אויף וועלכע מען האָט זיך געאייניקט געהאט אזוי ווייניק ממשות.

די פּראָטעסטאנטישע שול־פארוואלטערס האָבן גענומען אוועקשטעלן די פראגע פון שטאנדפּונקט פון די קאָסטן פון דערציאונג און אוועקשטעלן עס גאנץ ערנסט. זיי האָבן געטענהט אז זיי לייגן צו געלט צו יידישע קינ־דער. די צאָל פון די לעצטע אין די פּראָטעסטאנטישע שולן אין מאָנטרעאָל איז דאן געווען ארום 600, וואָס פון זיי האָבן קרוב צו 350 געלערנט אין דאַפרין שול, 120 אין דער אבערדין שול, 100 אין מאונט ראָיאל שול, און נאָך א פּאָר אין אנדערע שולן. פאר דעם יאָר 1897 למשל האָבן די פּראָ־טעסטאנטישע שול־פארוואלטערס אָנגעוויזן, אז זיי האָבן פון יידישע שול־שטייערן ארייננגעקראָגן בס"ה 4,678 דאָלאר — פון בלויז 60 שטייערצאָ־לערס. אז אין מאָנטרעאָל האָבן דעמאָלט זיך געפונען אזוי ווייניק יידישע אייגנטום־באזיצערס, לאָזט זיך שווער גלויבן. מצד די יידן האָט מען דע־ריבער אזא זאך אָפּגעפרעגט און וועגן דעם אויסגעדריקט היפשע ספקות. מען האָט אָבער אויך אָנגעוויזן, אז מען האָט בכלל געדארפט אָננעמען דעם שטאנדפּונקט, אז די שטייערצאָלערס זיינען ניט די באזיצערס פון הייזער, נאָר די שכנים וואָס צאָלן דירה־געלט, און אז כל זמן עס איז אין קוויבעק ניטאָ קיין איינהייטלעך שול־סיסטעם, האָט מען געדארפט אָנערקענען די

דערציאונגס־רעכט אויך פון א יידישער מינאָריטעט אין דער דאָזיקער פּראָווינץ.

על פּי דעם אָפּמאַך וואָס איז עטלעכע יאָר געווען אין קראַפט, האָבן די יידן געהאַט געצאָלט זייערע שול־שטייערן צו די פּראָטעסטאַנטן. בחזרה האָט די באָראָן דע הירש שול פאַר דעם געקראָגן פון זיי א סובסידיע פון 8 דאָ־לאַר א יאָר פאַר יעדן קינד וואָס האָט דאָרט געלערנט. די פּראָטעסטאַנטן האָבן אין דאָפּרין שול אויך געהאַט אָנגעשטעלט א לערער (רבי מ. דע סאָלאַ) פאַר דעם לימוד פון העברעאיש מיט די יידישע קינדער. זיי האָבן אָבער אויף דעם ענין יידישע דערציאונג אָנגעהייבן קוקן ווי אויף א לאַסט. אין דער פּרעסע אַזוי גוט ווי אויף די מיטינגען פון די פּראָטעסטאַנטישע שול־פאַר־וואַלטערס האָט מען געגומען אויסדריקן אומצופרידנקייט מיט די אָנהאַלטנ־דיקע באַדינגונגען, און אַזוי זיינען די באַציאונגען פוןביידע צדדים געוואָרן אַלץ מער אָנגעשטריינגט.

די פּראָטעסטאַנטן איז ניט געפעלן אַז מען זאָל אין א קאַנאַדער שול וואָס זיי האָבן אויפגעהאַלטן, לערנען העברעאיש, „א שפּראַך וואָס אַפּעלירט ניט צו קיינעם״, ווי זיי האָבן עס באַצייכנט. זיי האָבן זיך געווענדט מיט אַן אָנפרעג צום גענעראַל־פּראָקוראָר פון קוויבעק, אויב ער האַלט אַז זיי זיינען מחויב אין דעם פּרט נאָכצוקומען די פאָדערונגען פון יידישער דערציאונג אָדער ניט. די מיינונג וואָס דער גענעראַל־פּראָקוראָר האָט אויסגעדריקט איז געווען, אַז זיי זיינען עס ניט מחויב. דאָס האָט אָבער ניט געהאָלפן פאַר־ענטפערן די אַנדערע אָנגעווייטיקטע זייטן פונם פּראָבלעם וואָס איז דערווייל געוואָרן אַלץ מער פאַרשאַרפט.

דאָס איז געווען אַרום דער צייט, בעת אין לאַנד איז נאָך געווען פריש דער איינדרוק פון דער „מאַניטאָבער שול־פראַגע״, וואָס אַרום איר האָט אין קאַנאַדער פּאָליטישע קרייזן זיך געהאַט אַזוי פיל געטומלט. אין דער פּראָ־ווינץ קוויבעק איז די שטימונג געווען שטאַרק פאַר דעם, אַז מען דאַרף רעס־פּעקטירן די רעכט פון א מינאָריטעט. אָבער די פּראָטעסטאַנטן זיינען גאָר ניט געווען נוטה אַזוי צו קוקן דערויף. כאָטש עס איז ביי זיי געווען רעכט צו פאַרשווענדן טויזנטער דאָלאַרס אויף אויסצוהאַלטן מיסיאָנערישע הייזער, האָבן זיי אין אַזא זאַך ווי דערציאונג פונדעסטוועגן זיך געקאָנט אָפּשטעלן צוליב די קאָסטן דערפון. זיי האָבן אין דעם פּרט געוויס זיך געקאָנט דער־לויבן צו זיין אַסך ברייטהאַרציקער ווי דאָס. דערפאַר האָט מען אין זייער שטעלונג צו דער גאַנצער פראַגע געקאָנט זען א ניט גאָר פריינטלעכן צוג לגבי יידן, וועמען זיי זיינען ניט געווען שטאַרק גערן צו האָבן ביי זיך אין די שולן. אייניקע האָבן דאָס אַפילו באַצייכנט ווי עפּעס וואָס האָט געשמעקט

מיט אנטיסעמיטיזם, — ווי לואיס א. הארט האָט דאָס געטאָן אין דער פּרעסע. אין א בריוו וואָס ער האָט אפּגעדרוקט אין מאָנטרעאָל „וויטנעס״, האָט ער געפּרוּווט מאכן א פארגלייך צווישן דער פּראָטעסטאנטישער באציאונג מיט דעם ווי מען האָט יידן אמאָל באהאנדלט אין שפּאניע.

צו אן אָפּענעם ברוך אָבער איז עס ניט געקומען. אין דער זעלביקער צייט האָט מען אין דער פּראָווינציעלער לעגיסלאטור פון קוויבעק אריינגעבראכט א ביל, וואָס האָט געגעבן גרונט צו גלויבן אז די שול־פראגע זאָל קאָנען גע־לייזט ווערן אויף אן אנדער אופן. דאָס איז געווען א פאָרשלאָג איינצופירן געצוואונגענע בילדונג אין דער פּראָווינץ, וואָס וואָלט אפשר געפירט צו דעם אז די רעגירונג זאָל דארפן בייטראָגן די קאָסטן פון דערציאונג. דער ביל איז אָבער דורכגעפאלן, און מען האָט דאָס געקאָנט דערוואַרטן. כאָטש די פּראָווינציעלע געזעצמאכערס זיינען ניט אלע געווען קעגן דעם פּרינציפּ פון געצוואונגענער בילדונג, האָבן זיי אָבעד זייער קעגנערשאפט מאָטיווירט מיט דעם וואָס די באדינגונגען אין קוויבעק, ווי זיי האָבן געטענהט, זיינען נאָך ניט געווען רייף פאר אזא רעפאָרם, און וואָס זיי וועלן עס ניט זיין — כל זמן די פּראָווינץ וועט ניט האָבן קיין סיסטעם פון פרייע שולן פאר אלעמען.

דער סכסוך וואָס האָט געהאט ארויסגעבראכט אזוי פיל אומאָנגענעמע זייטן, האָט אונטער די דאָזיקע אומשטאנדן אָנגעהאלטן. די האָפענונג אז מען זאָל אים קאָנען אויסגלייכן איז געווען א שוואכע. ווי אן אויסוועג האָבן איי־ניקע דעריבער פאָרגעלייגט א ראדיקאלן מיטל — באזונדערע שולן פאר יידישע קינדער. אפילו די וואָס האָבן דעם געדאנק וועגן באזונדערע יידישע שולן ניט געקאָנט פארטראָגן, האָבן געמוזט מודה זיין אז דאָס וועט פאָרט זיין דאָס איינציקע וואָס וועט די יידן בלייבן צו טאָן. די מעגלעכקייט אז מען זאָל אויף דעם וועג קאָנען לייזן די שול־פראגע איז ארום יענער צייט באמת געווען גרויס, הן צוליב דעם וואָס עס האָט פאר דעם טיילווייז עקזיסטירט א געוויסער אָרגאניזאציאָנעלער אפּאראט, הן אויך צוליב דער קליינער צאָל יידישע קינדער. אין דער באראָן דע הירש שול, וואו מען האָט אויפגעהאלטן קלאסן פאר פארשיידענע עלעמענטארע לימודים, האָט מען געהאט א גוטן אָנהייב, און מיט דער דערפארונג וואָס מען האָט שוין פארמאָגט וואָלט גע־ווען ניט שווער דאָס דורכצופירן. עס איז אפילו ניט אויסגעשלאָסן, אז די פּראָווינציעלע רעגירונג וואָלט וואָס אויסגעזעצט קעגן געבן יידן א געוויסע שול־אויטאָנאָמיע, צוליב דעם אליין וואָס קיינער וואָלט קעגן אזא זאך דאן גאָרנישט געהאט, — ווי דאָס איז געווען דער פאל מיט א פערטל יאָרהונ־דערט שפּעטער. אָבער מען האָט די דאָזיקע געלעגנהייט ניט אויסגענוצט און

מען האָט די גאַנצע הארבע, פאַרפּלאָנטערטע פראַגע איבערגעלאָזט פאַר דער צוקונפט.

נאָך א פּראָבלעם וואָס האָט די יידן גענומען אפילו שטאַרק באַאומ־רואיקן, איז געווען אַנטיסעמיטיזם. דער אומפאַריינטלעכער אַנטי־יידישער טאָן אין א געוויסן טייל פון דער קאַנאַדער פּרעסע האָט זיך מער ניט גע־לאָזט פאַרדעקן, און הפקרדיקע אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן זיינען אין געוויסע אָרגאַנען געוואָרן אַלץ אָן אָפטערע זאַך. די זעלביקע עובדה וואָס גאָלדווין סמיטה האָט מיט אזוי פיל פאַנאַטישער פאַרביסנקייט געזוכט צו דערפילן אויף די שפּאַלטן פון דער טאָראָנטער „וויקלי סאַן", העצנדיק קעגן יידן, האָבן געוויסע בלעטלעך דערפילט אין דער פּראָווינץ קוויבעק. זיי האָבן אויף אַלע אופנים זיך גענומען פאַרזייען אַנטי־יידישע שנאה צווישן די ווע־מען זיי האָבן געקאָנט דערגרייכן. דער געוועזענער פּראָפעסאָר פון געשיכ־טע אין אָקספאָרד האָט פשוט געפעלשט די געשיכטע, געפעלשט גוט באַ־וואוסטע פאַקטן, ווען אים איז אויסגעקומען אָפּצושטעלן זיך אויף עפּעס וואָס האָט געהאַט א שייכות מיט יידן. און די פראַנצויזישע אָרגאַנען פון קוויבעק, וואָס זיינען געווען פול מיט אַנטיסעמיטישע אויסגוסן, האָבן בלויז איבערגעחזרט וואָס די „ליבר פּאַראָל" אין פראַנקרייך האָט געהאַט געשריבן, אָדער וואָס מען האָט געקאָנט ארויסלייענען ביי דרומאָנען.

צום גליק אָבער האָט די דאָזיקע אומגעזונטע פּראָפּאַגאַנדע ניט געהאַט קיין שום ווירקונג. די קאַנאַדער אין אָנטאַריאָ אזוי גוט ווי אין דער אַלטער פראַנצויזישער פּראָווינץ, האָבן פון איר זיך ניט געלאָזט פאַרפירן. זיי האָבן דעם יידן ארום זיך געקענט צו גוט, געקענט צו פיל פונדערנאָענט, כדי אים מיטאמאָל צו דערזען אין אַן אַנדער ליכט. דעריבער האָט אַנטיסעמיטיזם, הגם א שעדלעכע דערשיינונג פאַר זיך אַליין, ניט געקאָנט באַטראַכט ווערן ווי א פאַקטאָר וואָס האָט ערנסט באַריִרט די יידישע לאַגע אין דער דאָמיניאָן. דאָס האָט מען געקאָנט זאָגן מיט זיכערקייט, ניט געקוקט דערויף וואָס אין דער אַלטער וועלט האָט די אַנטיסעמיטישע רעאַקציע דאַן אזוי שטאַרק געבו־שעוועט.

## קאַפּיטל דריי און צוואַנציק

# ביים סוף פון יאָרהונדערט

דעם ערשטן אפריל 1899 איז אין פּאַריז געשטאָרבן די באַראָנעסע דע הירש, און איר טויט האָט צווישן קאַנאַדער יידן, ווי אומעטום אין דער יידישער וועלט אין יענער צייט, ארויסגערופן גרויס טרויער. דאָס איז געווען אין דריי יאָר ארום ווי דער באַראָן איז געשטאָרבן (22טן אפּריל 1896). מען האָט אין דער „שער השמים" שול אין מאָנטרעאָל (אויף מעקגיל קאָלעדזש עווענױ) צוליב דעם אָפּגעהאַלטן א גרויסע הזכרה־פאַרזאַמלונג, וואָס איז געווען איבערגעפּאַקט מיט מענטשן. וואַרעמע הספּדים זיינען געהאַלטן געוואָרן פון הרב א. מ. אַשינסקי, רבי מעלדאָלאַ דע סאָלאַ און רבי בערנאַרד מ׳ קאַפּלאַן. צווישן די בייגעוועזענע האָבן זיך געפונען האַנ. דזשיימס מעקשיין, מעיאָר פון מאָנטרעאָל, דער עסטרייכישער קאָנסול, עסטרייכישער וויצע־קאָנסול, דער פראַנצויזישער, שווייצאַרישער און בעלגישער קאָנסול, און אסך פון די חשובסטע ניט־יידישע בירגער פון מאָנטרעאָל.

אין קאַנאַדע האָט דער נאָמען „באַראָן דע הירש" איבערגעלאָזט נאָך זיך א זכר, סיי דורך דער אינסטיטוט־געביידע וואָס האָט זיך צום ערשטן געהאַט געפונען אויף סט. עליזאַבעט גאַס, סיי אויך דורך יענעם פלאַץ אין סאַסקאַטשעוואַן וואָס איז לכתחילה געגרינדעט געוואָרן ווי א יידישע קאָלאָניע, און וואָס מען האָט געגעבן א נאָמען „הירש". נאָך א פיינעם דיינקמאָל האָט דער דאָזיקער נאָמען נאָך זיך איבערגעלאָזט אין די אלערליי אָרגאַניזירטע פילאַנטראָפּישע טעטיקייטן, וואָס זיינען געוואָרן מעגלעך א דאַנק די ברייטהאַרציקע נדבות פונם באַראָן און דער באַראָנעסע דע הירש. די באַראָנעסע האָט געהאַט ארויסגעוויזן א גרויסן אינטערעס צו די געביטן פון סאָציאַלער הילף מיט וועלכע דער אינסטיטוט אין מאָנטרעאָל האָט זיך אָפּגעגעבן, און זי האָט זיין ארבעט פיל געשעטצט. אין איר צוואה האָט זי פאַר דעם אינסטיטוט אָפּגעזאָגט די סומע פון זעקס הונדערט טויזנט פראַנק, אָדער 120 טויזנט דאָלאַר.

עס איז שווער צו זאָגן וואָס פאַר א באַגריף מען האָט אין די ברייטע יידישע קרייזן דעמאָלט געהאַט וועגן קאַנאַדע. ווי א צענטער פון אימיגראַציע האָט זי בשום אופן זיך ניט געקאָנט פאַרגלייכן מיט די פאַראייניקטע שטאַטן.

אָבער די קאָלאָניסטישע פּרואוון וואָס זיינען דאָ געמאַכט געוואָרן, און דער דערפאָלג דערפון וואָס מען האָט פּאַמעלעך אָנגעהייבן ארויסזען, הגם דאָס האָט געהאַט פארשלונגען אַזעלכע ריזיקע סומעס, — דאָס האָט גורם געווען אַז מען זאָל אין דער יידישער וועלט איר נעמען שיינקען אויפמערקזאַמקייט. דער אַגריקולטורעלער עקספּערימענט אין מערב־קאַנאַדע האָט אָנגעהויבן ארויסרופן גרויס אינטערעס, און אַסך האָבן אין דער צפון־אַמעריקאַנער מדינה דערזען מעגלעכקייטן פאַר יידן, וואָס מען האָט לויט זייער מיינונג ניט גע־טאַרט פאַרקוקן.

דאָס האָט דעריבער ווידער ארויסגערוקט די אידייע פון מיט עטלעכע יאָר פריער — וועגן דער פּראַקטישקייט פון אַ יידישער מאַסן־באַזעצונג אין לאַנד. דאָס האָט אָבער איצט געפונען אַן אָפּקלאַנג מערסטנס אין געוויסע ענגליש־יידישע קרייזן. קאַנאַדע האָט ארום יענער צייט גענומען אָנפירן אַן אינטענ־סיווע פּראָפּאַגאַנדע אין די בריטישע אינדזלען, כדי דאָרטן צו קריגן אימיג־ראַנטן, און דאָס האָט ביי אייניקע פונדאַסניי געבוירן דעם געדאַנק אַז מען זאָל אַ טייל פון דעם יידישן וואַנדער־שטראָם פון איראָפּע אָפּווענדן אַהער.

בעת סיר ווילפריד לאָריע האָט אין יאָר 1897, נאָך זיין גרויסן פּאָליטישן טריאומף אינדערהיים, צום ערשטן מאָל באַזוכט ענגלאַנד וואו ער איז געקומען זיך באַטייליקן אין קעניגין וויקטאָריעס „דימענטענעם יובליי־פייער”, האָט דער באַוואוסטער ענגליש־יידישער כלל־טוער הערמאַן לאַנדוי מיט אים באַ־רירט די דאָזיקע פראַגע. ער האָט פאַר דעם קאַנאַדער פּרעמיער פאַרנאַנדער־געוויקלט אַ פּראָיעקט פון אַ יידישן ישוב אויף אַגריקולטורעלע יסודות וואָס זאָל געגרינדעט ווערן ערגעץ אין מערב־קאַנאַדע, וואָס האָט דעמאָלט גענומען צוציען אַסך מענטשן. דאָס איז געווען אַ פּראָיעקט וואָס וואָלט אויף אַ פּראַק־טישן וועג לפּחות טיילווייז געהאָלפן לייזן דאָס אַלץ מער פאַרשאַרפט־ווערנ־דיקע פּראָבלעם פון יידישער וואַנדערונג.

אָט דאָס דאָזיקע פּראָבלעם האָט די ענגליש־יידישע פירערס, ווי מיר ווייסן, צו יענער צייט פאַרשאַפט אַסך זאָרג. די אָרימע יידישע „אייליענס” פון רוסלאַנד, פון פּוילן, פון עסטרייך און פון אַנדערשוואו, וועלכע זיינען גע־לאָפן פון רדיפות און עקאָנאָמישער נויט און וואָס האָבן אָנגעפילט לאָנדאָן, זיינען פאַר זיי געווען מער ווי אַ פּראָבלעם — זיי זיינען פאַר זיי גע־וואָרן אַ דאָרן אין די אויגן. זיי וואָלטן אַלץ געטאָן, כדי פון זיי פּטור צו ווערן, כדי זיי ערגעץ אוועקצושיקן, און די בריטישע קאָלאָניע אין צפון־אַמעריקע, וואָס האָט געזוכט אַזעלכע וואָס וואָלטן געקאָנט קולטיווירן איר באָדן און פאַר־וואַנדלען אירע פּוסטע, ריזיקע פּריידיס אין בליענדיקע געגנטן, איז פון זייער שטאַנדפּונקט געוואָרן דאָס אידעאַלע פּלאַץ פאַר דעם.

מען קאָן זיך לייכט משער זיין אז הערמאן לאנדוי האָט אין זיין שמועס מיט לאָריען זיך באמיט צו באקענען דעם לעצטן מיט דער גאנצער לאגע. ער האָט אים אויך באקענט מיט דעם ארגענטינער עקספּערימענט ווי א מוסטער פון דעם וואָס מען וואָלט געקאָנט דורכפירן אויך אין דער דאָמיניאָן. עס איז אים ניט בלויז געלונגען צו אויפווייזן אים ווי וויכטיק דאָס וואָלט געווען פאר קאנאדע גופא אזוי גוט ווי פאר יידן, נאָר אויך צו געווינען זיין סימפּאַטיע פאר א יידישער מאסן־באזעצונג בכלל. פונקט ווי דאָס איז געווען דער פאל אין 1892, איז די רייד אויך איצט געווען וועגן א זייער גרויסן קאָלאָניסטישן פּלאַן, און מר. לאנדוי האָט געוואָלט וויסן ווי אזוי די קאנאדער רעגירונג וואָלט צו דעם זיך באצויגן.

ער איז געווען איבערראשט צו זען ווי דער שפּעטער בארימטער קאנא־דער שטאטסמאן האָט מיט דער פראגע זיך פאראינטערעסירט. דער געדאנק איז אים זייער שטארק געפעלן. לאָריע האָט געעצהט, אז מען זאָל פאר דעם זוכן די קאָאָפּעראציע און מיטהילף פון יענע יידישע קרייזן וואָס וואָלטן דאָס געקאָנט אויפנעמען. ער האָט דאָ, פארשטייט זיך, געהאט אינזינען די פינאנ־ציעלע זייט פון דער אונטערנעמונג, ווייל די קאָסטן דערפון האָבן געדארפט זיין זייער גרויסע. ער האָט פארזיכערט, אז מצד דער קאנאדער רעגירונג וועט קיין מניעה ניט זיין, און אז זי וועט דערין העלפן מיט אלע מיטלען. זי איז גרייט אויף א זייער גרויסער קאָנצעסיע — זי וועט די יידן אין אזא פאל אפילו געבן געוויסע אויטאָנאָמע רעכט.

„אויב איר וועט די פראגע אויפנעמען ערנסט", האָט ער דערקלערט, „און איר וועט אויסקלייבן וועלכן טייל מאניטאָבע איר ווילט, וועט די דאָ־מיניאָן געבן די יידן אזא מאָס אויטאָנאָמע פארוואלטונג, וואָס וועט פאר זיי מאָכן מעגלעך אָנצונעמען אפילו אייגענע תקנות און צו פארבייטן שבת אויף זונטיק". 1)

„אויב איר וועט . . . אויסקלייבן וועלכן טייל מאניטאָבע איר ווילט!" עס איז ניט שווער צו באגרייפן דעם פולן באטייט פון די דאָזיקע ווערטער, און די גאנצע וואָגיקייט פון דעם וואָס דער קאנאדער פרעמיער האָט דאָ דאן געהאט געזאָגט. דאָס איז פון זיין זייט געווען מער ווי אן אָנבאָט. דאָס איז געווען א דעקלאראציע פון ערשטער וויכטיקייט. ער האָט דערמיט שוין אין יענער צייט ארויסגעוויזן יענע סימפּאַטישע און פריינדלעכע באציאונג צו יידן, וואָס איז דורך זיין גאנצער שפּעטערדיקער קאריערע אזוי אָפט און מיט אזוי פיל שטארקער באטאָנונג געקומען צום אויסדרוק. דאָס איז געווען א באציאונג, וואָס מען האָט דורך איר געקאָנט ארויסזען איינעם פון זיינע

1) Jewish Chronicle, London, January 19, 1906.

בולטסטע כאראַקטער־שטריכן. דאָס האָט אין אים אַרויסגעוויזן ניט בלויז דעם דיינקענדיקן נאָר אויך דעם פילנדיקן פּאָליטיקער, דעם מענטשן מיט ברייטע, ליבעראלע השגות און הומאַניטאַרע אידייען.

האָט דער פּאָליטישער פירער פון א לאנד אין מאָדערנע צייטן ווען געקאָנט אויף א מער אויפריכטיקן אופן אויסדריקן זיין צופרידנקייט, אַז יידן זאָלן אהין קומען, ווי ער האָט דאָס דאַן געטאָן? האָט דער קאנאדער שטאַטסמאַן געקאָנט ווייזן דער וועלט א נאָך בעסערןביישפּיל ווי גערן ער וואָלט געוועז, אַז די דאָמיניאָן זאָל קאָנען ווערן די היים פון א גרויסער און קאָמפּאַקטער יידישער מאסע? דאָס איז פון זיין זייט געווען דער ערשטער אָנבאָט אַזאַ. ער האָט דאָס שפּעטער איבערגעחזרט ביי א פּאָר אנדערע געלעגנהייטן.

עס איז דערפאר באמת צו באדויערן וואָס זיינע ווערטער האָבן אויף די, צו וועמען אייגנטלעך זיי זיינען געווען געווענדעט, ניט געמאכט יענעם רושם וואָס דאָס האָט אויף זיי געדאַרפט מאכן. די יידישע פירערס פון יענער צייט האָבן אפנים ניט פארשטאַנען דעם מיין פון דעם וואָס לאָריע האָט געזאָגט. זיי האָבן ניט געקאָנט אָדער אפשר ניט געוואָלט זען, אַז דאָס וואָס ער האָט פארגעלייגט איז געווען נאָך אסך ברייטהאַרציקער און ווייט־גייענדיקער ווי דער אָנבאָט פון סיר דשאָן סי. אַבאָט מיט עטלעכע יאָר פריער. ניט נאָר זיינען זיי דערפון ניט געוואָרן פארכאַפּטע, נאָר זיי האָבן דאָס אויפגענומען גאַנץ גלייכגילטיק. עס איז אָבער מעגלעך אַז מען האָט זיך דאָ אָפּגעהאַלטן מחמת צוויי וויכטיקע סיבות. די ערשטע איז געווען דאָס וואָס די זאַך איז געווען פארבונדן מיט גוואַלטיקע אחריותן פאר וועלכע מען האָט זיך אָפּגעשראָקן, און וואָס דאָ האָט זיך אויך געפּאָדערט אַן אָרגאַניזאַטאָרישער צוגאַנג פון א גאָר גרויסן פארנעם. די צווייטע סיבה — די יידישע קאָלאָניאַציע־געזעלשאַפט פון פּאַריז, וואָס וואָלט זיך דערמיט געדאַרפט פאר־אינטערעסירן, איז שוין געווען צו ווייט ארייגעקראָכן אין ארגענטינע.

דער יידישער וואַנדער־שטראָם האָט אָבער אין דער זעלביקער צייט ניט אויפגעהערט צו שפּארן פון אַלע זייטן און צו זוכן פאר זיך אַן אויסוועג. עס האָט, אמת, נאָך ניט געקאָנט זיין קיין פראַגע אַז מען זאָל דעם דאָזיקן וואַנדער־שטראָם קאָנען קאָנטראָלירן און אים אָפּווענדן אין באשטימטע ריכטונגען. דער באַגריף „קאָנטראָלירטע וואַנדערונג” איז דאַן נאָך געווען א שטאַרק צעשוואומענער. אָבער ווי אַזוי האָבן די וואָס האָבן פּאַרט געהאַט אויף זיך די עובדה צו זאָרגן וועגן יידישע אימיגראַנטן, געקאָנט פארקוקן אויף אַזאַ געלעגנהייט ווי מען האָט פאר זיך געהאַט אין קאנאדע? דאַרפן מיר דאָס דערקלערן בלויז מיט דעם וואָס זיי, די יידישע פירערס פון יענער

צייט, האָט געפעלט די פּיאַקייט צו קאָנען קוקן ווייט און פּאַראויסצוזען זאַכן וואָס וועלן פּאַסירן מיט יאָרן שפּעטער?

בכלל זעען מיר, אז מען האָט אין יידישע מקומות דעמאָלט נאָך געהאַט א גיט נאָר קלאָרע פאַרשטעלונג וועגן דער ווייטער און „קאַלטער" צפון־אַמעריקאַנער מדינה. און יידישע קרייזן זיינען ניט געווען די איינציקע וואָס האָבן דאַן אויף איר אזוי געקוקט. דאָס האָט געגאָלטן פאַר אנדערע אויך. דאָס איז געווען ארום דער צייט וואָס רודיארד קיפּלינג האָט אין זיין באַרימטע ליד געקאָנט אָנרופן די דאַזיקע דאָמיניאָן „אונדזער דאַמע פון די שנייען" — א זאַך, פון וואָס קאַנאַדער האָבן זיך געפילט אביסל געערגערט. זיי האָבן דאָס באַטראַכט פאַר א מיסרעפּרעזענטאַציע וואָס דער גרויסער ענג־לישער דיכטער האָט זיך דערלויבט אויף זייער חשבון, און זיי האָבן דאָס אים א צייט ניט געוואָלט מוחל זיין.

עס איז דערפאַר קיין וואונדער ניט, וואָס צווישן יידן האָבן פון דער אנדער זייט זיך אויך געפונען אזעלכע, וואָס האָבן די מעגלעכקייטן פאַר אי־מיגראַנטן אין קאַנאַדע שוין געקאָנט אפילו היפּש איבערטרייבן. דערפון אליין האָט ביי אייניקע זיך געשאַפן א מאָדנע מיינונג וועגן די אמתע באַדינ־גונגען אין דעם דאַזיקן לאַנד, און זיי האָבן אין דער פּרעסע וועגן דעם אפילו פאַרשפּרייט אלערליי קלאַנגען. מיר הערן אפילו פון פאַרשיידענע קוריעזע פּלענער וואָס די און יענע האָבן פאַרגעלייגט — פּלענער וועגן קאָלאָניס־טישע אונטערנעמונגען פון א כמעט פאַנטאַסטישן פאַרנעם.

זייער כאַראַקטעריסטיש איז געווען א ידיעה פון וויניפּעג, וואָס איז אָנהייב 1899 פאַרשפּרייט געוואָרן אין די צייטונגען. דאָרט האָט זיך דער־ציילט אז קיין וויניפּעג איז אָנגעקומען א רב פון אָטאַווא מיט דער שליחות צו שטודירן אויפן פּלאַץ א פּלאַן וועגן גרינדן אין מערב־קאַנאַדע א געמישטע קאָלאָניע פון יידן און קריסטן. אין זיין פּלאַן איז אריינגעגאַנגען אריבערצו־ברענגען פון עסטרייך א טויזנט יידישע פאַמיליעס און זיי גלייך באַזעצן אויף לאַנד, אויב נאָר די געגנט וואָס ער וועט אונטערזוכן וועט זיך ארויסווייזן פאַר פּאַסיק פאַר אזא ישוב. אין דער ידיעה איז אויך איבערגעגעבן גע־וואָרן, אז די קאַנאַדער רעגירונג אזוי גוט ווי די פאַרוואַלטונג פון דער קאַ־נאַדיש־פּאַציפישער באַן האָבן זיך באַצויגן סימפּאַטיש צום פּראָיעקט. עס איז אָבער איבעריק צו זאָגן אז אין דער גאַנצער מעשה איז ניט געווען קיין ברעקל אמת.

אביסל ענלעך צו דעם, מיט א געמיש נאָך פון מאָדנע עם הארצות־דיקע מיינונגען וועגן קאַנאַדע בכלל, איז געווען די געשיכטע וואָס דער „בני ברית מעסענדזשער" פון לאָס אנדזשעלעס האָט געהאַט אָפּגעדרוקט.

דאָס איז געווען אַ טשיקאַווע מעשה מכוח אַ זייער פאַנטאַסטישן פּלאַן פון קאָלאָניזאַציע אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב, וואָס די ייק״א־פירערס פון פּאַריז האָבן אין קאַנאַדע געזאָלט אונטערנעמען. דער אָרגאַן פונם „בני ברית״ אָרדן האָט זיך געהאַט געערגערט איבער דעם וואָס מען שיינקט אַזוי פיל אויפ־מערקזאַמקייט דער „אייז־באַדעקטער קאַנאַדע״, בעת די ייק״א וואָלט זייער לייכט געקאָנט פאַר זיך געפינען פיל בעסער לאַנד ערגעץ אַנדערשוואו, למשל אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

„אַ פאָרטרעטער פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט״, האָט דער „בני ברית מעסענדזשער״ געשריבן, „פּאָרט איצט אַרום איבער דעם צפון־מערב טייל קאַנאַדע, כדי דאָרט צו שטודירן די מעגלעכקייטן פאַר יידישער קאָלאָניזאַ־ציע. מען האָט באַשטימט פאַר דעם צוועק אַ מיליאָן דאָלאַר (!) וואָס מען זאָל באַנוצן, אויב די באַדינגונגען זאָלן דאָרט פאַר דעם זיין פּאַסיק. עס איז מאָדנע וואָס די פאַראייניקטע שטאַטן שיינקט מען אין דעם פּרט ניט אַ האָר אויפמערקזאַמקייט. מיר האָבן גרויסע שטרעקעס לאַנד אין אונדזער אייגע־נעם שטאַט קאַליפאָרניע, וואָס וואַרטן אויף קאַפּיטאַל און אויף די הענט וואָס ווען עס באַאַרבעטן. מיר האָבן דאָ אַ קלימאַט וואָס איז ענלעך צום קלי־מאַט אין ארץ ישראל. מיר האָבן ניט קיין דונערן און קיין שניי־שטורעמס, און דער פאַרמער קאָן אַרבעטן אויף זיין פעלד אין יאַנואַר אַזוי גוט ווי אין יוני. פאַרוואָס די קלוגע קעפּ פון דער אַדמיניסטראַציע זאָלן גיין פון איין עקסטרעם צו אַ צווייטן; פון די טראָפּישע מדבריות פון אַרגענטינע ביז צו דעם קאַלטן זאָן פון דער אייז־באַדעקטער קאַנאַדע, בעת זיי האָבן געקאָנט האָבן דאָס בעסטע לאַנד אין דער וועלט און אונטער דער פּאָרגעשריטנסטער רעגירונג — איז אַן אומבאַגרייפלעכע זאַך. מיר פאַרשטייען אָבער אַז מר. אַנשל פון מאָנטרעאָל, אַ מיטגליד פון יענער געזעלשאַפט, האָט מסתמא גע־צויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די, וואָס האָבן די דעה, אויף דער פּאַסיקייט פון זיין לאַנד״. 2)

ניט געקוקט אָבער אויף דעם וואָס די גאַנצע פראַגע מכוח קאַנאַדע און אירע מעגלעכקייטן איז געווען אַן ענין וואָס מען האָט וועגן דעם געקאָנט אַסך ספּעקולירן, האָבן די אימיגראַנטן וואָס זיינען אַהער אריינגעקומען גע־זוכט פאַר זיך אַליין צו לייזן דאָס פּראָבלעם. זיי האָבן זיך דאָס אויך אָנגע־שטריינגט צו טאָן אויף דעם פּראַקטישסטן וועג וואָס איז פאַר זיי געווען מעגלעך. ניט אין אַלע פאַלן האָבן די, אויף וועמעס פּלייצעס עס איז געלעגן די פליכט צו העלפן זיי זיך צופּאַסן צו דער סביבה און צו די נייע סאָציאַלע באַדינגונגען אַרום זיי, זיי דערין געהאָלפן. די וואָס האָבן זיך דערמיט יאָ

2) Jewish Times, September 2, 1898.

אינטערעסירט — און זייער צאָל אין גאנץ קאנאדע איז געווען ניט גרויס — האָבן דאָס באטראכט ווי א פילאנטראָפּישע זאך בלויז, און זיי האָבן קיין אנדער צוגאנג צו דעם ניט געהאט. זיי האָבן דאָס לחלוטין ניט אויפגע־פאסט פון א ריין יידישן אָדער ריין סאָציאַלן שטאנדפונקט. דאָס רוב האָבן זיי די דאָזיקע אימיגראנטן איבערגעלאָזט צו זייער אייגענעם גורל, ארומ־גערינגלטע מיט שוועריקייטן, מיט שטערונגען, און אויסגעזעצטע אפילו צו געוויסע געפאַרן.

דאָס זיינען געווען טיפּישע קינדער פונם וואנדער־פאָלק, וואָס האָבן גע־פילט זיך עלנט, געפילט זיך פרעמד און הילפלאָז, און וועמעס נידערגעשלאָ־גענער אויסזען האָט אָפּט דערציילט פון די איבערגעלעבטע רדיפות, שרעקן און בלוטיקע פיינען, פון וועלכע זיי זיינען געווען אנטלאָפן. ניט אַלע פון זיי האָבן געהאט קרובים אָדער באקאנטע צו וועמען זיך צו ווענדן, און דאָס זיי־נען געווען באזונדערס די לעצטע, וואָס האָבן אין דעם גרויסן און פרייען לאנד זיך געפילט ווי פארוואָרפענע פון דעם אומרחמנותדיקן גורל.

און אויף אָט די דאָזיקע אימיגראנטן האָבן יענע גוטע קריסטן וואָס זאָרגן וועגן אונדזערע נשמות וואָס זייווילן „ראטעווען", געוואָרפן אן אויג. מען האָט אויסגעשפרייט א נעץ ארום זיי, און פון אלע זייטן האָבן מיסיאָנערן זיך אַ לאָז געטאָן זיי ארייינצוקריגן. מען האָט די אָרימע אימיגראנטן אָנגע־באָטן „פריינטשאפט", און געזוכט דאָס ממש אויף זיי ארויפצוצווינגען. מען האָט זיי דערמיט פארפאָלגט אויף שריט און טריט. דאָס איז געווען אזוי כמעט אומעטום וואו יידן האָבן זיך געפונען, באזונדערס אָבער אין מאָנט־רעאָל, טאָראָנטאָ, וויניפּעג און האמילטאָן. צווישן דער יידישער באפעלקע־רונג האָט דאָס געהאט ארויסגערופן גרויס פארביטערטקייט, ווייל די מיסי־אָנערן, וואָס האָבן אזוי לייכט אויסגענוצט דעם צוטרוי פון יענע קריסטן וואָס האָבן זיי אויסגעהאלטן, האָבן זיך ניט אָפּגעשטעלט פאר קיין מיטלען. זיי האָבן זיך אפילו געפּרוואווט פארנארן קליינע קינדער און זיי אָנריידן צו שמד.

עס האָט געדויערט ביז די יידן האָבן ענדלעך זיך אָנגענומען מיט מוט כדי עפנטלעך ארויסצוטרעטן קעגן די דאָזיקע נפשות און זיי אויסצושטעלן אין זייער נאטירלעכן ליכט. זיי האָבן באשלאָסן אויף דעם ענערגישסטן אופן אויפצונעמען קעגן זיי א קאמף, נאָך דעם ווי די מעשים פון דעם געמיינעם געזינדל וואָס האָט געלויערט אין יידישן קווארטאל אויף נשמות, זיינען גע־וואָרן באמת סקאנדאַליעז. דאָס האָט אָנגענומען דעם כאראקטער פון א מיאו־סער פעסט, און עס איז געוואָרן נויטיק ניט צו דערלאָזן אז זי זאָל זיך פאר־שפרייטן נאָך ווייטער.

אָט ארום יענער צייט האָט זיך דערהערט א יידישע שטים וואָס האָט

כמעט ווי פאראליזירט די מיסיאָנערישע טעטיקייט. דאָס האָט אין דעם לאַגער פון די נשמה־כאַפּערס געוואָרפן שרעק און צעטומלונג. די דאָזיקע נשמה־כאַפּערס האָבן זיך דערשראָקן פאר דער מעגלעכקייט אז די גוטע קריסטן, וואָס האָבן זיך געלאָזט קאָסטן טויזנטער דאָלארס אויף דער ארויסגעוואָרפענער ארבעט, זאָלן דאָס אויפהערן טאָן, איינזעענדיק די נארישקייט דערפון. אָט די שטים האָט געהערט צו לואיס א. הארט, וועלכער האָט מיט דעם אימפּעט און ברען פון אן אמאָליקן יידישן קנאי זיך ארייגעוואָרפן אין א מלחמה קעגן די וואָס האָבן געוואָלט אָפּריידן יידן פון זייער פאָלק און גלויבן.

אויף די שפאלטן פון „דזשואיש טיימס" איז מר. הארט ארויסגעטראָטן און האָט אין א שפּראך וואָס האָט ניט קיין גלייכן אין אומדערשראָקנקייט און געוואגטקייט, בעת עס קומט צום ריידן וועגן אָט אזעלכע ענינים, זיך אָנגענומען פאר די, אויף וועמען די מיסיאָנערן האָבן געלויערט. ער האָט גערעדט שארף און בייסיק, ציטירנדיק דערביי פון תנ"ך און פון דעם ברית חדשה, און זוכנדיק ארונטערצורייסן אלע קריסטלעכע דאָגמעס. דאָס איז געווען מער ווי א פּאָלעמיק מיט מיסיאָנערן. דאָס האָט געזאָלט זיין אן ענטפער צו די וואָס ווילן אָפּשמדן יידן, און צו יענע נאאיווע, פרומע קריסטן וואָס גיבן דערויף געלט, — און א פארניכטנדיקער ענטפער איז דאָס געווען.

אלץ וואָס מר. הארט האָט אין „דזשואיש טיימס" דעמאָלט אָפּגעדרוקט וועגן דעם, האָט ער שפּעטער (אין 1906) ארויסגעגעבן אין בוך־פאָרם אונטער דעם טיטל „א יידישער ענטפער צו קריסטלעכע פּרעדיקערס". אין די מיטלעלטערלעכע צייטן וואָלט מען דאָס בוך צוזאמען מיטן מחבר געוואָרפן אויפן שייטערהויפן. אין דער אמאָליקער צאַרישער רוסלאַנד וואָלט דאָס די צענזור ניט דורכגעלאָזט און מען וואָלט דעם פארפאסער פאר דעם געוויס געווען שווער באשטראָפט. עס זיינען פאראן ביבליאָטעקן אין קאנאדע וואו מען האָט דאָס ווערק באטראכט פאר א „טריף־פסול", וואָס איז געווען כמעט ווי אונטער חרם פון קריסטן געלייענט צו ווערן.

אָט דער „ענטפער" האָט דאן אָנגעמאכט א שטארקן רושם. קעגן די אויסגעשטעלטע ארגומענטן זיינען די וואָס זיינען געווען פאראינטערעסירט אין דעם אז די מיסיאָנערסקע ארבעט זאָל אָנגעפירט ווערן, געוואָרן ווי אָפּהענטיקע. אָבער דאָס איז ניט געווען אויף לאנג. אויב אייניקע קאנאדער קריסטן זיינען געוואָרן אביסל מער פאָרזיכטיק מיט געבן געלט אויף אזא צוועק, איז אָבער אַפּאָסטאזיע אליין צווישן געוויסע „יידן" געוואָרן א פּראָפעסיע פון וועלכער זיי האָבן געזוכט צו ציען די ווייט מעגלעכסטע נוצן. טייל פון זיי האָבן זיך אפילו געהאט באנוצט מיט פשוטן שווינדל, ווי א כאראקטעריסטישער פאל אין האמילטאָן האָט דאָס געהאט געוויזן. און דאָס איז דאָך

אייגנטלעך געווען צוליב אַט די דאַזיקע שיינע נפשות, א מיאוס אַנשיקעניש וואָס האָט די יידן ניט געגעבן קיין רו, וואָס מען האָט אויסגעהאלטן די מי־סיאָנערישע הייזער אין מאָנטרעאָל, טאָראָנטאָ און אנדערע שטעט.

עס האָט אין מאָנטרעאָל למשל זיך געהאט ארויסגעשטעלט, אז אסך פון די דורך מיסיאָנערן פארפירטע און פארנארטע קרבנות פלעגן אויך קומען אין בּאראָן דע הירש אינסטיטוט בעטן שטיצע. דאָס באוויזט אויף וואָס פאר אן עלעמענט די נשמה־כאַפּערס האָבן כסדר געלויערט כדי צו באטרייבן זייער געשעפט, און ווי מאָראליש דעגראדירנדיק עס איז געווען די ארבעט וואָס זיי האָבן אָנגעפירט.

מען האָט אָבער גוט געוואוסט, אז הינטער זיי זיינען געשטאנען די פּי־רערס פון דער פּראָטעסטאנטישער קירך אליין, וואָס האָבן זיי אין דעם געזען צו שטיצן מיט א ברייטער האנט, ווייל זיי זיינען אין דער דאָזיקער ארבעט געווען שטארק פאראינטערעסירט. דאָס איז פאר קיינעם אינערגעץ ניט גע־ווען קיין סוד. זייער שארף פּאָלעמיזירט מיט זיי די „דזשואיש טיימס", עצהנדיק זיי, אז אַנשטאָט וואָס זיי זאָלן פארשווענדן אזוי פיל ענערגיע און מיטלען אויף באקערן יידן צו קריסטנטום, וואָלטן זיי בעסער געדארפט טאָן אנדערש. זיי וואָלטן די דאָזיקע ענערגיע און מיטלען געדארפט באנוצן אויף צו באקערן די קריסטן אליין. דער ענגליש־יידישער אָרגאן ווייזט זיי אָן, אז עס זיינען פאראן אין די גרויסע קאנאדער שטעט גענוג נעסטן פון זינד און אוממאָראלישקייט. מען וואָלט דאָרט פאר זיך געקאָנט האָבן א פיל בעסערן פעלד צו ארבעטן, ווי צו זוכן אָפּשמדן א פּאָר יידן.

אינטערעסאנט איז א בריוו וואָס רבי מעלדאָלא דע סאָלא האָט געהאט באקומען פון צענטראלן קאָמיטעט פון דער „משכיל אל דל" געזעלשאפט אין ספד, ארץ ישראל. אין דעם בריוו האָט מען אים שטארק געלויבט פאר זיינע אומדערשראָקענע און מוטיקע ארויסטרעטן קעגן דער מיסיאָנערישער שמד־פּראָפּאגאנדע. די דאָזיקע געזעלשאפט האָט זיך געהאט געגרינדעט כדי צו באקעמפן די מיסיאָנערן אין ארץ ישראל, און אירע פירערס איז שטארק געפעלן וואָס א קאנאדער רב — און רבי מ. דע סאָלא איז דאָס באמת געווען על פּי געבוירנשאפט און דערציאונג — האָט אָפט באנוצט די בימה אין שול פאר דעם זעלביקן צוועק. ער האָט דאָס מיסיאָנערישע געזינדל ניט איינמאָל ארונטערגעריסן און שארף פּראָטעסטירט קעגן די נידערטרעכטיקע מעטאָדן פון די וואָס האָבן געזוכט צו כאַפּן יידישע נשמות.

עס קאָן ניט זיין קיין ספק, אז דער געזונטער יידישער פאָלקס־אינס־טינקט, דער מאסן־סענטימענט, האָט איצט גענומען קומען מער צום אויס־דרוק ווי פריער. דאָס איז געווען דער דאָזיקער סענטימענט, וואָס קאָן אויך

באַצייכנט ווערן ווי דאָס באַוואוסטזיניקע נאַציאָנאַלע געפיל וואָס האָט צווישן ייִדן געהאַט דערוואַכט, וואָס האָט אַזוי שטאַרק רעוואָלטירט קעגן דעם ווי די מיסיאָנערן האָבן זיך געהאַט אָנגעלייגט אויף דער ייִדישער גאַס. מען האָט דעם דאָזיקן סענטימענט וואָס האָט זיך גענומען מאַניפעסטירן אויף פאַרשיי־דענע אופנים, געזען פאַר זיך אומעטום. מען האָט אים כסדר געקאָנט פילן, געקאָנט קומען מיט אים אין באַריר. דאָס איז כמעט ווי געוואָרן דער לעבע־דיקער דופק פון דעם יונגען ישוב וואָס האָט דורך דעם פּאַמעלעך גענומען זיך אַליין דערפילן.

מער ווי אַלץ אָבער האָט דער דאָזיקער סענטימענט זיך גענומען אַרויס־ווייזן אין דער באַוועגונג וואָס האָט אים געהאַט געגעבן אַזאַ שטאַרקן שטויס פאָראויס. דאָס איז געווען אין ציוניזם, וואָס האָט צווישן קאַנאַדער ייִדן אַ וואַקס געטאָן מיט גיכע שפּרייזן. זיי האָבן דעם ציוניזם אויפגענומען ווי די סאַמע נאַטירלעכסטע זאַך, אָט ווי די ייִדן פון אַנדערע לענדער האָבן דאָס געהאַט געטאָן. די ייִדישע נאַציאָנאַלע לאָזונגען און רופווערטער האָבן גע־צונדן אַלעמעס פאַנטאַזיע, זיי האָבן אַלעמען מיט זיך אָנגעשטעקט, פאַר־כאַפּט. מען האָט אין דעם געזען ניט בלויז די פאַרקערפּערונג פון אַ גרויסן אידעאַל, נאָר אויך דעם קאָנקרעטן ענטפער אויף די אָנגעווייטיקטסטע ייִדישע פּראָבלעמען.

אין דער קורצער צייט וואָס איז געווען פאַרלאָפן זינט וואָס אין מאָנט־רעאָל האָט זיך געהאַט געגרינדעט דער ערשטער ציוניסטישער פאַראיין, איז אויסגעוואַקסן אַ פאַרצווייגטע באַוועגונג איבערן לאַנד, וואָס האָט אָר־גאַניזאַציאָנעל און ווי אַ נאַציאָנאַלער פאַקטאָר אין ייִדישן לעבן זיך געהאַט גוט באַפעסטיקט. עס האָט אַרום איר זיך גרופּירט אַן עלעמענט, וואָס ביי אים האָט דער געדאַנק פון ייִדישער אויפלעבונג אין ארץ ישראל געפונען דעם וואַרימסטן אָפּקלאַנג. דאָס איז אויך געווען אין דער דאָזיקער באַוועגונג וואו ניט לאַנג אַריבערגעקומענע, דער עיקר אַזעלכע וואָס האָבן אין דער אַלטער היים געהערט צו דער העבּרעאישער אינטעליגענציע, האָבן זיך געקאָנט צו־נויפקומען מיט יענע קאַנאַדיזירטע ייִדן, מיט וועלכע זיי וואָלטן אויף אַן אַנדער אופן זעלטן געקומען אין באַריר.

פאַראיינען האָבן זיך איצט געהאַט געפונען ניט בלויז אין מאָנטרעאָל, די הויפּט־קוואַרטיר פון דער קאַנאַדער ציוניסטישער פעדעראַציע, פון וועלכער קלאַרענס י. דע סאָלאַ איז געווען פּרעזידענט, נאָר אויך אין טאָראָנטאָ, וויניפּעג, לאָנדאָן, האַמילטאָן, קינגסטאָן און אין פאַרשיידענע אַנדערע קאַנאַדער שטעט. מיטגלידער פונם ציוניסטישן „קאָונסיל" זיינען געווען: הרב א. מ. אשינסקי, רבי מ. דע סאָלאַ, רבי ב. מ. קאַפּלאַן, מר. אַלפרעד ד. בענדזשאַמין (טאָראָנטאָ),

מ. וויינבערג (וויניפעג), איזראעל רובינשטיין, ג. פּאַרסימער, מ. שאפּירא, ז. פיינבערג און מ. קארמאַן. דער ציוניסטישער לאָקאל אין מאָנטרעאָל האָט זיך געהאט געפונען אויף נומער 68 סט. לאָרענס גאַס, וואָס איז באַנוצט געוואָרן פאַר א לעקציע־זאל און וואו מען האָט אויך געהאט געעפנט א ביב־ליאָטעק.

פאַר אסך איז די ציוניסטישע באַוועגונג געווען מער ווי דאָס וואָס זי האָט געזוכט צו שאַפן „אַן עפנטלעך און רעכטלעך געזיכערטע היים פאַר יידן" אין ארץ ישראל. דאָס איז פאַר זיי אליין געוואָרן א באַריער קעגן די שטאַרקע אסימילאַטאָרישע טענדענצן, וואָס האָבן אין זייער סביבה זיי אַרומ־גערינגלט און זיי אָפט אויך מיטגעריסן. עס איז א פאַקט אז פאַר אייניקע, הגם זיי זיינען געוואָרן באַגייסטערטע פאַר דעם אידעאל וואָס די יידישע מאסן האָבן געהאט אויפגענומען, האָט דאָס געהאט אויפגעוואָרפן אלערליי קשיות.

עס איז פאַר זיי געווען שווער צו געפינען דעם סינטעז צווישן יידישן נאַציאָנאליזם — דאָס וואָס ציוניזם האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט — און זייע־רע אייגענע השגות און נייגונגען וואָס האָבן זיי גראָד דערוויטערט דערפון. טייל האָבן דעריבער געמאַכט מיט זיך א פשרה. יידישער נאַציאָנאליזם, האָבן זיי אָפּגעמאַכט מיט זיך, האָט געמיינט בלויז ציוניזם אליין. דאָס האָט ניט געמיינט שטיין נאָענט צו די ברייטע יידישע מאסן, נאָענט צום יידישן לעבן און זייַנע פּראָבלעמען, און האָט צוליב דעם ניט געקאָנט סותר זיין זייער קאַנאַדיזם, אָדער דאָס וואָס האָט ביי זיי פאַרנומען דעם אָרט דערפון.

מען קאָן דעריבער ניט לייקענען, אז די מחיצה צווישן די יידן פון „אַפּטאַון" און „דאַונטאַון" איז צו יענער צייט געווען זייער א שאַרפע, ניט געקוקט אויף דעם וואָס צווישן די ערשטע האָבן זיך געפונען ציוניסטן אזוי גוט ווי ניט־ציוניסטן. פאַקטאָרן זיינען דאָ געווען פאַרשיידענע, וואָס האָבן געהאט צו טאָן מיט קלאַס, מיט אלערליי סאָציאל־עקאָנאָמישע אינטערעסן און אנדערע סיבות. צווישן אזעלכע פאַקטאָרן האָט געשפּילט א גאָר גרויסע ראָל דאָס וואָס מען האָט אויף די „אָרימע מיטגלויביקע", באַזונדערס די וואָס זיינען געווען געקומען פון צענטראל אָדער מזרח־אייראָפּע, געקוקט ווי אויף מענטשן פון קלענערער וויכטיקייט. מען האָט זיי ניט באַטראַכט פאַר אזעלכע גוטע קאַנאַדער ווי מען האָט זיך אליין באַטראַכט, טאַקע דערפאַר ווייל זיי האָבן מיט זיך צו פיל פאַרקערפּערט אלץ וואָס יידיש. מען האָט אָפט אפילו געהאט צו זיי טענות למאי זיי האָבן זיך ניט געוואָלט קאַנאַדיזירן אין דעם זינען ווי מען האָט עס פון זיי פאַרלאַנגט. די פאָרמול וואָס מען האָט דאָ אָנ־געווענדט איז געווען א גאַנץ מאָדנע.

דאָס איז געווען אַ פּאַרמול וואָס איז גיכער געווען אַ פּועל יוצא פון דעם אייגענעם שיפלות־קאָמפּלעקס, איידער פון עפּעס אַנדערש. עס איז למשל געווען געגנוג, אַז אַ גרופּע יידן זאָלן ערגעץ ארויסקומען און עפנטלעך ריידן וועגן געוויסע יידישע אינטערעסן, בפרט נאָך ווען דאָס האָט זיך אָנגעקערט מיט זייערע פּאָליטישע אינטערעסן ווי בירגער, כדי אַז מען זאָל זיי פאַר דעם טאדלען און זיי דאָס פאַרוואַרפן. דאָס איז ניט געווען געגנוג קאַנאַדיש, האָט מען מיט זיי איינגעטענהט. מען האָט זיך ניט געוואָלט רעכענען מיט דעם וואָס דאָ איז אייגנטלעך באַטאָנט געוואָרן אַ פּרינציפּ, וואָס איז געווען פול־שטענדיק אין הסכם מיט די איינגעשטעלטע יסודות פון קאַנאַדער לעבן.

דער אויסבראָך פון דער דרום־אַפריקאַנער מלחמה אין אָקטאָבער 1899 האָט דערפאַר געוויזן, אַז דער פּאַטריאָטיזם פון קאַנאַדער יידן, די תושבים ווי די שפּעטערדיקע איינגעוואַנדערטע, האָט, פּונקט ווי פון די איבריקע טיילן באַפעלקערונג, בשום אופן ניט געקאָנט געשטעלט ווערן אונטער אַ פראַגעצייכן. די געשעענישן אין וועלכע די בריטישע אימפּעריע איז אריינגע־צויגן געוואָרן, האָבן אין דער דאָמיניאָן ארויסגערופן אַן אויפגעברויזטן סענ־טימענט צום מוטערלאַנד, און פון אָט דעם סענטימענט זיינען אויך די יידן מיטגעריסענע געוואָרן.

זיי האָבן מיט אַ ברייטער האַנט בייגעטראָגן צו די זאַמלונגען פאַר דעם פּאַטריאָטישן פאָנד וואָס מען האָט אין לאַנד געקליבן. אַ זייער איינדרוקספולע דעמאָנסטראַציע האָבן צוליב דעם געהאַט דורכגעפירט די יידן פון וויניפּעג. דאָס איז פאָרגעקומען אין „פּאַרעסטערס האָל”, וואָס איז לויט אַ באַריכט אין „דזשואיש טיימס” געווען געפּאַקט מיט מענטשן. וואַרעמע, באַגייסטערטע רעדעס זיינען געהאַלטן געוואָרן, וואָס האָבן דערציילט וועגן דעם פּאַטריאָטיזם און די טיפע דאַנקבאַרקייט וואָס יידן אומעטום, באַזונדערס אין דער פרייער קאַנאַדער דאָמיניאָן, האָבן געפילט צו ענגלאַנד. מען האָט דאָרט אויך גע־שאַפן אַ גרויסע סומע געלט פאַר דעם פּאַטריאָטישן פאָנד.

עס איז באַוואוסט אַז אַ פּאָר יידן אין מזרח־קאַנאַדע האָבן זיך אויך גע־האַט אָנגעשלאָסן אין דעם קאַנאַדער קאָנטינגענט וואָס מען האָט געשיקט קיין דרום־אַפריקע. איינער פון זיי איז געווען דער שפּעטער באַוואוסטער דר. הערבערט לייטסטאָון (געבוירן מאָנטרעאָל, 1878; געשטאָרבן לאָנדאָן, ענג־לאַנד, 1942), דעמאָלט נאָך אַ סטודענט אין מעדיצינישן פאַקולטעט פון בי־שאָפּס קאָלעדזש. בעת דער רוף איז געקומען פאַר וואָלונטירן און נאָך איי־דער ער האָט געהאַט געענדיקט זיין קורס, האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אינעם גרענבי רעגימענט, וואָס איז אָפּגעגאַנגען קיין דרום־אַפריקע. ער האָט גע־דינט צוערשט ווי אַן אַרטילעריסט און איז נאָכדעם איבערגעגאַנגען אין מע־

דיצינישן אָפּטייל. ער האָט פריער אויך געהאט געדינט אין דער שפּאניש־אַמעריקאנער מלחמה, זיינענדיק פארבונדן מיט דעם ניו יאָרקער רויטן קרייץ.

די דרום־אפריקאנער מלחמה איז אָבער געווען א זאך צו וואָס מען האָט זיך גיך צוגעוואוינט, און מען האָט באלד אין דעם אויך פארגעסן. חוץ דעם זיינען די יידן פון קאנאדע געווען באלאָדן מיט פּראָבלעמען און זאָרגן וואָס האָבן אויף זיי אזוי א שפּאר געטאָן, אז זיי האָבן אנטקעגן דעם זיך דערפילט ווי פארלוירענע. די באדינגונגען אין אייראָפּע, וואו די יידישע לאגע האָט זיך געהאלטן כסדר אין פארערגערן, האָבן געהאט זייער אָפּקלאנג אויך אויף דער זייט ים. עס האָט פון דאָרטן זיך א הייב געטאָן א וואנדער־שטראָם וואָס האָט גענומען שלאָגן מיט גרויס אימפּעט און צעגיסן זיך אין אַלע ריכטונגען. דער שטראָם האָט זיך אויך דערטראָגן צו די ברעגעס פון דער צפון־אמערי־קאנער מדינה, און דאָס האָט די קאנאדער יידן מיטאמאָל צונויפגעבראכט מיט נייע, שווערע אויפגאבן.

אויב עס האָט דעמאָלט זיך געלאָזט ציען א פאראלעל צווישן דער אלטער און דער נייער וועלט, דער עיקר בנוגע דעם ווי זיי האָבן זיך באצויגן צו יידן, האָט מען דעם אונטערשייד דאָ לייכט געקאָנט ארויסזען. די ערשטע האָט די יידן געררודפט און זיי געטריבן פון זיך, זיי פארשטויסן, בעת די אנדערע האָט זיי מיט פריינדלעכקייט אויפגענומען. נאָך איידער דער יאָרהונדערט האָט זיך געענדיקט האָט אויך קאנאדע אויסגעשטרעקט אירע אָרעמס פאר א גרוי־סער צאָל יידישע אימיגראנטן — די גרעסטע פאקטיש וואָס זי האָט ביז דאן נאָך געהאט אריינגעלאָזט אין איין יאָר. דאָס איז געווען אין 1899, וואָס האָט אין דעם פּרט איבערגעשטיגן אלע פריערדיקע יאָרן און צו די ברע־געס פון דער גרויסער און פרייער דאָמיניאָן געבראכט קרוב צו דריי טויזנט יידישע איינוואנדערער. דאָס זיינען געווען אנטלאָפענע פון לענדער וואו די רעאקציע האָט ביז געבושעוועט, און וואו זי האָט געזוכט צו דערשטיקן אלץ וואָס האָט געהאט צו טאָן מיט ליבעראליזם, פרייהייט און טאָלעראנץ.

אין דער גאנצער צאָל אריינגעקומענע יידישע אימיגראנטן יענעם יאָר האָבן דעם ערשטן פּלאץ פארנומען רומענישע יידן. די אויסוואנדערונג פון דעם לאנד וואָס האָט מיט די ביטערע אנטי־יידישע רדיפות זיך געסטארטעט נאָכצוטאָן די צארישע רוסלאנד, האָט ארום יענער צייט געהאט דערגרייכט דעם העכסטן פּונקט. די יידן פון רומעניע האָבן אין זייער פארצווייפלונג זיך א לאָז געטאָן וואנדערן און זוכן פאר זיך נייע היימען וואו נאָר א פריי פּלאץ. קאנאדע האָט יענעם יאָר אויפגענומען 2,202 יידישע אימיגראנטן פון דאָרטן. 426 יידן זיינען דעם זעלביקן יאָר געקומען פון רוסלאנד, און די איבריקע פון ניין אנדערע לענדער.

אַזוי אומדערוואַרט האָט דער דאָזיקער מענטשלעכער שטראָם זיך אָהער אַ לאָז געטאָן, אַז מען האָט אין מאָנטרעאָל, פונוואַנען מען האָט די אימיגראַנטן פאַרטיילט איבערן לאַנד, ניט געוואוסט וואָס מיט זיי צו טאָן. אַ ידיעה איז אין אָנהייב דערהאַלטן געוואָרן פון דער ייק״א אין פּאַריז, אַז די אימיגראַנטן וועלן אַרויסגעשיקט צו 60 אַ וואָך. אָנשטאָט דעם זיינען אָבער אין דער ערשטער וואָך אָנגעקומען 90 און זייער צאָל האָט זיך פאַרגרעסערט, ביז אין איין וואָך זיינען אָנגעקומען 347. ניט האָבנדיק וואו זיי אַהינצוטאָן, האָט מען זיי פאַר־טיילט אין פּריוואַטע יידישע הייזער איבערן שטאָט. אַסך פון זיי זיינען געווען ממש אָן מיטלען און עס פאַרשטייט זיך, אַז מען האָט זיי אַלעמען ניט געקאָנט באַזאָרגן אין מאָנטרעאָל. מען האָט פון זייערטוועגן אויך געהאָלפן שאַפן שטי־צע אין טאָראָנטאָ, אָטאַוואַ, האַמילטאָן און לאָנדאָן, און דאָס האָט מעגלעך גע־מאַכט אַז מען זאָל זיי קאָנען פונאַנדערשיקן איבער פאַרשיידענע טיילן פון דער דאָמיניאָן.

דער אמת איז, אַז די פּרעסע האָט דאָס מאָל זיך ניט באַצויגן זייער סימ־פּאַטיש צו זיי. ניט בלויז אַזעלכע אַנטיסעמיטישע אָרגאַנען ווי „בייסטאַנדער" אָדער „וויקלי סאָן", פון טאָראָנטאָ, האָבן גאַנץ אומפאַריינטלעך זיך וועגן זיי אויסגעדריקט, נאָר דאָס האָבן געטאָן אַנדערע צייטונגגען אויך. דער מאָנט־רעאָל „סטאַר" האָט די דאָזיקע הילפלאָזע אימיגראַנטן באַצייכנט ווי אַ געפאַר און אומגליק פאַרן לאַנד, און האָט די קאַנאַדער רעגירונג זייער שאַרף קריטיקירט פאַר אַריינלאָזן זיי אַהער. ניט קיין סך בעסער איז געווען דער טאָן פון דער „גאַזעט" און אַפילו פון דעם געוויינלעך זייער ליבעראַלן „וויטנעס", וואָס האָט זיך אויך האַרב אויסגעדריקט אויף זייער חשבון.

אָט די אַלע וועמען די לעצטע זיינען געווען אַזוי ניט סימפּאַטיש, צי דאָס איז געווען צוליב אָרימקייט אָדער מחמת אַנדערע סיבות, און זיי האָבן פאַר זיי ניט געהאַט קיין איין פריינדלעך וואָרט, האָבן דערביי פאַרגעסן אַ זייער וויכטיקן פאַקט. דאָס איז אַז די יידישע וואַנדערער זיינען קיינמאָל ניט געפאַלן צו לאַסט אויף אַנדערע. צי זיי זיינען באַזאָרגט געוואָרן גוט צי שלעכט דורך די וואָס האָבן געהאַט די אויפגאַבע זיי צו העלפן סיי מאָראַליש, סיי מאַטע־ריעל, האָבן זיי אָבער זיך ניט אָנגעוואָרפן אויף זייערע אָרומיקע שכנים. אַפילו די אָרימסטע פון צווישן זיי האָבן ביסלעכוויז זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג און זיינען געוואָרן גוטע און ניצלעכע בירגער. די יידן האָבן די מידה פון צדקה און פון קעגנזייטיקער הילף צווישן זיך זייער ברייט אָנגעווענדט אין לעבן, און זיי האָבן דערמיט גאַנץ אָפט אַרויסגערופן דעם לויב און די באַוואונדע־רונג פון אַנדערע.

קיין זאך האָט אין דער דאָזיקער וויכטיקער קעגנזייטיקער ארבעט זייע־רער דעריבער זיי אליין ניט געקאָנט אזוי באפרידיקן, ווי די אָנערקענונג וואָס דער קאנאדער גאָווערנאָר־דזשענעראל, לאָרד אבערדין, האָט זיי פאר דעם אויסגעדריקט ביים סוף פון זיין פינף־יאָריקן טערמין, איידער ער איז אָפּגע־פאָרן צוריק קיין ענגלאנד. ער האָט ביי יענער געלעגנהייט באזוכט דעם באַ־ראָן דע הירש אינסטיטוט, וואו מען האָט אים פּרעזענטירט מיט אן אילומי־נירטן אדרעס אין נאָמען פון קאנאדער יידן. אין זיין ענטפער האָט ער זייער ווארעם געלויבט די פארצווייגטע פילאנטראָפּישע טעטיקייטן וואָס די לעצטע האָבן צווישן זיך אָנגעפירט, לויט ווי ער האָט עס געהאט די מעגלעכקייט מיט דעם זיך צו באקענען.

און דאָס איז באמת געווען א פאסיק אויסגעדריקטע אָנערקענונג — און אפשר מער נאָך ווי דאָס. לאָרד אבערדינס אפשעצונג און דער טאָן פון זיינע ווערטער בכלל, האָבן ביי זיי אויך געקאָנט דערוועקן א געפיל פון א גרעסע־רער באוואוסטזיניקייט וועגן זיך אליין, בעת אן אינטערעסאנטע עפּאָכע אין זייער געשיכטע האָט געהאלטן ביים אָפּגעשלאָסן ווערן.

דער יונגער יידישער ישוב איז געשטאנען אויפן שוועל פון א נייעם יאָר־הונדערט, און ער האָט אים באגעגנט מיט צוטרוי אין זיינע יונגע כוחות, מיט גלויבן אין זיין אייגענער ענערגיע און אין די פּערספּעקטיוון און מעגלעכקייטן וואָס זיינען פאר אים געלעגן פאָראויס. ער האָט פאר זיך געקוקט מיט האָפע־נונג און דערווארטונג.

# זוכצעטל

# זוכצעטל


אבאָט, סיר דזשאָן, 285, 288, 333.
אבערקראָמבי, גענעראַל, 46.
אבערדין, לאָרד, 300, 344.
אבערדין שול, מאָנטרעאָל, 326.
„אברהם-פעלדער", קוויבעק, 50.
אגודת ציון, מאָנטרעאָל, 308.
אדוואָקאטן, 148, 164, 295, 311.
„אהבת אחים", סט. דזשאָן, 321, 322.
אויפשטאנד פון 1837, 150, 152, 154, 157, 158, 159, 161, 163, 169.
אייבראהאמס, איזראעל, 61.
אייבראמס, יצחק, 83.
איילמער, לאָרד, 139-142, 153, 178.
אימיגראציע, 176, 224, 226, 227, 241, 249, 257, 259, 274, 300, 319, 330, 342, 343.
אימיגראנטן אונטערשטיצונג-פאראיין, מאָנטרעאָל, 225, 240.
סט. דזשאָן, נ. ב., 322.
„אינטערנאציאָנאלער קאָלאָניזאציע-פאראיין", 248.
„אליאנס איזראעליט", 202, 283, 295.
„אלמערײדאָ", 24.
אלעקסאנדער, דוד, פון בעיאָן, 42.
אמהערסט, סיר דזשעפרי, 62-65.
„אמהערסט פאפירן", 61.
אמסטערדאם, 26.
אמעריקאניש-יידישע היסטארישע געזעלשאפט, 315.
אמעריקאנער אומאפהענגיקייט-קריג, 54, 82, 84, 85, 150, 152.
אנגלאָ-דזשואיש אסס'ן, 240, 267.
אנוויל, הערצאָג פון, 34.
אנוסים, אייניקלעך פון, 24, 25, 66.
אנטילן, 31, 36.
אנטיסעמיטיזם, 267, 306, 307, 308, 316, 328, 329, 343.
אנעקסאציע-מאַניפעסט, 184.
„אנשי שלום" שול, האמילטאָן, 202.
אנשל, דוד אברהם, 210, 222, 223, 231, 279, 284, 297.
אסימילאציע, 340, 341.
אסיניבאָיע, דיסטריקט פון, 237.
אסתר, מגילת, 110.
אפליקאנטן אויף לאנד, פריע, 100.
אַקאַדיע, 24, 30, 60.
ארגענטינע, 287, 294, 333, 335.
ארנאָלד, גענעראל, 84, 87, 90, 92.
ארנאָלד, מעטהיו, 239.
ארץ ישראל, 202, 302, 307, 308, 309, 335.
„ארשיוו איזראעליט", 158.
אַשינסקי, הרב אהרן מ., 307, 308, 321, 330, 339.
אשער, אלבערט ג., 200, 211, 212.
אשער, א. ג., 212, 213.
אשער, ג. י., 200.
אשער, יעקב ג., 200, 212, 213.
אָטאווא, 201, 202, 242, 285, 286, 288, 290, 292, 313, 334, 343.
אָלענדאָרף, ל., 192.
אָלענדאָרף, מ., 192, 195.
אָלענדאָרף, ש., 212.
אָנטאריאָ, 85, 198, 234, 302, 312, 313, 329.
אָפּנהיימער, גאָטפריד, 215.
אָפּנהיימער, דוד, 215, 220, 221, 310, 311.
אָפּנהיימער, יצחק, 215, 220, 221.
אָפּנהיימער, קארל, 215, 220.
אָקסבאָו, 294.
„אָקסידענט", 148.
אָרגאניזאציעס און פאראייגען, 223, 224, 302, 303, 311.
אָרטאָדאָקסישע שולן, 302, 320, 321.

באגאָט, סיר טשארלס, 198.
באנק אָוו מאָנטרעאָל, 99, 163.
באנק-געשעפט, 162, 186.
„באנק נאַציאָנאל", קוויבעק, 187.
באראָן דע הירש אינסטיטוט, 211, 213, 223, 283, 284, 287, 291,

292, 295, 296, 297, 300, 303,
318, 330, 338.
באראָן דע הירש שול, 282, 283,
295, 298, 299, 327, 328.
באַנד, בישאָפּ, 241.
באָנער, אהרן, 85.
באָסטאָן, 322.
באָסקאָוויטש, דר. מ .ה., 221.
„באָרד אָוו טרייד", מאָנטרעאָל, 162.
באָרדאָ, פראַנקרייך, 26, 27, 33, 35,
42, 45, 46, 47, 50, 53, 54, 55.
באָרטהוויק, דזש. ד., 79.
בודוויץ, ליטע, 321.
בויראַרד, 301.
בוקע, קאָלאָנעל, 63.
בורגאָין, גענעראַל, 92.
בוש, מאַטיעס, 63.
בושעט, זשאָזעף, 137.
ביאַר, יעזואיט, 24.
ביאַריס, פראַנקרייך, 26.
ביבער, א., 238.
ביגאָ, פראַנסוא, 32, 35, 36, 39.
„בייסטאַנדער", טאָראָנטאָ, 343.
בילדונגס־געזעץ פון 1841, 227.
בילסקי, אליה, 202.
בילסקי, משה, 202.
בינדאָנא, יוסף, 66, 81, 82.
בירקנטאַל, עטע, 313.
בישאָפּס קאָלעדזש, 166, 235, 311,
312, 341.
„בית דוד" שול, מאָנטרעאָל, 270.
„בית דין", 77.
„בית יעקב" שול, טאָראָנטאָ, 321.
„בית ישראל" שול, קוויבעק, 197.
בלעקוואוד, 116, 117.
„בני ברית", 223, 224, 335.
„בני ברית מעסענדזשער", 334, 335.
„בנימין" (שיף), 20, 37.
„בני יעקב" שול, מאָנטרעאָל, 270,
307, 321.
„בני ישראל" שול, וויניפעג, 256,
259.
„בני ישראל" שול, לאָנדאָן, אָנט.
321.
בעדאַר, פּיער, 106, 108־111, 116.
בעיאַר, שפּאַניע, 24.
בעיאָן, 24, 26, 27, 42.
בעלגיע, 186.
בעלוויל, אָנט., 271.
בעל, מעטהיו, 102.
בענדזשאמין, אלפרעד ד., 339.
בענדזשאמין, דזשאָרדזש, 271.
בענדזשאמין, הענרי, 197.
בענדזשאמין, וויליאם, 207.
בענדזשאמין, יוסף, 148.
בענדזשאמין, שמואל, 147, 182, 183
בעריע, מאָסיע, 49.
בערטיע, 121, 123, 172.
בערנשטיין, חיים, 302, 308.
בערנשטיין, יוסף, 278.
בראַדאָק, גענעראַל, 61, 86.
בראַון, פּיליפּ, 238.
בראַונינג, ראָבערט, 239.
בראַנדאָ, אסתר, 26, 27, 28.
בראַנדאָ, דוד, 26.
„בריטיש אמעריקאַן דזשורנאַל",
209.
„בריטיש נאָרד אמעריקע אַקט", 227
בריטיש קאָלאָמביע, 214־217, 220,
221, 222, 301, 310, 311, 325,
326.
„בריטיש קאָלאָניסט", וויקטאָריע,
218.
ברייס, דזשיימס, 239.
„בר כוכבא", גאָלדפּאַדנס, 314.
ברעאַר, זשאַק־מישעל, 35.
ברענדאָן, 301.
ברעסלוי, 187.

„גאַזעט", מאָנטרעאָל, 343.
גאַליציע, 259.
גאָלדבערג, חיים, 200.
גאָלדשמיד, סיר דזשוליוס, 269.
גאָלדשטיין, מאַקס, 237.
גאָלדשטיין, מאַקסוועל, 297, 300,
303.
גאָלדשטיין, ראובן, 237.
גאָלט, סיר אלעקסאַנדער ט., 240,

241, 244, 246, 247.
גאמביץ, קאדיע, 215.
גאַמעץ, מאנועל, 65.
גארציע, חננאל, 64.
„גואל צדק" שול, טאָראָנטאָ, 234.
גוטמאן, מ., 211, 212.
גוואדעלופּ, 38.
גיבס, וו., 112.
גיידזש, גענעראל, 63.
גירוש שפּאניע, 21, 24, 29, 57, 86.
גלאזגאָו, 200, 212.
גלייכבארעכטונג, יידישע, 134, 135, 139, 140, 159.
גלענגארי, 301.
גלענעלג, לאָרד, 143.
געבורטן, רעגיסטער פון, 131, 132.
„געזעלשאפט פון קאנאדע", 35, 36, 39.
„געזעלשאפט פאר היסטאָרישע פאָר־שונגען", 315.
גראדיס, אברהם, 32, 33, 35, 36, 37, 39-49, 51-54.
גראדיס, בנימין, 44.
גראדיס, דוד, 33, 52.
גראדיס, משה, 49.
גראץ, מייקל, 62.
גרינוואוד, 326.
גרין, נתן, 202, 322.
גרין, ס. הארט, 323.
גרענבי רעגימענט, 341.
גרעץ, ה., 20, 51, 53.

דא סילווא, יוסף, 24.
דא פאָנסעקא, פערנאנדעץ, 65.
דא קאָסטא, בנימין מענדעס, 51.
דארווין, טשארלס, 239.
דאָוסאָן סיטי, 325.
„דאָמיניאָן באָרד אָוו טרייד", 187.
דאָנבאר, קאָלאָנעל דייוויד, 25.
דאָנדאס, 202.
„דאָס פאלן פון ניי־פראנקרייך", 315.
דאָפרין, לאָרד, 242, 243, 310.
דאָפרין, ליידי, 310.
דאָפרין שול, מאָנטרעאָל, 326, 327.
דאָקטוירים, 164, 295, 311.
„דבורה ליידיס אייד סאָסייעטי", האַ־מילטאָן, 223.
„דוד" (שיף), 31, 34, 38, 46.
דוד, דר. אהרן־הארט, 158, 164, 165, 166, 176, 178, 194, 205, 211, 235.
דוד, אליעזר, 122, 157, 158, 178.
דוד, דוד, 75, 77, 83, 99, 124, 125.
דוד, לאזארוס, 64, 69, 75, 82, 159.
דוד, משה, 100.
דוד, משה־שמואל, 158, 159.
דוד, שמואל, 69, 98, 99, 122, 124, 125, 159, 164, 178, 183.
דזשאמאיקע, 74.
דזשאָזעף, אברהם, 187, 197.
דזשאָזעף, אנדריו ס., 187, 315.
דזשאָזעף, אסתר, 172.
דזשאָזעף, בנימין סאָלאָמאָן, 123.
דזשאָזעף, גרשון, 148, 166, 214, 269.
דזשאָזעף, יעקב הענרי, 186.
דזשאָזעף, דזשעסע, 158, 186, 297, 313.
דזשאָזעף, הענרי, 97, 98, 121, 123, 124, 125, 138, 172.
דזשאָזעף, הענרי א., 147, 148, 158.
דזשאָזעף, יהודה ג., 147, 148, 198.
דזשאָזעף, ל., 147.
דזשאָזעף, רחל, 122, 178
דזשאָזעף, שמעון אלפרעד, 198.
דזשאָרדזש 2טער, 106, 109.
דזשאָרדזש 3טער, 88.
„דזשואיש טיימס", 305, 306, 317, 319, 322, 337, 338, 341.
„דזשואיש קראָניקל", לאָנדאָן, 193, 209, 216, 225.
דזשייקאָבס, דזשאָן, 85.
דזשייקאָבס, דוד, 83, 100, 197.
דזשייקאָבס, ה. ר., 314.
דזשייקאָבס, הענרי, 202, 279.
דזשייקאָבס, וויליאם, 201
דזשייקאָבס, ס. וו., 284, 306.
דזשייקאָבס, שמואל, 65, 66, 69, 81, 82.

„דיאנא" (שיף), 55, 56.
דיוערנע, 151.
„די צייט", 277.
דייוויס, י. ב., 212.
דייוויס, י. פ., 221.
דייוויס, יצחק, 199
דייוויס, ס., 229.
דייטשלאַנד, 180, 187.
" אנטיסעמיטיזם אין, 239.
אימיגראַנטן פון, 174.
דייטשע יידן, 73, 170, 192, 198, 199, 211, 231, 304.
דייטש־פוילישע געמיינדע, מאָנט־רעאָל. זע „שער השמים" געמיינדע.
דע באָן, 118.
דע וויטרע, דעני, 50.
דע לארא, חזן, 171.
דע לא פענהא, יוסף, 58, 59, 60.
דע לא פענהא, יצחק, 60.
„דע לעווי", 22.
דע מיראַנדא, יצחק, 64.
דע סאלאבערי, 125.
דע סאָלאָ, רבי אברהם, 171־177, 179, 181, 185, 194, 195, 204, 206־209, 211, 225, 230, 235, 315.
דע סאָלא, מעלדאָלא, 272, 273, 297, 307, 327, 330, 338, 339.
דע סאָלא, קלארענס י., 308, 315, 339.
„דעפייענס" (שיף), 66.
דע קאָרדאָווא, עמנואל, 64.
דערציאונג—זע חדר, פרייע שול, קינ־דערגאָרטנס, שבת־שול, זונטיק־שולן, שול־פראַגע.
דרואיע, פראַנסוא, 34.
דרומאָן, עדואר, 329.
דרום־אפריקאנער מלחמה, 341, 342.
דרייפוס־פראָצעס, 306, 307, 316.

האלדימאנד, סיר פרעדריק, 63, 64, 66, 71.
האליפאקס, 34, 61, 62, 66, 301.
האמילטאָן, 201, 202, 223, 300, 303, 336, 337, 339, 343.
הארט, אברהם, 83.
הארט, אדאָלף־מרדכי, 139, 155, 164
הארט, אהרן, 63, 64, 65, 67, 71, 72, 73, 81, 82, 83, 92, 93, 97, 101, 120, 163, 191.
הארט, אהרן־יחזקאל, 139, 164.
הארט, אהרן־פיליפ, 139, 143, 164.
הארט, ארטור־וועלינגטאָן, 143, 146, 270.
הארט, אלעקסאנדער, 125.
הארט, בנימין, 123, 125, 126, 128, 129, 130, 139־143, 160, 161, 162, 184.
הארט, דר. דוד א., 308, 311.
הארט, דזשעראלד ע., 315.
הארט, יחזקאל, 83, 101־120, 125, 127, 135, 154, 155, 156, 167, 191, 217.
הארט, לואיס א., 211, 214, 262, 265, 296, 312, 328, 337.
הארט, משה, 66, 83, 120, 156, 162, 163.
הארט, משה, ראָוד איילאנד, 85.
הארט, סאָלאָמאָן, 202.
הארט, סיימאָן, 177.
הארט, דר. פיליפ, 164.
הארט, מרס. פראַנסעס, 122.
הארט, קאראָלינע, 312, 313.
הארט, שמואל־בעקאנקור, 133, 134, 139.
הארקאווי, אלכסנדר, 275־279.
האָלאנד, 58, 59.
„האָלי בלאָסאָם" קאָנגרעגאציע, טאָ־ראָנטאָ, 198, 200, 302, 320.
האָפמאן, דוד, 85.
האָפנונג, א., 192, 194.
האָפנונג, ש., 192, 193, 195, 218.
האָקאר, סיער, 26.
היילפרין, מייקל, 262.
היימאן, וויליאם, 190.
הירש, באראָן דע, 282, 283, 284, 286, 287, 288, 330.
הירש, באראָנעסע דע, 330.

הירש, דר. עמיל ג., 309.
הירשפעלדער, יעקב מאיר, 149.
הירש, קאָלאָניע, 292, 293, 294, 330
„המגיד", 275, 279.
„המליץ", 251, 254, 255, 275, 278.
„העברעאישער אינסטיטוט", מאָנט־רעאָל, 228, 233.
העיס, אנדריו, 66, 77, 82, 167.
העיס, משה י., 138־142, 167־170, 174, 175, 177, 182, 313.
העלבראָנער, זשול, 315, 316.
העפּנער, דזשאָן, 294.
„העראָלד", מאָנטרעאָל, 173, 181, 305.
הערמאלין, ד. מ., 279.
הערש, יוסף, 125.
הערצל, דר. טעאָדאָר, 308, 310.
הערש, אברהם, 100.
הערש, בנימין, 100.
„הצפירה", 275, 276, 279.

וואולף, גענעראל, דזשיימס, 50, 55, 56.
וואלענטיין, דוד, 100.
וואלענטיין, הערמאַן, 85.
וואלענטיין, יצחק, 171, 191.
„וואלענצי", 24.
וואנטאדור, הערצאָג פון, 22, 23.
" לעגענדע פון, 22, 23.
וואנקאָווער, 215־221, 237, 301, 310, 311.
וואסערלייטונג, מאָנטרעאָל, 168.
ווארנער, ב. וו., 192.
וואפּעלא, 294.
וויזשע, זשאַק, 151, 155.
„וויטנעס", מאָנטרעאָל, 278, 305, 328, 343.
ווײדמאַן, ברידער, 249.
וויז, דר. יצחק מאיר, 309.
וויינבערג, דר. הירעם נ., 238, 311.
וויינבערג, חיים, 296, 297.
וויינבערג, לואי, 256.
וויינבערג, מ., 340.
וויינבערג, מאָזעס, 256.

וויליאם 3טער, 58, 59.
וויליאם 4טער, 135.
ווינדזאָר, 301.
„ווינדיקייטאָר", 160.
וויניפּעג, 237, 238, 249, 250, 251, 252, 254, 255, 256, 258, 259, 269, 300, 301, 303, 323, 334, 260, 300, 301, 303, 323, 334, 336, 339, 341.
וויקטאָריע, 214־221, 237, 245, 301
„וויקלי סאָן", טאָראָנטאָ, 329, 343.
וועדהעראָל, גענעראל, 158.
וועזינא, פּיער, 114.
וועלינגטאָן, הערצאָג פון, 206.
ווערטהיים, לואי, 238.
ווערסאיל, 32, 34, 40, 48.

זאמענהאָף, לודוויג, 277.
זאק, דוד, 302.
זאָלאָטארעווסקי, י., 314.
זאָנענפעלד, דר. זיגיסמונד, 286, 289, 293.
זוטראָ, גוסטאוו, 215.
זוטראָ, עמיל, 215.
זונטיק־שול, מאָנטרעאָל, 173, 174.
זונטיק־שול, וויניפּעג, 259.
„זיבן־יאָריקער קריג", 36, 40, 49.
„זין פון פרייהייט", 158, 160.
זשוליאן, קאמיל, 41.
זשערמען, לאָרד, 90.
„חברה בית אל", וויניפּעג, 259.
„חברה בית יעקב", האמילטאָן, 270.
„חברה עזרת אביוני ישראל", מאָנט־רעאָל, 174, 175, 189.
חדר, 193, 227, 228, 232, 320.
„חובבי ציון", 277, 278, 279, 302.
חתונות, געמישטע, 72, 73.
" רעגיסטער פון, 72, 73.

טאסע, זשאָזעף, 135.
„טאָלעדאָנאָ", 24.
טאָפּער, סיר טשארלס, 222, 286, 287
טאָראָנטאָ, 145־149, 159, 160, 189, 191, 197־202, 222, 223, 224, 233, 234, 259, 262, 267, 300־

303, 312, 314, 322, 323, 336,
338, 339.
טאָראָנטאָ אוניווערזיטעט, 148, 311.
טהרי ריווערס, 64, 65, 71, 72, 73,
78, 83, 84, 92, 93, 101, 102,
112-115, 117, 119, 122, 125-
130, 137, 139, 147, 154, 155,
156, 162, 163, 165, 166, 167,
198.
טיילאָר, דזשאָן, 242, 243.
טיקאָנדעראָגא, 46.
טעאטער, 168, 186, 221, 313, 314,
323.
טעמפּל עמנואל, מאָנטרעאָל, 234,
260, 302, 313, 320.
טעפּערער, מ., 302.
„טראַקטאַט פון אוטרעכט", 58.
„טרו וויטנעס", טאָראָנטאָ, 306.
טשעמבערליין, דזשאָזעף, 223.

„יאַזאָן" (שיף), 45, 46.
יאַקאָבי, 233.
„יאָנג ליידיס וואָירק סאָסייעטי", 303.
„יאָנג מענס היברו בענעוואָלענט סאָ-
סייעטי", מאָנטרעאָל, 210-214,
223-226, 240, 241, 242, 257.
יאָרק, 145.
יאָרק, לייטענאנט קאָלאָנעל, 133.
יהודה, אוריה, 65, 72, 77, 80, 83,
84, 95.
יהודה, טאָם, 166.
יהודה, יצחק, 77, 82.
יהודה, שמואל, 64, 65, 69, 77, 79,
80.
יודא, הענרי, 156, 164, 214.
„יונטאַ", 75, 76.
יוקאָן, 325.
„יורעטא" (שיף), 98.
יידיש, 278, 322.
יידיש, אָפּהאנדלונג איבער, 278.
יידיש טעאטער, 323.
יידיש-ליטעראַרישער פרויען יוגנט-
פאראיין, מאָנטרעאָל, 312, 323.
„יידישע אילוסטרירטע צייטונג",
278, 279.

יידישע ארבעטער, לאגע פון, 316-
319.
„יידישע בירגער-ליג", 303.
„יידישע גאזעטן", ניו יאָרק, 325.
יידישע לאנד-באזיצערס, 69.
יידישע לאָיאליסטן, 84, 85.
יידישע פעטיציעס, 131-134.
יידישע פרעסע, 277.
יידישע קאָלאָניזאציע - געזעלשאפט
(ייק"א), 283, 286, 292, 293, 294,
333, 334, 335, 343.
יידישע קליידער-פאבריקן, 280.
יידישע שול-שטייערן, 297, 299, 300,
326, 327.
יידישער באטאליאָן, אהרן הארטס,
64, 72.
„יידישער גמילות חסדים-פאראיין",
303.
„יידישער ענטפער צו קריסטלעכע
פרעדיקערס", 337.
יידישער צדקה-פאראיין, טאָראָנטאָ,
224, 302.
יידישער קראנקען אונטערשטיצונג-
פאראיין, מאָנטרעאָל, 302, 317.
יעליסאוועטגראד, 238.
יעיל, 310.

כאָלעריע, אויסבראך פון, 138.
כהן, רבי יעקב רפאל, 77, 79, 80.
כהן, לאזארוס, 293, 302, 321.
כהן, לאָרענס, 212.
כהן, הרב צבי הירש, 321.

לא זשאָנקיער, 39.
לא פארג, זשאק, 25, 26.
„לא פריפאָן" (שיף), 30.
לא פוענט, סיער, 28.
„לא פרעס", 315, 316.
לא ראָשעל, 26, 28.
לאבעל, 301.
לאבראדאָר, 58, 59.
לאנד-אָנבאָטן, פרייע, 244, 282, 290,
291, 332, 333.
לאנדוי, הערמאן, 331, 332.
לאנדוי, דר. רעגינע ל., 312.

לאַנדסמאַנשאַפט־פאַראיינען, 270.
לאַנסדאַון, לאָרד, 270, 271.
לאַנקאַסטער, 201, 284.
לאַפערג, סיער, 28.
לאָנדאָן, 51, 81, 159, 171, 172, 184, 205, 208, 209, 217, 226, 239, 240, 241, 245, 246, 256, 257, 258, 286, 288, 291, 292, 294, 341.
לאָנדאָן, אָנט., 301, 303, 321, 339, 343.
לאָרן, מאַרקיז פון, 242, 243, 247.
לאָריע, סיר ווילפריד, 331, 332, 333.
לואי 13טער, 23.
לואי 14טער, 20.
לואי 15טער, 28, 32, 33, 37, 40, 41, 48.
לואי 16טער, 52.
לואיזבורג, 25, 30, 34, 38, 55.
לוימייסטער, 221.
„ליבר פאַראַל", 306, 329.
ליוויי, אליעזר, 66, 67, 81, 197.
ליוויי, אַלעקסאַנדער, 207.
ליוויי, ה. ל., 212.
ליוויי, הענרי, 202.
ליוויי, הערמאַן, 201.
ליוויי, מרס. הערמאַן, 223.
ליוויי, יצחק, 62, 63.
ליוויי, ל. ל., 212.
ליוויי, סאָלאָמאָן, 69.
ליוויי, סיימאָן, 65, 69, 80, 82, 170.
ליוויי, רבי מאיר, 170, 171.
ליוויי, ש. ג., 212.
ליטאוער, ס., 212.
ליטע, 201, 302, 307.
ליטווישע יידן, 322.
ליטעראַטור, 212, 213, 235, 315.
ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכער פאַר־איין, טאָראָנטאָ, 303, 324.
לייאָנס, רבי, 122, 172.
לייאָנס, יוסף, 177.
לייאָנס, לואיס, 198.
„ליידיס אייד סאָסייעטי", 303.
„ליידיס היברו בענעוואָלענט סאָסייעטי", מאָנטרעאָל, 223, 240, 303.
„ליידיס מאָנטעפיאָרע בענעוואָלענט סאָסייעטי", טאָראָנטאָ, 223.
„ליידיס עמיגריישאָן סאָסייעטי", לאָנדאָן, 225.
לייזער, שמעון, 221.
לייטסטאָון, דר. הערבערט, 341.
ליס, דזשאָן מ., 115.
ליסגאַר, 301.
לעווי, אַנרי דע, 22.
לעווי, דר., 311.
לעוויטע, יעקב, 100.
לעווינסאָנס, 201.
לעוויס, שטאָט, 23.
לעוויס, גענעראַל דע, 22, 23.
לעכטציער, שמעון, 249.
לעמטאָן, 301.
„לע סואַר", 316.
לעסער, מ., 225, 318.
לעסקאַרבאָ, מאַרק, 21.
„לע פרי קוראַן", 316.
„לע קאַנאַדיען", 108, 109, 112.
„לע קאָנט דע מאַטינאָן" (שיף), 28.
לערנער, וואָלף, 249.

מאַגיסטראַטן, 190, 207, 216, 220, 256, 310.
מאַונט ראָיאַל שול, מאָנטרעאָל, 326.
מאָורערא, יעקב, 64, 82.
מאַירס, וויליאַם, 147.
מאַירס, חיים, 77, 80, 83, 197.
מאַלאָוואַנסקי, דזשאָן, 218.
מאַלערס, 313.
מאַניטאָבע, 238, 242, 256, 287, 288, 289, 301, 323, 327, 332.
מאַניטאָבער שול־פראַגע, 327.
מאַקינאַק, 125.
מאַראַנען, 24, 25.
מאַראַנדאַ, 24.
מאַרגאָליס, דר. מ., 309.
„מאַרגעריט" (שיף), 45.
„מאַרס" (שיף), 45.
מאַרסעל, 91.
מאַרען, מ., 38.

מארקס, רבי ס., 260.
מאָורעפּאַ, מ., 33.
מאָנדעלע, 115.
מאָנטאַגיו, סאַמועל, 269.
מאָנטגאָמערי, גענעראַל, 84, 89, 91.
מאָנטמאָרענסי פּאַלס, 55.
מאָנטעפיאָרע אַגריקולטור הילף־פאַר־
אײן, 262, 263, 264, 266.
מאָנטעפיאָרע געזעלשאַפטלעכער און
דראַמאַטישער קלוב, 262.
מאָנטעפיאָרע, סיר משה, 138, 163,
213, 224, 262, 263.
מאָנטעפיאָרע קלוב, מאָנטרעאָל, 224,
279, 324.
מאָנטרעאָל, 24, 83, 84, 86־92, 94,
96, 122־125, 130, 137־142,
144, 146, 147, 155, 157־162,
164, 165, 166, 168־175, 178,
179, 181־186, 194, 196, 199־
203, 205, 206, 207, 210, 211,
212, 214, 223־228, 233, 235,
240, 241, 242, 246, 256, 257,
259־262, 265, 267, 268, 270־
274, 276־280, 282־285, 287,
288, 292־297, 299, 301, 302,
305, 308, 309, 312, 314־318,
321, 322, 323, 326, 330, 336,
338, 339, 340, 342, 343.
מאָנטרעאָל „טראַנסקריפּט״, 173, 180
„מאָנטרעאָל״ (שיף), 163.
מאָנטרעאָל „סטאַר״, 312, 343.
מאָנפּעליע, 45, 47.
מאָנקאַלם, גענעראַל, 32, 42, 45־48,
50, 51, 53, 55.
מאָנקאַלם, מאַרקיזין פון, 47.
מאָנקטאָן, גענעראַל, 63.
מאָס, דוד, 177, 193, 195, 196, 208,
211, 269.
מאָס, דזשאָן ע., 269.
מאָס, מרס. דזשאָן, 223.
מאָס, ה., 212.
מאָס, לאָרענס, 196.
מאָס, עדוואַרד, 193, 196, 211.
מאָסקאָוויטש, וואָלף, 249.

מאָר, זיגיסמונד, 187, 188.
מאָריס, עדווין, 207.
מאָרעסקאָ, אוריאל, 64.
„מגן דודס״, 23.
מוסאָמין, 258, 259, 261, 292.
„מזכרת משה״, 279.
מזרח אײראָפּיאישע אימיגראַציע,
303, 304, 319.
מיור, 107, 111.
מיסיאָנערישע פּראָפּאַגאַנדע, 327,
336, 337, 338.
מייערס, רעוו. ע. מ., 195.
מייקלס, לוי, 77.
מייקלס, מאיר, 77, 99, 125.
מייקלס, מייקל, 202.
מייקלס, מרס. פראַנסעס, 138.
מילער, היימאַן, 238.
מיראַנדאַ, 24.
מלחמה פון 1812, 124, 125.
מעלדאָלאַ, דר. רפאל, 75.
מענדעס, רפאל, 44.
מענינג, קאַרדינאַל, 239, 240, 241.
„מענשאָן הויז״ קאָמיטעט, 240, 241,
245, 257, 292.
מעקברייד, ריטשאַרד, 311.
מעקגיל אוניווערזיטעט, 208, 212,
235, 284, 311, 312.
מעקדאָנאַלד, סיר דזשאָן א., 217,
222, 223, 241, 244־248, 270,
271.
מעקעלוױ, ברוס א., 214, 215.
מעקענזי, וויליאַם לייאָן, 150, 151,
159.
מעקשיין, דזשיימס, 283, 330.
„מערקיורי, דהי״, 112.
„מקוה ישראל״, 80.
„משכיל אל דל״, 338.
משנה, 172, 174.

„נאַטשוראַל היסטאָרי סאָסייעטי״,
166, 173, 209.
נאַטאַן, הענרי, 217.
נאַפּאָלעאָנישע מלחמות, 123.
נאָווא סקאָשיע, 58, 60, 61, 126,

.203
,,נאָטיצן פון 1837״, 315.
נאָרדהיימער, אברהם, 198.
נאָרדהיימער, שמואל, 198.
נואזע, פ., 127, 128.
ניו בראַנזוויק, 58, 127.
ניו יאָרק, 63־67, 72, 122, 123,
172, 184, 185, 193, 195, 198,
230, 233, 235, 239, 255, 302,
311, 322, 341.
נומיזמאַטישע און אנטיקוואַרישע גע־
זעלשאַפט, מאָנטרעאָל, 315.
ניי וועסטמינסטער, 221.
,,ניי־ירושלים״, 258, 259.
נייפאונדלאנד, 56.
ניי־פראנקרייך, 19־22, 24, 28, 30־
36, 38, 39, 40, 42, 44, 50, 51,
53, 315.
נילסאָן, 133, 134.
ניסים, בן שלמה, 179, 180.
ניעטאָ, רבי, 322.
ניפּיסינג, 301.
נעלסאָן, וואָלפרעד, 151.

סאלאַמאַנקע, שפּאַניע, 24.
סאָלאָמאָנס, דוד, 205, 207, 208.
סאמועלס, י., 211, 212.
סאמועל, לואיס, 199, 201.
סאמועל, מארק, 262, 265.
סאמועל, פּ. י., 147.
סאן דאָמינגאָ, 31, 34.
סאן פראַנציסקאָ, 215, 221.
סאסקאטשעוואן, 237, 292, 330.
סאָדהערלאנד, יו., 287.
סאָונדערס, אדמיראל, 55.
סאָלאָמאָן, מארק, 222.
סאָלאָמאָנס, אליה, 83, 197.
סאָלאָמאָנס, בנימין, 125.
סאָלאָמאָנס, יחזקאל, 65, 69, 77, 81,
82.
סאָלאָמאָנס, לוי, 65, 77, 79, 81, 91,
92, 121.
סאָלאָמאָנס, רחל, 121.
,,סאָנס אָוו בענדזשאמין״, 303, 314.
,,סאָנס אָוו איזראעל״, טאָראָנטאָ, 198.

סאָרעל, 65.
סואוואלק, 284, 293.
,,סוועט־שאָפּ״ סיסטעם, 317, 318.
סטאטיסטיק, 131, 137, 189, 238,
301.

סט. אנדריוס, מאניטאָבע, 242.
סט. דזשאָן, נ. ב. 202, 321, 322.
סט. דזשאָנס, קוו., 158, 183.
סטעמשאָרן, דזשאָן דזש., 285.
סטראַטהקאָנא, לאָרד, 269.
סילווערמאן, ל., 212.
סילווערמאן, ש., 192.
סילט, באנזשאמען, 109, 154, 155.
,,סיפּערב״ (שיף), 34, 38, 46, 47.
סמיטה, גאָלדווין, 307, 329.
סעאיקסאס, אליה, 66.
,,סען־מישעל״ (שיף), 25, 26, 27.
סען־וועראן, מארקיזין פון, 45.
,,ספּאראָ און דזשייקאָבס״, 314.
ספּאָרבאָרג, משה, 221.
ספּערבער, דוד, 302, 307, 321.

עדווארד, הערצאָג פון קענט, 72.
עדמאָנטאָן, 289.
,,עדת ישורון״ שול, אָטאווא, 320.
,,עזרת אחים״ פאראיין, וויניפּעג, 256
עלגין, לאָרד, 169, 184.
ענגלישע גוטבאזיצערס, 83.
ענגלישע יידן, 170, 192, 196, 200,
207, 208, 211, 304.
עסטרייך, 331, 334.
עסטרייכישע יידן, 270.
,,עסעקס״ (שיף), 56.

פּאפּינאָ, לואי־זשאָזעף, 134, 150,
151, 153, 155, 156, 160, 162,
163.
,,פּאטריאָטישע געזעלשאַפט״, 126.
פּאריז, 32, 37, 42, 48, 90, 246,
284, 286, 291־294, 330, 333,
169, 184.
פּארלאמענט, אונטערצינדונג פון,
335, 343.
״ אין העיס טעאטער, 170.
פּאָרטאוזש לא פּריירי, 238.

פּאָרטוגעזער יידן, 77, 228, 268,
272, 296.
פּאָרטעלאַנס, רוא דע, 155.
פּוילן, 243, 267, 279, 283, 331.
פּוילישע יידן, 170, 192, 211, 231,
322.
פּיזה, רבי דוד, 171.
פּיל, סיר ראָבערט, 206.
פּינעס, יצחק, 125, 127.
„פּיפּלס האָל", מאָנטרעאָל, 323.
פּירס, יעקב, 294.
פּעטיציע פאַר גענוילטער אסעמבלי,
81, 82, 83.
" יידישע אונטערצייכענערס פון,
81, 82, 83.
פּעטיציעס, יידישע, 131־134.
פּערסיע, 172, 179, 180.
פּראָווענסאַר, 301.
פּראָפעסיאָנאַלן, יידישע, 164, 165,
295.
„פּרידאַן" (שיף), 45.
„פּריווי קאונסיל", 60, 107.
פּרינץ אלבערט, 289.
פּרינץ עדוואַרד אינדזל, 25.
פּרעוואָ, סיר דזשאָרדזש, 126, 130.
פאַס, רבי, 195.
פאַגל, סיר דזשוליוס, 271.
„פאַר־לואי" (שיף), 34.
פאַרט וויליאם העברי, 97, 130.
פאַרסימער, נ., 340.
„פאַרעסטערס האָל", וויניפּעג, 341.
„פודרואיאַן" (שיף), 45.
פוטערוואַרג־האַנדל, 64, 69, 71.
פושע, ל., 114, 117, 127, 128.
פייגלסאָן, ה., 302.
פיינבערג, ז., 340.
פילאַדעלפיע, 86, 87.
פיליפס, שמואל, 100.
פיליפסאָן, דר. דייוויד, 309.
פינקלשטיין, טוביה, 249.
פלאַוויוס, יאָזעפוס, 21.
פעלט, יעקב, 94.
„פראַנץ יאָזעף לאַנדזש", 314.
פראַנצויזישע פּאַטריאָטן, 153, 154.
פראַנצויזישע קאָלאָניעס, 20, 31, 39,
40, 52.
פראַנקל, ליאָ, 324.
פראַנקלין, 210, 211.
פראַנקלין, זעלים, 215, 216.
פראַנקלין, לומלי, 215, 216.
פראַנקס, אברהם, 64, 66, 77, 88,
197.
פראַנקס, בנימין, 125.
פראַנקס, דוד, 62, 63, 66, 86, 87.
פראַנקס, דוד סאַלעסבי, 62, 66, 82,
88, 89, 90, 197.
פראַנקס, דזשאָן, 83, 84, 197.
פראַנקס, יעקב, 62, 63, 66, 88, 98,
125.
פראַנקס, משה, 62, 63, 88.
פראַנקס, נפתלי, 63.
פראַנקס, קאָל. יצחק, 91.
פראַנקפורטער, געאָרג, 238.
פראַנקרייך, 20, 23־28, 31, 35, 37־
41, 44־55, 59, 90, 180, 307,
328.
פרידמאַן, ד. ס., 296, 297.
פרידמאַן, נח, 201
פרידלענדער, רבי אליה, 278.
„פרי פּרעס", וויניפּעג, 249, 250.
פרייזער טאָל, 325.

„צוויי און ניינציק רעזאָלוציעס",
154, 155.
ציוניזם, 278, 302, 307־310, 339,
340.
צימערמאַן, בנימין, 249.
„צענטראַלע קאָנפערענץ פון אמעריי־
קאַנער ראַביים", 309, 310.
צפון־מערב טעריטאָריעס, 241, 245,
258, 283, 285, 289, 290, 294.

קאַטאָלישע מיסיאָנערן, 24.
קאַליפאָרניע, 215, 335.
קאַנאַדע מעדיקאַל אסס'ן, 166.
קאַנאַדער פּאַציפישע באַן, 220.
קאַנאַדער פראַנצויזן, 136, 151, 163.
קאַנאַדער שיסער־קאָרפּוס, 125.
קאַנטערבערי, ערצבישאָפ פון, 241.

קאַסגריינס „קאַלעקציע פון מאַנוס־קריפּטן", 53.
קאַפּ דע ראָזיע, 190.
קאַפּלאַן, רבי בערנאַרד מ., 330, 339.
ק'אַפּעל, 237.
קאַרטיע, סיר זשאָרזש־עטיען, 151, 222.
קאַריבו־וועג, 220, 221.
קאַרלטאָן, סיר גאַי, 84, 89, 90, 93.
קאַרמאַן, מ., 340.
קאָהלער, דר. קויפמאַן, 309.
קאָהען, דר., 195.
קאָהען, לייאָן, 284, 296, 306.
קאָוויענסקי, משה, 308, 321.
קאָטהבערט, ראָס, 107, 111.
קאָכנטאַלער, י., 192.
קאָלאָניזאַציע, 201, 215, 286, 287, 288, 292.
קאָלאָניזאַציע־קאָמיטעט, 224, 225, 284, 285, 286, 290, 293.
קאָלבאָרן, סיר דזשאָן, 157, 158, 159, 161, 162, 178.
קאָלבער, 20.
„קאָמיטע אָוו טרייד", 99.
קאָנאָט, הערצאָג פון, 209.
קאָנסולאַט־דינסט, יידן אין, 187.
„קאָנסטיטוציאָנאַליסטן", 158, 160.
„קאָנסטיטוציאָנעלער אַקט, 1791", 95, 150, 152.
קאָפּען, קאָל., 102, 126, 127, 129, 130.
קאָרדנער, רעוו., 181.
קאָרטאָסק, ב., 192, 211, 212.
קאָרטאָסק, מ., 192.
קאָרנוואַל, 301.
קאָשלאַנד, נתן, 221.
קוהן, אויגוסט־פערדינאַנד, 84.
קוהן, יעקב, 78, 83, 84.
קוויבעק, 25, 26, 34, 35, 36, 38, 39, 45, 46, 50, 53, 56, 65, 66, 67, 73, 78, 81, 83, 84, 85, 88, 93, 98, 99, 101, 130, 132, 136, 137, 139, 142, 147, 148, 151, 153, 154, 156, 163, 166, 187, 188, 189, 191, 197, 199, 214, 216, 227, 272, 296, 297, 300, 317, 326, 327, 329.
„קוויבעק אַקט", 82, 113, 151, 152, 315.
קייפּ־ברעטאָן, 34, 63.
קינגסטאָן, 198, 339.
קינדערגאָרטן־באַוועגונג, 312, 313.
קיפּלינג, רודיאַרד, 334.
קליטהערטאָן, גענעראַל, 161, 178.
קליידער־אינדוסטריע, 147, 280, 317, 318.
קעלערט, ל., 201.
קעמפּט, סיר דזשיימס, 132, 133.
„קעניג ליער", יעקב גאָרדינס, 314.
קעניגין וויקטאָריע, 72, 143, 144, 178, 206, 331.
קראָמוועל, אָליווער, 109.
קריסטי, ראָבערט, 103.
קרעיג, לייט.־קאָל., 142.
קרעיג, סיר דזשיימס, 103, 109, 118, 154.
קרעמער, הענעך, 73.

ראַדין, פיליפּ, 249.
ראַיען, קאַראָל, 305.
ראַפאַל, מאָריס י., 195.
ראַפּאָעל, וויליאַם, 313.
„ראש פינה" שול, וויניפּעג, 320.
ראָבאַק, מ., 308.
ראָבינסאָן, בעווערלי, 198.
„ראָביסט" (שיף), 42, 46, 47.
ראָזיע, זשאַן־זשאָזעף, 39.
ראָטשילד, 245, 269, 319.
ראָס, סיר דזשאָרדזש, 312.
ראָסטאָן, מאָסיע דע, 39, 42.
ראָסין, מאַרקוס, 199.
ראָסין, שמואל, 199.
רובינשטיין, איזראַעל, 340.
רומעניע, 213, 259, 261, 267, 279, 342.
רומעניש־יידישע אימיגראַציע, 342.
רוסלאַנד, 180, 207, 239, 242, 245, 259, 261, 267, 276, 283, 311,

325, 331, 342.
רוסישע אימיגראציע, 342.
" יידן, 233, 240, 241, 242, 243, 245, 270, 285, 322.
" פּאָגראָמען, 237, 238, 240, 241, 245, 257.
רוסיש־יידישע פּליטים, 240, 241, 242, 248, 249, 250.
ריטשארדסאָן, 106, 111.
ריפּשטיין, דוד, 238.
ריפּשטיין, סיימאָן, 238.
רישעליע, הערצאָג פון, 54.
רעד דיר, 289.
רעדזשיינע, 285.
„רענאָמע" (שיף), 36, 46, 47.
רעפאָרם־יידישקייט, 268, 307, 309.

שאטאָגעי, שלאכט ביי, 125.
שאפּיראָ, מ., 340.
„שאפּיראָס מנין", מאָנטרעאָל, 321.
שאפּלאָו, מאדאם, 300.
„שארית ישראל" שול, מאָנטרעאָל, 74, 76, 77, 192, 194, 269, 273, 297, 320, 322.
„שארמאנט־נאָנסי" (שיף), 45.
שאָמבערג, סיר אלעקסאנדער, 55, 56.
שאָמבערג, דר. מאיר לוי, 55.
שאָרט, פּ., 127, 129.
שבועה „אויף גלויבן פון א קריסט", 102, 104, 140־143, 206, 207.
" קאמף צוליב יידישער, 104, 106, 116, 117, 206.
שבת־שול, האמילטאָן, 202.
" " סט. דזשאָן, 322.
„שווארצער פּרינץ" (שיף), 42.
שויער, עדמונד, 202, 302.
שול־פראגע, מאָנטרעאָל, 227, 228, 271־274, 326, 327, 328.
„שולמית", גאָלדפאדנס, 314.
שטיינער, ניימאן ל., 234.
„שיינער אינדזל", 56.
שינדלער, 278.
שיף, 319.
שלאָסבערג, 278.
שניידער, יידישע, 280, 318.
„שעוואל־מארען" (שיף), 45.
„שער השמים" שול, מאָנטרעאָל, 194, 228, 232, 269, 273, 276, 279, 304, 330.
שערברוק, 301.
„שערי צדק" שול, וויניפּעג, 259.
שערי תפילה" שול, מאָנטרעאָל, 270.
שערער, יוסף, 73.
שפּאניע, 21, 24, 29, 57, 328.
שפּאניש־אמעריקאנער קריג, 341.
שפּאניש־פּאָרטוגעזער יידן, 60, 74.
שפּאניש־פּאָרטוגעזער שול, מאָנטרעאָל. זע „שארית ישראל".
שקלאפן־מסחר, 79.

תלמוד תורה, מאָנטרעאָל, 321.
תלמוד תורה, וויניפּעג, 259.
תענית ציבור, 203.